STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09221

DOKTOR ZSHIVAGO

Boris Leonidovich Pasternak

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באָריס פאַסטערנאַק

דאקטאר זשיוואגא

ראָמאַן

צווייטער באַנד

איבערגעזעצט פון רוסישן כתב־יד:

יצחק פּערלאָוו

פאַרלאַג „מנורה" תל־אביב

תשי"ט — 1959

БОРИС ПАСТЕРНАК: ДОКТОР ЖИВАГО

Copyrigth an all the World
by „Menora" Edition
Tel-Aviv, 24, Sangvill str. Israel

נדפס בישראל, תל־אביב, תשי״ט
Printed in Israel, Tel-Aviv 1959

אַלע אויסשליסלעכע רעכט אין דער גאַנצער וועלט זענען באַוואָרנט

פאַרלאַג „מ נ ו ר ה", תל־אביב, רחוב זנגביל 24 (מ. זאַנשיין)

דפוס „א ר ז י", ת״א־יפו, טלפ. 83331

אינהאַלט:

אַכטער טייל — אָנגעקומען

נײַנטער טייל — וואָריקינאָ

צענטער טייל — אויפן ברייטן שליאַך

עלפטער טייל — דאָס וואַלד־מיליטער

צוועלפטער טייל — דער האָז און די ראַבינע

דרייצנטער טייל — אַנטקעגן דעם הויף מיט די פיגורן

פערצנטער טייל — ווידער אין וואָריקינאָ

פופצנטער טייל — דער סוף

זעכצנטער טייל — עפּילאָג

אכטער טייל

אנגעקומען

1

דער צוג, וואָס האָט געבראַכט די משפחה זשיוואַגאָ ביז אַהער, איז נאָך געשטאַנען אויף די ווייטיקע שינעס פון דער סטאַציע, פאַר־שטעלט דורך אַנדערע צוגן. נאָר עס האָט זיך געפילט, אַז די פאַר־בינדונג מיט מאָסקווע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן בעת דער גאַנצער נסיעה, האָט זיך אין דעם פרימאָרגן איבערגעריסן, געענדיקט.

פון דאַנען־אָן האָט זיך שוין געעפנט אַ צווייטער טעריטאָריעלער געביט, אַן אַנדערע פּראָווינצער וועלט, וואָס האָט זיך שוין געצויגן צו אַ צווייטן, אייגענעם צענטער.

די אָרטיקע מענטשן האָבן געקענט איינער דעם אַנדערן נענטער, ווי די מאָסקווער. כאָטש די אײַזנבאַן־זאָנע יוראַטין־ראַזווילע איז געווען אָפּגערייניקט פון ווייטיקע מענטשן און אַרומגערינגלט מיט רויט־אַרמייער, האָבן די דאָרטיק־היגערשטאָטישע פּאַסאַזשירן אַרײַנגעדרונ־גען אַהער אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן. זיי האָבן, ווי מען זאָגט עס, „זיך אַרײַנגעשמוגלט”. אָנגעשטופּט־זיך אין די וואַגאָנען, אָנגעפּראַפּט די איינגענג אין די „טיעפּלושקעס”[1], געגאַנגען איבער די שינעס, לענגאויס די צוגן, און זענען געשטאַנען אויף די ערד־וואַלן ביי די איינגענג צו זייערע וואַגאָנען.

אָט די מענטשן זענען איבערהויפּט געווען צווישן־זיך גוט באַ־קאַנט. זיי האָבן זיך־דורכגעשמועסט פון דער ווייטנס, זיך־געגריסט בעתן באַגעגענען־זיך. זיי האָבן זיך געקליידט און גערעדט אַנדערש אַביסל ווי אין די הויפּט־שטעט, נישט געגעסן דאָסזעלבע און האָבן געהאַט אַנדערע געוווינהייטן.

עס איז אינטערעסאַנט געווען צו וויסן, פון וואָס זיי האָבן געלעבט, מיט וואָס פאַר אַ גייסטיקע און מאַטעריעלע זאַפּאַסן זיי האָבן זיך גע־

1. פאַרמאַכטע פראַכט־וואַגאָנען.

שפּיזט, וויאַזוי זיי האָבן געקעמפט מיט זייערע שוועריקייטן, וויאַזוי זיי האָבן אויסגעמיטן דאָס געזעץ?

דער ענטפער איז באַלד געקומען אין דער סאַמע לעבעדיקסטער פאָרם.

2

אין דער באַגלייטונג פון אַ וואַכמאַן, וואָס האָט געשלעפּט זיין ביקס איבער דער ערד און זיך אָנגעשפּאַרט אָן איר ווי אָן אַ שטעקן, — האָט זיך דער דאָקטאָר אומגעקערט צו זיין וואַגאָן.

אַ פאַרעדיקע היץ איז געווען. די זון האָט אָנגעגליט די שינעס און די וואַגאָן־דעכער. די ערד, וואָס איז שוואַרץ געווען פון נאַפט, האָט געפלאַמט מיט אַ געלער פליסיקייט, ווי באַגילדעט.

דעם וואַכמאַנס ביקס האָט זיך געקלאַפּט מיט אַ געהילך איבער די הילצערנע שוועלן. ער האָט געזאָגט:

— אַ וועטער האָט זיך געשטעלט. אַ טייערע צייט צום זייען זומער־תבואה, האָבער, ווייץ, אָדער לאָמיר זאָגן — הירזש. דאָקעגן גרעטשענע קאַשע איז נאָך צו־פרי צו זייען. ביי אונדז זייעט מען עס אין אַקולינאַ־צייט. אַ מאַרשאַנער בין איך, פון טאַמבאָווער גובערניע, נישט קיין היגער. עך, חבר דאָקטאָר! ווען נישט דער איצטיקער בירגער־קריג, ווען נישט די מערדערלעכע קאָנטער־אַטאַקע, צי וואָלט איך, אין אַזאַ צייט, געקומען אויף פרעמדער ערד פאַרפאַלן־ווערן? אַ שוואַרצע קאַץ איז צווישן די קלאַסן אַדורכגעלאָפן און זע, וואָס עס טוט־זיך!

3

— אַ דאַנק, איך וועל אַליין. — האָט זיך יורי אַנדרייעוויטש אָפּגעזאָגט פון דער אָנגעבאָטענער הילף.

פון די פראַכט־וואַגאָנען האָבן מענטשן זיך אַרויסגעבויגן און אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, כדי אים צו העלפן איינשטייגן. ער האָט זיך צוריקגעצויגן, זיך איינגעבויגן און, מיט אַ שפּרונג, אַרויף אויפן וואַגאָן, בלייבנדיק שטיין אויף די פיס, געאָרעמט מיט זיין פּרוי.

— ענדלעך. נו, גאָט צו דאַנקען, וואָס אַלץ האָט זיך אַזוי געענדיקט! — האָט אַנטאָנינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געמורמלט, — און אַגב, איז דער גליקלעכער פינאַל פאַר אונדז נישט קיין סיורפּריז.

— פאַרוואָס, נישט קיין סיורפּריז?

— מיר האָבן אַלץ געוווּסט.

— פון וואַנען?

— די וואַכלייט האָבן אונדז דערציילט. אַנדערש, וואָלטן מיר דען אויסגעהאַלטן דאָס נישט וויסן? איך מיטן פאָטער זענען אַזוי אויך שיעור פון זינען אַראָפּ. אַט שלאָפט ער דאָרט. נישט צו דערוועקן אים. פון עגמת־נפש איז ער אַנידערגעפאַלן ווי אַ סנאָפּ. עס וועט נישט העלפן קיין שאָקלען אים און טרייסלען. עס זענען דאָ פרישע פּאַסאַזשירן. איך וועל דיך מיט אייניקע באַקענען. נאָר צוערשט הער־אויס, וואָס אַלע רעדן דאָ. דער גאַנצער וואַגאָן באַגריסט דיך צו דיין גליקלעכן אויס־געלייזט־ווערן. אָט, אַ וואָסערער ער איז ביי מיר!... — האָט זי פּלוצ־לונג געענדערט דעם שמועס, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און, איבערן אַקסל, פאָרגעשטעלט איר מאַן פאַר איינעם פון די פריש־איינגעשטיגענע פּאַסאַזשירן, וועלכער איז געזעסן טיף אין וואַגאָן, אַן איינגעקוועטשטער צווישן זיינע שכנים.

— סאַמדיעוויאַטאָוו! — האָט זיך דערהערט פון דאָרט אַ קול.

איבער קעפּ האָט זיך אַ הויב־געטון אַ ווייכער קאַפּעלוש און דער זיך פאָרגעשטעלטער האָט זיך גענומען דורכשפּאַרן דורך דער געדיכטקייט פון קערפּערס, צום דאָקטאָר.

„סאַמדיעוויאַטאָוו? — האָט דערוויל יורי אַנדרייעוויטש אַ טראַכט געטון — דאָס פּאַסט פאַר אַ לעגענדאַרן אַלט־רוס, מיט אַ באָרד, מיט אַ רימענעם פּאַס אַרום דעם מאַנטל. און דער זעט גאָר אויס ווי פון עפּעס אַן אַמאַטאָרן־קרייז, גרוילעכע קרויזן, וואָנצעס, אַ שפּאַניש בערדל".

— נו, וואָס? סטרעלניקאָוו האָט אייך איבערגעשראָקן? זייט זיך מודה...

— ניין, פאַרוואָס דען? דער שמועס איז טאַקע געווען אַן ערנסטער. אַלנפאַלס איז דער מענטש שטאַרקער פון אייזן.

— נאָך ווי! איך האָב אַן אַנונג וועגן יענער פּערזאָן. נישט אונדזערער קיין לאַנדסמאַן. ער איז אַ ייערער, אַ מאָסקווער. ער איז געגליכן צו אונדזערווירקלעכקייט פון דער לעצטער צייט. דאָס זענען אַלץ אימפּאָרטירטע פון אייער הויפּט־שטאָט. אונדזערע וואָלטן זיך מיטן אייגענעם שכל נישט דערטראַכט...

— יוראַטשקאַ, דאָס איז אַנפים יעפימאָוויטש, אַן אַלץ־ווייסער און אַלץ־קענער... וועגן דיר האָט ער געהערט און וועגן דיין פאָטער. מיין זיידן קען ער, אַלעמען, אַלעמען. באַקענט זיך. — און אַנטאָנינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אַ פרעג־געטון, דרך־אגב, ווי סתם־אַזוי זיך: — איר קענט אַוודאי אויך דער היגער לערערין אַנטיפּאָוואַ?

אויף וואָס סאַמדיעוויאַטאָוו האָט אויך געענטפערט נישט קלאָר:
— און וואָס אינטערעסירט אייך אַנטיפּאָווּאַ?
יוּרי אַנדרייעוויטש האָט עס געהערט און ער האָט נישט אונטער־געהאַלטן דעם שמועס.
— אַנפים יעפימאָוויטש איז אַ באָלשעוויק. — האָט אַנטאָנינאַ ווײַטער געזאָגט — היט־זיך פאַר אים, יוראָטשקאַ. האַלט אָנגעשפּיצט די אויערן...
— איז דאָס אמת? איך וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט... לויטן אויסזען, האָט איר אין זיך גיכער עפּעס פון אַן אַרטיסט.
— מײַן פאָטער האָט געהאַלטן אַן אײַנפאָר־הויף. זיבן טראָיקעס — דרײַ־פערדיקע געשפּאַנען — זענען אין גאַנג געווען. אַליין בין איך מיט העכערע בילדונג און, ווירקלעך, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט.
— הער, יוראָטשקאַ, וואָס אַנפים יעפימאָוויטש דערציילט. אגב, עס זאָל אײַך נישט פאַרדריסן: בײַ אײַער נאָמען קען מען זיך די צונג צעברעכן... איז הער, יוראָטשקאַ, וואָס איך וועל דיר זאָגן: דאָס מזל האָט אונדז צוגעשפּילט. די שטאָט יוראַטין לאָזט אונדז נישט אַרײַן. אין שטאָט זענען שריפות און די בריק איז אויפגעריסן. מען קען נישט אַריבערפאָרן. דער צוג וועט מוזן מאַכן אַן אומוועג איבער אַ זײַטן־ליניע, און פּונקט אויף דער, וואָס איז אונדז נויטיק, צו דער סטאַנציע טאָרפיאַנאַיאַ, הערסט?... מיר וועלן נישט דאַרפן איבערשטײַגן פון איין צוג אין אַנדערן און זיך שלעפּן מיט די זאַכן איבער דער שטאָט, פון איין וואָקזאַל, — צום אַנדערן. דערפאַר, אָבער, וועט עס אונדז לייטיש שלײַדערן ביז מיר וועלן ריכטיק נעמען פאָרן. אונדזער צוג וועט דאָ לאַנג מאַנעווירן. דאָס אַלץ האָט מיר אַנפים יעפימאָוויטש דערקלערט.

4

אַנטאָנינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ'ס פאָראויסזאָגונגען האָבן זיך־באַשטע־טיקט: איבערשטעלנדיק די וואַגאָנען און צוטשעפּענדיק נײַע, איז דער צוג געפאָרן הין־און־צוריק, אַן אויפהער, איבער די איבערגעלאָדענע ליניעס, ווו עס האָבן זיך באַוועגט נאָך צוגן, וואָס האָבן אים אַ לאַנגע צײַט פאַרשטעלט דעם אַרויסגאַנג אין אָפענעם פעלד.
די שטאָט האָט זיך אויף אַ העלפט פאַרלוירן אין דער ווײַטקייט, אַ פאַרשטעלטע דורך אַרומיקע בערגלעך. זי האָט זיך נאָר זעלטן באַ־וויזן אויפן האָריזאָנט מיט די דעכער, פאַבריקס־קוימענס און צלמים איבער די גלאָקן־טורעמס. איינע פון די פאָרשטעט האָט געברענט. דער־

שריפה־רויך האָט זיך געטראָגן אין ווינט און האָט זיך צעפּלאָשעט ווי פּערדישע גריוועס איבערן גאַנצן הימל.

דער דאָקטאָר און סאַמדיעוויאַטאָוו זענען געזעסן אויף דער ערד, אויפן שוועל פון וואַגאָן, מיט די פיס אינדרויסן. סאַמדיעוויאַטאָוו האָט כסדר עפּעס דערקלערט יורי אַנדריייעוויטשן, טייטלנדיק מיט די הענט אין דער ווייט. צייטנווייז האָט דער גערויש פון פאָרנדיקן וואַגאָן פאַרהילכט זיינע רייד, נישט צום הערן. יורי אַנדריייעוויטש האָט כסדר איבערגעפרעגט. אַנפים יעפימאָוויטש האָט זיך צוגעבויגן צום דאָקטאָר און, רייסנדיק־זיך אויפן קול, איבערגעחזרט אים גלייך אין אויער אַריין:

— דאָס האָט מען דעם קינאָ „גיגאַנט" אונטערגעצונדן! דאָרט האָבן־זיך די יונקערס באַפעסטיקט, נאָר זיי האָבן־זיך שוין אונטערגעגעבן! אין אַלגעמיין איז נאָך די שלאַכט נישט געענדיקט. איר זעט דאָרט די שוואַרצע פינטעלעך אויפן גלאָקן־טורעם? דאָס זענען אונדזערע. זיי באַזייטיקן פון דאָרט די טשעכן!

— איך זע גאָרנישט. ווי קענט איר דען עפּעס אונטערשיידן?

— און דאָרט ברענט כאָכריקי, די געגנט פון בעלי־מלאכה. קאָלאָדעוואָ, וווּ עס געפינען־זיך די האַנדלס־הייזער, איז אַ ביסל אָן אַ זייט. פאַרוואָס מיך אינטערעסירט עס? ווייל אין דער האַנדלס־געגנט איז אונדזער איינפאָר־הויף. די שריפה איז נישט קיין גרויסע. דער צענטער איז נאָך דערוויל נישט אָנגעגריפן.

— חזרט־איבער, איך הער נישט.

— איך זאָג: צענטער! שטאָט־צענטער. דער קלויסטער, די ביבליאָטעק. אונדזער פאַמיליענאָמען, סאַמדיעוויאַטאָוו, איז איבערגעמאַכט אויפן רוסישן שטייגער פון סאַן־דאָנאַטאָ. דאָס הייסט, אַז מיר שטאַמען פון די דעמידאָווס.

— איך האָב ווידער גאָרנישט באַנומען.

— איך זאָג: די סאַמדיעוויאַטאָווס האָבן עס איבערגעמאַכט פון סאַן־דאָנאַטאָ. דאָס הייסט, אַז פון די דעמידאָווס שטאַמען מיר. פון די פירשטן דעמידאָוו סאַן־דאָנאַטאָ. און אפשר איז עס ליגנערישע פלאַפּלעריי, אַ פאַמיליען־לעגענדע. און אָט די אָרטשאַפט הייסט ספּירקין־ניז. דאַטשעס, ערטעלעך פאַר ראָמאַנטישע שפּאַצירן. אַן אויסטערלישער נאָמען, אמת?

עס האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר זיי אַ פעלד. אייזנבאַן־שינעס האָבן אים דורכגעשניטן אין פאַרשידענע ריכטונגען. מיט זיבן־מייליקע שפּרייזן האָבן זיך איבער אים דערווייטערט ביז צום הימל־ראַנד די

טעלעגראַפֿן־סלופּעס. אַ מעכטיקער שאָסיי האָט זיך געוויקלט ווי אַ באַנד, קאָנקורירנדיק אין שײַנקייט מיטן אײַזנבאַן־וועג. דאָ האָט ער זיך באַהאַלטן הינטערן האָריזאָנט, זיך ווידער באַוויזן אין אַ צעכוואַליעטן בויגן און ווידער זיך פֿאַרלוירן.

— דאָס איז אונדזער באַרימטער טראַקט. איבער גאַנץ סיביר ציט ער זיך. קאַטאָרזשניקעס האָבן אים באַזונגען. היינט איז ער ביי די פּאַרטיזאַנער. אין אַלגעמיין איז ביי אונדז אַזוי־זיך. איר וועט זיך איינלעבן, זיך צוגעוווינען. איר וועט ליב קריגן די אָרטיקע קוריאָזן. איר זעט? דאָס זענען אונדזערע ביידלעך צום פֿאַרנאַנדערטיילן וואַסער. דאָרט זענען די ווינטער־קלובן פֿאַר פֿרויען, אונטערן פֿרייען הימל.

— מיר וועלן נישט וווינען אין שטאָט, נאָר אין וואַריקינאָ.

— איך ווייס. אײַער פֿרוי האָט מיר דערציילט. אַלץ־איינס וועט איר פֿאָרן געשעפֿטלעך אין שטאָט־אַריין. איך האָב פֿאַרשטאַנען, פֿון ערשטן בליק, ווער זי איז. די אויגן, די נאָז, דער שטערן. אַ קאָפּיע פֿון קריוגערן. אינגאַנצן אין זיידן געראָטן. אין די געגנטן געדענקען אַלע קריוגערן.

אין עק פֿעלד האָבן זיך געראַוויטלט הויכע, קיילעכיקע נאַפֿט־רעזערוואַרן. אויף הויכע סלופּעס האָבן געשטאַרצט אינדוסטרי־רעקלאַמען. איינע פֿון זיי האָט זיך צוויי מאָל געוואָרפֿן דעם דאָקטאָר אין די די אויגן מיט דער אויפֿשריפֿט:

„מאָראָ און וועטשינקין. זיי־מאַשינען, דרעש־מאַשינען".

— אַ סאָלידע פֿירמע געווען. זי האָט אויסגעצייכנטע אַגראַר־מכשירים אויסגעאַרבעט.

— איך הער נישט. וואָס האָט איר געזאָגט?

— אַ פֿירמע, זאָג איך, פֿאַרשטייט איר מיר, אַ פֿירמע. פֿעלד־מכשירים אויסגעאַרבעט. אַן אַקציען־געזעלשאַפֿט. מיין פֿאָטער איז דאָרט אויך אַן אַקציאָנער געווען.

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַן איינפֿאָר־הויף?

— הויף איז הויף. איינס שטערט נישט דאָס אַנדערע. ער האָט אין בעסערע אונטערנעמונגען געלט אינוועסטירט. אין דעם קינאָ „גיגאַנט", צום ביישפּיל.

— דאכט מיר, אַז איר שטאָלצירט דערמיט?

— מיטן פֿאָטערס שכל? נאָך ווי!

— ווי־זשע איז מיט אײַער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע?

— דערבאַרימט־זיך, וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט עס? ווו איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז אַ מאַרקסיסטיש־דענקענדיקער מענטש מוז זיין

אַ בטלן און אַ לאַ־יוצלח? דער מאַרקסיזם איז אַ פּאָזיטיווע לערע, די לערע פון דער ווירקלעכקייט. די פילאָזאָפיע פון היסטאָרישע אומ־שטענדן.

— מאַרקסיזם און וויסנשאַפט? אַמפּערן־זיך וועגן דעם מיט אַ וויי־ניק־באַקאַנטן מענטשן, איז ווינציקסטנס אַן אומפּאַרזיכטיקייט. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, דער מאַרקסיזם באַהערשט־זיך צו־ווייניק, צו קענען זיין אַ וויסנשאַפט. וויסנשאַפטן זענען געוויינלעך באַזאָכטע, באַלאַנסירטע. מאַרקסיזם און אָביעקטיוויקייט? — איך קען נישט נאָך אַזאַ שטרעמונג, אַן אַפּגעשלאָסענע אין־זיך און אַ דערווייטערטע פון פאַקטן, ווי דער מאַרק־סיזם. אַלע באַמיען־זיך, אויפן סמך פון דערפאַרונגען, צו קאָנטראָלירן זיך זעלבסט. דערקענען די מאַכט־מענטשן, פאַר דער לעגענדע פון זייער פעלערלאָזיקייט, קערן זיי זיך־אָפּ פונעם אמת מיט דער גאַנצער קראַפט. פּאָ־ליטיק זאָגט מיר נאָך גאָרנישט. איך האָב נישט ליב קיין מענטשן, וועלכע זענען גלייכגילטיק צום אמת.

סאַמדיעוויאַטאָוו האָט אָנגענומען דעם דאָקטאָרס רייד אַלס שאַרפ־זיניקע פּשט׳לעך פון אַ צעדרייטן. ער האָט אונטערגעשמייכלט און נישט רעאַגירט.

דער צוג האָט דערווייל מאַנעווורירט. יעדעס מאָל, ווען ער איז צוגעפאָרן צום אויסגאַנגס־בויגן, ביים סעמאַפאָר, האָט אַן עלטערע פרוי, מיט אַן אָנגעבונדענעם מילך־קאַן אויף די לענדן, איבערגעלייגט איר שטריק־אַרבעט פון איין האַנט אין דער אַנדערער, זיך איינגעבויגן, איבער־געקערט דעם דיסק וואָס פאַרבינדט די קרייץ־שינעס און זי האָט דעם צוג געריכטעט הינטערווײַלעכטס צוריק. ווען ער האָט זיך לאַנגזאַם דערוויי־טערט, האָט זי זיך אויסגעגלייכט און אים געדראָט מיט אַ פויסט.

סאַמדיעוויאַטאָוו האָט איר דראָונג גענומען אויף זיין חשבון. „וועמען דראָט זי עס? — האָט ער געטראַכט — עפּעס באַקאַנט. איז עס נישט אַמאָל טונצעווא? ענלעך. דאָס איז זי. אייגנטלעך, ווי אַזוי? אוממעגלעך. זי איז צו־אַלט פאַר גלאַשקען. נאָר וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך דאָ? אין מאַמעלע־רוסלאַנד קומען־פאַר איבערקערענישן, אומאָרדענונג אויף דער אייזנבאַן, איר איז אָנגעפעפערט אויפן האַרצן, עס איז איר זיכער שווער, און שולדיק בין איך און מיט דער פויסט דראָט זי מיר. גייט זי צום טייוול! נאָך פאַר אירטוועגן זאָל איך זיך ברעכן דעם קאָפּ?!״

סוף־כל־סוף האָט די באַן־אַרבעטערין, פאָכענדיק מיט דער פאָן און שרייענדיק עפּעס צום מאַשיניסט, דורכגעלאָזן דעם צוג דורכן סעמאַפאָר, אויפן פרייען וועג, אין זיין ריכטונג. און ווען עס האָט־זיך פאַר איר פאַרבייגעטראָגן דער פערצנטער וואַגאָן, האָט זי אַרויסגעשטעקט אַ צונג צו

די פלאַפּלער, וואָס זיצן דאָרט אויף דער פּאָדלאָגע און זענען איר שוין דערעסן־געוואָרן צו קוקן אויף זיי.

און סאַמדיעוויאַטאָוו האָט זיך ווידער פאַרטראַכט.

5

ווען די פּעריפּעריעס פון דער ברענענדיקער שטאָט, די צילינדער־קעסלען, טעלעגראַפן־סלופּעס און האַנדלס־רעקלאַמען, זענען הינטערווייַלעכטס אָפּגעטראָטן, און זיך באַהאַלטן אין דער ווייט, און עס האָבן גענומען זיך־ווייזן נייע בילדער: וועלדלעך, בערגלעך, צווישן וועלכע עס האָט זיך אָפּט געזען דער טראַקט, — האָט סאַמדיעוויאַטאָוו געזאָגט:

— מיר וועלן זיך אויפהויבן און זיך צעגיין. איך וועל שוין באַלד דאַרפן אויסשטייגן. אויך איר שטייגט־אויס אַ סטאַנציע ווייטער. גיט אַכטונג, אַז איר זאָלט נישט פאַרזען.

— די היגע ערטער קענט איר אַוודאי גרינטלעך?

— ביז חלשות. אויף הונדערט ווייַערסט אַרום־און־אַרום. איך בין דאָך אַ יוריסט. צוואַנציק יאָר אַדוואָקאַטן־פּראַקטיק. משפּטים. רייזעס.

— ווי? נאָך ביז היינטיקן טאָג?

— זיכער.

— וואָס פאַר אַ סאָרט משפּטים קענען דען אַצינד געפירט ווערן?

— וואָסערע איר ווילט. נישט־פאַרענדיקטע משפּטים פון פריער, אָפּעראַציעס, נישט־אויסגעפירטע פאַרפליכטונגען, — ביזן האַלדז. אַ שרעק.

— צי דען האָט מען משפּטים פון דעם מין נישט אַנולירט?

— מינדלעך — יאָ, פאַרשטייט־זיך. און פאַקטיש ווערן אין דער זעלבער צייט געפאָדערט זאַכן, וואָס זענען אין סתירה איינע צו דער אַנדערער. דאָס נאַציאָנאַליזירן אונטערנעמונגען, און באַהייצונג פאַרן שטאָטישן ראַט, און פורן פאַר דעם גובסאָווּנאַרכאָז. און צוזאַמען דערמיט, ווילט־זיך לעבן!... באַזונדערס — אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד, ווען די טעאָריע פּאַסט זיך נאָך נישט צו דער פּראַקטיק. דאָ זענען נויטיק פאַרשטענדיקע מענטשן, רירעוודיקע, מיט כאַראַקטער, אַזעלכע ווי איך. מיין פאָטער פלעגט זאָגן: „ווויל איז דעם מאַן מיט אַ קאָפּ אויף דער פּלייצע, ער נעמט וווּ מען קען, און ער גיט זיך אַן־עצה. און קריצט ווער די ציינער, טאָ ברעך אים די ביינער”... אַ האַלבע גובערניע באַשפּייז איך. איך וועל איך באַזוכן אין אָנגעלעגנהייטן פון האָלץ־פאַרזאָרגונג. איך פאָר מיט פורן, פאַרשטייט־זיך. לעצטנס האָט מיין פערד גענומען הינקען. ווען נישט דעם פערדס קרענק, וואָלט איך זיך דען דאָ געטרייסלט אויף אַט

דער שברי־כלי? עד, טיוול! ער שלעפּט־זיך קוים און הייסט נאָך „מאַשין“; בעת מיינע באַזוכן אין וואָריקינאַ, וועל איך איך צו־נויץ־קומען. די מיקוליצין׳ס קען איך, ווי מיינע אייגענע פינף פינגער.

— איז איך דען באַוווּסט דער ציל פון אונדזער רייזע וואָס מיר האָבן בדעה צו מאַכן?

— מער ווייניקער. איך שטעל זיך־פאָר. דאָס, וואָס עס ציט תמיד דעם מענטש צו דער ערד; דער חלום פון באַשפּייזן־זיך דורך אייגענער פּראַצע...

— נו, וואָס־זשע? דאַכט־זיך, אַז עס געפעלט איך נישט? וואָס זאָגט איר?

— אַ נאַיווער, אידילישער טרוים. מילא, זאָל איך גאָט העלפן. נאָר איך גלויב נישט דערין. אַן אוטאָפּיע. פּאַר אַ כאַלופּניק פּאַסט עס.

— ווי וועט זיך באַציען צו אונדז מיקוליצין?

— ער וועט איך איבער דער שוועל נישט לאָזן. ער וועט אַרויסטרייבן מיט אַ בעזעם און זיין גערעכט. אַן איך, האָט ער דאָרט אויך גענוג צרות. עס איז טויזנט און איין נאַכט. פאַרמאַכטע פאַבריקן, צעלאָפענע אַרבעטער, נישטאָ קיין עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן, נישטאָ קיין באַשפּייזונג. און דאָ, פּלוצלונג, אַ גדולה אויף דער באָבע, זענט איר געקומען. דער גוטער יאָר האָט איך געבראַכט. אַז ער וועט איך דערהרגענען, וועל איך אים נאָך מוזן פאַרטיידיקן.

— זעט איר שוין. איר, אַ באָלשעוויק, און איר לייקנט נישט, אַז דאָס איז נישט קיין לעבן, נאָר עפּעס אומפאַרגלייכלעכס, אַ פאַרבלענדעניש, אַ געשמאַקלאָזיקייט.

— פאַרשטייט־זיך. נאָר דאָס איז דאָך אַ היסטאָרישע אומפאַרמיידלעכקייט. דורך איר דאַרף מען גיין.

— פאַרוואָס, אומפאַרמיידלעך?

— זענט איר אַ קינד, אָדער איר מאַכט־זיך? איר זענט פון דער לבנה אַראָפּגעפאַלן, וואָס? ליידיקגייערישע פרעסער האָבן אויף הונגעריקע אַרבעטער געריטן, צום טויט געטריבן, און אַזוי האָט עס געזאָלט פאַרבלייבן? און די אַנדערע פאָרמען פון אונטערדריקונג און טיראַניי? צי דען איז איך נישט פאַרשטענדלעך דער גערעכטער פאָלקס־צאָרן, דער פאַרלאַנג צו לעבן יושרדיק? די אמת־זוכענישן? אָדער עס דאַכט־זיך איך, אַז אַ פונדאַמענטאַלער איבערברוך וואָלט דערגרייכט־געוואָרן אין דער דומע, מיט פאַרלאַמענטאַרישע וועגן און, אַז מען קען זיך באַגיין אָן דיקטאַטור?

— מיר רעדן מיט באַזונדערע שפּראַכן. וויפל מיר זאָלן זיך נישט

אַמפּערן, וועלן מיר צו קיין טאָלק נישט דערגיין. איך בין געווען זייער רעוואָלוציאָנער געשטימט און איצט בין איך איבערצייגט, אַז מיט גע־וואַלט וועט מען גאָרנישט אויפטון. דאָס גוטע מוז מען צוציען מיט גוטס. נאָר נישט אין דעם גייט עס. לאָמיר זיך אומקערן צו מיקוליצינען. אויב מיר האָבן אַזעלכע „ראָזע" אויסזיכטן, צו וואָס־זשע זאָלן מיר ווייטער פאָרן? דאַרפן מיר דאָך אויסדרייען דעם דישעל אויף צוריק.

— נאַרעשקייטן! ערשטנס, צי דען לייכט עס נאָר אין מיקוליצינס פענצטערל? צווייטנס, איז מיקוליצין אַ שרעקלעך־גוטער, גרענעצלאָז גוט. ער וועט טומלען, איינעקשנען־זיך און — שפּעטער ווייך ווערן. ער וועט דאָס לעצטע העמד אָוועקגעבן, מיט דער לעצטער סקאָרינקע וועט ער זיך טיילן.

און סאַמדיעוויאַטאָוו האָט דערציילט:

6

מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק איז מיקוליצין אַהערגעקומען פון פּעטערבורג, אַלס סטודענט פון דעם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. ער איז פאַרשיקט־געוואָרן אַהער אונטער פּאָליציייִשער אויפזיכט. ער האָט גע־קראָגן די פאַרוואַלטער־שטעלע ביי קריוגערן און חתונה־געהאַט. דאָ זענען געווען ביי אונדז פיר שוועסטער טונצעוו, מיט איינער מער ווי ביי טשע־כאָוון. אַלע סטודענטן האָבן זיך געליבט אין זיי. זיי האָבן געהייסן: אַגראַ־פינאַ, יעוודאָקיאַ, גלאַפירא און סעראַפימאַ, סעווערינאָוונאַ טעכטער. פאַראַ־פראַזירנדיק זייער פאָטער־נאָמען, האָט מען די מיידלעך גערופן „די סע־וועריאַטשקעס" (די צפונדיקע). מיט דער עלטערער „סעוועריאַטשקע" האָט מיקוליצין חתונה־געהאַט.

אינגיכן האָט דאָס פּאָרל געבוירן אַ זון. אַלס אַ פאַנאַטיקער פון דער פרייהייטס־אידיי, האָט דער נאַרישער טאַטע אים געהייליקט מיטן זעלטע־נעם נאָמען „ליווערי" (פרייהייט). ליווערי, אָדער ווי אַלע פלעגן אים רופן „ליווקאַ", איז געוואַקסן הפקרדיק און ער האָט אַרויסגעוויזן פאַרשידנאַר־טיקע, אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן. די מלחמה איז אויסגעבראָכן. ליווקאַ האָט געפעלשט זיין מעטריקע און, אַלט־זייענדיק קוים פופצן יאָר, אַנטלאָפן פרייוויליק צום פראָנט. אגראַפינאַ־סעוועריאַנאָוונאַ, תמיד אַ קרענקלעכע, האָט נישט אויסגעהאַלטן אָט דעם קלאַפּ. זי האָט זיך געלייגט אין בעט און איז מער נישט אויפגעשטאַנען. פאַר צוויי יאָרן ווינטער, ערב דער סאַמע רעוואָלוציע, איז זי געשטאָרבן.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט. ליווערי איז צוריקגעקומען. ווער איז

ער איצט? אַ העלדישער פּראָפּאָרשטשיק[1], מיט דריי קרייצן, און פאַר־שטייט־זיך — אַ באָלשעוויק, אַ פראָנט־דעלעגאַט פול מיט בליציקער פּראָ־פּאַגאַנדע. וועגן די „וואַלד־ברידערלעך" האָט איר געהערט?

— ניין, אַנטשולדיקט.

— נו, דאַן האָט עס נישט קיין זין צו דערציילן. אַ האַלבער עפעקט גייט פאַרלוירן און איר האָט נישט נאָכוואָס אַרויסצוקוקן פון וואַגאָן, צום טראַקט. מיט וואָס דער טראַקט צייכנט זיך־אויס? אין איצ־טיקן מאָמענט — מיט פּאַרטיזאַנשטשינע. וואָס עס איז אַזוינס פּאַרטי־זאַנער? דאָס זענען די הויפּט־קאַדרן פון בירגער־קריג. צוויי עיקר־זאַכן האָבן גורם־געווען צום שאַפן אָט דעם כוח: די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט גענומען אויף זיך די אָנפירונג מיט דער רעוואָלוציע, און די געוויינלעכע סאָלדאַטשינע, וואָס האָט זיך נאָך דער פאַרשפּילטער מלחמה, אָפּגעזאָגט צו פאָלגן דער אַלטער מאַכט. פאַראייניקנדיק אָט די צוויי, האָט זיך באַקומען די פּאַרטיזאַנער־אַרמיי. דער צוזאַמענשטעל איז אַ בונטער. באַזונדערס די פּויערים און מיטלקלאַס. נאָר צוגלייך מיט זיי, וועט איר דאָרט טרעפן ווען איר ווילט. איר האָט דאָ קבצנים, מאַנאַכן, וואָס האָבן געבראָכן זייער נדר, און קולאַקישע זינדלעך, וועלכע קעמפן קעגן זייערע טאַטעס. עס זענען דאָ אידעאישע אַנאַרכיסטן און נאַקעט־הינטנדיקע אומ־פּאַרטייער, און איבערגעוואַקסענע, פון מיטל־שולן אַרויסגעטריבענע טיפּשדיקע חתנימלעך. עס זענען דאָ דייטש־עסטרייכישע קריגס־געפאַנ־גענע, ענטווישטע אין די צוזאָגן וועגן פרייהייט און צוריקקער אין פאָטער־לאַנד. און אָט, מיט איינער פון די אָפּטיילונגען פון דער פיל־טויזנטדי־קער אַרמיי „וואַלד־ברידערלעך" פירט־אָן דער וואַלד־חבר ליוואָ, ליווערי אַווערקיעוויטש, דער זון פון אַווערקי סטעפּאַנאָוויטש מיקוליצין.

— וואָס רעדט איר?

— דאָס, וואָס איר הערט. איך וועל ממשיך־זיין. נאָכן טויט פון זיין פרוי, האָט אַווערקי סטעפּאַנאָוויטש ווידער חתונה־געהאַט. די נייע פרוי, יעלענאַ פּראָקלאָוואַ, אַ גימנאַזיסטקע, גלייך פון דער שול־באַנק גע־בראַכט צו דער חופּה, אַ נאַיווע פון דער נאַטור, נאָר נאַיוו מיט אַן אויס־רעכענונג, אַ יונגיטשקע, וואָס באַמיט־זיך אויסצוזען דערוואַקסן. אויף אַזאַ אופן טרילט, צוויטשערט, פּייפט, אַזוי חנעוודיק־אומשולדיק, אַ נאַריש זינג־פּויגעלע אין פעלד. נאָר דערזעט זי אייך, נעמט זי אייך עקזאַמינירן: „אין וועלכן יאָר איז סוואָראָוו געבוירן?", „רעכנט־אויס די פאָרמען פון דרייעקן". און זי וועט שפּאַסן, אַרונטעררייסנדיק אייך און

1. קלענסטע אָפיצער־ראַנגע.

ברענגענדיק איך אין פאַרלעגנהייט. אָבער אין אַ פּאָר שעה אַרום, וועט איר דאָך זי אַליין זען און איר וועט קאָנטראָלירן מיין כאַראַקטעריזירן איר.

און אַליין האָט ער, יאַוועדקי, אַנדערע שוואַכקייטן: אַ לולקע און אַ סלאַוויש סעמינאַר־לשון.

זיין טעטיקייטס־געביט וואָלט געדאַרפט זיין ים. אין אינסטיטוט איז ער געגאַנגען אויף דער שיף־בוי־אָפּטיילונג. דאָס איז אים געבליבן אין אויסזען און אין זיינע געוווינהייטן. ער גאָלט־זיך, נעמט נישט אַרויס גאַנצע טעג די לולקע פון מויל, זיפט העפּלעך די ווערטער צווישן די ציין, אומגעאיילט. די אונטערשטע קינבאַק איז אַרויסגעשטאַרצט, ווי ביי רוי־בערער, און ער האָט אַ פּאָר קאַלטע, גרויע אויגן. יאָ, שיעור נישט אַדורכ־געלאָזן אַן איינצלהייט: אַן „עס־ער", אַן אויסדערוויילטער פון דער געגנט צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

— איז דאָך עס זייער וויכטיק. דאָס הייסט, אַז ער איז מיטן זון אויף מעסער־שטעך? פּאָליטישע קעגנער?

— אָפיציעל, פאַרשטייט־זיך. און פאַקטיש קעמפט נישט די טייגע מיט וואַריקינאָ. הערט ווייטער. די אַנדערע טעכטער טונצעווס זענען הייגט־צו־טאָג אין יוראַטין. באַיאַרטע מוידן. עס האָבן זיך געענדערט די צייטן און די מיידלעך האָבן זיך געענדערט.

די עלטערן פון זיי, אוודאָטיא סעוועריאַנאָווא, איז אַ ביבליאָטעק־קאַרין אין דער שטאָט־ביבליאָטעק. אַ ליבע, שוואַרץ־חנעוודיקע פריילן, אוי־סערגעוויינלעך עמפּפינדלעך. ביי יעדער קלייניקייט רויטלט זי זיך. אַ שטילקייט איז אין לייען־זאַל אַ קבֿרימדיקע, אַן אָנגעצויגנקייט. באַפאַלט איר דער כראָנישער קאַטאַר, צעניסט זי זיך אַמאָל צוואַנציק. פאַרשעמט זי זיך, כאַטש נאָר אַ גרוב זאָל זיך עפענען אַריינצושפּרונגען. וואָס זאָל מען מאַכן? פון נערוון.

די מיטעלע, גלאַפירא סעוועריאַנאָווא, די געבענטשטע פון די שוועסטער. אַ העלדישע מויד, אַ וווּנדערלעכע אַרבעטערין. מיט קיין שום אַרבעט גרימאַשיעט זי נישט. די אַלגעמיינע מיינונג איז, אַז דער פּאַרטי־זאַנער־פירער פון די „וואַלדיקע" איז אין אַט דער מומעלע געראָטן. אַט האָט מען איר געזען אין דעם נייטאַרינס־אַרטעל און אַט אין דער זאָקן־מאַכעריי. וועסט נישט באַוויזן זיך אומצוקוקן, איז זי שוין אַ פריזירע־רין. איר האָט באַמערקט דער באַן־אַרבעטערין אויף די יוראַטינער שינעס, וועלכע האָט אונדז אַ צונג אַרויסגעשטעקט און אַ פויסט געוויזן? אַט זע, טראַכט איך מיר, אין אַ וועג־היטערן האָט זיך שוין גלאַפירא פאַרוואַנדלט. נאָר דאַכט־זיך מיר, אַז דאָס איז נישט זי, זי איז צו אַלט פאַר גלאַפירען.

די יינגערע, סימושקאַ, דאָס שיינדל פון דער משפחה, איז אַ שווער־

געפּרוווטע. אַ געלערנט מיידל, אַן אַנגעלייענטע. זי האָט זיך פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע, ליב־געהאַט פּאָעזיע. איז אָט, אין די רעוואָלוציאָנערע־יאָרן, אונטערן איינדרוק פון דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד, גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, רעדעס אויף פּלאַץ־טריבונעס, — איז זי געווען אַריינגעפאַלן אין אַ רעליגיעזן משוגעת. די שוועסטער גייען אַוועק צו דער אַרבעט, פאַרשליסנדיק די טיר, קריכט זי אַרויס דורכן פענסטער און לאָזט־זיך פלאַטערן איבער די גאַסן, זאַמלט אַרום זיך אַן עולם און זאָגט נביאות וועגן אַ צווייטן קומען פון דעם דערלייזער, עק־וועלט. נאָר איך האָב זיך פאַררעדט. צו מיין סטאַנציע דערנענטער איך זיך. איר דאַרפט אויסשטייגן אויף דער אַנדערער. זייט גרייט.

ווען אַנטאָן יעפימאָוויטש איז אויסגעשטיגן, האָט אַנטאָנינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט:

— איך ווייס נישט, ווי דו קוקסט דערויף, נאָר לויט מיר, איז אונדז דער דאָזיקער מענטש צוגעשיקט־געוואָרן פון גורל. מיר דאַכט־זיך, אַז ער וועט נאָך אָפּשפּילן אַ וועלכע־עס־איז ווילטעטיקע ראָל אין אונדזער עקזיסטענץ.

— עס קען זייער זיין, טאָניטשקאַ. נאָר מיך פריידט עס נישט, וואָס מען דערקענט דיך לויט דיין ענלעכקייט צום זיידן און וואָס מען געדענקט אים דאָ אַזוי גוט. אַפילו אויך סטרעלניקאָוו. איך האָב קוים אָנגערופן „וואַריקינאָ", האָט ער באַלד געענטפערט גיפטיק: „וואַריקינאָ, קריוגערס פאַבריקן? נישט אָמאָל קרובים? נישט קיין יורשים?"

איך האָב מורא, אַז מען וועט אונדז דאָ האָבן מער אויפן אויג, ווי אין מאָסקווע, פון וואַנען מיר זענען אַנטלאָפן, נישט צו פיל וואַרפן־זיך אין די אויגן. פאַרשטייט־זיך, מיר קענען איצט גאָרנישט מאַכן. אַז מען האַקט־אָפּ דעם קאָפּ, באַוויינט מען נישט די האָר. נאָר בעסער איז, נישט אַרויסצווייזן־זיך, פאַרשטעקן זיך, האַלטן־זיך באַשיידן. אין אַלגעמיין האָב איך אַ שלעכטן פאָרגעפיל. לאָמיר אויפוועקן אונדזערע לייט, אַריינלייגן די זאַכן, פאַרציען די רימענס און צוגרייטן־זיך צום אויסשטייגן.

7

אַנטאָנינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז געשטאַנען אויפן טאָרפיאַנער פּעראָן, ציילנדיק אומענדלעך די מענטשן און זאַכן, כדי זיך־איבערצוצייגן, אַז זיי האָבן אין וואַגאָן גאָרנישט פאַרגעסן. זי האָט געפילט דעם איינגעטראָטענעם זאַמד פון דער פּלאַטפאָרמע אונטער די פיס און דערביי האָט איר נישט פאַרלאָזן די שרעק פון אַריבערפאָרן אַ סטאַנציע; דאָס קלאַפּן

פון פאַרנדיקן צוג האָט נישט אויפגעהערט צו רוישן אין אירע אויערן, כאָטש זי האָט געזעצן מיט די אויגן און זיך איבערצייגט, אַז ער שטייט פאַר איר אַ באַוועגלאָזער. דאָס אַלץ האָט איר געשטערט אַ ביסל צו זען, הערן און פאַרשטיין.

די ווייטער־פאַרנדיקע וואַגאָן־שכנים האָבן זיך געזעגנט מיט איר פון אויבן, אויף די פראַכט־וואַגאָנען. זי האָט זיי נישט באַמערקט. זי האָט אויך נישט באַמערקט ווי דער צוג איז אַוועק און זי האָט אַנטדעקט זיין פאַרשווינדן ערשט נאָכדעם, ווי זי האָט דערזען די אַנדערע שינעס, אַ גרין־פעלד און אַ בלויען הימל איבער אים.

דער וואָקזאַל איז געווען אַ שטיינערנער. איןביידע זייטן פון איינגאַנג זענען געשטאַנען צוויי בענק. די מאָסקווער רייזנדע, פון סיוועצוו, זענען געווען די איינציקע פאַסאַזשירן וואָס זענען אויסגעשטיגן אין טאַרפיאַנאיא. זיי האָבן אַוועקגעלייגט די זאַכן און זיך צוגעזעצט אויף איינער פון די בענק.

די געקומענע זענען דערשטוינט־געוואָרן פון דער שטילקייט אויף דער סטאַציע, פון דער פוסטקייט און ריינקייט. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן אומגעוויינלעך, וואָס אַרום שטופּט מען זיך נישט און מען קריגט זיך נישט. דאָס לעבן אין דעם העק דאָ, איז אָפּגעשטאַנען פון דער געשיכטע, פאַרשפּעט'קט. עס שטייט דאָ נאָך פאַר, אַנצויאָגן די גרויסשטאָטישע איבערקערעניש־ווילדקייטן.

דער וואָקזאַל האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ בעריאָזע־וועלדל. אין צוג איז שוין געהאַט געוואָרן טונקל, ווען ער איז אַנגעקומען אַהער. פון די זיך־באַוועגנדיקע ביימער־קרוינען, האָבן זיך אָפּגעשלאָגן באַוועגלעכע שאָטנס איבער די הענט, איבערן געזיכט, איבערן ריינעם פּיכט־געלן זאַמד אויף דער פּלאַטפאָ'רם, אויף דער ערד און אויף די דעכער. דער פויגלגעזאַנג אין וועלדל האָט אַנטשפּראָכן דער וואַלדיקער פרישקייט. פולע קלאַנגען, ריינע, גע'דעקטע, ווי קיינמאָל נישט־געהערטע, האָבן געהילכט איבערן וואַלד און האָבן אים דורכגעדרונגען. דעם וועלדל האָבן דורכגעשניטן צוויי וועגן, אַן אייזנבאַן־וועג און אַ דאָרפס־וועג, און איבער ביידן זענען געהאנגען נידעריק־אַראָפּגעבויגענע צווייגן, ווי ביז צו דער ערד־אַראָפּפאַלנדיקע אָרבל־עקן.

פלוצלונג האָבן זיך ביי אַנטאָנינא אַלעקסאַנדראָוונאַן געעפנט די אויגן און אויערן. אַלץ איז דערגאַנגען אויף איין מאָל צו איר באַוווסטזיין. דער פויגל־געזאַנג, די ריינקייט פון וואַלדיקער אָפּגעזונדערטקייט, די שלווהדיקע רו, וואָס איז אויסגעגאָסן אין דעם אַרום. אין איר געדאַנק האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ פראַזע: „עס האָט זיך מיר נישט געגלויבט,

אַז מיר וועלן דערפאַרן בשלום. דיין סטרעלניקאָוו האָט דאָך געקאָנט אַרויסווייזן די גרויסמוטיקייט, פאַרשטייסטו מיר, און דיך אָפּלאָזן, דערביי געבן אַהער אַ טעלעגראַפישע פאַראָרדענונג, אַז מען זאָל אונדז אַלעמען פאַרהאַלטן ביים אויסשטייגן. איך גלויב נישט, מיין טייערער, אין זייער ברייטהאַרציקייט. אַלץ איז טעאַטער געשפּילט". אַנשטאָט אָט די גרייטע ווערטער, האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן, אין אַנבליק פון אַרומיקן צויבער: „וואָס פאַר אַ הערלעכקייט!" — זי האָט מער גאָרנישט גע־קאָנט אַרויסברענגען. טרערן האָבן איר גענומען שטיקן. זי האָט זיך צעוויינט אויפן קול.

דערהערנדיק איר כליפּען, איז פון וואָקזאַל אַרויסגעקומען אַן אַלטיטשקער נאַטשאַלניק. מיט דראָבנע טריטעלעך איז ער צוגעקומען צו דער באַנק, העפלעך צוגעלייגט די האַנט צום דאַשיק פון רויטן היטל און געפרעגט:

— אפשר געבן איך באַרויקונגס־טראָפּן, פריילן? פון דעם וואָק־זאַל־אַפּטייקל.

— אַ קלייניקייט, אַ דאַנק. זי וועט זיך באַגיין.

— רייזע־זאָרגן, אומרו. אַ באַקאַנטע זאַך, אַ פאַרשפּרייטע. דערביי, די אַפריקאַנישע היץ, וואָס איז זעלטן אין אונדזערע געביטן. און אַלס צולאָג, די געשעענישן אין יוראַטין.

— דורכן וואַגאָן, פאַרבייפאָרנדיק, די שריפה באַטראַכט.

— הייסט עס, אַז אַליין זענט איר פון רוסלאַנד, אויב איך האָב קיין טעות נישט.

— פון דער ווייס־שטיינערדיקער פּראַכט־שטאָט.

— מאָסקווער! דאַן איז זיך גאָרנישט צו וווּנדערן, וואָס ביי דער מאַדאַם זענען די נערוון נישט אין אָרדענונג. מען זאָגט, אַז אַ שטיין אויף אַ שטיין איז דאָרט נישט געבליבן?

— מען טרייבט־איבער. נאָר אינדערעמתן, האָבן מיר זיך מיט פאַר־שידנס אָנגעזען. אָט דאָס איז מיין טאָכטער, דאָס איז מיין איידעם, דאָס איז זייער קינד, און דאָס איז אונדזער יונגע ניאַנקע, ניושאַ.

— איך באַגריס אייך, איך באַגריס אייך. זייער אָנגענעם. פון דער אָפּטיילונג האָט מען מיר צו־וויסן־געטון. סאַמדיעוויאַטאָוו אַנפים יעפימאָוויטש האָט פון וועקסל־סטאַציע סאַקמי, דורכן אייזנבאַן־טעלעפאָן געקלונגען. דאָקטאָר זשיוואַגאָ מיט זיין משפחה פון מאָסקווע, האָט ער געזאָגט, איך בעט אַרויסווייזן אַלמעגלעכע מיטהילף. אָט דערזעלבער דאָקטאָר, דאַרף עס הייסן, אַז איר זענט עס?

— ניין, דאָקטאָר זשיוואַגאָ איז יענער, מיין איידעם, און איך —

פון אַן אַנדער געביט: דאָרפס־ווירטשאַפט, פּראָפעסאָר־אַגראָנאָם גראַמ־יעקאָ.

— אַנטשולדיקט, אַ טעות געהאַט. זייט מוחל. עס פרייט מיך זייער אייך צו באַקענען.

— הייסט עס, לויט אייערע רייד, אַז איר קענט סאַמדיעוויאַטאָוון?

— ווי זאָל איך אים נישט קענען, דעם צויבערער. אונדזער האַפענונג און באַשפּייזער. אַן אים. וואָלטן מיר שוין לאַנג די פיס אויס־געצויגן. יאָ, איז זאָגט ער, ווייז־אַרויס די מעגלעכסטע מיטהילף. איך בין אייך געהאַרכזאַם, זאָג איך. איך האָב צוגעזאָגט. אַזוי, אַז אויב אַ פערדל איז בויטיק, אָדער מיט עטוואָס אַנדערש אייך נוצלעך זיין, וווהין רעכנט איר?

— מיר דאַרפן קיין וואַריקינאַ. ווי, דאָס איז ווייט פון דאַנען?

— וואַריקינאָ? דאָס איז עס, וואָס איך קוק אַזוי. מיין שכל האָט מיר נישט אונטערגעזאָגט, אַן ווען אייער טאַכטער דערמאָנט מיך אַזוי. און איר דאַרפט אין וואַריקינאָ. פאַרוואָס־זשע האָט איר באַלד נישט גע־זאָגט? דאַן ווערט דאָך אַלץ קלאָר. דאָס האָבן מיר דאָך צוזאַמען מיט איוואַן ערנעסטאָוויטשן אָט דעם וועג געבויט. באַלד וועל איך אַלץ פאַר־זאָרגן. איך וועל אַ מענטשן רופן, אַ געשפּאַן קריגן. דאַנאַט! דאַנאַט! ביז וואָס־ווען, טראָג־אַריין די זאַכן אין פּאַסאַזשירן־זאָל, אין וואַרט־צימער. און וואָס איז מכוח פערד? גיב אַ לויף, ברודער, אין טיי־הויז, פרעג צי עס איז מעגלעך? דוכט מיר, אַז באַקכוס, דער שיכור האָט דאָ אינ־דערפרי געפלוידערט. פרעג, אפשר איז ער נישט אַוועקגעפאָרן? זאָג, אַז מען דאַרף פיר מענטשן קיין וואַריקינאָ אָפּפירן. קיין באַגאַזש איז כמעט נישטאָ. פריש־געקומענע. רירעוודיק. און אייך, גנעדיקע, אַ פאָטערלעכע עצה. איך האָב באַוווּסטזיניק נישט־געפרעגט וועגן אייער קרובהשאַפט מיט איוואַן ערנעסטאָוויטשן, נאָר געוועזן פּאַרזיכטיק אין דער זאַך. נישט מיט יעדן דאַרף מען זיין אָפנהערציק. צייטן אַזעלכע, איר פאַרשטייט אַליין.

ביים נאָמען „באַקכוס“, האָבן זיך די פריש־געקומענע פאַרוווּנדערט איבערגעקוקט. זיי האָבן נאָך געדענקט די מעשהלעך פון דער פאַרשטאָר־בענער אַננאַ איוואַנאָוונאַ, וועגן דעם לעגענדאַרן שמיד, וועלכער האָט זיך אויסגעשמידט אומצעשטערבאַרע אינגעווייִדן פון אייזן, און פיל ענלעכע מעשיות און נישט־געשטויגנקייטן.

8

עס האָט זיי געפירט אויף זיין וואָגן, מיט דער ווייסער קליאַטשע, אַ העסלעך־באַוואָקסענער גרייז־גרויער אַלטיטשקער. אַלץ וואָס ער האָט געטראָגן איז געווען ווייס, צוליב פאַרשידענע סיבות. זיינע נייע לאַפּטשעס האָבן נאָך נישט באַוויזן טונקל צו ווערן פון טראָגן זיי, און די הויזן מיט דער בלוזע זענען דווקא פון אָפּגעטראָגנקייט, געווען אָפּגעבלאַקעוועט און העל.

נאָך דער ווייסער קליאַטשע איז נאָכגעלאָפן אַ נאַכט־שוואַרצער זשרעביקל, וואָרפנדיק מיט די אומגעלומפּערטע, נאָך נישט־פאַרהאַרטע־וועטע פיס און מיטן געקרייזלטן קעפּל, וואָס איז ענליך געווען צו אַן אייגן־הענטיק געמאַכט שפּילצייג.

זיצנדיק אויף די ברעגן פון דעם טרייסלענדיקן וואָגן, האָבן זי די רייזנדע געהאַלטן ביי די זייטן־לייטערלעך, נישט אַרויסצופאַלן. זייערע גע־דאַנקען זענען איצט געווען רויק. זייער טרוים איז פאַרווירקלעכט־געוואָרן. זיי האָבן זיך דערנענטערט צום ציל פון זייער נסיעה. די פאַרנאַכטיקע שעהן פון דעם הערלעכן, העלן טאָג, האָבן זיך מיט אַ ברייטהאַרציקייט און פאַרגעניגן פאַרלאַנגזאַמט, פאַרהאַלטן־זיך.

דער וועג האָט געצויגן, דאָ דורכן וואַלד, און דאָ, איבער אָפענע פעלדער. אין וואַלד האָט דאָס האָצקעניש איבער די בערגלעך, צוזאַמענ־געשטויסן די רייזנדע אין איין בינטל. זיי האָבן זיך געקורטשעט, געבויגן און פעסט געהאַלטן־זיך איינער אָן דעם אנדערן. אין אָפענע ערטער, ווו די רחבות אַליין האָט גוטמוטיק ווי אויסגעטון דאָס היטל, האָבן זיך די רייזנדע אויסגעגלייכט, זיך גראַמער געזעצט און אָפּגעטרייסלט די קעפּ.

די געגנט איז געווען אַ באַרגיקע. ווי תמיד, האָבן די בערג זייער געשטאַלט, זייער פיזיאָנאָמיע. מיט זייער מעכטיקע, הויכע שאָטנס האָבן זיי געוואָרפן אַ טונקלקייט אין דער ווייט, באַטראַכטנדיק שווייגנדיק די פאַרנדיקע. אַ ראָזע, טרייסטנדיקע שיין האָט נאָכגעפאָלגט די רייזנדע אין פעלד, באַרויקנדיק און דערמוטיקנדיק זיי.

אַלץ איז זיי געפעלן, אַלץ האָט זיי פאַרוווּנדערט, און מער פון אַלץ — דאָס אומאויפהערלעכע פּלאַפּלען פון זייער אַלטן, נאַרעשעוואַטן פורמאַן, וועלכער האָט געמישט אַ פאַרגעסענעם אַלט־רוסיש מיט טאַטאַ־רישע אויסדרוקן, לאָקאַליזמען און אומפאַרשטענדלעכקייטן פון אייגענער פאַנטאַזיע.

ווען דאָס זשרעביקל איז געבליבן הינטערשטעליק, האָט זיך די קליאַטשע אָפּגעשטעלט און געוואַרט אויף דעם. עס האָט לייכט דעריאָגט

מיט וועלנאַרטיקע, טענצלדיקע שפּרונגען, מיט אומגעלומפּערטע שפּרייזן פון די לאַנגע, גאַנץ־געהאַלטענע פיס, איז דאָס זשרעביקל צוגעקומען, אַרונטערגערוקט דאָס געקרויזטע קעפּל מיטן לאַנגן האַלדז אונטערן דישעל און גענומען זויגן ביי דער מוטער.

— פון דעסטוועגן פאַרשטיי איך נישט, — האָט געשריען אַנטאָנינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, קלאַפּנדיק מיט די ציינער פון טרייסלעניש און מיט פאַרזיכטיקע פויזעס, זיך נישט אָפּצובייסן די שפּיץ צונג פון האַצ־קעניש — איז עס דען מעגלעך, אַז דאָס זאָל זיין דער זעלביקער באַקכוס, וועגן וועלכן די מוטער האָט דערציילט? עס געדענקן־זיך פאַרשידענע פּלוידערייען. דער שמיד, וועלכן מען האָט אין געשלעג די קישקעס צעשניטן, האָט זיך אַליין אויסגעמייסטערט נייע, מיט איין וואָרט, דער שמיד באַקכוס האָט געהאַט אַן אייזערנעם בויך. איך פאַרשטיי, אַז דאָס אַלץ איז אַ מעשהלע. נאָר צי דען איז דאָס מעשהלע וועגן אים? צי דען איז דאָס טאַקע דער זעלבער?

— זיכער נישט. ערשטנס זאָגסטו דאָך אַליין, אַז דאָס איז אַ מעשהלע, פאָלקלאָר. צווייטנס איז דער פאָלקלאָר, אין דער מאָמעס צייטן, ווי זי פּלעגט זאָגן, געווען פון פאַר־הונדערט יאָר. נאָר פאַרוואָס רעדסטו אַזוי הויך? דער אַלטיטשקער וועט דערהערן, זיך באַליידיקן.

— ער הערט גאָרנישט, שווער אויף די אויערן. און אַז ער וועט דערהערן, וועט ער אויך נישט פאַרשטיין. פאַרנאַרישט.

— העי, פּיאָדאָר ניעפעדיטש! — האָט דער אַלטער אַ טרייב־געטון זיין קליאַטשע מיט אַ מענערשן נאָמען, נישט צום פאַרשטיין פאַר־וואָס. ער האָט דאָך זייער גוט און בעסער פאַר די פּאַסאַזשירן געוווּסט, אַז דאָס איז אַ קליאַטשע. — אַ היץ איז אַ פאַרשאָלטענע! ווי די קינדער־לעך אין אברהם־אָבינוס קאַלך־אויוון! נו, טייוול דו פינצטערער! מען רעדט דאָך צו דיר, מאַזעפּע איינע!

אומדערוואַרטעט, האָט ער גענומען זינגען סטראָפן פון לידלעך, וואָס זענען אַמאָל פאַרפאַסט־געוואָרן אין די היגע פאַבריקן:

זיי געזונט הויפּט־קאָנטאָר,
זיי געזונט, היימישער הויף,
עס איז דייך ברויט מיר שוין דערעסן
און נמאס ס׳וואַסער פון דיין קוואַל.
ביי דעם ברעג עס שווימט דער שוואַן
נישט קיין ווייט עס וואַקלט מיך, —
און גראָבט הינטער־זיך דאָס וואַסער.
מען גיט־אָפּ וואַניען אַלס רעקרוט.

איך בין נישט, מאשא, קיין שלימזל,
איך בין נישט, מאשא, אויך קיין נאַר.
איך גיי מיר אין דער שטאָט מעליאַבי,
דער סענטעטיוריכע באַדינען.

— העי, קליאַטשע, נאַר פרעסן! און אין גאָט האָסטו פאַרגעסן! קוקט־אָן, מענטשן, וואָס פאַר אַ פאַדלע, אַ בעסטיע! דו דערלאַנג איר קלעפּ און זי וועט נישט טון קיין שלעפּ. נו פעדיא־פיאַדאָרן, ווען וועט מען פאָרן? דעם דאָרטיקן וואַלד רופט מען טייגע, ער ציט־זיך אָן אַ סוף. דאָרט איז דער כוח פון פויערן־פאָלק, אַהאָ! דאָרטן זענען די וואַלד־ברידערלעך. עך, פעדיא־פעדיין, אויפסניי בלייבסטו שטיין, טייוול, מיאוסער!

פּלוצלונג האָט ער זיך אויסגעדרייט און קוקנדיק דירעקט אויף אַנטאָנינא אַלעקסאַנדראָוונען, האָט ער געזאָגט:

— דו, ווי קלערסטו, יונגע, איך נישט דערפילן זאָל, פון ווו דו אַזעלכע? און דו, פראָסט־פשוט, מאַמעלע, איך טו אַ קוק. עס זאָל מיך דורך דער ערד דורכוואַרפן, דערקענט. דערקענט! די גלאָצערס מיינע גלויב איך נישט. אַ לעבעדיקער גריגאָוו! (געמיינט: קריוגער). נישט אַמאָל אַן אייניקל? האָב איך נישט אויף גריגאָוון קיין אויג? איך ביי אים מיינע טעג אָפּגעטאָגט. איך אויף אים מיינע ציינער אויפגעגעסן. אַלע מלאכות געטון, אַלע שליחותן! אין די גריבער, ביי די הויב־מאַשינען און אויפן פערד־הויף. נאָ, ריר־זיך! ווידער שטיין־געבליבן, די אַנפּיסיקע! כינעזישע־האָלץ־שיכלעך! מען רעדט צו דיר, צי נישט? דו, אָט קוקסט, וואָסערער באַקכוס? נישט יענער שמיד אַמאָל? און דו, פראָסט־פשוט, מאַמעלע, אַזאַ באַאויגיקטע פריצטע און אַ נאַר. יענעם באַקכוס דיינעם האָט מען פאָסטאַנאָגאָוו גערופן, פאָסטאַנאָגאָוו אייזנבויך. אַ האַלבער הונדערט יאָר אין דער ערד שוין, אין די ברעטלעך אַרייַנ־געלייגט. און מיר, פאַרקערט, מיעכאָנאָשין הייסן מיר. אַ נאָמען דעם זעלבן האָבן מיר, נאָר פאַמיליענעמען פאַרשידענע, אַ גורל אַן אַנדערער, אַן אַנדער גזע.

ביסלעכווייז האָט דער אַלטער, מיט זיינע ווערטער, דערציילט זיינע רייזנדע אַלץ, וואָס זיי האָבן שוין פריער געוווסט פון סאַמדיעוויאַ־טאָוון, וועגן די מיקוליצינס. ער האָט אים אָנגערופן „מיקוליטשעם" און איר „מיקוליטשנאַ". דער איצטיקער פרוי פון דעם פאַרוואַלטער האָט ער אָנגערופן „צווייטגענומענע", און וועגן דער „ערשטינקער, אין גן־עדן זאָל זיין", האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ האָניג־זיס ווייבל, אַ ווייסער מלאך. ווען ער איז צוגעקומען, מיט זיין דערציילן, צום פאַרטיזאַנער־פירער ליווערי און זיך דערוווסט, אַז קיין מאָסקווע האָט

נאָך זיין רום נישט דערגרייכט און אַז אין מאָסקווע האָט מען וועגן די „וואַלד־ברידער" גאָרנישט געהערט, האָט זיך עס אים נישט געגלויבט:

— נישט געהערט? וועגן די וואַלד־חברים נישט געהערט? כינע־זישע קלעם־שיכלעך! איז נאָכוואָס דאַרף מאָסקווע אויערן?

עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. פאַראויס די פאַרנדיקע, אַלץ מער זיך־אויסציענדיק, זענען געלאָפן זייערע אייגענע שאָטנס. זייער וועג איז געלעגן איבער אַ ברייטן און פוסטן שטח. דאָ און דאָרט זענען גע־וואַקסן איינזאַמע בינטלעך, קוסטן, שטאַרצנדיק אויף הויכע שטענגלעך, מיט בלימלעך אויף די צווייגן־עקן. אונטן־באַלויכטענע, פון דער ערד, מיט שטראַלן פון שקיעה־שיין, זענען זיי פאַנטאַסטיש־גרויס געוואָרן, ווי שיטער־צעשטעלטע שומרים אין פעלד, וועלכע שטייען אומבאַוועגלעכע און היטן.

ווייט פאַראויס האָט זיך דאָס פלאַכלאַנד אַנגעשפּאַרט אָן אַ שטייגנדיקער הויכקייט, וואָס האָט אַ צעשניטענע אין בייטן, זיך געשטעלט אין דער ברייט. ווי אַ וואַנט האָט זי פאַרצאַמט דעם וועג און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז אין יענער זייט איז אַ טאָל אָדער טייך. עס האָט אויס־געזען, ווי דער הימל וואָלט דאָרט געווען פאַרצאַמט, מיט אַ טויער, צו וועלכן עס פירט דער דאָרפס־וועג. אויבן, אויפן באַרג־אַראָפּ האָט זיך געוויזן אַן איינשטאָקיק, לענגלעך, ווייס הויז.

— זעסט דאָס דאָך־שטיבל אויבן? — האָט באַקכוס געפרעגט — מיקוליטש וווינט דאָרט מיט זיין מיקוליטשנע און הינטער זיי איז אַ טאָל, וואָס הייסט „שוטמא".

צוויי ביקסן־שאָסן, איינע נאָך דער אַנדערער, האָבן זיך דערהערט פון יענער זייט, געבוירנדיק פילצאָליקע קלענערע אָפּהילכן.

— וואָס איז דאָס? נישט אַמאָל די פּאַרטיזאַנער, זיידע? נישט צו אונדז שיסן זיי?

— כריסטוס איז מיט אייך. וואָס פאַר אַ פּאַרטיזאַנער? סטעפּאַניטש איז עס, ער שרעקט די וועלף אין טאָל „שוטמא".

9

די ערשטע באַגעגעניש צווישן די געקומענע מיט די באַלעבאַטים, איז פאָרגעקומען אויפן הויף פון דירעקטאָר־הייזל. עס האָט זיך אָפּגע־שפּילט קודם אַ מיד־פאַרחלשט שווייגן, און נאָכדעם — אַ צעטומלט־רווי־שיקע, זינלאָזע סצענע.

יעלענא פּראָקלאָוונא איז צוריקגעקומען אין הויף אריין, פון איר

אָוונט־שפּאַציר אין וואַלד. די אָוונטיקע זון־שטראַלן האָבן זיך געצויגן נאָך איר דורכן גאַנצן וואַלד, פון בוים צו בוים, כמעט פון זעלבן קאָליר וואָס אירע גאָלדענע האָר. יעלענא פּראָקלאָוונא איז געווען זומערדיק־לייכט אָנגעטון. זי האָט זיך פאַרויטלט און געווישט מיט אַ טיכעלע דאָס געזיכט, וואָס איז געווען דערהיצט פון גאַנג. איר אָפענעם האַלדז האָט אַרומגענומען אַ גומקעלע, וואָס האָט געהאַלטן הענגנדיק אויף דער פּלייצע דעם שטרויענעם הוט.

איר אַנטקעגן איז אַהיימגעגאַנגען, מיט זיין ביקס, איר מאַן. גיי־ענדיק באַרג־אַראָפּ, האָט ער בדעה געהאַט זיך צו פאַרנעמען מיטן דורכ־רייניקן די פאַרויכערטע לופעס, וואָס זייערע דעפעקטן האָט ער געפילט בעתן שיסן.

פּלוצלונג, פון דער העלער הויט, האָט זיך איבער די שטיינער פון ברייטן אַריינפאָר אין הויף, הילכיק אַריינגעקאַטשעט באַקכוס מיט זיין „מתנה".

אַלעקסאַנדער אלעקסאַנדראָוויטש, וועלכער איז שנעל אַראָפּ פון וואָגן מיט אַלע איבעריקע, האָט מיט קליינע הפסקות, אַנטוענדיק און אויסטוענדיק דעם הוט, געגעבן די ערשטע דערקלערונגען.

די בעלבאָטים זענען, ווי צוגעשפּאַרטע צום וואַנט, געשטאַנען אַ פּאָר סעקונדן פאַרגליווערטע, דערביי האָבן די אומגליקלעכע געסט, פאַר־ברענט־ווערנדיק פון חרפּה, אָפן אַרויסגעוויזן זייער פאַרלוירנקייט. אַן אויפקלערונגען, איז די לאַגע געווען פאַרשטענדלעך נישט נאָר פאַר די צוויי, נאָר אויך פאַר באַקכוסן, ניושען און שוראָטשקען. די געדריקטע שטימונג האָט זיך איבערגעגעבן אויך דער קליאַטשע, דעם זשרעביקל, די זון־שטראַלן און די קאָמאַרעס, וואָס האָבן געקרייזט אַרום יעלענא פּראָקלאָוונען און האָבן זיך איר געזעצט אויפן פּנים און האַלדז.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט אַוועדקי סטעפּאַנאָוויטש ענדלעך איבערגעריסן דאָס שווייגן — איך פאַרשטיי נישט, קיין זאַך פאַרשטיי איך נישט און וועל קיינמאָל נישט פאַרשטיין. וואָס איז ביי אונדז, דער דרום? די וויסע? אַ ברויט־געגנט? פאַרוואָס אייגנטלעך איז אויף אונדז געפאַלן דער אויסוואַל? פאַרוואָס האָט עס אייך אַהער, דווקא אַהער צו אונדז פאַרטראָגן?

— אינטערעסאַנט, צי האָט איר כאָטש אַ טראַכט געטון, וואָס פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט דאָס איז פאַר אַוועדקי סטעפּאַנאָוויטשן?

— לענאָטשקאַ, שטער נישט. און טאַקע אַזוי. זי איז פולשטענדיק גערעכט. צי האָט איר אַ טראַכט געטון, וואָס דאָס איז פאַר מיר פאַר אַן עול?

— גאָט איז מיט אייך, איר האָט אונדז נישט פאַרשטאַנען. אין וואָס גייט דאָ? וועגן אַ קלייניקייט, אַ גאָרנישט. דאָס איז קיין שום איבערפּאַל נישט אויף אייך און נישט אויף אייער רו. אַ וואָסער־נישט־איז ווינקל אין אַ פּוסטער, חרובער געביידע, אַ קליינעם קלין, קיינעם־נישט־נוצלעך פאַרוואָרלאָזט שטיקל ערד, פאַר אַ גרינס־גאָרטן. און אַ וועגעלע צום פירן האָלץ פון וואַלד, אויסגעהיטן פון אַ פרעמד אויג. צי דען איז דאָס אַזוי פיל? אַזאַ שרעקלעכער איבערפאַל?

— יאָ, נאָר די וועלט איז דאָך גרויס. וואָס האָבן מיר דערמיט צו־טון? פאַרוואָס דאַרפן עס דווקא מיר האָבן אָט די דאָזיקע ערע, און נישט עמיצער אַנדערש?

— מיר ווייסן וועגן אייך און מיר האָבן געהאָפט, אַז אויך איר האָט וועגן אונדז געהערט: אַז מיר זענען קיין פרעמדע פאַר אייך און אַז צו קיין פרעמדע וועלן מיר אַליין נישט גיין.

— אין קריוגערן גייט עס, אין דעם, וואָס איר זענט זיינע קרובים? איז ווי לייגט זיך עס אייער צונג, זיך מודה צו זיין וועגן דעם אין אונ־דזער צייט?

— אינטערעסאַנט, איר פאַרשטייט? דווקא צוליב דער דאָזיקער קרובהשאפט, האָט מען אונדז געדאַרפט פאַרהיטן פון באַקאַנטשאַפט מיט אייך.

— לענאָטשקאַ, מיש זיך נישט אַריין. מיין פרוי איז אומבאַדינגט גערעכט. טאַקע אין שייכות מיט אָט דער קרובהשאַפט.

יורי אַנדרייעוויטש האָט איצט קיין צייט נישט געהאַט צו פאַר־גלייכן סאַמדיעוויאַטאָווס שילדערונג, מיטן אָריגינאַל. אין דער פייגלעכער צעטומלונג, זענען סאַמדיעוויאַטאָס שילדערונגען אַרויסגעפלויגן פון דאָקטאָרס קאָפּ. נאָר שפּעטער, נאָך דער אַלגעמיינער באַרויקונג, איז ער דערשטוינט־געוואָרן פון דער טרעפלעכער ענלעכקייט און ריכטיקן פאָרטרעט. פון דעסטוועגן, איז אַנפים יעפימאָוויטשעס כאַראַקטעריסטיק וועגן דעם פאַרוואַלטער געווען נישט קיין פולשטענדיקע און יורי אַנ־דרייעוויטש האָט עס פאַלגליך דערגענצט.

אַווערקי סטעפּאַנאָוויטש האָט אַרויסגערעדט דעם „ל“ ווייך, אויפן פוילישן שטייגער. ער האָט געזאָגט: „אַ ווייב צו גאָט“, אָדער: „אַ פוּאַכער מענטש“. ער האָט זיך ווירקלעך נישט צעשיידט מיט זיין לולקע, וועלכע האָט פאַרגעשטעלט מיט־זיך אַן אומטיילבאַרן שטריך פון זיין פיזיאָנאָמיע און זי האָט באַווירקט די פאָרם פון זיינע אויס־דרוקן, ווייל זיינע ווערטער און געדאנקען האָט ער צוזאַמענגעשטעלט מיט

איבערייסן, אָנצינדנדיק איר, ווען זי האָט זיך אויסגעלאָשן, פאַרציען און בלאָזן דורך איר, ווען זי האָט זיך צעברענט.

דאָס איז געווען אַ מענטש מיט פּינקטלעכע געזיכטס־שטריכן, מיט אַהינטער־פאַרוואָרפענע האָר; אַ זיכערן, פעסטן טראָט, מיט אַ פראַנדזן־שנור אַרום זיין זומער־בלוזע. אין די אור־אַלטע צייטן האָבן אַזעלכע מענטשן צוגעדעקט זייערע לייבער מיט פעל. אין דער איצטיקער צייט, האָבן זיי געשאַפן אַ טיפּ פון אַן אייביקן סטודענט; פון שטודירנ־דיקע בעלי־חלומות.

זיין גאַנצע יוגנט האָט אַוועקי סטעפאַנאָוויטש אָפּגעגעבן דער באַפרייאונגס־באַוועגונג, דער רעוואָלוציע, און נאָר מורא געהאַט, אַז ער וועט זי נישט דערלעבן, אָדער ווען זי וועט אויסברעכן, וועט זי נישט באַפרידיקן, מיט איר מעסיקייט, זיינע ראַדיקאַלע אכזריותדיקע תאוות. און אָט איז זי געקומען, איבערקערנדיק מיט דער דעק אַרויף אַלע זיינע דרייסטע פאַרשטעלונגען. און ער, דער געבוירענער און איי־ביקער פריינט פון אַרבעטער, וואָס האָט איינער פון די ערשטע געגריג־דעט אין „סוויאַטאָגאַריע־באַגאַטירע" אַ פאַבריקס־קאָמיטעט און איינ־געפירט דאָרט אַרבעטער־קאָנטראָל, איז געבליבן מיט אַ נאָז און נישט מיט קיין אַרבעט אין דעם פּוסט־געוואָרענעם דערפל, פונוואַנען די אַרבעטער זענען זיך צעלאָפן און אַ טייל פון זיי איז אַוועק צו די מענשעוויקעס. און איצט, — אָט דאָס געשמאַקלאָזע, אָט די אומגע־בעטענע קריוגערישע יורשימלעד האָבן אים אויסגעזעצן, ווי אַ שפּאַס פון גורל, וואָס האָט איבערגעפּולט דעם בעכער פון זיינע ליידן.

— ניין, דאָס זענען נסים אין אַ זיפּל. דער מוח באַנעמט נישט. פאַרשטייט איר דען, וואָס פאַר אַ געפאַר איר זענט פאַר מיר? אין וואָס פאַר אַ לאַגע איר שטעלט מיך אַוועק? איך בין, דוכט־זיך, ריכטיק פון זינען אַראָפּ. איך פאַרשטיי נישט, פאַרשטיי קיין זאַך נישט און וועל עס קיינמאָל נישט פאַרשטיין.

— אינטערעסאַנט, צי באַנעמט איר נישט, אויף וואָס פאַר אַ ווולקאַן מיר זיצן דאָ, אויך אָן אייך?

— וואָרט־אויס, לענאָטשקאַ. מיין פרוי איז אינגאַנצן געערעכט. אויך אָן אייך איז אונדז נישט זיס. אַ הינטיש לעבן, אַ משוגעים־הויז. די גאַנצע צייט צווישן צוויי פייערן, אָן אַן אויסוועג. איין צד בילט, ווייל מיין זון איז אַ רויטער, אַ באָלשעוויק, אַ פאָלקס־ליבלינג. דעם אַנדערן צד געפעלט נישט, פאַרוואָס אַליין בין איך אויסגעווילט־געוואָרן אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. ווערסט קיינעם נישט צופרידינשטעלן,

כאַטש צערייס זיך. און דאָ זענט איר נאָך צוגעקומען. עס וועט זייער פריילעך זיין, צוליב אייך, דערשאָסן צו ווערן.

— וואָס רעדט איר! באַדענקט־זיך! גאָט איז מיט אייך!

עס האָט אַביטל געדויערט, ביז מיקוליצינס כעס האָט זיך געענדערט אויף לייטזעליקייט און ער האָט געזאָגט:

— נו, מיר האָבן זיך אָנגעבילט אַ ביסל אויפן הויף, נאָר מילא. מען קען אין שטוב ממשיך־זיין. קיין גוטס, פאַרשטייט־זיך, זע איך גאָרנישט פאָראויס. כל־זמן די כמאַרעס טראָגן טונקל וואַסער, זענען דאָס רייד פון אַ פאַרכמאַרעט געמיט. פונדעסטוועגן זענען מיר נישט קיין אכזרים. אין וואַלד, אַלס מאַלצייט פאַר מיכיילאַ־פּאַטאַפּיטשן (פאַר די בערן), וועלן מיר אייך נישט טרייבן. איך מיין, לענאַטשקאַ, אַמבעסטן וועלן מיר זיי אַריינעמען אין פאַלמען־צימער, נעבן קאַבינעט. דאָרט וועלן מיר באַטראַכטן, ווו זיי צו באַזעצן. מיר וועלן זיי, מיין איך, אין פּאַרק איינאָרדנען. ביטע, אין שטוב אַריין, זייט אַזוי גוט. באַקכוס, טראָג אַריין די זאַכן. העלף די צוגערייזטע.

אויספירנדיק די באַפעלן, האָט באַקכוס בלויז אַ זיפץ־געטון:

— מאַמע דו בתולהדיקע! אַ „גוטס" ביי די וואַנדערנדיקע. בלויז פעקעלעך, קלומיקעס, אפילו קיין איין איינציקן טשעמאָדאַן נישט.

10

עס איז צוגעפאַלן אַ קאַלטע נאַכט. די געסט האָבן זיך אַרומגעוואַשן. די פרויען האָבן זיך פאַרנומען מיט איינאָרדנען די געלעגערס אין דערנעבנדיקן צימער. שוראַטשקאַ, געוווינט דערצו, אַז זיין קינדעריש לשון זאָל דורך דערוואַקסענע אויפגענומען־ווערן מיט באַגייסטערונג און ער פלעגט זיך דערמיט אונטערחנפענען זייער געשמאַק, האָט זיך דאָ נישט גוט געפילט. הייגט האָט זיין פלאַפּלען נישט געהאַט קיין דערפאָלג, מען האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים. ער איז געווען אומצופרידן, וואָס מען האָט נישט אַריינגענומען אין שטוב דעם שוואַרצן זשרעביקל. און ווען מען האָט אָנגעשריען אויף אים, האָט ער זיך צעיאָמערט, מורא־האָבנדיק, אַז אַלס שלעכטן יינגל, זאָל מען אים נישט צוריקשיקן אין דעם קינדער־מאַגאַזין, פון וואַנען ער איז, לויט זיין פאַנטאַזיע, געבראַכט־געוואָרן אויף דער וועלט, צו זיינע עלטערן. ער האָט אָפן אויסגעדרוקט זיין שרעק פאַר די אַרומיקע, נאָר זיינע חנעוודיקע פלוידערייען האָבן נישט געמאַכט דעם געוויינלעכן איינדרוק. דערדריקטע פון אויפהאַלטן־זיך אין אַ פרעמדער שטוב, האָבן זיך די

עלטערע באַוועגט פּאָרזיכטיקער ווי געוויינלעך און זיי זענען געווען שווייגנדיק־אַריינגעטון אין זייערע זאָרגן. שוראַטשקא האָט זיך באַ־ליידיקט און „געמאַכט אַ שנעבעלע״, ווי די ניאַניעס זאָגן. מען האָט אים אָנגעקאָרמעט און מיט שווערקייט געלייגט שלאָפן. ענדלעך איז ער איינגעשלאָפן. ניושען האָט אַריינגענומען צו זיך די דינסט אוסטיניא, געגעבן אָונטברויט און איר דערציילט סודות פון מיקוליצינס הויז. אַנ־טאָנינא אלעקסאַנדראָוונען און די מאַנספערשוינען האָט מען פאַרבעטן צום אָוונטיקן טיי־טרינקען.

אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש און יורי אנדרייעוויטש האָבן געבעטן די דערלויבעניש, זיך־אָפּצוזונדערן אויף אַ מינוט, און זיי זענען אַרויס אויף דער טעראַסע אָטעמען פרישע לופט.

— וויפל שטערן! — האָט געזאָגט אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנד־ראָוויטש.

עס איז געווען פינצטער. שטייענדיק אויף אַ מרחק פון צוויי טריט אויף דער טעראַסע, האָבן שווער און איידעם נישט געזען איינער דעם אַנדערן. און אונטן, פון ווינקל־הויז, איז געפאַלן דאָס ליכט פון אַ פענצטער אין טאָל־אַראָפּ. אין דעם ליכט־זייל וואָס איז געפאַלן אין דער פייכטער קעלט, האָבן זיך געטונקלט קוסטן,ביימער און אַנדערע אומ־באַשטימטע קעגנשטאַנדן. דער ליכט־פּאַס האָט נישט פאַרכאַפּט די שמועסנדיקע און האָט נאָך געדיכטער געמאַכט די פינצטערניש אַרום זיי.

— מאָרגן אינדערפרי וועט מען דאַרפן באַקוקן די געביידע, וואָס ער האָט אונדז אָנגעמערקט, און אויב זי איז פּאַסיק צום וווינען, וועלן מיר זיך אַ נעם־טון צום רעמאָנטירן. אין דער צייט, וואָס מיר וועלן אונדזער ווינקל ברענגען אין אָרדענונג, וועט דאָס פרעסטל נאָכלאָזן, דער באָדן וועט זיך דערוואָרעמען. דאַן וועלן מיר, נישט פאַרלירנדיק קיין רגע, זיך אַ נעם־טון צום גאָרטן. כ׳האָב, דאַכט מיר, געהערט, ווי ער וואָלט צווישן די רייד, אין שמועס, צוגעזאָגט צו געבן הילף פון זריעה און קאַרטאָפל. צי האָב איך שלעכט געהערט?

— ער האָט צוגעזאָגט, ער האָט צוגעזאָגט. אויך פאַרשידענע אַנדערע זריעה. איך האָב עס מיט די אייגענע אויערן געהערט. און דאָס ווינקל וואָס ער לייגט אונדז־פאָר, האָבן מיר געזען פאַרבייפאָרנדיק, ווען מיר האָבן דורכגעשניטן דעם פּאַרק. איר ווייסט, ווו? דאָס איז אין אַ זייט פון הערשאַפטן־הויז, איינגעטונקען אין קראָפּיווע [1]. געביידעס

1. אַ בריענדיק געוויקס.

הילצערנע און די איז אַ שטיינערנע. איך האָב עס אייך פון וואָגן געוויזן, איר געדענקט? דאָרט וואָלט איך זיך אויך געשטעלט גראָבן בייטן. דאָרט איז אַן איבערבלייב פון אַ בלומען־גאָרטן. אַזוי האָט זיך מיר אויסגעוויזן פון דערווייטנס. קען זיין, אַז איך בין מיך טועה. די שטעגן וועט מען דאַרפן אויסמיידן, דורכלאָזן. די ערד פון די אַלטע בלומען־בייטן האָט זיך געוויס גרינטלעך דורגעמיסטיקט און איז פעט.

— מירן זען מאָרגן. איך ווייס נישט. דער גרונט איז זיכער שרעקלעך פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז און האַרט ווי אַ שטיין. ביי דער דאָרפס־ווירטשאַפט האָט דאָך געמוזט זיין אַ גאָרטן. קען זיין, אַז אַ חלק האָט זיך אויפגעהאַלטן און פּוסטעוועט. דאָס אַלץ וועט מאָרגן קלאָר ווערן. אין די פרימאָרגנס זענען דאָ נאָך זיכער פרעסטלעך. ביינאַכט וועט זיכער זיין אַ פראָסט. וואָס פאַר אַ גליק, וואָס מיר זענען שוין דאָ אויף אַן אָרט. מיט דעם קענען מיר זיך באַגריסן איינער דעם אַנ־דערן. דאָ איז גוט. עס געפעלט מיר.

— זייער אָנגענעמע מענטשן. באַזונדערס — ער. זי איז אַ ביסל מיט אַן אָנשטעל. זי איז עפּעס נישט צופרידן מיט זיך זעלבסט, עפּעס אין איר גופא געפעלט איר נישט. פון דאַנען שטאַמט איר אומדערמיד־לעכע באַרעדעוודיקייט, מיטן נאַרישן אָנשטעל. עס איז, ווי זי וואָלט זיך באַמיט אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון איר אויסערלעכקייט און וואָרענען פאַר אַ שלעכטן איינדרוק. און דאָס, וואָס זי פאַרגעסט דעם הוט אַראָפּצונעמען און זי טראָגט אים אויף דער פּלייצע, איז אויך נישט פון צעשטרייטקייט. דאָס קליידט איר ווירקלעך צום פּנים.

— מירן פונדעסטוועגן צוריקגיין אין צימער. מיר האָבן זיך דאָ שוין צולאַנג פאַרהאַלטן. נישט אָנגענעם.

אויפן וועג צו דער באַליכטענער סטאָלאָווע, ווו אונטער אַ הענג־לאָמפּ, אַרום אַ קיילעכדיקן טיש, זענען געזעסן ביים סאַמאָוואַר און טיי געטרונקען די באַלעבאַטים און אַנטאָנינאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, — זענען דער איידעם און דער שווער דורכגעגאַנגען דורך דעם פינצטערן די־רעקטאָר־קאַבינעט.

דאָרט איז געווען אַ ברייט, געגלאָזט פענצטעד, וואָס האָט פאַר־נומען די גאַנצע וואַנט, צום טאָל־צו. דורך דעם פענצטער, אויף וויפל דער דאָקטאָר האָט באַוויזן צו באַמערקן נאָך פריער, ווען עס איז נאָך געווען ליכטיק, האָט זיך געעפנט אַן אויסבליק אויף די ווייטע טאָלן און דעם פלאַכלאַנד, איבער וועלכן עס האָט זיי געפירט באַקכוס. ביי דעם פענצטער, אין דער גאַנצער ברייט, איז געשטאַנען אַ טיש פאַר אַ פּראָיעקטן־צייכענער. איבער אים איז געלעגן די יאַגד־ביקס, לאָזנדיק

פריי פלאַץ פוןביידע זייטן, אונטערשטרייכנדיק דערמיט נאָכמער די גרויסע ברייט פון טיש.

אַצינד, אַדורכגייענדיק דעם קאַבינעט, האָט יורי אַנדרייעוויטש ווידער באַמערקט מיט קנאה דעם פענצטער מיטן פרייען אויסבליק, די גרויס און דעם באַשטאַנד פון דעם טיש, און די רחבות און פיין־אויס־מעבלירטקייט, פון דעם צימער. און דאָס איז טאַקע געווען דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן באַגייסטערט ביי יורי אַנדרייעוויטשן, ווען ער איז מיט אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטשן אַריין אין דער סטאָלאָווע און צוגעקומען צום טיי־טיש.

— וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע ערטער ביי אייך! און וואָס פאַר אַ הערלעכער קאַבינעט איר האָט, וואָס רעגט־אָן און באַגייסטערט צו אַרבעט.

— אָנגיסן אייך אין אַ גלאָז אָדער אין אַ שעלעכל? און ווי האָט איר ליב: שטאַרקע אָדער שוואַכע?

— קוק־אָן, יוראָטשקא, וואָס פאַר אַ סטערעאָסקאָפּ אַוועקי סטע־פּאַניטשעס זון האָט אויסגעמייסטערט, ווען ער איז געווען אַ קלייניקער.

— ער איז נאָך ביז היינט נישט דערוואַקסן־געוואָרן, נישט קיין געזעצטער, כאָטש ער קעמפט־אויס די ראַטנמאַכט אין קרייז נאָכן אַנ־דערן, באַזיגנדיק קאָמוטשן.

— ווי האָט איר געזאָגט?

— קאָמוטש.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס מיליטער פון דער סיבירער רעגירונג, וואָס קעמפט פאַר אומקערן די מאַכט דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

— מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג אומאויפהערלעך געהערט לויב פאַר אייער זון. איר קענט, מיט רעכט, זיין שטאָלץ מיט אים.

— דאָס זענען אוראַלער בילדער, דאָפּלטע, סטערעאָסקאָפּישע, אויך זיין אַרבעט, און פאָטאָגראַפירט מיט אַן אייגן־געמאַכטן אַפּאַראַט.

— די פלעצעלעך זענען אויף סאַכאַרין? וואָס פאַר אַ ווונדערבאַר געבעקס!

— אַך, וואָס רעדט איר? אין אַזאַ טויבן ווינקל, — סאַכאַרין? ווי קומט עס צו אונדז! דער ריינסטער צוקער. איך האָב דאָך אייך אין דער טיי פון דער צוקערניצע אַריינגעלייגט. האָט איר עס נישט באַמערקט?

— יאָ, ווירקלעך. איך האָב די בילדער באַטראַכט. דאַכט־זיך, אַז די טיי איז נאַטירלעכע?

— מיטן בלימל, פאַרשטייט־זיך.

— פֿון וואַנען?

— פֿון אַ כּישוף־טישטוך געגומען... אַ באַקאַנטער. אַ היינטצייטיקער טוער. אַ זייער לינק־געשטימטער. דער אָפּיציעלער פֿאָרשטייער פֿון „גובסאָוונאַרכאָז" (גובערניאַלע, סאָוויעטישע פֿאָלקס־ווירטשאַפֿט). ער פֿירט פֿון אונדז האָלץ אין שטאָט, און אונדז, ווי באַקאַנטע, גיט ער גרויפּן, פּוטער, מעל, סיווערקאַ (אַזוי האָט זי אָנגערופֿן איר אָווערקי'ן), סיווערקאַ, רוק מיר־צו די צוקערניצע. און איצט, אינטערעסאַנט, ענטפֿערט ביטע, אין וועלכן יאָר איז געשטאָרבן גריבאָיעדאָוו?

— געבוירן ד'אַכט־זיך, אין טויזנט זיבן הונדערט פֿינף און־ניינציקסטן. און ווען ער איז דערהרגעט־געוואָרן, געדענק איך נישט פּינקטלעך.

— נאָך טיי?

— ניין, אַ דאַנק.

— אין איצט, אַזאַ שפּאַס. זאָגט ווען, און צווישן וועלכע לענדער איז געשלאָסן געוואָרן דער נימוועגענער שלום?

— גו, מאַטער זיי נישט, לענאָטשקאַ. לאָז די מענטשן צו־זיך קומען פֿון וועג.

— און איצט, אָט וואָס מיר איז אינטערעסאַנט. רעכנט־אויס, ביטע, די סאָרטן פֿאַרגרעסער־גלעזער, און אין וועלכע פֿאַלן באַקומען־זיך ריכטיקע פֿאַרשטעלונגען, אומגעקערטע, דירעקטע און ענלעכע?

— ווי קומט עס צו אייך אַזאַ אָנונג אין פֿיזיק?

— אַן ערשטראַנגיקער מאַטעמאַטיקער איז געווען ביי אונדז אין יוראַטין. אין צוויי גימנאַזיעס האָט ער לעקציעס געהאַלטן, אין דער מענערשער און ביי אונדז. ווי ער האָט פֿאַרטייטשט! ווי ער האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין! אַזויווי אַ גאָט! ער פֿלעגט צעקייען און אין מויל אַרייַנלייגן. אַנטיפּאָוו. אין היגן לערן־אַנשטאַלט איז ער שוין געווען פֿאַרהייראַט. די מיידלעך זענען משוגע־געוואָרן פֿאַר אים, אַלע האָבן זיך אין אים געליבט. ער איז אַוועק פֿרייווילליק אין קריג און זיך נישט אומגעקערט, געהרגעט געוואָרן. מען איז זיכער, אַז דאָס איז געווען גאָטס־בייטש, אַ הימלישע שטראָף. אַז דער קאָמיסאַר סטרעלניקאָוו איז אַ תּחית־המתים־אויפֿגעשטאַנענער אַנטיפּאָוו. דאָס איז אַ לעגענדע, פֿאַרשטייט־זיך. און נישט־וואָרשיינלעך. איבריקנס, ווער ווייסט אים? אַלץ קען זיין. נאָך אַ שעלעכל טיי?

נײַנטער טײל

וואַריקינאַ

1

ווינטערצײַט, ווען יורי אַנדרייעוויטש איז געווען אַ סך פרײַער, האָט ער גענומען מאַכן פאַרשידענע פאַרצײכענונגען. ער האָט בײַ זיך פאַרשריבן:

„ווי אָפט האָט זומער געוואָלט זאָגן צוזאַמען מיט טיוטשעוון:

„וואָס פאַר אַ זומער, ער, אַ זומער!
דאָס איז אַ כּישוף און נישט מער.
פון וואַנען האָט ער זיך דערנומען,
פרעג איך, פּלוצלונג דאָ אַהער?"

וואָס פאַר אַ גליק איז צו אַרבעטן פאַר זיך און פאַר דער משפּחה פון פרי ביז שקיעה. בויען אַ דאַך איבערן קאָפּ, באַאַרבעטן די ערד, זאָרגנדיק וועגן באַשפּײַזונג, באַשאַפן־זיך אַן אײגענע וועלט, אַזוי ווי ראָבינזאָן, נאָכמאַכנדיק דעם בורא־עולם זײַן וועלט־באַשאַף, און ווי אַ לײַבלעכע מוטער — ברענגען זיך, אָבער־און־ווידער, אויף דער וועלט!

וויפל געדאַנקען גײען אַדורך דעם באַוווסטזײַן, וויפל נײַעסן טראַכט מען איבער, ווען די הענט זענען פאַרנומען מיט פיזישער, מוסקולאַרער, שווערער אַרבעט, אָדער מיט סטאָלערישער אַרבעט; ווען דו שטעלסט זיך שכלדיקע, פיזיש־דורכפירבאַרע אויפגאַבן און עס ווערט דיר באַלוינט מיט הצלחה און פרייד; ווען זעקס שעה נאָכאַנאַנד אַרבעטסטו מיט דער האַק, אָדער גראָבסט אין דער ערד אונטערן פרײַען הימל, וואָס ברִיט דיך־אָפּ מיט זײַן גנאָדיקן אָטעם. און דאָס, וואָס אָט די געדאַנקען, השערות און פאַרגלײַכן ווערן נישט אַרויפגעבראַכט אויפן פּאַפּיר, נאָר ווערן אינ־גאַנצן פאַרגעסן ווען זיי פליען־פאַרבײַ, איז נישט קײן פאַרלוסט, נאָר אַ געווינס. שטאָטישער נאַר, דו, וואָס מיט שטאַרקער, שוואַרצער קאַווע, אָדער מיט טאַבאַק שטאַרקסטו דײַנע אָפּגעלאָזענע נערוון און פאַנטאַזיע, — דו קענסט נישט דעם סאַמע־מעכטיקסטן נאַרקאָטיק, וואָס דריקט זיך־אויס אין אמתער נויטלעכקײט און אין שטאַרקן געזונט.

איך גיי נישט ווייטער פון דעם געזאָגטן. איך זאָג נישט־פאַר קיין טאָלסטאָישן איבערגאַנג צו ערד. איך טראַכט נישט־צו מיינע קיין אויסבעי־סערונגען צום סאָציאַליזם. אין דער אַגראַר־פראַגע, איך שטעל נאָר פעסט אַ פאַקט און וויל נישט אַרויסשטעלן אונדזער צופעליקן גורל אַלס אַ סיסטעם. דער ביישפּיל פון אונדז קען אַרויסרופן וכוחים און ער איז נישט פּאַסיק, צו מאַכן קיין אויספירן. אונדזער ווירטשאַפט איז פון זייער אַ פאַרשידנאַרטיקן צוזאַמענשטעל. בלויז אַ קליינעם טייל, דאָס פאַרזאָרגן מיט גרינצייג און קאַרטאָפל, זענען מיר פאַרפליכטעט מיט דער מי פון אונדזערע הענט. אלדאָס איבעריקע — פון אַ צווייטן קוואַל.

אונדזער באַנוצן־זיך מיט דער ערד איז אומגעזעצלעך. מיר האָבן זיך עס זעלבסט דערלויבט, בגניבה פון די מאַכט־אָרגאַנען־באַפולמעכ־טיקטע. אונדזער האַקן האָלץ אין וואַלד, איז גניבה. און דאָס וואָס מיר גנבענען פון דער רעגירונגס־קעשענע, איז זיך נישט צום פאַרענטפערן דערמיט, וואָס דאָס איז פריער געווען קריוגערס קעשענע. מיקוליצין קוקט אויף אונדז דורך די פינגער און ער אַליין לעבט, מער־ווייניקער, אויף דעם זעלבן אופן. אונדז ראַטעוועט דער מרחק, וואָס דערווייטערט אונדז פון דער שטאָט, וועלכע ווייסט נישט פאַרלויפיק, צום גליק, פון אונדזערע מעשים.

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דער מעדיצין און איך פאַרשווייג דאָס, וואָס איך בין אַ דאָקטאָר, כדי נישט צו בינדן מיין פרייהייט. נאָר תמיד טרעפט־זיך אַ גוטע נשמה ערגעץ אין עק־וועלט, אַז אין וואַריקינאָ האָט זיך באַזעצט אַ דאָקטאָר. און איבער אַ דרייסיק וויאָרסט שלעפּט מען זיך נאָך אַן עצה, ווער — מיט אַ הינדעלע, ווער — מיט אייער, ווער — מיט פּוטער, אָדער מיט נאָך וואָס־עס־איז. ווי איך זאָל זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם האָנאָראַר, קען איך זיך פון זיי נישט אַרויסדרייען, דערפאַר ווייל מענטשן גלויבן נישט אין דער ווירקזאַמקייט פון אַן אומזיסט־געגעבענער עצה. אַזוי, אַז עפּעס־וואָס גיט מיר די מעדיצין־פּראַקטיק. נאָר אונדזער און מיקוליצינס הויפּט־אָנשפּאַר איז — סאַמדיעוויאַטאָוו.

דער מוח באַנעמט נישט, וואָס פאַר אַ קעגנזאַצן עס פאַרמאָגט אין זיך אָט־דער מענטש. ער איז אויפריכטיק פאַר דער רעוואָלוציע און ער פאַרדינט דעם צוטרוי פון דעם יוראַטינער שטאָט־ראַט. מיט דעם כוח פון זיינע פולמאַכטן וואָלט ער געקענט רעקווירירן און אַרויספירן דעם וואַרי־קינער וואַלד, אונדז און מיקוליצינען נישט פרעגנדיק, און מיר וואָלטן קיין וואָרט נישט געזאָגט. פון דער אַנדערער זייט, וועלנדיק באַגנבענען דער מאַכט, וואָלט ער געקענט רויִק לייגן אין קעשענע. וואָס און וויפל ער וואָלט נאָר נישט געוואָלט, וואָלט ער גענומען און קיינער וואָלט קיין פּיפּס

נישט געטון. ער דאַרף זיך מיט קיינעם נישט טיילן און קיינעם נישט געבן. איז וואָס־זשע צווינגט אים, צו זאָרגן פאַר אונדז, העלפן מיקוליצינען און אונטערהעלפן אַלעמען אין קרייז, ווי למשל, דעם נאַטשאַלניק פון דער באַן־סטאַציע אין טאָרפינאַיאַ? ער פאָרט כסדר אַרום, באַקומט ער עפּעס ברענגט ער צופירן און טענהט, רעדט און קלייבט זיך־פאַנאַנדער אין דאָסטאָיעווסקיס „טייוולאָנים“ און אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט מיט דעם זעלבן אינטערעס. און מיר דאַכט־זיך, אַז ווען ער וואָלט נישט אַזוי אומ־נויטיק און אומבאַרעכנט פאַרקאָמפּליצירט זיין לעבן, וואָלט ער וואָר־שיינלעך געשטאָרבן פון לאַנגווייליקייט.

2

אַביסל שפּעטער האָט דער דאָקטאָר פאַרשריבן:

„מיר האָבן זיך באַזעצט אין אונטערשטן טייל פון דעם אַלטן פּריצישן הויז, אין הילצערן־צוגעבויטע צוויי צימערן, וואָס זענען אין אַנגאַ איוואַנאָווונאַס קינדער־יאָרן באַשטימט־געוואָרן דורך קריוגערן פאַר די אויסדערווילטע באַדינערינס: פאַר דער שטוב־נייטאָרין פאַר דער עקאָנאָמקע און פאַר דער עמעריטירטער ניאַניע.

דאָס דאָזיקע ווינקל איז געווען היפּש־אָנגעלאָזן. מיר האָבן אים גענוג שנעל פאַריכט. מיט דער הילף פון די, וואָס האָבן דעריין אַן אַנונג, האָבן מיר אויפסניי איבערגעשטעלט דעם אויוון, וועלכער גייט־אַרויס איןביידע צימערן. מיט דער איצטיקער איינאָרדענונג פון דעם געבויגן און געדרייטן קוימען, גיט דער אויוון מער וואַרעמקייט.

אין דעם ווינקל פאַרק זענען פאַרשוווּנדן די שפּורן פון דער פרי־ערדיקער פּלאַנירונג, אונטער די נייע געוויקסן, וואָס האָבן אַלץ באַדעקט. איצט, ווינטער, ווען אַלץ אַרום איז אָפּגעשטאָרבן, און דאָס לעבעדיקע פאַרדעקט נישט דאָס טויטע, מאַכן די אָנגעטראָגענע שנייען נאָך בולטער די צייכנס פון דאָס געוועזענע.

עס האָט אונדז אָפּגעגליקט. דער האַרבסט איז געווען אַ טרוקענער און אַ וואַרעמער. די קאַרטאָפל האָבן מיר באַוויזן אויסצוגראָבן נאָך פאַר די רעגנס און פאַר די אָנקומענדיקע קעלטן. אויסער די צוריקגעגעבענע קאַרטאָפל, וואָס מיר האָבן געהאַט געבאָרגט ביי מיקוליצינען, פאַרמאָגן מיר איצט ביי צוואַנציק זעק אין קעלער־שפּייכלער, באַדעקטע אויבן, מיט היי און מיט אַלטע צעריסענע קאָלדרעס. דאָרטן האָבן מיר אויך אַראָפּגעלאָזן צוויי פעסער קרויט און צוויי פעסער אוגערקעס, וואָס טאָניאַ האָט איינגעזאַלצן און איינגעזויערט. די

פרישע קרויט־קעפ האָבן מיר פאַרוויזן צעהאַנגען איבער די בעלקעס פון קעלער. דעם מייערן־זאַפּאַס האָבן מיר פאַרשאָטן מיט טרוקענעם זאַמד, אַזוי אויך — אַ גענוגנדיקע צאָל אַראַפּגענומענע רעטעכער, בוראַקעס און ריבן, אויבן, אין שטוב ווידער — אַ שפּע פון אַרבעס און באָבעס. די אָנגעפּירטע האָלץ אין שטאָל וועט קלעקן ביז פרילינג. ווינטערצייט האָב איך ליב דעם וואַרעמען אונטערערדישן אָטעם, וואָס גיט דיר אַ זעץ אין נאָז מיטן געריך פון וואָרצלען, ערד און שניי, ווי די גיסט נאָר אַ דעק־אויף דאָס טירל פון קעלער אין אַ פריער שעה, אין ווינטער־באַגינען, מיט אַ שוואָך, זיך־לעשנדיק פלעמל אין די הענט.

גייסט אַרויס פון שטאָל, עס פאַרנעמט־זיך נאָכנישט אויף טאָג, טוסט אַ סקריפּ מיט דער טיר, אָדער טוסט צופעליק אַ נאָס, עס סקריפּעט פּשוט דער שניי אונטער די פיס, און פון ווייטערע גאָרטן־בייטן מיט די קעפּלעך קרויט וואָס שטאַרצן אונטערן שניי בערגלעכווייז, וועקן זיך־איבער און נעמען זיך באַוועגן האָזן, לאָזנדיק נאָך זיך שפּורן אין דער לענג און אין דער ברייט אין דעם שניי אַרום. און איינער נאָכן אַנדערן, אין דער גאַנצער סביבה, צעבילן־זיך לאַנג די הינט. די לעצטע הענער האָבן שוין פריער געקרייט, איצט איז נישט זייער צייט צו קרייען. און עס הויבט־אָן טאָגן.

אויסער די שפּורן פון די האָזן, שניידט־דורך דעם אומגעהייער־ברייטן שניי־שטח די פעלד־מויז, לאָזנדיק גריבל־נאָך־גריבל, וואָס ציט זיך ווי אַ פאָדעם. אַ פעלד־מויז גייט ווי אַ קאָץ, לאַפּקע נאָך לאַפּקע, דורכמאַכנדיק, ווי מען זאָגט, במשך אַ נאַכט, אַ פיל־וויאָרסטיקן מהלך.

פאַר די פעלד־מייז צעשטעלט־מען פולאַפּקעס, „סלאָפּצעס" הייסן זיי דאָ, נאָר אנשטאָט די פעלד־מייז, פאַלן דאָרט אַריין נעבעך די האָזן, וועלכע מען נעמט־אַרויס געפרוירענע, פאַרשטיינערטע, פאַרדעקטע מיט שניי.

אין אָנפאַנג, פרילינג און זומער, איז געווען זייער שווער, מיר האָבן פון זיך אַרויסגעשלאָגן די כוחות. איצט, אין די ווינטערדיקע אָוונטן, רוען מיר זיך־אויס. אַ דאַנק אנפימען, וועלכער באַזאָרגט אונדז מיט נאַפט, זאַמלען מיר זיך צונויף אַרום דעם לאָמפּ. די פרויען נייען אָדער שטריקן און איך מיט אַלעכסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטשן לייענען אויפן קול. עס הייצט־זיך דער אויוון. איך, ווי אַ לאַנג־אַנערקענטער הייצער, גיב אַכטונג אויף אים, עס זאָל אין דער צייט פאַרמאַכט־ווערן דער שיבער און די היץ זאָל נישט אַרויס. אויב אַ נישט־דערברענטע האָלאָוועשקע (גלאָוונע) שטערט, נעם איך זי אַרויס אַ רויכערנדיקע און טראָג זי שנעל אַרויס לויפנדיק אינדרויסן, איבער דער שוועל און איך פאַרוואַרף זי ווייט אין

שניי. זי פליט ווי אַ ברענענדיקער פּאַקעל וואָס צעשיט פונקען אינדער־לופטן, באַלייכטנדיק אַ שטיק שוואַרצן, שלאָפנדיקן פּאַרק, מיט ווייסע גראָז־קוואַדראַטן, און פאַלט אין שניי.

אָן אַן ענדע לייענען מיר „מלחמה און שלום", „יעווגעני אָניעגין" און אַלע פּאָעמען. מיר לייענען אין רוסישער איבערזעצונג סטענדאַלס „שוואַרצע און רויטע", דיקענס „דערציילונג וועגן צוויי שטעט" און די קורצינקע דערציילונגען פון קלייסט.

3

נענטער צום פרילינג האָט דער דאָקטאָר פאַרשריבן:

„מיר דאַכט־זיך, אַז טאַניא איז אין אַנדערע אומשטענדן. איך האָב איר וועגן דעם געזאָגט. זי איז נישט מסכים מיט מיין פאַרדאַכט און איך בין אין דעם זיכער. ביז עס ווייזן־זיך מער איבערצייגנדיקע סימנים, קענען מיך די ערשטע, ווייניקער מערקבאַרע נישט נאַרן.

דאָס געזיכט פון דער פרוי ענדערט־זיך. מען טאָר נישט זאָגן, אַז עס ווערט מיאוס. נאָר איר אויסערלעכקייט, וואָס איז אינגאַנצן געווען אונטער איר אייגענער אויפזיכט, גייט־אַרויס פון איר קאָנטראָל. עס גע־וועלטיקט איבער איר דאָס קינפטיקע, וואָס וועט אַרויס פון איר, און זי איז שוין מער נישט אַליין. דאָס געשטאַלט פון דער פרוי, וואָס גייט־אַרויס פון איר קאָנטראָל, קריגט דעם אויסזען פון פיזישער פאַרלוירנקייט, ביי וועלכער דאָס געזיכט טונקלט, די הויט — נישט גלאַטיק, און עס הויבן אָן צו גלאַנצן אירע אויגן גאָר־אַנדערש, נישט אַזוי ווי איר ווילט־זיך, ווי זי וואָלט זיך שוין מער קיין עצה נישט געגעבן און זיך אָפּגעלאָזן.

איך און טאַניא האָבן זיך קיינמאָל נישט דערווייטערט איינער פון אַנדערן. נאָר אָט דער שווערער יאָר האָט אונדז נאָך מער דערנענטערט. איך האָב אָבסערווירט ווי רירעוודיק, קרעפטיק און אומדערמידלעך טאַניא איז, ווי קלוג איך צוקלייבן די אַרבעט, ביי וועלכער זי זאָל פאַרלירן וואָס־ווייניקער צייט.

עס האָט זיך מיר שטענדיק געדאַכט, אַז יעדע שוואַנגערשאַפט איז הערלעך־ריין, אַז אין דער דאָגמע אין שייכות דער הייליקער מוטער, איז אויסגעדריקט די אַלגעמיינע אידייע פון מוטערשאַפט.

אויף יעדער קימפּעטאָרין ליגט דער זעלבער אָפּשיין פון איינזאַמ־קייט און פאַרלאָזנקייט. זי איז איבערגעלאָזן צו איר אייגענעם גורל. דער מאַן איז אַזוי נישט־דערביי, אין אָט דעם וויכטיקן מאָמענט, ווי ער וואָלט

דאָ קיין שום אנטייל נישט גענומען און אַלץ איז אים ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

די פרוי אַליין ברענגט אויף דער וועלט אירע נאָכפאָלגער. אַליין פאַרנעמט זי זיך דערמיט אויפן צווייטן עקזיסטענץ פּלאַן, ווו עס איז שטיל און ווי מען קען אַן מורא אַוועקשטעלן אַ וויגל. זי אַליין, מיט שווייגנ־דיקער הכנעה, קאַרמעט אים און דערציט אים.

צו דער הייליקער מוטער איז מען מתפלל: „בעט פאַר אונדז ביי דיין זון און גאָט דיינעם". מען לייגט איר אין מויל אַריין פּסוקים תהילים: „עס פרייט־זיך מיין זעל מיט גאָט מיין דערלייזער. ער האָט געזען די פּיין פון זיין הכנעהדיקער דינסט און ער וועט בענטשן אַלע מיינע טעג". דאָס רעדט זי וועגן איר קינד, וואָס וועט איר גרויס מאַכן. ער איז איר לויב. אַזוי קען זאָגן יעטוועדע פרוי. איר גאָט איז אין איר קינד. די מוטערס פון גרויסע לייט דאַרף זיין באַקאַנט דאָס געפיל. נאָר אַלע אַן אויסנאַם מאַמעס, זענען מאַמעס פון גרויסע לייט, און עס איז נישט זייער שולד, אַז דאָס לעבן נאַרט זיי שפּעטער אָפּ.

4

„אַן אַ סוף לייענען מיר „יעווגעני אָניעגין" און די פּאָעמען. נעכטן איז געווען אָנפּים, ער האָט אָנגעבראַכט מתנות. מיר נאַשן, מאַכן זיך באַוווסטזיניק און שמועסן אַן אַ סוף וועגן קונסט.

פון לאַנג־אַן איז מיין מיינונג, אַז קונסט הייסט נישט קיין גרופּע אָדער קיין קרייז וואָס נעמט־אַרום אַן אומגעהייערע צאָל באַגריפן און פאַרצווייגטע דערשיינונגען, נאָר פאַרקערט, עטוואָס קאָנצענטרירטס און קאָנדענסירטס, וואָס באַצייכנט דעם יסוד אין דעם צוזאַמענשטעל פון קינסטלערישער שאַפונג; דער נאָמען פון דער אָנגעווענדטער עמאָציע, אָדער פון אַן ענטוויקלטן אמת. און קונסט איז ביי מיר קיינמאָל נישט געווען קיין קעגנשטאַנד אָדער אַ זייטיקע פאָרם, נאָר גיכער — אַ געהיימער, באַהאַלטענער טייל פון דעם אינהאַלט. דאָס איז מיר קלאָר ווי דער טאָג, איך פיל עס מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה. נאָר ווי זאָל איך אויסדריקן און אויספאָרמען אָט דעם געדאַנק?

שאַפונג דריקט זיך אויס מיט פאַרשידנס: מיט טעמען, צושטאַנדן, מיט סיפור־המעשה, מיט העלדן. אָבער מער פון אַלץ דריקט זיך עס אויס מיט דער קונסט, וואָס זי פאַרמאָגט אין זיך. די אָנוועזנהייט פון קונסט אויף די זייטלעך פון „פאַרברעכן און שטראָף" טרייסלט מער אויף, ווי דאָס פאַרברעכן פון ראַסקאָלניקאָוון.

די פּאַרצייטישע קונסט, די עגיפּטישע, גריכישע, אונדזערע, במשך פון אַ סאַך טויזנטער יאָר, איז געווים איינע און די זעלבע און זי פאַר־בלייבט איינס: קונסט. דאָס איז אַזאַ געדאַנק, אַזאַ ברייט־אַרומנעמענדיקע לעבנס־באַצייכענונג, וואָס צעלייגט זיך נישט אויף איינציקע ווערטער. און ווען איין קערנדל פון אָט דעם כוח קומט־אַריין אין דעם צוזאַמענ־שטעל פון אַ וועלכן־עס־איז קאָמפּליצירטן געמיש, — וועגט־אַריבער דער צומיש פון קונסט די באַדייטונג פון אַלדאָס איבעריקע און עס ווערט דער מהות, די נשמה, דער יסוד פון גאַנצן בילד.

5

„אַ ביסל פּאַרקילט, הוסט און, געוויס נישט קיין הויכע היץ. אַ גאַנצן טאָג פאַרהאַקט עס דעם אָטעם ערגעץ ביים שלונג, קורטשענדיק־זיך און שטופּנדיק־זיך צום גאָרגל. אַ פּאַסקודנער עסק. דאָס איז די הויפּט־בלוט־אַרטעריע פון הארץ. דאָס זענען די ערשטע סימנים פון דער ירושה־קרענק פון מיין אָרעמער מוטער, וואָס האָט אַלע יאָרן געליטן אויפן האַרץ. זאָל עס אמת זיין? אַזוי פרי? אויב אַזוי, בין איך דאָך נישט אויף לאַנג אַ באַוווינער אויף דער ליכטיקער וועלט.

אין צימער איז אַ לייכטער רויך. עס שמעקט מיט וועש־פּרעסן. מען פּרעסט און, דאָס איז אויך אַן אַרבעט. פון דעם נישט־אויסגעברענטן אויוון נעמט מען אַרויס די האַלב־קוילן מיט פלאַמענדיקן גלי און מען וואַרפט זיי אַריין אין פּרעס־אייזן, וואָס האָט אַזאַ אויסגעשניטענעם צודעק, ווי מיט ציינער. עפּעס דערמאָנט עס מיך. איך געדענק נישט וואָס. דאָס איז אַ מין פאַרגעסן פון קראַנקע.

מיט דער שמחה פון באַקומען אַ גרויס שטיק זייף, וואָס אנפים האָט געברענגט, האָט מען זיך פאַרנומען אויף אַ גענעראַל־וועש, און שו־ראַטשקאַ איז שוין צוויי טעג אַן אַן אויפזיכט. ער קריכט־אַרונטער, ווען איך שרייב, אונטערן טיש, זעצט־זיך דאָרט אויפן פיס־ברעטל און נאָכ־מאַכנדיק אַנפימען, וועלכער נעמט אים יעדעס מאָל פאָרן אויפן שליטן, וויגט ער מיינע פיס, ווי ער וואָלט מיך אַצינד געפירט אין אַ שליטן.

אַז איך וועל געזונט־ווערן, וועט מען דאַרפן צופאָרן אין שטאָט, לייענען עפּעס־וואָס וועגן דער עטנאָגראַפיע און געשיכטע פון דער געגנט. מען פאַרזיכערט מיר, אַז דאָ איז פאַראַן אַ הערלעכע שטאָט־ביבליאָטעק, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט־געוואָרן פון איינציקע רייכע שפּענדונגען. עס ווילט־זיך שרייבן. מען דאַרף זיך אונטעראיילן. קוקסט זיך קוים אַרום

און, באַלד איז שוין פרילינג. דאַן וועט שוין קיין צייט זיין צום לייענען און שרייבן.

עס שטאַרקט־זיך אַלץ דער קאָפּ־ווייטיק. איך בין שלעכט געשלאָפן. איך האָב געהאַט אַ פאַרפּלאָנטערטן חלום, איינער פון די, וועלכע פאַרגעסן־זיך תיכף, נאָכן איבערוועקן־זיך. דער חלום איז אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ און אין באַוווסטזיין איז געבליבן די סיבה פון אויפוועקן־זיך. עס האָט מיך אויפגעוועקט אַ פרויען שטימע, וואָס כ'האָב געהערט אין שלאָף און וואָס האָט אין שלאָף געהילכט אין דער לופט. איך האָב געדענקט דעם קלאַנג פון דער שטים און ווען איך האָב זיך צוגעהערט צו אים אין זכרון, האָב איך געגומען אין געדאַנק איבערקלייבן באַקאַנטע פרויען, נאָכזוכנדיק, וועמער פון זיי האָט עס געקענט זיין די אייגנטימערין פון אָט דער ברוסטיקער, געדעמפּט־שטילער, זאַפטיקער שטים. זי האָט נישט געהערט צו קיינער. עס קען זיין, האָב איך אַ קלער־געטון, אַז די איבער־מאָסיקע צוגעוווינטקייט צו טאָניען שטייט צווישן אונדז און פאַרטעמפּט מיין געהער אין באַציאונג צו איר. איך האָב פּרובירט פאַרגעסן, אַז זי איז מיין ווייב און ד'ערווייטערן איר געשטאַלט אויף אַ מרחק, גענוג פאַר ריכטיקער באַטראַכטונג. ניין, דאָס איז אויך נישט געווען איר שטימע. אַזוי איז עס געבליבן נישט־אויפגעקלערט.

אין אגב, וועגן חלומות. עס איז אָנגענומען, אַז ביינאַכט חלומט־זיך געוויינלעך דאָס, וואָס האָט בייטאָג געמאַכט אויף דיר דעם שטאַרקסטן איינדרוק. איך האָב אַ פּונקט־פאַרקערטן קוק אויף דעם.

איך האָב נישט־איינמאָל באַמערקט, אַז דווקא זאַכן, וואָס זענען בייטאָג קוים באַמערקט־געוואָרן, נישט רייף־געוואָרענע געדאַנקען, ווער־טער אַרויסגעזאָגטע אָן האַרץ און איבערגעלאָזענע אָן איינדרוק, — קערן זיך אום ביינאַכט אָנגעטון אין בלוט און פלייש און זיי ווערן דער אינ־האַלט פון חלום־בילד, ווי נוקם צו זיין זיך פאַר דער בייטאָגיקער גרינג־שעצונג צו זיי.

6

„אַ ליכטיקע פראָסטיקע נאַכט. אַן אומגעוויינלעכע העלקייט און זעאונגס־קאָנצענטרירטקייט. די ערד, די לופט, די לבנה, די צוגעשמידע שטערן צוגענאָגלט דורכן פראָסט. אין דער ברייט פון די פּאַרק־אַלעען ליגן דייטלעכע שאָטנס פון די ביימער, וואָס זעען־אויס ווי אויסגע־טאָקטע אָדן בולטע. עס דוכט־זיך כסדר, אַז טונקעלע פיגורן, אין פאַר־שידענע ערטער, גייען אָן־סופיק אַריבער דעם וועג. גרויסע שטערן, ווי

בלויע לאַמטערנעס, הענגען אין וואַלד צווישן די צווייגן. מיט קליינע שטערן, ווי אַ זומער־פעלד מיט רומיאַנעק־בלימלעך, איז דער גאַנצער הימל פארזייט.

מיר זענען ממשיך אין די אָונטן צו שמועסן וועגן פּושקינען. זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די ליצייאישע געדיכטן פון ערשטן באַנד. וויפל עס איז אָפּהענגיק פון דעם אויסוואַל פון די סטראָף־מאָסן.

ארזאמאס, וועלכער האָט געשריבן לידער מיטברייטע שורות, באַגרענעצט דורך יוגנטלעכער כבוד־גייציקייט, מיטן פּאַרלאַנג, נישט אָפּ־צושטיין פון די עלטערע, — האָט זיי געשאָטן מיטאָלאָגישן שטויב אין די אויגן, מיט אָנגעבלאָזענער מליצה, מיט אויסגעטראַכטער אפיקורסות און הפקרות, מיט אַ פאַראויסיקן אָנשטעל פון געזונטן דענקען.

נאָר האָט דער יונגערמאַן קוים נאָכגעמאַכט אָססיאַנען, אָדער פּאַ־רינען, אָדער די „זכרונות פון צאַרסקאָיע סיעלאָ״, — איז ער שוין אָנ־געפאַלן אויף די קורצינקע שורות פון „שטעטל״ אָדער „בריוו צו אַ שוועסטער״, אָדער אויף דעם שפּעטרדיקן „צו מיין טינטער״, וואָס איז געשריבן־געוואָרן אין קישיניעוו, אָדער אויף די ריטמען פון „בריוו צו יודינען״, אין וועלכע עס וואַכט־אויף און צעוואַקסט־זיך דער גאַנצער צוקונפטיקער פּושקין.

אין די געדיכטן, פּונקט ווי דורך אַ פענצטער אין צימער אַריין, האָבן זיך אַריינגעריסן פון דער גאַס ליכט און לופט, דער רויש פון לעבן, זאַכן, אינהאַלטן. קעגנשטאַנדן פון דער דרויסנדיקער וועלט, לעבנס־באַדערפענישן, וואָס האָבן זיך אַלע צוזאַמענגעדריקט און באַזעצט און באַהערשט די שורות, אַרויסשטויסנדיק די ווייניקער־באַשטימטע שפּראַך־טיילן. קעגנשטאַנדן, קעגנשטאַנדן, קעגנשטאַנדן האָבן זיך אויס־געשטעלט אין ריטמישע רייען אין די גרענעצן פון געדיכטן.

נאָכפאָלגנדיק פּושקינס באַרימטן פיר־זילביקן ריטם, איז אויפגע־קומען עפּעס אַ מין שטח־מעסטער פון רוסישן לעבן, מיט אַ גלייך־ליניע־דיקער מאָס. פּונקט אַזויווי דאָס וואָלט געווען אַראָפּגענומען אַ מאָס פון דער רוסישער עקזיסטענץ, ענלעך צו דעם, ווי מען נעמט־אַראָפּ אַ פאָרם פון אַ פוס פאַר אַ שוסטערשן מאָדעל, אָדער ווי מען רופט־אָן אַ נומער פון הענטשקעס, צוצופּאַסן זיי צו דער האַנט.

אַזוי האָבן־זיך שפּעטער אויסגעדריקט די רעדנס־ריטמען פון רוס־לאַנד, דער ניגון פונם רעדנס־אַרט, — אין דער לאַנג־מאָסיקייט פון ניע־קראַסאָווס דאַקטילישע און דריי־טאַקטיקע ריטמען.

7

"ווי עס וואָלט זיך געוואָלט, צוגלייך מיט דער אַרבעט, מיט דער דאָרפישער מי אָדער מעדיצינישער פּראַקטיק, אויסטראָגן עטוואָס דויערנ־דיקס פאַר דער אייביקייט, עטוואָס קערנדיקס; שרייבן וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, אָדער עפּעס אַ קינסטלערישע שאַפונג.

יעדער מענטש ווערט געבוירן אַ פאַוסט, ער זאָל אַלץ אַרומנעמען, אַלץ אויספּרוּוון, אַלץ אויסדריקן. וועגן דעם, אַז פאַוסט זאָל זיין געבילדעט, האָבן זיך באַמיט די פעלערן פון די פאָרגייער און פון די היינטצייטיקע. אַ טריט פאָראויס אין דער וויסנשאַפט ווערט געמאַכט לויטן געזעץ פון אָפּשטויסן, פון אָפּלייקענען די הערשנדיקע פאַרבלאָנדזשענישן און ליג־נערישע טעאָריעס.

און וועגן דעם, אַז פאַוסט זאָל זיין אַ קינסטלער, האָבן זיך באַמיט די אָנשטעקנדיקע ביישפּילן פון די לערער. אַ טריט פאָראויס אין דער קונסט ווערט געמאַכט לויטן געזעץ פון צוציִונג, נאָכאָמונג און פאַרערונג פון די באַליבטע פאָרגייער און זייערע שטרעמונגען.

וואָס־זשע שטערט מיך צו דיכטן, היילן און שרייבן? איך מיין, אַז נישט דאָס וואַנדערן און די נויט, די נישט־שטאַנדהאַפטיקייט און אָפטע ענדערונגען, — נאָר דער גייסט פון דער קאָנקרעטער פּראָזע וואָס הערשט אין אונדזערע טעג און איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אָט דאָס שטערט מיר. דאָס איז עס: דער באַגינען פון דער נייער צייט, דאָס בויען אַ נייע וועלט, דער פאַקעל פון דער מענטשהייט. הערנדיק דאָס, דאַכט־זיך פון אָנהויב: וואָס פאַר אַ ברייטקייט פון דער פאַנטאַזיע! וואָס פאַר אַ רייכקייט! און פאַקטיש איז עס בלויז גאַוודיקע רייד פון אומבאַהאָלפנקייט, טאַלאַנט־אָרעמקייט.

לעגענדאַר איז נאָר דאָס פּשוטע, ווען עס רירט זיך־צו צו דעם די האַנט פון דעם זשעני. דער בעסטער ביישפּיל פאַר דעם איז פּושקין. וואָס פאַר אַ לויב־ווערטער דער ערליכער מי, דער פליכט, די טאָג־טעגלעכע מנהגים! איצט האָבן ביי אונדז גענומען קלינגען שפּאָטיש: „שטאָטישער", „בירגער". אָט דער שפּאָט איז פאָראויסגעזאָגט אין די שורות פון ליד „יחוס־שטאַם":

„איך בין אַ בירגער, איך בין אַ בירגער".

און פון „אָניעגינס רייזעס":

„מיין אידעאַל אַצינד — אַ ווירטן.
מיין פאַרלאַנג — אַ ביסל רו,
אַ טעפּל קרויט נאָר גרויס דערצו".

פון דעם גאַנצן רוסישן, איז מיר איצט ליבער פון אַלץ די רוסישע קינדהייט פון פּושקינען און טשעכאָוון, זייער שעמעוודיקע זאַרגלאָזיקייט וועגן אַזעלכע הויכע זאַכן ווי די גויטיקע צילן פון דער מענטשהייט און זייער אייגענע רעטונג. אויך זיי האָבן זיך אין די זאַכן גוט פאַנאַנדער־געקליבן, נאָר ווי קומען זיי צו אַזעלכע אומבאַשיידנקייטן? — צוליב וואָס און צוליב וועמען? גאָגאָל, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי האָבן־זיך גע־גרייט צום טויט, זענען געווען באַאומרויקט, זיי האָבן געזוכט אַ זין, האָבן אונטער־געצויגן סך־הכלען, דערביי זענען זיי ביזן סוף, כסדר פאַרנומען־געווען מיט די לויפנדיקע ענינים פון זייער קינסטלערישן באַרוף, און נאָכפאָלגנדיק אָט די פּרטים, איז אומבאַמערקט פאַרביי דאָס לעבן, אַזוי־ווי אַ פּריוואַטער, קיינעם נישט־אָנגייענדיקער פּרט. איצט האָט זיך אָט דער פּרט אַרויסגעוויזן אַלס אַן אַלגעמיינער ענין און ער איז געגליכן צו די עפּל וואָס מען רייסט פּריצייטיק פון די בוימער און זיי ווערן נאָכדעם אַליין רייף, אָנגיסנדיק־זיך אַלץ מער מיט זיסקייט און זינלעכקייט".

8

„די ערשטע פרילינג־בשורות. עס שמעלצט־זיך דער שניי. די לופט שמעקט מיט בראָנפן און בלינצעס, ווי אין די מילכיקע טעג, ווי דער קאַלענדאַר אַליין וואָלט געמאַכט קאַלאַמבורן. שלעפעריק, ווי מיט פוטער־דיקע אויגעלעך, זשמורעט די זון אין וואַלד; שלעפעריק, מיט גאָלדיקע וויע־הערעלעך באַוועגט זיך דער וואַלד. בוימלדיק גלאַנצן אין מיטנטאָג די ריטשקעלעך. די נאַטור גענעצט, ציט־זיך, קערט זיך־איבער אויף דער אַנדערער זייט און שלאָפט ווידער איין.

אין זיבעטן קאַפּיטל פון „יעווגעני אָניעגין" איז פרילינג. נאָך אָניעגינס אָפּפאָרן, פוסטעוועט דאָס פּריצישע הויז. לענסקיס קבר איז אונטן, ביים וואַסער, נעבן באַרג.

און דער נאַכטיגאַל, דעם פרילינגס ליובאָווניק,

זינגט אַ גאַנצע נאַכט. עס בליט דער „שיפּאָווניק"[1].

פאַרוואָס, „געליבטער"? „ליובאָווניק"? אין אַלגעמיין איז דער עפּיטעט אַ נאַטירלעכער, אַ פּאַסיקער. ווירקלעך — אַ געליבטער. אויסער דעם, איז דאָ דער גראַם צום וואָרט „ליובאָווניק" — „שיפּאָווניק". נאָר

1. אַזאַ בריענדיק געוויקס.

קלאַנגלעך וואָלט זיך עס דען נישט געזאָגט, מעשה־מעסיג, „סאָלאָוויי־ראַזבאָיניק" (נאַכטיגאַל־רוצח)?

אין דער מעשהלע איז דער „נאַכטיגאַל־רוצח" אַדימאַנצעוו׳ס זון. ווי שיין עס זאָגט־זיך וועגן אים:

צוליב אים דען, צוליבן פּייף פון נאַכטיגאַל,
צוליב אים דען, צוליב זיין ווילד געשריי אין וואַלד,
די גרעזלעך־מוראַשקעלעך צעלויפן און פאַרהיטן־זיך
און אַלע בלויע בלימעלעך צעשיטן־זיך,
טונקעלע וועלדעלעך צו דער ערד זיי בויגן־זיך,
און אַלץ וואָס פאַרן מענטשן, שטאַרבנדיק צעלייגן־זיך.

אין פריען פרילינג זענען מיר געקומען־צופאָרן קיין ווארריקינאָ. גיך איז אַלץ באַגרינט־געוואָרן, באַזונדערס אין שוטמע, — ווי עס הייסט דער טאָל הינטער מיקוליצינס הויז, — דער נוסבוים, די טשערעמכע, די אָלכע. עטלעכע נעכט שפּעטער האָבן זיך דין געלאָזן הערן די נאַכטיגאַלן.

און ווידער, ווי איך וואָלט עס געהערט צום ערשטן מאָל, האָט מיך פאַרוווּנדערט דאָס, וואָס עס טיילט־זיך אַזוי־אויס דאָס געזאַנג פון די נאַכטיגאַלן פון די איבעריקע פויגלשע פייפערייען; וואָס פאַר אַ שפּרונג, אַ אומשטופּנוויזן איבערגאַנג מאַכט עס די נאַטור פאַר דער רייכקייט און וווּנדערלעכקייט פון אָט דעם טרילן. וואָס פאַר אַ פאַרשידנאַרטיקייט פון איין פייגל־שבט צום אַנדערן. און וואָס פאַר אַ כוח ליגט אין דער לויטערקייט פון דעם זיך ווייט צעטראָגנדיקן קלאַנג! ערגעץ ביי טורגעניעוון זענען באַשריבן אָט־די צוויטשערייען פון פויגעלעך. באַזונדערס האָבן זיך אויסגעטיילט צוויי פראַזן: אָן אויסגעבילדעט־תאוותדיקער און פּרעכטיקער „טיאָך־טיאָך־טיאָך". אַמאָל דריי־זילביק, אַמאָל — אָן אַ צאָל, וואָס אַלס ענטפער דערויף, האָט זיך די גאַנצע, טוי־באַדעקטע ווילד־פאַרוואַקסנקייט אַ צעטרייסל־געטון און שענער געוואָרן, צאַפּלענדיק ווי פון קיצלען. און אַ צווייטע פראַזע, וואָס טיילט־זיך אין צוויי זילבן, אַ רופנדיקע, רירנדיקע און דורכדרינגלעכע, ענלעך צו אַ געבעט. „אָטש־ניס׳! אָטש־ניס׳! אָטש־ניס׳!" (וואַך־אויף).

9

פרילינג. מיר גרייטן־זיך צו פעלד־אַרבעט. נישטאָ מער קיין צייט פאַר מיין טאָג־בוך. און עס איז אָנגענעם געווען צו מאַכן די פאַרצייכענונגען. עס וועט אויסקומען אָפּצולייגן דאָס ביז ווינטער.

די טעג, דאַסמאָל באמת אין די מילך־טעג, איבערן שלעכטן וועג אין הויף־אַריין, אין וואַסער און אין בלאָטע, איז געגעבן אַ פּאַר־אַריין אַ קראַנקער פויער. פאַרשטייט־זיך, אַז איך זאָג זיך־אָפּ אַנצונעמען. „זיי נישט בייז, ליבער, — זאָג איך אים — איך האָב אויפגעהערט דערמיט זיך צו פאַרנעמען. איך האָב נישט קיין געהעריקע מעדיקאַמענטן און נישט קיין פּאַסיקע אינסטרומענטן". נו, צי דען ווערט מען אים אַזוי פּטור ? „העלף, מיט דער הויט מאַטער איך זיך. האָב רחמנות. אַ לייב־קרענק".

וואָס זאָל מען מאַכן ? אַ האַרץ איז נישט קיין שטיין. באַשלאָסן אָנ־נעמען. „טו זיך אויס". איך באַטראַכט אים. „דו האָסט די וואָלף־קרענק". איך פאַרנעם זיך מיט אים, טו אַ זייטיקן קוק צום פענצטער צו דער פלאַש מיט קאַרבאָלקע. (גאָט געזעגנעטער, פרעגט נישט פון וואַנען איך האָב עס ; און נאָך עפּעס, דאָס סאַמע־נויטיקע ! דאָס אַלץ האָט סאַמדיעוויאַטאָוו געבראַכט). איך טו אַ קוק, — אויפן הויף זענען דאָ נאָך שליטנס מיט פרישע קראַנקע, ווי מיר דוכט־זיך אין ערשטן מאָמענט. און ווי פון הימל, פאַלט־אַריין דער ברודער יעווגראַף. ער ווערט קודם־כל אַרומגעכאַפּט פון הויזגעזינד, פון טאָניען, שוראָטשקען און אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטשן. שפּעטער, ווען איך באַפריי־זיך, פאַראייניק איך זיך מיט זיי. עס הויבט זיך־אָן אַן אויספרעגעניש : ווי ? פון וואַנען ? — ער דרייט־זיך אַרויס פון אַ קלאָרער תשובה, בע־מע, קיין איין גלייך וואָרט נישט, שמייכעלעך, וואונדערלעכקייטן, רעטענישן.

ער האָט געוווילט ביי אונדז אַרום צוויי וואָכן, זיך אָוועקלאָזנדיק אָפט אויף באַזוכן אין יוראַטין, און פלוצלונג איז ער פאַרשוואונדן, ווי אין דער ערד אַריין. פאַר דער צייט, האָב איך באַוויזן צו באַמערקן, אַז ער איז נאָך איינפלוסרייכער פון סאַמדיעוויאַטאָוון און אַז זיינע ענינים און פאַרבינדונגען זענען נאָך־ווינציקער פאַרשטענדלעך. פון וואַנען קומט ער אַליין ? פון וואַנען נעמט־זיך זיין מעכטיקייט ? מיט וואָס פאַרנעמט ער זיך ? פאַר זיין פאַרשווונדן, האָט ער צוגעזאָגט צו פאַרלייכטערן אונדז און פירן די ווירטשאַפט, אַזוי, אַז טאָניא זאָל מער צייט האָבן צו דערציען שורען און איך זאָל זיך קענען פאַרנעמען מיט מעדיצין און ליטעראַטור. מען איז נייגעריק געווען צו וויסן, וואָס ער גרייט־זיך טון פאַר אונדז. ווידער פאַרשוויגענישן און שמייכעלעך. נאָר אָפּגענאַרט האָט ער נישט. עס זענען פאַראַן אָנדייטונגען אַז די לעבנס־באַדינגונגען וועלן זיך ביי אונדז ווירקלעך ענדערן.

אַ מאָדנע זאַך ! דאָס איז דאָך מיינער אַ שטיף־ברודער. מיר טראָגן איין פאַמיליען־נאָמען. און קענען, קען איך אים, דעם אמת־געזאָגט, ווייניקער ווי וועמען־עס־איז אויף דער וועלט.

אַט איז שוין דאָס צווייטע מאָל ווי ער דרינגט־אַריין אין מיין לעבן, ווי אַ גוטער שליח, אַ מלאך־הגואל, וועלכער לייזט אַלע שווערע פּראָבלעמען. מעגלעך, אַז דער צוזאַמענשטעל פון יעדער ביאָגראַפיע פאָדערט, אַז צוגלייך מיט די האַנדלענדיקע פּערזאָנען, וואָס איר טרעפט דאָרט, — זאָל אויך זיין אַ געהיימע, אומזעבאַרע קראַפט, כמעט אַ סימבאָלישע געשטאַלט, וואָס דערשיינט אין אַ נויט־פאַל נישט־גערופענערהייט און קומט צו־הילף, און די ראָל פון דער געהיימער, ווילטעטיקער פּרוזשינע שפּילט אין מיין לעבן מיין ברודער יעווגראַף".

דערמיט האָבן זיך פאַרענדיקט די פאַרצייכענונגען פון יורי אַנדרייעוויטשן. ער האָט זיי מער נישט פאַרגעזעצט.

10

אין זאַל פון דער יוראַטינער שטאָט־ביבליאָטעק האָט יורי אַנדרייעוויטש דורכגעקוקט די באַשטעלטע ביכער. דער פילפענצטערדיקער לייענזאַל פאַר הונדערט מאַן, איז געווען באַשטעלט מיט אייניקע רייען לאַנגע טישן, מיט שמאָלינקע ברעגן, צו די פענצטער. ווען עס איז געוואָרן טונקל, איז דער לייענזאַל געשלאָסן־געוואָרן. פרילינג־צייט איז די שטאָט נישט באַלויכטן־געוואָרן אין די אָוונטן. נאָר יורי אַנדרייעוויטש האָט זיך דאָרט סיי־ווי קיינמאָל נישט פאַרזעסן ביז אָוונט און ער האָט זיך נישט פאַרהאַלטן אין שטאָט שפּעטער פון די מיטאָג־שעהן. ער פלעגט איבערלאָזן זיין פערד, וואָס מיקוליצין פלעגט אים געבן, אין סאַמדיעוויאַטאָווס איינפאָר־הויף, געלייענט אַ גאַנצן פרימאָרגן און נאָך האַלבן טאָג, זיך אומגעקערט רייטנדיק אַהיים, אין וואַריקינאָ.

ביז אַט די ווייזעס צו דער ביבליאָטעק, איז יורי אַנדרייעוויטש זעלטן געקומען קיין יוראַטין. ער האָט קיין שום ספּעציעלע ענינים נישט געהאַט אין שטאָט. דער דאָקטאָר האָט איר רעכט נישט געקענט. און ווען פאַר זיינע אויגן האָט זיך דער זאַל ביסלעכווייז אָנגעפילט מיט יוראַטינער איינוווינער, וועלכע האָבן זיך געזעצט ווער־ווייטער און ווער־נעענטער אַרום אים, האָט יורי אַנדרייעוויטש געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט זיך באַקענט מיט דער שטאָט, שטייענדיק אויף איינער פון אירע קרייץ־וועגן, און אַז אין זאַל שטראָמען זיך צוזאַמען נישט די יוראַטינער לייענער, נאָר דאָ צי'ען זיך־צוזאַמען די הייזער און גאַסן, אין וועלכע זיי וווינען.

אָבער דאָסווירקלעכע יוראַטין, דאָס אמתדיקע און נישט־אויסגעטראַכטע, האָט זיך געוויזן דורך די פענצטער אין זאַל. ביים מיטלסטן,

סאַמע גרעסטן פּענצטער, איז געשטאַנען אַ קעסל מיט געקאָכטע וואַסער. די לייענער פלעגן זיך־אָפּרוען אַרויסגייענדיק רויכערן אויף די טרעפּ, אָדער אַרומרינגלענדיק דעם באַק. זיי האָבן געטרונקען דאָס וואַסער, אויסגיסנדיק די רעשטלעך אין שווענק־שיסל און האָבן זיך געשטופּט ביי דעם פענצטער, ענטציקנדיק־זיך מיט די אויסבליקן פון דער שטאָט.

צווייערליי לייענער זענען דאָ געווען, עלטערע איינוווינער פון דער אָרטיקער אינטעליגענץ, — זיי זענען געווען די מערהייט, — און מענטשן פון פשוטן פאָלק.

די ערשטע, וואָס זייער מערהייט איז באַשטאַנען פון פרויען, זענען געווען אָרים געקליידעט, זיי זענען געווען אָפּגעלאָזן און נישט אַכטונג־געטון אויף זיך, זיי זענען געווען נישט־געזונטע, אויסגעצויגענע פּנימער, אָנגעבלאָזענע פון הונגער, פון צעגאָסענער גאַל, פון וואַסער־בלאָזן. דאָס זענען געווען די שטאַם־געסט פון לייענזאַל, וואָס זענען פּערזענלעך־באַקאַנט געווען מיט די ביבליאָטעק־אָנגעשטעלטע און האָבן זיך דאָ געפילט ווי אינדערהיים.

די פאָלקסמענטשן האָבן פאַרמאָגט שיינע און געזונטע פּנימער, ציכטיק אָנגעטון, יום־טובדיק, אין זאַל זענען זיי אַריינגעקומען שעמעוודיק־צעטומלט, ווי אין קלויסטער אַריין און זיי האָבן זיך באַנומען רויִקער, ווי דאָ איז געווען אָנגענומען, און דאָס, נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געוווסט פון אָרדענונג, נאָר דווקא אַלס פועל־יוצא פון וועלן אַריינקומען שטיל און נישט־קענען באַהערשן זייערע געזונטע טריט און שטימען.

אין דער וואַנט וואָס אַנטקעגן די פענצטער, איז געווען אַ נישע. דאָרטן אויף אַ פּאָדיום, מיט אַ העכערער פאַרצוימונג אָפּגעטיילט פון איבעריקן זאַל, האָבן זיך פאַרנומען מיט זייער אַרבעט דער הויפּט־ביבליאָטעקאַר מיט זיינע צוויי העלפּעריגס. איינע פון זיי, אַ בייזע אין אַ וואָלן טיכל, וועלכע האָט כסדר אַראָפּגענומען און צוריק אַרויפגעטון אויפן נאָז די פּענסנע (ברילן), נישט לויט די געברויכן פון מאָמענט, נאָר לויט די ענדערונגען אין איר געמיט. די צווייטע, אין אַ שוואַרץ־זיידן קאָפּטל, האָט וואַרשיינלעך געליטן אויף די לונגען, ווייל זי האָט כמעט נישט אַוועקגענומען דאָס נאָזטיכל פון מויל און נאָז און זי האָט אין דעם טיכל אַריינגערעדט און אַריינגעאָטעמט.

אויך ביי דער ביבליאָטעק־אָנגעשטעלטע זענען געווען אַזעלכע געשוואָלענע, אויסגעצויגענע פּנימער, ווי ביי אַ האַלבן לייענער־עולם, די זעלבע לויזע, נאָכהענגענדיקע הויט, מיט אַן ערד־גרויען קאָליר, ווי פון איבערגעגרינטע איינגעזאַלצענע אוגערקעס מיט גרויען שימל; און לויט

דער ריי, האָבן זיי אַלע דריי געטון איינס און דאָס זעלבע: פּליסטערנ־דיק אויפגעקלערט די נייע לייענער, די געזעצן פון באַנוצן זיך מיט ביכער, באַטראַכט די רשימות מיט באַשטעלונגען, אַרויסגעגעבן און צוריקגענומען ביכער און אין צווישנצייט — געאַרבעט איבערן צוזאַמענשטעלן געוויסע יאָר־באַריכטן.

מאָדנע, צוליב אומפאַרשטענדלעך־געקייטלטע איינפאַלן אין אַנ־בליק פון דער ווירקלעכער שטאָט, וואָס ער זעט דורכן פענצטער, און אויך צוליב אַ וואָסער־עס־איז ענלעכקייט וואָס עס רופט־אַרויס די אַלגעמיינע געשוואָלנקייט, ווי אַלע וואָלטן געליטן אויף די ציינער, האָט זיך יורי אַנ־דרייעוויטש דערמאָנט אָן דער אומצופרידענער באַן־אַרבעטערין, וואָס ער האָט געזען אין פרימאָרגן פון זייער אָנקומען, אויף די יוראַטינער אייזנבאַן־שינעס, און די שטאָט־פּאַנאָראַמע וואָס ער האָט געזען פונ־דערווייטנס; ער האָט זיך אויך דערמאָנט אָן סאַמדיעוויאַטאָון, וועלכער איז געזעסן נעבן אים, אויף דער ערד פון וואַגאָן און אָן זיינע אויפקלע־רונגען, און אָט די אויפקלערונגען, געגעבענע ווייט פון די שטאָט־גרע־נעצן, אויף אַ גרויסן מרחק, האָט זיך איצט יורי אַנדרייעוויטשן געוואָלט פאַרבינדן מיט דעם, וואָס ער האָט איצט געזען פון דער נאָענט, אין האַרץ פון דעם בילד. נאָר ער האָט נישט געדענקט סאַמדיעוויאַטאָווס באַצײ־כענונגען און עס איז ביי אים גאָרנישט אַרויסגעקומען.

11

יורי אַנדרייעוויטש איז געזעסן אין ווייטסטן עק זאַל, באַלייגט מיט ביכער. פאַר אים זענען געלעגן זשורנאַלן מיט אַרטיקער לאַנד־סטאַטיס־טיק און אייניקע אַרבעטן איבער דער עטנאָגראַפיע פון דער געגנט. ער האָט פּרובירט באַשטעלן נאָך אַ פּאָר אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון דער פּוגאַטשאָוו־באַוועגונג, נאָר די ביבליאָטעקאַרין אין דעם זיידענעם קאַפּטל האָט, צודריקנדיק דאָס נאָזטיכל צו די ליפּן, אים פּליסטערנדיק באַמערקט, אַז אַזויפיל ביכער מיטאַמאָל גיט מען נישט אַרויס צו איין פּערזאָן און אַז צו באַקומען די פאַרלאַנגטע פאָרשונגס־מאַטעריאַלן, מוז ער פריער אומקערן אַ טייל פון די באַקומענע ביכער און זשורנאַלן.

דעריבער האָט יורי אַנדרייעוויטש גענומען פלייסיקער און אייליקער באַקענען זיך מיט די נאָך נישט־אויפגעשניטענע ביכער, כדי אַרויסצוו־באַקומען פון דאָרט דאָס סאַמע נויטיקע און דאָס איבעריקע — טוישן אויף די היסטאָרישע אַרבעטן, וואָס אינטערעסירן אים. ער האָט שנעל געבלעטערט די זאַמלונגען און דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבער די

קעפּלעך, נישט אָפּוועגנדנדיק־זיך און נישט־קוקנדיק אַן אַ זייט. דער עולם אין זאַל האָט אים נישט געשטערט און נישט צושטרייט זײַנע מחשבות. ער האָט גוט דערקענט זײַנע שכנים און אין געדאַנק האָט ער זיי געזען רעכטס און לינקס פֿון זיך, נישט־אויפֿהויבנדיק די אויגן פֿון די ביכער, וויסנדיק, אַז דער צוזאַמענשטעל פֿון דעם עולם וועט זיך נישט ענדערן ביז זײַן סאַמע אַוועקגיין. אַזוי ווי עס רירט־זיך נישט פֿון אָרט דער קלויסטער און די הײַזער פֿון שטאָט, וואָס זעען־זיך דורכן פֿענצטער.

אינצווישן איז די זון נישט געשטאַנען. ענדערנדיק כסדר איר פּלאַץ, איז זי דורכגעגאַנגען, פֿאַר דער צײַט, דעם מזרחדיקן ווינקל פֿון דער ביבליאָטעק. איצט האָט זי געלויכטן אין פֿענצטער פֿון דער דרום־וואַנט, פֿאַרבלענדנדיק די נאָענט־זיצנדיקע און שטערנדיק זיי צו לייענען.

די צוגעקילטע ביבליאָטעקאַרין איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון דעם פֿאַרצוימטן פּאָדיום און זי האָט זיך געלאָזן גיין צו די פֿענצטער. דאָרט זענען געווען צוזאַמענגעלייגטע, קינסטלעכע פֿאָרהענגלעך פֿון ווײַסן שטאָף, וואָס האָבן אָנגענעם ווייך־געמאַכט דאָס ליכט. די ביבליאָטעקאַרן האָט זיי אַראָפּגעלאָזן איבער אַלע פֿענצטער, אויסער איינעם. דעם עקסטן שאָטנדיקן פֿענצטער האָט זי איבערגעלאָזן נישט־פֿאַרהאָנגען. ציענדיק בײַ אַ שטריקל, האָט זי געעפֿנט אין אים אַ פֿורטקעלע און זי האָט זיך צעגאָסן.

ווען זי האָט געגאָסן דאָס צענטע אָדער דאָס צוועלפֿטע מאָל, האָט יורי אַנדרייעוויטש פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מיקוליצינס קרובה, איינע פֿון די טונצעווס, וועגן וועלכע סאַמדיעוויאַטאָוו האָט דערציילט. אַזוי ווי די אַנדערע לייענער, האָט יורי אַנדרייעוויטש אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק־געטון אין איר זײַט.

דאַן האָט ער באַמערקט די ענדערונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין זאַל. אין קעגנאיבערדיקן עק איז צוגעקומען אַ נײַע באַזוכערן. יורי אַנדרייעוויטש האָט באַלד דערקענט דער אַנטיפּאָווא. זי איז געזעסן מיט דער פּלייצע צו די פֿאָדערשטע טישן, וואָס בײַ איינעם פֿון זיי איז דער דאָקטאָר געזעסן, און זי האָט שטיל גערעדט מיט דער פֿאַרקילטער ביבליאָטעקאַרין, וועלכע איז געשטאַנען צוגעבויגן צו לאַריסאַ פֿיאָדאָראָוונאַן און האָט זיך מיט איר דורכגעפּליסטערט. דער שמועס האָט וואַרשײַנלעך געמאַכט אַ גינסטיקן אײַנדרוק אויף דער ביבליאָטעקאַרין. זי האָט זיך אויגנבליקלעך אויסגעהיילט נישט נאָר פֿון איר פֿײַנלעכן קאַטאַר, נאָר אויך פֿון איר נערוועזער אָנגעשפּיצטקייט.

שענקענדיק דער אַנטיפּאָווא אַ וואַרעמען אנערקענונגס־בליק, האָט זי אַוועקגענומען דאָס טיכעלע פֿון די ליפּן, צו וועלכע זי האָט עס כסדר געדריקט און, אַרײַנלייגנדיק עס אין קעשענע, האָט זי זיך אומגעקערט

אויף איר אָרט, הינטער דער פֿאַרצאמונג, אַ גליקלעכע, אַ זיכערע אין זיך און אַ צעשמייכלטע.

אַט די רירנדיקע סצענע איז פֿאַרביי נישט־אומבאַמערקט דורך אייניקע אַנוועזנדע. פֿון אַלע עקן זאָל האָט מען מיט גוטע אויגן געקוקט צו דער אַנטיפּאָווא און אויך געשמייכלט. לויט אַט־די קליינע סימנים, האָט יורי אַנדרייעוויטש פֿעסטגעשטעלט, אויף וויפֿל מען קען זי און אויף וויפֿל זי איז באַליבט אין דער שטאָט.

12

דאָס ערשטע, וואָס יורי אַנדרייעוויטש האָט בדעה געהאַט צו טון, איז געווען: אויפֿשטיין און צוגיין צו לאַריסאַ פֿיאָדאָראָוונאַ. נאָר עפּעס פּרעמדס זיין נאַטור, אַ געצוווּנגענקייט און אַ פֿעלן פֿון פּשטות, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין זיין באַציאונג צו איר, האָבן אים באַווירקט. ער האָט באַשלאָסן נישט צו שטערן איר און אויך נישט איבערצורייסן די אייגענע אַרבעט. כדי ביַיצושטיין דעם נסיון פֿון קוקן אין איר זייט, האָט ער אָוועקגעשטעלט זיין שטול זייטיק צום טיש, כמעט מיט דער פּלייצע צו די שטודירנדיקע, און ער האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין זיינע ביכער, האַלטנ־דיק איין בוך אין דער האַנט, פֿאַר זיך, און אַ צווייטן — צעעפֿנט אויפֿן שויס.

דאָך זענען זיינע געדאַנקען געווען וויט פֿון דעם בוך, ווי וויט עס איז מזרח פֿון מערב. אָן שום צוזאַמענהאַנג מיט זיי, האָט ער פּולצלונג פֿאַרשטאַנען, אַז די שטים, וואָס ער האָט איינמאָל, ווינטערצייט, אין וואַרי־קינאָ, געהערט אין חלום, איז געווען די שטים פֿון דער אַנטיפּאָווא. פֿון דער אַנטדעקונג איז ער אַנגסטיק איבעראַשט־געוואָרן און, ציענדיק די אויפֿ־מערקזאַמקייט פֿון די אַרומיקע, האָט ער האַסטיק איבערגעשטעלט זיין שטול אין דער פֿריערדיקער פּאָזיציע, אַז ער זאָל פֿון זיין פּלאַץ קענען זען אַנטיפּאָוואַן, ער האָט גענומען קוקן אויף איר.

ער האָט זי געזען פֿון הינטן, האַלב־אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע. זי האָט געטראָגן אַ העלע בלוזקע אין קראַטן, מיט אַ גאַרטעלע אַרום די לענדן, זי האָט געלייענט מיט אַ זיך־זעלבסט־פֿאַרגעסענער פֿאַרכאַפּטקייט, ווי אַ קינד, פֿאַרבויגנדיק דעם קאָפּ עטוואָס אָן אַ זייט, צום רעכטן אַקסל. צייטנווייז האָט זי זיך פֿאַרטראַכט, אויפֿהויבנדיק די אויגן צום סופֿיט, אָדער פֿינטלענדיק מיט זיי, — זיך פֿאַרקוקט ערגעץ פֿאַר זיך, און דאַן — זיך ווידער אַנגעשפּאַרט אָן עלנבויגן, אונטערגעלענט דעם קאָפּ מיט דער

האַנט און מיט אַ שנעלער, האַסטיקער באַוועגונג, פאַרשריבן מיט אַ בליי־פעדער אין אַ העפט אַריין די אויסצוגן פון בוך.

יורי אַנדרייעוויטש האָט קאָנטראָלירט און באַשטעטיקט זיינע אַלטע מעליווזייעווער בעאָבאַכטונגען: „עס ווילט זיך איר נישט געפעלן, — האָט ער געטראַכט — זיין שיין, באַצויבערנד. זי איגנאָרירט אָט די זייט פון טיפער ווייבלעכער איבערלעבעניש, און ווי זי וואָלט זיך אַליין באַשטראָפן פאַר דעם, וואָס זי איז אַזוי שיין. און אָט די שטאָלצע זעלבסט־שנאה פאַרצענפאַכט איר רייץ.

ווי גוט איז, דאָס אַלץ וואָס זי טוט. זי לייענט אַזוי, ווי דאָס וואָלט נישט געווען קיין העכערע מענטשלעכע טעטיקייט, נאָר עפּעס אַ פּשוטע, וואָס איז צוגעגנלעך פאַר יעדער באַשעפעניש. פּונקט ווי זי וואָלט געטראָגן וואַסער, אָדער געשיילט קאַרטאָפל“.

נאָך אָט די מחשבות, האָט זיך דער דאָקטאָר באַרויקט. אַ זעלטענע רו איז אַראָפּ אויף זיין נשמה. זיינע געדאַנקען האָבן אויפגעהערט צו צעלויפן זיך און אַריבערצושפּרינגען פון איין זאַך צו דער אַנדערער. ער האָט זיך נישט־ווילנדיק צעשמייכלט. אַנטיפּאָוואַס אַנוועזנהייט האָט געהאַט אויף אים אַזאַ ווירקונג, ווי אויף דער נערוועזער ביבליאָטעקאַרין.

נישט־לייגנדיק קיין אַכט אויף דעם, ווי עס שטייט זיין שטול, און נישט מורא האָבנדיק פאַר קיין אָפּהאַלט און צעשטרייטקייט, האָט ער נאָך אַ שעה־אַנדערהאַלבן אַן אַרבעט־געמאַכט, מיט דער התמדה און קאָנצענטרירטקייט, ווי ביז אַנטיפּאָוועס קומען. ער האָט דורכגעגנישטערט דעם באַרג ביכער וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך, האָט אָפּגעקליבן דאָס סאַמע־נויטיקסטע און פאַראייניגוועגס, אפילו באַוויזן איינצושלינגען צוויי דאָרט אָנגעטראָפענע וויכטיקע מאמרים. באַשליסנדיק צו באַנוגענען־זיך מיט דעם אָפּגעטוענעם, האָט ער אָנגעהויבן צוזאַמען צו נעמען די ביכער, כדי זיי אָפּצוטראָגן צום אַרויסגעבונגס־טיש. פון אַלע וואַקלענ־דיקע געדאַנקען וואָס פאַרטומלען דאָס באַוווסטזיין, איז ער פריי געוואָרן. מיט אַ ריין געוויסן און אַן היגטער־געדאַנקען האָט ער אַ טראַכט־געטון, אַז מיטן ערלעך־אָפּגעאַרבעטן שטודיום האָט ער פאַרדינט דאָס רעכט צו טרעפן־זיך מיט אַן אַלטער גוטער־באַקאַנטער, און אַז ער מעג זיך דערלויבן געזעצלעך אָט דעם פאַרגעניגן. נאָר ווען ער האָט, זיך־אויפ־הויבנדיק, געוואָרפן זיין בליק איבערן לייען־זאַל, האָט ער נישט געזען אַנטיפּאָוואָן, זי איז מער אין זאַל נישט געווען.

אויף דעם געשטעל, וווהין דער דאָקטאָר האָט געבראַכט זיינע בענדער און בראָשורן, איז נאָך געלעגן אַנטיפּאָוואָס צוריק געגעבענע ליטעראַטור. דאָס זענען געווען האַנט־ביכער צום דערלערנען דעם

מאַרקסיזם. וואַרשיינלעך, ווי אַ געוועזענע לערערין, וועלכע גרייט־זיך אויפסניי צו איר באַרוף, מאַכט זי דורך אינדערהיים אַ פּאָליטישע צוגרייטונג, מיט די אייגענע כּוחות.

אין די ביכלעך זענען געווען אַריינגעלייגט די קאַטאַלאָגישע באַשטעלונגען פון לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ. די עקן פון די צעטעלעך האָבן אַרויסגעשטאַרצט אינדרויסן. דאָרט איז געווען אָנגעגעבן לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַס אַדרעס. מען האָט עס לייכט געקענט איבערלייענען. יורי אַנדרייעוויטש האָט אים אָפּגעשריבן, וווּנדערנדיק־זיך אויף איר זאָרגפעליקער באַצייכענונג: „האַנדלס־גאַס, קעגנאיבער דעם הויז מיט די פיגורן״.

אויפן אָרט, האָט זיך יורי אַנדרייעוויטש דערוווּסט, אַז דער אויסדרוק „הויז מיט פיגורן״ אין יוראַטין, איז אַזוי אין אומגאַנג, ווי דאָס אָנרופן די אומגעגנטן אין מאָסקווע, לויט די קלויסטערס, אָדער דער נאָמען „ביי די פינף ראָגן״ אין פּעטערבורג.

אַזוי האָט געהייסן דאָס־טונקל־גרויע, שטאָל־קאָלירטע הויז מיט די קאַריאַטידן און אַנטיקוואַרע סטאַטועס פון מוזעס, מיט די פּייקלעך, לירעס, און מאַסקעס אין די הענט, וואָס איז דורך אַ סוחר, אַ טעאַטער־ליבהאָבער, אויפגעבויט־געוואָרן אין פאַריקן יאָרהונדערט, אַלס זיין היימיש טעאַטער. דעם סוחרס יורשים האָבן פאַרקויפט דאָס הויז דער האַנדלס־קאַמער, געבנדיק אַ נאָמען דער גאַס, לויטן ווינקל וואָס דאָס הויז האָט פאַרנומען. דעריבער האָבן־זיך אַלע בייליגנדיקע געגנטן גערופן מיטן נאָמען „הויז מיט די פיגורן״. איצט האָט דאָס הויז מיט די פיגורן פאַרנומען דער גאָרקאָם (שטאָט־קאָמיטעט) פון דער פּאַרטיי, און אויף זיין קרומער וואַנט, מיטן געבויגענעם פונדאַמענט, וואָס לאָזט זיך באַרגאַראָפּ, וווּ אין די פריערדיקע צייטן פלעגט מען אויסקלעפּן די טעאַטראַלע און צירק־אַפישן, האָט מען איצט אויסגעהאָנגען דעקרעטן און באַשלוסן פון דער רעגירונג.

13

עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטיקער טאָג פון אָנהויב מאַי. זייענדיק אין שטאָט וועגן פאַרשידענע ענינים און כאַפּנדיק אויף אַ מינוט אַ בליק אין דער ביבליאָטעק, האָט יורי אַנדרייעוויטש אומדערוואַרטעט געענדערט זיינע פּלענער און איז אַוועק אויפזוכן אַנטיפּאָוואַן.

דער ווינט האָט אים אָפּט אָפּגעשטעלט אין גאַנג, פאַרצוימענדיק אים דעם וועג מיט כמאַרעס אויפגעהויבענעם זאַמד און שטויב. דער

דאָקטאָר האָט זיך אויסגעדרייט, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, פאַרזשמורעט די אויגן און איבערגעוואַרט ביז דער שטויב האָט זיך פאַרבייגעטראָגן, און ער איז אַוועק ווייטער.

אַנטיפּאָווא האָט געווינט אין ראָג האַנדלס־גאַס און נאָוואָסוואַ־לאָטשני געסל, אַנטקעגן דעם טונקעלן, בלויליכן הויז מיט די פיגורן, וואָס דער דאָקטאָר האָט איצט צום ערשטן מאָל געזען. דאָס הויז איז ווירקלעך געווען צוגעפּאַסט צו זיין נאָמען און האָט געמאַכט עפּעס אַן אויסטערלישן און באַומרויקנדיקן איינדרוק.

ער איז אויבן אינגאַנצן געווען אַרומגעגאַרטלט מיט ווייבלעכע מיטאָלאָגישע קאַריאַטידן, אַנדערהאַלבן מאָל די גרויס פון מענטשלעכן ווּוקס. צווישן צוויי זיך־דורכרייסנדיקע ווינטן, וואָס האָבן אים פאַר־דעקט דעם פאַסאַד, האָט זיך דעם דאָקטאָר אויף אַן אויגנבליק געדאַכט, אַז אַלע באַווויינערינס פון הויז זענען אַרויסגעקומען אויפן באַלקאָן, און אַריבערבויגנדיק־זיך איבערן אייזן־שטאַנג, קוקן זיי אויף אים און אויף דער רוישיקער האַנדלס־גאַס אונטן.

צו דער אַנטיפּאָווא זענען געווען צוויי איינגענג: אַ פראָנט־איינ־גאַנג און אַן אַריינגאַנג דורכן הויף. נישט־וויסנדיק פונעם ערשטן, האָט יורי אַנדרייעוויטש אויסגעקליבן דעם צווייטן.

ווען ער האָט זיך פאַרנומען פון געסל אין הויף אַריין, האָט דער ווינט אַרויפגעווירבלט צום הימל דאָס זאַמד און מיסט פון גאַנצן הויף, פאַרשטעלנדיק ווי מיט אַ פאַרהאַנג דעם דאָקטאָר. פון איבער אָט דעם שוואַרצן פאַרהאַנג, האָבן זיך געוואָרפן צו זיינע פיס צעקוואָקעטע הינער, ראַטעווענדיק־זיך פון דעם נאָכיאָגנדיקן האָן.

אַז דער וואָלקן איז צערונען־געוואָרן, האָט דער דאָקטאָר דערזען אַנטיפּאָוואַן ביים ברונעם. דער ווירבער האָט איר פאַרכאַפּט מיט שוין אָנגעשעפּטע צוויי עמערס וואַסער. זי האָט געטראָגן אַ כאַפּ־לאַפּ קאָפּטיכל מיטן „קוקושקע״־קנופּ פאָרנט, כדי נישט צו פאַרשטויבן די האָר. מיט די קני האָט זי אונטן צוגעדריקט דעם אָנגעבלאָזענעם שטוב־ראָק, אַז דער ווינט זאָל אים נישט אונטערהויבן. זי האָט זיך שוין געהאַט באַ־וועגט מיטן וואַסער צום הויז, נאָר ווידער האָט זי פאַרהאַלטן אַ פרישער ווינט, וועלכער האָט אַראָפּגעריסן איר קאָפּטיכל, צעשויבערט אירע האָר און פאַרטאָרגן דאָס טיכל צום ווייטסטן עק פלויט, צו די אָלך־קוואָקענדיקע הינער.

יורי אַנדרייעוויטש האָט זיך אַ לאָז־געטון נאָכן טיכל, אויפגעע־הויבן און ביים ברונעם איבערגעגעבן עס דער איבעראַשטער אַנטי־

פּאַווא. געטריי תּמיד איר נאַטירלעכקייט, האָט זי מיט קיין איין אויס־רוף נישט אַרויסגעוויזן איר איבעראַשונג און פאַרלעגנהייט. זי האָט נאָר אַ זאָג־געטון:

— זשיוואַגאָ!

— לאַריסא פיאָדאָראָוונאַ!

— מיט וועלכע נסים? וועלכן שיקזאַל צו פאַרדאַנקען?

— לאָזט־אַראָפּ די עמערס אויף דער ערד. איך וועל אַריינטראָגן.

— איך קער זיך קיינמאָל נישט אום פון מיטן וועג, איך לייג קיינמאָל נישט אַוועק דאָס אָנגעפאַנגענע. אויב איר זענט צו מיר, איז קומט.

— צו וועמען דען־זשע?

— ווער ווייסט אייך?

— דערלויבט פון דעסטוועגן, איך וועל איבערנעמען די צוויי עמערס וואַסער פון אייערע הענט. איך קען דאָך נישט יומטובדיק ליידיקגיין, ווען איר באַמיט זיך.

— אויך מיר אַ מי. איך גיב נישט. איר וועט די טרעפּ פאַר־כליאַפּען. זאָגט בעסער, ווי האָט אייך דער ווינט פאַרטראָגן? איבער אַ יאָר זענט איר שוין דאָ און נישט געפונען קיין פרייע צייט צו קומען?

— פון וואַנען ווייסט איר?

— קלאַנגען טראָגן־זיך איבער דער ערד. און ענדלעך האָב איך אייך אויך געזען אין דער ביבליאָטעק.

— וואָס־זשע האָט איר מיך נישט אַ רוף־געטון?

— איר וועט מיך נישט צווינגען צו גלויבן, אַז איר אַליין האָט מיך נישט געזען.

לייכט נאָכוואַקלענדיק־זיך נאָך לאַריסא פיאָדאָראָוונאַס זיך־וויגנ־דיקע עמערס, איז דער דאָקטאָר אַריין אונטער אַ נידעריקן קופאָל. דאָס איז געווען דער אַריינגאַנג צום אונטערשטן שטאָק. דאָ האָט זיך לאַריסא פיאָדאָראָוונאַ שנעל אָנגעבויגן און אַוועקגעשטעלט די עמערס אויף דער ערד־פּאָדלאָגע. זי האָט זיך אויסגעגלייכט און גענומען ווישן די הענט מיט אַ קליין טיכעלע.

— קומט, איך וועל אייך מיט אַן אינווייניקסטן וועג אַרויספירן צום פּראָנט־איינגאַנג. דאָרט איז ליכטיק. דאָרט וועט איר צוואַרטן. און איך וועל דאָס וואַסער דורכן הינטערשטן איינגאַנג אַריינטראָגן. איך וועל אַביסל אויפראַמען אויבן, זיך איבערטון. איר זעט, וואָס פאַר אַ

טרעפּן־צימער עס איז ביי אונדז? משונהדיקע טרעפּ מיט אייזנגוס־באַצירונגען. מען זעט דורך זיי פון אויבן, אַלץ וואָס עס טוט־זיך אונטן. אַן אַלט הויז. האַרמאַטן האָבן אים אַביסל אַ טרייסל־געטון אין די טעג פון די שיסערייען. איר זעט, די שטיינער צערוקט. לעכער צווישן די ציגל, אויפריסן. אָט אין דעם לאָך באַהאַלטן מיר דעם וווינונגס־שליסל, איך און קאַטיענקאַ, און פאַרדעקן אים מיט ציגל, ווען מיר גייען אַוועק. נעמט עס אין אַכט. עס קען אַמאָל געשען, אַז איר זאָלט מיך אין שטוב נישט טרעפן, דאַן זייט אַזוי גוט, שליסט־אויף, גייט־אריין און פילט־זיך ווי ביי זיך אינדערהיים. און איך וועל אינצווישן־צייט אָנקומען. אָט איז ער, דער שליסל. גאָר איצט איז ער מיר נישט נויטיק, איך וועל מיטן הינטערשטן איינגאַנג אַריינגיין און עפענען די פּראָנט־טיר פון אינווייניק. איין צרה איז דאָ: שטשורעס. כמאַרעס גאַנצע, נישט צום אויסמיידן זיי. איבערן קאָפּ שפּרינגען זיי. אַן אַלטע געביידע, צעטרייסלטע ווענט, אומעטום שפּאַלטן. ווו איך קען, פאַריכט איך, איך קעמף מיט זיי. עס העלפט ווייניק. קען זיין, אַז איר וועט ווען־עס־איז אַריינקומען, וועט איר צוהעלפן? מיר וועלן צוזאַמען באַשלאָגן די פּאָדלאָגע, די נאָרעס זייערע. האָ? נו, בלייבט דאָ איבער אויפן פּלאַץ, טרוימט וועגן וואָס עס איז. איך וועל אייך לאַנג נישט מאַטערן, וועל גיך אַ רוף־טון.

וואַרטנדיק אויפן רוף, האָט דערוויל יורי אנדרייעוויטש גענומען בלאָנדזשען מיט די אויגן איבער די אָפּגעשיילטע איינגאַנגס־ווענט און איבער די געגאָסענע פּלאַטן פון די טרעפּ. ער האָט געטראַכט: „אין לייענזאַל האָב איך פאַרגליכן די געשפּאַנטקייט פון איר לייענען מיטן ברען און התלהבות צו ממשותדיקער אַרבעט, — צו פיזישער אַרבעט. און דאָ, פאַרקערט, טראָגט זי וואַסער לייכט, אַן מי, פּונקט ווי זי וואָלט געלייענט. אָט די ריטמישע לייכטקייט איז ביי איר אין אַלץ. עס זעט אויס ווי זי וואָלט אַמאָל, אין דער קינדהייט נאָך, זיך פאַרגעברייט מיט אימפּעט צום לעבן, און איצט, ווערט עס פאַרווירקלעכט אין אימפּעט־דיקן געלויף, פון זיך זעלבסט, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער פועל־יוצא. אָט די לייכטקייט האָט זי אין דער ליניע פון איר רוקן, ווען זי בויגט־זיך איין, אין איר שמייכל, וואָס באַוועגט אירע ליפּן און פאַרקיילעכדיקט איר גאָמבע, און אין אירע ווערטער און געדאַנקען.

— „זשיוואַגאָ! — האָט זיך דערטראָגן דער רוף פון דער וווינונגס־שוועל אויפן אויבערשטן שטאָק.

דער דאָקטאָר איז אַרויף אויף די טרעפּ.

14

— גיט אַ האַנט און פֿאָלגט מיר־נאָך געהאָרכזאַם. דאָ זענען צוויי פֿינצטערע צימערן, ווו זאַכן זענען אָנגעלייגט ביזן סופֿיט. איר וועט זיך נאָך אָנשלאָגן אָן עפּעס און זיך צעקלאַפּן.

— ריכטיק, טאַקע עפּעס אַ לאַבירינט. איך וואָלט דעם וועג נישט געפֿונען. פֿאַרוואָס איז עס דאָ אַזוי? איר מאַכט רעמאָנט אין דער וווינונג?

— אָ, ניין, עס הויבט זיך נישט־אָן. די זאַך איז אַן אַנדערע. עס איז אַ פֿרעמדע וווינונג. איך ווייס אפֿילו נישט וועמענס. מיר האָבן געהאַט אַן אייגענע, אַ רעגירונגס־וווינונג, אין הויז פֿון דער גימנאַזיע. ווען די גימנאַזיע איז פֿאַרנומען־געוואָרן פֿון דעם „זשילאָטדיעל פֿון יוראַטוויעט"*, האָט מען מיך מיט מיין טעכטערל איבערגעקוואַרטירט אין אָט דעם פֿאַרוואָרפֿענעם טייל. דאָ איז געווען אַן אויסמעבלירונג פֿון די אַלטע באַלעבאַטים. אַ סאַך מעבל, איך נויטיק זיך נישט אין פֿרעמדן גוטס. איך האָב זייערע זאַכן צוזאַמענגעשטעלט אין די צוויי צימערן און די פֿענצטער אָפּגעקאַלכט. לאָזט נישט אַרויס מיין האַנט, אַנדערש וועט איר פֿאַרבלאָנדזשען. נו, אַזוי, רעכטס. איצט האָבן מיר שוין דאָס געדיכטעניש פֿון דעם אַלטן מעבל הינטער־זיך, אָט איז די טיר צו מיין צימער. איצט וועט ווערן ליכטיקער. די שוועל. ווערט נישט געשטרויכלט איבער איר.

ווען יורי אַנדרייעוויטש מיט זיין באַגלייטערין איז אַריין אין צימער, האָט ער דערזען אַ פֿענצטער אין דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט. דער דאָקטאָר איז דערשטוינט געוואָרן פֿון דעם, וואָס ער האָט דורכן פֿענצטער געזען. דאָס פֿענצטער איז אַרויס צום הויף פֿון דעם הויז, צו די הינטערשטע זייטן פֿון די שכנישע הייזער און צו די ליידיקע שטאָטישע פּלעצער ביים טייך. דאָרט האָבן זיך געפּאַשעט ציגן און שעפּסן, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן, מיט די פּאָלעס פֿון צעצויגענע פּעלצן מיט לאַנג־האָריקן וואָל, געקערט דעם שטויב. אויסער דעם, האָט דאָרטן געשטאַרצט, אויף צוויי סלופּעס, מיטן פּנים צום פֿענצטער, אַ שילד וואָס איז שוין דעם דאָקטאָר געווען באַקאַנט: „מאָראָ און וועטשינקין. פּאַרדיי און דרעש־מאַשינען".

אונטערן איינדרוק פֿונם דערזעענעם שילד, האָט דער דאָקטאָר באַלד גענומען שילדערן פֿאַר לאַריסאַ פֿיאָדאָראָוונאַ׳ן, זיין אָנקומען מיט

* וווינונגס־אָפּטיילונג פֿון יוראַטינער ראַט.

דער משפחה אויפן אוראַל. ער האָט געהאַט פאַרגעסן אַז די קלאַנגען וואָס גייען אַרום, אַז סטרעלניקאָוו און איר מאַן זאָלן זיין איינער און דער זעלבער, און נישט־פאַרטראַכטנדיק־זיך, האָט ער איר דערציילט וועגן דער באַגעגעניש מיטן קאָמיסאַר אין וואַגאָן. אָט דער טייל פון דער דערציילונג האָט געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק אויף לאַריסא פיאָ־דאָראָווונאַן.

— איר האָט געזען סטרעלניקאָוון!? — האָט זי לעבהאַפט איבער־געפרעגט. — איך וועל אייך דערווייליע מער גאָרנישט זאָגן. דאָס איז זייער וויכטיק! עס איז פשוט באַשערט געווען, אַז איר זאָלט זיך דאַרפן באַגעגענען. איך וועל אייך שפּעטער ווען־עס־איז דערקלערן, איר וועט עפּענען מויל און אויערן. אויב איך האָב אייך ריכטיק פאַרשטאַנען, האָט ער גיכער געמאַכט אויף אייך אַן אָנגענעמען איינדרוק, איידער פאַר־קערט?

— יאָ, מעגלעך. ער וואָלט באַדאַרפט ביי מיר אַרויסרופן עקל. מיר זענען דורכגעפאָרן די ערטער פון זיינע נקמות און פאַוויסטונגען. איך האָב דערוואַרט צו באַגעגענען אַ סאָלדאַטיש־אכזריותדיקן באַשטראָ־פער, אָדער אַ רעוואָלוציאָנערן עקזעקוציע־מאַניאַק, און געפונען האָב איך נישט דעם ערשטן און נישט דעם צווייטן. עס איז גוט, ווען עמיץ ענטוישט דיינע מיינונגען, ווען ער איז אַנדערש פון די פריערדיקע פאַרשטעלונגען וועגן אים. אין די אָנגעהעריקייט צו אַ באַשטימטן סאָרט טיפּ ליגט דער סוף פון מענטש, — זיין גזר־דין. אויב עס גיט זיך אים נישט איין עפּעס אויסצופירן, אויב ער קען זיך נישט אויסצייכענען כאָטש מיט אַ העלפט פון דעם, וואָס עס פאָדערט־זיך פון אים, — איז ער שוין באַפרייט פון זיך זעלבסט, קרישלט־זיך שוין די אומשטערב־לעכקייט פון זיינע דערגרייכונגען.

— מען זאָגט, אַז ער איז אַן אומפּאַרטייאישער.

— יאָ, מיר דאַכט־זיך. מיט וואָס ער דיספּאָנירט פאַר זיך? — דאָס איז זיין אורטייל. איך מיין, אַז ער וועט שלעכט ענדיקן. ער וועט מיט־זיך אויסקויפן דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט געבראַכט אויף אַנדערע. די זעלבסטהערשערישע רעוואָלוציאָנערע באַצווינגער זענען שרעקלעך נישט אַלס פאַרברעכער, נאָר ווי נישט־באַהערשטע מעכאַניזמען, ווי מאַ־שינען וואָס זענען אַראָפּ פון די שינעס. סטרעלניקאָוו איז אַזאַ משוגענער ווי יענע, נאָר ער האָט זיך נישט אָנגעלעענט אַן קיין ביכער, נאָר אויף דורכגעלעבטע צרות. איך ווייס נישט זיינע סודות, נאָר איך ווייס, אַז ער האָט זיי. זיין בונד מיט די באָלשעוויקעס איז אַ צופאַל. כל־זמן ער איז זיי נויטיק, דולדעט מען אים. ער איז זיי באַקוועם. נאָר ביי דער

ערשטער פּאַסיקער געלעגנהייט, וועט מען אים אָוועקשליידערן אָן רחמנות און צעטרעטן, ווי אַ סאַך מלחמה־ספּעציאַליסטן ביז איצט.

— איר מיינט אַזוי?

— אומבאַדינגט.

— צי דען איז נישטאָ פאַר אים קיין רעטונג? אַנטלויפן, צום ביישפּיל?

— וווהין, לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ? אַזוי האָט זיך פריער, אין די צאַרישע צייטן געפירט. און איצט, פּרובירט נאָר.

— אַ שאָד. מיט אייער דערציילונג, האָט איר דערוועקט אין מיר מיטגעפיל צו אים. און איר האָט זיך געענדערט. פריער האָט איר געאורטיילט וועגן דער רעוואָלוציע נישט אַזוי שאַרף, אָן אויפגערייצטקייט.

— אין דעם גייט עס, לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ, וואָס צו אַלץ איז דאָ אַ גרענעץ. אין לויף פון דער צייט, האָט מען געקענט דערגיין צו געוויסע אויספירן. און עס איז קלאָר־געוואָרן, אַז פאַר די באַגייסטערער פון דער רעוואָלוציע זענען מהומות, ענדערונגען, — זייער איינציקע סטיכיע, וואָס קענען זיי נישט זעטיקן מיט קיין ברויט, נאָר דערלאַנג זיי עפּעס־אַזוינס אין מאַסשטאַב פון ערד־קוגל. די איבערגאַנגס־פּעריאָדן פון וועלטן־איבערבוי, איז זייער איינציקער ציל. קיין שום אַנדער זאַך האָבן זיי נישט געלערנט און זיי קענען נישט. און איר ווייסט פון וואַנען עס נעמט־זיך דער טומל פון אָט די אייביקע צוגרייטונגען? פון נישט פאַרמאָגן קיין צוגעגרייטע געהעריקע פעיקייטן, פון טאַלאַנטלאָזיקייט. דער מענטש ווערט געבוירן צו לעבן, און נישט כדי זיך־צוצוגרייטן צום לעבן. און דאָס לעבן אַליין, די דערשיינונג פון לעבן, די מתנה פון לעבן, וואָס פאַרכאַפּט אַזוי מיט זיין ערנסטקייט! איז צו וואָס זאָל מען פאַר־בייטן די קינדעריש־אומרייפע, פאַנאַטישע איינפאַלן, מיט טשעכאָווס אַנטלאָפענע שול־ייִנגלעך קיין אַמעריקע? נאָר גענוג. איצט איז מיין ריי צו פרעגן. מיר זענען צוגעפאָרן צו דער שטאָט אין דעם פרימאָרגן פון אייער איבערקערעניש. זענט איר דאַן געווען גוט אין פעקל?

— נאָך ווי! זיכער. אַרום זענען געווען שריפות. אַליין שיעור פאַרברענט־געוואָרן. דאָס הויז, האָב איך אייך געזאָגט, ווי עס האָט אַ וואַקל־געטון. אויפן גאַס וואַלגערן־זיך נאָך אַלץ ביי די טויערן נישט־אויפגעריסענע האַרמאַטן־קוילן. באַמבאַרדירונגען, רויבערייַ, געמיינקייטן. ווי ביי יעטוועדער טוישן־זיך פון מאַכטן. צו דער דאָזיקער צייט האָבן מיר שוין געלערנט פון נסיון, צוגעוווינט. עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל. און וואָס האָט זיך אָפּגעטון אין דער צייט פון די ווייסע! געהיימע מאָרדן צוליב פּערזענלעכע סיבות, אויספּרעסונגען, וואַקכאַנאַליעס! יאָ,

נאָר איך האָב דאָך אייך דאָס וויכטיקסטע נישט דערציילט. אונדזער גאַליאַולין! ער איז דער גרעסטער קאַרפּן־קאָפּ דאָ געווען ביי די טשעכן, עפּעס אין דעם זין פון אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר.

— איך ווייס. כ׳האָב געהערט. איר האָט זיך געזען מיט אים?

— זייער אָפט. וויפל לעבנס האָב איך געראַטעוועט אַ דאַנק אים! וויפל פאַרשטעקט, וואָס ריכטיק, איז ריכטיק, — מען טאָר נישט פאַר־לייקענען. געהאַלטן האָט ער זיך פּאַרוורפסלאַז, ריטערלעך, נישט ווי די מינדערווערטיקע קאָזאַקישע פיאַוּוקעס דאָרטן. די „עסאַולן״ און פּאַליציאַיִשע בעאַמטע. נאָר דעם טאָן האָט דאָך דאָן געגעבן דווקא אָט דאָס פּעבל, און נישט קיין אָרנטלעכע לייט. גאַליאַולין האָט מיר, אין אַ סאַך היניזיכטן, געהאָלפן, איך דאַנק אים. מיר זענען דאָך אַלטע באַקאַנטע. אַלס קינד בין איך אָפט געווען אויף דעם הויף, וווּ ער איז געוואַקסן. אין יענעם הויז האָבן געוווינט אייזנבאַן־אַרבעטער. איך האָב אין מיין קינדהייט זייער נאָענט געזען אָרעמקייט און פּראַצע. צוליב דעם איז מיין באַציונג צו דער רעוואָלוציע אַן אַנדערע, ווי אייערע. זי איז מיר נאָענטער, — לייבלעך־אייגן. און פּלוצלונג ווערט ער גאָר אַ פּאָלקאָווניק, דאָס ייִנגל, דעם הויף־וועכטערס זון, אָדער אפילו אַ ווייסער גענעראַל. איך בין פון ציווילן פאָלק און איך פאַרשטיי זיך נישט אויף מיליטערישע ראַנגען. און לויט מיין פּראָפעסיע, בין איך אַ לע־רערין פון געשיכטע. יאָ, אָט־ווי, זשיוואַגאָ. אַ סאַך מענטשן האָב איך געהאָלפן. געגאַנגען צו אים. מיר האָבן אייך דערמאָנט. אין אַלע רעגירונגען האָב איך דאָך פאַרבינדונגען און אייגענע, און ביי אַלע אָרדע־נונגען, האָב איך פאַרלוסטן און פאַרביטערונג. בלויז אין שלעכטע ביכער געשעט עס דאָך, אַז די העלדן זענען צעטיילט אין צוויי לאַגערן און קומען נישט אין קאָנטאַקט. און אין דער ווירקלעכקייט איז אַלץ אַזוי דורכ־געפלאָכטן! וואָס פאַר אַן אומפאַרבעסערלעכער גאָרנישט דאַרף מען עס זיין, כדי צו שפּילן אין לעבן בלויז איין ראָל, פאַרנעמען אין דער געזעלשאַפט בלויז איין פּלאַץ, באַדייטן תמיד נאָר איינס־און־דאָס־זעלבע! און, — אָך, אַזוי, דו ביזט גאָר דאָ?

אין צימער איז אַריינגעקומען אַן אַכט־יעריק מיידעלע מיט צוויי קליינע פאַרפלאָכטענע צעפּעלעך. די שמאָל־געשניטענע אויגעלעך, האָבן איר געגעבן אַ כיטרע־שטיפערישן אויסזען. ווען זי האָט געלאַכט, האָט זי זיי אויפגעהויבן. זי האָט נאָך הינטער דער טיר אַנטדעקט, אַז די מאַמע האָט אַ גאַסט, נאָר ווייזנדיק־זיך אויף דער שוועל, האָט זי געפונען פאַר נויטיק צו מאַכן אַ מינעלע פון צופעליקער שטוינונג. זי האָט זיך געגריסט מיט אַ „קניקס״

און האָט אויסגעשפּיצט צום דאָקטאָר אַ דרייסטן בליק פון אַ פרי־פּאַר־טראַכטן און איינזאַם־וואַקסנדיקן קינד.

— מיין טעכטערל קאַטיענקאַ, וואָס פאַרדינט ליבע און לויב.

— אין מעליוזייעוו האָט איר מיר איר בילדעלע געוויזן. ווי זי איז אויסגעוואַקסן און געענדערט.

— ווייזט זיך אַרויס, אַז דו ביסט אינדערהיים? און איך האָב געמיינט, אַז דו שפּאַצירסט. איך האָב נישט געהערט, ווען דו ביזט אַריין.

— איך נעם־אַרויס פון לאָך דעם שליסל, און דאָרט איז אָט אַזאַ גרויסער שטשור! איך האָב אַ געשריי געטון און אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט! געמיינט איך וועל שטאַרבן פון שרעק.

קאַטיענקאַ האָט גערעדט, קורטשענדיק דאָס חנעוודיקע פּנימל, גלאָצנדיק מיט די כיטרע אויגעלעך און צעציענדיק קיילעכדיק דאָס מיילעכל, ווי אַ פישל וואָס מען האָט פון וואַסער אַרויסגעצויגן.

— נו, גיי אַריין צו זיך. איך רעד צו דעם פעטער, ער זאָל בלייבן אויף מיטאָג. איך וועל אַרויסנעמען די קאַשע פון באַק־אויוון און וועל דיך רופן.

— אַ דאַנק, נאָר איך בין געצוווּנגען זיך־אָפּצוזאָגן. צוליב מיינע רייזעס אין שטאָט, האָט מען ביי אונדז געבומען מיטאָג עסן זעקס אַ זייגער. איך בין געוווינט נישט צו פאַרשפּעטיקן. און פאָרן דאַרף איך דריי שעה מיט עפּעס, אויב נישט גאַנצע פיר. דערפאַר טאָקע, בין איך געקומען צו אייך אַזוי פרי. אַנטשולדיקט. און איך דאַרף שוין באַלד אַוועקגיין.

— בלויז נאָך אַ האַלבע שעה.

— מיט פאַרגעניגן.

15

— און איצט, אָפנהערציקייט פאַר אָפנהערציקייט. דער סטרעל־ניקאָוו, וועגן וועלכן איר האָט דערציילט, איז מיין מאַן, פּאַשאַ, פּאַוועל פּאַוולאָוויטש אַנטיפּאָוו, וועלכן איך בין געפאָרן זוכן אויפן פראָנט און אין וועמענס מכלומרשטן טויט איך האָב מיט רעכט נישט געוואָלט גלויבן.

— איך בין גאָרנישט איבעראַשט און בין צוגעגרייט דערצו. איך האָב געהערט אָט דאָס מעשהלע און איך האַלט אַז עס האָט קיין שום יסוד. און דערפאַר טאָקע האָב איך זיך־פאַרגעסן אויף אַזויפיל, אַז איך

האָב מיט דער גאַנצער פרייהייט און אומפאַרזיכטיקייט, מיט אייך גע־רעדט וועגן אים, ווי אַט די קלאַנגען אידיאָטישע וואָלטן בכלל נישט עקזיסטירט. איך האָב געזען דעם דאָזיקן מאַן. ווי קען מען עס אייך פאַר־בינדן מיט אים? וואָס איז דאָ צווישן אייך געמיינזאַמעס?

— אין דאָך איז עס אַזוי. יורי אַנדרייעוויטש. סטרעלניקאָוו, דאָס איז אַנטיפּאָוו, מיין מאַן. איך בין מיט דער אַלגעמיינער מיינונג. קאַטיענקא ווייסט עס אויך און זי שטאָלצירט מיט איר פאָטער. סטרעל־ניקאָוו איז זיין פסעוודאָנים, ווי ביי אַלע רעוואָלוציאָנערע טוער. צוליב וואָגיקע סיבות, מוז ער לעבן און האַנדלען אונטער אַ פרעמדן נאָמען.

— אָט האָט ער איינגענומען יוראַטין, אונדז פאַרוואָרפן מיט באָמבעס, געוווסט אַז מיר זענען דאָ און ער האָט זיך קיין איין מאָל נישט ערקונדיקט, צי מיר זענען געבליבן לעבן, כדי נישט צו שעדיקן זיינע געהיימנישן. דאָס איז געווען זיין חוב, פאַרשטייט־זיך. ווען ער וואָלט אונדז געפרעגט ווי צו האַנדלען, וואָלטן מיר אים אויך אַזוי גע־ראָטן. איר וועט זאָגן, אַז מיין אומבאַרירלעכקייט און די דערטרעגלעכ־קייט פון מיינע וווינונגס־באַדינגונגען, וואָס דער „גאַרסאָוויעט" האָט מיר פאַרשאַפט, און ענלעכעס — זענען אומדירעקטע באַווייזן פון זיין גע־הײמער זאָרג פאַר אונדז. איר וועט מיר דאָס אין קאָפּ נישט אַריינ־האַקן. זיין דאָ דערנעבן און ביישטיין דעם נסיון פון זען אונדז! דאָס לייגט־זיך מיר נישט אויף די געהירן, דאָס איז העכער פון מיין פאַר־שטאַנד. עפּוואָס אומבאַגרייפלעכעס איז דאָס פאַר מיר. נישט קיין לעבן, נאָר עפּעס אַ לעגענדאַרע רוימיש־בירגערלעכע מוטיקייט. דאָס איז איינע פון די נייצייטלעכע חכמות. נאָר איך פאַל אַרונטער אונטער אייער איינ־פלוס און הויב־אָן אונטערהאַלטן אייער געזאַנג. איך וואָלט עס נישט גע־וואָלט. איך טייל נישט מיט אייך די זעלבע מיינונג. בלויז נישט־פאַר־פליכטנדיקע, נישט־ממשותדיקע ענינים באַנעמען מיר אויף דעם זעלבן אויפן. נאָר אין ענינים פון ברייטער באַדייטונג אין לעבנס־פילאָזאָפיע, וועלן מיר זיין קעגנער. נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו סטרעלניקאָוון.

— ער איז איצט אין סיביר און, איר זענט גערעכט. צו מיר זענען אויך דערגאַנגען ידיעות וועגן באַשולדיקונגען קעגן אים, וועלכע פרירן מיר דאָס האַרץ. ער איז איצט אין סיביר, אויף איינעם פון אונ־דזערע שטאַרק פאַראויסגייענדיקע פראָנט־אָפּשניטן, ער ברענגט מפּלות אויף זיין געוועזענעם הויף־חבר און שפּעטער־געוועזענעם פראָנט־קאָ־מעראַד, אויף דעם אָרעמען גאַליאולין, פון וועמען ער האָט נישט פאַרהוילן דעם סוד פון זיין נאָמען און פון אונדזער צוזאַמענלעבן, צו־ליב זיין נישט־דערשאַצבאַרער איידלקייט, האָט גאַליאולין מיר נישט גע־

געבן קיינמאָל דאָס צו פילן, כאָטש ביים דערמאָנען דעם נאָמען „סטרעל־ניקאָוו", פייערט ער און פלאַמט און ווערט אויסער־זיך. יאָ, איצט איז ער אין סיביר.

און ווען ער איז דאָ געווען, (ער האָט זיך דאָ לאַנג פאַרהאַלטן און געלעבט די גאַנצע צייט אויף דער אייזנבאַן, אין אַ וואַגאָן, ווו איר האָט אים געזען), האָב איך זיך געריסן צו באַגעגענען־זיך מיט אים ווי־עס־איז, צופעליק, אומפאָראויסגעזען. צייטנווייז פלעגט ער פאָרן אין שטאַב, וואָס געפינט־זיך אין דער פריערדיקער דירה פון דער קריגס־פאַרוואַלטונג פון קאָמוטשן, — דאָס מיליטער פון דער גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג. און אַן אויסטערלישער שפּאַס פון גורל. דער איינגאַנג אין שטאַב האָט זיך געפונען אין דעם זעלבן פליגל, ווו פריער פלעגט מיך גאַלי־אולין אויפנעמען, ווען איך פלעג קומען אינטערווענירן פאַר אַנדערע. צום ביישפּיל, עס איז געווען אַ רוישיקע געשיכטע אין דעם קאַדעטישן קאָרפּוס. די קאַדעטן פלעגן אָפּוואַרטן אין באַהעלטענישן און דערשיסן זייערע לערער וואָס זיי האָבן פיינט געהאַט, באַשולדיקנדיק זיי מכלומרשט און נייגונג צו באַלשעוויזם. אָדער ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען אויף יידן. און אגב, אויב מיר זענען שטאָ־טישע איינוווינער און מענשטן פון גייסטיקער אַרבעט, זענען דאָך יידן אַ העלפט פון אונדזערע באַקאַנטע. און ווען אין אַזעלכע פּאָגראָם־געצ־ביטן הויבן זיך אָן אָט די געמיינקייטן און שווידערלעכקייטן, חוץ דער פאַרביטערונג, חרפּה און רחמנות, נעמט אונדז פאַרפאָלגן אַ געפיל פון באַלאַסטנדיקער צוויייאיקייט, וואָס אונדזער מיטגעפיל קומט מער פון קאָפּ, מיט נישט־אויפריכטיקייט און מאָראַלישער דעגענעראַציע.

— מענטשן, — יידן, וועלכע האָבן אַמאָל באַפרייט די מענטש־הייט פון דעם יאָך פון געצנדינסט און וואָס זענען זיך איצט מקריב, אין אַזאַ גרויסער צאָל, דער באַפרייאונג פון סאָציאַלן אומרעכט, זענען אָנמעכטיק צו באַפרייען־זיך פון זיך זעלבסט, פון דער געטריישאַפט צו אָפּגעלעבטע, פאַרלעטערטע באַגריפן פון פאַרן מבול, וואָס האָבן פאַר־לוירן זיין באַדייטונג; זיי קענען זיך נישט דערהויבן איבער זיך און שפּורלאָז זיך אויסמישן מיט אַלע איבעריקע, וועמענס רעליגיעזע יסודות זיי אַליין האָבן פאַרלייגט און וואָס וואָלטן זיי געווען אַזוי נאָענט, ווען זיי וואָלטן זיי בעסער דערקענט.

— נישט אַנדערש, די רדיפות און פּאָגראָמען פאַרפליכטן צו דער נוצלאָזער זעלבסטאָפּפערונג. וואָס ברענגט נאָר אומגליק, יאָושדיקע־איזאָלירונג, נאָר אין דעם איז דאָ אַן אינערלעכע שוואַכקייט, אַ דורות־דיק־היסטאָרישע מידקייט. איך האָב נישט ליב זייער איראָנישן זעלבסט־

דערמוטיקן זיך, די אָרעמע באַגריפן און דאָס פּחדנות אין זייער פאַנטאַזיע רעגן אויף, ווי די שמועסן פון זקנים וועגן דער זיקנה און פון קראַנקע — וועגן קראַנקהייטן. זענט איר איינשטימיק?

— איך האָב וועגן דעם נישט געטראַכט. איך האָב אַ חבר, איינער אַ גאַרדאַן, ער האָט די זעלבע מיינונג.

אָט אַהער בין איך געגאַנגען פאַשאַן אַפּהיטן, מיט דער האָפענונג אויף זיין אָנקומען אָדער אַרויסגיין. אַמאָל איז אין דעם פליגל געווען די קאַנצעלאַריע פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר. איצט איז אויף דער טיר אַ שילדעלע: „ביוראָ פאַר אָנקלאַגעס". איר האָט אפשר געזען? דאָס איז דער שענסטער פלאַץ אין שטאָט. דער פלאַץ פאַר דער טיר איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט פירקאַנטיקע שטיינער. אויף יענער זייט פלאַץ איז דער שטאָטישער פאַרק. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט אויפן טראָטואַר, צווישן אַ גרופּקע בקשות־דערלאַנגער, און געוואַרט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך נישט געבעטן אָנגענומען צו ווערן, נישט געזאָגט, אַז איך בין זיין פרוי. אונדזערע פאַמיליען־נעמען זענען דאָך פאַרשיי־דענע. איז צו וואָס נוצט דאָ די שטים פון הארץ? ביי זיי זענען גאַנץ אַנדערע געזעצן. צום ביישפּיל, זיין אייגענער פאָטער, פאַוועל פּראַ־פאַנטאַוויטש אַנטיפּאַוו, דער געוועזענער פּאָליטיש־פאַרשיקטער, פון אַר־בעטער־פאַלק, ער אַרבעט ערגעץ אין אַ געריכט־הויז, אויפן טראַקט נישט ווייט פון דאַנען, אויפן אָרט פון זיין פריערדיקער פאַרשיקונג. ער און זיין פריינט טיווערזין, מיטגלידער פון רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל. איז וואָס מיינט איר? דער זון דערקענט אויך נישט זיין טאַטן און דער טאַטע נעמט עס אויף מיט זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ער באַליידיקט זיך נישט. „אויב דער זון איז אין אונטערגרונד, הייסט עס, מען טאָר נישט". קיזלשטיינער זענען דאָס און נישט קיין מענטשן. דיסציפּלין. פּרינציפּן.

און ענדלעך, ווען איך וואָלט שוין דערוויזן, אַז איך בין זיין ווייב, אוי־וואַ! „זייער וואַזשנע"! זענען זייערע קעפּ געווען צו ווייבער? איז דען דאָס געווען די פּאַסיקע שעה דערצו? „וועלט־פּראָלעטאַריאַט", „איבער־בוי פון דער וועלט" — דאָס זענען אַנדערע רייד, אַן אַנדערע טעמאַטיק, דאָס פאַרשטיי איך. אָבער דאָס באַזונדערע צווייפּיסיקע, אין פאָרם פון עפּעס אַ ווייב דאָרט, איז עס, זייט מיר מוחל! דאָס זעלבע וואָס די פּלוי אָדער לויז.

אַן אַדיוטאַנט איז אַרומגעגאַנגען, אויסגעפרעגט. אייניקע אַריינ־געלאָזן. איך האָב נישט אָנגערופן מיין פאַמיליע־נאָמען. אויף דער פראַגע „אין וואָס פאַר אַן ענין", האָב איך געענטפערט, אַז אין אַ פּערזענלעכן.

מען האָט געקענט פּאַראַויסזאָגן, אַז די שפּיל איז פֿאַרלוירן, ער וועט אָפּזאָגן. דער אַדיוטאַנט האָט אַ צו־געטון מיטן אַקסל, מיך באַטראַכט פֿאַרדעכטיק. האָב איך אים טאַקע קיין אײן מאָל נישט געזען.

און איר מיינט, אַז ער שעמט־זיך, מיאוסט־זיך מיט אונדז? אויפֿגעהערט ליב צו האָבן? געדענקט נישט? — אָ, להיפּוך! איך קען אים אַזוי! דאָס האָט ער, צוליבן איבערפֿלוס פֿון געפֿילן, אַזוינס צוגעטראַכט! ער באַדאַרף אַלע זיינע מלחמהדיקע לאַרבער־קרענץ לייגן צו אונדזערע פֿיס, כדי נישט מיט ליידיקע הענט זיך אומצוקערן, נאָר מיטן גאַנצן רום, ווי אַ זייגער! פֿאַראייביקן, פֿאַרבלענדן אונדז! ווי אַ קינד!

אין צימער איז ווידער קאַטיענקא אַריינגעקומען. לאַריסאַ פּיאַדאַראָוונאַ האָט געכאַפּט דאָס זשענירטע קינד אויף די הענט, האָט איר גענומען שאָקלען, קיצלען, קושן און דריקן אין די אָרעמס.

16

יורי אַנדרייעוויטש האָט זיך אומגעקערט פֿון שטאָט, קיין וואַריקינאָ, רייטנדיק. אומצאָליקע מאָל איז ער שוין פֿאַרבייגעפֿאָרן די דאָזיקע ערטער. ער איז געוווינט צום וועג, איז שוין גלייכגילטיק צו אים און באַמערקט אים נישט.

ער האָט זיך דערנענטערט צום וואַלדיקן קרייצוועג, ווו פֿון גלייכן שליאַך קיין וואַריקינאָ, צווייגט־זיך־אָפּ אַ זייטיקער וועג צום פֿישער־דאָרף וואַסיליעווסקאָיע, ביים טייך סאַקמאַ. ווו די וועגן צעגייען־זיך, איז געשטאַנען דער דריטער סלופּ אין דער סביבה מיט דאָרפֿס־ווירטשאַפֿטלעכע רעקלאַמען. ווען דער דאָקטאָר פֿלעגט קומען נאָענט צו אָט דעם שיידוועג, איז שוין געווייינלעך געווען שקיעה־צייט. אויך איצט האָט שוין געטונקלט.

עס איז שוין אַריבער מער ווי צוויי חדשים פֿון דער צייט, ווי בעת איינער פֿון זיינע נסיעות אין שטאָט אַריין, האָט ער זיך נישט אומגעקערט אין אָוונט אַהיים און געבליבן ביי לאַריסאַ פּיאָדאָראָוונאַ, און אין דער היים האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן וועגן עסקים אין שטאָט און האָט גענעכטיקט אין סאַמדיעוויאַטאָוס איינפֿאַר־הויף. ער איז שוין לאַנג געווען מיט אַנטיפּאָווא אויף „דו" און האָט זי גערופֿן לאַראַ, און זי אים — זשיוואַגאָ. יורי אַנדרייעוויטש האָט גענאַרט טאָניאַן און האָט פֿאַרהוילן פֿון איר זאַכן, אַלץ מער ערנסטע און נישט דערלויבטע. שלעכט האָט די זאַך אויסגעזען אין זיינע אויגן.

ער האָט ליב געהאַט טאָניען ביז פֿאַרגעטערונג. איר זעלישער

פרידן און איר רו זענען אים טייערער געווען ווי אַלץ אין דער וועלט. ער איז געשטאַנען ווי אַ באַרג פאַרן שוץ פון איר כבוד, מער פאַר איר לייבלעכן פאָטער און מער ווי זי — פאַר זיך זעלבסט. אין שוץ פון איר עמפּינדלעכער שטאָלצקייט, וואָלט ער געקענט מיט זיינע אייגענע הענט צערייסן דעם באַליידיקער. און אָט דער באַליידיקער איז ער איצט אַליין געווען.

אינדערהיים, אין אייגענעם משפחה קרייז, ער האָט געהאַט דאָס געפיל פון אַ נישט אַנטדעקטן פאַרברעכער. זייער געוויינלעכע פריינט־לעכקייט האָט אים דערשלאָגן. אין סאַמע ברען פון אַלגעמיינע שמועסן, דערמאָנט ער זיך פּלוצלונג אָן זיין שולד, ווערט פאַרשטיינערט און הערט־אויף צו פאַרשטיין וואָס אַרום אים טוט זיך.

ווען דאָס פלעגט טרעפן ביים טיש, פלעגט אים דער ביסן בלייבן שטעקן אין גאַרגל. ער פלעגט אָוועקלייגן אָן אַ זייט דעם לעפל און אָפּ־רוקן דעם טעלער. טרערן האָבן אים געשטיקט. „וואָס איז מיט דיר ?" — האָט זיך געחידושט טאַניא — „דו האָסט זיך אַוודאי דערוווסט אין שטאָט עפּעס שלעכטס ? האָט מען ווּעמען איינגעזעצט ? אָדער דערשאָסן ? זאָג מיר. זאָרג נישט, אַז איך וועל זיך דענערווירן. עס וועט דיר לייכטער ווערן".

האָט ער דען פאַראָטן טאַניען, שטעלנדיק עמיצן העכער פון איר ? ניין, ער האָט נישט אויסגעוויילט און נישט פאַרגליכן. די אידייע פון „פרייע ליבע", אין זין פון „רעכט און פראַגן פון געפילן", זענען אים פרעמד געווען. רעדן און טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן, האָט זיך אים אויס־געוויזן, פאַר גאַריש. ער האָט אין לעבן נישט געריסן די „בלימלעך פון פאַרגעניגן", ער האָט זיך נישט פאַררעכנט פאַר אַ האַלב־גאָט, פאַר אַן איבערמענטש, ער האָט נישט געפאָדערט פאַר זיך קיין באַזונדערע פּרי־ווילעגיעס און צוגאָבן. ער האָט זיך געבויגן אונטער דער לאַסט פון אומריינעם געוויסן.

וואָס וועט ווייטער זיין ? — האָט ער זיך צייטנווייז געפרעגט, און נישט געפינענדיק קיין ענטפער, האָט ער געהאָפט אויף עפּעס אומקלאָרס, עס זאָלן זיך אַריינמישן נישט פאַראויסגעזעענע אומשטענדן, וואָס זאָלן ברענגען אַ לייזונג פאַר דער לאַגע.

אָבער נישט אַזוי האָבן די זאַכן איצט אויסגעזען. ער האָט באַ־שלאָסן אויפצושניידן די מכה מיט איינמאָל. ער האָט באַשלאָסן זיך מודה צו זיין אין אַלץ פאַר טאַניען, אויסבעטלען ביי איר פאַרגעבונג און מער זיך נישט באַגעגענען מיט לאַראַן.

אמת, דאָ איז נישט אַלץ געווען גלאַטיק. עס האָט זיך אים גע־

דאַכט, אַז עס איז נישט געבליבן גענוג קלאָר, אַז ער רייסט־איבער מיט לאַרען אויף שטענדיק, אויף אייביקע אייביקייטן. ער האָט איר הייגט אינדערפרי דערקלערט זיין פּאַרלאַנג, אַלץ אויפצודעקן פאַר טאַניען און האָט איר דערקלערט די אוממעגלעכקייט פון זייערע ווייטערדיקע באַגע־גענישן. נאָר איצט איז געווען ביי אים אַזאַ געפיל, אַז ער האָט עס איר געזאָגט צו־ווייך, נישט־גענוג דעצידירט.

לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַן האָט זיך נישט געוואָלט מצער זיין יורי אַנדרייעוויטשן מיט פּיינלעכע סצענעס. זי האָט פאַרשטאַנען, ווי ער מאַטערט־זיך אויך אַן דעם. זי האָט זיך באַמיט אויסצוהערן זיינע רייד ווי מעגלעך רויקער. זייער דערקלערן־זיך איז פאָרגעקומען אין דער ליידיקער אומבאַוווינטער קאַמער פון לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַס פריערדיקע באַלעבאַטים, אויף דער האַנדלס־גאַס. איבער לאַרעס קינבאַקן זענען ווי אַן איר וויסן און פילן, גערונען די טרערן, ווי דאָס וואַסער פון רעגן וואָס איז בעת־מעשה געגאַנגען איבער די שטיינערנע פּנימער פון די סטאַטועז אַנטקעגן, אויפן הויז מיט די פיגורן. זי האָט אויפריכטיק, אָן געמאַכטער גרויסמוטיקייט, שטיל געזאָגט: „טו ווי פאַר דיר איז בעסער. רעכן־זיך נישט מיט מיר. איך וועל אַלץ איבערווינדן". און זי האָט נישט געוווּסט, אַז זי וויינט, זי האָט נישט אָפּגעווישט די טרערן.

ביים געדאַנק, אַז לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ האָט אים אפשר פאַר־שטאַנען פאַרקערט און אַז ער האָט זי איבערגעלאָזן אין אַ טעות, מיט פאַלשע האָפענונגען, איז ער גרייט געווען אויסצוקירעווען און איילן צוריק אין שטאָט־אַריין, צו דערזאָגן דאָס נישט־דערזאָגטע, און דער עיקר, געזעגענען־זיך מיט איר פיל צערטלעכער און הייסער, מיטן פולן באַנעמען, אַז דאָס דאַרף זיין אַן אמתע צעשיידונג אויפן גאַנצן לעבן, אויף אייביק. ער האָט זיך קוים באַהערשט און ממשיך־געווען זיין וועג אַהיים.

מיטן נידערן פון דער זון, האָט זיך דער וואַלד גענומען אָנפילן מיט קעלט און פינצטערניש. עס האָט גענומען שמעקן אין אים מיט דער בלעטער־פייכטקייט פון די צעפּאַרעטע קוסטן, ווי ביים אַריינגיין אין באָד. אין דער לופט, ווי זיי וואָלטן אויף וואַסער געשווומען, האָבן זיך־אויס־געשפּרייט אומבאַוועגלעך־הענגענדיקע ראָיענישן פון קאָמאַרעס, זשומענ־דיק דין. אַלע אויף איין טאָן. יורי אַנדרייעוויטש האָט אומאויפהערלעך זיי געפּאַטשט אויפן שטערן און האַלדז. דאָס הילכנדיקע פּעטשלען איבערן שווייסיקן לייב האָט מאָדנע געשטימט מיט די אַנדערע קלאַנגען פון רייטן: מיטן סקריפּ פון די זיץ־רימענס, מיט די שווערלעכע קלעפּעלעך פון די קאָפּיטעס אין דער שיטערקייט פון דער טאָפּטשענדיקער בלאָטע, און מיט די טרוקענע זאַלפן פון די פערדישע קישקעס אַרויס. פון דער

ווייטנס, ווו די זון איז פֿאַרזונקען־געוואָרן, האָט זיך צעזונגען דער נאַכטיגאַל.

„אַטשניס׳! אַטשניס׳! (וואַך־אויף!)״ — האָט ער געררופן און געבעטן. און דאָס האָט געקלונגען כמעט אַזויווי ערב־פּסחא: „נשמה מיינע, נשמה מיינע! וואַך־אויף און אייל־זיך־צו! דערוואַך!״

פּלוצלונג האָט אַ פּשוטער געדאַנק אויפגעבליצט ביי יורי אַנדרייע־עווטשן. צו וואָס זיך איילן? ער וועט נישט אָפּטרעטן פון זיין וואָרט, וואָס ער האָט זיך אַליין געגעבן. נאָר ווו איז דאָס געזאָגט־געוואָרן, אַז דאָס מוז געשען היינט? עס איז נאָך טאָניען גאָרנישט געזאָגט־געוואָרן. עס איז נאָך נישט שפּעט אָפּצולייגן די „דערקלערונג״ אויף אַ צווייט־מאָל. פֿאַר דער צייט, וועט ער נאָך אַמאָל אַ פֿאַר־טון אין שטאָט־אַריין. דער געשפּרעך מיט לאַרען וועט דערפֿירט־ווערן ביז צום סוף, פון דער טיף און נשמהדיק געפֿיל, וואָס איז מכפּר אויף אַלע ליידן. אָ, ווי גוט! ווי הערלעך! ווי מאָדנע, וואָס דאָס איז אים פֿריער נישט געקומען אין געדאַנק אַריין!

ביים צולאָזן דעם געדאַנק, אַז ער וועט נאָכאַמאָל זען אַנטיפּאָוואַן, איז יורי אַנדרייעוויטש געוואָרן פול מיט פֿרייד. דאָס האַרץ האָט אים געדיכטער געגומען קלאַפּן. ער האָט אַלץ איבערגעלעבט אויפסניי מיט פרישער באַגייסטערונג.

געסלעך מיט הילצערנע שטיבער פון קלעצער געבויט אין דער פֿאַרשטאָט, הילצערנע טראָטואַרן. ער רייט צו איר. איצט, אין דער נאָוואָ־סוואַלאָטשנער גאַס, ענדיקן־זיך די פּוסטע פּלעצער אזן דער הילצערנער שטאָט־טייל, און עס הויבט זיך־אָן דער געמויערטער. די פֿאַרשטאָט־הייזע־לעך ווערן קלענער, טראָגן־זיך פֿאַרביי ווי בלעטער פון אַ שנעל געמישטן בוך, נישט אַזוי, ווי ווען דו קערסט זיי איבער מיטן ווייז־פינגער, נאָר ווי דו וואָלסט, אַנרירנדיק די ברעגן, איבערגעמישט אַלע מיטאַמאָל. דעם אָטעם פֿאַרהאַקט! אָט דאָרטן וווינט זי, אין יענעם עק. אונטערן ווייסן ליכט פון אָוונטדיק־העלן, רעגן־געגנויגטן הימל. ווי ער האָט עס ליב אָט די באַקאַנטע הייזלעך, אויפן וועג צו איר! ער וואָלט זיי אַ נעם־געטון פון דער ערד, אין די הענט־אַריין און אויסגעקושט! אָט די קרומע דעכער, וואָס זענען ענליך איינער צום אַנדערן. די שפּראָצונגען וואָס זענען אָפּגעשפּיגלט אין די וואַסער־ריטשקעלעך פון פייערלעך און לאַמ־טערנעס! אונטער דעם ווייסן פּאַס רעגנדיקן הימל פון דער גאַס. דאָרט וועט ער ווידער באַקומען פון דעם באַשעפער אַלס מתנה אָט די באַשאַ־פענע דורך זיינע הענט ווייסע הערלעכקייט. די טיר וועט עפענען אַ טונקל־פֿאַרהילטע פיגור. און דער בשורה פון איר קאַלטער און צוריקגעהאַל־

טענער נאָענטקייט, ווי די נאָענטקייט פון אַ ליכטיקע צפון־נאַכט, וואָס געהערט נישט צו קיינעם, וועט זי זיך מיר אַנטקעגנקייקלען, ווי אַן ערשטע ים־כוואַליע, צו וועלכער דו לויפסט אין דער טונקלקייט איבערן זאַמדיקן ברעג.

יורי אַנדרייעוויטש האָט אָוועקגעוואָרפן די לייצעס, זיך נאָכגעגעבן פאָראויס פון זאָטל, אַרומגענומען דעם פערד ביים האַלדז און איינגענורעט דאָס געזיכט אין זיין גריווע. אַנגעמענדיק אָט די צערטלעכקייט אַלס אַ ווענדונג צו אַלע זיינע כוחות, האָט זיך דער פערד אַ לאָז־געטון גאַלאָפּ.

אין פריי־שוועבנדיקן גאַלאָפּ, אין די אינטערוואַלן פון דעם פערדס קוים־קוים באַרירן די ערד, וואָס איז כסדר געפלויגן הינטער אים צוריק, האָט יורי אַנדרייעוויטש, אויסערן קלאַפּן פון זיין פריידיק־צעשטורעמט האַרץ, אויך געהערט נאָך וועלכע עס איז קולות, אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי קומען פון זיין דמיון.

אַ נאָענטער שאָס האָט אים פאַרטומלט. דער דאָקטאָר האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעכאַפּט די לייצעס, ציענדיק זיי צו זיך. דער צעיאָגטער פערד, האַמעווענדיק־זיך, האָט געמאַכט עטלעכע שפּרונגען אַן אַ זייט, זיך צוריקגעצויגן און גענומען זיך זעצן הינטערווייַלעכטס, ווי זיך־גרייטנדיק צו שמועלן דיבאָם.

פאָראויס האָט זיך דער וועג צעטיילט אויף צוויי. אין די שקיעה־שטראַלן האָט דאָרט דערנעבן געברענט די שילד „מאָראָ און וויעטשינקין. זיי און דרעש־מאַשינען". אין דער ברייט פון וועג, פאַרצוימענדיק אים, זענען געשטאַנען דריי באַוואָפנטע רייטער. אַ בחורל אין אַ רעאַל־גימנאַזיסטיש היטל און רעקל, מיט קולין־טאַשמעס געקרייצט איבער דער ברוסט, אַ קאַוואַלעריסט אין אַן אָפיצערישן שינעל און אַ קובאַנקע (היטל), און אַ קאַמישער, ווי פאַרשטעלט פאַר אַ מאַסקאַראַד, גרובאַס מיט ענגע הויזן, וואַטענעם רעקל און נידעריק־אַראָפּגעצויגענעם קאַפּעלוש פון אַ פאַפּ, מיט ברייטע ראַנדן.

— נישט־זיך רירן פון אָרט, חבר דאָקטאָר! — האָט רואיק און גלייך געזאָגט דער עלטסטער פון די דריי, דער קאַוואַלעריסט אין דעם קובאַנער היטל — אויב איר גיט זיך אונטער, גאַראַנטירן מיר אייך פולער אומבאַשעדיקונג. אין קעגנפאַל, זייט נישט בייז, פאַרן דערשיסן. אין אונדזער אָפּטיילונג איז דער פעלדשער דערהרגעט־געוואָרן. מיר זענען געצוווּנגען צו מאָביליזירן אייך אַלס מעדיצינישן אַרבעטער. גייט־אַראָפּ פון פערד און גיט־איבער די לייצעס דעם ייִנגערן חבר. איך דערמאָן אייך: ביי דעם מינדעסטן פּרווו צו אַנטלויפן, וועלן מיר זיך נישט צערעמאָנירן.

— איר זענט ליוועריי, מיקוליצינס זון, חבר „וואַלדיקער"?

— ניין, איך בין זיין פאַרבינדונגס־נאַטשאַלניק, קאַמיענאָדוואָרסקי.

צעגטער טייל

אויפן ברייטן שליאך

1

עס זענען געשטאַנען שטעט, דערפער, סטאַציעס. די שטאָט קרעסטאָוואָזדוויזשענסק, סטאַציע אָמעלטשינאָ, פּאָזשינסק, טיסיאַצקאָיע, פּאָטשינאָק איגלינסקאָיע, זוואָנארסקאיא סלאָבאָדא, דאָס סטאַציעלע וואָלנאָיע, גורטאָווטשיקי, קאָזשעמסקאיא זאימקא, סטאַציע קאָזעווואָ, סלאָבאָדא קוטייני פּאָסאַד, דאָס דאָרף מאלי יערמאַלאי.

אַ טראַקט האָט זיך געצויגן צווישן זיי, אַן אַלט־אוראַלטער, דער סאַמע־עלטסטער אין סיביר, אַן אַמאָל־אַמאָליקער פּאָטשטאָווער טראַקט. אַזוי־ווי לאַבנס ברויט, האָט ער דורכגעשניטן שטעט אויף דער העלפט, מיטן מעסער פון דער הויפּט־גאַס; און דערפער איז ער פאַרבייגעפלויגן נישט־אומקוקנדיק־זיך, פאַרוואַרפנדיק ווייט הינטער זיך די אין שפּאַלער־איסגעשטעלטע כאַטקעס, אויסבויגנדיק זיי אין אַ בויגן אָדער אין אַ האַקן, מיט זיין פלוצלונגדיקן אויסקירעווען־זיך.

אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, נאָך פאַרן פאַרלייגן די אייזנבאַן־ליניע דורך כאָדאַטסקאָיע, האָבן זיך געטראָגן איבער דעם טראַקט די פּאָטשטאָווע „טראָיקעס". אין איין זייט האָבן זיך געצויגן קאַראַוואַנען מיט טיי, תבואה און אייזנוואַרג פון פאַבריקס־אויסאַרבעטונג; אין דער צווייטער זייט האָט מען געטריבן צו־פוס, מיטן עטאַפּ, באַגלייט פון קאָנוואָיען, אַרעסטאַנטן. זיי האָבן געשפּרייזט אין טראָט, אַלע מיטאַמאָל, אונטערקלינגענדיק מיט די געשמידטע קייטן. פאַרלוירענע, פאַרצווייפלטע קעפּ, שרעקלעכע ווי בליצן פון קלאָרן הימל. און וועלדער האָבן גערוישט אַרום, פינצטערע, נישט צום אַדורכגיין.

דער טראַקט האָט געלעבט ווי איין משפּחה. עס האָבן־זיך געקענט און משפּחהדיק־געבונדן שטאָט מיט שטאָט און דאָרף מיט דאָרף. אין כאָדאַטסקאָיע, וווּ דער טראַקט קרייצט־זיך מיט דער אייזנבאַן־ליניע, זענען געווען רעמאָנט־וואַרשטאַטן פאַר פאַראָוואָז־מאַשינען. מעכאַנישע אונטערנעמונגען וואָס ליגן־אונטער דער אייזנבאַן. די צרות־לײדנדיקע באָרוועס־

נאַקעטקייט, צונויפגעדריקט אין די קאַזאַרמעס, האָט געקרענקט און גע־שטאָרבן. די קאַטאָרגע־אָפּקומענדיקע, פּאָליטיש־פאַרשיקטע, וועלכע האָבן געהאַט אַן אַנונג אין טעכניק, זענען געוואָרן מייסטערס אין די וואַר־שטאַטן און זיי זענען דאָ פאַרבליבן אַלס תושבים.

לענגאויס דער גאַנצער ליניע, האָבן־זיך שוין לאַנג געהאַט באַזעצט די סאַמע ערשטע סאָוויעטן. אַ געוויסע צייט האָט זיך געהאַלטן די מאַכט ביי דער סיבירער צייטווייליקער רעגירונג און איצט איז זי פאַרביטן־געוואָרן אין דער גאַנצער געגנט דורך דער מאַכט פון דעם אויבערהער־שער קאָלטשאַק.

2

אויף איינעם פון די אָפּשניטן, האָט זיך דער וועג גענומען אויפ־הויבן ווייט באַרג־אַרויף. דער אויסבליק האָט זיך דאָרט ווייטער צעעפנט און זיך אויסגעשפּרייט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס וועט קיין סוף נישט נעמען צום אויפשטייג און וווקס פון דעם בעאָבאַכטונגס־קרייז. און ווען מענטשן און פערד זענען מיד־געוואָרן און זיך אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, האָט זיך דער אַרויפשטייג געענדיקט. פּאַראויס, אונטער אַ בריק, האָט זיך געוואָרפן דער אייליק־שטראָמיקער טייך קעזשמאַ.

איבערן טייך, אויף נאָך אַ העכערן באַרג־סערפּענטין, האָט זיך אַנטפּלעקט די ציגלנע וואַנט פון דעם וואָזדוויזשענסקער מאָנאַסטיר. דער וועג אונטן האָט אַרומגעקרייזט די מאָנאַסטירישע באַרג־שפּועים און, מיט עטלעכע זיגזאַגן צווישן די הינטערשטע פּעריפעריע־הויפן, האָט ער זיך פאַרנומען דירעקט אין שטאָט־אַריין.

דאָרט האָט ער ווידער פאַרכאַפּט אַ שטיק מאָנאַסטירישע ערד אויפן הויפּט־פּלאַץ, ווו עס האָבן זיך־געעפנט די אייזערנע גרין־געפאַרבטע מאָ־נאַסטירישע טויערן. דער איקאָנע, איבער דער איינגאַנג־געוועלבונג, האָט מיט אַ האַלבן קראַנץ ארומגעקריינט אַ גאָלדענע אויפשריפט: „פריי־זיך לעבנס־טראָגנדיקער קרייץ, מיט דער כבוד־הערלעכקייט פון דיין אומ־באַזיגבאַרן נצחון״.

עס איז געווען סוף־ווינטער, די תאווהדיקע צייט פון נאָך די גרויסע פאַסט־טעג. דער שניי אויף די וועגן האָט זיך געשוואַרצט, ווייזנדיק סימנים פון אָנגעפאַנגענעם צערינען ווערן, נאָר אויף די דעכער איז ער נאָך געווען ווייס און ער איז אַריבערגעהאנגען ווי הויכע, פעסט־זיצנדיקע היטלען.

דעם קליינוואַרג, וואָס האָט אַרויפגעקלעטערט צו די גלאָקן אויפן

וואַזדוויזשענסקער גלאָקן־טורעם, האָט זיך געדאַכט, אַז די הייזער אונטן זענען צונויפֿגעקומען צוזאַמענגערוקט אין אַ קופּע פון קליינינקע, שטיינערנע בײדלעך און קעסטלעך. צו די הייזער האָבן זיי געזען צוגיין פּינטלדיק־קליינטשינקע, שוואַרצינקע מענטשעלעך. פון דעם גלאָקן־טורעם האָבן זיי דערקענט איינ־צלנע, לויט זייער באַוועגן־זיך. מען האָט זיך דערנענטערט — און גע־לייענט די אויף די ווענט־אויסגעקלעפּטע באַפעלן פון דער אויבער־הערשאַפט, וועגן דעם פּריזיוו אין דער אַרמיי, צו וועלכן עס דאַרפן זיך צושטעלן דריי נאָכפאָלגנדיקע יאָרגענג.

3

די נאַכט האָט געבראַכט אַ סאַך אומדערוואַרטעטקייטן. עס איז געוואָרן וואַרעם, אומגעווײנלעך פאַר אַזאַ צייט. עס האָט געטריפט אַ דראָבנע רעגנדל, אַזאַ לופּטיקס, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס גרייכט נישט צו דער ערד און מיט אַ וואַסערדיק שטויב־רויכל צעשווימט עס זיך אין דער לופט. נאָר דאָס איז געווען גענוג, אַראָפּצושווענקען דעם שניי פון דער ערד אינגאַנצן, וואָס האָט זיך שוין איצט געשוואַרצט, גלאַנצנדיק ווי פון שוויס.

קליינוויקסיקע עפּל־ביימער, רייך אין קנאָספּן, האָבן אויף אַ וווּנ־דערלעכן אופן אַריבערגעוואָרפן זייערע צווייגלעך איבער די פּלויטן אויף דער גאַס אַרויס. פון די צווייגלעך זענען, אָנשלאָגנדיק זיך איינס אין דאָס אַנדערע, געפאַלן די טראָפּנס אויף די הילצערנע טראָטואַרן. זייער פּייקל־דיקער קלאַפּן האָט געהילכט איבער דער גאַנצער שטאָט.

אויפן הויף פון פאָטאָגראַפישן אַנשטאַלט האָט ביז איינדערפרי געבילט און געוואָיעט דאָס הינטל אויף דער קייט, טאָמיק. עס קען זיין, אַז די קראָ אין גאַלוזינס סאַד, וואָס איז צערייצט־געוואָרן פונעם הונטס בילעריי, האָט זיך דערפאַר צעקראַקעט איבער דער גאַנצער שטאָט.

אין אונטערשטן טייל שטאָט האָט מען צום סוחר ליובעזנאָוו גע־בראַכט דריי וועגענער משא. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען, זאָגנדיק, אַז דאָס איז אַ טעות, אַזאַ סחורה האָט ער קיינמאָל נישט באַשטעלט. צוליב דער שפּעטער שעה, האָבן די יונגע פורמאַנעס געבעטן ביי אים אַ נאַכטלעגער. דער סוחר האָט זיי געטריבן פון דאָרט און נישט גע־עפנט פאַר זיי דאָס טויער. זייער קריגעריי האָט מען אויך געהערט איבער דער גאַנצער שטאָט.

זיבן פרי לויטן קלויסטער־זייגער און לויט דער אַלגעמיינער צייט — איינס אַ זייגער ביינאַכט, האָט פון סאַמע־שווערסטן, קוים זיך־

רירנדיקן גלאָק, צו תפילה־אויפשטיין, זיך אָפּגעטיילט אַ כוואַליע פון אַ דינעם טונקעלן און זיסן קלאַנג, וואָס איז געשווימען אויסמישנדיק־זיך מיט דער פינצטערער רעגן־פייכטקייט. דער קלאַנג האָט זיך אָפּגעריסן פון גלאָק, ווי עס רייסט זיך־אָפּ פון ברעג אַן אונטערגעשווענקטער ערד־שיכט, וואָס זינקט און צעלאָזט זיך אין טייך.

דאָס איז געווען די נאַכט ערב דעם גרויסן דאָנערשטיק, דער „צוועלעפטער" טאָג לויט דער עוואַנגעליע. אין דער טיף, הינטערן רעגנ־דיקן נעפּל־שלייער, האָבן זיך באַוועגט און געשווומען שוואַכינקע פייער־לעך, וואָס האָבן באַלויכטן, קעפּ, נעזער, פּנימער. די פאַסטנדיקע זענען געגאַנגען צו דער מאָרגן־תפילה.

נאָך אַ פערטל שעה האָבן זיך דערנענטערט טריט פון דער מאָנאַס־טיר־זייט, איבער די בריקלעך פון טראָטואַר. דאָס האָט זיך אומגעקערט די קרעמערקע גאַלוזינאַ פון דער נאָרוואָס־אָנגעהויבענער מאָרגן־תפילה צו זיך אַהיים. זי איז געגאַנגען מיט אַ פאַרפלאָנטערט גענגל, יאָגנדיק־זיך, און אָפּשטעלנדיק־זיך, מיט אַ צעכראַסטעטן פעלץ און צעשויבערטן טיכל אויפן קאָפּ. עס איז איר נישט גוט געוואָרן אין דער דושנאָטע פון קלויס־טער און זי איז אַרויס געגאַנגען אויף דער לופט, איצט האָט זי זיך גע־שעמט און באַדויערט, וואָס זי האָט נישט אויסגעהאַלטן ביזן סוף פון דער תפילה, ווייל שוין דאָס צווייטע יאָר איז זי נישט טועם פונעם הייליקן ברויט. נאָר נישט דאָס איז געווען די סיבה פון איר טרויער. בייטאָג האָט איר פאַרביטערט דער אומעטום־צעקלעפּטער באַפעל וועגן מאָבילי־זאַציע, וועלכן עס פאַלט־אַרונטער איר אָרעמער, נאַרעשער זון טיעריאָשאַ. זי האָט געטריבן אָט די זאָרג פון קאָפּ, נאָר די אין דער פינצטער בלייי־כנדיקע מודעות, דערמאָנען איר אָן דעם.

דאָס הויז איז געווען איבערן ראָג, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, נאָר אינדרויסן איז איר בעסער געווען, ווי אין דער געדיכטער לופט, עס האָט זי נישט געצויגן אין שטוב־אַריין.

טרויעריקע מחשבות האָבן איר צעשטורעמט דאָס געמיט. ווען זי וואָלט די מחשבות גענומען באַטראַכטן לויט אַ סדר, אויפן קול, וואָלט איר נישט געקלעקט קיין ווערטער און קיין צייט ביז אינדערפרי. און דאָ, אויף דער גאַס, זענען איר די זאָרגן באַפאַלן ווי שטיינער, און זי וואָלט זיך מיט זיי אַלע געקענט אַן עצה־געבן אין עטלעכע מינוט, אין צוויי־דריי געגנג פון ראָג מאָנאַסטיר, ביזן ראָג פלאַץ.

דער ליכטיקער יום־טוב איז שוין פאַר דער נאָז, און אין שטוב איז קיין לעבעדיק נפש נישטאָ. אַלע זענען זיך צעפאָרן און זי געלאָזן אַליין. וואָס דען, נישט אַליין? זיכער אַליין. קסיושאַ די אַדאָפּטירטע קומט נישט

אין חשבון. און ווער איז זי? אַ פרעמדע טונקעלע נשמה. אפשר איז זי אַ פריינט, אפשר — אַ שונא, אפשר אַ געהיימע נישט־פאַרגינערן. זי איז איר בירושה געבליבן פון ערשטן מאַן, וולאַסושקינס אַ שטיף־טאָכטער. און אפשר גאָר אַן אומגעזעצלעכע? אָדער גאָר אינגאַנצן נישט קיין טאָכטער, נאָר עפּעס אַן אַנדער געשיכטע? צי קען מען אין אַ מענער־נשמה אַריינקריכן? פיל קלוגער פון נאַרישן טיעריאַשקע און איר שטיף־פאָטער.

און אַט איז זי אַליין געבליבן ערב יום־טוב, אַן אַוועקגעוואָרפענע. צעפלויגן איז מען זיך, דער אַהער, דער אַהין.

איר מאַן וולאַסושקאַ, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן מיט טראַקט, רעדעס צו האַלטן פאַר די פריש־מאָביליזירטע, מדריך־זיין זיי צו אַ מוטיקן אויפ־שטייג. און בעסער וואָלט ער, דער נאַר, וועגן דעם אייגענעם זון גע־זאָרגט, באַוואָרנט אים פון טויט־געפאַרן.

דער זון טיעריאָשאַ, האָט אויך נישט אויסגעהאַלטן, געמאַכט ויברח ערב דעם גרויסן יום־טוב. צו משפחה אין קוטייני־פאָסאַד אַוועק־געשלעפּט־זיך, טרייסטן־זיך נאָך זיינע איבערלעבונגען. מען האָט דעם יינגל אויסגעשלאָסן פון דער רעאַל־גימנאַזיע. אין העלפט קלאַסן איז ער צו צוויי יאָר אָפּגעזעסן אָן תכלית, און אין אַכטן האָבן זיי זיך נישט איינ־געהאַלטן און אים אַרויסגעשטויסן.

אַך, וואָס פאַר אַן אומעט! אָ, גאָט! פאַרוואָס איז אַזוי שלעכט געוואָרן, אַז פון די הענט פאַלט אַלץ. עס ווילט־זיך נישט לעבן. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי געשען? אַלץ צוליב דער רעוואָלוציע? ניין, אַ ניין! דאָס איז אַלץ צוליב דער מלחמה. אויסגעהרגעט אויף דער מלחמה אַלע בעסטע מענער און געבליבן איז נאָר אַ פאַרפוילטע נישטקייט, טויגעניכטסן.

איז דען אַזוי געווען אין פאָטערס הויז, ביים טאַטן דעם פאָד־ריאַדטשיק? דער טאַטע איז נישט געווען קיין טרונקער, נישט געווען קיין אַנאַלפאַבעט, אין דער שטוב איז געווען האָב און גוטס. און צוויי שוועסטער פאָליאַ און אָליאַ, זיס זענען זיי געווען, ווי די נעמען זייערע. אַ פאָר שוינהייטן. און סטאָלאַרעס, פאַכלייט זענען צום טאַטן געקומען, אַנזעעוודיקע, שטאַלטנע, העפלעכע. פלוצעם האָבן זיי גאָר פאַרטראַכט, (פון קיין נויט האָבן מיינע שוועסטערלעך נישט געוווּסט), זעקס־ערליי וואָל־שאַלן אויסשטריקן. נו, וואָס? אַזעלכע שטריקערינס זענען זיי געווען און אין דער גאַנצער געגנט האָבן זיי מיט די שאַלן שטאָלצירט. אַלץ איז געווען, מען האָט זיך געפרייט מיט געשמאַק און עלעגאַנץ, בעת די תפילות אין קלויסטער, ביי טענץ, צווישן מענטשן, מיט מאַניערן. איז וואָס, אַז פון אַ פשוטער פאַמיליע, פון קליינבירגער, פון פויערים און

אַרבעטער? אין רוסלאַנד האָט אַ מיידל תמיד געהאַט די אמתע פאַרערער, די אמתע העלדישע באַשיצער, נישט ווי די היינטיקע. און איצט איז פון אַלץ אַראָפּ דער גלאַנץ. איין אָנגעשטעלטע אַדוואָקאַטן־באַנדע און יידעלעך, וואָס מעלה־גירה'ן טאָג־און נאַכט מיט רייד. מיט רייד וועלן זיי זיך דערשטיקן. וואָלאָסושקא מיט זיינע חברים מיינען, אַז זיי וועלן צוריק פאַרנאַרן די אַלטע גאָלדענע צייטעלעך מיט שאַמפּאַניער און גוטע פאַרלאַנגען. נאָר צי דען אַזוי קען מען אומקערן אַ פאַרלוירענע ליבע? שטיינער דאַרף מען איבערקערן פאַר דעם, בערג אויסרייסן, ערד גראָבן!

4

גאַלוזינא איז שוין נישט איינמאָל צוגעקומען צום קרעסטאָוואָזדוויזשענסקער פּלאַץ. פון דאַנען אַהיים צו איר, איז נישט ווייט געווען. נאָר יעדעס מאָל האָט זי זיך איבערלייגט, אומגעקערט־זיך צוריק אין די נאָענטע געסלעך פון מאָנאַסטיר, וואָס טראָגן די נעמען פון הייליקן צאַר קאָנסטאַנטין, — וועלכער ווערט געגליכן צו אַן אַפּאָסטאָל — און פון זיין מוטער יעלענאַ.

דער צופיר־פּלאַץ (פאַר וועגענער) איז געווען גרויס ווי אַ פעלד. אין די אַמאָליקע צייטן, אין די יאַריד־טעג, פלעגן די פּויערים פון די אַרומיקע פערמעס פאַרפולן דעם גאַנצן פּלאַץ מיט זייערע וועגענער. איין עק פּלאַץ האָט זיך געגרענעצט מיטן יעלענאַ־געסל, דאַקעגן די צווייטע, רונדיקע זייט, איז געווען באַבויט מיט קליינע הייזלעך, איין און צוויישטאָקיקע. אין אָט די הייזער זענען געווען שפּייכלערס, קאָנטאָרן, האַנדלספּלעצער, און אינדוסטריעלע וואַרשטאַטן.

אין די רואיקע צייטן פלעגט זיך דאָ זיצן אויף אַ בענקל, פאַר דער שוועל פון זיין פיר־טיריקן אויפגעפּראַלטן הויז, דער בערישער גרוביאַן אין בריל און לאַנג־פּאָלעדיקער קאַפּאָטע, דער ווייבערשונא בריוכאַנאָוו, און פלעגט לייענען אַ צייטונג פאַר אַ קאָפּיקע. געהאַנדלט האָט ער מיט לעדער, מיט סמאָלע, מיט רעדער, מיט פערדגעשפּאַנען, מיט היי און האָבער.

אין אַ איינגאַרטיק קליין, טונקל פענצטערל, האָבן זיך דאָ יאָרן־לאַנג געשטויבט עטלעכע קאַרטאָנענע קעסטעלעך חופּה־ליכט געוויקלטע אין קאָלירטע בענדלעך און בלומען־קרענצלעך. אין אַ פּוסט, נישט־מעבלירט צימער, און כמעט אָן אַ סימן פון סחורה, אויב מען זאָל נישט רעכענען די עטלעכע קיילעכדיקע שטיקער וואַקס, וואָס זענען געלעגן איינס אויפן אַנדערן, זענען דורכגעפירט־געוואָרן געשעפטן אויף

טויזנטער, מיט פֿאַרבן, וואַקס און ליכט, וואָס זענען אָנפּאַרטרויט־געוואָרן
פֿון אַגענטן פֿון אַן אומבאַקאַנטן, מיליאָנערישן ליכט־פֿאַבריקאַנט.

דאָ, צווישן דער ריי קראָמען פֿון דער גאַס, איז געווען דאָס גרויסע,
דריי־פֿענצטערדיקע קאָלאָניאַל־געשעפֿט פֿון די גאַלוזינס. דריי מאָל אין
טאָג האָט מען דאָרט אויסגעקערט די צעבראָכענע, נישט־געפֿאַרבטע פּאָד־
לאָגע, וואָס איז געווען פֿאַרכליאַפּעט מיט רעשטלעך טיי, וואָס די באַלע־
באַטים און אָנגעשטעלטע האָבן אומאויפֿהערלעך געטרונקען אַ גאַנצן טאָג.
די יונגע באַלעבאָסטע איז דאָ אָפּט און גערן געזעסן ביי דער קאַסע. איר
באַליבטער קאָליר איז געווען ליליען־פֿיאָלעט, דער קאָליר פֿון די פּייער־
לעכע קלויסטער־טאָגעס, דער קאָליר פֿון נאָך נישט־צעבליטן בעז, דער
קאָליר פֿון איר בעסטן סאַמעט־קלייד, דער קאָליר פֿון איר וויין־כוס
אין דער סטאָלאָווע. דער קאָליר פֿון גליק, דער קאָליר פֿון זיסע דערי־
נערונגען, — דער קאָליר פֿון רוסלאַנדס פֿאַרגאַנגענער, ערב־רעוואָלוציע־
דיקער יונגשאַפֿט, האָט זיך איר געדאַכט, איז אויך געווען פֿון העלן בעז...
און אין דער קראָם ביי דער קאַסע האָט זי ליב געהאַט צו זיצן אויך דער־
פֿאַר, וואָס די געשמאַקע אַראָמאַטן פֿון קראָכמאַל, צוקער, טונקל־ליליאַוון
דזשעם פֿון באַראָוועקעס סלאָיקעס אין גלעזערנע סלאָיקעס און די פֿיאָלעטע
טונקלקייט אין קראָם, — דאָס האָט אַלץ געהערט צו איר באַליבטן קאָליר.

דאָ, אויפֿן ראָג, באַלד נאָכן האָלץ־סקלאַד, איז געשטאַנען דאָס אַלטע,
צווייִשטאָקיקע הויז פֿון געטאָקטן גרויען שטיין, וואָס האָט זיך אויסגע־
שפּרייט אין אַלע פֿיר זייטן, ווי אַן אויפֿגעהאַלטענע אַלטערטימלעכקייט.
דאָרט זענען געווען פֿיר דירות, מיט צוויי איינגענג אין ביידע פֿראָנט־
עקן. דעם לינקן האַלבן פֿאַרטער האָט פֿאַרנומען זאַלקינדס אַפּטייק־מאַגאַ־
זין, דעם רעכטן — די קאַנטאָר פֿון נאָטאַריוס. איבערן אַפּטייק־מאַגאַזין
האָט געוווינט די אַלטע, גרויסע משפּחה פֿון דעם דאַמען־שניידער שמור־
לעוויטש. אַנטקעגן דעם שניידער, איבערן נאָטאַריוס, האָבן זיך צונויפֿ־
געקוועטשט אַ סאַך קוואַרטיראַנטן, וועגן וועמענס פּראָפֿעסיעס עס האָבן
דערציילט די שילדלעך וואָס האָבן באַדעקט די טיר פֿון פֿראָנט־איינ־
גאַנג. דאָ האָט מען פֿאַריכט זייגערס, אָנגענומען שוסטערישע באַשטעלונ־
גען. די שותּפֿים זשוק און שטראָדאַך האָבן דאָ געהאַט זייער פּאָטאָ־אַג־
שטאַלט. דאָ האָט קאַמינסקי געהאַט זיין גראַוויר־וואַרשטאַט.

צוליב דער ענגשאַפֿט אין דער איבערגעפּולטער וווינונג, האָבן די
יונגע פֿאָטאָגראַף־געהילפֿן, דער רעטושער סעניא מאַגידסאָן און דער סטו־
דענט יעלאַזשעין, זיך איינגעאָרדנט זייער לאַבאָראַטאָריע אין הויף, אין
דעם דורכגאַנגס־קאָנטראָל פֿון הילצערנעם שייער. ווייזט־אויס, אַז זיי
זענען דאָרט אויך איצט פֿאַרנומען־געווען, אורטיילנדיק לויטן בייז־אויגיקן

רויטן לאַמטערל, וואָס האָט קורצזיכטיק געוווּנקען אין עק פון קאָנטאָרל. אין יענעם ווינקל איז געזעסן אויף דער קייט, יעלענינסקאַס וואָיענדיק הינטל, טאָמקע.

„זיך צונויפגעקוועטשט מיטן גאַנצן קהל, — האָט גאַלוזינא אַ טראַכט־געטון, פאַרבייגייענדיק פאַרן גרויען הויז — אַ הייל פון דלות און שמוץ". נאָר דאָ האָט זי זיך באַרעכנט, אַז נישט־גערעכט איז וולאָס פּאָכאַמאָוויטש מיט זיין יידן־האָס. זיי זענען דאָך נישט אַזאַ וויכטיק פלעקל אין ראָד, אַז זיי זאָלן האָבן וועלכע־עס־איז באַדייטונג פאַרן גורל פון דער רעגירונג? כאָטש ווען מען טוט אַ פרעג דעם אַלטן שמולעוויטש, פאַרוואָס עס איז אַזאַ אומאָרדענונג און מהומה, וועט ער פאַרקרימען דאָס פּנים און אַ זאָג־טון: „לייבעלעס * שטיקלעך".

אַך, וועגן וואָס אָבער, נו, וועגן וואָס קלערט זי? מיט וואָס פאַר־האַקט זי זיך דעם קאָפּ? אין דעם גייט עס דען? אין דעם איז דען די צרה? די נויט איז אין די שטעט. נישט אין זייער זכות האַלט־זיך רוס־לאַנד. שטרעבנדיק צו בילדונג, האָבן זיי זיך אָוועקגעלאָזן נאָך די שטאָ־טישע און גאָרנישט דערגרייכט. פון אייגענעם ברעג זיך דערוווייטערט און צו אַ פרעמדן נישט צוגעקומען.

און אפשר גאָר, פאַרקערט, ליגט די גאַנצע זינד אין דער אומ־געבילדעטקייט, אומוויסנהייט. וואָרעם געבילדעטע זעען אַלץ וואָס איז פאַרבאָרגן, די ערד איז פאַר זיי דורכזיכטיק, זיי טרעפן אַלץ פאָראויס. און מיר געהערן צו די, וועלכע כאַפּן דאָס היטל, ווען ס'איז שוין אָן אַ קאָפּ. ווי אין אַ פינצטערן וואַלד זענען מיר. כאָטש צוריקגערעדט, איז די געבילדעטע היינט אויך נישט זייער זיס. מען האָט זיי פון די שטעט פאַרטריבן אויף בעטל־ברויט. נו, פּרוווּ זיך דאָ פאַנאַנדערקלייבן. דער טייוול אַליין קען דאָ ברעכן רוק־און־לענד.

און פונדעסטוועגן, צי איז עס דען אָן ענין פאַר אונדזערע דאָר־פישע? פאַר די סיעליטווינס, שעלאָבורינס, פּאַמפיל פּאליך, די ברידער נעסטאָר און פּאַנקאַרט מאַדיך? זיי זענען באַלעבאַטים פאַר זיך־אַליין און וואָס זייערע הענט ווילן, מאַכן זיי. מיט זייערע נייע הויפן אויפן טראַקט, קען מען זיך נאָר אַנטציקן. צו פופצן דיעסיאַטין פאַרזיי־פעלדער פאַר־מאָגט יעדערער, פערד, שעפסן, בהמות, חזירים. אַ ברויט־זאַפּאַס אויף דריי יאָר פאָראויס. אָן אינווענטאַר, — דערשטוינט צו ווערן. וווּנדערלעכע מאַשינען. קאָלטשאַק לעקט־זיך זיי אונטער און רופט זיי צו זיך. די קאָמיסאַרן נאַרן זיי אַריין אין דער וואַלדיקער פאַלקס־אַרמיי. פון דער

---

* לייב טראָצקי.

מלחמה זענען זיי געקומען באַצירטע מיט געאָרגי־קרייצן און באַלד געוואָרן דאָ אויסגעכאַפּט אַלס אינסטרוקטאָרן. ווילסטו, איז מיט שליפעס, ווילסטו, איז אָן שליפעס. אויב דו ביזט נאָר אַ מענטש מיט וויסן, איז אומעטום אויף דיר אַ נאָכפראַגע. ווערסט נישט פאַרפאַלן־ווערן.

פון דעסטוועגן איז שוין צייט אַ היים צו גיין. עס פּאַסט פּשוט נישט פאַר אַ פרוי, אַזוי לאַנג זיך אַרומשלייכן. עס וואָלט גוט געווען צו שפּאַצירן אין אייגענעם סאַד. נאָר דאָרט איז אַ צופּאָרעניש, אין שמוץ זיך צו טרינקען. — דאַכט זיך, ס'האָט איר אַ ביסל אָפּגעלאָזן.

און פאַרטיפנדיק־זיך געגנצלעך אין מחשבות ביזן פאַרלירן זייער פאָדעם, איז גאַלוזינא צוגעקומען צו איר הויז. נאָר פאַרן אריבערטרעטן די שוועל, האָבן זי נאָך אַרומגעכאַפּט געדאַנקען אַ סאַך, אַ סאַך, פאַר־שידנס.

זי האָט זיך דערמאָנט אָן די היינטיקע רעדל־פירער אין כאַדאַטס־קאַיע, וועגן וועלכע זי האָט געהאַט אַ נאָענטע פאָרשטעלונג: די פּאָליטיש־פאַרשיקטע פון די הויפּט־שטעט, טיוועזינא, אַנטיפּאָווא, דער אַנאַרכיסט ווראָוויטשענקאָ „די שוואַרצע פאַן", דעם היגן שלאָסער גאַרשעני ביעשעני. דאָס זענען אַלץ געווען באַוווסטזיניקע מענטשן. זיי האָבן שוין אַ סאַך אַרומגעבראָיעט אין זייער לעבן און ווי מען זאָגט, גרייטן זיי עפּעס ווידער צו. אָן דעם קענען זיי נישט אויסקומען. אַ לעבן האָבן זיי פאַרבראַכט ביי מאַשינען און אַליין זענען זיי אומרחמנותדיקע, קאַלטע, ווי מאַשינען. זיי גייען אין קורצע איבערפּופייקעס *, רויכערן פּאַפּיראָסן אין ביינערנע מונדשטוקן. אַז זיי זאָלן־זיך מיט עפּעס נישט אָנשטעקן, טרינקען זיי גע־קאָכטע וואַסער. וולאַסושקאַ וועט גאָרנישט אויפטון, די דאָזיקע וועלן אַלץ איבערדרייען אויף זייער שטייגער. זיי וועלן תמיד שטעלן נאָר אויף זייער'ס.

זי האָט זיך פאַרטראַכט וועגן זיך זעלבסט. זי האָט געוווסט, אַז זי איז אַ זעלבסטשטענדיקע, שיינע פרוי, אַ קלוגע, אַ גוט־קאָנסערווירטע און נישט קיין שלעכטער מענטש. נאָר קיין איינע פון אָט די מעלות האָט נישט באַקומען קיין אָנערקענונג אין אָט דעם טויבן ווינקל און אין ערגעץ נישט. און די אומאַנשטענדיקע קופּלעטן וועגן דער נאַרישער סענטיע־טיוריכע, וועלכע זענען פּאָפּולער איבערן גאַנצן אוראַל, פון וועלכע מען וואָלט געקענט ברענגען נאָר די אָנפאַנג־שורות:

סענטיעטיוריכע האָט פערד־און־וואָגן פאַרקויפט
און פאַר דעם געלט, אַ באַלאַלייקע זיך געקויפט.

---

* וואַטענע איבערעקלער.

און ווייטער זענען געגאַנגען געמיינקייטן. אין קרעסטאָוואָזדוויזשענסק האָט מען עס געזונגען, ווי זי האָט פאַרדעכטיקט, מיט אַ ווונק אויף איר...

און ביטער אָפּזיפּצנדיק, איז זי אַריין אין שטוב.

5

נישט־פאַרהאַלטנדיק־זיך אין פאָדערצימער, איז זי אין פוטער אַריין צו זיך אין שלאָפצימער. די פענצטער זענען אַרויס אין סאָד. איצט, ביינאַכט, זענען די געדיכטע שאָטנס אינווייניק און פאַרן פענצטער אינדרויסן, געווען ענלעך איינער צום אַנדערן. די נאָכהענגנדיקע טאָרבעס פון די פענצטער־דראַפּירונגען זעען כמעט אויס, ווי די נאָכהענגענדיקע זעקלעך פון די בוימער אויפן הויף, וואָס זענען נאַקעט און שוואַרץ, מיט אומדייטלעכע שטריכן. די טאַפּטענע סוף־ווינטער־נאַכט אין סאָד האָט דערוואַרעמט אַ ליליען־שוואַרצער פלאַם פון אָנקומענדיקן פרילינג, וואָס האָט זיך אַדורכגעשלאָגן דורך דער ערד. ביי ענלעכע אומשטענדן אין צימער, האָט זיך אויך געלאָזט פילן עטוואָס ענלעכס: דער טונקל פיאָלעטער פלאַם פון ערב יומטוב האָט ווייכער געמאַכט אין צוגעגעבן פאַרביקייט. דער שטויביקער דושנאָטע פון די נישט אויסגעלופטערטע פאָרהאַנגען.

די הייליקע מוטער אויף דער איקאָנע האָט אויסגעשפּרייט די דינע, זילבער־געגאָסענע, שמאָלע האַנטפלאַכן, געווענדעט צו זיך, און יעדער פון זיי האָט זי ווי געהאַלטן צו צוויי גריכישע אותיות, אָנהייב־און סוף־אותיות פון איר ביזאַנטינישן נאָמען: מעטער טעאו, גאָטס מוטער. אַ טינטערדיק־טונקעלער לאָמטער פון גראַנאַטענעם גלאָז, וואָס איז פאַרהילט־געווען מיט אַ געגילדעטער שיין, האָט צעוואָרפן איבערן טעפּיך פון שלאָפצימער אַ שטערנדיק, צעציינדלט צאַנקענדיק ליכט.

אַראָפּוואַרפנדיק דאָס טיכל און דאָס פוטער, האָט גאַלוזינא געמאַכט אַ נישט געלונגענע באַוועגונג און עס האָט איר אַ שטאָך־געטון אין דער זייט און זי האָט ווידער געפילט אַ דריק אונטערן האַרצן. זי האָט זיך דערשראָקן, אַ געשריי געטון און גענומען מורמלען: „גרויסע באַשיצערין פון אומגליקלעכע, ליטערע גאָטס מוטער, גיכע הילף־ברענגערין, וועלטס־באַשיצערין", — און זי האָט זיך צעוויינט. נאָכדעם, איבערוואַרטנדיק ביז דער ווייטיק האָט זיך איינגעשטילט, האָט זי זיך גענומען אויסטון. די הינטערשטע העקעלעך פון קעלנערל און פון ביוסט־האַלטער אויפן רוקן, האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון אירע הענט און האָבן זיך־פאַרטשעפּעט אין די פאַלדן פון דעם דינעם זייד־געוועב. זי האָט זיי קוים אַרויסגעפּלאָנטערט.

אין צימער איז אַריינגעקומען די איבערגעוועקטע, אַדאַפּטירטע קסיושא.

— פּאַרוואָס־זשע עפּעס אין דער פינצטער. מאַמעלע? אז איר ווילט, וועל איך אַ לאָמפּ אַריינברענגען.

— מען דאַרף נישט. עס איז אַזוי אויך ליכטיק.

— מוטערל אַלגאַ גילאָוונא, לאָזט וועל איך אויפקנעפּלען. מען דאַרף זיך נישט מאַטערן.

— די פינגער דינען מיר נישט. כאָטש צעוויין זיך. דער פאַרכע־וואַטער האָט קיין שכל נישט געהאַט אָנצוניין די העקעלעך אויף אַ מענטשלעכן אופן, די הינערשע בלינדקייט האָט ער. מען דאַרף עס אָפּ־טרענען ביז אַראָפּ און שליידערן עס אים אין פּנים.

— מען האָט שיין געזונגען די חצות־תפילה. די נאַכט איז אַ שטילע. מיט דער לופט האָט זיך עס דערטראָגן אַהער.

— געזונגען האָט מען שיין. אָבער מיר, מוטערל מיינע, איז שלעכט. ווידער שטעכט מיך דאָ און דאָ. אומעטום. אָט, וואָס פאַר אַ זינד. איך ווייס נישט וואָס צו טון.

— דער האָמעאָפּאַט סטידאָבסקי וואָלט אייך געהאָלפן.

— שטענדיקע עצות וואָס העלפן נישט. ווייזט־אויס, אַז ער איז אַ וועטערינאַר, דיין האָמעאָפּאַט, אַ פערד־פעלדשער. נישט צו גאָט און נישט צו לייט. דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס איז ער אַוועקגעפאָרן. אַוועקגעפאָרן, אַוועקגעפאָרן. און נישט ער איינער. ערב יום־טוב זענען אַלע פון שטאָט אַנטלאָפן. צי זעט־זיך דען פאַר עפּעס אַן ערד־ציטערניש?

— נו, דאַן וואָלט אויך דער אונגאַרישער דאָקטאָר, דער געפאַנ־גענער, גוט צונוץ־געקומען.

— ווידער קאַשע מיט באָרשט. איך זאָג דאָך דיר: קיינער איז נישט געבליבן, אַלע זענען זיך צעלאָפן. קערעני לאַיאָש און אַנדערע מאַדזשאַרן זענען דערשינגען איבער דער דעמאַרקאַציאָנס־ליניע. מען האָט אים געצוווּנגען צו דינען, דאָס טייבעלע. געגומען אין דער רויטער אַרמיי.

— דאָס איז דאָך ביי אייך בלויז אַ פאַרדאַכט. האַרץ־נערוועזיטעט. דער פּשוטער פּסיכאָז טוט דאָ אויף ווונדער. איר געדענקט, די סאָלדאַטקע־אַפּשפּרעכערקע האָט אייך אָפּגעשפּראָכן מיט דערפּאָלג. ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען. פאַרגעסן ווי זי הייסט דאָרט די סאָלדאַטקע, דעם נאָמען אירן פאַרגעסן.

—ניין, דו האָלטסט מיך פּאָזיטיוו פאַר אַ פינצטערן נאַר. און הינטער

די אויגן, וועסטו נאָך אַ זינג־טון די „סענטיעטיוריכע״, עפּעס שיינס וועגן מיר.

— גאָט איז מיט אייך! איר זינדיקט, מאַמעלע. דערמאָנט־זיך בעסער ווי מען רופט דער סאָלדאַטקע. אויף דער שפּיץ־צונג ליגט עס מיר. איך וועל זיך נישט באַרויקן, ביז איך וועל זיך דערמאָנען.

— אַז זי פאַרמאָגט מער נעמען, ווי אונטער־קליידלעך. איך ווייס נישט וועלכן נאָמען דו מיינסט. מען רופט זי קובאַריכא און מיעדוויעדיכא און זלידאריכא און נאָך אַ טוץ צונעמען. זי איז נישטאָ אין דער געגנט. די גאַסטראָלן אירע האָבן זיך געענדיקט און גיי זיך דעם ווינט אין פעלד. מען האָט איר, דער גאָטס דינסט, פאַרשפאַרט אין דער קעזשעמסקער תפיסה, פאַרן פאַרסמען קינדער־זאָמען און פאַר פּראָשקעס אַזעלכע. נאָר זי, זעסטו, אנשטאט אין תפיסה צו טרויערן, האָט געמאַכט פון דאָרט אַ ויברח, אַזש צום ווייטן מזרח. איך זאָג דאָך דיר, אַלע זענען זיך צעלאָפן. וולאס פּאַכאָמיטש, טיערי‏אָשא, די מומע פּאָליא, וועלכע לאָזט זיך לייכט באַאיינפלוסן. פון פרויען מיט ערע, זענען בלויז מיר, די צוויי נאַראָנים, אין דער גאַנצער שטאָט. צי שפּאַס איך דען? אָן קיין שום מעדיציניש׳ער הילף. טרעפט וואָס, איז אָ סוף, וועסט זיך צו קיינעם נישט דעררופן. מען האָט גערעדט, אַז אַ מאָסקווער באַרימטקייט איז פאַראַן אין יוראַטין, אַ פּראָפעסאָר, דער זון פון אַ סוחר, אַ סיבירער זעלבסטמערדער. ביז איך האָב באַשלאָסן אים אויסצושרייבן, האָט מען צוואַנציק קאָרדאָנען רויטע אויסגעשטעלט אויף די וועגן, ער זאָל זיך נישט אַדורכגליטשן. און איצט, — אַ צווייטע זאַך. גיי שלאָפן און איך וועל פּרווון זיך־צולייגן. דער סטודענט בלאזשעין דרייט דיר דעם קאָפּ. פאַרוואָס זאָלסטו לייקענען. סיי־ווי וועסטו זיך נישט אויסבאַהאַלטן. ביזט רויט געוואָרן ווי אַ בוראַק. אין דער הייליקער נאַכט אַרבעט ער, דיין אומגליקלעכער סטודענט, פאַרנעמט־זיך מיט די פּאָטאָ־קאַרטלעך און אויך מיינע פּאָטאָ־קאַרטלעך האָט ער געמאַכט. אַליין שלאָפן זיי נישט און לאָזן אַנדערע נישט שלאָפן. דאָס הינטל טאָמיק רייסט־זיך ביי זיי איבער דער גאַנצער שטאָט, און די זונה׳שע קראָ האָט זיך צעקראַקעט אויף אונדזער עפּלבוים. זעט־אויס, אַז איך וועל שוין ווידער נישט איינשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. נו, וואָס באַליידיקסטו זיך אַזוי, דו „ריר מיך נישט־אָן״ אַזעלכע? אויף דעם איז ער דאָך אַ סטודענט, אַז ער זאָל מיידלעך געפעלן...

6

— וואָס רייסט זיך דאָרט דער הונט אַזוי? מען וואָלט געדאַרפט אַ קוק־טון, וואָס עס טוט־זיך דאָרטן. אומזיסט וועט ער דאָך נישט בילן. וואָרט־אויף, לידאַטשקאַ, אויפן ווײַדל דיר אָנגעטרעטן, שווײַג אַ רגע. מען דאַרף קלאָר מאַכן די לאַגע. נישט קיין געהעריקע צײַט און די פּלאַפּלער קומען. דו גיי נישט אַוועק, אוסטין. און דו בלײַב דאָ שטיין, סיוואַבלוי. מען וועט אויסקומען אָן אײַך.

נישט־הערנדיק די ביטע, ער זאָל רעדן לאַנגזאַם און מיט פּויזעס, האָט דער פאַרשטייער פון צענטראַלע נישט אויפגעהערט אַ מידער אָראַ־טאָריש צו שיטן ווי פון אַ זאַק אַרויס:

— די אין סיביר עקזיסטירנדיקע בורזשואַזע־מיליטערישע מאַכט, וואָס פירט אַ פּאָליטיק פון רויבערײַ, מאָביליזאַציע, געוואַלט, עקזעקו־ציעס און פּייניקונגען, דאַרף עפענען די אויגן פון די פאַרבלאָנדזשעטע. זי איז פײַנטלעך נישט נאָר צום אַרבעטער־קלאַס, נאָר פּאַקטיש צום גאַנצן האַרעפּאַשנעם פּויערטום. דאָס סיבירער און אוראַלער האָרע־פּאַשנע פּויערטום דאַרף פאַרשטיין, אַז נאָר אין פאַרבאַנד מיטן שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט און מיט די סאָלדאַטן, אַז אין אַ פּאַבאַנד מיט די קיר־גיזער און בוריאַטער אָרעמקייט...

ענדלעך האָט ער דערהערט, אַז מען רייסט אים איבער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעווישט מיט אַ טיכל זײַן פאַרשוויצט געזיכט, מיד אַראָפּגעלאָזן די אויפגעשוואָלענע וויעס און פאַרמאַכט די אויגן.

די אַרומיקע האָבן זיך שטיל געווענדעט צו אים:

— סאַפּע־אַפּ אַ מינוטקעלע. גיב אַ טרונק אַ ביסל וואַסער.

דעם אומרואיקן פּאַרטיזאַנער־אָנפירער האָט מען צו־וויסן געטון:

— נו, וואָס באַאומרויקסטו זיך? אַלץ איז אין אָרדענונג. דאָס סיגנאַל־לעמפּעלע איז אויפן פענצטער. די וואַך, בילדלעך גערעדט, פרעסט דעם שטח מיט די אויגן. איך מיין, אַז איר קענט ווידער נעמען דאָס וואָרט צום רעפעראַט. רעדט, חבר לידאַטשקאַ.

די טיף אין האָלץ־סקלאַד איז געווען אָפּגערייניקט פון געהילץ. אין דעם אָפּגערייניקטן טייל איז פאָרגעקומען אָן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג. אַלס אַ שירעם פאַר די פאַרזאַמלטע האָט געדינט דאָס ביזן דאָך אָנגעלייגטע געהילץ, וואָס האָט אָפּגעצאַמט אָט די אָפּגערייניקטע העלפט פון דעם דורכגאַנג־קאָנטראָל און אײַנגאַנג. אין פאַל, ווען די פאַרזאַמלטע זאָל דראָען אַ געפאַר, איז פאַרזיכערט געוואָרן אַן אַראָפּגאַנג אונטער דער פּאָדלאָגע און אַן אונטערערדישער אַרויסגאַנג אויף אַ פאַרוואָרפענעם הויפל

פון דעם קאָנסטאַנטינאָווסקער טופּיק־געסל, הינטער דער וואַנט פון דעם מאָנאַסטיר.

דער פּרעלעגענט, אין אַ שוואַרץ, קאַנטיק היטעלע, וואָס האָט פאַר־דעקט זיין פליך איבערן גאַנצן קאָפּ, מיט אַ מאָט, אַליוו־בלייך געזיכט און אַ שוואַרצער באָרד ביז צו די אויערן, האָט געליטן פון אַ נערוועזער צעפּאַרעטקייט און ער האָט זיך די גאַנצע צייט באַגאָסן מיט שוויס. ער האָט זשעדנע געצויגן דאָס נישט־דערויכערטע פּאַפּיראָסל, אָנצינדנדיק עס איבערן גלעזל פון נאַפט־לאָמפּ, וואָס האָט געברענט אויפן טיש, און נידעריק זיך געבויגן איבער די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירלעך. נערוועז און שנעל איז ער געלאָפן איבער זיי מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן און, ווי ער וואָלט זיי באַשמעקט, האָט ער פאַרגעזעצט מיט אַ פאַרמאַטערטער, טונקעלער שטימע:

—דעם דאָזיקן פאַרבאַנד פון שטאָטישער און דאָרפישער אָרעמקייט וועלן מיר פאַרווירקלעכן נאָר דורך די סאָוויעטן. ווילנדיק־נישט־ווילנדיק וועט דאָס סיבירער פויערטום מיטשטראָמען מיט דעם, פאַר וועלכן דער סיבירער אַרבעטער האָט שוין לאַנג אָנגעהויבן זיין קאַמף. זייער אַלגעמיינער ציל איז, צו פאַרניכטן די פאָלקס־פאַרהאַסטע זעלבסט־הערשאַפט פון די אַדמיראַלן און אַטאַמאַנען, און דאָס איינשטעלן די מאַכט פון די סאָוויעטן פון פויערים און סאָלדאַטן, מיט דער הילף פון אַ באַוואָפנטן פאָלקס אויפשטאַנד. באַזונדערס אין קאַמף מיט די ביז די ציין־באַוואָפנטע אָפיצערן און קאָזאַקן, — די באַצאָלטע דינער פון דער בורזשואַזיע, — וועט די אויפשטענדלער אויסקומען צו פירן אַ ריכטיקע פּראָנט־מלחמה, אַן עקשנותדיקע און אַ לאַנג־פאַרצויגענע.

ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט, אָפּגעווישט דעם שוויס, פאַר־מאַכט די אויגן. קעגן דעם רעגולאַמין האָט זיך עמיץ אויפגעשטעלט, אויפגעהויבן די האַנט, וועלנדיק מאַכן אַ באַמערקונג.

דער פּאַרטיזאַנער הויפּט, ריכטיקער געזאָגט — דער מיליטערישער נאַטשאַלניק פון דער קעזשעמסקער פּאַרטיזאַנער פאַראייניקונג פון יענער זייט אוראַל, איז געזעסן פאַר דער סאַמע נאָז פון דעם פּרעלעגענט, אין אַן עזותדיק־אַרויסרופנדיקער פּאָזע און האָט אים גראָב איבערגעריסן, נישט־אַרויסווייזנדיק קיין שום אַכטונג פאַר אים. עס איז שווער געווען צו גלויבן, אַז אַזאַ יונגער, כמעט אַ יינגל, זאָל זיין מיליטערישער קאָ־מענדאַנט איבער גאַנצע אַרמייען און אַרמיי־פאַראייניקונגען און אַז זיי זאָלן אים פאָלגן און אַכטן. ער איז געזעסן טוליענדיק הענט און פיס אין די פאָלעס פון דעם קאַוואַלעריע־שינעל. דער אויסגעטועטער שינעל איז, מיטן קאָלנער און אָרבל, געווען אַריבערגעוואָרפן איבערן שטול־

אַנלען, אַנטבלויזנדיק די פיגור אין דער גימנאַסטיאָרקע מיט די טונקעלע פלעקן וואָס זענען געבליבן, נאָך די אָפּגעטרעגטע פּאַגאָנעס.

איןביידע זייטן פון אים זענען געשטאַנען צוויי שווייגנדיקע יוגנט־לעכע פון זיין שוץ־וואַך, מיט אים אין איין עלטער, אין ווייסע שעפּסן־פּעלצלעך, וואָס האָבן שוין באַוויזן גרוי צו ווערן, מיט געקרייזלטע ציגן־קעלנערלעך. זייערע שיינע, פאַרשטיינערטע פּנימער האָבן גאַרנישט מער אויסגעדריקט, אויסער בלינדער איבערגעגעבנקייט זייער נאַטשאַלניק און זייער גרייטקייט פאַר אים אויף אַלץ. זיי זענען געבליבן גלייכגילטיק צו דער פאַרזאַמלונג, צו די אַלע באַרירטע פראַגן, צום גאַנג פון די דיס־קוסיעס. זיי האָבן נישט גערעדט און נישט געשמייכלט.

אויסער די דאָזיקע מענטשן, זענען אין דעם סקלאַד געווען נאָך אַ צען־פופצן מאַן אַנטיילנעמער. אייניקע זענען געשטאַנען, אַנדערע זענען געזעסן אויף דער ערד, אויסציענדיק די פיס אין דער לענג, אָדער מיט אויפגעהויבענע קני, אָנגעשפּאַרטע אָן דער וואַנט און די קיילעכדיק־אַרויסשטאַרצנדיקע קלעצער.

פאַר די חשובע געסט זענען אויסגעשטעלט־געוואָרן שטולן. עס האָבן זיי פאַרנומען דריי־פיר מאַן אַרבעטער, אַלטע אַנטיילנעמער פון דער ערשטער רעוואָלוציע, צווישן זיי, דער פאַרשוואַרצטער, פאַרענדערטער טיווערזין און זיין חבר, וואָס פלעגט אים אויף ווי דער זאַגטע ערשט אין דער אַלטער אַנטיפאָוו. פאַררעכנטע צו דער געטלעכער מדרגה, פאַר וועלכער די רעוואָלוציע האָט אַוועקגעלייגט אַלע געשאַנקען פון אירע קרבנות, זענען זיי געזעסן שווייגנדיקע, מיט אַ שטרענגער אָנגעבלאָזנקייט, ווי די פּאָליטישע גאווה וואָלט פאַרסמט אין זיי אַלדאָס לעבעדיקע, מענטשלעכע.

אין סקלאַד זענען געווען נאָך פיגורן, וואָס זענען ווערט אויפמערק־זאַמקייט. נישט קענענדיק אײַנרוען אַ מינוט, האָט ער זיך געהויבן פון דער ערד און זיך צוריקגעזעצט, אַרומגעשפּרייזט און שטיין־געבליבן אינמיטן סקלאַד, דער זייל פון רוסישן אַנאַרכיזם, וודאָוויטשענקאָ, „די שוואַרצע פאָן“, — אַ דיקער, אַ ריז מיט אַ גרויסן קאָפּ, גרויס מויל, מיט אַ לייבן־גריווע, אַן אָפיציר, אפשר נאָך פון דער לעצטער רוסיש־טער־קישער מלחמה, אלנפאלס, פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער, אַ בעל־חלומות, אַן אייביק אַריינגעטועטער אין זיינע היציקע פאַרשטעלונגען.

צוליב זיין גרענעצלאָזער גוטמוטיקייט און גיגאַנטישן וווקס, וואָס האָבן אים געשטערט צו באַאַבאַכטן אומגלייכע און מינדערוויכטיקע דער־שיינונגען, האָט ער, מיט נישט גענוגנדיקן אינטערעס, זיך באַצויגן צו דעם וואָס קומט פאָר, און פאַרשטייענדיק אַלץ פאַרקערט, האָט ער אָנ־

גענומען אַ קעגנגעזעצטע מיינונג אַלס זיין אייגענע און ער האָט מיט אַלץ מסכים געווען.

נעבן זיין פּלאַץ אויף דער ערד, איז געזעסן זיין באַקאַנטער, דער וואַלד־יעגער און חיות־פאַנגער סווירידי. כאָטש סוויריד איז נישט געווען קיין ערד־אַרבעטער, האָט זיין ערדיק, שוואַרץ־איינגעטריקנט לייב אַרויס־געקוקט פון דער צעשפּילעטער טונקל־לייוונטענער־בלוזע, וועלכע ער האָט איינגעפּרעסט אין אַ פּויסט צוזאַמען מיטן צלמל ביים קאַלנער, און געפירט איבערן לייב קראַצנדיק־זיך די ברוסט. דאָס איז געווען אַ האַלב־שוואַרצער מוזשיק, אַן אַנאַלפאַבעט, מיט אַ נשמה, מיט קורצע האָר־קאָל־טענעס, שיטערע וואָנצעס און אַ נאָך־שיטערער בערדל פון עטלעכע הערע־לעך. דער מאָנגאָלישער אויסזען האָט פאַרעלטערט זיין געזיכט, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געקרומט מיט אַ מיטליידנדיקן שמייכל.

דער פּרעלעגענט, וואָס איז אויסגעפאָרן סיביר מיט דער אינסטרוק־ציע פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט, האָט געשוועבט מיט די געדאַנקען אי־בער די ברייטע מרחקים, וועלכע שטייען אים נאָך פאַר אַרומצוקרייזן. צום גרעסטן טייל אַנוועזנדע אויף דער פאַרזאַמלונג האָט ער זיך באַצויגן גלייכגילטיק, נאָר דער רעוואָלוציאָנער און פאָלקס־פריינט פון דער פריס־טער קינדהייט האָט מיט פאַרגעטערונג געקוקט צום אַנטקעגן אים זיצנ־דיקן יונגן אַרמיי־פירער. ער האָט נישט נאָר מוחל געווען דעם יינגל אַלע זיינע גראָבקייטן, וואָס זענען דערלאַנגט־געוואָרן אים, דעם אַלטן, מיט דער שטים פון טיפסטער, וואָרצלדיקער רעוואָלוציאָנערקייט, — נאָר ער האָט זיך באַצויגן מיט באַגייסטערונג צו זיינע פּלוצימדיקע אויסברוכן, ווי עס קען געפעלן, אַ שטייגער, אַ פאַרליבטער פרוי, דאָס נישט־צערעמאָניען־זיך פון איר באַפעלער.

דער פּאַרטיזאַנער־פירער איז געווען ליווערי, מיקוליצינס זון. און דער פּרעלעגענט פון צענטער, — דער געוועזענער אַרבעטס־קאָאָפּעראַטאָר קאָסטאָיעד־אַמורסקי, וועלכער איז פריער צוגעשטאַנען צו די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אין דער לעצטער צייט האָט ער איבערגעקוקט זיינע פּאָזיציעס, אנערקענט די טעותים פון זיין פּלאַטפאָרמע און אין עטלעכע פאַרפלאַנטערטע בריוו־דערקלערונגען, אַרויסגעוויזן זיין חרטה. ער איז נישט נאָר אָנגענומען־געוואָרן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נאָר ער איז באַלד נאָך זיין אַריינטרעטן אין איר, געשיקט געוואָרן אויף אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט.

די דאָזיקע אַרבעט איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן, דעם נישט־מיליטערפעיקן, פון אַכטונג צו זיין רעוואָלוציאָנערן סטאַזש, צו זיין שמאַכטן אין תפיסות און אויך אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז אים,

דעם געוועזענעם קאָאָפּעראַטאָר, דאַרפֿן זיין גוט באַקאַנט די שטימונגען פֿון די פּויערים־מאַסן אין מערב־סיביר, וואָס איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פֿון אויפשטאַנדן. די באַקאַנטשאַפֿט אין דער פֿראַגע איז געווען וויכטיקער פֿון מיליטערישן וויסן.

די ענדערונג אין זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, האָט קאָסטאָ־יעדן געמאַכט נישט צום דערקענען. זי האָט פֿאַרענדערט זיין אויסערלעכ־קייט, זיינע באַוועגונגען, זיינע מאַניערן. קיינער האָט אים נישט געזען, ווען עס איז, אַ פּליכעוואַטן און מיט אַ באָרד. דאָס משנה צורה זיין איז נויטיק. די פּאַרטיי האָט אים באַפֿוילן שטרענגע פֿאַרמאַסקירונג. די נעמען פֿון דעם אונטערערדישן טוער זענען איצט געווען: בערענדעי און טאָ־וואַרישטש לידאָטשקאַ.

ווען עס האָט זיך איינגעשטילט דאָס גערויש, וועלכעס עס האָט אַרויסגערופֿן נישט אין דער געהעריקער צייט, ווּדאָוויטשענקאָ, מיט זיין איינשטימיקייט־דערקלערונג צו די געלייענטע פּונקטן פֿון דער אינ־סטרוקציע, האָט קאָסטאָיעד ווייטער געזאָגט:

— מיטן צוועק אַרומצונעמען כמעט די גאַנצע אַלץ־וואַקסנדיקע באַוועגונג פֿון די פּויערים־מאַסן, איז אומבאַדינגט נויטיק תיכף איינצו־שטעלן אַ פֿאַרבינדונג מיט אַלע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן *, וואָס געפֿינען זיך אין ראַיאָן פֿון דעם גובערניע־קאָמיטעט.

ווייטער האָט קאָסטאָיעד גערעדט וועגן דער אָרגאַניזירונג פֿון די באַגעגענישן, דעם אופֿן פֿון צושטעלן־זיך, וועגן פּאַראָלן און געהיימען שיפֿער און וועגן קאָמוניקאַציע־מעגלעכקייטן. און דאַן איז ער ווידער אַריבער צו איינצלהייטן:

— צו־וויסן געבן די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, אין וועלכע פּונקטן געפֿינט־זיך געווער, באַשפּייזונג־און מונדירונגס־מאַגאַזינען פֿון די ווייסע: ווו עס ליגן באַהאַלטן זייערע גרויסע געלט־מיטלען און ווי עס זעט־אויס זייער וואַך־סיסטעם.

עס איז נויטיק צו באַאַרבעטן מיט אַלע איינצלהייטן, די פֿראַגן פֿון אינערלעכן בוי פֿון די אָטריאַדן, וועגן די נאַטשאַלניקעס, וועגן מיליטער־ריש־חברישער דיסציפּלין, וועגן זייער קאָנספּיראַציע, וועגן די פֿאַרבינ־דונגען צווישן די אָטריאַדן מיט דער אויסערלעכער וועלט, וועגן זייער באַציונג צו דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג, וועגן זייער מיליטעריש־רע־וואָלוציאָנערן פֿעלד־געריכט, וועגן זייער דיווערסיע־טאַקטיק אויף די טעריטאָריעס פֿון זייער קעגנער, ווי: צעשטערן בריקן, אייזנבאַן־ליניעס,,

* איינהייט.

שיפן, טראַנספּאָרטן, וואָקזאַלן, וואַרשטאַטן מיט זייער טעכנישער אויסשטאַ־טונג, טעלעגראַף־סטאַנציעס, שאַכטן, באַשפּייזונגס־אַרטיקלען.

ליוועריס האָט געדולדעט, געדולדעט און ער האָט נישט אויסגע־האַלטן. דאָס אַלץ, האָט זיך אים אויסגעוויזן, געהער נישט צום ענין. דילעטאַנטישע פּלאַפּלערייען. ער האָט אַ זאָג געטון:

— אַ הערלעכע לעקציע. איך וועל זי אַרומוויקלען אַרום די וואַנצעס... זעט־אויס, אַז דאָס אַלץ דאַרף מען אָננעמען אָן טענות ומענות, כדי נישט צו פאַרלירן די שטיצע פון דער רויטער אַרמיי?

— פאַרשטייט־זיך.

— איז וואָס־זשע בלייבט מיר צו טון, מיין צוּיבערלעך־שיינע לידאַטשקאַ, מיט דיינע קינדערשע שפּילערייען, אַ רוח אין דיין טאַטנס, ווען מיין מיליטערישער כוח, וואָס באַשטייט פון דריי פּאָלקן, אין דעם — אַרטילעריע און רייטער, מאַרשירט שוין לאַנג פאַראויס און שלאָגט ערשט־קלאַסיק דעם שונא?

„וואָס פאַר אַ נחת! וואָס פאַר אַ קראַפט! — האָט קאַסטאַיעד געטראַכט.

טיוועזין האָט איבערגעשלאָגן די דיסקוטאַנטן. אים איז נישט געפעלן־געוואָרן ליוועריס גרינגשעצענדיקער טאָן. ער האָט געזאָגט:

— ענטשולדיקט, חבר פּרעזידענט. איך בין נישט זיכער. קען זיין, אַז איך האָב נישט ריכטיק פאַרשריבן איין פּונקט פון דער אינסטרוקציע. איך וועל אים איבערלייענען. איך וואָלט זיך פאַרזיכערן: „עס איז זייער געוווּנטשן צו צוציען צום קאָמיטעט אַלטע פראָנט־קעמפער, וועלכע זענען געווען בעת דער רעוואָלוציע אויפן פראָנט און וועלכע גע־פינען זיך אין סאָלדאַטישע אָרגאַניזאַציעס. עס איז געוווּנטשן צו האָבן אין קאָמיטעט איינעם אָדער צוויי אונטער־אָפיצירן און אַ מיליטערישן טעכניקער". חבר קאַסטאַיעד, איז דאָס ריכטיק פאַרשריבן?

— ריכטיק. וואָרט־ביי־וואָרט, ריכטיק.

— אין דעם פאַל, דערלויבט צו באַמערקן דאָס ווייטערדיקע. אָט דער פּונקט וועגן מיליטערישע ספּעציאַליסטן באַאומרויקט מיך. מיר, אַרבעטער, אַנטיילנעמער אין דער רעוואָלוציע פון טויזנט ניין הונדערט פינפטן יאָר זענען נישט געוווינט צו געטרויען דער אַרמיישטשינע. שטענ־דיק קריכט אַרויס פון זיי די קאָנטררעוואָלוציע.

עס האָבן זיך דערהערט שטימען אַרום:

— גענוג! די רעזאָלוציע לייענט! די רעזאָלוציע! שוין צייט זיך פאַנאַנדער־צוגיין. עס איז שפּעט!

— איך בין איינשטימיק מיט דער מיינונג פון דער מערהייט! —

האָט וודאָוויטשענקאָ אַריינגעדונערט מיט זיין באַס — פּאַטיש זיך־אויס־דריקנדיק, איז אַזוי: די בירגערלעכע אינסטיטוציעס דאַרפן וואַקסן פון אונטן־אַרויף, אויף דעמאָקראַטישע יסודות, ווי פּאַרזייעטע און אין דער ערד פאַרוואָרצלטע יונגע צווייגעלעך. מען טאָר זיי נישט אַריינקלאַפּן פון אויבן, ווי דרענגער. אין דעם איז באַשטאַנען דער פעלער פון דער יאַקאָ־בינישער דיקטאַטור, צוליב וואָס דער קאָנווענט איז דערשטיקט־געוואָרן דורך די טערמידאָרן.

— דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג, — האָט אונטערגעהאַלטן זיין וואַנדער־חבר סוויריד, — אַ קינד קען עס פאַרשטיין. מען האָט געדאַרפט פריער טראַכטן און איצט איז שוין שפּעט. איצט איז אונדזער זאַך צו קעמפן, שפּאַרן פאָראויס און דורכזעצן.

קאַפּ אָן וואַנט! אויב נישט, וואָס־זשע וועט זיין? זיך אונטערגע־גאַרטלט און איצט לויף צוריק? האָסט אַליין אָפּגעקאָכט, עס אַליין אויף. ביזט אַליין געקראָכן אין וואַסער, שריי נישט „איך טרינק זיך!".

— די רעוואָלוציע! די רעוואָלוציע! — האָט מען געפּאָדערט פון אַלע זייטן.

מען האָט נאָך אַ ביסל גערעדט, אָבער מיט אַלץ ווייניקער צוזאַ־מענהאַנג. און פאַרטאָג האָט מען געשלאָסן די פאַרזאַמלונג. מען איז זיך צעגאַנגען, אויס פאַרזיכטיקייט, איינציקווייז.

7

אַ מאָלערישער פלאַץ האָט זיך געפונען אויפן טראַקט. ער האָט זיך געפונען אויף אַ געדרייטן באַרג־אַראָפּ און דרוקגעשניטן מיטן איילי־ק־שטראָמיקן טייכל פּאַזשינקאַ. עס האָבן־זיך כמעט אָנגעשטויסן איינס־אָן־אַנדערן דאָס דערפל קוטעיני־פּאָסאַד, וואָס גליטשט־זיך אַראָפּ פון אויבן, מיטן פאַרביקן דאָרף מאַלי יערמאָלאַי, וואָס ליגט אונטן. אין קוטעיני האָט מען באַגלייט די צום דינסט צוגענומענע רעקרוטן, און אין מאַלי יערמאָלאַי, — אונטערן פאַרזיץ פון פּאָלקאָווניק שטרעזע, האָט ממשיך־געווען איר אַרבעט די מאָביליזיר־קאָמיסיע, נאָך איר פּסחא'דיקער הפסקה. זי האָט באַטראַכט די איר אונטערליגנדיקע יונגע פּרזיוּוניקעס פון מאַלי יערמאָלאַי און פון עטלעכע ביילעגנדיקע גמינעס. צוליבן פּריזיוו, זענען אין דאָרף געווען רייטער־מיליץ און קאָזאַקן.

עס איז געווען דער דריטער טאָג נאָכן נישט־געוויינלעך שפּעטן פּסחא, און נישט־געוויינלעך פריען פרילינג, — אַ שטילער און אַ וואַרע־

מער טאָג. טישן מיט כיבוד פאַר די רעקרוטן וואָס ווערן באַוואָפּנט, זענען געשטאַנען אינדרויסן, אונטערן אָפענעם הימל, ביי דער זייט פון טראַקט, נישט צו שטערן די דורכפאָרנדיקע. די טישן זענען אויסגעשטעלט־געוואָרן נישט אין קיין גלייכער ליניע און זיי האָבן זיך געצויגן, ווי אַ קרומע קישקע, אונטער ווייסע, ביז צו דער ערד אַראָפּהענגענדיקע טישטעכער.

דער כיבוד פאַר די רעקרוטן איז געווען אַ צונויפגענומענער. די הויפּט־מאַכלים זענען באַשטאַנען פון די איבערבלייבעכטסן פון די פּסחא־טישן: צוויי געווענדזעלטע שינקעס, עטלעכע חלה קוילעטשן, צוויי־דריי פּסחא־פלעצל. אין דער גאַנצער לענג פון די טישן זענען געשטאַנען שיסלען מיט געזאַלצענע שוואָמען, אוגערקעס און געזייערט קרויט. היי־מישע טעלער מיט דיק־אָנגעשניטענעם דאַרפישן ברויט, און ברייטע טעלער מיט הויך־אָנגעלייגט, געפאַרבטע אייער. אָממערסטן האָבן דאָמינירט די פאַרבן ראָזע און בלוי.

מיט די אָפּגעשיילטע בלויע, ראָזע און אינווייניק־ווייסע אייער־שאָלן, איז געווען באַמיסטיקט דאָס יונגע גראָז אַרום די טישן. די בלויע און ראָזע קאָלירן האָבן זיך אַרויסגעזען פון אונטער די רעקלעך און פון אונטער די בלוזעס פון די יונגעלייט. בלוי און ראָז זענען געווען די קליידלעך פון די מיידלעך. בלוי איז געווען דער הימל. ראָז די וואָלקנס, וואָס זענען לאַנגזאַם און גלייך געשווומען איבערן הימל, פּונקט אַזוי, ווי דער הימל וואָלט געשווומען צוזאַמען מיט זיי.

פון ראָזן קאָליר איז געווען די בלוזע אויף וולאס פּאַכאָוויטש גאָ־לוזינען, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ זיבנפאַך־געפלאָכטענעם זיידענעם גאַרטל, ווען ער איז געלאָפן, קלאַפּנדיק דראָבנע מיט די אָבצאַסן פון די שטי־ווען ער איז געלאָפן, קלאַפּנדיק דראָבנע מיט די אָבצאַסן פון די שטי־וועלעך און וואַרפנדיק מיט די פיס אויף רעכטס און אויף לינקס. ער איז אַראָפּגעלאָפן פון די הויכע טרעפּלעך פון פּאָפּנוטקינס בוידעם־שטיבל צו די טישן. ער האָט אויסגערופן:

— די דאָזיקע גלאָז מיט אָרעם־פּאָלקישן סאַמאָגאָן*, אַנשטאָט שאַמפּאַניער, ליידיק איך אויס פאַר אייער געזונט, חברה׳לייט! עס זאָל אייך זיין צו לאַנגע יאָר, אָפּפאָרנדיקע יונגע מענטשן! הערשאַפטן, רעק־רוטן! איך וויל אייך נאָך באַגריסן אין אַ סאַך אַנדערע הינזיכטן און באַציונגען. איך בעט, זיך צוהערן. איר לאָזט זיך איצט אַוועק אין אַ ווייטן וועג, איבערן שליאַך פון פיין וואָס שפּרייט־זיך דאָ פאַר אייך, כדי מיט דער ברוסט פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד קעגן די פאַרגוואַלדיקער וואָס פאַרגיסן די פעלדער פון פאָטערלאַנד מיטן בלוט פון ברודער־מאָרד!

* היימיש־געטריבענער בראָנפן , — פון קאָרן. האָט אַ שלעכטן גערוך.

דאָס פאָלק איז דערצויגן אַפּצושאַצן, אָן בלוט־פאַרגיסונגען, די נצחונות פון דער רעוואָלוציע, נאָר די פּאַרטיי פון די באָלשעוויקעס, זייענדיק משרתים פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל, זיין הייליקן חלום, — די גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג, צעטריבן מיטן גראָבן כוח פון דער שפּיז און בלוט גיסט־זיך טייכנווייז. אָפּפאַרנדיקע יונגע מענטשן! הויבט־אויף דעם באַ־ליידיקטן כבוד פון רוסישן געווער, ווי עס איז אונדזער חוב דאָס צו ווייזן אונדזערע ערנהאַפטע פאַרבינדעטע. מיר האָבן זיך באַדעקט מיט חרפּה, אַבסערווירנדיק, ווי באַלד נאָך די רויטע, האָבן ווידער, חוצפּהדיק אויפ־געהויבן זייערע קעפּ דייטשלאַנד און עסטרייך. מיט אונדז איז גאָט, יאַטן!

גאַלוזין האָט נאָך גערעדט, ווען „הוראַ"־געשרייען און פאָדערונגען צו הייבן אינדערלופטן וולאס פּאַכאָוויטש גאַלוזינען, האָבן פאַרהילכט זיינע רייד. ער האָט אויפגעהויבן די גלאָז צו די ליפּן און מיט קליינע זופּן גענומען טרינקען די שלעכט געריניקטע פליסיקייט. פון דעם געטראַנק האָט ער נישט געהאַט קיין פאַרגעניגן. ער איז געוווינט געווען צו טרויבן־וויין פון בעסערע סאָרטן. נאָר דער באַוווסטזיין פון דער געזעלשאַפט־לעכער קרבנות־גרייטקייט, האָט אָנגעפילט זיין געמיט מיט פאַרגעניגן.

— פאַרמאַגסט אַ טאַטן, אַן אָדלער! וואָס פאַר אַ רעדעס די בעסטיע קען עס אָפּפלאַמען! אַזוי ווי דיין מיליוקאָוו פון דער דומע. ביי גאָט! — האָט גאַשקא ריאַביך צווישן די אויפגעהויבענע שיכורע קולות, געלויבט זיין חבר און טיש־שכן מיט אַ שיכורער צונג, טערענטי גאַלוזינען, זיין טאַטן. — דאָס ריכטיקע וואָרט: אַן אָדלער! זעט־אויס, אַז ער באַמיט־זיך נישט אומזיסט. דיך וויל ער, מיטן צונג, פון די סאָלדאַטשיקעס אָפּ־בעטן.

— וואָס רעדסטו, גאַשקאַ! וואָלסט געמעגט האָבן אַ ביסל געוויסן. טראַכסט אויך אויס: „אָפּבעטן". מען וועט דערלאַנגען דאָס מאָביליזאַציע־צעטל אין זעלבן טאָג, וואָס דיר, אָט האָסטו דיר אָן „אָפּבעטן", אין איין אָפּ־טיילונג וועלן מיר אַריינפאַלן. פון דער רעאַל־גימנאַזיע האָבן מיך איצט די מנוולים, אַרויסגעשטעלט. דאָס מאַמעלע נעמט זיך סלעבן. נישט אַריינ־פאַלן, ווי עס מאַכט־זיך, צווישן די פריייוויליקע. מיט סאָלדאַטן וועט מען מיך שיקן. און דער פאָטער, ווירקלעך, וועגן זיינע פייערלעכע רעדעס, זאָג מיר נישט. ער איז אַ מייסטער. דער עיקר, פון וואַנען. ער האָט דאָך נישט קיין שום סיסטעמאַטישע בילדונג.

— האָסט געהערט וועגן סאנקא פאַפּנוטקין?

— געהערט. איז טאַקע אמת די דאָזיקע אָנשטעקעניש?

— קרענק אויפן גאַנצן לעבן. מיט די לונגען וועט ער ענדיקן.

ער איז זיך אַליין שולדיק. מען האָט אים געוואָרנט, גיי נישט. דער עיקר, מיט וועמען ער האָט זיך עס פאַרפּלאָנטערט.

— וואָס־זשע וועט מיט אים איצטער זיין?

— אַ טראַגעדיע. שוין געוואָלט זיך דערשיסן. אַצינד באַטראַכט אים די יערמאָלאיער קאָמיסיע. מען וועט אים אוודאי נעמען. „איך וועל גיין, — זאָגט ער, — צו די פּאַרטיזאַנער. איך וועל זיך נוקם־זיין פאַר דער אָנגעשטעקטער געזעלשאַפט".

— הערסט, גאָשקאַ, אָט זאָגסטו: זיך אָנשטעקן. אויב מען גייט נישט צו זיי, קען מען אויף עפּעס אַנדערש קראַנק־ווערן.

— איך ווייס ווען וואָס דו רעדסט. דו, זעט־אויס, פאַרנעמסט־זיך דערמיט. דאָס איז נישט קיין קראַנקהייט, נאָר אַ געהיימער חסרון.

— איך וועל דיר די פּיסקעס צעפּראַסקען, גאָשקאַ, פאַר אַזעלכע ווערטער. וואָג נישט אַ חבר צו באַליידיקן, דו פאַרשיווער ליגנער!

— איך האָב געשפּאַסט, באַרויק זיך. וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן. אין פּאָזשינסק האָב איך זיך צעהוליעט. אין פּאָזשינסק האָט אַ גע־קומענער אַ לעקציע געהאַלטן „דאָס באַפרייען די פּערזענלעכקייט". זייער אינטערעסאַנט. אַזאַ ענין געפעלט מיר. איך, אין דער מאַמען דיינער, וועל זיך צו די אַנאַרכיסטן פאַרשרייבן. אַ כוח, זאָגט ער, איז פאַראַן אין אונדז. געשלעכט, זאָגט ער, און כאַראַקטער, איז אַן אָנרעגונג פון דער עלעק־טריציטעט אין בויך. האָ? אַזאַ וווּנדערקינד... נאָר איך האָב זיך געזונט אָנגעזשליאָקעט. און מען שרייט אַרום־ און־אַרום, קיין וואָרט נישט צום אונטערשיידן, טויב צו ווערן. איך קען נישט מער, טיעריאָשקאַ, נאַרי־שער, שווייג. קאָזע־אייטער, דער מאַמעלעס פאַרטוך. פאַרשטאָפּ דאָס מויל.

— דו, גאָשקאַ, זאָג מיר נאָר אָט וואָס. וועגן דעם סאָציאַליזם, קען איך נאָך נישט אַלע ווערטער. צום ביישפּיל: סאַבאָטאַזשניק. וואָס איז דאָס פאַר אַן אויסדרוק? צו וואָס איז עס?

— כאָטש איך בין אויף די ווערטער אַ פּראָפעסאָר, נאָר ווי איך האָב דיר געזאָגט, טיעריאָשקע, טרעט־אָפּ, איך בין שיכור. אַ סאַבאָטאַזש־ניק איז דער, וואָס איז מיט אַנדערע אין איין באַנדע. האָט מען געזאָגט „סאַבאָטאַזשניק", הייסט עס, אַז דו ביזט מיט זיי פון איין כנופיה. פאַר־שטאַנען, טעמפּער מוח?

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ באַליידיקונגס־וואָרט. און וועגן דעם עלעקטרישן כוח, איז ריכטיק. איך האָב געקלערט, לויט אַ רעקלאַמע, אויסצושרייבן זיך אַן עלעקטרישן גאַרטל פון פּעטערבורג.

אויף נאָכנאָמע. צום אויפוועקן אַ טעטיקייט. און דאָ, פּלוצלונג, אַ נייע איבערקערעניש. דער קאָפּ איז שוין נישט צום גאַרטל.

טערענטי האָט נישט דעררעדט. דאָס געהילך פון שיכורע קולות האָט פאַרטויבט אַ דונערן פון אַ נישט־ווייטן אויפרייס. דער געריוש ביים טיש האָט זיך אויף אַ רגע איינגעשטילט. אין אַ רגע אַרום האָט ער זיך באַנייט שטאַרקער און טומלדיקער. אַ טייל זיצנדיקע זענען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער. די ניכטערע זענען געבליבן שטיין אויף די פיס. אַנדערע, וואַקלענדיק־זיך האָבן געוואָלט אַפּטרעטן אַן אַ זייט, נאָר זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן און האָבן־זיך אַרונטערגעוואַליעט אונטערן טיש, ווו זיי האָבן באַלד געגומען כראָפּען. פרויען האָבן זיך צעקוויטשעט. עס איז געוואָרן אַ פּאַניק.

וולאס פּאַכאָוויטש האָט געקוקט אין אַלע זייטן, זוכנדיק דעם שולדיקן. צוערשט האָט ער געטראַכט, אַז דאָס האָט אַ טראַסק־געטון ערגעץ אין דערפל קוטעיני, זייער נאָענט, אפשר נישט ווייט פון די טישן. זיין האַלדז האָט זיך פּרווישינעדיק אָנגעצויגן, זיין פּנים איז רויט געוואָרן. ער האָט זיך אַ ריס געטון אויפן גאַרגל:

— דאָס האָט אַ יודאַש, וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען אין אונדזערע רייען, אָפּגעטון די געמיינקייט? אַ מאַמעס זינדעלע שפּילט־זיך דאָס מיט אַ גראַנאַט? וועמענס ער זאָל זיך נישט אַרויסווייזן, אפילו מיין אייגענער, וועל איך דערשטיקן די שלאַנג! מיר וועלן נישט דולדן, בירגער, אַזעלכע שפּאַסן! איך פאָדער צו מאַכן אַן אָבלאַווע. מיר וועלן אַרומרינגלען דאָס דאָרף קוטעיני פּאַסאַד! מיר וועלן פאַנגען דעם פּראָוואָקאַטאָר! מיר וועלן נישט לאָזן אַנטלויפן דעם הונט!

צוערשט האָט מען אים געהערט און נאָכדעם, האָט אַ זייל שוואַרצער רויך אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט. לאַנגזאַם האָט זיך אויפגעהויבן צום הימל דער רויך פון דעם הויז פון גמינע־לייטונג אין מאַלי יערמאָלאַי. אַלע זענען געלאָפן צום באַרג־אַראָפּ קוקן, וואָס דאָרט געשעט.

פון דעם ברענענדיקן הויז פון דער יערמאָלאַיער גמינע־לייטונג, זענען ארויסגעלאָפן עטלעכע נאַקעטע רעקרוטן, איינער אַ באָרוועסער, וועלכער, לויפנדיק, ציט אויף זיך אַרויף די הויזן. און דער פּאָלקאָווניק שטרעזע מיט אַנדערע מיליטער־לייט — די מאָביליזאַציע־קאָמיסיע, רייטנדיק איבערן דאָרף, האָבן קאָזאַקן און מיליציאָנערן געפּאַכעט מיט די בייטשן און אויסגעשטרעקט זיך מיט לייב און הענט איבער די אויסגעצויגענע פערד, ווי אויף זיך שליידערנדיקע שלאַנגען. זיי האָבן וועמען געזוכט, וועמען געכאַפּט. אַ סאַך מענטשן זענען געלאָפן איבערן וועג

קיין קוטעיני. די אַנטלויפנדיקע האָט אָנגעיאָגט דאָס געקלאַנג פון דעם יערמאַלאַיעווער גלאָקן־טורעם, וואָס האָט דראָבנע געשלאָגן טרעוואָגע.

די געשעעניש האָבן זיך ווייטער ענטוויקלט מיט אַ שרעקלעכער שנעלקייט. פאַרזעצנדיק די זוכענישן, האָט פאַרנאַכט־צו, שטרענגע מיט זיינע קאָזאַקן, ארומרינגלט דאָס דאָרף קוטעיני מיט אַ וואַך, וועלכע האָט גענומען זוכן אין יעדן הויז און אין יעדן הויף.

צו דער צייט, זענען שוין אַ העלפט צעיומטובטע רעקרוטן געווען באַזאָפן, צום פאַלן פון די פיס. זיי זענען געשלאָפן מיט אַ האַרטן שלאָף, פאַרוואָרפנדיק די קעפּ אויף די ברעגן טיש, אָדער אַרונטערוואַלענדיק־זיך אונטערן טיש, אויף דער ערד. ווען עס איז באַוווסט־געוואָרן, אַז אין דאָרף איז געקומען מיליץ, איז שוין געווען פינצטער.

עטלעכע בחורים זענען אין מהומה אַנטלאָפן פון דער מיליץ מיט דאָרפישע הינטערוועגן, אונטעריאָגנדיק מיט אַ בריקן און שטויסן איינער דעם אַנדערן. זיי זענען אַריינגעקראָכן, אין דעם ערשטן־בעסטן שפּייכלער. אין דער פינצטערניש האָט מען נישט געקענט וויסן וועמענס ער איז, נאָר אורטיילנדיק לויט די גערוכן פון פיש און נאַפט, איז עס געווען דאָס נעבן־מאַגאַזינדל פון דער דאָרפישער קראָם.

די באַהאַלטענע האָבן גאָרנישט געהאַט אופן געוויסן. דער גרעסטער טייל האָט עס געטון צוליב פּאַניק, שכרות און טפשות. אייניקע האָבן געהאַט באַקאַנטשאַפטן, און האָבן זיי מכלומרשט פאַרדעכטיקט, אַז זיי קומען זיי אומברענגען. וואָרעם איצט האָט דאָך אַלץ באַקומען אַ פּאָלי־טישע באַפאַרבונג. אין דעם סאָוויעטישן געביט האָט מען די הולאַנקעס און דעם כוליגאַניזם באַצייכנט אַלס שוואַרץ־מאהדיקע. דאָקעגן אין דעם וויסגוואַרדייעשן געביט, זענען ווידער די מהומה־מאַכער און טומלער געווען די באַלשעוויקעס.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די חברהלייט וואָס האָבן זיך אַריינ־געדרוקט אין דעם שפּייכלער, זענען שוין נישט געווען די ערשטע. דער רוים צווישן דער ערד און דער פּאָדלאָגע, איז פול געווען מיט מענטשן. דאָ האָבן זיך באַהאַלטן עטלעכע קוטעינער און יערמאַלאַיעווער. די ערשטע זענען געווען טויט־שיכור. אַ טייל האָט געכאָרכלט מיט קרעכ־צנדיקע אונטערטענער, געקריצט די ציין און אונטערגעוואָיעט, אַנדערע האָט געאיבלט ביז ברעכן. ס'איז דאָרט געווען אַ שטאָק־פינצטערניש, כאָטש נעם זיך די אויגן ארויס, אַ דושנעקייט און אַ געשטאַנק. די צו־לעצט זיך אַריינבאַקומענע האָבן פון אינווייניק פאַרשטאָפּט די עפענונג, מיט ערד און שטיינער, אַז דאָס לאָך זאָל זיי נישט אויסגעבן. באַלד האָט דאָס כאָרכלען און קרעכצן פון די באַטרונקענע אינגאַנצן אויפגעהערט.

עס איז אנטשטאַנען אַ פולשטענדיקע שטילקייט. אַלע זענען רויק געשלאָפן. נאָר אין איין ווינקל האָט זיך געהערט אַ שטיל פליסטערן פון די באַזונדערס אומרויקע, אויף טויט־איבערגעשראָקענע, טיערענטי גאַלוזין און דעם יערמאָלאַיעווער קולאַקן־העלד קאַסקאַ ניעכוואַליעניך.

— שטילער, רעווע נישט, באַק איינער, וועסט אַלעמען אומברענגען, טייוול באַלומפּערטער, הערסט, די שטרעזע־לייט קריכן און נישטערן. פון דער אומגעגנט זיך פאַרנומען און גייען לויט דער ריי. וועלן באַלד דאָ זיין. אָט זענען זיי, פגר. אָטעם נישט, כ'וועל דערשטיקן! נו, דיין גליק איז, זיי זענען שוין פאַרבייגעגאַנגען. וועלכער טייוול האָט דיך אַהער פאַרטראָגן? אויך ער, דער גולם, איז אַהערגעקומען זיך באַהאַלטן. ווער וואָלט דיך מיט אַ פינגער אָנגערירט?

— איך הער ווי גאָשקא שרייט „באַהאַלט־זיך, לאַכודרע!", נו בין איך אַריינגעקראָכן.

— גאָשקע איז עפּעס אַנדערש. די גאַנצע פאַמיליע ריאַביך איז אַ פאַרדעכטיקטע, נישט קיין באַגלויבטע. זיי האָבן קרובים אין כאָדאַטסקאָיע. פאַכלייט, אַרבעטער־בלוט. נו, דריי זיך נישט, אידיאָט איינער, ליג רויק. דאָ אין דער זייט האָט מען אָנגעמאַכט און אָנגעשפּיגן. וועסט זיך אַ ריר־טון, וועסטו זיך און מיך מיט טינוף אויסשמירן. הערסט דען נישט, אַז עס שטינקט. צוליב וואָס טראָגט־זיך שטרעזע אין דאָרף אַריין? פאָזשינסקער זוכט ער. פרעמדע.

— קאָסקא, וויאַזוי איז דאָס אַלץ געשען? פון וואָס האָט זיך עס אָנגעהויבן?

— צוליב סאנקען איז די גאַנצע געסרוכע, צוליב סאנקא פאַפּנוטקין. מיר שטייען אין דער ריי נאַקעטע, צו דער אונטערזוכונג. עס איז סאנקעס ריי. ער טוט זיך נישט אויס. סאנקע איז געווען באַטרונקען, געקומען צו דער קאָמיסיע נישט־ניכטער. דער שרייבער מאַכט אים אַ העפלעכע באַמערקונג: „טוט זיך אויס". ער זאָגט סאנקען „איר". אַ מיליטערישער שרייבער. און סאנקע ענטפערט אים גראָב: „איך וועל זיך נישט אויסטון. איך וויל נישט יעדן באַווייזן די אברים פון מיין לייב". נישט־אנגענעם איז אים געווען. און ער דרייט זיך־אויס מיט דער זייט צום שרייבער, נאָך ווי זיך אויסגעדרייט, און אים פאַרפאָרן אין די ציין. יאָ. און וואָס מיינסטו? קיינער האָט נישט באַוויזן אַ פּיפּס צו טון. סאנקא האָט זיך איינגעבויגן, געכאַפּט דעם קאַנצעלאַריע־טיש ביי די פיסלעך און מיט אַלץ וואָס אויפן טיש, מיטן טינטער, מיט די מיליטערישע ליסטעס און אַ זעץ־געטון אין דער ערד! פון דער פאַרוואַלטונגס־טיר קומט אָן שטרעזע: „איך, שרייט ער, וועל נישט דולדן קיין ווילדקייטן, איך וועל אייך

ווייזן אַן אָן־בלוטיקע רעוואָלוציע און נישט אַכטן דאָס געזעץ ביי דער מאָביליזיר־קאָמיסיע. ווער איז דער מחבל!". און סאַנקע טוט זיך אַ לאָז צום פענצטער. „קאַראַול! — שרייט ער — כאַפּ די מלבושים! דאָ איז אונדזער סוף, חברים!". איך בין געלאָפן נאָך די זאַכן, אין געאייל זיך אָנגעטון און לויף צו סאַנקען. סאַנקע האָט אויסגעזעצט מיט דער פויסט די שויב און שפּרינגט אויף דער גאַס אַרויס, זוך דעם ווינט אין פעלד. און איך — נאָך אים. און נאָך חברה. מיר הויבן פּיס. און שוין יאָגט מען זיך נאָך אונדז. און פרעג מיך, פאַרוואָס און פאַרווען? קיינער פאַר־שטייט גאָרנישט.

— און די באָמבע?

— וואָס אַ באָמבע?

— און ווער האָט די באָמבע געוואָרפן? נו, נישט קיין באָמבע, איז אַ גראַנאַט?

— גאָט מייגער, צי דען האָבן מיר עס געטון?

— ווער־זשע דען?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? זיכער עמיץ אַן אַנדערער. ער האָט געזען אַ מהומה, טראַכט ער זיך, לאָמיר אין דעם רעש די גמינע אויפרייסן. מען וועט זיכער אַנדערע חושד־זיין. עמיצן אַ פּאָליטישן. פּאַ־זשינסקער פּאָליטישע זענען דאָך דאָ פול. שטיל. ווער פאַרשטומט. שטומען. הערסט? די שטרעזע־לייט קערן זיך אום. נו, מיר זענען פאַרלוירן. נעם איין שטומעניש.

די קולות האָבן זיך דערנענטערט. עס האָבן געסקריפּעט שטיוול, און שפּאָרן האָבן געקלונגען.

— שפּאָרט זיך נישט. מיך וועט איר נישט פאַרפירן. איך בין נישט פון די. דאָ ערגעץ האָט מען באַשטימט גערעדט, — האָט זיך דערהערט די קלאָרע באַפעלערישע, פעטערבורגער שטים פון פּאָלקאָווניק.

— עס האָט זיך איך געקענט דאַכטן, אייער הויך־געשעצטקייט, — האָט געפּרוווט איבעררעדן אים דער מאָלי־יערמאָלאַיעווסקער דאָרף־סטאַ־ראָסטע אָטוויאָזשיסטין, אַן אַלטער פיש־הענדלער — און וואָס איז דער וואונדער, אַז מען הערט רעדן? עס איז דאָך אַ דאָרף, נישט קיין בית־עולם. און אפשר האָט מען ערגעץ גערעדט. אין די שטיבער וווינען דאָך נישט קיין שטומע. און אפשר שטיקט אַ הימישער עמיצן אין חלום.

— נו, נו. איך וועל אייך ווייזן פאַרן מאַכן־זיך לעקישעוואַטע, פאַרן מאַכן אַ נעבעך־פּנימל פון אַ קאַזאַנסקער יתומל! „אַ היימישער שטיקט"! איר זענט דאָ צופיל צעלאָזן־געוואָרן! אַט, קליגלט־זיך אַזוי

ביז דער אינטערנאַציאָנאַלער איבערקערעניש, און דאַן וועט שוין זיין צו שפּעט! „אַ היימישער!".

— האָט רחמנות, אייער הויך־געשעצטקייט, הער פּאָלקאָווניק! ווי האָט איר דאָ אינטערנאַציאָנאַלע! ליימענע גולמס! אַ פינצטערער העק! אין די אַלטע אַפּטריטן טרעפט מען זיך אַמאָל אין אַ יובל. ווי קומט צו זיי רעוואָלוציע?

אַזוי רעדט איר אַלע ביז דער ערשטער אויספאָרשונג. אַרומקוקן דעם לאָקאַל פון דעם קאָאָפּעראַטיוו פון אויבן ביז אונטן! איבערשליי־דערן אַלע פּאָליצעס, אַרונטערקוקן אונטער די געשטעלן. דורכזוכן די שכנותדיקע בנינים!

— מיר זענען גרייט, אייער הויכקייט!

— פּאַפּנוטקינען, די ריאַביד'ס, די ניעכוואָליעני'ס, טויטע אָדער לעבעדיקע, זאָלט איר מיר זיי ברענגען. אפילו פון ים־אָפּגרונט ציט זיי אַרויס! און גאַלוזינס פרעסערל. עס מאַכט נישט אויס, וואָס זיין טאַטע האַלט פּאַרטיזאַנישע רעדעס, די ציין פאַררעדט ער, פאַרקערט. דאָס וועט אונדז נישט פאַרבלענדן, אויב אַ קרעמערל דרשנט, איז אַ סימן, אַז עס איז פאַרדעכטיק. דאָס איז קעגן דער נאַטור. לויט ווי מען סודעט־זיך, באַהאַלטן זיי ביי זיך אויפן הויף אין קרעסטאָוואָזדוויזשענסק, פּאָליטישע. זיי אָרדנען־איין געהיימע פאַרזאַמלונגען. כאַפּן דאָס לאָבוסל! איך האָב נאָך נישט באַשלאָסן, וואָס צו טון מיט אים, נאָר אויב עפּעס וועט זיך אַרויסווייזן, וועל איך אים אויפהענגען, אָן רחמנות, אַלס ביישפּיל פאַר די איבעריקע.

די רעווידירנדיקע האָבן זיך גערוקט ווייטער. ווען זיי זענען אָפּ־געגאַנגען גענוג ווייט, האָט קאָסקע ניעכוואָליעניך אַ פרעג־געטון דעם שטאַרק צעטומלטן טיעריאָשקאַ גאַלוזין: האָסט געהערט?

— יאָ, — האָט יענער אַ פּליסטער געטון נישט מיט זיין שטים.

— איצטער האָבן מיר ביידע, צוזאַמען מיט סאַנקען און גאָשקען, נאָר איין וועג: אין וואַלד אַריין. איך זאָג נישט, אַז אויף שטענדיק. ביז זיי וועלן זיך באַדענקען. און ווען זיי וועלן זיך אויסניכטערן, וועט מען דאַן זען. אפשר וועלן מיר זיך אומקערן.

עלפטער טייל

דאָס וואַלד־מיליטער

1

שוין דאָס צווייטע יאָר זינט יורי אַנדרייעוויטש איז אַריינגעפאַלן צו די פּאַרטיזאַנער אין געפאַנגענשאַפט. די גרענעצן פון אָט דער געפאַנגענשאַפט זענען געווען זייער נישט קיין באַשטימטע. זיין געפאַנגענפלאַץ איז נישט געווען באַזונדערס אַרומגעצוימט. מען האָט אים נישט געהיטן, נישט נאָכגעקוקט אים. דאָס פּאַרטיזאַנישע מיליטער האָט זיך אָן אויפהער איבערגעטראָגן. יורי אַנדרייעוויטש איז געגאַנגען צוזאַמען מיט זיי. דאָס דאָזיקע מיליטער האָט זיך נישט אָפּגעטיילט, זיך נישט אָפּגעצוימט פון דער באַפעלקערונג, דורך וועלכע ישובים און געגנטן זיי האָבן זיך באַוויגן. דאָס מיליטער האָט זיך אויסגעמישט מיטן פאָלק און געלעבט אין אים.

עס האָט אויסגעזען, אַז די אָפּהענגיקייט, אַז די געפאַנגענשאַפט עקזיסטירט גאָרנישט. דער דאָקטאָר איז אויף דער פריי, נאָר ער ווייסט נישט, ווי זיין פרייהייט אויסצונוצן. דעם דאָקטאָרס אָפּהענגיקייט, זיין געפאַנגענשאַפט האָט זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון אַנדערע צוואַנגספאָרמען וואָס עקזיסטירן אין לעבן, אויך זיי זענען אַזעלכע נישט אָפּזעעוודיקע, נישט ממשותדיקע, ווי זיי וואָלטן לגמרי נישט עקזיסטירט און זענען נישט מער ווי פאַנטאַזיעס און אויסטראַכטענישן. נישט־קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז נישט געווען געשמידט און נישט באַוואַכט, איז דער דאָקטאָר געצווונגען געווען אונטערצוואַרפן־זיך דער געפאַנגענשאַפט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן איינגערעדטע.

דריי פּרוון צו אַנטלויפן פון די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך געענדיקט מיטן כאַפּן אים. ער איז נישט באַשטראָפט געוואָרן, אָפּגעקומען מיט גאָרנישט, נאָר דאָס איז געווען אַ שפּיל מיט פייער. מער האָט ער עס נישט איבערגעחזרט.

אים האָט באַגנעדיקט דער פּאַרטיזאַנער נאַטשאַלניק ליווערי מיקוליצין, וועלכער האָט אים געגעבן אַ נאַכט־לעגער ביי זיך אין דער

פּאַלאַטקע און ליב געהאַט זיין געזעלשאַפט. די דאָזיקע געצוווּנגענע נאָ־ענטקייט איז פאַר יורי אַנדרייעוויטשן געווען צולאַסט.

2

דאָס איז געווען אַ פּעריאָד פון אומאויפהערלעכן פּאַרטיזאַנישן אָפּמאַרש אויף מזרח. צייטנווייז איז, דאָס דאָזיקע איבערגיין פון איין פּלאַץ אויפן אַנדערן, געווען אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם אַנגריפס־פּלאַן, ביים אַרויסשטויסן קאָלטשאַקן פון מערב־סיביר. צייטנווייז, ווען ווייסע פּאַרטיזאַנער זענען זיי אונטערגעקומען פון הינטן, פּרווונדיק זיי אַרומרינגלען, האָט זיך די באַוועגונג אין דער זעלבער ריכטונג פאַרוואַנדלט אין אַ אָפּטרעטן. דער דאָקטאָר האָט גאַנץ לאַנג נישט געקאָנט באַנעמען דאָס דאָזיקע איבערקליגלען.

די שטעטעלעך און דערפלעך איבערן טראַקט, דורך וועלכע זיי זענען דורכגעגאַנגען אָדער פּאַראַלעל צו זיי, זענען געווען פאַרשידענע, ווייסע אָדער רויטע, אָפּהענגיק פון די ענדערונגען פון מיליטערישן מזל. זעלטן האָט מען, לויט זייער אויסערלעכן אויסזען, געקענט באַשטימען, וואָס פאַר אַ מאַכט דאָרט הערשט.

אין דער צייט פון דורכגיין אָט די שטעטעלעך און דערפער, איז דאָרט דער עיקר געווען אָט די פויערים־אַרמיי, וואָס ציט־זיך דורך זיי. די הייזער איןביידע זייטן וועג זענען ווי צוזאַמענגעוויקלט־געוואָרן און אַראָפּ אין דער ערד, און די צעקנאָטענע בלאָטע דורך רייטער, פערד, האַרמאַטן און מאַסן הויך־ווּקסיקע שיסער אין וויקל־שנורן, איז אויפגעגאַנגען, ווי עס האָט זיך געדאַכט, העכער פון די שטיבער.

אין אַזאַ שטעטעלע איז איינמאָל דעם דאָקטאָר אויסגעקומען איבערצונעמען אַ סקלאַד מיט ענגלישע מעדיקאַמענטן, וואָס איז פאַרלאָזט־געוואָרן פון דער אָפּטרעטנדיקער אָפיצערן־פאַרמאַציע פון קאַפּעליאַווסקין.

עס איז געווען אַ רעגנדיק־פינצטערער טאָג פון צוויי קאָלירן: אַלדאָס באַלויכטענע האָט אויסגעזען ווייס, און דאָס נישט־באַלויכטענע, — שוואַרץ. און אויף דער נשמה איז אויך געווען אַזאַ פינצטערניש, אָן ווייכער־מאַכנדיקע טענער און שאַטירונגען.

צום סוף האָט דער וועג, וואָס איז חרוב־געוואָרן דורך די דורכציענדיקע אַרמייען, פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פּאַרפלייצונג פון שוואַרצער בלאָטע, דורך וועלכער מען האָט נישט אומעטום געקענט אַדורכגיין צו־פוס. די גאַס איז מען אַריבערגעגאַנגען נאָר אויף געוויסע ערטער, ווייט איינע פון דער אַנדערער, צו וועלכע מען האָט געמוזט מאַכן אומוועגן. ביי

אַזעלכע באַדינגונגען האָט דער דאָקטאָר באַגעגנט אין פּאַזשינסק זיין אַמאָליקער באַן־מיטרייזנדער־ין פּעלאַגיאַ טיאַגונאָווא.

זי האָט אים די ערשטע דערקענט. ער האָט נישט באַלד פעסט־געשטעלט, ווער עס איז די דאָזיקע פרוי מיטן באַקאַנטן פּנים, וועלכע וואַרפט צו אים איבערן וועג, ווי פון איין ברעג קאַנאַל, צום אַנדערן, צווייַדייטיקע בליקן: דאָ, — אַנטשלאָסענע צו באַגריסן אים, אויב ער וועט זי דערקענען, און דאָ, — אויסדריקנדיקע גרייטקייט אָפּצוטרעטן.

אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך אַלץ דערמאָנט. צוזאַמען מיט די בילדער פון דעם איבערפולטן פראַכט־וואַגאָן, מיט די מאַסן צוזאַמענגעטריבענע אויף פליכט־אַרבעט, מיט דער פּאַסאַזשירקע, וואָס האָט געהאַט אירע צעפּ אויף דער ברוסט אַריבערגעוואָרפן, — האָט ער דערזען זיינע אייגענע אין צענטער פון דעם בילד. די איינצלהייטן פון זיין פאַרצווייַאַריקער רייזע מיט זיין פאַמיליע האָבן העל אויפגעטויכט פאַר אים. די היימישע געזיכטער, נאָך וועלכע ער האָט זיך שטערבלעך אויסגעבענקט, זענען לעבעדיקע דערשינען פאַר אים.

מיט אַ שאָקל־טון דעם קאָפּ, האָט ער געגעבן אַ צייכן, אַז טיאַגונאָווא זאָל ארויפגיין העכער די גאַס, צום איבערגאַנגס־פּלאַץ איבער שטיינער וואָס שטאַרצן־אַרויס פון דער בלאָטע. אַליין איז ער צוגעקומען אַהין, איז אַריבער צו טיאַגונאָוואַ און זיך מיט איר באַגריסט.

זי האָט אים אַ סאַך דערציילט. דערמאָנענדיק אים דאָס שייך, נישט קאַליע געמאַכטע יינגל וואַסקאַ, וועלכער איז געפאַרן צוזאַמען מיט זיי אין איין טעפּליושקע, און וועלכן מען האָט אומגעזעצלעך צוגענומען אין דער פּאַרטיע אַרבעטס־פליכטיקע, — טיאַגונאָווא האָט געשילדערט פאַרן דאָקטאָר איר לעבן אין דאָרף וויערטעניקי, ביי וואַסיאַס מוטער. עס איז איר געווען ביי זיי זייער גוט. נאָר דאָס דאָרף האָט איר געשטאָכן די אויגן דערמיט, וואָס זי איז דאָרט געווען אַ פרעמדע, אַ געקומענע. מען האָט איר פאַרגעוואָרפן מכּלומרשטע נאָענטע פאַרבינדונגען מיט וואַסיאַן. זי האָט געמוזט אַוועקפאָרן פון דאָרט, כדי מען זאָל איר גענצלעך נישט דאָס לעבן פאַרביטערן. זי האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט קרעסטאָוואָזד־וויזשענסק, ביי אָלגאַ גאַלוזינאַס שוועסטער. קלאַנגען, אַז מען זאָל האָבן געזען אין פּאַזשינסק פּריטוליעוון, האָבן זי אַהערגעצויגן. די ידיעות האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַלשע און זי איז דאָ שטעקן־געבליבן, באַקומענדיק אַרבעט.

דערווייל האָבן געטראָפן אומגליקן מיט מענטשן, וואָס זענען איר האַרציק ליב. פון וויערטעניקי זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז איבערן דאָרף איז אויסגעפירט געוואָרן אַן עקזעקוציע פאַרן נישט־אונטערוואַרפן־זיך דעם

געזעץ פון שפּיז־צוטיילונג. ווייזט־אויס, אַז בריקינס הויז איז פאַרברענט־געוואָרן און עמיץ פון וואַסיאַס משפּחה איז אומגעקומען. אין קרעסטאָ־וואָזדוויזשענסק האָט מען ביי די גאַלוזינס צוגענומען דאָס הויז מיטן פאַרמעגן. דעם איידעם האָט מען איינגעזעצט אין תּפיסה אָדער דער־שאָסן. דער פלימעניק איז שפּורלאָז פאַרפאַלן־געוואָרן. די ערשטע צייט פון חורבן, האָט אַלגאַס שוועסטער געליטן נויט און געהונגערט, און איצט דינט זי, פאַר באַשפּייזונג, ביי פּויערישע קרובים אין זוואָנאַרסקאַ־סלאָבאָדאָ.

דורך אַ צופאַל, האָט טיאַגונאָווא געאַרבעט אַלס כּלים־וואַשערין אין דער פּאַזשינסקער אַפּטייק, ווען מען האָט פאַרמעגן דעם דאָקטאָר איז אויס־געקומען צו רעקוויזירן. אַלע וואָס האָבן זיך מפרנס געווען פון דער אַפּטייק, טיאַגונאָוואַן אַריינגערעכנט, האָט די דאָזיקע רעקוויזיציע רו־אינירט. אָבער נישט אין דעם דאָקטאָרס מאַכט איז דאָס געלעגן, אַפּצו־שאַפן דעם באַשלוס. טיאַגונאָווא איז אַנוועזנד־געווען ביים אַקט פון איבער־געבן די סחורה.

אַ וואָגן איז פאַר יורי אַנדרייעוויטשן צוגעשטעלט־געוואָרן אויפן הינטערשטן הויף פון אַפּטייק, צו דער טיר פון סקלאַד. פון אינווייניק האָט מען אַרויסגעטראָגן פּעק, פלעשער און געפלאָכטענע קוישן געשיצט און קאַסטנס.

צוזאַמען מיט די מענטשן, האָט אומעטיק געקוקט אויף דער אויפ־לאָדונג, דעם אַפּטייקערס דאַרע, קרעציקע קליאַטשע, פון איר שטאַל אַרויס. דער רעגנדיקער טאָג האָט זיך גענויגט צום אָוונט. דער הימל איז עטוואָס העלער געוואָרן. אויף אַ רגע האָט זיך באַוויזן די אין וואָלקנס איינגעדריקטע זון. זי האָט זיך געזעצט. אירע טונקל־בראָנזענע שטראַלן האָבן אַריינגעשפּריצט אין הויף אַריין און ברוגזדיק באַגילדעט די קאַ־לושעס שיטערן מיסט. דער ווינט האָט זיי נישט צעשאָטן. די מיסטיקע שיטערקייט האָט זיך נישט גערירט פון שווערקייט. דערפאַר האָט דאָס אָנגעגאָסענער רעגן־וואַסער אויפן שאָסיי זיך־געגרינצלט אין ווינט און זיך געוויגט.

דאָס מיליטער איז געגאַנגען און געגאַנגען ביי די זייטן וועגן, אויס־מיידנדיק מיט אומוועגן די סאַמע טיפסטע אָזיערעס און גריבער. אין דער פאַרכאַפּטער פאַרטיע מעדיקאַמענטן איז אויך געווען אַ פולער סלאַי קאָקאין, וואָס דער פאַרטיזאַנישער נאַטשאַלניק האָט לעצטנס אונטער־געזינדיקט מיטן שמעקן צו אים אַן אַ גרעניץ.

3

צווישן די פּאַרטיזאַנער האָט דער דאָקטאָר געהאַט אַרבעט איבערן קאָפּ. ווינטער — פלעקן־טיפוס, און זומער — דעזינטעריע. און אויסער דעם, — אַ גרויסן צאָל פאַרווונדעטע אין די קאַמפּס־טעג פון די באַנייטע מיליטערישע טעטיקייטן.

נישט געקוקט אויף די דורכפאַלן און אויף דעם צוריקציען זיך, וואָס האָט איבערגעשטיגן די צאָל אָנגריפן, האָבן זיך די רייען פון די פּאַרטיזאַנער כסדר פאַרפולט מיט נייע אויפשטענדלער פון די ערטער, דורך וועלכע די פויערים־אַרמיי איז דורכגעגאַנגען, און מיט דעזערטירן פון דעם שונא׳ס לאַגערן. פאַר די אַנדערהאַלבן יאָר, וואָס דער דאָקטאָר האָט פאַרבראַכט ביי די פּאַרטיזאַנער, האָט זיך זייער צאָל פאַרצענפאַכט. ווען ליווערי מיקוליצין האָט, אויף דער אונטערערדישער שטאַב־באַראַטונג אין קרעסטאָוואָזדוויזשענסק, אָנגערופן די צאָל פון זיינע כוחות, האָט ער איר פאַרגרעסערט בערך צענפאַכיק. ערשט איצט האָבן זיי פּאַקטיש דערגרייכט די דאָן אָנגעוויזענע גרויס.

יורי אַנדרייעוויטש האָט געהאַט געהילפן, עטלעכע פריש־געבאַקענע סאַניטאַרן מיט געהעריקער דערפאַרונג. זיין רעכטע האַנט אין דער היי־לונג־אָפּטיילונג איז געווען אַן אונגאַרישער קאָמוניסט, אַ מיליטערישער דאָקטאָר פון די געפאַנגענע, קערעני לאַיאָש, וועלכן מען האָט אין לאַגער גערופן „חבר לאיוש״, און דער קראָאַטישער פעלדשער אַנגעליאַר, וועל־כער איז אויך געווען אַן עסטרייכישער געפאַנגענער. מיטן ערשטן, האָט זיך יורי אַנדרייעוויטש פאַרשטענדיקט אויף דייטש. דער צווייטער, אַ געבוירענער אין סלאַווישן טייל באַלקאַן, האָט קוים פאַרשטאַנען אַביסל רוסיש.

4

לויט דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנווענץ פון רויטן־קרייץ, האָבן די מיליטער־דאָקטורים און דינענדיקע אין די סאַניטאַר־אָפּטיילונגען קיין רעכט נישט צו באַטייליקן־זיך מיט געווער אין די מיליטערישע אָפּעראַ־ציעס פון די קעמפנדיקע. נאָר פונדעסטוועגן, קעגן זיין ווילן, איז דעם דאָקטאָר אויסגעקומען איבערצושרייטן דאָס געזעץ. אַ צוזאַמענשטויס אין פעלד האָט אים געצוווּנגען צו ענטשיידן דעם גורל פון די קעמפנדיקע און פאַרטיידיקן זיך מיט שיסן.

די אָנגעגריפענע פּאַרטיזאַנישע קייט, אין וועלכער דער דאָקטאָר

איז געלעגן צוזאַמען מיטן אָטריאַד־טעלעגראַפיסט, האָט פאַרנומען דעם ראַנד פון וואַלד. הינטערן רוקן האָבן די פאַרטיזאַנער געהאַט די טאַיגע, און פאַראויס — אַן אָפן פעלד, אַן אָפּגעדעקטן, שוצלאָזן שטח, איבער וועלכן עס האָבן אַנגרייפנדיק מאַרשירט די ווייסע.

זיי האָבן זיך גערוקט פאַראויס און זענען שוין געווען נאָענט. דער דאָקטאָר האָט גוט געזען יעדנס געזיכט. דאָס זענען געווען יינגלעך און יוגנטלעכע פון נישט קיין מיליטער־שיכטן, פון דער שטאָטישער געזעלשאַפט, און עלטערע מענטשן, מאָביליזירטע פון זאַפּאַס. נאָר דעם טאָן האָבן געגעבן די ערשטע, יונגוואַרג, סטודענטן פון ערשטן קורס און פון אַכטן קלאַס גימנאַזיע, וועלכע זענען ערשט נישט לאַנג פרייוויליק צוגעטרעטן.

דער דאָקטאָר האָט זיי קיינעם נישט געקענט, נאָר זייערע געזיכטער האָבן אים אויסגעזען היימיש, באַקאַנט. אייניקע האָבן אים דערמאָנט אָן געוועזענע שול־חברים. צו איז מעגלעך, אַז דאָס זאָלן זיין זייערע יינגערע ברידער? אַנדערע האָט ער ווי באַגעגנט צווישן טעאַטער־פּובליקום און צווישן עולם אין די גאַסן אין די פאַרגאַנגענע יאָרן. זייערע אויסדרוקס־פולע, צוציִענדיקע פיזיאָנאָמיעס האָבן אים אויסגעוויזן צו זיין נאָענטע, אייגענע.

דאָס דינען דער פליכטיקייט, ווי זיי האָבן עס פאַרשטאַנען, האָט זי באַזעלט מיט יוגנטלעכער באַגייסטערונג, אַ גאַוהדיקע, אַ אומנויטיקע. צעשאָטן, שיטער זענען זיי געגאַנגען, אויסגעגלייכטע אין דער גאַנצער גרויס, האָבן איבערשריטן מיט זייער אויסשולונג די קאַדרן־גוואַרדייער און שפּאַטנדיק פון דער געפאַר, זענען זיי נישט אַריבערגעלאָפן דאָס פעלד, זיך צו באַהאַלטן אונטער שוץ־בערגלעך, כאָטש איבערן פעלד זענען געווען גריבלעך און בערגלעך הינטער וועלכע מען האָט זיך געקענט שיצן. די פאַרטיזאַנישע קוילן האָבן זיי כמעט אַלע צעריבן אויף קאַשע.

אינמיטן ברייטן, נאַקעטן פעלד, איבער וועלכן די ווייסע האָבן זיך באַוועגט פאַראויס, איז געשטאַנען אַן אָפּגעברענטער, טויטער בוים. ער איז געווען פאַרקוילט פון אַ בליץ אָדער פון אַ שייטער־פלאַם, אָדער ער איז געווען צעשפּאָלטן און אָפּגעברענט פון די פריערדיקע שלאַכטן. יעדער אַנגרייפנדיקער פרייוויליקער שיסער האָט געוואָרפן צו אים בליקן, קעמפנדיק מיטן חשק צו געפינען זיך הינטער זיין שטאַם, צוליבן גוטן און זיכערן צילן, נאָר ער האָט עס גרינג געשעצט און געגאַנגען ווייטער.

די פאַרטיזאַנער האָבן פאַרמאָגט אַ באַגרענעצטע צאָל קוילן. עס איז געווען אַ באַפעל, וואָס איז פון אַלעמען באַשטעטיקט געוואָרן, פון וואָס

פאַר אַ דיסטאַנץ מען דאַרף שיסן פון ביקסן, און פון וואָס פאַר אַ צאָל ביקסן מען דאַרף שיסן צו אַן אָפּענעם ציל.

דער דאָקטאָר איז אומבאַוואָפנט געלעגן אין גראָז און זיך צוגעקוקט צום גאַנג פון דער שלאַכט. זיין גאַנץ מיטגעפיל איז געווען אויף דער זייט צו די העלדיש־אומקומענדיקע קינדער. ער האָט זיי פון גאַנצן האַרצן געוווּנטשן דערפאָלג. דאָס זענען דאָך געווען קינדער פון משפחות, וואָס זענען אים געווען גייסטיק נאָענט. נאָענט זיין דערציאונג, זיין מאָראַל, זייך באַנעם.

עס איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַרויסצולויפן צו זיי אויפן פעלד און זיך איבערגעבן זיי און אַזוי אויסגעלייזט־ווערן. נאָר דאָס איז געווען אַ ריזיקאַלישער שריט, פאַרבונדן מיט געפאַר.

ביז ער וואָלט צוגעלאָפן צום מיטן פעלד מיט אויפגעהויבענע הענט, וואָלט מען אים געקענט אַוועקלייגן פון ביידע זייטן, אַ געטראָפענעם אין ברוסט און אין רוקן. די אייגענע וואָלטן געשאָסן פאַרן פאַראַט און די פרעמדע, — נישט קענענדיק זיינע כוונות. ער איז דאָך שוין נישט איינ־מאָל געווען אין ענלעכע סיטואַציעס, איבערגעטראַכט אַלע מעגלעכקייטן און שוין לאַנג באַשטימט אַט די רעטונגס־פּלענער אַלס נישט פּאַסיקע. און שלום־מאַכנדיק מיט דער צווייאיקייט פון זיינע געפילן, האָט דער דאָקטאָר פאַרגעזעצט דאָס ליגן אויפן בויך, מיטן פּנים צו דער לאָנקע און אומבאַוואָפנט, פון גראָז אַרויס באַטראַכט דעם גאַנג פון קאַמף.

פון דעסטוועגן, צוקוקן און ליגן אויפן בויך מיט פאַרלייגטע הענט, אינמיטן פון אַ קאָכעדיקער שלאַכט אויף לעבן און טויט, איז געווען אומ־זיניק און איבער די מענטשלעכע כוחות. עס איז נישט געגאַנגען אין דער טריישאַפט צו די, צו וועלכע עס האָט אים צוגעשמידט די געפאַנגענ־שאַפט, נישט אין דער זעלבסט־פאַרטיידיקונג, נאָר אין דעם נאָכפאָלגן דעם סדר פון די געשעענישן, אין אונטערוואַרפן־זיך די געזעצן פון דעם, וואָס עס שפּילט זיך־אָפּ אַרום אים. בלייבן דערצו פּאַסיוו, איז געווען קעגן אַלע כּללים. מען האָט געדאַרפט טון דאָסזעלבע, וואָס אַלע האָבן געטון. עס איז אָנגעגאַנגען אַ שלאַכט, אין וועלכער מען האָט אויך חברים גע־שאָסן. מען דאַרף ענטפערן מיט פייער.

און ווען דער טעלעפאָניסט, וואָס איז געלעגן נעבן אים, האָט גע־נומען צאַפּלען אין גסיסה, אין אָפּגעשטאַרבן, גליווערנדיק אין אומבאַוועג־לעכקייט, איז יורי אַנדרייעוויטש צוגעקראָכן צו אים, אַראָפּגענומען זיין רוקזאַק, גענומען זיין ביקס און פון זיין פריערדיקן פּלאַץ, האָט ער גע־נומען פייערן איין שאָס נאָכן אַנדערן.

דאָס רחמנות, אָבער, האָט אים נישט דערלויבט צו צילן אין די

יונגע מענטשן, וועלכע ער האָט באַוווּנדערט און מיטגעפילט. און שיסן סתּם אין דער לופט, איז געווען צו נאַריש, בטלניש און אין סתירה צו זיינע כּוונות. נאָר אויסקלייבנדיק מינוטן, ווען צווישן אים און זיין ציל־פּונקט האָט זיך נישט געפונען קיינער פון די אָנגרייפער, האָט ער געצילט און געשאָסן אין דעם אָפּגעברענטן בוים. ער האָט זיך געהאַט דערביי זיין אייגענעם סיסטעם.

צילנדיק מיט וואָס מער פּינקטלעכקייט, האָט ער קוים־קוים און נישט ביזן סוף געדריקט דאָס צינגל, ווי ער וואָלט נישט געהאַט בדעה אויסצושיסן, ביז דער שאָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיך־זעלבסט, ווי איבער אַלע דערוואַרטונגען. מיט דעם געגוויעם צילן, האָט דער דאָקטאָר צעשפּרייט אַרום דעם אָפּגעשטאָרבענעם בוים, די אונטערשטע, פאַרדאַרטע צווייגן.

נאָר אוי, אַ שרעק! וויאַזוי דער דאָקטאָר האָט זיך באַמיט נישט צו טרעפן עמיצן, האָט זיך איינער און אַ צווייטער אָנגרייפער אַריינגעשאַרט צווישן דעם בוים און זיין ציל־ליניע אין דעם מאָמענט פון זיין ביקסן־סאַלווע. צוויי האָט ער צעקראַצט און פאַרוווּנדעט. נאָר דעם דריטן אומ־גליקלעכן, וועלכער איז געפאַלן נישט ווייט פון בוים, האָט באַצאָלט מיטן לעבן.

צום סוף האָט די ווייסע קאָמאַנדשאַפט, איבערצייגנדיק־זיך אין דער נוצלאָזיקייט פון זייערע אָנגריפן, געגעבן אַ באַפעל אָפּצוטרעטן.

פאַרטיזאַנער זענען געווען וויניק. זייערע הויפּט־כּוחות זענען טיילווייז אַוועק אין פאַראויס־מאַרש און טייל זענען אַוועק אין די זייטן און געקומען אין באַרירונג מיט שטאַרקערע כּוחות פון קעגנער. דער אַטריאַד האָט נישט נאָכגעיאָגט די אָפּטרעטנדיקע, כּדי נישט אויסצוגעבן די וויניקייט פון זייער צאָל.

דער פעלדשער אַנגעליאַר האָט מיטגעבראַכט אויפן פעלד־אַרויס צוויי סאַניטאַרן מיט טראָג־בעטלעך. דער דאָקטאָר האָט זיי באַפוילן צו פאַרנעמען זיך מיט די פאַרוווּנדעטע און אַליין איז ער צוגעגאַנגען צום באַוועגלאָז־ליגנדיקן טעלעפאָניסט. ער האָט אומעטיק געהאָפט, אפשר אָטעמט ער נאָך און וועט אים קענען דערמינטערן. כּדי זיך איבערצוצייגן אין דעם ענטגילטיק, האָט יורי אַנדרייעוויטש אויפגעשפּילעט די בלוזע אויף זיין ברוסט און זיך צוגעהערט צו זיין האַרץ. עס האָט נישט מער געקלאַפּט.

ביים דערהרגעטן אויפן האַלדז איז געהאַנגען אויף אַ שנירל אַ הילצערנע קמיע. יורי אַנדרייעוויטש האָט עס אַראָפּגענומען. אַז ער האָט עס געעפנט, האָט ער אינווייניק געפונען, אין אַ שמאַטקעלע איינגעניט, אַ פּאַפּירל וואָס איז געווען אויסגעריבן ביי די איינגעקנייטשטע ברעגן.

דער דאָקטאָר האָט עס צעעפנט. עס איז זיך צעפאַלן און צעשאָטן אויף דער ערד.

דאָס פּאַפּירל האָט אַנטהאַלטן אויסצוגן פון תהילים, קאַפּיטל צ"א, מיט די ענדערונגען און אָפּווייכונגען, וואָס דאָס פאָלק מאַכט אין די תפילות, דערווייטערנדיק־זיך ביסלעכווייז פון אָריגינאַל, פון איינמאָל צום אַנדערן. די פראַגמענטן פון דעם סלאַוויש־קירכלעכן טעקסט זענען איבערגעשריבן געוואָרן אויף רוסיש.

אין תהילים ווערט געזאָגט: "יושב בסתר עליון". אין צעטעלע איז עס דאָס קעפּל פון קאַפּיטל: "היושב בסתר". די שורות פון תהילים: "ווּעסט נישט מורא האָבן פאַר אַ שרעק פון דער נאַכט, פאַר אַ פייל וואָס פליט בייטאָג", האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין דערמוטיקונגס־ווערטער: "האָב קיין מורא נישט פאַר די פליענדיקע קוילן אין מלחמה". דער פּסוק "ווייל ער קען מיין נאָמען" איז אין צעטעלע פאַרגרייזט: "קענמא איז מיין נאָמען". פון "ער וועט מיך רופן, און איך וועל אים ענטפערן, איך וועל זיין מיט אים אין אַ צרה", איז דאָ געוואָרן: "כ'קען זיין יצר־הרע".

דער טעקסט פון תהילים האָט זיך גערעכנט אַלס אַ סגולה, וואָס פאַרהיט פון קוילן. נאָך אין די שלאַכטן פון דער פאַריקער אימפּעריאַליס־טישער מלחמה, האָט מען אַזעלכעס אָנגעהאָנגען אויף זיך, ווי אַ קמיע. עס זענען אַריבער יאָרצענדליקער, — האָט מען עס געגומען פאַרנייען אין די קליידער פון אַרעסטאַנטן, אויסלערנען־זיך איבערחזרן אויסנווייניק, ווען זיי זענען אַרויסגערופן געוואָרן צו די נאַכט־פאַרשוינגען.

פון דעם טעלעפאָניסט, איז יורי אַנדרייעוויטש אריבערגעגאַנגען אויפן פעלד, צום קערפּער פון דעם יונגן ווייסגוואַרדייער, וועלכן ער האָט דערהרגעט. אויפן שיינעם פּנים פון דעם בחור האָבן זיך געצייכנט די שטריכן פון אומשולד און פון אַלע פאַרגעבנדיקעליידן. "פאַרוואָס האָב איך אים דערהרגעט?" — האָט זיך דער דאָקטאָר געפרעגט.

ער האָט צעשפּילעט דעם שינעל פון דעם דערהרגעטן און ברייט צעוואָרפן זיינע פּאָלעס. אויפן אונטערשלאַק איז, מיט קאַליגראַפישע אות־יות, פון אַ זאָרגפעלטיקער און ליבנדיקער האַנט, וואַרשיינלעך פון אַ מוטערלעכער האַנט אויסגענייט: סעריאָזשאַ ראַנצעוויטש, — דער נאָמען און פאַמיליענאָמען פון הרוג.

דורך סעריאָזשאַס צעעפנטער בלוזע איז אַריבערגעוואָרפן־געוואָרן אינדרויסן אַרויס, אַ צלמל אויף אַ קייטעלע, אַ מעדאַליאָן און נאָך עפּעס אַ פלאַטשיק, האַלב־געעפנט גאָלדן פוטליאַרל מיט אַ באַשעדיקט דעקל, ווי מיט אַ טשוואָק דורכגעהאַקט. פון דאָרט איז אַרויסגעפאַלן אַן איינגע־לייגט פּאַפּירל. דער דאָקטאָר האָט עס אויפגעוויקלט און זיינע אויגן

נישט געגלויבט. דאָס איז געווען דערזעלבער קאַפּיטל תהילים צ״א, נאָר אין אַ געדרוקטער פאָרם און אין זיין גאַנצן סלאַוויאַנישן אָריגינאַל.

אין דעם מאָמענט האָט סעריאָזשאַ אַ קרעכץ־געטון און זיך אויס־געצויגן. ער האָט געלעבט. ווי עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן, איז ער פאַרטויבט־געוואָרן פון אַן אינערלעכן לייכטן שאָק. די דורכפּליענדיקע קויל האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם דעקל פון דער מוטערלעכער קמיע, און דאָס האָט אים געראַטעוועט. נאָר וואָס האָט מען געקענט מאַכן מיטן באַוווסטלאָזן מענטשן?

די רציחה־ווילדקייטן האָבן, צו דער צייט, דערגרייכט די העכסטע שטופע. געפאַנגענע האָט מען נישט דערפירט לעבעדיק צו די באַשטימטע פּלעצער. דעם שונא׳ס פאַרווונדעטע האָט מען דערשטאָכן אויפן פעלד.

ביים נישט־רעגולערן צושטאַנד פון דער וואַלד־אַרמיי, צו וועלכער עס זענען אָפט צוגעקומען נייע פרייוויליקע און בעת אַנדערע זענען אַריבערגעלאָפן צום שונא, האָט מען ראַנצעוויטשן, האַלטנדיק שטרענג בסוד, געקענט אָנגעבן פאַר אַ נייעם, איצט צוגעשטאַנענעם פאַרבונדעטן.

יורי אַנדרייעוויטש האָט אַראָפּגענומען פון דערהרגעטן טעלע־פאָניסט די אויבער־מלבושים און, מיט דער הילף פון אַנגעליאַרן, וועלכן דער דאָקטאָר האָט פאַרטרויט זיין פּלאַן, האָט ער איבערגעטון דעם באַ־וווסטלאָזן יונגטלעכן.

ער און דער פעלדשער האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם יינגל. ווען ראַנצעוויטש איז צו זיך געקומען, האָבן זיי אים אָפּגעלאָזן, כאָטש ער האָט נישט פאַרבאָרגן פון זיינע רעטער, אַז ער וועט זיך אומקערן אין די רייען פון קאָלטשאַקס אַרמיי און ער וועט ווייטער קעמפן קעגן די רויטע.

5

אין האַרבסט איז דער פּאַרטיזאַנישער לאַגער געשטאַנען אין ליסי־אָטאָק, אין אַ קליין וועלדל אויף אַ הויך בערגל, אונטער וועלכן עס האָט זיך געטראָגן, אַרומשטראָמענדיק אים פון דריי זייטן און געריסן זיינע ברעגן, אַ שוימיק־רוישיק טייכל.

פאַר די פּאַרטיזאַנער האָבן דאָ געווינטערט קאַפּעליאָווס אָפּ־טיילונגען. זיי האָבן פאַרפעסטיקט דעם וואַלד מיט די אייגענע הענט און מיט דער מי פון די אַרומיקע איינוווינער, און פרילינגס־צייט האָבן זיי אים פאַרלאָזן. איצטער האָבן־זיך אין די נישט־אויפגעריסענע בונקערס, טראַנשייען און פאַרבינדונגס־קאַנאַלן, אויפגעהאַלטן די פּראַטיזאַנער.

ליוועריי אוועריקיעוויטש האָט זיין ערד־שטיבל געטיילט מיטן דאָק־

טאָר. די צווייטע נאַכט האָט ער אים אַריינגעצויגן אין שמועסן, נישט־לאָזנדיק אים שלאָפן.

— איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס עס טוט אַצינדער „מיין הויכ־געשעצטער טאַטקעלע, מיין געאַכטעטער פּאַפּאַטער, דער פּאַפּאַכען מיינער".

— גאָט מיינער, ווי איך פאַרטראַג נישט דעם דאָזיקן פאַיאַצישן טאָן! — האָט דער דאָקטאָר געזיפצט אין זיך — און ער איז דאָך איני־גאַנצן דער טאַטע מיט די ביינער!

— אויף וויפל איך האָב אַרויסגעדרונגען פון אונדזערע פריערדיקע שמועסן, האָט איר אַווערקי סטעפּאַנאָוויטשן גוט געקענט. און ווי מיר דאַכט־זיך, האָט איר אַ גענוג־גוטע מיינונג וועגן אים. נישט אַזוי, מיין חשובער הער?

— ליווערי אַווערקיעוויטש, מאָרגן האָבן מיר אַן ערב־וואַל־פאַר־זאַמלונג אויפן פלאַץ. אויסער דעם האָבן מיר אַ משפּט איבער די סאַני־מארן, וואָס האָבן געטריבן סאַמאָגאָן. איך און לאַיאַש האָבן נאָכנישט געגוג צוגעגרייטן מאַטעריאַל וועגן דעם ענין. מיר דאַרפן דאָס באַ־האַנדלען מאָרגן. און צוויי נעכט בין איך שוין נישט געשלאָפן. טוט אַ טובה, לאָמיר אָפּלייגן אונדזער שמועס.

— ניין. פונדעסטוועגן, אומקערנדיק זיך צו אַווערקין סטעפּאַנאָ־וויטשן, וואָס וועט איר זאָגן וועגן דעם אַלטן תרח?

— איר האָט נאָך אַ גאַנץ־יונגן פאָטער, ליווערי אַווערקיעוויטש. פאַרוואָס דריקט איר זיך אַזוי אויס וועגן אים? און איצט וועל איך אייך ענטפערן. איך האָב אייך אָפט געזאָגט, אַז איך קלייב מיך שלעכט פאַנאַנ־דער אין באַזונדערע גראַדאַציעס פון סאָציאַליזם און אַז קיין באַזונדערן אונטערשייד צווישן די באָלשעוויקעס און אַנדערע סאָציאַליסטן, זע איך נישט. אייער פאָטער איז פון דעם סאָרט מענטשן, וועלכן רוסלאַנד האָט צו פאַרדאַנקען פאַר די אומרוען און אומאָרדענונגען פון דער לעצטער צייט. אַווערקי סטעפּאַנאָוויטש איז אַ טיפּ און אַ כאַראַקטער פון אַ רעוואָ־לוציאָנער. פונקט אַזויווי איר, איז ער אַ פאָרשטייער פון דער רוסישער יסודותדיקער פערמענטירונג.

— וואָס איז דאָס, אַ לויב צי אַ באַליידיקונג?

— איך בעט ווידער, אָפּצולייגן דעם וויכוח אויף אַ מער־באַקוועמערע צייט. אויסער דעם, צי איך אייער אויפמערקזאַמקייט אויפן קאָקאַין, וואָס איר שמעקט ווידער אָן אַ מאָס. איר דערלויבט זיך זעלבסט צו רויבן פון די זאַפּאַסן, וואָס זענען מיר אָנפאַרטרויט־געוואָרן. ער איז אונדז נויטיק פאַר אַנדערע צילן, שוין נישט־רעדנדיק וועגן זיינע אייגנשאַפטן אַלס אַ סם. איך בין דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אייער געזונט.

— איר זענט ווידער נישט געקומען צו די נעכטיקע קורסן. ביי אייך איז אַטראָפירט דער געזעלשאַפטלעכער אָדער, ווי ביי אַנאַלפאַבעטישע באַבעס, אָדער ווי ביי חומרדיק־אָפּגעשטאַנענע בירגער. און דערביי, זענט איר דאָך אַ דאָקטאָר, אַ באַלעזענער און, דאַכט־זיך, אַז איר שרייבט אַליין עפּעס. דערקלערט, ווי בינדט־זיך עס?

— איך ווייס נישט, ווי. מסתמא בינדט־זיך עס בכלל נישט. וועסט גאָרנישט מאַכן. איך דאַרף האָבן רחמים.

— הכנעה איז אין סתירה צו שטאָלצייט. אנשטאָט צו שפּאָטן אזוי גיפטיק, וואָלט איר זיך בעסער באַקענט מיט די פּראָגראַמען פון אונדזערע קורסן און זיך מודה־געווען, אַז אייער גאווה איז נישט אויפן אָרט.

— גאָט איז מיט אייך, ליוועריו אַווערקעוויטש! וואָס פאַר אַ גאווה? איך נויג־זיך פאַר אייער דערציונגס־אַרבעט. דער איבערבליק פון די פראַגן ווערט איבערגעחזרט אויף צעטלעך, וואָס איך לייען. אייערע געדאַנקען וועגן דער גייסטיקער ענטוויקלונג פון די סאָלדאַטן, זענען מיר באַקאַנט. איך בין באַגייסטערט פון זיי. אַלץ וואָס ווערט ביי אייך געזאָגט וועגן דער באַציונג פון דער קעמפנדיקער אַרמיי צו זיינע חברים, צו שוואַכע, צו אומבאַשיצטע, צו פרויען, צו דער אידייע פון זויבערקייט און ערע, — דאָס איז דאָך כמעט דאָסזעלבע וואָס האָט באַשאַפן די „דוכאָבאָר־געזעלשאַפט" אונטערן איינפלוס פון טאָלסטאָיען. דאָס איז דער טרוים פון אַ ווירדיקער עקזיסטענץ. מיט דעם איז פול געווען מיין יוגנט. זאָל איך דען שפּאָטן פון אַזעלכע זאַכן?

נאָר ערשטנס, די אידייע פון דער אַלגעמיינער פּערפעקטיאָנירונג — דאָס אויפהויבן דאָס לעבן — פון דער געזעלשאַפט, אַזוי ווי דאָס ווערט פאַרשטאַנען פון אָקטאָבער־אָן, באַגייסטערט מיך נישט. צווייטנס, איז דאָס נאָך ווייט פון פאַרווירקלעכונג. און פאַר איינוועגס ווערן נאָך די בשורות וועגן דעם באַצאָלט מיט אַזעלכע טייכן בלוט וואָס, זייט מוחל, דער ציל באַרעכטיקט נישט די מיטלען. דריטנס, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע, ווען איך הער וועגן איבערבויען דעם לעבנס־סדר, דאַן קען איך זיך נישט באַהערשן און איך פאַל־אַריין אין פאַרצווייפלונג. איבערבויען דאָס לעבן! — אַזוי קענען דענקען מענטשן, וואָס כאָטש עס קען זיין, אַז זיי זענען שיינע וויזיעס, האָבן זיי קיינמאָל נישט דערקענט דאָס לעבן, נישט דערפילט דעם גייסט, די נשמה פון לעבן. עקזיסטענץ איז פאַר זיי עפּעס אַ גראָב שטיק מאַטעריאַל, וואָס זייער לייטזעליקייט האָט נאָך נישט באַרירט און וואָס נויטיקט־זיך אין זייער באַאַרבעטונג. און דאָס לעבן איז נישט קיין חומר צום קנעטן. דאָס לעבן זעלבסט, אויב איר ווילט וויסן, באַנייט־זיך אַליין כסדר און אומאויפהערלעך, אַרבעט־איבער דעם איי־

געגעם יסוד, בויט זיך איבער און שאפט זיך איבער, דאָס לעבן אַליין איז אַ סאַך, אַ סאַך העכער פון אונדזערע און אייערע טפש׳דיקע טעאָריעס.

— און פונדעסטוועגן, דערלויב איך זיך צו באַמערקן, אַז אייער באַזוכן די פאַרזאַמלונגען און דאָס געפינען־זיך אין דער געזעלשאַפט פון אונדזערע הערלעכע, אויסגעצייכנטע מענטשן, וואָלט אויפגעהויבן אייער שטימונג. איר וואָלט דאַן נישט געזונקען אין מעלאַנכאָליע. איך ווייס פונוואַנען דאָס שטאַמט. אייך אנטמוטיקט וואָס מיר קריגן קלעפּ און איר זעט נישט פאַר זיך קיין האָפענונג. נאָר מען דאַרף קיינמאָל נישט, מיין פריינט, אַריינפאַלן אין פּאַניק. איך קען שרעקלעכע זאַכן, בנוגע זיך זעלבסט, וואָס עס איז נאָך פּריצייטיק צו רעדן וועגן דעם, און איך פאַרליר זיך נישט. אונדזערע דורכפאַלן זענען אַ צייטווייליקייט. קאָל־טשאַקס פאַלן איז אומפאַרמיידלעך. איר וועט דערמאָנען מיינע ווערטער. איר וועט זען, מיר וועלן זיגן. זייט געטרייסט.

„ניין, דאָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן! — האָט דער דאָקטאָר געטראַכט — וואָס פאַר אַ נישט דערוואַקסנקייט! וואָס פאַר אַ קורצזיכטיקייט! אומויפהערלעך דערקלער איך אים וועגן דער היפּוכדיקייט פון אונדזערע מיינונגען. ער האָט מיך געפאַנגען מיט כוח און האַלט מיך דאָ מיט כוח, און מיינט דערביי, אַז זיינע דורכפאַלן ווירקן אַזוי אויף מיין געמיט, און אַז זיינע אויסרעכענונגען און האָפענונגען וועלן מיר דערמוטיקן. וואָס פאַר אַ זעלבסט־פאַרבלענדקייט! די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע און די עקזיסטענץ פון זון־סיסטעם איז פאַר אים איינס און דאָס זעלבע״.

יורי אנדרייעוויטשן איז עס געוועזן אָפּשטויסנד. ער האָט גאָר נישט געענטפערט און בלויז געדריקט מיט די אַקסל, נישט־מיענדיק זיך צו פאַרהוילן, אַז ליווערי'ס נאַיוויטעט גייט אַריבער די גרענעץ פון זיין געדולד און ער האַלט זיך־איין מיט כוח. ליווערי האָט עס באַמערקט.

— יופּיטער, דו צאַרנסט? דאָס איז אַ סימן, אַז דו ביסט אומגערעכט, — האָט ער געזאָגט.

— באַנעמט, באַנעמט, סוף־כל־סוף, אַז דאָס אַלץ איז נישט פאַר מיר. „יופּיטער״, „נישט אַריינפאַלן אין פּאַניק״, „ווער עס האָט געזאָגט א, דאַרף זאָגן ב.״, „דער האָט זיינס געטון, דער נעגער קען גיין״, — אָט די אַלע אויסדריקן, אָט די אַלע באַנאַליטעטן זענען נישט פאַר מיר. איך וועל זאָגן א. און וועל נישט זאָגן ב., כאָטש צעררייסט־זיך און פּלאַצט. איך דערלאָז דעם געדאַנק, אַז איר זענט די באַלייכטער און באַפרייער פון רוסלאַנד, אַז אָן אייך וואָלט זי פאַרלוירן־געגאַנגען, פאַרזונקען־געוואָרן אין נויט און פאַרגרעבטקייט, און דאָך, האָב איך נישט קיין שייכות מיט

איך און איך נעם אייך נישט ערנסט. איך האָב אייך נישט ליב און גייט מיר אַלע צום טייוול! די הערן פון אייער געדאַנק זינדיקן מיט גלייכווערטלעך און דער עיקר האָבן זיי פאַרגעסן, אַז מיט גוואַלט וועסטו נישט ווערן געליבט. און זיי האָבן זיך איינגעוואָרצלט אַ געוווינשאַפט, צו באַפרייען און באַגליקן דווקא די, וועלכע בעטן עס נישט. איר שטעלט זיך געוויס פאָר, אַז פאַר מיר איז נישטאָ קיין בעסערער פּלאַץ אויף דער וועלט, ווי אייער לאַגער און אייער געזעלשאַפט. איך דאַרף אייך נאָך געוויס לויבן און דאַנקען פאַר מיין געפאַנגענשאַפט, פאַר דעם, וואָס איר האָט מיך באַפרייט פון מיין משפחה, פון מיין זון, פון מיין היים, פון אַלץ וואָס איז מיר טייער און פאַר דעם וואָס איך לעב! עס זענען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן אַן אינוואַזיע פון אומבאַקאַנטע, נישט-רוסישע אָפּטיילונגען אין וואַריקינאָ. מען זאָגט, אַז וואַריקינאָ איז חרוב און באַרויבט. קאַמיענ-נאָדוואָרסקי לייקנט עס נישט. מיינע און אייערע זאָל זיך האָבן איינ-געגעבן צו אַנטלויפן. עפּעס לעגענדאַרע קרום-אויגיקע אין פּאַפּאַכעס און אין וואַטניקעס, זענען אין אַ שרעקלעכן פראָסט אַריבער דעם אייז פון רינוווא און, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, האָבן זיי אויסגעשאָסן אַלדאָס לעבע-דיקע אין דערפל, און נאָכדעם זענען זיי פאַרשוווּנדן אַזוי רעטזלהאַפט, ווי זיי זענען געקומען. וואָס איז אייך באַוווּסט וועגן דעם? איז עס אמת?

— פּלאַפּלעריי. אויסגעטראַכטע מעשיות. רכילותניקעס האָבן אויפ-געכאַפּט די נישט-קאָנטראָלירטע נאַרעשקייטן.

— אויב איר זענט אַזוי גוט און גרויסמוטיק, ווי אין אייער איינשטעלונג וועגן דער עטישער דערציאונג פון די סאָלדאַטן, לאָזט מיך אָפּ צו אַלדע רוחות. איך וועל זיך אָוועקלאָזן זוכן מיין משפחה, וועגן וועלכער איך ווייס אפילו נישט, צי זיי לעבן און ווו זיי זענען. און אויב נישט, איז שווייגט, ביטע, און לאָזט מיך צו-רו, ווייל אַלדאָס איבעריקע אינטערעסירט מיך נישט און איך בין נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך אַליין. און ענדלעך, האָב איך דאָס רעכט, דער טייוול זאָל עס נעמען, פּראָסט-פּשוט צו וועלן שלאָפן!

יורי אנדרייעוויטש האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין געלעגער, מיטן פּנים אין קישן. ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות, נישט צו הערן דעם זיך-פאַרענטפערנדיקן ליווערי, וועלכער האָט פאַרגעזעצט אים צו באַ-רואיקן דערמיט, אַז פרילינגס-צייט וועלן די ווייסע זיכער זיין צעשלאָגן, דער בירגער-קריג וועט זיך ענדיקן, עס וועט קומען די פרייהייט, שפע און שלום. דאַן וועט קיינער נישט וואַגן דעם דאָקטאָר צו פאַרהאַלטן. און ביז דאַן, דאַרף מען געדולדיק ליידן. נאָך אַזויפיל געבראַכטע קרבנות,

איז שוין לאַנג נישט געבליבן צו וואַרטן. און וווּהין וואָלט איצט דער דאָקטאָר געגאַנגען? פאַר זיין אייגענער זיכערקייט, טאָר מען אים איצט נישט אַפּלאָזן אַליין.

„אַנגעדרייט דעם שפּיל־קאַסטן, דער טייוול! די צונג האָט זיך צע־אַרבעט! ווי שעמט ער זיך נישט אַזויפיל יאָרן איבערצוקייען דעם זעלבן קוואַטש? — האָט יורי אַנדרייעוויטש געזיפצט — איינגעגלויבט אין זיך, אין זיין מויל־אוצר, דער אומגליקלעכער קאָקאַיניסט! די נאַכט איז ביי אים קיין נאַכט נישט. לאָזט נישט לעבן און לאָזט נישט שלאָפן, דער פאַרשאָלטענער! אָ, ווי איך קען אים נישט אָנקוקן! גאָט ווייסט, אַז איך וועל אים נאָך אַמאָל דערהרגענען.

„אָ, טאָניאַ, אָרעם מיידעלע מיינס! צי לעבסטו? ווו ביזטו? גאָט מיינער, זי האָט דאָך שוין לאַנג געדאַרפט געלעגן־ווערן! ווי איז דיר אַדורך דער געבורט? וואָס האָבן מיר, אַ יינגל, צי אַ מיידעלע? אַלע מיינע ליבע, וואָס איז מיט אייך? טאָניאַ, מיין אייביק געוויסנסביסן און מיין אייביקע זינד! לאַראַ, איך האָב מורא דיך אָנצורופן, אַז צוזאַמען מיט דיין נאָמען זאָל איך נישט אויסהויכן די נשמה. גאָט מיין גאָט! ער האַלט נאָך אַלץ זיין רעפעראַט, ער ווערט נישט פאַרשטומט, די פאַר־האַסטע, געפּילדאַזע חיה! אָ, איך וועל עס אַמאָל נישט אַריבערטראָגן און איך וועל אים טויטן, איך וועל אים טויטן".

6

דער ליבער זומער איז אַוועק. עס זענען געשטאַנען ליכטיקע טעג פון גאָלדענעם האַרבסט. אין מערב־זייט פון ליסי־אָטאָקער וואַלד, האָט פון דער ערד אַרויסגעשטאַרצט אַ הילצערן טורעמל פון אַ פאַרפעסטיקטער פּאָזיציע, געשטיצט אויף הויז־בלאָקן. דאָ האָט זיך יורי אַנדרייעוויטש אָפּגעשמועסט צו באַגעגענען־זיך און באַטראַכטן מיט דאָקטאָר לאַיאָשן, זיין אַסיסטענט, געוויסע געמיינזאַמע ענינים. אין דער באַשטימטער צייט איז יורי אַנדרייעוויטש אָהערגעקומען. וואַרטנדיק אויף זיין קאָלעגע, האָט ער גענומען אַרומשפּאַציר'ן איבערן זאַמדיקן ברעג פון דער צעשאָטענער אָקאָפּע. ער איז אַרויפגעשטיגן און איז אַריין אין וואַך־צימערל און געקוקט דורך די פּוסטע שיס־לעכער פון פּולעמיאָט־באַהעלטעניש, אויף די רחבותדיקע וועלד'ער, וואָס שפּרייטן־זיך איבערן טייכל ווייט־ווייט.

דער האַרבסט האָט שוין שאַרף אָפּגעגרענעצט צווישן דער וועלט פון נאָדל און בלעטער־ביימער. די נאָדל־ביימער האָבן זיך געטונקלט אין דער טיף אַזוי ווי אַ סמאָלע־שוואַרצע וואַנט. די בלעטער־ביימער,

מיט כוואַליענדיקע אינטערוואַלן, האָבן געלויכטן מיט ווייך־פלאַמיקע פלע־קן, אַזוי ווי אַן אוראַלט שטעטל מיט פּאַלאַצלעך, מיט גאָלדענע טורעם־דעכלעך, וואָס איז אויסגעהאַקט־געוואָרן אין וואַלד־געדיכטעניש, פון זיין אייגן געהילץ.

די ערד אין די ראָוועס, אונטערן דאָקטאָרס טריט, די וואַלדיקע שטעגן, די שטייפלעכע וועגן, וואָס זענען אַדורכגענומען דורך די פּריי־מאָרגן־פּרעסטלעך, זענען איצט געדיכט באַשאָטן־געוועזן מיט קליינע, טרו־קענע, ווי אָפּגעשוירענע, אין פאַרוויקלטע אָפּגעפּאַלענע בלעטער פון ווילד־וואַלד. דער האַרבסט האָט געשמעקט מיט אָט די ביטערע געלע בלעטער און מיט פיל אַנדערע צוגאָב־ריחות. יורי אַנדרייעוויטש האָט גיריק גע־שלונגען די געווירצטע אַראָמאַטן פון געפּרוירענע־געווייקטע עפּעלעך, פון ביטערלעכן ריח און זיסער פייכטקייט פון דעם בלויען סעפּטעמבער־דאַמף, וואָס דערמאָנט אָן דער פאַרע פון אַ מיט וואַסער־אויסגעלאָשענעם שייטער, אָדער פון אַ פריש־פאַרלאָשענער שריפה.

יורי אַנדרייעוויטש האָט נישט באַמערקט, ווי פון אונטן איז צו־געקומען צו אים לאַיאָש.

— גוטמאָרגן, קאָלעגע, — האָט ער געזאָגט אויף דייטש. זיי זענען ציגעטרעטן באַטראַכטן זייערע ענינים.

— מיר האָבן דריי פּונקטן. וועגן די בראָנפן־טרייבער, וועגן דער רעאָרגאַניזאַציע פון לאַזאַרעט און אַפּטייק און דאָס דריטע, לויט מיין איינשטעלונג, וועגן אַמבולאַטאָרישן היילן גייסטיקע קראַנקהייטן אין אונדזערע רייזע־באַדינגונגען. קען זיין, אַז איר זעט נישט אין דעם קיין נויטווענדיקייט, נאָר לויט מיינע באַאָבאַכטונגען, גייען מיר אַראָפּ פון זינען, מיין טייערער לאַיאָש. און די בילדער פון אונדזער צעטומלטער צייט נעמען־אָן פאָרמען פון אינפעקציעס, פון אָנשטעקונג.

— זייער אַן אינטערעסאַנטע פראַגע. איך וועל מיך שפּעטער אומ־קערן צו איר. און אַצינד, אָט וועגן וואָס. אין לאַגער איז אַ קאָכעניש, אַ פערמענטירונג. דער גורל פון די בראָנפן־טרייבער רופט־ארויס מיטגעפיל. אַ סאַך באַאומרואיקט אויך דער גורל פון זייערע משפחות, וואָס אַנטלויפן פון די דערפער, פאַר די ווייסע. אַ טייל פאַרטיזאַנער זאָגט זיך אָפּ אַרויסצוטרעטן פון די לאַגערן, ווען עס דערנענטערן־זיך די פּליטים־קאַ־ראַוואַנען מיט זייערע פרויען, קינדער און עלטערן.

— יאָ, זיי וועט אויסקומען איבערצוואַרטן.

— און דאָס אַלץ איז ערב די וואַלן פון אַן איינהייטלעכער אָנפי־רונג, אַן אַלגעמיינער אויך איבער אַנדערע, וואָס אונטערליגן נישט אונדזערע אַטריאַדן. איך מיין, אַז דער איינציקער קאַנדידאַט דאַרף זיין

דער חבר ליוועריִ. די יוגנט־גרופּע רוקט־אַרויס אַ צווייטן, וודאָוויטשענ־קאָן. הינטער אים שטייט אַ גרופּע וואָס איז אונדז פרעמד און וואָס איז אויך נאָענט צו דעם קרייז פון די בראַנפן־טרייבער, קינדער פון קולאַקן און קרעמערלעך, קאַלטשאַקאָווס דעזערטירן. באַזונדערס, האָבן זיי דאָ אָנגעמאַכט אַ טומל.

— וואָס וועט זיין, לויט אייער מיינונג, דער גורל פון די סאַניטאַרן, וועלכע האָבן געטריבן און פאַרקויפט בראַנפן?

— איך מיין, אַז מען וועט זיי פאַרמשפּטן צום דערשיסן, דערנאָך באַגנעדיקן און פאַרהענגען די שטראָף.

מיר האָבן זיך פונדעסטוועגן אַביסל צעפּלאָפּלט. לאָמיר זיך נעמען צו אונדזער אַרבעט. רעאָרגאַניזירן דעם לאַזאַרעט. מיט דעם וואָלט איך געוואָלט קודם־כל זיך פאַרנעמען.

— גוט. נאָר איך דאַרף אייך זאָגן, אַז אין אייער פאַרשלאָג וועגן פּסיכיאַטרישער פּראָפילאַקטיק, געפין איך גאָרנישט איבעראַשנדיקס. איך בין אַליין אין דערזעלבער מיינונג. עס זענען דערשינען און עס פאַר־שפּרייטן־זיך גייסטיקע קראַנקהייטן פון סאַמע טיפּישן כאַראַקטער, וואָס פאַרמאָגן די שטריכן פון אונדזער צייט, וואָס זענען אוממיטלבאַר אַרויס־גערופן־געוואָרן פון די היסטאָרישע אייגנשאַפטן פון דער עפּאָכע. ביי אונדז איז פאַראַן אַ סאָלדאַט פון דער צאַרישער אַרמיי, זייער אַ באַ־וווסטזיניקער, מיט אַן איינגעבוירענעם קלאַסן־אינסטינקט, פּאַמפּיל פּאַליך. ער איז טאַקע אויף דעם פונקט צעמישט געוואָרן, צוליב דער שרעק פאַר זיינע נאָענטע. אין פאַל, ווען ער וועט דערהרגעט־ווערן און זיי וועלן אַריינפאַלן אין די הענט פון די ווייסע, וועלן זיי זיין פאַר אים פאַר־אַנטוואָרטלעך. זייער אַ קאָמפּליצירטע פּסיכאָלאָגיע. זיינע היימישע, דאַכט־זיך, געפינען־זיך אין דעם נאָענטן פּליטים־קאַראַוואַן, וואָס יאָגט אונדז־אָן. מיין נישט קענען גוט די שפּראַך, שטערט מיר אים געהעריק אויס־צופרעגן. פרעגט אנגיעליארן אָדער קאמיענגאָדוואָרסקין. מען וואָלט אים געדאַרפט באַטראַכטן.

— איך קען זייער גוט פּאַליכן. ווי זאָל איך אים דען נישט קענען? אַ געוויסע צייט פלעגן מיר זיך צוזאַמען באַגעגענען אינם אַרמיי־ראַט. אַזאַ שוואַרצער, אכזריותדיקער, מיט אַ נידעריקן שטערן. איך פאַרשטיי נישט, וואָס פאַר אַ מעלות האָט איר אין אים דערזען? ער איז שטענדיק פאַר די עקסטרעמסטע שטראָף־אויסמעסטונגען, פאַר שטרענגקייט און עקזעקוציע. ער איז מיר תמיד געווען אָפּשטויסנד. נו מילא, איך וועל זיך פאַרנעמען מיט אים.

7

עס איז געווען אַ העלער זוניקער טאָג. עס איז געשטאַנען אַ רויק אין שטיל וועטער, ווי במשך דער פאַרגאַנגענער וואָך.

פון דער טיפקייט פון לאַגער האָט זיך געקייקלט אַן אומעטיקער געריוש, ענלעך צום וויטן ים־געריוש. טריט פון אַ מענטשן־מאַסע וואָס שלעפּן זיך איבערן וואַלד, מענטשן־קולות, דאָס הילכן פון העק, געקלאַנג פון שמידעריי, דאָס הירזשען פון פערד, הינט־בילן און הענער־קרייען. איבערן וואַלד האָבן זיך באַוועגט אָפּגעבר'ענטע וויס־צייניקע, שמייכלענ־דיקע מחנות מענטשן. איינציקע האָבן געקענט דעם דאָקטאָר און אים באַגריסט, אַנדערע זענען פאַרבייגעגאַנגען נישט־באַגריסנדיק.

כאָטש די פּאַרטיזאַנער זענען נישט מסכים־געווען אַרויסצוגיין פון ליסי־אָטאָק, כל־זמן עס וועלן זיי נישט אָניאָגן מיט די וועגענער די נאָכאיילנדיקע פּאַרטיזאַנער־משפּחות, זענען די לעצטע שוין געווען נישט וויט פון לאַגער און אין וואַלד זענען אָנגעגאַנגען צוגרייטונגען צו אַ שנעלן ליקווידירן דעם אויפנטהאַלט און אריבערטראָגן־זיך ווייטער אויף מזרח. מען האָט פאַריכט און גערייניקט, פאַרקלאַפּט קאַסטנס, איבערגע־ציילט די וועגענער און באַטראַכט זייער צושטאַנד.

אינמיטן וואַלד איז געווען אַ גרויסער, צעטראָטענער אָפענער שטח, ווי חורבות פון אַן אַמאָליקן ישוב, וואָס האָט געטראָגן דעם אָרטיקן נאָ־מען „בויווישטשא". אַהער האָט מען געוויינלעך גערופן די מיליטערישע פאַרזאַמלונגען. היינט איז דאָ אויך געווען באַשטימט אַן אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג, פאַר עפּעס אַ וויכטיקער מעלדונג.

אין וואַלד איז נאָך געווען אַ סאַך נישט־פאַרגעלבט גרינס. אין דער געדיכטעניש נאָך פריש און צעגרינט. די זונקנדיקע נאָכמיטאָג־זון איז פון הינטן אַריינגעדרונגען מיט אירע שטראַלן. האָבן די בלעטער דורכגעלאָזן דאָס זון־ליכט און זיי האָבן אינערלעך געפלאַמט מיט אַ גרינעם פייער, פון דורכזיכטיקן פלאַש־גלאָז.

אויף אַן אָפענער לאָנקע, נאָענט פון זיין אַרכיוו, האָט דער פאַר־בינדונגס־אָפיציר קאַמיענאָדוואָרסקי געהאַלטן אין פאַרברענען דורכגע־קוקטע נישט־נויטיקע פּאַפּירן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן פון קאָפּעליאָווסקיס פּאָלק־קאַנצעלאַריע, צוזאַמען מיט בערג אייגענע פּאַפּירן פון פּאַרטיזאַנישן אַרכיוו. דער שייטער־פלאַם איז אויפגעגאַנגען אַנטקעגן דער זון, וואָס האָט דורכגעלויכטן דורך זיינע דורכזיכטיקע פלאַמען, ווי דורכן גרינס פון וואַלד. דאָס פייער האָט מען נישט געזען, נאָר בלויז פון די שטראָמען הייסע לופט, האָט מען געקענט פאַרשטיין, אַז עפּעס־וואָס ברענט און פלאַמט.

דאָ און דאָרט האָט דער וואַלד געפֿינקלט מיט פֿאַרשידענע סאָרטן רייפֿע יאַגדעס, מיט שטענגלעך פּרעכטיקע האַרץ־בלימעלעך, מיט שוואַ־ כינקע ציגל־געלע פּיאַלקעס, מיט מיניענדיקע מאַלינע־ווייסע צווייגלעך קאַלינעס. קלינגענדיק ווי מיט גלעזערנע פֿליגעלעך, האָבן לאַנגזאַם גע־ שוועבט אין דער לופֿט גרויע און דורכזיכטיקע היישעריקן, וואָס האָבן אַנגענומען די קאָלירן פֿון פֿייער און וואַלד.

יורי אַנדרייעוויטש האָט ליב־געהאַט פֿון קינדוויַז־אָן דעם פֿאַר־ נאַכטיקן, מיט שקיעה־שיין דורכגענומענעם וואַלד. אין אַזעלכע מינוטן האָט ער ווי דורכגעלאָזן דורך זיין לייב אָט די ליכט־זיילן. ווי אַ געטלעכע מתּנה האָט דער לעבנסגייסט אַריינגעשטראָמט אין זיין ברוסט, דורכגעשטראָמט דורך זיין גאַנצן וועזן און איז, פֿון הינטער די לאָפּעטקעס, אין דרויסן אַרויס, אויסגעוואַקסן אין אַ פּאָר פֿליגל... יענע ערשטע געשטאַלט פֿון דער יוגנט, וואָס פֿאַרבלייבט אין יעדן איינציקן אויף אַ גאַנצן לעבן און ווערט שפּעטער, דאַכט זיך אים, פֿאַרוואַנדלט אין זיין אינערלעכן פּנים, אין זיין פּערזענלעכקייט, — האָט זיך מיט דער גאַנצער אור־קראַפֿט דער־ וועקט אין אים און האָט אויך געצוווּנגען דער נאַטור, דעם וואַלד, דער שקיעה־שיין און אַלץ אַרום, צו פֿאַרוואַנדלען־זיך אין אַזאַ אור־ערשטיקער און אַלץ־ארומנעמענדיקער געשטאַלט פֿון אַ מיידל. „לאַראַ!" האָט ער מיט פֿאַרמאַכטע אויגן געפּליסטערט, אָדער אין זיינע געדאַנקען זיך גע־ ווענדעט צו זיין אייגן לעבן, צו דער גאַנצער גאָט־געבענטשטער ערד, צו אַלץ וואָס עס שפּרייט זיך־אויס פֿאַר אים, צו די זון־באַגאָסענע וויט־ קייטן.

נאָר דאָס טאָגטעגלעך־רעאַלע איז זיך געגאַנגען ווי געוויינלעך. אין רוסלאַנד איז פֿאָרגעקומען אַן אָקטאָבער־רעוואָלוציע און ער אַליין — אין געפֿאַנגענשאַפֿט ביי די פּאַרטיזאַנער. נישט־באַמערקנדיק, האָט ער זיך דערנענטערט צו קאַמיענגאַדוואָרסקיס שייטער.

— אונטערנעמונגס־אַקטן פֿאַרניכטעט איר? ביז איצט נאָכנישט פֿאַרברענט?

— וווּ־ווען? דער דאָזיקער פֿאַרמעגן וועט נאָך קלעקן אויף לאַנג.

מיטן שטיוול־שפּיץ האָט דער דאָקטאָר צעשאַרט איינס פֿון די אָנגע־ וואָרפֿענע בערגלעך. דאָס איז געווען אַ טעלעגראַף־קאָרעספּאָנדענץ פֿון שטאָב פֿון די ווייסע. אַן אומעטיקער פֿאַרגעפֿיל, אַז אין די פּאַפּירלעך וועט ער זיך אָנטרעפֿן אויפֿן נאָמען ראַנצעוויטש, האָט דורכגעבליצט אין אים, נאָר האָט אָפּגענאַרט. דאָס איז געווען אַן אומאינטערעסאַנטע זאַמלונג פֿון פֿאַראַיאָריקע שיפֿרירטע באַריכטן, אין אומפֿאַרשטענדלעכע ראַשי־ תּיבֿות, ווי למשל: „אָמסק גענקוואַרהויפּט ערשטע קאָפּיע אָמסק נאַשטאַ־

אַקר אַמסקער מאַפּע פּערציק וויאַרסט יעניסעגסקער נישט אָנגעקומען״. ער האָט צעשאַרט אַ צווייט, פּריש בערגל. פון דאָרטן זענען אַרויסגעקראָכן פּראָטאָקאָלן פון אַלטע פּאַרטיזאַנישע פאַרזאַמלונגען. אויבנאויף איז געלעגן אַ פּאַפּירל: „זייער דרינגענד״. וועגן ציטווייליקע באַפרייאונגען. גייע וואָלן פון אַ רעוויזיאָנס־קאָמיסיע. לויפנדע פּראַגן. „אין אַכט־נעמענדיק, אַז עס איז נישט באַוויזן־געוואָרן די שולד פון דער לערערין פון דאָרף איגנאַטאָדוואָרצי, לייגט־פאָר דער אַרמיי־ראַט...״

אין דערזעלבער צייט האָט קאָמיענגאָדוואָרסקי אַרויסגענומען עפּעס פון קעשענע, דערלאַנגט דעם דאָקטאָר און געזאָגט:

— דאָס איז דער אַרבעטס־סדר פון אייער מעדיצינישער אָפּטיילונג, אין פאַל פונעם פאַרלאָזן דעם לאַגער. די פורן מיט די פּאַרטיזאַנישע משפּחות זענען שוין גאָענט. די מיינונגס־פאַרשידענהייטן אינעם לאַגער, וועלן היינט דערליידיקט־ווערן. יעדן טאָג איז צו דערוואַרטן, דאָס עוקר זיין פון דאַנען.

דער דאָקטאָר האָט געוואָרפן אַ בליק אין פּאַפּירל און אַ זיפץ־געטאָן:

— דאָס איז ווייניקער, פון דעם, וואָס מען האָט מיר געגעבן דאָס פּאָריקע מאָל. און וויפל פאַרוווּנדעטע זענען צוגעקומען! די באַנדאַזשירטע וועלן גיין צו־פוס, זיי זענען דאָך אַ קליינע צאָל. און אויף וואָס וועל איך די שווער־קראַנקע פירן? און די מעדיקאַמענטן? די בעטלעך? די איינריכטונג?

— איר וועט זיך ווי־עס־איז צונויפקוועטשן. מען דאַרף זיך צופּאַסן צו די באַדינגונגען. איצט, וועגן עפּעס אַנדערש. דאָס איז אַן אַלגעמיינע ביטע צו אייך. דאָ איז פאַראַן אַ חבר, אַ פאַרהאַרטעוועטער אויסגעפּרוּווטער קעמפער, אַן איבערגעגעבענער אונדזער זאַך און עפּעס איז מיט אים נישט גלאַטיק.

— פּאַליך? לאַיאָש האָט מיר געזאָגט.

— יאָ, גייט אַריין צו אים. באַטראַכט אים.

— פּסיכישע מחלה?

— איך מיין אַזוי. עס פאַרפאָלגן אים אַזעלכע שדים׳לעך, ווי ער דריקט זיך אויס. זיכער זענען דאָס האַלוצינאַציעס. שלאָפלאָזיקייט. קאָפּווייטיקן.

— גוט. איך וועל באַלד גיין. איך האָב איצט פרייע צייט. ווען הויבט זיך־אָן די פאַרזאַמלונג?

— איך מיין, אַז זיי פאַרזאַמלען זיך שוין. אָבער וואָס אינטערע־

סירט עס איך? איר זעט, אַט בין איך אויך נישט געגאַנגען. מען וועט זיך באַגיין אָן אונדז.

— דאַן גיי איך צו פּאַמפּילן. כאַטש איך פֿאַל פֿון די פֿיס, עס ווילט־זיך אַזוי שלאָפֿן. ליוועריע אַוועקיעוויטש האָט ליב צו פֿילאָזאָפֿירן אין די נעכט, האָט ער מיך פֿאַררעדט. ווי גייט מען דאָ צו פּאַמפּילן? ווו געפֿינט ער זיך?

— דאָס בעריאָזע־וועלדל איבער דער בויטאַוו־גרוב, קענט איר? יונגע בעריאָזעס.

— איך וועל שוין געפֿינען.

— דאָרט, ווו די קאָמאַנדירישע געצעלטן שטייען. איין געצעלט האָבן מיר פּאַמפּילן אָפּגעגעבן. ער דערוואַרט זיין משפּחה. עס קומען דאָך צו אים זיין ווייב מיט די קינדער מיטן פּליטים־קאַראַוואַן. דאָרט איז ער אין איינער פֿון די קאָמאַנדירישע געצעלטן. מיט די זעלבע רעכט פֿון אַ באַטאַליאָן־פֿירער. פֿאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע פֿאַרדינסטן.

8

אויפֿן וועג צו פּאַמפּילן האָט דער דאָקטאָר דערפֿילט, אַז ער איז נישט בכוח ווייטער צו גיין. ער האָט נישט געקענט באַהערשן זיין שלעפֿעריקייט, נאָך די עטלעכע שלאָפֿלאָזע נעכט. ער האָט געקענט זיך אומקערן און כאַפּן אַ דרימל אין דער אָקאָפּע, נאָר יורי אַנדרייעוויטש איז אַהין נישט געגאַנגען, ווייל יעדע ווילע האָט געקענט אונטערקומען ליוועריע און אים שטערן.

ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף איינעם פֿון די נישט־פֿאַרוואַקסענע ערטער אין וואַלד, וואָס איז געדיכט באַשאָטן מיט גאָלדענע בלעטער. די בלעטער האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער לאָנקע אין דער פֿאָרם פֿון שאַך־מאַט־קעסטלעך. אַזוי האָבן זיך אויך געלייגט די זון־שטראַלן איבער זייער גאָלדענעם טעפּיך. אין די אויגן האָט געשווינדלט פֿון אָט דער דאָפּלט קרייצנדיקער קאָלירטער העלקייט. זי האָט איינגעשלעפֿערט, ווי דאָס לייענען אַ מיניאַטורן דרוק־שריפֿט, אָדער ווי דאָס מורמלען כסדר אָן איינטאָניקן קלאַנג.

דער דאָקטאָר האָט זיך געלייגט אויף די זיידן־שאָרכנדיקע בלעטער, אויפֿן מאָך־קישן פֿון די אַרויסשטאַרצנדיקע בוים־וואָרצלען, האָט ער אונטערגעשפּאַרט די האַנט אונטערן קאָפּ און תיכף איינגעדרעמלט. די העל־זוניקע פֿלעקן וואָס האָבן אים איינגעשלעפֿערט, האָבן ווי מיט געצייכנטע קעסטעלעך פֿאַרדעקט דעם אויסגעצויגענעם קערפּער אויף

דער ערד, נישט צו געפינען אים, נישט צום אונטערשיידן אין דעם קאַלייַ־דאָסקאָפּ פון שטראַלן און בלעטער, ווי ער וואָלט אַנגעטון אַ כישוף־היטל פון אַ רואה ואינו נראה.

די נויטווענדיקייט צום שלאָפן — די קראַפט וואָס האָט אַזוי גע־שטאַרקט זיין שלאָף־חשק, האָט אים שנעל צוריק אויפגעוועקט. געוויינ־לעכע סיבות ווירקן נאָר אין די גרענעצן פון געוויינלעכע באַדינגונגען. ביים אָפּנויגן פון די נאָרמאַלע גרענעצן, האָבן זיי אַ פּונקט־פאַרקערטע ווירקונג. דער נישט־רוענדיקער, נישט־דרימלענדיקער באַוווסטזיין האָט זיך פיבערדיק באַוועגט אין אַ תוהו־ובוהו. אָפּגעריסענע געדאַנקען האָבן זיך געטראָגן מיט שטורעם און זיך געדרייט אין אַ ראָד, קלאַפּנדיק כמעט ווי אַ קאַליע־געוואָרענע מאַשין. אָט די גייסטיקע צערודערונג האָט דעם דאָקטאָר געמאַטערט און אויפגערעגט. „ליוועריי אויסוווּרף!" — האָט ער געצאָרנט — „עס איז אים ווייניק, וואָס הונדערטער סיבות עקבערן היינט דעם מוח פון מענטש אויף דער וועלט. מיט זיין „פריינטשאַפט" און אידיאָטישן פּלאַפּלען פאַרוואַנדלט ער אומנויטיק זיין געפאַנגענעם פון אַ געזונטן — אין אַ נעוראַסטעניק. איך וועל אים אַמאָל דערהרגענען!"

מיט אַ פאַרביקן איינלייגן און פאַנאַנדערעפענען די בליציקע פּלי־געלעך, איז דורכגעפלויגן פון דער זוניקער זייט אַ ברוין־געפלעקט זומער־פייגעלע, מיט דרימלענדיקע אויגן האָט דער דאָקטאָר נאָכגעפאָלגט זיין פליען. דאָס זומער־פייגעלע האָט זיך באַהאַפטן מיט דער אמענלעכסטער צו זיין פאַרב, מיט דער ברוין־געפלעקטער קאָרע פון אַ סאָסנע און זיך מיט איר צוזאַמענגעגאָסן — נישט צום דערקענען, פּונקט ווי יורי אַנדרייעוויטש איז שפּורלאָז פאַרשוווּנדן פון אַ זייטיק אויג, אונטער דער פאַרבן־שפּילנ־דיקער נעץ פון שטראַלן און שאָטנס.

דער איינגעוווינטער געדאַנקען־קרייז האָט יורי אַנדרייעוויטשן באַ־הערשט. און ער האָט באַרירט עטלעכע מעדיצינישע פאָרשונגען: וועגן ווילן און צוועקמעסיקייט ווי אַ פּועל־יוצא פון פולשטענדיקן צופּאַסן־זיך. די פילפאַרביקייט פון מימישן נאָכאַמען אין זיין באַשיצונג. וועגן אויס־פרעסן דאָס סאַמע צוגעפּאַסטע. וועגן דעם, אַז דער וועג פון נאַטירלעכן אויסוואַל איז דער וועג פון נייגעבוירענעם און אויסגעפיינערטן באַוווסט־זיין. וואָס איז אַזוינס סוביעקט? וואָס איז אַזוינס אָביעקט? ווי זאָלן באַ־צייכנט־ווערן זייערע אייגנשאַפטן? — אין דאָקטאָרס מחשבות האָבן זיך באַגעגנט דאַרווין מיט שעלינג און דאָס דורכגעפלויגענע זומער־פייגעלע מיט דער היינטצייטיקער מאַלעריי, מיט דער אימפּרעסיאָניסטישער קונסט. ער האָט געטראַכט וועגן באַשאַף, געשאַפענעם, שעפערישקייט און צבוע'־קישע באַשעפענישן.

און ער איז ווידער איינגעשלאָפֿן און אין אַ מינוט אַרום, זיך ווידער אויפֿגעוועקט. עס האָט אים אויפֿגעוועקט אַ שטיל, געדעמפּט רעדן נישט ווייט פֿון אים. עס זענען געגנוג געווען אַ פּאָר אויפֿגעכאַפּטע ווערטער, אַז יורי אַנדרייעוויטש זאָל פֿאַרשטיין, אַז מען רעדט זיך דאָ אָפּ וועגן עפּעס געהיימס, אומגעזעצלעכס. ווייזט־אויס, אַז זיי האָבן אים נישט באַמערקט און נישט פֿאַרדעכטיקט זיין ליגן בשכנות. ווען ער וואָלט זיך איצט אַ ריר־געטון און געמסרט זיין אַנוועזנהייט, וואָלט עס אים געקענט קאָסטן דאָס לעבן. יורי אַנדרייעוויטש האָט זיך צוגעשמידט צו דער ערד, פֿאַרגליווערט געוואָרן, און זיך גענומען איינהערן.

טייל שטימען זענען אים געווען באַקאַנט. דאָס איז געווען די טונקעלע, פּאַרטיזאַנישע אונטערוועלט, די אונטערהנפּנדיקע ייִנגלעך סאַנקאַ פּאַפּנוטקין, גאַשקאַ ריאַביך, קאָסקאַ ניעכוואַליעניך און דער נאָכשלעפּער טיערי[א]שקאַ גאַלוזין, די הויפּט־העצער צו אַלע מיאוסקייטן און געמיינקייטן. מיט זיי איז אויך געווען זאַכאַר גאַראַזדיך, נאָך אַ טונקעלערער פּאַרשוין, וואָס איז באַטייליקט אין דעם בראָנפֿן־טרייבן, נאָר איז דערווייל נישט צוגעצויגן געוואָרן צו פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווייל ער האָט אויסגעגעבן די הויפּט־שולדיקע. יורי אַנדרייעוויטשן האָט געוווּנדערט די אַנוועזנהייט פֿון סיוואָבלויען, דעם פּאַרטיזאַן פֿון דער „זילבערגער ראָטע", וואָס איז דעם נאַטשאַלניקס פּערזענלעכע שוץ. לויט דער טראַדיציע וואָס איז איבערגענומען־געוואָרן פֿון ראַזינס און פּוגאַטשאָווס צייטן, האָט מען דעם פֿאַרטרויאונגספּולק מקורב צו ליווערין גערופֿן „דאָס אַטאַמאַנישע אויער". הייסט עס דאָך, אַז ער געהערט אויך צו די פֿאַרשווערער.

די פֿאַרשווערער האָבן זיך צוזאַמענגערעדט מיט אונטערגעשיקטע פֿון שונאס פֿאַרפּאָסטן. דעם שונאס שליחים האָט מען אינגאַנצן נישט געהערט, אַזוי שטיל האָבן זיי זיך פֿאַרשטענדיקט מיט די פֿאַרעטער. נאָר לויט די הפסקות און דעם מורמלען פֿון די פֿאַררעטער, האָט זיך יורי אַנדרייעוויטש אָנגעשטויסן, ווען עס רעדן די פֿאַרשטייער פֿון שונא.

מער פֿון אַלעמען האָט גערעדט, שיטנדיק מיט „פֿאַמאַטיערעס", מיט אַ צעריסן, הייזעריקער שטים, דער שיכור זאַכאַר גאַראַזדיך. ער איז זיכער געווען דער הויפּט־פֿאַרשווערער".

— איצט, אַזוינע און אַזעלכע, הערט. דער עיקר: קיין פּיפּס. צונג צווישן ציין. אויב עמיץ ט'זיך אַרויסכאַפּן, אַרויספּלאַפּלען, — פֿאַרדינט ער אַ מעסער. מיט אָט דעם פֿינישן מעסערל לאָז איך אים אַרויס די קישקעלעך. פֿאַרשטענדלעך? איצט זענען מיר נישט אַהער, נישט אַהין, ווו דו זאָלסט זיך נישט רירן, אַ בלינדע וואַנט. מען דאַרף זיך פֿאַרדינען פֿאַרגעבונג. אויפֿטון עפּעס אַ זאַך, וואָס די וועלט האָט נישט געזען. פֿון

די דאָזיקע רייען — אַרויס. זיי פאָדערן אים אַ לעבעדיקן, אין שטריקלעך. איצטער, הערסטו, צו יענעם וואָלד קומט אונטער זייער אָפיציר גולעווי. (מען האָט אים אונטערגעזאָגט ריכטיק דעם נאָמען, נאָר ער האָט פאַר־הערט און אויסגעבעסערט אויף: גענעראַל גאַלעעוו). אַזאַ געלעגנהייט וועט זיך אַ צווייט מאָל נישט מאַכן. אָט זענען זייערע דעלעגאַטן. זיי וועלן אייך אַלץ דערווייזן. זיי זאָגן, אַז מען זאָל אים אומבאַדינגט אַ געבונדענעם, לעבעדיקערהייט. פרעגט אַליין די חברים. זאָג, אַזוי ווייטער און ווייטער. זאָג זיי וואָס־עס־איז, די ברידערלעך.

עס האָבן גענומען רעדן די פרעמדע, די אונטערגעשיקטע. יורי אנדרייעוויטש האָט נישט געקענט אויפכאַפּן קיין איין וואָרט. לויטן דויערנ־דיקן שווייגן, האָט מען געקענט פאַרשטיין די ברייטקייט פון דעם גע־זאָגטן. ווידער האָט גאַראַזדיך גערעדט:

— איר ט׳געהערט, ברידערלעך? ערשט זעט איר שוין אַליין, וואָס פאַר אַ גאָלדן אוצרל אונדז איז אַריינגעפאַלן. פאַר אַזעלכן באַלוינט מען דען? דאָס איז דען אַ מענטש? דאָס איז אַ קאַליע־געמאַכט נפשל, אַ נישט־דערוואַקסנס, ווי אַ ממזרל אַן אונטערגעוואָרפנס. איך וועל דיך לאָזן היר־זשען, טיעריאַשקאַ! וואָס שטשירעסטו די ציינער, דו סדום־פאַרזינדיק־טער! די ציינדלעך פאַררעד אונדז נישט. יאָ, אַ ממזר פון דור־דורות. דו גיב זיך אים איבער, וועט ער דיך מאַכן פאַר אַ גזיר, אַרומדרייען אַרום פינגער. וואָס ער טענהט: אַרויסטרייבן, נידער מיט די ניבול־פה, קאַמף קעגן שיכרות, באַציאונג צו דער פרוי. קען מען אַזוי לעבן? דאָס לעצטע וואָרט. פון היינטיקן אָוונט, איבעראַכטאָג, ביים טייך־איבערגאַנג, וווּ די שטיינער זענען צוזאַמענגעלייגט. איך וועל אים אַרויסנאַרן אינדרויסן. מיר וועלן זיך אַלע אַרויפוואַרפן. אים צו דערליידיקן איז אַ גרויסע חכמה? עס איז ווי איינמאָל אויסשפּייען. אין וואָס גייט דאָ? זיי ווילן אים האָבן אַ לעבעדיקן. בינדן אים. וועל איך זען, אַז עס גייט נישט אויף אונדזער שטייגער, וועל איך זיך אַליין אַן עצה געבן. כ׳וועל אים דערשלאָגן מיט די אייגענע הענט. זיי וועלן זייערע אַרויסשיקן העלפן.

דער רעדנער האָט ווייטער ענטוויקלט דעם פּלאַן פון דער פאַר־שווערונג. נאָר ער האָט זיך, צוזאַמען מיט די איבעריקע, גענומען דער־ווייטערן, און דער דאָקטאָר האָט מער נישט געהערט.

„דאָס מיינען זיי דאָך ליווערין, די אויסוווּרפן!” — האָט מיט שוידער און צאָרן געטראַכט יורי אַנדרייעוויטש, פאַרגעסנדיק דערביי, וויפלמאָל ער האָט אַליין פאַרשאָלטן זיין פייניקער און האָט אים גע־ווונטשן דעם טויט. — „די מנוולים קלייבן זיך דאָך אַרויסצוגעבן אים אין די הענט פון די ווייסע, אָדער אים צו דערהרגענען. ווי זאָל ער עס

פאַרמיידן? אפשר צוגיין, כלומרשט צופעליק, צום פּייער־שייטער און, נישט אָנרופנדיק קיינעמס נאָמען, געבן צו וויסן קאַמיענגאָדוואָרסקין. און ווי־עס־איז וואָרענען ליוועריקן וועגן דער געפאַר.

קאַמיענגאָדוואָרסקי איז אויף זיין פריערדיקן פּלאַץ נישט געווען. דער שייטער האָט דערברענט. אַז דאָס פייער זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן, האָט קאַמיענגאָדוואָרסקיס געהילף אָכטונג־געטון.

נאָר דער איבערפאַל איז נישט צושטאַנד־געקומען, ער איז צעשטערט־געוואָרן. וועגן דער פאַרשווערונג האָט מען געוווּסט. און דעמזעלבן טאָג איז ער אַנטדעקט־געוואָרן פולשטענדיק און די פאַרשווערער זענען גע־כאַפּט־געוואָרן. סיוואַבלוי האָט דאָ געשפּילט אַ דאָפּלטע ראָל: פון אַ פאַר־שווערער און פון אַ מאַסקירטן מסור. ביים דאָקטאָר האָט זיך דאָס געפיל פון עקל געשטאַרקט.

9

עס איז באַוווּסט־געוואָרן, אַז די אַנטלויפנדיקע פרויען און קינדער געפינען זיך שוין אַ צוויי סטאַציעס פון דאַנען. אין ליסי־אָטאָק האָט מען זיך געגרייט צו אַ שנעלער באַגעגעניש מיט די היימישע און צום ליקווי־דירן דעם לאַגער און אַרויסמאַרשירן. יורי אַנדרייעוויטש איז אַוועק צו פאַמפיל פאַליך.

דער דאָקטאָר האָט אים געטראָפן ביי ארייגאַנג פונעם געצעלט, מיט אַ האַק אין האַנט. פאַר דער פּאַלאַטקע איז אין אַ הויכן בערגל געווען אָנגעוואָרפן קלעצלעך פון צעהאַקטע יונגע בעריאָזקעס. פאַמפיל האָט נאָך נישט אָרומגעהאַקט די צווייגלעך. איינציקע אונטערגעהאַקטע בעריאָזקעס זענען געפאַלן מיט זייער גאַנצער שווערקייט און מיט דער שאַרפקייט פון די אַרויסשטאַרצנדיקע צווייגלעך האָבן זיי זיך אַריינגעשטאָכן אין דער פייכ־טער ערד. אַנדערע האָט ער געבראַכט צושלעפּן פון נישט ווייט און אָנגע־וואָרפן פון אויבן. וויגנדיק־זיך אויף די עלאַסטיש־אונטערגעבויגענע צווייג־לעך, זענען די בעריאָזעס געלעגן אָפּגעשטאַנען פון דער ערד איינע פון דער אַנדערער. זיי האָבן זיך, ווי מיט הענט, פאַרטיידיקט קעגן פאַמפילן, וואָס האָט זיי אונטערגעהאַקט און מיט אַ גאַנצן וואַלד לעבעדיק גרינס האָבן זיי אים פאַרצוימט דעם אַריינגאַנג אין געצעלט.

— דאָס דערוואַרט איך טייערע געסט, — האָט פאַמפיל בעזאָגט, אויפצוקלערן וואָס ער טוט, — פאַרן ווייב מיט די קינדער וועט דאָס געצעלט זיין צו נידעריק. און עס וועט אַריינגיסן בעת אַ רעגן. איך וויל דערמיט דעם צודעק אונטערשפּאַרן. האָב איך אָנגעהאַקט דרענגלעך.

— אומזיסט רעכנסטו, פּאַמפּיל, אַז מען וועט דיך לאָזן מיט דיין משפּחה ווינען צוזאַמען אין געצעלט. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? אַז ציווילע פרויען און קינדער זאָלן צווישן דעם מיליטער ווינען, מען וועט זיי, ערגעץ אין דער זייט פון דער מחנה, באַזעצן. אין פרייער צייט, גיי צו זיי אויף באַגעגענישן, טו אַ געפעליקייט. אָבער אין אַ מיליטערישן געצעלט, דאָס איז נישט וואָרשיינלעך. נאָר נישט אין דעם גייט עס. מען האָט געזאָגט, אַז ביזט מאגער געוואָרן, אויפגעהערט עסן־טרינקען, שלאָפסט נישט? און דיין אויסזען, — אַזוי־זיך. נאָר אַביסל באַוואַקסן.

פּאַמפּיל פּאַליך איז געווען אַ געזונטער פויער, מיט שוואַרץ־גע־קרייזלטע האָר און באָרד, און אַ שטערן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דאָפּלטער צוליבן אַרויסגעשטאַרצן שטערן־ביין, ווי אַ רינג אָדער קופּער־רייף וואָלטן אים אונטערגעהאַלטן, דאָס האָט פּאַמפּילן געגעבן אַ שלעכטן, בייזן אויסזען פון אייגעם וואָס שיקלט און קוקט פון אונטן אַרויף.

אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע, ווען מען האָט מורא געהאַט פאַרן ביישפּיל פון נייַנצן־הונדערט־פינפטן יאָר, אַז אויך דאָסמאָל וועט די רעוואָלוציע זיין אַ קורץ־דויערנדיקע געשעעניש אין דער געשיכטע פון די הויכע שיכטן געבילדעטע, און אַז אין דער טיף פון נידעריקן פאָלק וועט זי נישט דערגרייכן און זיך נישט פאַרוואָרצלען, — האָט מען זיך גענומען מיט אַלע כוחות צו פּראָפּאַגאַנדירן, רעוואָלוציאָניזירן, צע־טומלען, און אויפברויזן דאָס פאָלק.

אין אָט די ערשטע טעג זענען מענטשן, אַזעלכע ווי דער סאָל־דאַט פּאַמפּיל פּאַליך, וועלכע האָבן אויך אָן אַגיטאַציע פיינט געהאַט, מיט אַ חיה׳ש־צאָרנדיקער שנאה, די אונטעליגענטן, האַרן, אָפיצער־שטשינע, — געוואָרן זייער אינטערעסאַנט ביי די באַגייסטערטע לינקע אינטעליגענטן און זיי זענען געוואָרן מיט גאָלד צוגלייך. זייער אוממענטש־לעכקייט איז אויפגענומען־געוואָרן ווי אַ נס פון קלאַסן־באַוווסטזיין, זייער באַרבאַריזם — אַלס מוסטער פון פּראָלעטאַרישער עקשנות און פון רע־וואָלוציאָנערן אינסטינקט. אַזאַ רום האָט באַקומען פּאַמפּיל. ער איז געווען אויף דער ערן־ליסטע פון די פּאַרטיזאַנער און פּאַרטייאישע פירער.

אין יורי אַנדרייעוויטשס אויגן האָט אָט דער פינצטערער, פון מענטשן דערווייטערטער אַטלעט אויסגעזען ווי אַן אומנאָרמאַל פּאַרזענ־ניש, אורטיילנדיק לויט זיין אַלגעמיינער אכזריותדיקייט, איינטאָניקייט און לויט דער אָרעמקייט און מיגדערווערטיקייט פון זיין אינטערעסן־שטח, וואָס איז אים נאָענט־געווען צום האַרצן.

— לאָמיר אַריינגיין אין געצעלט, — האָט ער פאַרבעטן פּאַמפּילן.

— ניין, נאָך־וואָס. איך קען דאָך נישט אַריינקריכן. אויף דער לופט איז בעסער.

— גוט. זאָל זיין ווי דו ווילסט. טאַקע אַ נאַרע. לאָמיר פּלאַפּלען אויף די דרענגלעך.

זיי האָבן זיך געזעצט אויף די בעריאָזע־שטאַמען, וואָס האָבן זיך ספּרוזשינעדיק געוויגט אונטער זיי.

— שנעל, זאָגט מען, דערציילט־זיך אַ מעשהלע, אָבער נישט אַזוי שנעל מאַכט־זיך ווי עס רעדט־זיך. און מיין געשיכטעלע וועט זיך אַזוי שנעל נישט לאָזן דערציילן. אין דריי יאָר וועל איך נישט אויסדערציילן. איך ווייס אויך נישט, פון וואָס אָנצוהויבן.

— נו, אפשר אַזוי. איך האָב זיך געלעבט מיט מיין אשת־חיל. מיט דער באַלעבאַטישקייט האָט זי זיך פאַרנומען. איך האָב מיך נישט באַקלאָגט, געטון מיין פויערישע אַרבעט. קינדערלעך געווען. גענומען צו די סאָלדאַטן. פאַרשיקט אויפן פראָנט אין עקסטן פלאַנג. נו, מלחמה, וואָס זאָל איך דיר װעגן דעם דערציילן. האָסט דאָך געזען, חבר מעד־רופא. נו, אַ רעוואָלוציע. עס האָבן זיך געעפנט די אויגן ביים סאָלדאַט. עס איז נישט דער דייטש, וואָס איז אַ פרעמדער גערמאַניעץ, נאָר די אייגענע זענען עס. די סאָלדאַטן פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע, די שפּיזן אין דער ערד אַריין, אַהיים פון פראָנט, קעגן די בורזשויעס! און אַזוי ווייטער דו ווייסט עס אַליין, חבר מעד־רופא. בירגער־קריג. אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער. איצט וועל איך אַ סאַך אַדורכלאָזן, אַנדערש וועט זיך עס קיינמאָל נישט ענדיקן. איצטער, לאַנג, צי קורץ־גערעדט, וואָס זע איך אין איצטיקן מאָמענט? אַ פּאַראַזיט! פון רוסישן פראָנט פון דער ערשטער מלחמה און פון דער צווייטער אראָפּגענומען, פון דעם סטאַוראָפּאָלער און פון דעם ערשטן אָרענבורגיש־קאַזאַקישן. אַ קינד בין איך? איך פאַרשטיי נישט? צי דען האָב איך אין דער אַרמיי נישט געדינט? מיר האָלטן שלעכט, מיליטערישער דאָקטאָר, אונדזער זאַך איז ווערט אַ שמעק טאַבאַק. אָט וואָס דער מנוול וויל? מיט זיין גאַנצער אָפּגעריסנקייט וויל ער זיך אויף אונדז אַרויפוואַרפן. ער וויל אונדז נעמען אין אַ רינג.

איצט, אין דער דאָזיקער צייט, האָב איך אַ ווייב מיט קינדערלעך. אַז ער וועט אונדז באַצווינגען, ווו וועלן זיי אַנטרינען פון אים? צי וועט ער דען אין אכט נעמען, אַז זיי זענען אינגאַנצן זייטיקע, אין גאַרנישט שולדיקע? ער וועט נישט קוקן דערויף. צוליב מיר וועט ער מיין ווייב די הענט אויסדרייען, פאַרפּייניקן, צוליב מיר וועט ער ווייב און קינד פאַרמאַרדעווען, גלידערווייז, ביינלעכווייז וועט ער פאַנאַנדערנעמען. און אָט,

עס און שלאָף דאָ, ביטע. זאָלסט אפילו זיין פון אייזן, קען מען דאָך צעפּלאַצט און געריירט ווערן.

— ביזט אַ שוטה, פּאַמפּיל. כ'פאַרשטיי דיך נישט. יאָרן ביזטו זיך באַגאַנגען אָן זיי, גאָרנישט געוווּסט וועגן זיי, נישט געטראַכט. און איצט, היינט־מאָרגן ווערט איר זיך באַגעגענען. איז אנשטאָט פרייען־זיך, זינגסטו איבער זיי אַ לוויה־תפילה.

— יענץ איז פריער געווען און דאָס איז איצט. אַ גרויסער אונטערשייד. עס באַזיגט אונדז די שלאַנג מיט די ווייסע עפּאָלעטן. נאָר נישט וועגן מיר גייט עס. מיין זאַך איז אַ קבר. אַהין, זעט־אויס, איז מיין וועג. אָבער די מייניקע, די לייב־געבוירענע, ווען איך דאָך מיט זיך אויף יענער וועלט נישט נעמען. זיי וועלן אַריינפאַלן אין דעם פאַרשאָלטענעמס לאַפּעס. זייער גאַנץ בלוט וועט ער דאָך אויסצאַפּן טראָפּנווייז.

— און פון דאַנען שטאַמען דיינע „שדים'לעך"? מען זאָגט, אַז שדים'לעך שטעלן זיך דיר פאָר.

— נו, גוט, דאָקטאָר. נישט אַלץ האָב איך דיר דערציילט. דעם עיקר נישט געזאָגט. נו, גוט. הער מיין שאַרפן אמת, זיי נישט בייז, איך וועל דיר זאָגן אַלץ אין די אויגן. אַ סאַך פון דיינע לייט זענען ביי מיר געגאַנגען אַ גאַנג. איך האָב אויף מיין געוויסן אַ סאַך בלוט פון הערשאַפטן, אָפיצירן, אַזויווי גאָרנישט. די צאָל געגנוי געדענק איך נישט, אַלץ מיטן וואַסער אָפּגעפלאָסן. איין יונגערמאַן גייט מיר פון קאָפּ נישט אַרויס, דערהרגעט און קען אים נישט פאַרגעסן. פאַרוואָס האָב איך דאָס בחורל געטויט? ער האָט מיך לאַכן געמאַכט, געשפּאַסט. פון געלעכטער האָב איך אים דערשאָסן, פון טפּשות, פאַר גאָרנישט.

אין די פעברואַר־טעג איז דאָס געווען, אין קערענסקיס צייטן. מיר האָבן זיך געבונטעוועט. אויף דער אייזן־גיסעריי איז דאָס געווען. מען האָט געשיקט צו אונדז אָן אַגיטאַטאָר א יינגל, ער זאָל מיט זיין צינגל אונדז צו אָן אַטאַקע אויפהויבן. אַז מיר זאָלן קעמפן ביזן זיגרייכן סוף. אַ קאַדעטל איז אונדז געקומען באַוועגן מיט דער צונג. אַזאַ מאָגערער. זיין לאָזונג איז געווען „ביזן זיגרייכן סוף". מיט דעם לאָזונג איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויפן פייערלעשער־וואַגאָן. דער פייערלעשער־וואַגאָן איז געשטאַנען אויף דער סטאַציע. איז ער אַרויפגעשפּרונגען, הייסט עס, פון דאָרט צו רופן אין קריג. פלוצלונג האָט זיך דאָס דעקל אונטער זיינע פיס אַ קער געטון און ער איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער. שיער דערטרונקען געוואָרן. אוי, אַ געלעכטער! איך בין אַזש געפאַלן פון לאַכן. געמיינט איך וועל שטאַרבן פון געלעכטער! אין דער האַנט האָב איך געהאַלטן די ביקס און איך לאַך און לאַך, און אַלע לאַכן, קעגן אייגענעם ווילן. עפּעס

פונקט אזויווי ער וואָלט מיך געקיצלט. נו האָב איך אַ ציל געטון און אַוועקגעקנאַקט אים אויפן אָרט. איך פאַרשטיי אַליין נישט, ווי דאָס האָט זיך געמאַכט. פונקט ווי עמעץ וואָלט מיך אונטער דער האַנט געשטויסן. אָט, דאָס זענען די „שדים׳לעך" מיינע. אין די נעכט קומט מיר יענע סטאַציע צו־חלום. דאַן איז עס געווען קאָמיש און איצט — טרויעריק.

— אין דער שטאָט מיעליוזייעוו איז דאָס געווען? סטאַציע בירוטשי?

— כ׳געדענק נישט.

— מיט די זיבושינסקער איינוווינער האָט איר געבונטעוועט?

— כ׳געדענק נישט.

— וועלכער פראָנט איז דאָס געווען? אויף וואָס פאַר אַ פראָנט? אויף דעם מערבדיקן?

— דאַכט־זיך דער מערבדיקער. אַלץ קען זיין. כ׳געדענק נישט.

צוועלפטער טייל

דער האָז און די ראַבינע*

1

די פּאַרטיזאַנישע משפּחות האָבן, אויף זייערע פורן, שוין לאַנג נאָכגעפּאָלגט נאָכן אַלגעמיינעם מיליטער, מיט זייערע קינדער און בעבעכעס. אין עק פון דעם פּליטים־קאַראַוואַן, איינגאַנצן אָן אַ זייט, האָט מען געטריבן ריזיקע סטאַדעס בהמות, אַרום עטלעכע טויזנט קעפּ.

צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנישע ווייבער, האָט זיך אין זייער לאַגער באַוויזן אַ פרישע פּנים, די סאָלדאַטקע זלידאַריכאַ, אָדער קובאַריכאַ, אַ בהמות־היילערין, אַ וועטערינאַרשע און, אין געהיים, אויך אַ כישוף־מאַכערין.

זי האָט געטראָגן זייטיק־קרום אַ שמאָל היטעלע, אין דער פאָרם פון אַ פּיראָשקע, און אַן אַרבעסדיק־געפינטלטן שינעל פון די שאָטלענדיש־קייזערלעכע שיסער, פון דער ענגלישער מונדירן־צושטעלונג פאַר דער הויפּט־אָנפירונג, און זי האָט פאַרזיכערט, אַז די זאַכן האָט זי איבער־געניייט פון אַן אַרעסטאַנטיש היטל מיט אַ כאַלאַט, און אַז כלומרשט די רויטע האָבן זי באַפרייט פון דער קושעמסקער צענטראַל־תּפיסה, וווּ קאָלטשאַק האָט איר פאַרשפּאַרט צוליב אַן אומבאַוווּסטער סיבה.

צו דער דאָזיקער צייט, זענען שוין די פּאַרטיזאַנער געשטאַנען אויף אַ נייעם פּלאַץ. מען האָט זיך משער־געווען, אַז דאָס וועט זיין אַ סטאַנציע אויף אַ קורצער צייט, ביז מען וועט נישט האָבן אויסגעפּאָרשט די אומ־געגנט און געפונען אַ פּלאַץ פאַר אַ לענגערן און שטאַנדהאַפטיקערן איבערווינטערן. נאָר די באַדינגונגען האָבן זיך שפּעטער אַזוי צונויפגעלייגט, אַז זיי האָבן געצוווּנגען די פּאַרטיזאַנער צו בלייבן אויף דעמ־זעלבן אָרט און צו ווינטערן דאָ.

אָט דער נייער מחנה־לאַגער איז מיט גאָרנישט ענלעך געווען צו

---

* אַ פעלד־בוים מיט קליינינקע, ווייניק־זויערלעכע ווילדע עפּלעך. אַ מאכל פאַר פויגל און האָזן. מענטשן פּרעגלען דערפון איינגעמאַכטס.

דעם נישט לאַנג צוריק פאַרלאָזענעם ליסי־אַטאַק. דאָס איז געווען אַן אומענדלעכער וואַלד, אַ נישט־דורכגאַנגבאַרער, אַ טאַיגעדיקער. אין איין זייט, אַנהויבנדיק פון שאָסיי און פון לאַגער, איז צו אים גאָר קיין סוף נישט געווען. אין די ערשטע טעג, כל־זמן דאָס מיליטער האָט אויפגע־שטעלט דעם נייעם לאַגער און זיך איינגעאָרדנט אין אים צו וווינען, האָט יורי אַנדרייעוויטש געהאַט אַ סאַך פרייע צייט. ער איז אַוועק טיף אין וואַלד, אין עטלעכע ריכטונגען, מיטן ציל, אויסצופאָרשן אים און פעסט־צושטעלן, ווי לייכט מען קען זיך אין אים פאַרבלאָנדזשען... צוויי ווינקע־לעך האָבן צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט אויפן ערשטן שפּאַציר און ער האָט זיי פאַרגעדענקט.

ביים אַרויסגאַנג פון לאַגער און פון וואַלד, וועלכער איז איצט געווען האַרבסטיק־נאַקעט און דורכזיכטיק דורך־און־דורך, ווי אין זיין פּוסטקייט וואָלטן זיך טויערן צעעפנט, איז געוואַקסן אַן איינזאַמער, שיינער ראַבינע־בוים, דער איינציקער פון אַלעביימער, וועלכער האָט אויפגעהאַלטן זיינע פאַרזשאַווערט־געלע בלעטער. אויף אַ בערגל איז ער געשטאַנען, איבער אַ נידריקן זומפּיקן טאָל און געצויגן־זיך אינדערהויך, צו דעם סאַמע בלייאיק־פינצטערן הימל, אין רעגנדיק־קאַלטן ערב־ווינטער. ער האָט אין דער ברייט צעשפּרייט זיינע צווייגן מיט זיינע האַרטע, אויפפלאַצנדיקע פּירות. ווינטער־פייגל מיט העלע פעדערן, ווי פראָסטיקע באַגינענס, האָבן זיך געזעצט אויפן ראַבינע־בוים און לאַנגזאַם, מיט אַן אָפּקלייב, געפּיקט די גרעסערע פּרוכטן און שווער געשלונגען, אויסציענדיק די קעפּלעך און די העלדזלעך.

עפּעס אַ לעבעדיקע קרובהשאַפט האָט פאַרבונדן די פייגל מיטן בוים. אַזויווי דער בוים וואָלט דאָס אַלץ געזען, האָט ער לאַנג זיך געעקשנט און דערנאָך, רחמנות־האָבנדיק אויף די פייגל, מאַמעדיק זיך צעשפּילעט, אַרויסגעבנדיק זיי די ברוסט, ווי פאַר קינדער צום זייגן. „נו, וואָס זאָל איך מאַכן מיט אייך? דערנערט־זיך, עסט־מיך, קאָרמעט־זיך" — האָט דער בוים געלאַכט.

אַ צווייטער אָרט אין וואַלד איז געווען נאָך הערלעכער.

דאָס איז געווען אויף אַ בערגל, אַ שאַרף אָפּגעשניטנס אין איין זייט. אַראָפּקוקנדיק פון אויבן, האָט זיך געדאַכט, אַז אונטן איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש, אַ טייך, אַ טאָל אָדער אַ פאַרוואָרפענע, נישט גע־קאָסיעטע, פאַרוואַקסענע לאָנקע. פונדעסטוועגן, איז אונטן געווען אַן איבערחזרונג פון אויבן, נאָר אין אַ קאָפּ־שווינדלדיקער טיפקייט, ווי ביי־מער־קרוינען אויפן פלאַכלאַנד זענען געווען צופוסנס פון דעם באַרג. וואָרשיינלעך איז דאָס געווען אַן איבערבלייבעניש פון אַ באַרג־אַפּריס.

עס האָט אויסגעזען, ווי דער שטרענגער, פאַרכמורעטער, מעכטי־קער וואַלד וואָלט זיך אויסגעגליטשט און אין זיין גאַנצער גרויס, אַראָפּ־געקייקלט זיך אונטן, שיעור נישט געניזוקט און איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד, נאָר על־פּי נס האָט ער זיך אין דעצידירנדיקן מאָמענט, אָנגעכאַפּט און געבליבן אויף דער ערד; און אָט, איז ער גאַנץ און נישט־באַשעדיקט און ער רוישט אין טיפן טאָל.

אָבער נישט בלויז מיט דער, נאָר מיט אַן אַנדער אייגנשאַפט, איז אַזוי הערלעך געווען דער וואַלדיקער באַרג. זיין גאַנצן אַרום האָבן אָפּ־געשלאָסן מעכטיקע, שיעף־שטייענדיקע, טונקעלע, מאַסיוון פון גראַניט. זיי זענען ענלעך געווען צו גלאַט־אָפּגעטעסעטע ווענט, פון די פּרעהיס־טאָרישע טאָל־באַווינער פון פלאַכלאַנד. ווען יורי אַנדרייעוויטש איז דאָס ערשטע מאָל אַרויף אויף דעם באַרג, איז ער גרייט געווען צוגעבן אַ שבועה, אַז דער פּלאַץ און די שטיינער־בערג זענען בכלל נישט פון דער נאַטור אַזוי באַשאַפן, נאָר זיי טראָגן אויף זיך די שפּורן פון מענטשלעכע הענט. אין דער אור־אַלטער צייט האָט דאָ געקענט זיין אַ טעמפּל פון אומבאַקאַנטע געצנדינער; אַ מזבח צום ברענגען קרבנות און אַנדערע הייליקע צערעמאָניאַלן.

אויף דעם פּלאַץ איז אין אַ קאַלטן, פינצטערן פרימאָרגן, אויס־געפירט געוואָרן דער טויט־אורטייל איבער די עלף הויפּט־שולדיקע אין דער פאַרשווערונג און איבער די צוויי סאַניטאַרן, וועלכע האָבן געטריבן דעם בראָנפן.

אַרום צוואַנציק מאַן, די געטרייעסטע פּאַרטיזאַנער, איבערגעגע־בנסטע דער רעוואָלוציע, דער קערן פון דער פּערזענלעכער שטאַב־וואַך, האָט זיי געבראַכט אַהער. דער קאָנוואָי האָט אַרומגעשלאָסן די פאַרמשפּטע אין אַ האַלבן קרייז און, נעמענדיק די ביקסן אין די הענט, האָבן זיי מיט אַ שנעלן און פעסטן טראָט געשטויסן און פאַרטריבן זיי אויפן שטיינערנעם ברעג פון באַרג, פון וואַנען זיי האָבן שוין מער קיין אויס־גאַנג נישט געהאַט, אויסער צו שפּרינגען אין אָפּגרונט.

די חקירות, דער לאַנגער אַרעסט, און די פּיינלעכע דערנידערי־קונגען, האָבן אָוועקגענומען זייער מענטשלעכן אויסזען. באַוואַקסן־געוואָרן, פאַרשוואַרצט, מוראדיק דערשלאָגן, ווי גייסטער.

ענטוואָפנט האָט מען זיי, ביים אָנפאַנג פון דער אויספאַרשונג. עס איז קיינעם אין געדאַנק נישט געקומען, צו זוכן ביי זיי אַ צווייט מאָל פאַר דער עקזעקוציע. דאָס וואָלט אויסגעקומען ווי אַן איבעריקע געמיינ־קייט, אַן איזדעקעווען־זיך איבער מענטשן וואָס שטייען נאָענט פאַרן טויט.

וודאָוויטשענקאָס פּריינט, רזשאַניצקי, אַן אַלטער אידייאישער אַנאַר־כיסט ווי ער, וואָס איז געגאַנגען אַציגד מיט אים זייט־ביי־זייט, האָט פּלוצלונג דריי מאָל אויסגעשאָסן אין דעם רינג פון קאָנוואָי, צילנדיק אין סיוואָבלויען. רזשאַניצקי איז געווען אַן אויסגעצייכנטער שיסער, נאָר די האַנט האָט ביי אים געציטערט און ער האָט נישט געטראָפן. ווידער האָט די זעלבע דעליקאַטקייט און רחמנות צו געוועזענע חברים, נישט דערלויבט די וואַכלייט צו וואַרפן־זיך אויף רזשאַניצקין, אָדער ענט־פערן מיט אַ פּריצייטיקן זאַלפּ אין דער גאַנצער פאַרעטער־גרופּע, פאַר זייער אומקום. ביי רזשאַניצקין זענען געבליבן נאָך דריי אָנלאָדונגען, נאָר אין אויפרעגונג, האָט ער אין זיי פאַרגעסן, און צוליב פאַרדרוס פאַר דעם דורכפאַל, האָט ער אַ שליידער־געטון דעם ברויניננג אויף די פעלדזן. פון דעם קלאַפּ, האָט דער ברויניננג אויסגעשאָסן אַ פערט מאָל, פאַרוווּנדנדיק אין פוס דעם פאַרמשפּטן פאַטשקאָליא.

דער סאַניטאַר פאַטשקאָליא האָט אַ געשריי־געטון. ער האָט זיך גע־כאַפּט פאַרן פוס און איז אומגעפאַלן, יאָמערנדיק כסדר פון ווייטיק. די נאָענטסטע צו אים פאַפּנוטקין און גאַראַזדיך האָבן אים אויפגעהויבן, געכאַפּט אונטער די אָרעמס און אים אַוועקגעשלעפּט, אַז אין דער בהלה, זאָלן אים די חברים נישט צעטרעטן אויף טויט, ווייל קיינער איז דאָ מער נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך. פאַטשקאָליא איז געגאַנגען צום פעלדזן־ברעג, וווהין מען האָט געשטויסן די פאַראורטיילטע, הינקענדיק אונטערגעשפּרונגען. נישט קענענדיק טרעטן אויפן דורכגעשאָסענעם פוס, האָט ער אומאויפהערלעך געשריגן. זיינע אוממענטשלעכע ווייטיקן זענען געווען אַנשטעקנדיק. ווי לויט אַ סיגנאַל, האָבן אַלע אויפגעהערט צו הערשן איבער זיך. עס האָט זיך אָנגעהויבן עטוואָס אַזוינס, וואָס איז זיך שווער פאַרצושטעלן. עס האָבן זיך אַ שאַט־געטון זידלערייען, פּראָטעסטן, רחמים־געבעטן, עס האָבן געהילכט קללות.

דאָס בחורל גאַלוזין, אַראָפּוואַרפנדיק פון קאָפּ דאָס קאַנטיק־געלע היטעלע פון דער רעאַל־גמינאַזיע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני, און פויזענדיק זיך גערוקט מיטן עולם צו די שרעקלעכע שטיינער. ער האָט גאַנץ אָפט געבוקט דעם קאָפּ צו דער ערד פאַר די וואַכלייט, גע־ווײנט אויפן קול און, אַ האַלב־באַוווּסטלאָזער, זיך געבעטן ביי זיי מיט אַ קלאַגנדיקן ניגון:

— כהאָב געזינדיקט, ברידערלעך, האָט רחמנות, איך וועל נישט מער. ברענגט מיך נישט אום, דערהרגעט נישט. איך האָב נאָכנישט גע־לעבט, צו־יונג צום שטאַרבן. איך דאַרף נאָך לעבן פאַר מיין מאַמעלע, דער מאַמעלע מיינינקער נאָך איין מאָל צו זען. זייט מיר מוחל, ברידערלעך,

דערבאַרעמט אייך. אייערע פיס וועל איך קושן. איך וועל פאַר אייך וואַסער טראָגן. אַי, אומגליק, אומגליק, פאַרלוירן בין איך. מאַמעלע, מאַמעלע!

אין צענטער האָט מען געקלאָגט, מען האָט נישט געזען — ווער:

— חברימלעך ליבינקע, גוטינקע! וואָסזשע הייסט עס? באַדענקט אייך. מיר האָבן דאָך צוזאַמען אין צוויי מלחמות בלוט פאַרגאָסן. פאַר איין זאַך געקעמפט. האָט רחמנות, לאָזט־אָפּ. מיר וועלן עס אייך אָן אייביקייט געדענקען. מיר וועלן זיך עס פאַרדינען, מיט טאַטן באַווייזן. צי זענט איר דען טויב געוואָרן, וואָס איר ענטפערט נישט? איר האָט נישט גאָט אין האַרצן!

צו סיוואָבלויען האָבן זיי געשריען:

— אַך, דו יודאַש, כריסטוס־פאַרקויפער! וואָס פאַר אַ פאַרעטער, דיך וואָלט מען געדאַרפט דערווערגן! דיין צאַר האָסטו דאָך געשווירן. האָסט דערמאָרדעט דיין אייגענעם געזעצלעכן צאַר. אונדז געשווירן גע־טריישאַפט און פאַראַטן. קוש־זיך מיט דיין אומרחמנותדיקן וואַלדיקן טייוול, כל־זמן דו האָסט אים נאָך נישט פאַראַטן. וועסט אים פאַראַטן!

וודאָוויטשענקאָ איז אויך אויפן ראַנד פון קבר געבליבן טריי זיך אַליין. ער האָט געהאַלטן הויך דעם קאָפּ מיט די גרויע צעפּלאָשעטע האָר. אויפן הויכן קול, אלע זאָלן הערן, האָט ער זיך געווענדעט צו רזשאַניצקין, ווי אַ קאָמונאַר צו אַ קאָמונאַר:

— דערנידעריק זיך נישט, בוניפאַצי! דיין פּראָטעסט וועט צו זיי נישט דערגיין. זיי וועלן דיך נישט פאַרשטיין, אָט די נייע הענקער, אָט די פאַרשטעלטע מייסטער פון דער נייער אינקוויזיציע. נאָר פאַל נישט פון מוט. די געשיכטע וועט אַלץ קלאָר מאַכן. די דורות וועלען זיי צו־נאָגלען צום שאַנד־סלופּ, די בורבאָנען, די קאָמיסאַרן־הערשאַפט און זייער שוואַרצע טעטיקייט. מיר שטאַרבן אַלס אידייאישע מאַרטירער אין דעם באַגינען פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע. זאָל לעבן די רעוואָ־לוציע פון גייסט! זאָל לעבן די אַלוועלטלעכע אַנאַרכיע!

אַ זאַלפּ פון צוואַנציק ביקסן, וואָס איז אָפּגעגעבן־געוואָרן לויט אַ קלאַנג־לאָזער קאָמאַנדע, האָט פאַרשניטן אַ העלפט פון די פאַרמשפּטע, מערסטענס — אויף טויט. די איבעריקע זענען דערשאָסן־געוואָרן מיט אַ צווייטן זאַלפּ. לענגער פון אַלע האָט געצאַפּלט און געדריגעט דאָס יינגל טיעריאָשאַ גאַלוזין, נאָר אויך ער איז סוף־סוף אָפּגעשטאָרבן.

2

פון דעם געדאַנק, אַריבערצוטראָגן דעם ווינטער־לאַגער ווייטער אויף מזרח, האָט מען ניט רעזיגנירט מיטאַמאָל. עס האָט לאַנג געדויערט דאָס אויספירן, דאָס אַרומרייזן איבער די אָרטשאַפטן אין יענער זייט טראַקט, לענגאויס דעם וויטקאַ־קעזשעמסקער וואַסער־שליוז. ליוועריִ האָט זיך אָפט דערוויַיטערט פון לאַגער אין דער טאָיגע, איבערלאָזנדיק דעם דאָקטאָר אַליין.

נאָר איבערטראָגן־זיך איז שוין געווען שפּעט און עס איז ניט געווען ווהין. געווען זענען דאָס די צייטן פון די גרעסטע פּאַרטיזאַנישע דורכפאַלן. ערב זייער ענטגליטיקער צעשפּליטערונג, האָבן די ווייסע באַשלאָסן, מיט איין קלאַפּ צו ענדיקן מיט די וואַלדיקע, נישט־רעגולערע אַטריאַדן און מיט געמיינזאַמע כוחות פון אַלע פראָנטן האָבן זיי אַרומגערינגלט די פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען צונויפגעדריקט געוואָרן פון אַלע זייטן. ווען דער אַרומרינגלונגס־ראַדיוס וואָלט געווען ענגער, וואָלט עס פאַר זיי געווען אַ קאַטאַסטראָפע. געראַטעוועט האָט זיי די נישט־געזעענע ברייטקייטן פון זייער אַרומרינגלונג. אויף דער שוועל פון ווינטער איז דער שונא נישט בכוח געווען איינצוציען זיינע פליגל־אָפּטיילונגען אין דער ענדלאָזער טאַיגע, און ענגער צו באַלאַגערן די פּויערים־אַרמיי.

אַלנפאַלס, רירן־זיך איז געוואָרן אוממעגלעך. פאַרשטייט זיך, ווען זיי וואָלטן געהאַט אַ פּלאַן פון אַריבערטראָגן־זיך, וואָס זאָל זיי פאַרזיכערן אַ באַשטימטע מיליטערישע איבערמאַכט, וואָלט מען זיך געקענט אַדורכשלאָגן, דורכרייסן־זיך מיט קאַמפן דורכן אַרומרינגלונגס־קרייז און פאַרנעמען אַ נייע פּאָזיציע.

נאָר אַזאַ פּלאַן איז נישט געווען. די מענטשן האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות. די יינגערע אָפיצערן, וועלכע זענען אַליין אַנטמוטיקט־געוואָרן, האָבן פאַרלוירן יעדן איינפלוס אויף די אונטערגעאָרדנטע. די עלטערע אָפיצערן האָבן זיך יעדן אָוונט פאַרזאַמלט אויף מיליטערישע באַראַטונגען, פאַרלייגנדיק אַנצונעמען סתירותדיקע באַשלוסן.

מען האָט געמוזט אויפגעבן דאָס זוכן אַ נייעם ווינטער־פּלאַץ און באַפעסטיקן־זיך אין דער טיף פון דעם פאַרנומענעם נאַדל־וואַלד. ווינטער־צייט, איבערן טיפן שניי, איז דאָ געווען אומצוטריטלעך פאַרן שונא, וועלכער איז שלעכט פאַרזאָרגט־געווען מיט סקי־גליטשערס. מען האָט זיך געמוזט דאָ איינגראָבן און קאָנצענטרירן גרויסע שפּייז־זאַפּאַסן.

דער ווירטשאַפט־לייטנדער פאַרטיזאַן האָט געמאָלדן וועגן אַ שטאַרקן מאַנגל אין מעל און קאַרטאָפל. בהמות זענען געווען גענוג. ס'איז געווען

פּאַראויסצוזען, אַז ווינטערצייט וועט די הויפּט־שפּייז זיין פלייש און מילכוואַרג.

עס האָט אויסגעפעלט ווינטער־קליידונג. אַ טייל פּאַרטיזאַנער איז אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסן. מען האָט דערשטיקט אַלע לאַגער־הינט. די גאַרבער און קירזשנער האָבן פון די הינטישע פעל אויסגעאַרבעט און אויפ־געניית פעלצלעך פאַר די פּאַרטיזאַנער.

דעם דאָקטאָר האָט מען אָפּגעזאָגט צו געבן אַמבולאַטאָרישע מיט־לען. די פורן זענען איצט נויטיק געווען פאַר וויכטיקערע צוועקן. בעתן לעצטן איבערגאַנג פון לאַגער צו לאַגער, — האָט מען די שווער־קראַנקע געטראָגן פערציק וויאָרסט צו־פוס, אויף טראַג־בעטלעך.

פון מעדיקאַמענטן איז נאָך ביי יורי אַנדרייעוויטשן געבליבן בלויז כינע־פּאַסטילן, יאָדינע און גלאַובער־זאַלץ. דער יאָד, וואָס איז נויטיק געווען פאַר אָפּעראַציעס און באַנדאַזשירן פאַרוואונדעטע, איז געווען אין פאָרם פון קרישטאַלקעס, מ׳האָט געמוזט זיי צעלאָזן אין ספּירט. זיי האָבן באַדויערט דאָס צעשטערן די סאַמאָגאָן־אונטערנעמונג און האָבן זיך גע־ווענדעט צו די וויניקער־שולדיקע, מיט דער אויפגאַבע, צו פאַריכטן די אַפּאַראַטור צו טרייבן בראַנפן, אָדער צונויפשטעלן אַ נייע. די פאַר־באַטענע סאַמאָגאָן־פאַבריקאַציע האָט מען צוריק באַניית פאַר מעדיציניש צוועקן. מען האָט זיך איבערגעוווּנקען און געשאָקלט די קעפּ. עס האָט זיך באַניית דאָס שיכורן וואָס האָט דערפירט צו דעמאָראַליזאַציע אין לאַגער.

די שטאַרקייט פון דעם אַלקאָהאָל איז דערפירט געוואָרן כמעט ביז הונדערט גראַד. אַזאַ פליסיקייט האָט גוט פאַנאַנדערגעלאָזן די יאָד־קריש־טאַלקעס. דעמזעלבן סאַמאָגאָן, געשטעלט אויף כינע־שאָלן, האָט יורי אַנדרייעוויטשן געניצט צום היילן פאַלן פון פלעק־טיפוס, וואָס האָבן זיך באַניית מיטן אָנקום פון די קעלטן.

3

אין די דאָזיקע טעג האָט דער דאָקטאָר געזען פּאַמפיל פּאַליכן מיט זיין משפחה. זיין ווייב און קינדער האָבן דעם גאַנצן פאַריגן זומער דורכ־געמאַכט אין געלויף איבער שטויביקע וועגן, אונטערן אָפענעם הימל. זיי זענען געווען איבערגעשראָקן פון איבערגעלעבטע שוידערלעכקייטן און האָבן דערוואַרט נייע. די וואַגלענישן האָבן איבערגעלאָזן אויף זיי ניישט־פאַרווישבאַרע שפּורן. די פרוי און דריי קינדער, אַ זונעלע און צוויי טעכטערלעך האָבן געהאַט העלע, פון דער זון אָפּגעבליאַקעוועטע, פלאַק־

סענע האר און ווייסע, שטרענגע ברעמען אויף שווארצע ווינטיק־אפגע־ברענטע פנימער. די קינדער זענען נאך געווען צו־קליין, צו טראגן אויף זיך די שפורן פון דעם דורכגעלעבטן, אבער פון דער מוטערס געזיכט, האבן די ליידן, דערשיטערונגען און געפארן, פארטריבן יעטוועדער לע־בעדיקייט און איבערגעלאזן בלויז טרוקענע, אנגעצויגענע נאטירלעכע שטריכן, צונויפגעפרעסטע דינע ליפן, יסורים־הארטקייט און גרייטקייט צו זעלבסט־פארטיידיקונג.

פאמפיל האט זיי אן גרענעץ ליב געהאט, באזונדערס די קינדער. דער דאקטאר האט געשטוינט פון זיין פלינקן שניצן פאר זיי, מיטן שפיץ פון דער אנגעשארפטער האק, הילצערנע שפילצייג: האזן, בערן, הענער.

ווען זיי זענען אנגעקומען, איז פאמפיל פריילעכער געווארן, א דער־מוטיקטער האט ער געגומען זארגן פארן געזונט. נאר אט איז באקאנט גע־ווארן, אז צוליב דעם שלעכטן איינפלוס וואס עס האט די אנוועזנהייט פון די משפחות אויף די לאגער־שטימונגען, — דארפן־זיך די פארטיזאנער אומבאדינגט צעשיידן מיט זייערע משפחות. דער לאגער מוז באפרייט־ווערן פון דעם אומנוציקן, נישט־מיליטערישן באגאזש, און דעם פליטים־קאראוואן ווען מען, אונטער א געהעריקער וואך, איינסטאציאנירן טיף אין וואלד, ווו זיי וועלן איינארדנען א ווינטער־טאבאר. גערעדעריי וועגן אט דער צעשיידונג איז געווען מער, ווי פאקטישע צוגרייטונגען דערצו. דער דאקטאר האט נישט געגלויבט אין דורכפירן דעם באשלוס, נאר פאמפיל איז פארכמורעט־געווארן און עס האבן זיך צו אים אומגעקערט זיינע פריערדיקע „שדים׳לעך".

4

אויפן שוועל פון ווינטער האבן עטלעכע סיבות ארומגעכאפט דעם לאגער מיט א לאנגער קייט באומרויקונגען, טומל, באדראענדיקע און פארפלאנטערטע סיטואציעס, אויסטערלישע אומפארשטענדלעכקייטן.

די ווייסע האבן פארענדיקט זייער געפלאנטע באלאגערונג ארום די אויפשטענדלער. אין דער שפיץ פון דער פארענדיקטער אפעראציע זע־נען געשטאנען די גענעראלן וויצין, קוואדרי און באסאליגא. די דאזיקע גענעראלן האבן געהאט א שם מיט זייער הארטקייט און אומבויגזאמער דעצידירטקייט. בלויז די נעמען זייערע האבן שוין אנגעווארפן א שרעק אויף די פרויען אין לאגער און אויף דער פרידלעכער באפעלקערונג, וואס האט נאכנישט פארלאזן זייערע היימישע ישובים, און זענען פארבליבן אין זייערע דערפער הינטער דעם שונאס ארומרינגלונגס־קייט.

ווי שוין געזאָגט, האָט מען נישט פאַראויסגעזען די מעגלעכקייטן, פון דעם שונא צו פאַרענגען די באלאגערונגס־קייט. וועגן דעם וואָלטן די פאַרטיזאַנער געקענט רויק זיין. פונדעסטוועגן, בלייבן פּאַסיוו צו דער אַרומרינגלונג איז געווען אוממעגלעך. די נאָכגיביקייט פון די אומשטענדן האָבן געשטאַרקט די מאָראַל פון קעגנער. פון אָט דער פּאַסטקע, כאָטש אָן אומשעדלעכע, האָט מען זיך געדאַרפט באַמיען, זיך אַרויסצורייסן, אפילו בלויז פאַר אַ מיליטערישער דעמאָנסטראַציע.

צו דעם צוועק זענען אויסגעטיילט־געוואָרן גרעסערע פאַרטיזאַנישע כוחות און זיי זענען געווענדעט־געוואָרן קעגן דעם מערבדיקן קרייז־בויגן. אין רעזולטאַט פון פילטאָגיקע הייסע קאַמפן, האָבן די פאַרטיזאַנער גע־בראַכט אויפן פיינט אַ חורבן און, דורכרייסנדיק אויף דעם פּלאַץ זיין קרייז־ליניע, — זענען זיי אים באַפאַלן אין רוקן.

דורכן פרייען שטח, וואָס האָט זיך געשאַפן אַ דאַנק דעם דורכ־רייסן־זיך, האָט זיך געעפנט אַ צוטריט אין דער טאַיגע, צו די אַנדערע טיילן פון די אויפשטענדלער. מיטן פאַראייניקן־זיך מיט זיי, האָבן אויך אָנגעפלייצט נייע מאַסן פּליטים. מיט די דירעקטע פאַרטיזאַנער־משפחות האָט זיך דער שטראָם פון פרידלעכער דאָרפס־באַפעלקערונג נישט אויס־געשעפּט. אָפּגעשראָקענע פאַר די שטראָף־מיטלען פון די ווייסע, האָט זיך דאָס גאַנצע אַרומיקע פּויערטום אַ ריר־געטון פון אָרט, פאַרלאָזן זייערע היימען און נישט קיין וואונדער וואָס זיי האָבן נאָכגעפאָלגט די פּויערישע וואַלד־חילות, זיי האָבן אין זיי געזען זייער שוץ.

נאָר אין לאַגער איז געווען אַ נייטונג פּטור צו ווערן פון די אייגענע עסט־זיצערס. די פאַרטיזאַנער האָבן קיין קאָפּ נישט געהאַט צו די נייע פּליטים. מען איז זיי אַנטקעגן געפאָרן, פאַרהאַלטן זיי אין וועג און גע־ווענדט זיי אָן אַ זייט, צו דער מיל אין טשילימסקי־ראַסטשוסטי, וואָס ביים טייכל טשילימקא. דעם דאָזיקן פּלאַץ אין דער קוליג־געגנט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט פון די ווירטשאַפטן וואָס זענען זיך צוזואַקסן אַרום דער מיל האָט מען גערופן דוואָרי (הויפן). אין די דאָזיקע הויפן האָט מען באַשלאָסן צו באַזעצן די פּליטים אויף ווינטער און צו באַשטימען אַ מאַ־גאַזין, וואָס זאָל זיי אויסטיילן שפּייז־אַרטיקלען.

אין דער צייט ווען מען האָט אָנגענומען אַזעלכע באַשלוסן, זענען געווען אַנדערע לויפנדיקע ענינים און די לאַגער־אָנפירונג האָט נישט באַוויזן אַלץ אויסצופירן.

דער אָפּגעהאַלטענער נצחון איבערן פיינט האָט זיך פאַרקאַמפּלי־צירט. אַדורכלאָזנדיק די אָפּגעהאַקטע גרופּע פאַרטיזאַנער טיף אין לאַנד, האָבן די ווייסע צוריק געשלאָסן און ווידער־אויפגעשטעלט זייער דורכ־

געריסענע ליניע. פאַר דער גרופּע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָט זיך פאַרקליבן היגטער זייער רוקן, איז איבערגעשניטן־געוואָרן דער וועג אין דער טאַיגע אַריין, צו זייערע לייט. וועגן פּערזענלעכן גורל פון דער אָנגריפס־אָפּ־טיילונג האָט מען זיך נישט באַדאַרפט זאָרגן. מען האָט געקענט זיין זיכער, אַז דאָס הייפל אומרעגולער מיליטער וועט געפינען אַ וועג צו די רעגו־לערע כוחות פון דער רויטער אַרמיי און וועט זיך מיט זיי פאַראייניקן. נאָר די אָפּוועזנהייט פון אַ גרויסער געקליבענער אָפּטיילונג, האָט זיך וויטיק־דיק געלאָזט פילן ביי די פאַרבליבענע אין לאַגער, וואָס האָט אָפּגע־שוואַכט זייער פאַרטיידיקונגס־און קאַמפּס־פעיקייט.

מיט די פּליטים־פּרויען איז אויך געשען נישט געוועגלעכס. אין גערדיכטן, נישט דורכדרינגבאַרן וואַלד, איז געווען לייכט זיך אויסצומיידן. די אנטקעגן אַרויסגעשיקטע מענטשן האָבן נישט אָנגעטראָפן אויף זייערע שפּורן און האָבן זיך צוריקגעקערט, אויסמיידנדיק־זיך מיט זיי. און די פרויען האָבן, אין אַ סטיכישן שטראָם, זיך באַוועגט אין דער טיף פון דער טאַיגע, אַדורכפירנדיק אין וועג וווּנדערלעכע איינפּאַלערישע אויפ־טוען. זיי האָבן דורכגעהאַקט אַ וועג שניידנדיק אין ביידע זייטן די ביימער, אַריבערגעוואָרפן בריקן, אויסגעפּלאַסטערט וועגן. דאָס אַלץ איז געווען אין סתירה צו די כוונות פון וואַלד־שטאַב און האָט איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ ליווערים פאַרויס־אָנגעמערקטע פּלענער.

5

ליווערי האָט געצאַרנט צוליב דעם, שטייענדיק צוזאַמען מיט סוויר־רידן נישט ווייט פון טראַקט, וואָס אַ קורצע שטרעקע, איז געגאַנגען דורך דער טאַיגע. אויפן וועג זענען געשטאַנען זיינע אָפּיצערן שפּאַרנדיק־זיך, צי זיי זאָלן יאָ אָדער נישט איבערשניידן די טעלעגראַף־דראָטן, וואָס האָבן זיך געצויגן לענגאויס דעם וועג. דאָס דעצידנדיקע וואָרט האָט געדאַרפט זאָגן ליווערי, נאָר ער האָט זיך אַריינגעלאָזן אין אַ פּלאַפּלעריי מיטן שלעפערישן חיות־פאַנגער. ליווערי האָט זיי געוויזן מיט דער האַנט, אַז זיי זאָלן וואַרטן, אַז ער וועט באַלד צוקומען.

סוויריד האָט אַ לענגערע צייט געליטן צוליבן פאַרמשפּטן און דער־שיסן וודאָוויטשענקאָן. זיין גאַנצע זינד איז געווען, וואָס זיין איינפלוס אַלס אַ קאָנקורענץ צו ליווערים אויטאָריטעט האָט דערבראַכט צו אַ שפּאַלטונג אין לאַגער. סוויריד האָט געוואָלט פאַרלאָזן די פּאַרטיזאַנער, כדי ווידער צו לעבן מיט זיין ווילן אין איינזאַמקייט, ווי פריער. נאָר עס האָט זיך נישט געלאָזן. אָנגעדונגען־זיך איז ווי פאַרקויפט־זיך. עס האָט אים דער־

וואַרט דער גורל פון די דערשאָסענע, ווען ער וואָלט איצט פאַרלאָזן די וואַלד־ברידער.

דער וועטער איז געווען דער סאַמע ערגסטער, וואָס מען האָט נאָר געקענט צוטראַכטן. דער שאַרף־רייסנדיקער ווינט האָט געטראָגן נידעריק איבער דער ערד פלאַכע שטיקער כמאַרעס, ווי שטיקער פליענדיקע סאַדזשע. פּלוצלונג האָט גענומען פון זיי שיטן אַ שניי, מיט אַ היסטערישער שנעלקייט פון עפּעס אַ ווייסן מטורף.

אין אַ מינוט אַרום איז די ערד פאַרהילט־געוואָרן אין ווייסע תכריכים און האָט זיך אַרומגעבעט מיט אַ ווייסן נעפּל. אין אַ רגע אַרום איז דער נעפּל צערונען און פאַרשוווּנדן. עס האָט זיך ווידער באַוויזן אַ קויל־שוואַרצע ערד, אַ שוואַרצער הימל, וואָס האָט געגאָסן פון אויבן מיט באַלכסונדיקע שטראָמען פון אַן ערגעץ־ווייט פאַלנדיקן גאָס־רעגן. די ערד האָט מער קיין וואַסער אין זיך נישט אַריינגענומען. אין די מינוטן פון אויסלייטערונג האָבן זיך צערוקט די כמאַרעס, ווי דער הימל וואָלט זיך דורכגעלופטערט און צעעפנט אויבן פענצטער, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט מיט אַ ווייס־קאַלטער שויבן־העלקייט. דאָס שטייענדיקע וואַסער, וואָס די ערד האָט נישט איינגעזאַפּט, האָט צוריקגעענטפערט דעם הימל מיט דעם זעלבן צעפּראַלטן פענצטער־בליאַסק פון לוזשעס און אָזיערעס.

דער רויכיקער רעגן־גאָס האָט זיך געגליטשט איבער די סמאָלעפּעכיקע נאָדל־בוימער פון וואַלד, נישט־ווערנדיק אַריינגעזאַפּט אין זיי, ווי עס דרינגט נישט־אַריין קיין וואַסער אין אַ צעראַטע. די טעלעגראַפן־דראָטן זענען באַהאַנגען־געווען מיט רעגן־טראָפּנס, ווי מיט קרעלן. זיי זענען געהאַנגען נאָענט־נאָענט איינע צו דער אַנדערער און זיך נישט אָפּגעריסן.

סוויריד איז געווען צווישן די געשיקטע אין דער טאַיגע אַריין, אויפצונעמען די פּרויען־פּליטים. ער האָט געוואָלט דערציילן זיין נאַטשאַלניק וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען. וועגן דער אומאָרדענונג פון די באַקומענע סתירותדיקע, נישט דורכפּירבאַרע באַפעלן, וועגן גרויזאַמקייטן וואָס זענען באַגאַנגען־געוואָרן איבער דער שוואַכסטער און צוזאַמענגעבראָכענער פּרויען־גרופּע. באַוועגנדיק־זיך צו־פוס מיט פעקלעך, זעקלעך און ברוסטקינדער אויף זיך, פאַרלירנדיק זייער מוטער־מילך צום זייגן, זענען די פאַרחלשטע מוטערס, פון די פיס געפאַלן, אַוועקגעוואָרפן אין וועג זייערע קינדער, אויסגעשאָטן דאָס מעל פון די זעקלעך און זיך אומגעקערט צוריק. בעסער אַ שנעלער טויט, איידער אַ לאַנגזאַמער — פון הונגער. בעסער אַריינפאַלן אין די הענט פון שונא, איידער אין די ציין פון דער וואַלד־חיה.

אַנדערע פּרויען, די אַמשטאַרקסטע, האָבן געוויזן אַ מוסטער פון איבערטראָגן אַלץ און פון מוטיקייט, וואָס ביי מענער איז עס נישטאָ. סווירידן האָט נאָך געהאַט אַ סאַך אַנדערע זאַכן צו מעלדן אים. ער האָט געוואָלט וואָרענען זיין נאַטשאַלניק פאַר דער געפאַר פון נייעם אויפשטאַנד, וואָס הענגט איבערן לאַגער, אַ מער־באַדראָענדיקער ווי דער אונטער־דריקטער. נאָר ער האָט נישט געפונען קיין ווערטער דערפאַר, ווייל לי־ווערים אומגעדולדיקייט האָט אים אונטערגעיאָגט און צערייצט און צו־גענומען ביי אים די פעיקייט צו רעדן. ליוווערי האָט אים כסדר איבער־געריסן נישט דערפאַר, ווייל מען האָט פון שאַסיי געפּאַכעט צו אים מיט די הענט און גערופן אים, נאָר ווייל די לעצטע פאַר וואָכן האָט מען זיך כסדר געווענדעט צו אים מיט ענלעכע ענינים און ליווערין איז דאָס אַלץ געווען באַוווסט.

— דו טרייב מיך נישט אונטער, חבר נאַטשאַלניק, איך בין דאָך נישט קיין רעדנער. די ווערטער בלייבן מיר צווישן די ציין שטעקן, איך קען זיך נאָך דערשטיקן מיט אַ וואָרט. וואָס האָב איך דיר צו זאָגן? גיי אַראָפּ אין ווייבערשן טאַבאָר און דערקלער זיי דאָס געזעץ ווי געהעריק. לייכטזין באַהערשט דאָך זיי אַלע. איך פרעג דיך, וואָס איז דאָס ביי אונז פאַר אַ „אַלץ אויף קאַלטשאַקן!" אָדער ווייבער־הריגה?

— בקיצור, סווירידן. דו זעסט דאָך, מען רופט מיך. פּלאָנטער נישט.

— און איצט וועגן דער טייוואַנישער בלאַפּערקע זלידאַריכאַ, די הינט זאָלן וויסן, וואָס דאָס איז פאַר אַ ווייבעלע. רעדט זי צו מיר און זאָגט: שרייבט מיך איין ביי אייך אַלס אַ וועטערינאַרשע צו די בהמות.

— אַלס וועטערינאַרשע, סווירידן.

— ווי האָב איך דען געזאָגט? איך ענטפער איר: אַ באַבע אַ וועטערינאַרשע זאָל די בהמות פון מגפות היילן? ווו האָסטו דיר בהמות פאַר אַן אומגלויביקער, אַ פאַרצייטיש־געצנדינעריש מוטערל פאַר די בהמות גאָר. די נייע פּליטים־ווייבעלעך פון וועג פירט זי אַראָפּ. „אָט, זאָגט זי, אויף דער אייגענער הויט וועט איר דערפילן, צו וואָס עס ברענגט דאָס יאָגן־זיך נאָך דער רויטער פאָן. אַ צווייט מאָל לויפט נישט".

— איך פאַרשטיי נישט. וועגן וועלכע פרויען־פּליטים רעדסטו? וועגן אונדזערע פּאַרטיזאַנישע, אָדער וועגן אַנדערע?

— פאַרשטייט־זיך, וועגן אַנדערע. נייע פון דער פרעמד.

— איז דאָך געווען אַ פאַראָרדענונג איינצואָרדנען זיי אין דערפל דוואָרי, ביי דער טשילימסקער מיל. ווי קומען זיי פּלוצעם אַהער?

— וואָס מיר דוואָרי. דיין דוואָרי גייט אַוועק אין פלאַמען, גע־

בליבן חורבות. די מיל און אַלץ אַרום איז פּאַרקוילט־געוואָרן. אַנקו־מענדיק אויף דער טשילימקא, האָבן זיי דערזען אַ נאַקעטע פּוסטקייט. אַ העלפט איז פון זינען אַראָפּ, געקלאָגט־געיאָמערט און זיך צו די ווייסע אומגעקערט. און אַנדערע האָבן די דישלעס אויסגעדרייט און אַהער־געקומען מיטן טאַבאָר.

— דורך דעם טויבן ווילד־וואַלד? דורך די זומפּן?

— און צו וואָס זענען זעגן און העק? מען האָט געשיקט אונדזערע מוזשיקעס זיי צו באַשיצן, האָבן זיי צוגעהאָלפן. דרייסיק וויאָרסט וועג, זאָגן זיי, האָבן זיי דורכגעהאַקט און בריקן געלייגט, די בעסטיעס. און נאָך דעם אַלעמען, דאָך ווייבער. זיי וועלן דיר אָפּטון עפּעס אַזוינס, די זלידנע, וואָס דו וועסט עס במשך דריי טעג נישט באַנעמען.

— נאַרישע גאַנדז! וואָס־זשע פרייסטו־זיך, קליאַטשע דו, דרייסיק וויאָרסט וועג! דאָס איז דאָך וויצינען און קוואָדרין אויף דער האַנט. געעפנט אַ וועג אין דער טאַיגע. כאָטש קייקל דאָרט דורך אַרטילעריע.

— פאַרדעק, פאַרשטעל דעם דורכגאַנג און געענדיקט.

— מיטן אויבערשטנס הילף, וועל איך עפּעס צוטראַכטן אַן דיר.

6

די טעג זענען געוואָרן קורצע. פינף אַ זייגער איז שוין געוואָרן טונקל. אַוונט־צו איז יורי אַנדרייעוויטש אַריבער דעם טראַקט אויף דעם אָרט, ווו ליווערי האָט נעכטן זיך דורכגערעדט מיט סווירידן. דער דאָק־טאָר האָט זיך געלאָזן צום לאַגער. נאָענט פון דער לאָנקע און דעם בערגל אויף וועלכן עס איז געוואַקסן דער ראַבינע־בוים, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר דעם גרענעץ־פונקט פון לאַגער, האָט ער דערהערט די גרילציק־רייסיקע שטים פון די קובאַריכא, זיין קאָנקורענטין, ווי ער האָט גערופן אין שפּאַס דער זנאַכאַרקע. זיין קאָנקורענטין האָט, מיט אַ קוויטשען און געשריי אויסגעפירט עפּעס פאַרשייט־פריילעכס, פאַר־ווײַלנדיקס, ווי זי וואָלט געזונגען „טשאַסטושקעס”*. עס האָבן איר כסדר איבערגעריסן אויסברוכן פון מענערשע און ווייבערשע געלעכטערס. נאָכדעם איז אַלץ פאַרשטומט־געוואָרן. אוודאי זיך צעגאַנגען.

דאַן האָט די קובאַריכע אויפגעזונגען מיט אַ שטיל איינגעהאַלטן קול, מיינענדיק אַז זי איז פולשטענדיק אַליין. היטנדיק־זיך, נישט אַריינ־

---

* רוסישע פאָלקס־לידלעך מיט רעפריינען.

צווינקען אין בלאַטע, איז יורי אַנדרייעוויטש, אין דער טונקל, לאַנג־זאַם געגאַנגען איבערן שטעג, אַרום די זומפּיקע לאַנקע פֿאַר דעם ראַבינע־בוים און איז שטיין געבליבן ווי צוגעשמידט. די קובאַריכע האָט געזונגען עפּעס אַ פּאַרצייטיש רוסיש ליד, וואָס יורי אַנדרייעוויטש האָט נישט געקענט. אפשר האָט זי אַליין אימפּראָוויזירט?

דאָס רוסישע ליד איז ווי וואַסער אין אַ דאַמבע. עס דוכט־זיך, אַז דאָס וואַסער בלייבט שטיין דאָרט און רירט זיך נישט, אָבער אין דער טיף שטראָמט עס אומאויפהערלעך אַרויס און די רויקע אויבערפלאַך נאַרט־אָפּ.

מיט אַלע מיטלען, איבערחזרונגען, פּאַראַלעליזאַציעס, האַלט זי איין דעם גאַנג פֿון דער שטופּנווייזער אַנטוויקלונג פֿון דעם סיפּור־המעשה. ביי אַ געוויסן צוים צעעפֿנט־זיך עס פּלוצלונג און איבעראַשט אים מיט־אַמאָל. די איינגעהאַלטענע, איבער זיך הערשנדיקע, בענקענדיקע קראַפֿט דריקט־זיך אויס אַזוי. דאָס איז דאָך אַ וואַנזיניקער פּרווו, אָפּצושטעלן מיט ווערטער די צייט.

די קובאַריכע האָט האַלב געזונגען און האַלב־גערעדט:

„וואָס לויפֿט דער האָז אויף וועלט דער ווייסער,
אויף וועלט דער ווייסער, איבער שניי דעם ווייסן?
דער קאַסאַקער צו דער ראַבינע טוט יאָגן־זיך,
דער קאַסאַקער וויל דער ראַבינע פֿאַרקלאָגן־זיך
איז דען ביי מיר אַ האַרץ אַ שרעקנדיקס?
אַ האַרץ אַ שרעקנדיקס ביים האָז, אַ זיך־עקנדיקס? —
פֿאַר די שפּורן פֿון פּאַרציקער ציטערן מיינע ביינדלעך,
מיינע ביינדלעך ציטערן פֿאַר דעם וואָלפֿס ציינדעלעך.
דערבאַרעם זיך אויף מיר, ראַבינע־קוסטעלע,
נישט קיין קוסטעלע, נאָר בוים דו שיינער, גלוסטיקער:
דעם שלעכטן פֿיינט דיין גוטסקייט שענק אים נישט.
דיין גוטסקייט שענק אים נישט, דעם ראָב, געדענק אים נישט.
צעשיט בעסער אויפֿן ווינט די שיינע פּרוכטן דיינע
הויפֿנסווייז.
הויפֿנסווייז אויף ווינט, אויף ווייסער וועלט, אויף שניי
אויף ווייס.
צעשיט, פֿאַרקייקל זיי ביז צו מיין היימיש גריבעלע,
צו דעם עקסטן פֿענצטערל
פֿון דעם סאַמע עקסטן שטיבעלע.

דאָרט דיין נזירל ליגט אַ פֿאַרשפּאַרטער,
ליבע מיינע דו, אָ, מיין געגאַרטע.
אויפֿן אויערל מיר זאָג אַ טרייסט־סוד,
ווערטער פֿלאַמיקע און הייסע.
אומעטיק איז אין דער פֿרעמד מיר, דעם סאָלדאַט.
איך גיי־אויס אין געפֿאַנגענשאַפֿט דאָ, מיד און מאַט.
נאָר כ'וועל אַנטלויפֿן פֿון געפֿענגעניש דער ביטער־
שווערלעכער,
אַנטלויפֿן צו מיין ראַבינע דער הערלעכער.

7

די סאָלדאַטקע קובאַריכאַ האָט אָפּגעשפּראָכן דער קראַנקער בהמה פֿון דער פֿאַליכטשיכע, פֿאַמפּילאָווס ווייב אַגראַפּיאַ פֿאָטיעוונאַ, וואָס מען רופֿט זי פּשוט: פֿאָטעוונאַ. די בהמה האָט מען אַרויסגעפֿירט פֿון דער סטאַדע און אָוועקגעשטעלט אין וועלדל, צוגעבונדן מיט אַ האָרן צו אַ בוים, אויפֿן שטאָם פֿון אַן אונטערגעהאַקטן בוים, ביי דער בהמהס פֿאָדערשטע פֿיס, האָט זיך געזעצט די באַלעבאָסטע, ביי די הינטערשטע פֿיס אויף אַ מעלק־בענקעלע, האָט זיך געזעצט די סאָלדאַטקע, די כּישוף־מאַכערין.

די איבעריקע אומציילבאַרע סטאַדע האָט זיך צונויפֿגעדרענגט אין נישט קיין גרויסער וואַלד־אַלעע. דער פֿינצטערער וואַלד האָט זיי אַרומ־גענומען מיט אַ וואַנט פֿון באַרג־הויכע, דרייעקיקע טענענביימער, וועלכע זענען ווי געזעסן אויף דער ערד אויף דיקע הינטנס פֿון זייערע ברייט־צעשפּרייטע אונטערשטע צווייגן.

אין סיביר האָט מען געהאָדעוועט איינע פֿון די אויסגעצייכנטע שווייצאַרישע ראַסן. כּמעט אַלע פֿון איין פֿאַרב. שוואַרצע מיט ווייסע פֿלעקן. די בהמות זענען, נישט ווייניקער פֿון די מענטשן געווען אויס־געמאַטערט, פֿון לאַנגע וואַנדערונגען, פֿון אומדערטרעגלעכע ענגשאַפֿט, גע־פּלאָגטע, צוגעדריקטע מיט די זייטן איינע צו דער אַנדערער. אין זייער טעמפּקייט האָבן זיי פֿאַרגעסן אַן זייער געשלעכט און, מיט אַ מין אָקסן־רעוון, זענען זיי געקראָכן אויף די קעלבער, הויבנדיק אינדערהויך זייערע שווערע אַנגעצויגענע אייטערס. די געדעקטע קעלבער האָבן, פֿאַרהויבנדיק דעם ווידל, זיך אַרויסגעריסן פֿון אונטער זיי און, ברעכנדיק קוסטן און צווייגן, זענען זיי אַנטלאָפֿן אין וואַלד, וווהין עס האָבן זיך געוואָרפֿן נאָך זיי, מיט געשריי, זקנים־פּאַסטוכער און קינדער־פּאַסטוכלעך.

פונקט ווי זיי וואָלטן פאַרשפּאַרט געווען אין אַן ענגן קרייז, וואָס עס האָבן אָנגעצייכנט די טענענבוים־שפּיצן אין קאַלטן הימל. האָבן זיך דאָרט אויך שטורמיש און אָרדענונגסלאָז געדרענגט, געשטעלט זיך דיבאָם און געקראָכן איינע אויף דער אַנדערער די שנייאיקע שוואַרץ־ווייסע וואָלקנס איבערן וואַלד.

די נייגעריקע, וועלכע זענען געשטאַנען פונדערווייטנס אין אַ רעדל, האָבן געשטערט דער זנאַכאַרקע. מיט אַ פיינטלעכן בליק האָט זי זיי אָפּ־געמאַסטן, עס איז געווען אונטער איר כבוד מודה צו זיין, אַז זי שעמט־זיך פאַר זיי. די אַרטיסטישע אייגנליבע האָט איר אָפּגעהאַלטן דערפון. האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי באַמערקט זיי גאָרנישט. דער דאָקטאָר האָט זי באַטראַכט הינטערווייַלעכץ, באַהאַלטן פון איר.

ער האָט זי איצט צום ערשטן מאָל רעכט באַטראַכט. זי איז געווען אָנגעטון אין דער זעלבער ענגלישער פּילאָטקע און אין דעם אַרבעסלעך־געפינטלטן שינעל מיט נאַכלעסיק־צעעפנטע פּאָלעס. און אגב האָבן די גאַוזהדיקע שטריכן פון אירע טויבע לײַדנשאַפטן ייִנג געמאַכט די אויגן און ברעמען פון דער שוין נישט ייִנגער פרוי. אויף איר געזיכט איז קענטיק געווען, איר גלייכגילטיקייט צו אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט און צו אַלץ וואָס איר פעלט.

נאָך דער אויסזען פון פּאַמפּילאָוס פרוי האָט יורי אַנדרייעוויטשן פאַרוווּנדערט. ער האָט זי כמעט נישט דערקענט. במשך עטלעכע טעג איז זי שרעקלעך אַלט געוואָרן. אירע אויסגעגלאָצטע אויגן זענען גרייט־געווען אַרויסצוקריכן פון די אויגן־לעכער. אויף איר אויסגעצויגענעם האַלדז, ווי אַ שטייפער־דישעל, האָט געצאַפּלט אַן אָנגעבלאָזענער אָדער. אָט וואָס עס האָבן איר געמאַכט אירע געהיימע פחדים.

— זי מעלקט זיך נישט, ליבינקע, — האָט אגאַפיא געזאָגט, עס וואָלט שוין לאַנג צייט געווען זי זאָל זיך מעלקן, נאָר די מילך האָט זיך פאַרהאַלטן.

— וואָס מיר דאָרט „זיך פאַרהאַלטן"? אָט איז ביי איר אויף אַ אייטער אַן אַנטראַקס־בלאָטערל. איך וועל דיר געבן אַ גרעזעלע אין חזר־פעטס, ווייסטו אַרומשמירן. און, פאַרשטייט־זיך, איך וועל אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע.

— איך האָב נאָך אַ צווייטע צרה: מיין מאַן.

— איך וועל אים כישוף־אַנטון, ער זאָל נישט אַרומהוליען. דאָס קען מען. ער וועט קומען און זיך צוקלעפּן צו דיר אַזוי, אַז דו וועסט אים נישט קענען אָפּקרייסן. דיין דריטע צרה דערצייל.

— אַז ער הוליעט גאָרנישט אַרום. וואָלט ער כאָטש געהוליעט.

דאָס איז דאָך די צרה, וואָס עס איז פּונקט פאַרקערט. ער איז מיט לייב און לעבן צו מיר און צו די קינדער צוגעוואַקסן, זיין נשמה סאָכניעט פון בענקשאַפט צו אונדז. איך ווייס, וואָס ער קלערט. אָט, קלערט ער זיך: מען וועט די לאַגערן צושיידן, פאַרשיקן אונדז אין באַזונדערע ריכטונגען. מיר וועלן אַריינפאַלן צו די באַסאַליזשסקער און ער וועט נישט זיין מיט אונדז. וועט נישט קיינער אָננעמען זיך פאַר אונדז. זיי וועלן אונדז פאַרפייניקן און מיט אונדזערע יסורים זיך פרייען. איך ווייס זיינע מחשבות. ער זאָל זיך נאָר קיין מיתה נישט אָנטון.

— מיר וועלן אַ טראַכט־טון. באַזייטיקן די זאָרג. די דריטע צרה דערציייל.

— קיין דריטע איז נישטאָ. דאָס זענען אַלע צרות: די בהמה און דער מאַן.

— נו, אָרעם ביזטו מיט צרות, מוטערל! זע, ווי גאָט האָט רחמנות אויף דיר. אַזעלכע דאַרף מען בייטאָג מיט אַ ליכטל זוכן. צוויי ביטערע צרהלעך אויף איין אָרעם קעפּעלע, און איינע איז — אַ געטריי־זאָרגעוודיקער מאַן. וואָס גיסטו פאַר דער בהמה? מיר וועלן אָנהויבן אָפּשפּרעכן.

און דו וואָס פאַרלאַנגסטו?

— אַ לעבל ברויט און דעם מאַן.

אַלע ארום האָבן זיך צעלאַכט.

— דו שפּאַסט, אָדער וואָס?

— נו, אויב עס איז צו־טייער, וועל איך דאָס לעבל ברויט אַראָפּלאָזן. מיטן בלויזן מאַן וועלן מיר זיך משווה־זיין.

דאָס געלעכטער אַרום איז פאַרצענפאַכט געוואָרן.

— ווי רופט מען עס? נישט דאָס מענלעכע, נאָר דאָס בהמהשע.

— קראַסאוואַ.

— דאָ קענסטו אַ האַלבע סטאַדע קראַסאַוועס איבערציילן, נו, גוט. איך וועל מתפּלל זיין.

און זי האָט אָנגעהויבן אָפּשפּרעכן די בהמה. אין אָנפאַנג האָט איר אָפּשפּרעכעניש זיך ווירקלעך באַצויגן צו דער בהמה. נאָכדעם איז זי מיטגעריסן־געוואָרן און האָט אויסגערעכנט אַגאַפּיען אַ גאַנצן צעטל פון כישוף און דאָס באַנוצן זיך מיט אים. ווי אַ פאַרכישופטער, האָט זיך יורי אַנדרייעוויטש, צוגעהערט צו איר פּלאַפּלעריי, ווי ער האָט אַמאָל בעת דער נסיעה פון אייראָפּעיִשן רוסלאַנד קיין סיביר, — זיך צוגעהערט צו דער פילפאַרביקער פּלאַפּלעריי פון דעם פורמאַן באַקכוס.

די סאָלדאַטקע האָט געזאָגט:

— „מאַרגאַסיאַ, מומע, אין געסט צו אונדז זאָלסטו קומען, פון

דינסטיק ביז פרייטיק, נעם־אראָפּ די מחלה פון אייטער. פאַרשווינד, קרעץ־מיצל, פון דער בהמהס מעלק־ציצל. שטיי גלייך, מיט דיין געלענקל, קער נישט איבער דאָס בענקל. ווי אַ באַרג שטיי גלייך און מעלק זיך ווי אַ טייך, געצאַרגט, געוואַרנט, בוידעם און קעלער, אין בריענדיקער קראַפּיווע וואַרף־אַוועק דיין פּעלער. ווי אַ קעניגרייך מיט פעסטקייט באַשערטער, זאָלן זיין מיינע זגאַכארסקע ווערטער.

„אַלץ דאַרף מען וויסן, אגאַפּיושקאַ, אַפּזאַגן, באַפעלן, קריגערייען, שויץ־מיטלען. אַט קוקסטו און מיינסט, אַז דאָס איז אַ וואַלד. און דאָס זענען זיך גאַר צונויפגעקומען די אומריינע כוחות מיטן ענגלישן מיליטער. אייערע מיט באַסאַליזשסקער האַקן זיך דאָס אַרום, אַט־וואָס.

„אָדער, צום ביישפּיל, גיב אַ קוק, ווהין איך ווייז דיר. נישט אַהין קוקסטו, ליבינקע. דו קוק מיט די אויגן און נישט מיטן נאָקן. און קוק ווהין איך טייטל דיר מיטן פינגער. אַט־אַט, וואָס מיינסטו איז דאָס? דו מיינסט, אַז דאָס האָט דער ווינט אויף דער בעריאָזקעלע אַ צווייגל מיט אַ צווייגל פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט? דו מיינסט, אַז אַ פויגל האָט זיך אַ נעסט געפּלאָנט צו מאַכן? נאָר עס איז נישט אַזוי. דאָס זענען די סאַמע אמתע טייוולאָנישע מעשים. דאָס האָט אַ נימפע פאַר איר טעכטערל אַ קרענצל געפלאָכטן. זי האָט דערהערט, אַז מענטשן גייען דאָ פאַרביי, האָט זי עס איבערגעלאָזן. מען האָט זי איבערגעשראָקן און געשטערט. ביינאַכט וועט זי עס פאַרענדיקן, צופלעכטן, וועסט זען.

„אָדער ווידער אייער רויטע פאָן. וואָס מיינסטו דען? דו מיינסט, אַז דאָס איז אַ פאָן? און אָט, זעסטו, איז עס גאָרנישט קיין פאָן, נאָר אַ מאַלינע־טיכל פון דעם אכזריותדיקן מיידל די פאַרפּירקע. פאַרפּירקע, זאָג איך, פאַרוואָס, פאַרפּירקע? ווייל ווינקנדיק און פאָכענדיק מיט דעם טיכל, פאַרפּירט זי די יונגע בחורים צו די שלאַכטן, צום טויט, אָנצו־שיקן אויף זיי אַ מגיפה. און איר האָט געגלויבט, אַז דאָס איז אַ פאָן, וואָס רופט: פּראָלעטאַריער און נויטבאַדאַרפטיקע פון אַלע לענדער פאַר־אייניקט־זיך אַרום מיר.

„היינט דאַרף מען אַלץ וויסן, מוטערל אַגאַפּיאַ, אַלץ, אַלץ, ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָס פאַר אַ פויגל, וואָס פאַר אַ שטיין, וואָס פאַר אַ גראָז. צום ביישפּיל, דער דאָזיקער פויגל איז דער שפּער־פויגל[1] די חיה איז דער דאַקס[2].

1. אַ שוואַרצער זינג־פויגל, וואָס וווינטערט אין ישראל.
2. אַ פאַרציקונגס־חיה, וואָס וווינט אין דער ערד.

„אַצינד, צום ביישפּיל, ווּעסטו קלערן: אין ווּעמען זיך צו פאַר־ליבן. זיי זיך מודה. ווּעמען דו ווילסט קען איך דיר פאַרכישופן. ווילסטו דיינעם, אייער נאַטשאַלניק איבער איך, דעם וואַלדיקן אייערן? צי ווילסטו קאַלטשאַקן? צי ווילסטו איוואַן צאַרעוויטשן? דו קלערסט, אַז איך באַרים־זיך, נאַר־אָפּ? איך נאַר דיך נישט אָפּ. נו, קוק, הער. עס וועט קומען ווינטער, עס וועט קומען אַ שניי־זאַוויערוכע אין פעלד, אַ וויכער וועט זיך דרייען ווי אַ דייל. און איך וועל דיר אין אָט דעם שניי־זייל אַ מעסער אַריינשטעקן, אַריינאָגן דאָס מעסער אין שניי, ביז צום הענטל, און וועל אים אינגאַנצן אַ רויט־פאַרבלוטיקטן פון שניי אַרויסציען. האָסטו אַזוינס געזען? אהא?... און געטראַכט האָסטו, אַז איך זאָג ליגן. און פונוואַנען, זאָג מיר, קומט פון דעם בוראַן־שטורעם בלוט? דאָס איז דאָך אַ ווינט, לופט, שניי־שטויב. און דאָס איז עס טאַקע, שכנה, נישט קיין ווינט איז דער בוראַן, נאָר דאָס פאַרכישופטע גרושהלע האָט איר טייוולאָניש קינד פאַרלוירן. זוכט זי אין פעלד, וויינט און קען נישט געפינען. און איר וועט מיין מעסער אַריין און פון דעם איז דאָס בלוט. און איך וועל דיר מיט דעם מעסער אַ צייכן מאַכן, אויסשניידן און מיט אַ זיידענעם פאָדעם צו דיין אונטערקלייד צונייען. און דאַן, ווּעמען דו ווילסט, וועט ער דיר נאָכגיין. ווילסט, איז קאַלטשאַק, ווילסט, איז סטרעל־ניקאָוו, ווילסט, איז אַ נייער צאַר אַ וועלכער־עס־איז. אין דיינע פוסטריט וועט ער נאָך דיר נאָכגיין. און דו האָסט געטראַכט, אַז איך נאַר־אָפּ. געמיינט אוודאי: באַרוועס־נאַקעטע פּראַלעטן פון אַלע לענדער פאַר־אייניקט איך אַרום מיר...

„אָדער צום ביישפּיל, פאַלן איצט שטיינער פון הימל, פאַלן ווי אַ רעגן. וועט אַרויסגיין אַ מענטש איבער דער שוועל פון זיין הויז, פאַלן אים שטיינער אין קאָפּ. אָדער אַנדערע זעען ווי רייטער גאַלאָפּירן איבערן הימל. די פערדלעך פאַרטשעפּן מיט זייערע קאָפּיטעס די דעכער. די פאַנצער־העלדן שפּאַלטן דעם אַקסל, ווי זיי וואָלטן עפּענען אַ באַהאַל־טענעם אוצר, מיט זייער שווערד נעמען זיי פון דער לאָפּאַטקע: פון דער אַ מעסטל קאָרן, פון דער אַ קאַראַפּאַטווע און פון יענער אַ האָניק־חלה.

„אַמאָל טרעפט אויף דער וועלט אַ גרויס און שטאַרק געפיל. מיט דעם געפיל פאַראייניקט זיך תמיד צער. דער קעגנשטאַנד פון אונדזער פאַרגעטערונג, וואָס מער ער ווייזט אונדז אויס צו זיין אַ קרבן, אַלץ מער ליבן מיר אים. ביי איינצלנע איז דער מיטגעפיל צו דער פרוי אַזאַ, אַז ער איז איבער די גרענעצן פון אונדזער פאַרשטעלונג. זייער רחמים ברענגט־אַריין דער פרוי אין אַן אומוואַרשיינלעכער נישט־פאַראַ־

נענער וועלט וואָס עקזיסטירט נאָר אין דמיון. און זיי זענען אייפער־זיכטיק אויף דער לופט וואָס רינגלט זי אַרום, אויף די נאַטור־געזעצן, אויף די יאַרטויזנטער וואָס זענען אָפּגעפלאָסן".

יורי אנדרייעוויטש איז געווען גענוג געבילדעט, אַז ער זאָל פאַרדעכטיקן די לעצטע ווערטער פון דער וואָרזאָגערין אַלס עיקרדיקע אויסצוגן פון עפּעס אַ געשיכטע, גנאָוואַגאַראָדסקאַס אָדער איפּאַטיעווסקאַס, וואָס זענען אָנגעפילט מיט פעלשונגען, צוליב וועלכע זיי זענען פאַר־וואַנדלט־געוואָרן אין פאַרבאַטענע שריפטן. גאַנצע יאָרהונדערטער האָבן זנאַכאָרס און וואָרזאָגער זיי פאַרקריפּלט, איבערגעבנדיק זיי מינדלעך פון דור צו דור. און נאָך פריער האָבן זיי פאַרפּלאָנטערט און איבער־געדרייט די איבערשרייבער.

פאַרוואָס־זשע האָט די טיראַנישע טראַדיציע אים אַזוי פאַרכאַפּט? פאַרוואָס האָט ער זיך צו די אומפאַרשטענדלעכע נאַרעשקייטן, צו די נישט־געשטויגנקייטן באַצויגן אַזוי, ווי דאָס וואָלטן געווען רעאַלע שטאַנד־פּונקטן?

לאַראַן האָבן זיי צעבראָכן דעם לינקן אַקסל. אַזוי ווי מען שטעקט־אַריין אַ שליסל אין געהיימען אייזן־טירעלע פון אַ סודותדיק־קעסטעלע, וואָס אין אַ באַהאַלטן שאַנק־ווינקעלע, — אַזוי האָבן זיי, מיט דער לינ־קער זייט שווערד, צעשפּאַלטן און צעעפנט איר לאָפּאַטקע. אין דער טיף פון צעעפנטן גייסטיקן חלל האָבן זיך אַנטפּלעקט אירע באַהאַלטענע נשמה־סודות. פרעמדע באַזוכטע שטעט, פרעמדע גאַסן, פרעמדע הייזער, פרעמדע רחבותן האָבן זיך פאַנאַנדערגעצויגן ווי לענטעס, לענטעס קנוילן־צעוויקלען־זיך, וואַרפן אַרויס בינטלעך אינדרויסן אַרויס.

אָ, ווי ער האָט זי געליבט! ווי גוט זי איז געווען! ווי ער האָט תמיד געטראַכט און געחלומט, ווי דאָס איז אים נויטיק געווען! אָבער וואָסערע זעלטענע מעלות, האָט זי אַרויסגעוויזן? עפּעס אַזוינס, וואָס מען וואָלט עס געקענט אָנרופן, אָדער פאַנאַנדערנעמען און אויסטיילן? אָ, ניין, ניין! נאָר מיט דער אומפאַרגלייכלעך־פּשוטער און פלינקער ליניע, מיט וועלכער זי איז אינגאַנצן, מיט איין באַוועגונג, אַרומגענומען־געוואָרן פון קאָפּ ביז די פיס, פון באַשעפער. און אין דער געטלעכער געשטאַלטיקונג איז דאָס נפש אים געגעבן געוואָרן אין זיינע אָרעמס, ווי אַ זאָרגפעליק איינגעהילט און אַרומגעוויקלט אויסגעבאָדן קינד.

און אַצינד, ווו געפינט ער זיך און וואָס טוט־זיך עס מיט אים? וואַלד, סיביר, פאַרטויזאַנער. זיי זענען אַרומגערינגלט און ער וועט טיילן דעם געמיינזאַמען גורל. וואָס פאַר אַ טיוולאָנים־טאַנץ! — און ווידער האָט עס יורי אנדרייעוויטשן גענומען ווערן אומקלאָר אין די אויגן און

אין קאַפּ. אַלץ איז פאַרשווומען פאַר זיין פאַרטרערטן בליק. אין דער זעלבער צייט, אנשטאט דעם דערוואַרטעטן שניי, האָט געטראָפּט דער רעגן. ווי אַ ברייט־לייוונטיקער טראַנספּעראַנט אויף שטאָטישע גאַסן, פאַרצויגן פון איין הויז צום אַנדערן, — האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער לופט, פון איין עק וואַלד ביזן אַנדערן, אַ צעשווומען, פילפאַך־פאַר־גרעסערט פאַטאַ־מאַרגאַנאַ בילד פון איין ווונדערלעכן, געטלעך־באַשאַ־פענעם קאַפּ. און דער קאַפּ האָט געוויינט. און דער פאַרשטאַרקטער רעגן האָט אים געקושט און געוואַשן.

— גיי זיך, — האָט די וואַרזאָגערין זיך געווענדעט צו אַגאַ־פיען, — דיין בהמה האָב איך אָפּגעשפּראָכן. זי וועט געזונט ווערן. זיי מתפּלל צו דער הייליקער מוטער. דאָס איז דער סדר פון דער וועלט און דער ספר איז דאָס וואָרט פון דערמוטיקונג.

8

עס זענען אָנגעגאַנגען קאַמפן ביי די מערב־גרענעצן פון דער טאַיגע. נאָר די טאַיגע איז געווען אַזוי מעכטיק גרויס, אַז עס האָט אויס־געזען, ווי דאָס וואַלט זיך אָפּגעשפּילט אויף ווייטע עקן לאַנד. און דער באַשטאַנד, וואָס פאַרלירט־זיך אין אירע געדיכטענישן, איז געווען אַזוי פּילצאַליק, אַז וויפל מענטשן עס זאָלן נישט האָבן פון אים אַוועק־געגאַנגען אין שלאַכט, זענען תּמיד מער איבערגעבליבן און ער האָט קיינמאָל נישט געפּוסטעוועט.

דער גערויש פון דעם דערווייטערטן קאַמפּס־פּלאַץ האָט כּמעט נישט דערגרייכט די לאַגער־געדיכטענישן. פּלוצלונג האָבן אָפּגעהילכט אין וואַלד עטלעכע שאָסן, איינער נאָכן אַנדערן פון דער נאָענט, און צוזאַמען — אַריבער אין אָפּטער, נישט־רעגולערער שיסעריי. די מענטשן פונעם פּלאַץ, דערהערנדיק די שיסעריי, האָבן זיך צעשאָטן אין בהלה. די פון לאַגער־הילף־רעזערוון זענען געלאָפן צו זייערע געשפּאַנען. עס איז געוואָרן אַ טומל. יעדער האָט זיך גענומען אין אָרדענונג ברענגען צו קאַמפּס־גרייטקייט.

די בהלה האָט זיך גיך איינגעשטילט. די טרעוואָגע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַלשע. דאָרט ווו די שיסעריי איז פאָרגעקומען, האָט זיך גענומען שטופן אַן עולם. דער המון איז געוואַקסן, צו די אַרום־שטייענדיקע זענען צוגעקומען נייע.

דער המון האָט אַרומגערינגלט אַ צעהאַקטן, בלוטיקנדיקן קער־פּער, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד. דער צעקריפּלטער מיט דער

אָפּגעהאַקטער רעכטער האַנט און לינקן פוס האָט נאָך געאָטעמט. עס איז נישט געווען מיטן שכל צו באַנעמען, וויאַזוי דער אומגליקלעכער איז דערקראָכן אַזש ביז צום לאַגער. די אָפּגעהאַקטע האַנט און פוס, זענען ווי פאַרגליווערטע בלוט־מאַסיוון, געווען צוגעבונדן צו זיין רוקן מיט אַ לאַנגן אויפשריפט אויף אַ ברעטל. צווישן אויסגעקליבענע זידלערייען, איז געווען געזאָגט, אַז דאָס איז געטון־געוואָרן אַלס נקמה פאַר דער אכזריות פון אַזאַ־און־אַזאַ רויטן אָטריאַד, מיט וועלכן די „וואַלד־ברי־דער"־פּאַרטיזאַנער האָבן קיין שייכות נישט געהאַט. אויסער דעם, איז צו־געגעבן געוואָרן, אַז אַזוי וועט מען זיך באַגיין מיט יעדערן, אויב ביזן אָנגעגעבענעם טערמין וועלן די פּאַרטיזאַנער נישט קאַפּיטולירן און נישט איבערגעבן דאָס געווער צו די מיליטערישע פאַרשטייער פון וויצינסקער קאַרפּוס.

אָפּגייענדיק אין בלוט, האָט די יסורים־ליידנדיקע קאַליקע, מיט אַ שוואַכער שטים און פאַרפּלאָנטערטן צונג, פאַרלירנדיק יעדע ווײַלע דאָס באַוווסטזיין, דערציילט וועגן די עינויים און פייניקונגען אין די הינטער־לאַנדישע מיליטערישע אויספאָרשונגס־און שטראָף־אָפּטיילונגען פון גע־נעראַל וויצין. די תליה צו וועלכער ער איז פאַרמשפּט־געוואָרן, איז אים פאַרביטן־געוואָרן, אַלס חסד, אויף אָפּהאַקן אים די האַנט און דעם פוס, און מיט אַזאַ פאַרקריפּלטן אויסזען זאָל מען אים צוריקשיקן אין פּאַר־טיזאַנישן לאַגער, אָנצוואַרפן אַ פּחד. ביז צו דער לאַגערדיקער וואַך־ליניע האָבן זיי אים געטראָגן אויף די הענט און נאָכדעם אים אַוועקגעלייגט אויף דער ערד און אים באַפוילן אַליין צו קריכן, אונטעריאָגנדיק אים פונדערווייטנס מיט שיסערייַ אין דער לופט.

דער פאַרפּייניקטער האָט קוים באַוועגט מיט די ליפּן. כדי אויפ־צונעמען זיין אומדייטלעכן מורמלען, האָט מען זיך טיף צו אים אַראָפּ־געבויגן. ער האָט געזאָגט:

—היט־זיך, ברידער. ער האָט זיך דורכגעריסן צו אייך.

— מען האָט געשיקט פאַרשטאַרקונג. דאָרט איז אַ גרויסע שלאַכט. מיר וועלן אים פאַרהאַלטן.

— זיך דורכגעריסן. זיך־דורכגעריסן. איך ווייס. ער וויל אייך פלוצלונג איבעראַשן. אוי, איך האַלט עס נישט אויס, ברידער. איר זעט, איך גיי אָפּ אין בלוט. מיט בלוט הוסט איך. איך וועל זיך באַלד ענדיקן.

— און דו ליג רויק און אָטעם־אָפּ. שוויַיג בעסער. נו, לאָזט אים נישט רעדן, גזלנים, איר זעט דאָך, אַז עס איז אים שלעכט.

— קיין גאַנץ אָרט האָבן זיי מיר נישט איבערגעלאָזן, די בלוט־

זויגער, די הינט. מיט דיין בלוט, האָט ער מיר געזאָגט, וועסטו זיך ביי מיר וואַשן. דערצייל וועך דו ביזט אַזעלכער. און ווי זאָל איך עס, ברי־דערלעך, זאָגן, ווען אַליין בין איך ממש אַ דזוערטער. יאָ, איך בין פון אים צו אייערע אריבערגעלאָפן.

— אָט האָסטו איצט געזאָגט „ער". איז ווער איז ער דאָס ביי זיי, וואָס האָט איבער דיר אַזוי אַרומגעבאַלעבאָטעוועט?

— „אוי, ברידער, די אינגעווייד קראַמפּן־זיך. לאָזט דעם אָטעם אָפּכאַפּן. באַלד זאָג איך. דער אַטאַמאַן בעקעשין, שטרעזעס אַ פּאָל־קאָווניק. וויצינער לייט. איר, דאָ אין וואַלד, ווייסט גאַרנישט. אין שטאָט איז אַ קלאָג. לעבעדיקע מענטשן צעשמעלצט מען ווי אייזן. מען שניידט לעבעדיקע פּאַסן. מען שלעפּט ביים קאָלנער און מען ווייסט נישט וווהין. אַ בלויזע פינסטערניש. ווו דו טוסט זיך נאָר אַ ריר, איז אַרום־און־אַרום שטייגן, וואַגאָנען. אין יעדער שטייג — אַ פּערציק מאַן אין בלויזע אונטערוועש. און די שטייגן עפנט מען און פאַלסט אַריין אין וואַגאָן. פון דאָרטן שלעפּט מען, ווער עס פאַלט נאָר אַריין אין דער האַנט, אינדרויסן אַרויס, ווי הינער צום שעכטן. ביי גאָט, ווועמען מען הענגט, וועמען מען פייניקט און וועמען מען פּאַרשט. זיי צעדריוולען דיך אויף פּעדעם, שיטן זאַלץ אויף די וווּנדן און באַגיסן מיט קאָכעדיק וואַסער. ווער עס ברעכט, אָדער ער מאַכט־אָן אונטער־זיך, צווינגט מען אים: „פרעס עס אויף!". און וועגן קינדערלעך און וועגן ווייבערשע ענינים, אַ גאָט!

דער אומגליקלעכער האָט געגוסט. ער האָט נישט דערזאָגט, אַ קרעכטץ־געטון און אויסגעגאַנגען. ווי אַלע וואָלטן עס מיטאַמאָל פאַר־שטאַנען, האָט מען גענומען אויסטון די היטלען און זיך איבערצלמען.

אָוונט־צו האָט זיך אַ צווייטע נייעס, אַ פיל־שרעקלעכערע פון דעם פאַל, צעטראָגן איבערן גאַנצן לאַגער.

פּאַמפּיל פּאַליך איז געווען אין המון, וואָס איז געשטאַנען אַרום דעם שטאַרבנדיקן. ער האָט אים געזען און געהערט זיין דערציילן, איבערגע־לייענט די שווידער־אויפשריפט אויפן ברעטעלע.

זיין שטענדיקע שרעק פאַרן גורל פון זיין משפחה, אין פאַל פון זיין טויט, האָט אים איצט אַרומגעכאַפּט אויף אַן אויסערגעוויינלעכן אופן. אין זיין פאַרשטעלונג האָט ער זיי שוין געזען פאַרמשפּטע צו לאַנג־זאַמע גסיסה־פּיינען. ער האָט געזען זייערע יסורימדיק־פאַרקרימטע פּנימער, געהערט זייערע קרעכצן און הילפס־רופן. כדי צו באַפרייען זיי פון די פאַרשטייענדיקע ליידן און אויך צו פאַרקירצן זיינע אייגענע, האָט ער מיט זיי, אין גרויזאַמען צער, אַליין אַ סוף געמאַכט. ער האָט

זיין ווייב און אין די דריי קינדערלעך צעהאַקט מיט דערזעלבער שאַרפער האַק, מיט וועלכער ער האָט געשניצט פאַר די מיידעלעך און פאַר דעם ליבלינגס־זונעלע, פּלעניושקען, הילצערנע שפּילצייג..

עס איז צום שטוינען וואָס, נאָך דעם באַגאַנגענעם פאַרברעכן, האָט ער זיך אַליין דאָס לעבן נישט גענומען. וואָס האָט ער געטראַכט? וואָס האָט ער נאָך געקענט דערוואַרטן? וואָס פאַר אַן אויסזיכטן, פּלע־נער? דאָס איז קלאָר געווען, אַז זיין שגעון איז אים באַפאַלן, אַ פאַרלוי־רענע אומגליקלעכע נשמה.

אין דער צייט וואָס ליוועריי, דער דאָקטאָר, און די מיטגלידער פון אַרמיי־ראַט זענען זיך צוזאַמענגעקומען באַטראַכטן, וואָס מיט אים צו טון, האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט פריי איבערן לאַגער, מיט אַ גע־זונקענעם קאָפּ, גאַרנ׳שט זעענדיק מיט זיינע מוטנע־געלבלעכע אויגן. דער טעמפּער, פאַרבלאָנדזשעטער, אוממענטשלעכער שמייכל פון אומ־באַזיגבאַרע ליידן, איז נישט אַראָפּ פון זיין פּנים.

קיינער האָט אים נישט באַדויערט. אַלע האָבן זיך פון אים אַוועק־געריקט. עס האָבן זיך געלאָזן הערן שטימען, וואָס האָבן גערופן צו לינטשן אים, אָבער קיינער האָט זיי נישט אונטערגעהאַלטן.

ער האָט שוין מער נישט געהאַט וואָס צו טון אויף דער וועלט. פאַרטאָג איז ער פאַרשוווּנדן פון לאַגער, ווי עס אַנטלויפט פון זיך אַליין אַ ווילד־קראַנקע אָנגעשטעקטע חיה מיט הינט־משוגעת.

9

עס האָט זיך שוין לאַנג געשטעלט דער ווינטער. עס זענען גע־שטאַנען קנאַקעדיקע פרעסט. קלאַנגען און פאַרמען צעריסענע אָן צו־זאַמענהאַנג זענען דערשינען אין פראָסט־נעפּל, געשטאַנען, באַוועגט־זיך און זענען אויסגערונען. נישט די זון, צו וועלכער מען איז געוווינט אויף דער ערד, נאָר עפּעס אַן אַנדערע, אַ פאַרביטענע, איז ווי אַ פּור־פּור־קויל געהאַנגען איבערן וואַלד. ווי אין אַ חלום אָדער אין אַ מעשהלע, האָבן אָנגעצויגן אין לאַנגזאַם געשטראָמט אירע שטראַלן, ווי ברוין, געלער עלעקטרע־ליכט און געדיכטע ווי האָניג, זענען זיי אויפן וועג פאַרגליווערט געוואָרן אין דער לופט און צוגעפרוירן געוואָרן צו דיביימער.

קוים באַרירנדיק די ערד מיט די רונדיקע זוילן און מאַכנדיק סקריפּן דעם שניי מיט יעדן טראָט, האָבן זיך באַוועגט אין אַלע ריכ־טונגען פאַרהוילענע פיס אָנגעטוען אין וואַלינקעס. און די געשטאַלטן וואָס דערגאַנצן זיי און טראָגן אויף זיך באַשליקן און פעלצלעך, זענען

זיך ווי באַזונדער געשוווּמען אין דער לופטן, ווי אַרומקרייזנדיקע פלאַ־נעטן אין די הימלישע ספערן.

באַקאַנטע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און פאַרפירט אַ שמועס. זיי האָבן צוגעטראָגן איינער צום אַנדערן רויטע פנימער פון נאָך אַ באָד, מיט בלייכע בערד און וואָנצעס ווי די באָד־בעזעמלעך. געדיכטע קנוילן פאַרע האָבן זיך וואָלקנסווייז געריסן פון זייערע מיילער און זענען מיט זייער געוואָלדיקער גרויס געוועזן נישט צו פאַרגלייכן מיט די קאַרגע, ווי גע־פּרוּוירענע ווערטער פון זייער אויסדרוקס־אָרעמקייט.

אויף אַ שטעגל האָבן זיך באַגעגנט ליוועריי מיטן דאָקטאָר.

— אָ, דאָס זענט איר? אַ שאָק מיט יאָרן זיך נישט געזען! אין אָוונט פאַרבעט איך אייך אין מיין זיעמלאַנקע (ערד־שטיבל). נעכטיקט ביי מיר. מיר וועלן אַ שאָקל־טון די צונג אויפן אַלטן אופן, שמועסן אַ ביסל. איך האָב אַ ידיעה.

— דער עקסטרע־געשיקטער האָט זיך אומגעקערט? עס זענען דאָ ידיעות פון וואַריקינאַ?

— וועגן מיינע און אייערע איז אין דער מעלדונג קיין פּיפּס נישטאָ. נאָר דווקא דערפון שעפּ איך טרייסטנדיקע אויספירן. דאָס הייסט, אַז זיי האָבן־זיך באַצייטנס געראַטעוועט. ווען נישט, וואָלט וועגן דעם עפּעס דערמאָנט געוואָרן. אַלנפאַלס, וועגן אַלץ וועלן מיר שמועסן בעת דער באַגעגעניש. אַלזאָ, איך דערוואַרט אייך.

אין דער זיעמלאַנקע האָט דער דאָקטאָר איבערגעחזרט זיין פראַגע:

— ענטפערט בלויז, וואָס ווייסט איר וועגן אונדזערע משפּחות?

— איר ווילט ווידער נישט קוקן ווייטער פון אייער נאָז. אונדזערע, וואַרשיינלעך, לעבן און זענען נישט אין קיין געפאַר. נאָר נישט וועגן זיי גייט עס. הערלעכע נייעסן זענען פאַראַן. איר ווילט פליייש? קאַלט קעלבערנס.

— ניין, אַ דאַנק. זייט שפּאָרזאַם. צום עיקר.

— איר טוט נישט גוט. און איך וועל יאָ אַ קיי־טון. מען האָט אָנגעהויבן ליידן אויף דער צינגאַ־קרענק אין לאַגער. מענטשן האָבן פאַר־געסן, וואָס דאָס איז אַזוינס ברויט, גרינצייג. האַרבסט־צייט האָט מען געדאַרפט, אָרגאַניזירטערהייט, אָנקלייבן ניס און יאַגדעס, ווען די פּליי־טים־פרויען זענען דאָ געווען. איך זאָג אייך, אַז דער מצב פון אונדזערע ענינים איז אַ הערלעכער. דאָס, וואָס איך האָב תמיד פאַראויסגעזאָגט, איז מקוים־געוואָרן. דאָס אייז האָט געריירט. קאָלטשאַק טרעט־אָפּ אויף אַלע פראָנטן. דאָס איז אַ סטיכיש־אַנטוויקלענדיקע פּולקאָמע מפּלה. זעט איר שוין? וואָס האָב איך געזאָגט? און איר האָט געקלאָגט.

— ווען האָב איך געקלאָגט?

— כסדר. באַזונדערס ווען וויצין האָט אונדז געדריקט.

דער דאָקטאָר האָט זיך דערמאָנט דעם נישט־לאַנג־פאַרגאַנגענעם האַרבסט, דאָס דערשיסן די אויפשטענדלער, דעם פרוי־און קינדער־מער־דער פּאַליך, די בלוט־בעדער און מענטשן־הריגות, צו וועלכע מען האָט קיין סוף נישט געזען. די גרויזאַמקייט מיט וועלכע די ווייסע און די רויטע האָבן קאָנקורירט אכזריותדיק, און זענען כסדר געוואַקסן ביי ביידע צדדים. פּיין, נקמה־מאָרדן האָבן זיך געטאָפּלט אַן גרענעץ. פון בלוט האָט שוין געאיבלט. עס איז שוין דערגאַנגען ביזן האַלדז און פאַר־פלייצט די געהירן, די אויגן. דאָס איז בכלל נישט געווען קיין קלאָג, דאָס איז שוין געווען גאָר עפּעס אַנדערש. נאָר ווי האָט ער עס געזאָלט דערקלערן ליווערין?

אין דער זיעמלאַנקע האָט זיך געפילט אַ שטיקנדיקער רויך. ער האָט זיך אָפּגעזעצט אויפן גומען, געקיצלט אין דער נאָז, אין גאָרגל. די זיעמליאַנקע איז באַלויכטן־געוואָרן מיט דין־דין אַנגעהאַקטע שפּענדלעך, וואָס האָבן געברענט אין אַן אייזערנעם דרייפוס.

ווען אַ שפּענדל האָט זיך אויסגעברענט, איז דאָס אָפּגעברענטע שפּיצל אריינגעפאַלן אין אַן אונטערגעשטעלטער שיסל וואַסער און ליווערי האָט אַריינגעשטעקט אין רינג אַ פריש־אָנגעצונדן שפּענדל.

— איר זעט, וואָס איך צינד? בוימל האָט אויסגעפעלט. מען האָט אויסגעטריקנט אַ קלאָץ. דאָס שפּענדל ברענט זיך שנעל אויס. און אין לאַגער הערשט די צינגאַ־קרענק. איר זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ פון קאַלבס־פליייש? צינגאַ. און איר, וואָס קוקט איר, דאָקטאָר? עס איז נישטאָ ווער עס זאָל צוזאַמענעמען דעם שטאָב, באַלייכטן די סיטואַציע, האַלטן פאַר דער אַנפירונג אַ לעקציע וועגן צינגאַ און די מאָסמיטלען פון קאַמף מיט איר.

— פייניקט מיך נישט, ווי גאָט איז אייך ליב. וואָס איז אייך באַ־ווּסט געגנוי וועגן אונדזערע אייגענע?

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז קיין שום גענויע ידיעה וועגן זיי איז נישטאָ. נאָר איך האָב אייך נישט דערזאָגט דאָס, וואָס איך ווייס פון די לעצטע געמיינזאַם־מיליטערישע באַריכטן. דער בירגער־קריג איז געענדיקט. קאָלטשאַק האָט געקראָגן איבערן קאָפּ און איז צעשלאָגן. די רויטע אַרמיי יאָגט אים איבערן מאַגיסטראַל פון דער אייזנבאַן, אויף מיזרח, כדי אים אַריינצוּוואַרפן אין ים אַריין. אַ צווייטער טייל פון דער רויטער אַרמיי איילט אַהער, זיך צו פאַראייניקן מיט אונדז, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות צו פאַרניכטן זיינע פילצאָליקע, אומעטום־צעשפּרייטע

הינטערלאַנד־אָפּטיילונגען. דרום־רוסלאַנד איז אָפּגעריייניקט. וואָס־זשע פרייט איר זיך נישט? דאָס איז אייך נאָך ווייניק?

— נישט ריכטיק. איך פריי זיך. נאָר ווו זענען אונדזערע משפחות?

— אין וואַריקינאָ זענען זיי נישטאָ און דאָס איז אַ גרויס גליק. כאָטש די זומערדיקע לעגענדעס פון קאַמיענגאָדוואָרסקין, ווי איך האָב עס פאַרשטאַנען, האָבן זיך נישט באַשטעטיקט, — איר געדענקט דאָך די נאַרישע קלאַנגען וועגן אַן אינוואַזיע אין וואַריקינאָ פון עפּעס אַ רעטזעלהאַפטער נאַציע? — נאָר דאָס דאַרף איז אינגאַנצן אויסגעליידיקט. דאָרט איז, וויזט אויס, עפּעס דאָך פאָרגעקומען. און עס איז זייער גוט וואָס ביידע משפחות האָבן זיך רעכטצייטיק פון דאָרט אָפּגעטראָגן. לאָמיר האָפן, אַז זיי זענען געראַטעוועטע. אַזוי זענען אויך, לויט די ווערטער פון מיין אויסשפּירער, די השערות פון די ווייניק־געבליבענע דאָרטן.

— און יוראַטין? וואָס איז דאָרט? אין וועמענס הענט איז עס?

— אויך עפּעס אומפאַרשטענדלעך, אַן אומצווייפלהאַפטער טעות.

— צום ביישפּיל?

— עס זאָלן דאָרט נאָך זיין כלומרשט די ווייסע. דאָס איז אומ־באַדינגט אַן אַבסורד. אַ קלאָרע אוממעגלעכקייט. אָט וועל איך עס אייך דערווייזן קלאָר.

ליווערי האָט אַריינגערוקט אין דעם „לייכטער" נאָך אַן אָנגעצונדן שפּענדל און, אויפלייגנדיק די צעקנייטשטע, צעריסענע לאַנד־קאַרטע, — פאַר וועלכער מען וואָלט באַדאַרפט האָבן אַ שטח פון אַ צוויי וויאָרסט, — מיט די נויטיקע קעסטעלעך אויבן, האָט ער גענומען געבן דערקלערונ־גען, מיט אַ בלייפעדער אין דער האַנט.

— קוקט. פון די דאָזיקע אַלע געביטן זענען די ווייסע צוריק אַרויסגעשטויסן געוואָרן. אָט, דאָרט, דאָרט, דאָרט, אין גאַנצן קרייז. איר פאָלגט נאָך מיט קאָפּ?

— יאָ.

— זיי קענען זיך מער נישט געפינען אין דער יוראַטינער ריכ־טונג. ווייל אַנדערש, ביי די אָפּגעשניטענע קאָמוניקאַציעס, וועלן זיי אומפאַרמיידלעך אַריינפאַלן אין „זאַק". אָט דאָס קענען דאָך נישט, נישט־פאַרשטיין זייערע גענעראַלן, ווי שלימזלדיק זיי זאָלן נישט זיין. איר האָט זיך אָנגעטון דעם פּעלץ? ווהין גייט איר?

— אַנטשולדיקט. איך גיי אַרויס אויף איין מינוט. איך קער זיך באַלד אום. דאָ איז אָנגעטשאַדעט מיט מאַכאָרקע אין שפּענדלעך־רויך. עס איז מיר נישט גוט. איך מוז כאַפּן פרישע לופט.

אַרויפקומענדיק פון דער זיעמליאַנקע אינדרויסן אַרויס, האָט דער

דאָקטאָר אָפּגעווישט מיט דער הענטשקע דעם שניי פון דיקן קלאָץ, וואָס איז אַוועקגעלייגט־געוואָרן לענגאויס,ביים איינגאַנג, צום זיצן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אים, זיך איינגעבויגן און, אונטערשפּאַרנדיק דעם קאָפּ מיט ביידע הענט, האָט ער זיך פאַרטראַכט. די ווינטערדיקע טאָיגע, דער וואַלדיקער לאַגער, די דורכגעמאַכטע אַכצן חדשים ביי די פּאַרטיזאַנער, — אַלץ איז פּלוצלונג געוואָרן, ווי קיינמאָל נישט געווען. ער האָט דאָס אַלץ פאַרגעסן. אין זיין פאָרשטעלונג האָט ער געזען בלויז די נאָענטע. ער האָט געבויט וועגן זיי פאַרשידענע השערות, איינע שווערלעכער פאַר דער אַנדערער.

אָט גייט טאָניא אין אַ שניי־שטורעם אין פעלד, מיט שוראָטשקען אויף די הענט. זי טוליעט אים אין אַ קאָלדרע. אירע פיס זינקען אין שניי, קוים וואָס זי שלעפּט זיי אַרויס און דער שטורעם פאַרטראָגט איר, וואַרפט איר צו דער ערד, זי פאַלט און הויבט זיך־אויף אָן אָנמעכטיקע און קען זיך נישט האַלטן אויף די שוואַכע, געפרוירענע פיס. אָ, ער פאַרגעסט דאָך די גאַנצע צייט, פאַרגעסט. זי האָט דאָך צוויי קינדער, און דאָס קלענערע זייגט זי. ביידע הענט זענען איר פאַרנומען, ווי ביי די פּליטים־פרויען אין טשילימקע, וועלכע זענען פון אָנשטרענגונג, פון צרות איבער די כוחות, אַראָפּ פון זינען.

ביידע הענט זענען איר פאַרנומען און אַרום־און־אַרום איז קיינער נישטאָ, איר צו העלפן. שוראָטשקעס טאַטע, ווייסט מען נישט, ווו ער איז אַהינגעקומען. ער איז ווייט, תמיד ווייט, אַ גאַנץ לעבן אָן אַ זייט פון זיי. און דאָס איז אַ טאַטע? צי דען זענען פאַראַן אַזעלכע אמתע טאַטעס? און ווו איז איר אייגענער פאָטער? ווו איז אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש? ווו איז ניושאַ? ווו זענען די איבעריקע? אָ, בעסער נישט שטעלן זיך אַזעלכע פראַגן, בעסער נישט טראַכטן, בעסער נישט אַריינצודרינגען.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעהויבן פון קלאָץ מיטן געדאַנק, זיך צוריק אַראָפּצולאָזן אין דער זיעמליאַנקע. פּלוצלונג האָבן זיינע געדאַנקען אָנגענומען אַן אַנדער ריכטונג. ער האָט באַשלאָסן, נישט אומצוקערן־זיך צוריק אונטן, צו ליווערין.

סקי־גליטשערס, אַ זעקל מיט סוכאַרעס און אַלץ וואָס איז נויטיק צו מאַכן אַ ויברח איז שוין לאַנג געווען ביי אים צוגעגרייט. ער האָט די זאַכן פאַרגראָבן אין שניי, פון יענער זייט, מחוץ דעם באַוואַכטן תחום פון לאַגער, אונטער אַ גרויסער סאָסנע, וועלכע ער האָט נאָך, צוליב זיכערקייט, באַזונדערס אַרומגעהאַקט אַלס צייכן. אַהין, איבער דעם אויסגעטראָטענעם שטעגל צווישן גרודעס שניי, האָט ער זיך איצט אַוועק־

געלאָזן. עס איז געווען אַ העלע נאַכט. אַ פולע לבנה האָט געלויכטן. דער דאָקטאָר האָט געוווּסט ווו עס זענען אַוועקגעשטעלט־געוואָרן די וואַכן אויף היינטיקער נאַכט און ער האָט זיי מיט דערפאָלג אויסגעמיטן. נאָר ביי דער לאַנקע מיט דער פאַרשנייטער ראבינע האָט אַ וואַכמאַן אַ געשריי־געטון צו אים און, שטייענדיק גלייך אויף שטאַרק־צעיאָגטע סקי־גליטשערס, האָט ער זיך שנעל צוגעגליטשט צו אים:

— שטיי! שיסן וועל איך! ווער ביזטו? רעד מיט אַ טאָלק.

— נו, וואָס טוט־זיך מיט דיר, ברודער, געריכט אויפן „קאַסטן”? אַן אייגענער. צי דען האָסטו נישט דערקענט? אייער דאָקטאָר בין איך דאָך, זשיוואַגאָ.

— פאַרגיב. זיי נישט בייז, חבר זשעלוואַק, דיך נישט דערקענט. און כאָטשיק דו ביזט זשעלוואַק, לאָז איך נישט ווייטער. מען דאַרף טון אַלץ לויטן געזעץ.

— אָט האָסטו דיר. דער פּאַראָל איז „רויטער סיביר”, און דער ענטפער איז: נידער מיט די אינטערווענטן”.

— דאָס זענען אַנדערע רייד. גיי־זיך ווו דו ווילסט. צו וועלכע שדים ביזטו עס אַ נאַכטוואַנדלער? צו קראַנקע?

— עס שלאָפט זיך נישט און אַ דורשט האָט מיך אָנגעכאַפּט. האָב איך געטראַכט, איך וועל זיך דורכגיין אַ ביסל, שלינגען אַ ביסל שניי. איך האָב געזען די ראַבינע מיט אירע געפרוירענע פרוכטעלעך, וויל איך גיין נאַשן פון זיי.

— אָט איז זי, די ראַבינע. אַ פּריצישע משוגעת. ווינטער קלויבן פרוכטעלעך. דריי יאָר קנעלן מיר און קנעלן און עס גייט זיי נישט אין קאָפּ אַריין. קיין שום פאַרשטאַנד. גיי, נעם־זיך דעם גאַנצן ראַבינע־בוים, דו נישט נאַרמאַלער. איך וועל דיר גיין קאַרגן?

און פּונקט אַזוי שנעל ווי ער איז געקומען, האָט זיך דער וואַכמאַן אַ יאָג־געטון אַלץ שנעלער און שנעלער, מיט אַ שטאַרקן אימפּעט, ער איז שטייענדיק אָפּגעפאָרן אַן אַ זייט אויף זיינע לאַנגע סקי־גליטשערס, און גענומען זיך דערווייטערן איבערן אומבאַרירטן שניי, אַלץ ווייטער און ווייטער איבער די דינע, ווי שיטערע הערעלעך, ווינטערדיק־נאַקעטע קוסטן. און דאָס שטעגעלע, איבער וועלכן דער דאָקטאָר איז געגאַנגען, האָט אים דערפירט צו דער דערמאָנטער ראבינע.

די ראבינע איז געווען האַלב אין שניי און האַלב אין אָפּגעפרוירענע בלעטער מיט יאַגאָדקעס און זי האָט אויסגעשטרעקט צוויי פאַר־שנייעטע צווייגלעך פאָרויס, אים אַנטקעגן. ער האָט זיך דערמאָנט אַן די לענגלעכע ווייסע אָרעמס פון לאַראַן, די פולע, די געטרייע. און אַנ־

כאַפּנדיק זיך אָן די צווייגלעך, האָט ער אַ צי־געטון דאָס בוימעלע צו זיך. און ווי ענטפערנדיק מיט אַ שכלדיקער באַוועגונג, האָט אים די ראַבינע אָפּגעשאָטן מיט שניי פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט געמורמלט נישט־פאַרשטייענדיק וואָס ער רעדט, פאַרגעסנדיק־זיך אינגאַנצן:

— איך וועל דיך נאָך זען, בילד־שיינקייט מיינע, פּרינצעסין ראַבינע מיינע, לייב־אייגענע מיינע.

די נאַכט איז געווען אַ העלע. עס האָט געלויכטן די לבנה. ער האָט זיך פאַרנומען טיפער אין דער טאַיגע, צו דער געהיימער סאָסנע, אויסגעגראָבן זיינע זאַכן און ער האָט פאַרלאָזן דעם לאַגער.

דרייצנטער טייל

אנטקעגן דעם הויף מיט די פיגורן

1

פון דעם קרומען בערגל וואָס פירט צו דער נאָוואָסוואַלאַטשנער און צום מאַלאַיאַ־ספּאַסקאַיאַ־געסל, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן די גרויסע האַנדלס־גאַס באַלשאַיאַ־קופּיעטשעסקאַיאַ. אויף איר האָבן אַראָפּגעקוקט די הייזער און קלויסטערס פון די העכערע טיילן־שטאָט.

אין ראָג איז געשטאַנען דאָס טונקל־גרויע הויז מיט די פיגורן. אויף די ריזיקע פּירקאַנטיקע שטיינער פון דעם שיעף־געבויטן פונדאַמענט, האָבן זיך געשוואַרצט די פריש־אויסגעקלעבטע רעגירונגס־צייטונגען, דעקרעטן און באַשלוסן. קליינע גרופּן דורכגייער האָבן זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויפן טראָטואַר און שווייגנדיק געלייענט די שריפטן.

נאָך דעם, ווי דער שניי האָט געלאָזן, איז איצט ווידער געווען טרוקן. עס האָט געכאַפּט אַ פרעסטל. דער פראָסט האָט זיך באַדייטנד געשטאַרקט. שעהען, וואָס נישט־לאַנג צוריק האָבן שוין געטונקלט, זענען איצט געווען גאַנץ ליכטיק. דער ווינטער איז נאַרוואָס פאַרביי. די פּוסטקייט פון די באַפרייטע ערטער האָט אָנגעפילט אַ ליכטיקייט, וואָס איז נישט פאַרשוואונדן אין די אָוונטן. דאָס ליכטיקייט האָט באַאומרויקט, געצויגן אין דער ווייט, געשראָקן און אָפּגעהיטן.

נישט לאַנג צוריק האָבן פאַרלאָזן די שטאָט די ווייסע, איבערגעבנ־דיק איר אין די הענט פון די רויטע. עס האָבן זיך געענדיקט די שיסע־רייען, בלוט־פאַרגיסונגען, מיליטערישע אַלאַרמען. דאָס האָט אויך גע־שראָקן און געמונטערט, ווי דאָס אַוועקגיין פון ווינטער און דאָס לענגער־ווערן פון פרילינגדיקן טאָג.

די מעלדונגען, וואָס די גאַסן־דורכגייער האָבן געלייענט ביים ליכט פון פאַרלענגערטן טאָג, האָבן געלויטעט:

„פאַר דער אָריענטאַציע פון דער באַפעלקערונג. אַרבעטס־ביכלעך פאַר אָנגעשטעלטע באַקומט מען פאַר 50 רובל אַ שטיק אין דער באַ־שפּייזונגס־אָפּטיילונג פון יוראָסאָוועט, (יוראַטינער ראַט), אויף דער אָק־

טיאַבּרסקאיאַ־גאַס, געוועזענע גענעראַל־גובערנאַטאָרסקאיאַ־גאַס, נומער 5, צימער נומער 137.

— דאָס נישט פֿאַרמאָגן קיין אַרבעטס־ביכל, אָדער קיין נישט־ריכטיק ביכל, און נאָך מער — פֿאַר פֿאַלשע איינשרייבונגען, וועט באַשטראָפֿט־ווערן מיט דער גאַנצער האַרבקייט פֿון קריגס־צייט. גענויע אינסטרוקציעס ווי זיך צו באַנוצן מיט די אַרבעטס־ביכלעך זענען פּובליקירט־געוואָרן אין יו. ק. נומער 86 (1013) פֿון לויפֿנדן יאָר און זענען אויסגעהאנגען אין דער באַשפּייזונגס־אָפּטיילונג פֿון דער יורסאָוועט, צימער 137".

אַ צווייטע מעלדונג האָט צו וויסן געגעבן וועגן דעם פֿאַרמאָגן אַ געגנוגנדיקן שפּייז־זאַפּאַס אין שטאָט, וואָס ווערט כלומרשט באַהאַלטן דורך דער בורזשואַזיע, כדי צו דעזאָרגאַניזירן די צוטיילונג און אַריינצוברענגען אַ כאַאָס אויפֿן באַשפּייזונגס־געביט. די מעלדונג ענדיקט־זיך מיט די ווערטער:

„אַנטדעקטע אויסבאַהאַלטער פֿון שפּייז־זאַפּאַסן ווערן דערשאָסן אויפֿן אָרט".

אַ דריטע מעלדונג האָט פֿאַרגעלייגט:

„אין די אינטערעסן פֿון ריכטיק־אָרגאַניזירן די באַשפּייזונגס־ענינים, וואָס געהערן נישט צו קיין עקספּלואַטאַטאָרישע עלעמענטן, וועט אַלץ קאָנצענטרירט־ווערן אין פּאַרייניקטע קאָמונאַלע געברויכס־מאַגאַזינען. וועגן איינצלהייטן זיך ווענדן אין פּראָד־אָטדיעל פֿון יורסאָוועט, אָקטיאַבּרסקאיאַ, געוועזענע גענעראַל־גובערנאַטאָרסקאַיאַ גאַס, 5, צימער, נומער 137".

מיליטערלייט זענען געוואָרנט־געוואָרן:

„ווער עס וועט נישט אָפּגעבן דאָס געווער, אָדער ווער עס טראָגט געווער אָן אַ געהעריקער דערלויבעניש פֿון נייעם מוסטער, וועט באַשטראָפֿט ווערן לויט דער פֿולער האַרבקייט פֿון געזעץ. דערלויבענישן ווערן אויסגעטוישט אין יורעוואָקאָם (יוראַטינער רעוואָלוציאָנערער קאָמיסאַריאַט), אָקטיאַבּרסקאיאַ 6, צימער 63".

2

צו דער גרופּע לייענענדיקע איז צוגעקומען אַן אויסגעדאַרטער, שמוציקער, פֿאַרחושכטער מענטש מיט אַ פֿאַרווילדעוועטן אויסזען, מיט אַ זעקל אויף דער פּלייצע און אַ שטעקן אין דער האַנט. אין זיינע שטאַרקבאַוואַקסענע האָר איז נאָך נישט געווען קיין גרויקייט, נאָר די טונקעלע באָרד, מיט וועלכער ער איז באַוואַקסן, האָט גענומען גרויען, דאָס איז

געווען דער דאָקטאָר יורי אַנדריִיעוויטש זשיוואַגאָ. זײַן פּעלץ האָט מען פֿון אים זיכער אין וועג אַראָפּגעצויגן, אָדער ער האָט אים געפּטרט אויס־טוישנדיק אויף שפּײַז. ער איז געווען אָנגעטון אין איבערגעטוישטע, קורץ־אַרבלדיקע שמאַטעס פֿון אַ פֿרעמדן לײַב אַראָפּ, וואָס האָבן אים נישט געוואָרעמט.

אין זעקל בײַ אים איז נאָך געבליבן אַ נישט־דערעסן רעפטל־ברויט, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט אין דעם לעצטן הינטערשטאָטישן דערפל און אַ שטיקל חזיר־פֿעטס. בערך מיט אַ שעה צוריק איז ער אָנגעקומען אין שטאָט אַרײַן פֿון דער אײַזנבאַן־זײַט און עס האָט גענומען בײַ אים אַ גאַנצע שעה צײַט צו דערשלעפּן־זיך פֿון עק־שטאָט, ביז צו דער גאַסן־קרייצונג, — אַזוי איז ער געווען פֿאַרמאַטערט און אָפּגעשוואַכט פֿון די לעצטע טעג גיין צו־פֿוס. ער האָט זיך אָפּט אָפּגעשטעלט און זיך קוים אײַנ־געהאַלטן, נישט צוצופֿאַלן צו דער ערד און אויסקושן די שטיינער פֿון דער שטאָט, וועלכער ער האָט שוין נישט געהאָפּט ווען־עס־איז צו זען און מיט וועלכער ער האָט זיך געפֿרייט, ווי מיט אַ לעבעדיק וועזן.

זייער לאַנג, אַ העלפֿט פֿון זײַנע וואַנדערונגען צו־פֿוס, איז ער גע־גאַנגען לענגאויס די אײַזנבאַן־ליניעס. זיי זענען אינגאַנצן געווען פֿאַר־וואָרלאָזט און אומטעטיק און באַדעקט מיט שניי. זײַן וועג האָט זיך גע־צויגן פֿאַרבײַ גאַנצע ווײַסגוואַרדיִיִשע צוגן, פּאַסאַזשיר־און פֿראַכט־צוגן, וועלכע זענען פֿאַרכאַפּט־געוואָרן אין שניי־אָנשיט, אין דער אַל־געמיינער מפּלה פֿון קאָלטשאַקן און אין מאַנגל פֿון ברענשטאָף. אָט די אין וועג שטעקן־געבליבענע צוגן, וואָס זענען אויף תמיד פֿאַרגראָבן־גע־וואָרן אונטערן שניי, האָבן זיך געצויגן כמעט אָן איבערײַס, ווי איין לאַנגער שנור, אויף פֿיל צענדליקער ווערסט. זיי האָבן געדינט אַלס פֿעסטונגען פֿאַר באַוואָפֿנטע באַנדעס רויבער אויף די וועגן, אַלס מקום־מקלט פֿאַר אַנטלאָפֿענע קרימינעלע און פּאָליטישע פֿאַרברעכער, און פֿאַר וואָגלענדיקע שלעפּער, וואָס די צײַט האָט זיי געצוווּנגען דערצו. נאָך מער פֿון אַלץ האָבן זיי געדינט אַלס ברידער־קבֿרים, אַלס זאַמל־פּונקטן צום אײַנשלעפֿערן אויף אייביק די שטאַרבנדיקע פֿון פֿראָסט און פֿלעקטיפֿוס וואָס האָט געבושעוועט אויף דער ליניע און האָט פֿאַרשניטן אין דער אומגעגנט גאַנצענע דערפֿער.

די דאָזיקע צײַט האָט באַשטעטיקט דאָס פֿאַרצײַטישע פֿאָלקסווערטל: „איין מענטש איז צום אַנדערן אַ וואָלף". איין וואַנדערער, דערזעענדיק דעם אַנדערן, האָט זיך פֿאַרנומען אָן אַ זײַט. איינער האָט דערהרגעט דעם אַנדערן, כּדי אַליין נישט געהרגעט צו ווערן. עס זענען געשען אײַנצלנע פֿאַלן פֿון מענטשן־פֿרעסערײַ. די מענטשלעכע געזעצן פֿון ציוויליזאַציע האָבן

זיך געענדיקט. עס זענען אַריין אין קראַפט חיהשע דזשונגל־געזעצן. דעם מענטשן האָבן זיך געחלומט פּרעהיסטאָרישע חלומות פון דער היילן־תקופה.

איינזאַמע שאָטנס, וואָס האָבן זיך צייטנווייז אַרויפגעשלייכט פון דער זייט, האָבן שרעקעוודיק אַריבערגעאיילט דעם וועג, ווייט־ווייט פון אים. ווען יורי אַנדרייעוויטש האָט נאָר געקענט, האָט ער זאָרגפעליק געמאַכט אַן אומוועג, זיי אויסצומיידן. זיי האָבן אים אָפט אויסגעזען באַקאַנט, ווי ערגעץ שוין געזען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלע שלייכנדיקע שאָטנס זענען פון דעם פּאַרטיזאַנישן לאַגער. אין מערסטנטייל פאַלן, איז דאָס געווען אַ טעות, נאָר צייטנווייז האָט אים דאָס אויג נישט אָפּגענאַרט. אַן אַרויסגעקראָכן בחורל פון דעם שנייאיקן באַרג, וואָס האָט פאַרדעקט דעם קאָרפּוס פון אינטערנאַציאָנאַלן שלאָף־וואַגאָן, און וואָס אָפּטוענדיק זיין באַדערפעניש, האָט ער זיך צוריך פאַרטייעט אין זיין הייל, איז ווירקלעך געווען פון די וואַלד־ברידער. דאָס איז געווען דער מכלומרשט אויף טויט־דערשאָסענער טירענטי גאַלוזין. מען האָט אים דאַן געשאָסן און נישט דערשאָסן. ער איז געלעגן אין אַ לאַנגן הינערפלעט, צו־זיך געקומען, אַוועקגעקראָכן פון עקזעקוציע־פּלאַץ, זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד, זיך אויסגעהיילט די וווּנדן און איצט, אונטער אַ פרעמדן נאָמען, געהיים, שלעפּט ער זיך צו זיינע אייגענע און קרעסטאָוואָזדוויזשענסק, היטנדיק זיך אין וועג פאַר די מענטשן פון די פאַרשאָטענע צוגן.

די דאָזיקע בילדער און פאָרשטעלונגען האָבן געמאַכט אַן איינדרוק ווי עפּעס נישטדאָיקע, נאָר טראַנסצענדענטאַלע. ווי פראַגמענטן פון עפּעס אומבאַקאַנטע פּלאַנעטישע עקזיסטענצן, וואָס זענען על־פּי־טעות פאַרטראָגן־געוואָרן אויף דער ערד. און בלויז די נאַטור איז געטריי־געבליבן דער געשיכטע און האָט זיך געצייכנט פאַרן אויג, ווי עס האָבן איר געמאָלן די מאָדערנסטע קינסטלער פון דער היינטיקער צייט.

עס האָבן זיך געשטעלט שטילע ווינטער־אָוונטן, העל־גרויע, טונקל־ראָזע. אין העלן שקיעה־שיין האָבן זיך געטונקלט שוואַרצע בערעזע־קרוינען, דינע, ווי שריפט־שטריכן. געפלאָסן זענען שוואַרצע שטראָמען פון דער אָנגעוועבערגלטן שניי, וואָס האָט זיך אונטן געטונקען אין אַ טונקעלן טייך. און אָט אַזאַ אָוונט, אַ פרעסטלדיקער, אַ דורכזיכטיק־גרויער, אַן אומעט־נאָגנדיקער, ווי מאָכיקע ווערבעס, האָט געזאָלט צופאַלן אין אַ שעה אַרום קעגנאיבער דעם הויז מיט די פיגורן אין יוראַטין.

דער דאָקטאָר איז צוגעקומען צו די מעלדונגען פון דער צענטראַל־דרוקעריי, וואָס אויף דער מויער־וואַנט פון הויז, כדי איבערצוקוקן די מעלדונגען פאַר דער עפנטלעכקייט. נאָר זיין בליק איז יעדע ווײַלע גע־

פאַלן אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט, געוועדנדעט אַרויף, צו די עטלעכע פענצטער פון צווייטן שטאָק אין קעגנאיבערדיקן הויז. די פראָנט־פענצטער זענען אַמאָל געווען ווייס־אָפּגעקאַלכט. אין זייערע צוויי צימערן איז געווען אַנגעלייגט דאָס מעבל פון די געוועזענע באַלעבאַטים. כאָטש דער פּראָסט האָט איצט באַדעקט די שויבן מיט אַ דינעם אייז־קרישטאָל, האָט מען געקענט זען, אַז זיי זענען איצט דורכזיכטיק און אָפּגעוואַשן פון דעם קאַלך. וואָס באַדייט די דאָזיקע ענדערונג? האָבן זיך דען אומגעקערט די באַלעבאַטים? אָדער לאַרא איז אַוועקגעפאָרן, און דער וווינונג זענען אַנדערע איינוווינער און אַצינד האָט זיך דאָרט אַלץ געענדערט?

דאָס נישט וויסן האָט דעם דאָקטאָר באַאומרויקט. ער האָט זיין אומרו נישט געקענט באַהערשן. ער איז אַריבערגעגאַנגען די גאַס, אַריין אין הויז און גענומען אַרויפשטייגן איבער די באַקאַנטע און האַרציק־טייערע פראָנט־טרעפּ. ווי אָפט פלעגט אין וואַלד־לאַגער אין אים אויפגיין דער קנויל דערינערונגען, אָט די נעץ געגאָסענע טרעפּ. פון אויבן ערגעץ אַראָפּקוקנדיק, דורכן אייזערנעם געפלעכט אונטער די פיס, האָט ער געזען אַנגעוואָרפן אונטער די טרעפּ צעבראָכענע עמערס, הינקענדיקע, צעבראָכענע שטולן. אַזוי איז אויך איצט געווען. עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט, אַלץ איז געבליבן ווי געווען. דער דאָקטאָר איז כמעט דאַנקבאַר געווען דעם טרעפּן־צימער פאַר זיין געטריי בלייבן דער פאַרגאַנגענהייט.

אַמאָל איז אין טיר געווען אַ גלעקל. נאָר ער איז קאַליע־געוואָרן און איז געווען אומטעטיק נאָך אין דער פריערדיקער צייט, פאַרן נעמען געפאַנגען דעם דאָקטאָר אין וואַלד אריין. ער האָט געוואָלט אָנקלאַפּן אין דער טיר און האָט באַמערקט, אַז זי איז פאַרשפאַרט אויף אַ נייעם אופן, מיט אַ שווערן הענג־שלאָס אין דיקע רינגען, אַריינגעשרויפטע אין דער געשמידטער דעמבענער טיר מיט שיינע, ערטערווייז, אַרויסגעפאַלענע גוס־אָרנאַמענטן. פריער האָט מען זיך אויף אַזעלכע באַרבאַריזמען נישט דערלויבט. מען האָט זיך באַנוצט מיט אינווייניקסטע, אין דער טיר־אַריינגעפּאַסטע שלעסער, וואָס האָבן זיך גוט פאַרשלאָסן. און אויב זיי זענען קאַליע־געוואָרן, זענען געווען דערויף שלאָסער־מעכאַניקער צום פאַריכטן. אָט די מינדערוועריקע קלייניקייט האָט אויף אַן אייגענעם אופן דערציילט וועגן דער אַלגעמיינער, שטאַרק־פאַרויסגעגאַנגענער פאַרערגערונג.

דער דאָקטאָר איז זיכער געווען, אַז לאַרא און קאַטיענקאַ זענען נישטאָ אינדערהיים און עס קען זיין, אַז אויך נישט אין יוראַטין און אפשר — בכלל נישט אויף דער וועלט. ער איז גרייט געווען אויף דער סאַמע שרעקלעכסטער ענטוישונג. כדי צו האָבן אַ ריין געוויסן, האָט ער

באַשלאָסן אַ שאַר צו־טון אין דעם לאַך, פאַר וועלכער ער און קאַטיענקאַ פלעגן זיך אַזוי שרעקן און פלעגן פריער קלאַפּן מיט דעם פוס אין דער וואַנט, כדי נישט אַנצוטרעפן מיט דער האַנט אַן אַ שטשור דאָרטן. ער האָט קיין שום האָפענונג נישט געהאַט צו געפינען עפעס־וואָס אין דעם אָפּגעשמועסטן אָרט. דאָס לאַך איז פאַרלייגט געווען מיט אַ ציגל. יורי אַנדרייעוויטש האָט אַרויסגענומען דעם ציגל און אַריינגערוקט די האַנט אין דער אויסגעהוילטקייט. אָ, נסים! דער שליסל און אַ צעטעלע. דאָס צעטעלע איז אַ גענוג לאַנגס, אויף אַ גרויסן בויגן. דער דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען צום פענצטערל פון טרעפּן־צימער, אויפן אייזערנעם בריקל. נאָך אַ גרעסערער נס! אַן אויסטערלישער! דאָס צעטעלע איז טאַקע געשריבן צו אים! ער האָט עס שנעל איבערגעלייענט:

„גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ גליק! מען זאָגט, אַז דו לעבסט און דו האָסט זיך אָפּגעפונען. מען האָט דיך געזען אין דער אומגעגנט, איז מען געקומען צולויפן און מיר אָנגעזאָגט. פאַרשטעלנדיק־זיך, אַז דו וועסט קודם־כל איילן קיין וואַריקינאָ, לאָז איך זיך זעלבסט אויך אַהין מיט קאַטיענקאַן. אויף יעדן פאַל, איז דער שליסל אויף זיין געוויינלעכן אָרט. וואַרט אויף מיין צוריק־קומען און גיי אין ערגעץ נישט אַוועק. יאָ, דו ווייסט עס נישט: איך פאַרנעם איצט דעם פאָדערשטן טייל פון דער וווינונג, אין די צימערן וואָס גייען־אַרויס צו דער גאַס. כאָטש דו וועסט זיך זעלבסט אָריענטירן. אין שטוב איז אַ פוסטקייט, אַ חלל. עס איז אויס־געקומען צו פאַרקויפן אַ טייל פון באַלעבאַטישן מעבל. איך לאָז־איבער אַ ביסל עסן, איבערהויפּט — אַביסל געקאָכטע קאַרטאָפל. דריק־צו דאָס דעקל פון טאָפּ מיטן פרעס־אייזן, אָדער לייג אַרויף אַן אַנדער שווערע זאַך, ווי תמיד, ווי איך האָב עס געטון, צום באַשיצן פון מייז. איך בין משוגע פון פרייד".

דאָ האָט זיך געענדיקט די רעכטע זייט פונעם צעטעלע. דער דאָק־טאָר האָט קיין אַכט נישט געלייגט, אַז דאָס צעטעלע איז אויך פאַרשריבן אויף דער אַנדערער זייט. ער האָט דאָס אויסגעשפרייטע צעטעלע אויף דער דלאָניע אויפגעהויבן צו די ליפּן און דערנאָך, נישט קוקנדיק, אייב־געלייגט און, צוזאַמען מיטן שליסל, אַריינגערוקט אין קעשענע. אַ שרעק־לעכער, שניידנדיקער ווייטיק האָט זיך צונויפגעמישט מיט זיין וואַנזיניקער פרייד: אויב זי קרעמפּירט זיך נישט, אָן קיין שום אויסרייד, צו לאָזן־זיך קיין וואַריקינאָ, הייסט עס, אַז זיין משפּחה איז דאָרט נישטאָ. אויסער דעם פּחד, וואָס דער פאַל האָט אַרויסגערופן אין אים, איז נאָך אומדערטרעג־לעכער געווען דער ווייטיק און דער צער איבער דעם גורל פון זיינע נאָענטע. פאַרוואָס האָט זי זיך מיט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעכאַפּט

וועגן זיי און וועגן דעם, ווו זיי זענען, ווי זיי וואָלטן שוין בכלל נישט עקזיסטירט.

נאָר עס איז נישט געווען קיין צייט איבערצוטראַכטן. אינדרויסן האָט גענומען ווערן פינצטער. אַ סך זאַכן האָט מען נאָך געדאַרפט באַוויזן צו טון ביים טאָג־ליכט. נישט די לעצטע זאָרג איז געווען צו באַקענען־זיך מיט די אויפגעקלעבטע דעקרעטן אויף דער גאַס. די צייטן זענען שווערע. נישט־ווייסנדיק עפּעס, האָט מען געקענט באַצאָלן מיטן לעבן פאַר איבערשרייטן אַ וועלכן־עס־איז פאַרפליכטנדיקן באַשלוס. און נישט־אויפשליסנדיק די וווינונג, מיטן זעקל אויף די אויסגעמאַטערטע פּלייצעס, איז ער אַראָפּ אונטן, אויף דער גאַס, צוגעקומען צו דער וואַנט, ווו איבערן גאַנצן שטח זענען אויסגעקלעבט־געוואָרן פאַרשידענע דרוק־זאַכן.

3

די דרוק־זאַכן זענען באַשטאַנען פון צייטונגס־אַרטיקלען, פּראָטאָקאָלן פון פאַרזאַמלונגס־רעדעס און דעקרעטן. יורי אנדרייעוויטש האָט שנעל איבערגעקוקט די קעפּלעך: וועגן סדר פון רעקוויזירן און באַלאַסטן מיט אָפּצאָל די פאַרמעגלעכע קלאַסן", "וועגן אַרבעטס־קאָנטראָל", "וועגן פאַבריקס־קאָמיטעטן". דאָס זענען געווען פאַראָרדענונגען פון דער נייער מאַכט, וואָס איז אַריין אין שטאָט, זי האָט דערמאָנט וועגן דער אומבויגזאַמקייט פון אירע איינשטעלונגען, וואָס זענען אפשר פאַרגעסן־געוואָרן דורך דער באַפעלקערונג, בעת דער צייטווייליקער הערשאַפט פון די ווייסע. נאָר יורי אַנדרייעוויטשן האָט זיך דער קאָפּ פאַרמישט פון די דאָזיקע אומענדלעך־מאָנאָטאָנע איבערחזרונגען. פון וועלכע יאָרן שטאַמען די דאָזיקע מעלדונגס־קעפּלעך? פון דער צייט פון דער ערשטער איבערקערעניש, אָדער פון די ווייטערדיקע פּעריאָדן, נאָך עטלעכע ווייסגוואַרדייאישע אויפשטאַנדן און הפסקות? וואָס זענען דאָס פאַר אַן אויפשריפטן? פאַראַיאָריקע? פאַרצוויי־יאָריקע? איינמאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך אַנטציקט מיט דעם ריקזיכטלאָזן לשון און מיט דער דירעקטער ליניע פונעם געדאַנק. צי דען־זשע דאַרף ער, פאַר דעם אומפאָרזיכטיקן אַנטציקן־זיך, באַצאָלן דערמיט, אַז ער זאָל אין לעבן קיינמאָל נישט זען מער, אויסער די דאָזיקע פאָדערונגען און משוגענע אויסגעשרייען, וואָס ענדערן זיך נישט אין פאַרלויף פון יאָרן, נאָר פאַרלירן פון זייער לעבעדיקייט, שכלדיקייט, באַקוועמלעכקייט און ווערן אַלץ מער אומאויספירבאַר? צי דאַרף ער זיך, פאַר דער איין־מינוטיקער ברייטער אָפּפערוויליקייט, אויף אייביק פאַרקנעכטן?

פון ערגעץ־ווו איז אַן אָפּגעריסן שטיקל באַריכט אַרײַנגעפֿאַלן אים אין די הענט־אַרײַן. ער האָט איבערגעלייענט:

„די ידיעות וועגן הונגער ווײַזן אויף דער אומפֿאַרשטענדלעכער נישט־טעטיקייט פֿון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. פֿאַקטן פֿון דערוויזענע מיסברויכן, העסלעכע ספּעקולאַציע. וואָס האָט געטון די ביוראָ פֿון די אָרטיקע פּראָפֿ.־אָרגאַניזאַטאָרן? וואָס האָבן געטון די שטאָטישע און די אָרומיקע לייטער פֿון פֿאַבריקס־קאָמיטעטן? ביז מיר וועלן נישט דורכ־פֿירן קיין רעוויזיעס אין די באַגאַזש־סקלאַדעס פֿון דער יוראַטינער פּראַכט־סטאַציע, אויפֿן אָפּשניט פֿון יוראַטין־ראַזווילִיע און ראַזווילִיע־ריבאַלקאַ; ביז מיר וועלן נישט אָננעמען די שטרענגסטע מאָסמיטלען פֿון טעראָר, אײַנשליסלעך — דערשיסן אויפֿן אָרט די ספּעקולאַנטן, — וועט נישט זײַן קיין רעטונג פֿון הונגער“.

עס איז מקנא־צו־זײַן אַזאַ פֿאַרבלענדעניש! — האָט דער דאָקטאָר געטראַכט — וועגן וואָס פֿאַר אַ ברויט רעדט זיך דאָ, ווען אַזוינס איז שוין לאַנג נישטאָ אין דער נאַטור? וואָס פֿאַר אַ פֿאַרמעגלעכע קלאַסן? וואָס פֿאַר אַ ספּעקולאַנטן? ווען זיי זענען שוין לאַנג פֿאַרטיליקט־געוואָרן, ווי עס איז צו דרינגען פֿון די פֿאַריקע דעקרעטן? וועלכע פּויערים און וועלכע דערפֿער, ווען זיי עקזיסטירן נישט מער? וואָס פֿאַר אַ זכרון־לאָזיקייט צו די אייגענע פֿריערדיקע פּלענער און מאָסמיטלען, וואָס האָבן שוין לאַנג נישט איבערגעלאָזן אין לעבן אַ שטיין אויף אַ שטיין? ווער און וואָס באַדאַרף מען עס צו זײַן, אַז מען זאָל מיט אַזאַ נישט אָפּגעקילטער היץ פּלאַפּלען יאָר־נאָך־יאָר איבער נישט־עקזיסטירנדיקע, שוין לאַנג־איבער־געריסענע טעמען, און גאָרנישט וויסן און גאָרנישט זען אַרום זיך?

דעם דאָקטאָר האָט זיך פֿאַרדרייט דער קאָפּ. זײַנע חושים האָבן אים פֿאַרלאָזן און ער איז געפֿאַלן אויפֿן טראָטואַר אַ באַוווסטלאָזער. ווען ער האָט צוריקגעקריגן דעם באַוווסטזײַן און מען האָט אים געהאָלפֿן זיך אויפֿשטעלן, האָט מען אים פֿאָרגעלייגט אָפּצופֿירן, וווּהין ער וועט אָנ־ווײַזן. ער האָט באַדאַנקט און זיך אָפּגעזאָגט פֿון הילף דערקלערנדיק, אַז ער דאַרף נאָר אַריבערגיין די גאַס, קעגנאיבער.

4

ער איז נאָכאַמאָל אַרויף אינדערהויך און גענומען אויפֿשליסן די טיר פֿון לאַראַס וווינונג. אויפֿן בריקל פֿון טרעפּן־צימער איז נאָך געווען גאַנץ ליכטיק, גאָרנישט טונקעלער ווי בעת זײַן ערשטן אַרויפֿקומען. ער

האָט באַמערקט מיט אָפענער פרייד, אַז די זון יאָגט אים נישט, אײַלט נישט.

דאָס סקריפּן פון דער טיר, האָט אַרויסגערופן אַ מהומה אינווייניק. די פּוסטע ווינונג האָט אים אויפגענומען מיט אַ געבראָזג און געקלאַנג פון בלעכענע כלים. עס האָבן זיך צעשאָטן און זיך פאַנאַנדערגעלאָפן שווער־לײַביקע שטשורעס. דעם דאָקטאָר האָט געאיבלט פון דער הילפסלאָזיקייט קעגן די מיאוסקייטן, וואָס האָבן זיך דאָ געווייס אַנגעפּלאָדזיעט אין אומ־געהויערע מחנות.

און איידער ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט דאָ אַ נאַכט־לעגער, האָט ער באַשלאָסן, אָפּצוצוימען־זיך פון די דאָזיקע אַנפאַלער, באַהאַלטן־זיך אין אַן אָפּגעזונדערטן, גוט־זיך־צושליסנדיקן צימער, — פאַרשפּאַרן מיט צע־בראָכן גלאָז און שטיקלעך בלעך אַלע מייז־לעכער.

פון פאָדער־צימער איז ער אַרײַן לינקס, אין אַ ווינונגס־טייל וואָס איז אים אומבאַקאַנט. אַרויסקומענדיק פון טונקעלן דורכגאַנגס־צימער, האָט ער זיך דערזען אין אַ ליכטיקן צימער מיט צוויי פענצטער צו דער גאַס אַרויס. פּונקט קעגנאיבער האָט זיך געטונקלט דאָס הויז מיט די פיגורן. דער אונטערשטער טייל פון דער וואַנט איז באַדעקט־געווען מיט אויס־געקלעבטע צײַטונגען. די דורכגייער האָבן געלייענט, שטייענדיק מיט די רוקנס צו זײַנע פענצטער.

אינווייניק און אינדרויסן איז געווען דאָס זעלבע ליכט: אַן אומ־רייף־יונג אָוונט־ליכט פון פריען פרילינג. דאָס נישט־אונטערשיידן־זיך פון דרויסנדיקן און אינווייניקסטן ליכט איז געווען אַזוי דײַטלעך, פּונקט ווי דאָס צימער וואָלט גאָרנישט געווען אָפּגעטיילט פון דער גאַס. נאָר אין איין זאַך איז געווען אַ קליינער אונטערשיד: אין לאַראַס שלאָפצימער, ווי יורי אַנדרייעוויטש איז געשטאַנען, איז געווען קעלטער ווי אינדרויסן אויף דער קופּיעטשעסקע־גאַס.

ווען יורי אַנדרייעוויטש האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאָט, ביים סוף פון זײַנע וואַנדערונגען, ווען ער איז מיט צוויי שעה צוריק געגאַנגען אין דער שטאָט מיט אַלץ־שוואַכערע כוחות, האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס דראָט אים באַלד קראַנק צו ווערן, עס האָט אים געשראָקן.

איצט האָט דאָס אײַנהייטלעכע ליכט אין שטוב און אויף דער פריי, אָן אַ סיבה, אים געפרייט. דער זייל אויסגעקילטע לופט, וואָס איז אין שטוב דער זעלבער ווי אינדרויסן, האָט אים משפּחהדיק געמאַכט מיט די אָוונטיקע גאַס־דורכגייער, מיט די שטימונגען אין שטאָט און מיטן לעבן אויף דער וועלט. זײַנע זענען פּחדים זענען פאַרשוווּנדן. ער האָט שוין נישט געטראַכט, אַז ער וועט קראַנק־ווערן. די אָוונטיקע דורכזיכטיקייט פון דער דורכגעדרונ־

גענער פרילינג־ליכט, האָט זיך אים געדאַכט צו זיין אַ האַנט־געלט אויף ווייטע און גוטע האָפענונגען. עס האָט זיך אים געגלויבט, אַז אַלץ גייט צום גוטן און ער וועט זיך צו אַלץ דערשלאָגן אין לעבן, ער וועט אַלעמען אָפזוכן און פאַרגיטיקן, ער וועט אַלץ אויפקלערן און אויסדריקן. און די באַגעגעניש־פרייד מיט לאַראַן האָט ער דערוואַרט אַלס אַ נאָענטסטע באַשטעטיקונג דערצו.

אַ וואָנזיניקע דערוואַכונג און אַ ווילדע צעפּיבערטקייט האָט געענדערט זיין פריערדיקע מאַכטלאָזיקייט. די דאָזיקע אויפלעבונג איז געווען אַ מער־דייטלעכער סימפּטאָם פון קראַנק־ווערן, ווי די פריערדיקע שוואַכקייט. יורי אַנדרייעוויטש האָט נישט געקענט איינזיצן. עס האָט אים ווידער געצויגן אין גאַס־אַרויס, און אָט צוליב וועלכער סיבה:

פאַרן איינאָרדנען־זיך דאָ, האָט זיך אים געגלוסט אָפּצושערן־זיך און אַראָפּנעמען די באָרד. שוין פריער, גייענדיק דורך דער שטאָט, האָט ער געקוקט אין די שויפענסטער פון געוועזענע רעזורעס. אַ טייל פון די דאָזיקע לאָקאַלן האָט געפּוסטעוועט, אַדער איז פאַרנומען־געווען מיט אַנדערע געברויכס־זאַכן. די איבעריקע זענען געווען געשלאָסן. נישט געווען ווי צו שערן־זיך און אָפּצוראַזירן. קיין אייגענעם גאָל־מעסער האָט יורי אַנדרייעוויטש נישט פאַרמאָגט. אַ שערל, אויב ער וואָלט אַזאַ געפונען ביי לאַראַן, וואָלט עס אים באַפרייט פון דער זאָרג. מיט אומרויקער איילקייט, האָט ער דורכגענישטערט אַלץ אויף איר טואַלעט־טישל און דאָס שערל נישט אַנטדעקט.

ער האָט זיך דערמאַנט, אַז אויף דער מאַלאַיאַ־ספּאַסקאַיאַ־גאַס, האָט זיך אַמאָל געפונען אַ שניידעריי. אויב דאָס געשעפט האָט נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירן און מען אַרבעט נאָך דאָרט, און אויב ער וועט נאָך באַוויזן צו קומען אַהין פאַר דער צייט פון שליסן דאָס געשעפט, וועט ער קענען בעטן ביי איינער פון די מייסטערינס, זי זאָל אים באָרגן אַ שערל. און ער איז ווידער אַרויס אין גאַס.

5

זיין זכרון האָט אים נישט אָפּגענאַרט. די שניידעריי איז געבליבן אויף איר אַלטן אָרט. מען האָט דאָרט געאַרבעט. די שניידעריי איז געווען אין אַ האַנדלס־לאָקאַל, גלייך פון טראָטואַר אַריינצוגיין, מיט אַ וויטרינעפענצטער אין דער גאַנצער ברייט. דורכן פענצטער האָט מען געקענט זען דעם אינווייניק אַזש ביז צו דער קעגנאיבערדיקע וואַנט. די מייסטערינס

האָבן געאַרבעט עפּנטלעך, אונטער די בליקן פון די דורכגייער אויף דער גאַס.

אינווייניק איז געווען אַ שרעקלעכע ענגשאַפט. אַלס צוגאָב צו די אמתע אַרבעטערינס, זענען דאָ וואַרשיינלעך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אויך ניי־אַמאַטאָרינס, עלטערע דאַמען פון דער יוראַטינער געזעלשאַפט, כדי צו באַקומען אַרבעט־ביכלעך, וועגן וועלכע עס האָט זיך גערעדט אין די דעקרעטן אויף דער וואַנט פון הויז מיט די פיגורן.

אין זייערע באַוועגונגען האָט מען תיכף געזען דעם אונטערשיד פון דער געניטקייט פון די אמתע שניידערינס. אין דער שניידעריי האָט מען גענייט בלויז מיליטער־קליידער, רעקלעך און וואַטענע הויזן געסטריי־געוועט, מען האָט דאָ אויך צונויפגעשטיקעוועט, ווי יורי אַנדרייעוויטש האָט עס שוין געזען אין פּאַרטיזאַנישן לאַגער, קאַמיש־אויסזעענדיקע פּעלצן פון שטיקלעך הינט־פעל פון פאַרשידענע קאָלירן. מיט אומגעניטע פינגער פאַרשטופּט די אַרונטערגעבויגענע פּאָלעס אונטער די ניי־מאַשינען, די ניי־אַמאַטאָרקעס האָבן זיך קוים אַן עצה־געגעבן מיט דער נישט־געוווינטער האַלב־קירזשנערישער אַרבעט.

יורי אַנדרייעוויטש האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און געמאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט, אַז מען זאָל אים אַריינלאָזן. מיט די זעלבע צייכנס האָט מען אים צוריק געענטפערט, אַז פון קיין פּריוואַטע באַשטעלער נעמט מען נישט־אָן קיין אַרבעט. יורי אַנדרייעוויטש איז נישט אָפּגעטרעטן און איבערגעחזרט די זעלבע באַוועגונגען, צושטייענדיק אַז מען זאָל אים אַריינלאָזן אינווייניק און אויסהערן. אָפּזאָגנדיק האָט מען אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי האָבן אייליקע אַרבעט, ער זאָל נישט שטערן און אָפּטרעטן. איינע פון די מייסטערינס האָט אויסגעדריקט אויף איר געזיכט פאַרוווּנדערונג און אַלס צייכן פון פאַרדרוס, האָט זי אים אויסגעשטרעקט אויסגעביילטע פויסטלעך. מיט די אויגן האָט זי געפרעגט, וואָס אייגנטלעך דאַרף ער. מיט צוויי פינגער, מיטן ווייז־פינגער און מיט דעם מיטלסטן, האָט ער נאָכגעמאַכט די באַוועגונג פון אַ שערנדיק שערל. זיי האָבן זיין באַוועגונג נישט פאַרשטאַנען און געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איז עפּעס אַ נישט־אַנשטענדיקער, אַן אָפּגעלאָזענער און מיט זיין אויסטערלישן אויפפירן־זיך, האָט ער געמאַכט אויף זיי אַן איינדרוק פון אַ קראַנקן, אָדער אַ משוגענעם. אין דער שניידעריי האָט מען געכאָכאָטשעט, זיך איבער־געשמייכלט און אָוועקגעמאַכט אים מיט דער האַנט, טרייבנדיק אים פון פענצטער אָוועק. צום סוף האָט ער פאַרשטאַנען צו געפינען אַ וועג דורכן הויף, אין שטוב אַריין. ער האָט אים געפונען און אָנגעקלאַפּט אין דער הינטער־טיר פון דער שניידעריי.

6

די טיר האָט געעפנט אַן עלטערע, שוואַרץ־גרוילעכע שניידערין אין אַ טונקל קלייד, אַ שטרענגע, ווייזט־אויס — די לייטערין פון דער אונטערנעמונג.

— אַט, אַ וואַסערער! זיך אַנגעטשעפּעט! אַן אַנשיקעניש, באמת. נו, שנעלער, וואָס דאַרפט איר? נישטאָ קיין צייט.

— אַ שערל דאַרף איך, זאָל עס אייך נישט וווּנדערן. איך וויל עס בעטן אויף אַ מינוט בלויז. איך וועל דאָ, אין אייער אַנוועזנהייט, אַראָפּ־נעמען די באָרד און וועל עס אייך אומקערן מיט דאַנקבאַרקייט.

אין דער שניידערינס אויגן האָט זיך באַוויזן אַן אומצוטרוילעכע פאַרווּנדערונג. עס איז געווען קלאָר, אַז זי צווייפלט אין דער נאָרמאַלקייט פון דעם מיטשמועסער.

— איך קום פון אַ וויטן וועג. נאָרוואָס אָנגעקומען אין דער שטאָט, באַוואַקסן. געוואָלט זיך אָפּשערן און קיין אין רעזורע איז נישטאָ. וואָלט איך עס אַליין געמאַכט, נאָר קיין שערל האָב איך נישט. באַרגט מיר, איך בעט אייך.

— גוט. איך וועל אייך אָפּשערן. נאָר געדענקט, אויב איר האָט עפּעס אַנדערש אין זינען, אַ וועלכע־עס־איז כיטרעקייט, ענדערן אייער אויסערלעכקייט פאַר מאַסקירונגס־צוועקן, צוליב עפּעס פּאָליטישס, איר זאָלט מיר מוחל זיין, וועל איך מיין לעבן פאַר אייך נישט מקריב־זיין. מיר וועלן אייך אָנקלאָגן וווּהין מען דאַרף. היינט איז גאָר אַן אַנדער צייט.

—דערבאַרעמט אייך, וואָס פאַר אַ געפאַר!

די שניידערין האָט אַריינגעלאָזן דעם דאָקטאָר, אַריינגעפירט אים אין אַ זייטיקן צימער, די גרויס פון אַ קאַמערל, און אין אַ רגע אַרום, איז ער געזעסן אין אַ שטול, ווי אין רעזורע, איינגאַנצן אַרומגעהילט אין אַ ליילעך, וואָס איז אים ענג פאַרשטעקט־געווען ביים אָנגעצויגענעם האַלדז.

די שניידערין איז אַוועק נאָך אינסטרומענטן און, נישט זוימענדיק־זיך לאַנג, איז זי צוריקגעקומען מיט אַ שערל, קעמעלע, מיט אַ פּאָר שער־מאַשינקעס פון פאַרשידענע נומערן, מיט אַ גאָל־מעסער און אַ רימען.

— איך האָב שוין אַלץ אין לעבן פּרובירט, — האָט זי דערקלערט, באַמערקנדיק דעם דאָקטאָרס פאַרווּנדערונג. אַלס שערערין האָב איך גע־אַרבעט, אַלס קראַנקן־שוועסטער אין דער פאַריקער מלחמה, האָב איך זיך אויסגעלערנט שערן און ראַזירן. די באָרד וועלן מיר קודם־כל אַראָפּנעמען מיט דער שער און נאָכדעם וועלן מיר אָפּראַזירן אויף ריין.

— די האָר וועט איר שערן, געפעליקס, וואָס־קירצער.

— מיר וועלן זיך באַמיען. אַזאַ אינטעליגענטער און מאַכט דעם אָנשטעל פון אַן אומוויסנדיקן. היינט מאַכט מען די צאָלונג־חשבונות נישט לויט דער וואָך, נאָר לויט דעקאַדעס (10 טעג). מיר האָבן היינט דעם זיבעצנטן און לויט די ציפערן מיט זיבעטלעך, האָבן די שערער היינט דעם אָפּרו־טאָג. אַזוי ווי איר וואָלט עס נישט געוווּסט.

— אויף מיין ערן־וואָרט. צו וואָס זאָל איך מאַכן אַזאַ אָנשטעל? איך האָב דאָך אייך געזאָגט: איך בין נישט קיין היגער. פון דער ווייט געקומען.

— רויקער. רייסט־זיך נישט. איך וועל אייך נאָך באַלד איינשניידן. הייסט עס, — געקומען צופאָרן? מיט וואָס זענט איר געפאָרן?

— מיט די אייגענע צוויי טרעטערס.

— מיטן טראַקט געגאַנגען?

— טיילווייז מיטן טראַקט און דאָס איבעריקע — מיט די באַן־ליניעס. צוגן, צוגן שטייען אונטער שניי. לוקסוסדיקע, עקסטרא, פאַר־שידענע.

— נו, אַט איז נאָך אַ שטיקל געבליבן. פון דאַנען וועלן מיר נאָך אַראָפּנעמען און געענדיקט. וועגן משפחה־ענינים געקומען?

— וואָס פאַר אַ משפחה־ענינים? אין די ענינים פון געוועזענעם פאַרבאַנד פון קרעדיט־געזעלשאַפטן. איך בין אַ רייזע־אינספּעקטאָר. מען האָט מיך געשיקט אויף אַ קאָנטראָל־נסיעה, דער טייוול ווייסט וווהין. שטעקן־געבליבן אין מזרחדיקן סיביר און קיין צוריק איז נישטאָ. באַנען זענען דאָך נישט טעטיק. איז אויסגעקומען גיין צו־פוס. גאָרנישט צו מאַכן. אַנדערהאַלבן חדשים געגאַנגען. זיך־אָנגעזען מיט אַזעלכע זאַכן, אין לעבן נישט איבערצודערציילן.

— און מען דאַרף נישט דערציילן. איך וועל אייך שכל לערנען. און איצט, וואַרט אַ רגע. אַט האָט איר אַ שפּיגל. ציט אַרויס די האַנט פון אונטערן ליילעך און נעמט אים. האָט הנאה פון זיך. נו, ווי געפעלט אייך?

— ווייניק אַראָפּגענומען, מיין איך. מען האָט געקענט אַ ביסל קירצער.

— וועט זיך די פריזור נישט האַלטן. און איך זאָג, אַז מען דאַרף גאָרנישט דערציילן. איצט איז גלייכער וועגן אַלץ צו שווייגן. קרעדיט־געזעלשאַפטן, לוקס־צוגן אונטער שניי, אינספּעקטאָרן און קאָנטראָלערן, — בעסער פאַרגעסט אַן די אַלע ווערטער. איר וועט נאָך מיט זיי ערגעץ אַריינפאַלן. מען קוקט אויף די העגטלעך און נישט ווער עס איז קענטלעך, די מעשיות פּאַסן נישט צום איצטיקן סעזאָן. נאַרט בעסער אָפּ, אַז איר זענט אַ דאָקטאָר אָדער אַ לערער. נו, אַט. די באָרד האָב איך אויף שוואַרץ

אַראָפּגעכאַפּט און איצט וועל איך זי אויף ווייס אָפּגאָלן. מיר וועלן אָנזייפן טשיק־טשיק און אויף אַ צען יאָר ייִנגער ווערן. איך גיי אַראָפּ נאָך קאָכעדיקס, איך וועל וואַסער אָנוואַרעמען.

— ווער איז די דאָזיקע פֿרוי?! — האָט דערווייל דער דאָקטאָר געטראַכט אין איר אָפּוועזנהייט, — עפּעס האָב איך אַ געפֿיל, אַז עס קען ביי אונדז זיין געוויסע באַרירונגס־פּונקטן און איך דאַרף זי קענען. עפּעס ווי איך וואָלט געזען אָדער געהערט וועגן איר. וואַרשיינלעך דערמאָנט זי מיך אָן עמיצן. נאָר דער טייוול ווייסט עס, וועמען אייגנטלעך?

די שניידערין האָט זיך צוריק געקערט.

— און איצט, הייסט עס, וועלן מיר זיך אָפּראַזירן. יאָ, הייסט עס, בעסער קיינמאָל נישט צו רעדן קיין איבעריקס. דאָס איז אַן אייביקער אמת. אַ וואָרט איז זילבער און שווייגן איז גאָלד. צוגן דאָרטן, לוקסוסדיקע, קרעדיט־געזעלשאַפֿטן. בעסער טראַכט עפּעס אויס, זאָל זיין אַ דאָקטאָר אָדער אַ לערער. און וואָס איר האָט זיך אָנגעזען, האַלט עס פֿאַר זיך. וועמען וועט איר דערמיט היינט איבעראַשן? דאָס מעסער קראַצט נישט?

— עס טוט אַביסל וויי.

— עס קראַצט, עס דאַרף קראַצן, איך ווייס עס אַליין. ליידט אַביסל, ליבינקער. אָן דעם גייט עס נישט. די האָר זענען איבערגעוואַקסן און גראָב געוואָרן. די הויט איז אָפּגעוווינט. יאָ, מיט אָנגעזעענע זאַכן וועט איר היינט קיינעם נישט איבעראַשן. מענטשן זענען געוווינט־געוואָרן. מיר האָבן אויך גאַל געשלונגען. דאָ האָט זיך, אין דער אָטאָמאַנען־צייט, אָזויגס אָפּגעטון! קידנעפּעריי, הריגות, פֿאַרשיקונגען. אויף מענטשן־יאָגד איז מען געגאַנגען. צום ביישפּיל, עפּעס אַ סאַטראַפּל דאָרטן, אַ סאָפּונאָוויעץ, האָט נישט ליב געקריגן, פֿאַרשטייט איר מיר, עפּעס אַן אָפֿיציר. שיקט ער סאָלדאַטן צום לויערן ביי די היגטערשטאָטישע וועלדלעך, אָנטקעגן קראַפּולסקיס הויז. מען אָנטוואָפֿנט אים און אונטער אַ וואָך, פֿירט מען אים אַוועק אין ראַזווילי‌ע. און ראַזווילי‌ע איז ביי אונדז דאָן געווען דאָס זעלבע, וואָס איצט די גובערניאַלע „טשעקאַ". אָן אָרט צום פֿאַרלייגן מיטן קאָפּ. וואָס שאָקלט איר מיטן קאָפּ? עס רייסט? איך ווייס, ליבינקער, איך ווייס. גאָרנישט צו מאַכן. דאָ קומט־אויס צו גיין קעגן די האָר. און האָר האָט איר ווי די דערנער. דאָס איז אַ גרויזאַמער פּלאַץ. די פֿרוי, פֿאַרשטייט זיך, באַקומט היסטעריע. די פֿרוי פֿון דעם אָפֿיציר. קאָליאַ, מיין קאָליאַ! און לויפֿט גלייך צום עלטסטן. דאָס הייסט, עס רעדט־זיך נאָר אַזוי, „גלייך". ווער וועט איר צולאָזן. פּראָטעקציע. דאָ האָט אַ געוויסע פּערזאָן אין דער שכנותדיקער גאַס געוווּסט די וועגן צום עלטסטן און האָט זיך פֿאַר אַלעמען אָנגענומען. אַן אויסנאַמסווייזער הומאַניטאַרער מענטש, נישט צו פֿאַר־

גלייכן מיט קיינעם, אַ ברייט־האַרציקער. דער גענעראַל איז געווען גאַלי־אולין, און אַרום, — לינטשערייען, אכזריות, אייפערזוכטס־דראַמען. אינגאַנצן ווי אין די שפּאַנישע ראָמאַנען.

„דאָס מיינט זי לאַראַן, — האָט זיך דער דאָקטאָר אַנגעשטויסן. נאָר אויס פאַרזיכטיקייט האָט ער געשוויגן און האָט זיך נישט באַמיט אויסצופרעגן קיין אייַנצלהייטן. — און אַז זי האָט געזאָגט „ווי אין די שפּאַנישע ראָמאַנען", האָט זי ווידער אַן עמיצן שטאַרק דערמאָנט. דווקא מיט דעם דאַזיקן וואָרט, וואָס פּאַסט זיך דאָ נישט, וואָס האָט אַזאַ שייכות ווי: פּערדס פּאַדקאָוועס אייניקל".

— איצט, פאַרשטייט־זיך, איז גאָר אַן אַנדער זאַך, כאָטש אויף קיין עקזעקוציעס, מסירות, אויספאַרשונגען, איז היינט אויך נישטאָ קיין מאַנגל. נאָר אידייאיש איז עס גאָר עפּעס אַנדערש. ערשטנס איז דאָס אַ נייע מאַכט. האָט נאָכנישט אַנגעוואָרעמט הינטער זיך דאָס בענקל. נאָך נישט געקומען צום טעם. צווייטנס, וואָס איר זאָלט נישט זאָגן וועגן זיי, זענען זיי דאָך פאַרט פּשוטן פאָלק. דאָס איז זייער כוח. מיר זענען, מיט מיר אַריינגערעכנט, געווען פיר שוועסטער. אַלע — אַרבעטערינס. זענען מיר, נאַטירלעך, געניגט צו די באָלשעוויקעס. איין שוועסטער איז געשטאָרבן. זי איז געווען פאַרהייראַט מיט אַ פּאָליטישן. איר מאַן האָט געדינט אַלס פאַרוואַלטער אין איינער פון די היגע פאַבריקן. זייער זון, מיין פּלימעניק, איז דער הויפּט פון אונדזערע דאָרפישע אויפשטענדלער, מען קען זאָגן — אַ באַרימטהייט.

„אָט דאָס איז עס!" — האָט זיך יורי אַנדרייעוויטש געכאַפּט — „דאָס איז דאָך ליווערים מומע, וואָס די גאַנצע שטאָט איז אויף איר קאָפּ... אַ קרובה פון מיקוליצינען, אַ שערערין, שניידערין, באַן־אַרבעטערין און אַן אַל־באַקאַנטע מייסטערין אין אַלע פאַכן. איך וועל, פונדעסטוועגן ווייטער שווייגן און זיך נישט אויסגעבן".

— פון קינדוויז־אָן ציט עס מיין פּלימעניק צום פאָלק. ביים פאָטער איז ער געוואַקסן צווישן אַרבעטער, אין סוויאַטאָגאָרע־באַגאַטירע. איר האָט אפשר געהערט פון די וואַריקינער פאַבריקן? זעט, וואָס טו איך דאָ מיט אייך? וואָס פאַר אַ זכרונלאָזער נאָר איך בין! אַ האַלבע גאַמבע אויסראַזירט און די צווייטע האַלבע — נישט אָפּראַזירט. אָט דאָס הייסט, פאַררעדן־זיך. און וואָס האָט איר געקוקט און גאָרנישט געזאָגט? דער זייף אויפן פּנים איז שוין אויסגעטריקנט. איך גיי אונטערוואַרעמען וואַסער. קאַלט געוואָרן.

ווען טונצעווא האָט זיך צוריקגעקערט, האָט יורי אַנדרייעוויטש געפרעגט:

— וואריקינאַ איז דאָך עפּעס אַ טויבער העק, וועלדער, וווהין עס דערגרייכט נישט קיין קלאַנג פון דער וועלט?

— ווי זאָל איך עס אייך זאָגן? אַ טויבער העק. די דאָזיקע וועלדער האָבן צוגעזען דעם גאַנצן גרויל אונדזערן. דורך וואריקינאַ זענען דורכ־געגאַנגען גרויזאַמע באַנדעס, וואָס מען ווייסט נישט וועמענס. אונדזער לשון האָבן זיי נישט געקענט. פון שטוב צו שטוב זענען זיי געגאַנגען, אַלעמען אַרויסגעפירט און דערשאָסן. און זיי זענען אַוועק אָן אַ פּיפּס. די קערפּערס זענען אַזוי ליגן־געבליבן אין שניי. ווינטערצייט איז דאָך עס פאָרגעקומען. וואָס צאַפּלט איר זיך כסדר? איך בין אייך דאָך שיעור מיטן מעסער אין גאָרגל אַריינגעפאָרן.

— איר האָט פריער געזאָגט, אַז דער שוואָגער אייערער איז געווען אַ וואריקינער איינוווינער. האָבן אים אויך נישט אויסגעמיטן אָט די גרויזאַמקייטן?

ניין, ניין. גאָט איז אַ רחמנותדיקער. ער מיט זיין פרוי האָבן זיך באַצייטנס פון דאָרטן אָפּגעטראָגן. מיט זיין נייער פרוי, מיט דער צווייטער. ווו זיי זענען, איז אומבאַוווּסט. נאָר עס איז צו גלויבן, אַז זיי האָבן זיך געראַטעוועט. אין דער סאַמע לעצטער צייט האָבן זיך דאָרט נייע מענטשן באַזעצט. אַ געקומענע משפחה פון מאָסקווע. די דאָזיקע זענען נאָך פריער אַוועקגעפאָרן. דער ייִנגערער פון די מאַנספּערשוינען, אַ דאָקטאָר, דער קאָפּ פון דער משפחה, איז פאַרשווּנדן אָן אַ שפּור. נו, וואָס הייסט „אָן אַ שפּור". מען זאָגט נאָר אַזוי „אָן אַ שפּור", נישט מצער צו זיין. און אין דער אמתן דאַרף מען פאַרשטיין: געשטאָרבן, דערהרגעט. מען האָט אים געזוכט און נישט געפונען. גלייכצייטיק האָט מען דעם אַנדערן, דעם עלטערן, צוריק אין זיין געבורט־שטאָט אַרויסגעפאָדערט. אַ פּראָפעסאָר איז ער. אַ מומחה איבער ענינים פון דאָרפס־ווירטשאַפט. די אַרויספאָדערונג, האָב איך געהערט, האָט ער באַקומען פון דער סאַמע רעגירונג אַליין. דורך יוראַטין זענען זיי פאַרבייגעפאָרן, נאָך פאַרן צווייטן קומען פון די ווייסע. ווידער טוט איר דאָס זעלבע, ליבער חבר? אַז מען זאָל אַזוי צאַפּלען און פלאַטערן אונטער אַ גאָלמעסער. איר פאַרלאַנגט צו־פיל פון אַ שערער.

„הייסט עס, אַז זיי זענען אין מאָסקווע!"

7

„אין מאָסקווע! אין מאָסקווע!" — האָט עס געזונגען אין זיין געמיט, ביי יעדן טריט, ווען ער איז צום דריטן מאָל אַרויף אויף די טשוהונענע שטיגן. די פּוסטע וווינונג האָט אים ווידער באַגעגנט מיט אַ רעש פון

שפרינגענדיקע, פאַלנדיקע, צעלויפנדיקע שטשורעס. יורי אַנדרייעוויטש איז געווען קלאָר, אַז בשכנות מיט אַט דער עקלהאַפטיקייט, וועט ער קיין אויג נישט צומאַכן, ווי מיד ער זאָל נישט זיין. דאָס צוגרייטן־זיך צום נאַכטלעגער האָט ער אָנגעהויבן מיט פאַרשטאָפּן די מייז־נאָרעס. צום גליק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין שלאָף־צימער זענען קיין סך נאָרעס נישטאָ, אַ סך ווייניקער ווי אין איבעריקן טייל וווינונג, ווו די גאַנצע פּאָדלאָגע און די גאַנצע ווענט זענען געווען אין ערגסטן צושטאַנד. מען האָט זיך אָבער געדאַרפט צואיילן. עס האָט זיך דערנענטערט די נאַכט. אמת, אין קיך אויפן טיש האָט געוואַרט אויף אים, מיט דער אויסרעכענונג אויף זיין קומען, פון וואַנט אַן אַראָפּגענומענער לאָמפּ, אַ האַלב אָנגעפילטער מיט נאַפט און דערנעבן, — אַן אָפן שעכטעלע מיט עטלעכע שוועבעלעך, אַרום צען שטיק, ווי יורי אנדרייעוויטש האָט זיי איבערגעציילט. נאָר סיי דאָס און סיי יענץ, דעם נאַפט און די שוועבעלעך האָט מען געדאַרפט שפּאָרן. אין שלאָף־צימער האָט זיך נאָך געפונען אַ נאַכט־לעמפּעלע מיט אַ גלעזל און מיט שפּורן פון נר־תמיד־אייל, וואָס עס האָבן, ביז צום דנאָ, געוויס די מייז אויפגעגעסן.

אין געוויסע ערטער זענען די בעלקעס פון די אָפּגעקרישלטע ווענט אָפּגעשטאַנען פון דער פּאָדלאָגע. יורי אנדרייעוויטש האָט אָנגעהאַקט אין די שפּאַלטן עטלעכע שיכטן גלאָז־ברוך, אויסלייגנדיק מיט די שפּיצן אינ־ווייניק אַראָפּ און אויבן גלאַטיק. די טיר פון שלאָף־צימער איז גוט צו־געשטאַנען צו דער שוועל. מען האָט זי געקענט גוט פאַרשפּאַרן און אָפּ צוימען פון דער איבעריקער וווינונג. במשך אַ שעה מיט עפּעס, האָט יורי אַנדרייעוויטש דאָס אַלץ דערלידיקט.

אַ ווינקל פון שלאָף־צימער האָט פאַרנומען אַ קאַכל־אויוון מיט אַ געפורעמטן קאַרניז. אין קיך איז אָנגעגרייט געוואָרן האָלץ, אַרום אַ צען בינטלעך. יורי אנדרייעוויטש האָט באַשלאָסן צו באַרויבן לאַראַן אויף אַ צוויי בינטלעך און זיך אָוועקגעשטעלט אויף איין קני און אָנגעלייגט האָלץ אויף דער לינקער האַנט. ער האָט דאָס האָלץ אָוועקגעלייגט אין שלאָף־צימער ביים אויוון. באַקענט די איינריכטונג פון אויוון און קאָנטראָלירט זיין צושטאַנד. ער האָט געוואָלט פאַרשליסן די טיר פון צימער, נאָר דער שלאָס איז געווען קאַליע און דערפאַר, פאַרשטאָפּט די טיר־שפּאַלט מיט אַ פּאַפּירענעם פּראָפּן. יורי אנדרייעוויטש, האָט נישט געאיילט, גענומען איינהייצן דעם אויוון.

אָנלייגנדיק די שייטלעך האָלץ אין אויוון, האָט ער באַמערקט אויף איינער פון זיי אַ סטעמפּל־סימן. מיט שטוינונג האָט ער דעם צייכן דער־קענט. דאָס איז געווען אַ סימן פון אַן אַלטן סטעמפּל. די צוויי אותיות

„קאַ“ און „דע“ אויף די נישט צעשניטענע ביימער, האָבן באַצייכנט זייער אָפּשטאַם. מיט די אותיות האָט מען אַמאָל, אין קריגערס צייטן, געסטעמפּלט די עקן קלעצער פון די קולאַבישע וואַלד־טיילן אין וואָריקינאָ, ווען די פאַבריקן האָבן געהאַנדלט מיטן עודף פון הייץ־מאַטעריאַל.

דאָס געפונען האָלץ פון דעם סאָרט אין לאַראַס באַלעבאַטישקייט, האָט עדות געזאָגט, אַז זי קען זיך מיט סאַמדיעוויאַטאָוון און אַז ער זאָרגט פאַר איר, ווי ער האָט אַמאָל באַזאָרגט דעם דאָקטאָר מיט זיין משפחה. די דאָזיקע אַנטדעקונג איז דעם דאָקטאָר געווען ווי אַ מעסער אין האַרצן. אויך פריער איז אים געווען אַ לאַסט אַנפּים יעפימאָוויטשעס הילף. איצט האָבן זיך די דאָזיקע באַלאַסטנדיקע טובות פאַרקאָמפּליצירט מיט גאָר אַנדערע געפילן.

צי דען איז אַנפּים אַזוי ווילטעטיק צו לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ, בלויז פאַר אירע שיינע אויגן? — יורי אַנדרייעוויטש האָט זיך פאָרגעשטעלט אַנפּים יעפימאָוויטשעס פרייע מאַניערן און לאַראַס ווייבלעכע איבערגעאיילטקייט. עס קען נישט זיין, אַז צווישן זיי זאָל גאָרנישט האָבן געווען.

מיט אַ היימישן קנאַקן האָבן זיך אין אויוון שטורמיש צעפלאַקערט די טרוקענע קולאַבישעווער האָלץ־שייטלעך. און מיט דער מאָס פון זייער צעפלאַמען זיך, איז אויך געשטיגן, ביז פולער זיכערקייט, יורי אַנדרייעוויטשעס בלינדע אייפערזוכט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון שוואַכע פאַרדאַכטן.

נאָר זיין נשמה איז צעפליקט־געווען, איין ווייטיק האָט אַרויסגעשטויסן דעם אַנדערן. ער האָט נישט געמוזט פאַרטרייבן די פאַרדאַכטן. אָן אָנשטרענגונג זענען די געדאַנקען אַליין, אַריבערגעשפּרונגען ביי אים פון איין קעגנשטאַנד צום אַנדערן. די געדאַנקען וועגן זיין משפחה, וואָס זענען אים ווידער באַפאַלן מיט כוח, האָבן אויף אַ צייט פאַרדעקט זיינע אייפערזוכטס־אויסטראַכטענישן.

„הייסט עס, אַז איר זענט אין מאָסקווע, מיינע טייערע!“ עס האָט זיך אים שוין געדאַכט, אַז טונצעוואַ האָט באַשטעטיקט זייער אָנקומען בשלום. האָט איר ווידער, אַדורכגעמאַכט דעם לאַנגן, שווערן וואַנדערוועג אָן מיר? ווי זענט איר דערפאָרן? וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרויספאָדערונג, אויף וואָס פאַר אַ שליחות האָט מען אים איינגעלאַדן, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטשן? געוויס אַן איינלאַדונג פון דער אַקאַדעמיע, צו באַנייען דאָרט זיינע פאָרטראַגן? וואָס האָט איר געפונען אינדערהיים? און צו עקזיסטירט דען נאָך בכלל אונדזער הויז? אָ, ווי שווער און ווייטיקדיק, גאָט מיינער! אָ, נישט טראַכטן, נישט טראַכטן! ווי די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך עס! וואָס טוט זיך מיט מיר, טאָניאַ? איך ווער,

דאַכט־זיך, קראַנק. וואָס וועט זיין מיט מיר און מיט אייך אַלע, טאַניאַ, טאַניטשקאַ, טאַניאַ, שוראַטשקאַ, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש? אַלע האָבן מיך פאַרלאָזן און דו האָסט פאַרשטעלט דיין פּנים פאַר מיר, מיין נישט־פאַרגייענדיקע זון? פאַרוואָס אַ גאַנץ לעבן פאַרטראָגט עס אייך אַוועק אָן אַ זייט פון מיר? פאַרוואָס זענען מיר תמיד צעשיידט? נאָר מיר וועלן זיך פאַראייניקן בקרוב, זיך צוזאַמענפאַרן, נישט אמת? איך וועל צו־פוס זיך דערשלעפּן צו אייך, ווען אַנדערש איז נישט מעגלעך. מיר וועלן זיך זען. אַלץ וועט אויפסניי זיין אין אָרדענונג, נישט אמת? נאָר ווי טראָגט עס מיך די ערד, ווען איך פאַרגעס כסדר, אַז טאַניאַ האָט געזאָלט געבוירן און זי האָט וואַרשיינלעך געבוירן. נישט דאָס ערשטע מאָל ווייז איך דאָך אַרויס אַזאַ נישט־געדענקען. ווי איז אַדורך איר געבורט? ווי האָט זי געבוירן? פאַרנדיק קיין מאָסקווע, זענען זיי געווען אין יוראַטין. כאָטש אמת איז, אַז לאַראַ קען זיך נישט מיט זיי, נאָר אָט, דער שניידערין און שערערין, אַ פולשטענדיק־זייטיקער מענטש, איז זייער גורל נישט געבליבן אומבאַקאַנט, און לאַו״אַ האָט מיט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעכאַפּט־זיך אין דעם צעטעלע, וועגן זיי. וואָס פאַר אַן אויסטערלישע נישט־אויפמערקזאַמקייט, וואָס באַצייכנט גלייכגילטיקייט אָן אַ מאָס! אַזוי אומדערקלערלעך, ווי דאָס פאַרשוויגן אירע באַציונגען מיט סאַמדיעוויאַטאָוון.

דאָ האָט יורי אַנדרייעוויטש, מיט אַ מער פאַרשנדיקן בליק, אַרומגענומען די ווענט פון דעם שלאָף־צימער. געוווּסט האָט ער, אַז צווישן די שטייענדיקע און צעהאַנגענע זאַכן אין צימער אַרום, געהער קיין זאַך נישט צו לאַראַן, און אַז דאָס אויסמעבלירונג פון די פריערדיקע אומבאַקאַנטע, אויסבאַהאַלטנדיקע באַלעבאַטים, זאָגט בכלל נישט עדות אויף לאַראַס געשמאַק.

נאָר דאָך, איז אים פלוצלונג געוואָרן אומהיימלעך צווישן די מענער און פרויען, וואָס קוקן צו אים אַראָפּ פון די ווענט, ווי פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיעס. אַ מין שנאה טראָגט־זיך פון דעם געשמאַקלאָזן מעבל צו אים. ער האָט זיך דערפילט פרעמד, איבעריק אין דעם דאָזיקן שלאָף־צימער.

און ער, דער נאַר, וויפלמאָל האָט ער דערמאָנט דאָס הויז, זיך אויסגעבענקט נאָך אים, און ער איז אַריין אין דעם צימערל, נישט סתם אין אַ צימער, נאָר דורך בענקשאַפט צו לאַראַן, ווי קאָמיש איז דער אופן פון פילן, ווען מען קוקט אויף דעם פון אַ זייט! צו דריקן זיך אַזוי אויס, צו לעבן און פירן־זיך אַזוי שטאַרקע מענטשן, פּראַקטישע, שיינע מאַנספערשוינען, ווי סאַמדיעוויאַטאָוו, למשל? און פאַרוואָס זאָל לאַראַ שטעלן העכער זיין כאַראַקטערלאָזיקייט, זיינע טונקעלע, נישט־רעאַלע פאַרגע־

טערונגס־ווערטער? אַזוי גוויטיקט זי זיך עס אין דעם דאַזיקן פּלאָנטער־נישט? וויל זי זיין דאָס, וואָס זי איז פאַר אים?

און וואָס איז זי דען פאַר אים? אָ, אויף דער פראַגע האָט ער תמיד אַ פאַרטיקע תשובה.

אַט איז אַ פרילינג־אָוונט אינדרויסן. די לופט איז פול מיט קלאַנגען, שטימען פון זיך־שפּילנדיקע קינדער פון גאַנט און ווייט, ווי אונטערצושטרייכן, אַז די דאָזיקע ברייטקייטן זענען איינגאַנצן באַלעבט. און די דאָזיקע ווייטקייטן, דאָס איז, דאָס באַרימטע מוטערל רוסלאַנד, די אומפאַרגלייכלעכע, די מאַרטירערין, די עקשנטע, די שטיפערין, די וואַנזיניקע, פאַרגעטערטע, וואָס איר קלאַנג גייט איבער ימען, אייביקער פאַרשריט און אומקום זענען אירע גענג, וואָס זענען קיינמאָל נישט פאַראויסצוזען. אָ, ווי זיס איז דער קיום! ווי זיס איז צו לעבן אויף דער דער וועלט און ליב צו האָבן דאָס לעבן! ווי עס ציט צו זאָגן אַ דאַנק דעם לעבן גופא, דער עקזיסטענץ גופא, זאָגן דאָס זיי גלייך אין פּנים אַריין!

און דאָס אַלצדינג איז לאַראַ. מיט זיי איז נישט צו רעדן, זי איז זייער פאַרשטייערין, זייער אויסדרוק, דאָס געשאַנק פון וואָרט און געהער, וואָס איז איר געגעבן געוואָרן דורך די פאַרהוילענע יסודות פונעם דאַזיין. און דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך פריער אין מיר אַריינגעשפאַרט וועגן איר אין אַ מינוט פון צווייפל, איז שקר! פאַקטיש, ווי פּולקאַם, אָן דעם מינדסטן פּגם, איז אַלץ, אַלץ אין איר!

טרערן פון באַגייסטערונג און חרטה האָבן פאַרנעפּלט זיין בליק. ער האָט געעפנט דאָס אויוון־טירעלע און אַ שאַר־געטון מיט דער קאַטשערע. דעם אויפפלאַמענדיקן זשאַר האָט ער פאַרשטופּט צו דער סאַמע טיף פון אויוון און די נישט־דערברענטע גלאָוונעס האָט ער צוגעשאַרט צום פאַרנט, ווו עס איז געווען אַ שטאַרקערער דורכצוג. אַ שטיקל צייט האָט ער נישט צוגעמאַכט דאָס טירל. ער האָט הנאה געהאַט צו פילן די שפּיל פון וואַרעמקייט און ליכט אויף זיין פּנים און הענט. דער באַוועגלעכער אָפּשיין פון די פלאַמען האָט אים גענצלעך אויסגעניכטערט. אָ, ווי זי פעלט אים איצט זייער, ווי ער נויטיקט זיך אין עטוואָס קרעפטיקס וואָס דרינגט אַרויס פון איר, פון לאַראַן.

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע איר איינגעלייגט בריוול. דאָסמאָל מיט דער פאַרקערטער זייט, נישט ווי ער האָט עס פריער געלייענט, און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס בריוול איז פאַרשריבן אויך פון דער אַנדערער זייט. באַטראַכט דאָס צעקנייטשטע פּאַפּירל און ביים טאַנצנדיקן ליכט פון איינגעהייצטן אויוון האָט ער געלייענט:

„וועגן דיין משפּחה ווייסטו. זיי זענען אין מאָסקווע. טאָניא האָט

געבוירן אַ טעכטערל״. ווייטער זענען געווען אויסגעמעקט אייניקע שורות. נאָכדעם איז געשטאַנען: „איך האָב אויסגעמעקט, ווייל עס איז נאַריש צו שרייבן וועגן דעם אין אַ צעטעלע. מיר וועלן זיך דורכריידן אויג־אויף־אויג. איך אייל זיך, איך לויף באַקומען פערד. איך ווייס נישט וואָס איך וועל טוען, אויב איך וועל נישט באַקומען. מיט קאַטיענקאַן וועט זיין שווער...״ דער סוף פסוק איז געווען אָפּגעמעקט און נישט לעזבאַר.

„אַ פערד איז זי געלאָפן בעטן ביי אנפימען און זי האָט עס געוויס אויסגעבעטן, זי איז דאָך געפאָרן״, — האָט רויק געטראַכט יורי אַנדריי־עוויטש. „ווען איך געוויסן וואָלט נישט געווען פולקאָם־ריין, וואָלט זי דאָך נישט דערמאָנט די דאָזיקע איינצלהייט״.

8

ווען דער אויוון האָט זיך אויסגעברענט, האָט דער דאָקטאָר פאַר־מאַכט דעם קוימען און עפּעס צוגעביסן. נאָכן עסן איז אים באַפאַלן אַן אומבאַזיגבאַרע שלעפעריקייט. ער האָט זיך געלייגט, נישט־אויסטוענדיק־זיך, אויף דער קאַנאַפּע און איז פעסט איינגעשלאָפן. ער האָט נישט גע־הערט די חוצפּהדיקע, פאַרטויבנדיקע שכנים־שטשורעס וואָס זענען גע־שפרונגען הינטער דער טיר און ווענט פון צימער. צוויי שווערע חלומות האָבן זיך אים געחלומט כסדר איינער נאָכן אַנדערן.

ער געפונט זיך אין מאָסקווע, הינטער אַ פאַרשלאָסענער גלאָז־טיר, וועלכער ער האָט, צוליב זיכערקייט, איר קלאַמקע צוגעצויגן צו זיך. הינטער דער טיר האָט געצאַפּלט, געוויינט, און געבעטן־זיך אַריינצולאָזן אים, זיין זונעלע שוראָטשקע אין קינדער־מאַנטעלע, היטעלע און מאַט־ראָזן־הייזעלעך, אַ ווויליינקער, אַן אומגליקלעכער. הינטערן קינד האָט אויף אים און אויף דער טיר געשפּריצט מיט גערויש און געהילך, אַ וואַסער־פאַל פון דער קאַליע־געוואָרענער, מסתמא, וואַסער־לייטונג אָדער קאַנאַ־ליזאַציע, אַ געוועגלעכע דערשיינונג אין יענער עפּאָכע — אָדער עס קען גאָר זיין, אַז עס האָט זיך דאָרט אָפּגעריסן, און זיך אַן זיין טיר געשפּאַרט עפּעס אַ ווילדער באַרג־מאַסיוו, אין וועלכן עס געוועלטיקט אַן עזותדיקע פאַרפלייצונג, קעלטן און פינצטערניש, וואָס האָבן זיך איינגעזאַמלט, פון זינט דעם וועלט־באַשאַף.

דער רעש פון פאַלנדיקע באַרג־אָפּריסן און פון אַרויספלייצנדיקן וואַסער, האָט דאָס קינד דערשראָקן אויף טויט. מען האָט נישט געהערט, וואָס ער האָט געשריען. דער געהילך האָט פאַרטויבט דעם ייִנגלס געשרייען.

נאָר יורי אַנדרייעוויטש האָט געזען, אַז מיט די ליפּעלעך פֿורעמט ער אויס די ווערטער: „טאַטעלע! טאַטעלע!"

יורי אַנדרייעוויטשן איז דאָס האַרץ צעריסן געוואָרן. מיט זיין גאַנצן וועזן האָט ער געוואָלט כאַפּן דאָס יינגל אויף די הענט, צודריקן צו דער ברוסט און אַנטלויפן מיט אים, נישט־אומקוקנדיק־זיך, וווּהין די אויגן וועלן טראָגן.

נאָר באַגייסטערנדיק־זיך מיט טרערן, האָט ער געצויגן צו זיך די קליאַמקע פֿון דער פֿאַרשלאָסענער טיר און האָט נישט אַריינגעלאָזן דאָס יינגל, ברענגענדיק אים אַלס קרבן צו די פֿאַלש־פֿאַרשטאַנענע געפֿילן פֿון ערע און פֿליכט צו אַ צווייטער פֿרוי, וועלכע איז נישט געווען די מוטער פֿונעם יינגל און זי האָט יעדע מינוט געקענט אַריינקומען אין צימער פֿון דער צווייטער זייט.

יורי אַנדרייעוויטש האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין אַנגסט־שווייס און אין טרערן. „איך האָב היץ. איך ווער קראַנק" — האָט ער דאַן געטראַכט — „דאָס איז נישט קיין טיפֿוס. דאָס איז עפּעס אַ שווערע, געפֿערלעכע פֿאָרם פֿון אַ קרענק, וואָס קומט פֿון דערשעפּטקייט. עפּעס אַ קרענק מיט אַ קריזיס, ווי ביי אַלע ערנסטע אינפֿעקציעס, און די גאַנצע פֿראַגע באַשטייט אין דעם, וואָס עס וועט זיגן: דאָס לעבן אָדער דער טויט. אָך, ווי עס ווילט־זיך שלאָפֿן!" — און ער איז ווידער איינגעשלאָפֿן.

עס האָט זיך אים געחלומט אַ פֿינסטערער ווינטער־באַגינען, אויף עפּעס אַ באַלעבטער גאַס אין מאָסקווע, לויט אַלע סמנים, — פֿאַר דער רעוואָלוציע, אורטיילנדיק לויט דער באַגינענדיקער באַלעבטקייט, לויטן קלינגען פֿון די ערשטע טראַמוויי־וואַגאָנען, לויטן ליכט פֿון די נאַכט־לאַמטערנעס, וואָס האָבן זיך געצויגן אין געלע פֿאַסן איבערן גרויען, פֿאַרטאָגיקן שניי אויפֿן ברוק.

עס האָט זיך אים געחלומט אַ לאַנג־אויסגעצויגענע וווינונג מיט אַ סך פֿענצטער, אַלע אין איין זייט, נישט הויך איבער דער גאַס, וואָרשיינלעך אויפֿן צווייטן שטאָק, מיט נידעריק־אַראָפּגעלאָזענע פֿאַרהאַנגען, ביז צו דער ערד. אין דער וווינונג זענען געשלאָפֿן אין פֿאַרשידענע פּאָזעס, ווי היינטערוועגנס, נישט־אויסגעטוענע מענטשן, און געווען איז אַן אומאָרדענונג ווי אין אַ וואַגאָן. שיריים פֿון עסנוואַרג איז געלעגן אין פֿאַרפֿעטסטע, אויסגעשפּרייטע צייטונגען: אויסגענאַגטע ביינדלעך פֿון געבראָטענע עופֿות, פֿליגעלעך און פּיסלעך. און עס זענען געשטאַנען פֿאַרנוויז אויסגעשטעלטע אויף דער פּאָדלאָגע שוכוואַרג, אויסגעטוענע אויף ביינאַכט, פֿון קרובים און באַקאַנטע, פֿון דורכפֿאָרנדיקע און היימלאָזע. איינגאַנצן אַ פֿאַרזאָרגטע, האָט זיך איבער דער וווינונג אַרומגעטראָגן, איילי

און רוישלאָז, פון איין עק צום אַנדערן, די באַלעבאָסטע לאָרא, אין אַן אַרויפגעכאַפּטן אַרומגעוואָרטלטן שלאָפראָק; ער איז איר נאָכגעגאַנגען טריט־ביי־טריט, און איר כסדר עפּעס אויפגעקלערט אומגעלומפּערט און נישט צו דער זאַך; און זי האָט אָבער פאַר אים קיין רגע געדולד נישט געהאַט, און אויף אַלע זיינע דערקלערונגען האָט זי, איילנדיק, געענטפערט מיטן אויסדרייען דעם קאָפּ צו אים, מיט שטילע, אומפאַרשטענדלעכע בליקן און מיט אומשולדיקע אויסברוכן פון איר אומפאַרגלייכלעך זילבער־־ קלאַנגיקן געלעכטער, — די איינציקע אויסדרוקן פון נאָענטקייט, וואָס עס איז נאָך פאַר זיי געבליבן. אַזאַ ווייטע און קאַלטע און צוציִענדיקע איז געווען די פרוי, וועלכער ער האָט אַלץ אָוועקגעגעבן, וועלכער ער האָט פון אַלץ אויסדערווילט און אַנטקעגן וועלכער, אַלץ איז נישטיק און ווערטלאָז.

9

נישט ער אַליין, נאָר עפּעס אַלגעמיינס, מער, ווי ער אַליין, האָט געיאָמערט און געוויינט אין אים מיט צאַרטע און ליכטיקע ווערטער, וואָס האָבן געלויכטן ווי פאָספאָר אין דער פינצטערניש. און צוזאַמען מיט זיין וויינענדיקער נשמה, האָט ער אַליין געוויינט. עס איז אים געווען אַ רחמנות אויף זיך.

„איך ווער קראַנק, איך בין קראַנק, — האָט ער געקלערט אין די מינוטן פון מח־קלאָרקייט, אויף די גרענעצן פון חלומות, היץ־פלוידערייען און פאַרלירן דאָס באַוווסטזיין, — דאָך איז עס עפּעס אַ מין טיפּוס, וואָס ווערט נישט באַהאַנדלט אין די האַנט־ביכער, וואָס מיר האָבן נישט גע־לערנט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט. מען וואָלט געדאַרפט עפּעס צו־גרייטן. מען דאַרף עפּעס אָפּעסן, אַנדערש, וועל איך שטאַרבן פון הונגער.

נאָר שוין ביים ערשטן פּרווו זיך־אויפצוהויבן אויפן עלנבויגן, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז עס קלעקן אים נישט קיין כוחות זיך צו רירן און ער איז געבליבן אין אָנמאַכט, אָדער ער איז איינגעשלאָפן.

— ווי לאַנג ליג איך דאָ אַן אַנגעטוענער? — האָט ער איבער־געטראַכט אין איינער פון אַזאַ איבערוועקן זיך — וויפל שעה? וויפל טעג? ווען איך בין אַנידערגעפאַלן, האָט זיך אָנגעהויבן דער פרילינג. און איצט איז אַ פרעסטל אויפן פענצטער, אַזאַ שיטערער און שמוציקער, וואָס צוליב אים איז אַזש פינצטער אין צימער.

אין קיך האָבן די שטשורעס אַרומגערודערט איבער די איבער־געקערטע טעלער, זענען אַרומגעלאָפן פון יענער זייט מיט שווערע לייבער

געפאַלן אויף דער פּאַדלאָגע, עקלהאַפטיק געיאָמערט און געקוויטשעט מיט קאָנטראַ־אַלט קולות.

ער איז ווידער איינגעשלאָפן און זיך איבערגעוועקט און דערזען, אַז די שנייאיקע נעץ אויף די פראָסט־באַהויכטע שויבן איז פאַרגאָסן מיט ראָזע זון־שטראַלן, ווי מיט רויטן ווייַן, אָנגעגאָסענע אין קרישטאַלענע בעכער. ער האָט נישט געוווּסט און געפרעגט: וואָס פאַר אַ זון־שיין איז דאָס, פון אויפגאַנג, אָדער פון שקיעה?

צייטנווייז האָט זיך אים געדאַכט, אַז מענטשלעכע שטימען הערן זיך ערגעץ זייער נאָענט, און דאָס האַרץ איז אים איינגעפאַלן פון שרעק, אפשר באַדייט דאָס משוגעת. מיט טרערן פון רחמנות צו זיך אַליין, האָט ער אין האַרצן געטענהט צום הימל, פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעקערט פון אים און אים פאַרלאָזן. „זאָלסט נישט פאַרבאַרגן דיין פּנים פון מיר, אין טאָג פון מיין נויט, בויג דיין אויער צו מיר, אין טאָג וואָס איך רוף, ענטפער מיר גיך".

און פּלוצלונג האָט ער באַנומען, אַז ער דרימלט נישט און דאָס איז די פולע ווירקלעכקייט, אַז ער איז אויסגעטון, אָרומגעוואַשן, און ער ליגט אין אַ ציכטיק העמד נישט אויף דער קאַנאַפּע, נאָר אויף פריש־איבער־געצויגן בעטגעוואַנט און, אַז צונויפמישנדיק אירע האָר מיט זיינע און אירע טרערן מיט זיינע, וויינט מיט אים צוזאַמען און זיצט ביי זיין בעט און בויגט זיך אַריבער איבער אים — לאַראַ. און ער האָט פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין פון גליק.

10

בעת זיין רעדן פון היץ, נישט לאַנג צוריק, האָט ער געהאַט טענות צום גלייכגילטיקן הימל, אָבער דער הימל האָט זיך אין זיין פולער ברייטקייט אַראָפּגעלאָזן צו זיין געלעגער און צוויי ווייסע פרויען־אָרעמס האָבן זיך געצויגן צו אים. עס זענען אים פאַרנעפּלט געוואָרן די אויגן פון פרייד און, ווי מען פאַלט אין באַוווּסטלאָזיקייט, אַזוי איז ער אַריינגע־פאַלן אין אַן אָפּגרונט פון גליקזעליקייט.

אַ גאַנץ לעבן איז ער געווען טעטיק, אייביק פאַרנומען: געאַרבעט אין שטוב, געהיילט, געטראַכט, שטודירט, געשאַפן. ווי גוט איז אים איצט, אויפצוהערן טוען, זיך מיען, דענקען, און אויף אַ צייט איבערלאָזן אָט די מי פאַר דער נאַטור, אַליין ווערן אַ קעגנשטאַנד, אַ געדאַנק, אַ שאַפונג אין אירע דערבאַרעמדיקע, וווּנדערלעכע, מיט שיינקייט שפּרודלנדיקע הענט!

יורי אנדרייעוויטש איז שנעל געזונט געוואָרן. לאַראַ האָט אים גע־קאָרמעט און באַדינט מיט איר זאָרגעוודיקייט, מיט איר שוואַנען־ווייסער הערלעכקייט, מיטן פּייכטן אָטעם פון פליסטערן אירע פראַגן און ענטפערס.

זייערע געדעמפּטע שמועסן, אפילו די סאַמע פּוסטע, זענען געווען פול מיט באַדייטונג, ווי פּלאַטאָנס דיאַלאָגן.

נאָך מער ווי די פאַראייניקונג פון זייערע נשמות, האָט זיי פאַר־אייניקט דער אָפּגרונט, וואָס גרענעצט זיי אָפּ פון דער איבעריקער וועלט. ביידן איז אַזוי אומאָנגענעם געווען דאָס טיפּיש־פאַטאַלע אין דעם היינט־צייטיקן מענטשן, זיין איינגעבילדעטע באַגייסטערונג, די שרייענדיקע פאַ־ריסנקייט, און די טויטע אומבאַפליגלטקייט, וואָס עס פּאָפּולאַריזירן אַזוי זאָרגפעליק די אומצאָליקע וויסנשאַפט־לייט און קינסטלער, כדי געניאַ־ליטעט זאָל ווייטער זיין אַ זעלטנקייט.

גרויס איז געווען זייער ליבע. אַלע ליבן, אָבער באַמערקן נישט די וווּנדערלעכקייט פון געפיל. אָבער פאַר זיי, — און אין דעם איז באַשטאַנען זייער אויסנאַם, — ווען די וויברירונגען פון דער אייביקייט, זענען גע־קומען צופליען אין זייער באַשערטער מענטשלעכער עקזיסטענץ מיטן הויך פון דער ליידנשאַפט, — זענען דאָס געווען מינוטן פון אָפּנהאַרציקייט און פון אַנטפּלעקן אַלץ נייע סודות וועגן זיך און וועגן דער וועלט.

11

— מוזט אומבאַדינגט זיך אומקערן צו דיין משפּחה. איך וועל דיך קיין איבעריקן טאָג נישט פאַרהאַלטן. נאָר דו זעסט דאָך, וואָס עס טוט־זיך. מיר האָבן זיך קוים צוזאַמענגעגאָסן מיטן סאָוויעטישן רוסלאַנד און שוין האָט אונדז פאַרשלונגען איר מהומה. מיט סיביר און מיטן מזרח פאַרשטאָפּט מען אירע לעכער. דו ווייסט דאָך גאָרנישט. במשך דיין קראַנקהייט, האָט זיך אין שטאָט אַזוי פיל געענדערט! די זאַפּאַסן פון אונדזערע סקלאַדעס פירט מען אַריבער אין צענטער, קיין מאָסקווע. פאַר זיי איז עס אַ טראָפּן אין ים, די טראַנספּאָרטן פאַרשווינדן אין איר, ווי אין אַ פאַס אָן אַ דנאָ, און מיר פאַרבלייבן דאָ אָן באַשפּייזונג. קיין פּאָטשט גייט נישט. די פּאַסאַזשיר־צוגן־פאַרבינדונגען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. מען טרייבט נאָר צוגן מיט ברויט. ווידער בונטעוועט זיך די שטאָט, ווי פאַרן אויפשטאַנד פון די היידן. און ווידער, אַלס ענטפער אויפן אַרויסווייזן

אומצופרידנקייט, בושעוועט די טשערזוויטשייקע¹. נו, ווהין־זשע וועסטו זיך אוועקלאָזן אַזאַ, הויט און ביינער, קוים וואָס דו לעבסט? צי דען ווידער צו־פוס? דו וועסט דאָך נישט דערגיין! קרעפטיק־זיך, נעם זיך אָן מיט כוחות, דאַן וועט מען זען. איך וואָג נישט צו ראָטן דיר, נאָר אויף דיין אָרט, ביז דיין אוועקלאָזן־זיך צו די אייגענע, וואָלט איך אַביסל געאַרבעט, אומבאַדינגט לויט דיין באַרוף. דאָס ווערט אָפּגעשאַצט. איך וואָלט געגאַנגען אין אונדזער געזונטהייטס־אָפּטיילונג, צום ביישפּיל, וואָס איז פאַרבליבן אונטער דער זעלבער דאָקטוירים־לייטונג. באַטראַכט אַליין. אַ זון פון אַ סיבירער מיליאָנער, וועלכער האָט זיך דערשאָסן, די פרוי, — אַ טאָכטער פון אַ היגן פאַבריקאַנט און פּריץ. געוועזן ביי די פּאַרטיזאַנער און אַנטלאָפן. ווי דו זאָלסט נישט טענהן, איז דיין אוועקגיין פון די רעוואָלוציאָנער־מיליטערישע רייען, דעזערטירעריי. דו טאָרסט פּאָר קיין פאַל נישט בלייבן אומטעטיק, רעכטלאָז. מיין לאַגע איז אויך נישט פעסטער. אויך איך וועל גיין אַרבעטן, איך וועל אַריינטרעטן אין „גובאָנאָ״. אויך אונטער מיר ברענט די ערד.

— פאַרוואָס ברענט? און סטרעלניקאָוו?

— דערפאַר ברענט עס טאַקע, צוליב סטרעלניקאָוון. איך האָב דאָך דיר פריער געזאָגט, וויפל שונאים ער פאַרמאָגט. די רויטע אַרמיי האָט געזיגט. און איצט וועט מען די אומפּאַרטייאישע מיליטערלייט וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו די „שפּיצן״ און וויסן צו־פיל, געבן איבערן היטל... נאָר גוט וועט זיין, אַז בלויז איבערן היטל און נישט אָפּהאַקן דעם קאָפּ, אַז עס זאָלן נישט בלייבן קיין עדות. צווישן זיי איז פּאַשאַ אין דער ערשטער ריי. ער איז אין אַ גרויסער געפאַר. ער איז געווען אויפן ווייטן מזרח. איך האָב געהערט, אַז ער איז אַנטלאָפן און באַהאַלט זיך־אויס. מען זאָגט, אַז מען זוכט אים. מען איז נישט צופרידן מיט אים. איך האָב נישט ליב צו קלאָגן, נאָר אויב איך וועל נאָך צוגעבן וועגן אים איין וואָרט, פיל איך, אַז איך וועל זיך צעיאָמערן.

— דו האָסט אים ליב געהאַט, דו האָסט אים נאָך עד־היום זייער ליב? —

— איך האָב דאָך מיט אים חתונה געהאַט, ער איז דאָך מיין מאַן, יוראָטשקאַ. דאָס איז אַ הויכער, ליכטיקער כאַראַקטער. איך בין טיף שולדיק קעגן אים. איך האָב אים קיין שום באַרעשקייט נישט געטון. נאָר ער איז אַ מענטש פון גרויסער באַדייטונג, אַ גרויסער, גרויסער, יושרדיקער

---

1. אכזריותדיקע אויספאָרשונגס־אָפּטיילונג אין די קעלערן פון געהיים־קאָמיסאַריאַט.

מענטש. און איך בין אַ גאַרנישט, אַ גול לגבי אים. דאָס איז מיין שולד. נאָר איך בעט דיך: גענוג וועגן דעם. איך וועל זיך ווי־עס־איז אַ צווייט מאָל אַליין אומקערן צו דער טעמע, איך זאָג דיר צו. וואָס פאַר אַ הערלעכע זי איז, די טאַניאַ דיינע. באַטיטשעלליס אַ העלדין. איך בין געווען ביי איר געלעגן־ווערן. מיר זענען זיך נאָנט געוואָרן. נאָר וועגן דעם, בעט איך דיך, אפשר שפּעטער. יאָ, לאָמיר צוזאַמען גיין אַרבעטן. יעדן חודש קריגן געהאַלט מיליאַרדן גאַנצע. ביז דער לעצטער איבערקערעניש, איז ביי אונדז געווען אין גאַנג, סיבירישע קרעדיט־פּאַפּירלעך. זיי זענען נישט לאַנג אינגאַנצן אַנולירט געוואָרן און אַ לאַנגע צייט, במשך דיין קראַנק־זיין, האָט מען געלעבט אָן געלט־אַסיגנאַציעס בכלל. יאָ, שטעל זיך עס פאָר. עס איז שווער צו גלויבן, נאָר מען איז זיך ווי־עס־איז באַגאַנגען. איצט האָט מען אין דעם הויז פון געוועזענעם מלוכה־אוצר געבראַכט אַ גאַנצן טראַנספּאָרט פּאַפּירן־געלט, מען זאָגט, נישט ווייניקער פון אַ פערציק וואַגאָן. זיי זענען געדרוקט אויף גרויסע בויגנס מיט צוויי קאָלירן, בלוי און רויט, ווי פּאַטשט־מאַרקעס, און זיי זענען דורכגעשניטן אויף קליינע קוואַדראַטן. בלויע קוואַדראַטלעך זענען פינף מיליאָניקע און רויטע, — צען מיליאָן יעדעס שטיקל. שלעכטער דרוק, די פאַרב קריכט־אָפּ, צעגיסט־זיך.

— איך האָב געזען דאָס דאָזיקע געלט. מען האָט עס איינגעפירט סאַמע ערב אונדזער אָפּפאָרן פון מאָסקווע.

12

— וואָס האָסטו געטון אַזוי לאַנג אין וואַריקינאָ? דאָרט איז דאָך קיינער נישטאָ, פּוסט? וואָס האָט עס דיך דאָרט אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן?

— איך מיט קאַטיענקאַן האָבן אויפגערוימט אייער שטוב. איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט קודם־כל קומען אַהין. עס האָט זיך מיר נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט טרעפן אייער היים אין אַזאַ צושטאַנד.

— אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד? וואָס־זשע איז דאָרט, אַ חורבה, אַן אומאָרדענונג?

— אַן אומאָרדענונג, אַ שמוץ. איך האָב צוגערוימט.

— וואָס פאַר אַן אויסמיידנדיקע איין־זילביקייט. דו דעררעדסט נישט. דו באַהאַלטסט עפּעס. נו, ווי דו ווילסט. איך וועל דיך נישט נעמען אויספאָרשן דערצייל מיר וועגן טאַניען. ווי האָט מען אַ נאָמען געגעבן דאָס מיידעלע?

— מאַשאַ, אין אנדענק נאָך דיין מוטער.

— דערצייל מיר וועגן זיי.

— דערלויב, אפשר שפעטער. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, איך האַלט קוים אײַן די טרערן.

— סאַמדיעווויאַטאָוו איז דאָס דער, וועלכער האָט דיר אַ פערד געגעבן. אַן אינטערעסאַנטע פיגור, ווי מיינסטו?

— אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט.

— איך קאָן דאָך זייער גוט אַנפּים יעפּימאָוויטשן. ער איז געווען דער צווייטער אין אונדזער שטוב דאָ. אין די דאָזיקע נייע ערטער, גע־האָלפן אונדז.

— איך ווייס. ער האָט מיר דערציילט.

— איר זענט געוויס באַפריינדעט? און ער באַמיט־זיך צו זיין דיר נוצלעך?

— ער באַשיט מיך פשוט מיט וווילטעטיקייטן. איך ווייס נישט, וואָס איך וואָלט געטון אָן אים.

— איך שטעל זיך עס לייכט פאָר. ביי אייך זענען געוויס באַ־שרענקטע, פריינטלעכע באַציונגען, אייער אויפפירונג, אַ פשוטע? ער ווערט אוודאי פאַר דיר די כפרה.

— נאָך ווי. נישט־אָפּצוטרעטן.

— און דו? נו, זיי מוחל. איך גיי שוין אַריבער די גרענעץ פונם דערלויבטן. מיט וועלכע רעכט פרעג איך עס דיך אויס? אַנטשולדיק. דאָס איז נישט באַשיידן.

אַ, ביטע זייער. דיך אינטערעסירט געוויס עפּעס אַנדערש, וואָס פאַר אַ באַציונגען עס זענען צווישן אונדז? דו ווילסט וויסן, צי עס האָט זיך נישט אַריינגעגנבעט אין אונדזער גוטער באַקאַנטשאַפט עטוואָס מער־פּערזענלעכס? ניין, פאַרשטייט־זיך. איך בין אַנפּים יעפּימאָוויטשן זייער אַ סאַך שולדיק, איך בין איינגאַנצן פאַרחובעט כלפּי אים. נאָר ווען ער וואָלט מיך אפילו אָפּגעגילדעט, ווען ער וואָלט דאָס לעבן פאַר מיר אָפּגעגעבן, וואָלט עס מיך נישט דערנעגטערט צו אים אויף קיין איין טראָט. פון געבוירן־אָן האָב איך אַ האַס צו מענטשן פון דעם סאָרט. אין די טאָגטעגלעכע ענינים זענען די דאָזיקע אונטערנעמערישע, זעלבסט־זיכערע, באַפעלערישע מענטשן נישט־אָפּצושאַצן. וואָס שייך האַרץ־ענינים, איז זיין אַנגעבלאָזנקייט ווי אַ האָן, די וואָנצעס־מאַריסענע מענערשע זעלבסטצופרידנקייט, ממש אָפּ־שטויסנד. נאָענטקייט אין לעבן פאַרשטיי איך גאָנץ אַנדערש. און נישט בלויז דאָס. איך מאָראַלישן זין, דערמאָנט מיך אַנפּים אַ צווייטן, אַ פיל מער אָפּשטויסנדיקן מענטשן, וועלכער איז שולדיק אין דעם, וואָס איך בין אַזאַ, אַ דאַנק וועלכן איך בין דאָס, וואָס איך בין.

— איך פאַרשטיי נישט. אַ וואָסערע ביזטו דען? וואָס מיינסטו? דערקלער מיר. דו ביזט בעסער פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט.

— אַך, יוראַטשקאַ, מעג מען דען אַזוי? איך רעד מיט דיר ערנסט און דו, טיילסט קאָמפּלימענטן, ווי אין אַ גאַסט־הויז. דו פרעגסט, אַ וואָסערע איך בין. איך בין אַ צעבראָכענע, אַ צעוויִיטיקטע אויפן גאַנצן לעבן. מען האָט מיך פריצייטיק, פאַרברעכעריש־פרי געמאַכט פאַר אַ פרוי, אַריינפירנדיק מיך אין לעבן, פון דער ערגסטער זייט, מיט ליגנע־רישע בולוואַר־דיסקוסיעס. דאָס האָט געטון אַ מיטל־יעריקער, זעלבסט־זיכערער פוסט־און־פּאַסטניק פון יענער צייט, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט אַלע מיטלען און זיך אַלץ דערלויבט.

— איך שטויס זיך־אָן. כבין זיך עפּעס משער. נאָר וואָרט־אויס. עס איז לייכט צו פאַרשטיין דיין ווייטיק, דעם לגמרי נישט־קינדערישן ווייטיק פון יענער צייט. דער פּחד פון אומדערפאַרנקייט. די ערשטע עוולה פון אַ נישט דערוואַקסן מיידל. נאָר דאָס איז דאָך אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. איך וויל זאָגן, אַז נישט דיין צער איז עס צו טרויערן אויף דעם אַצינד, נאָר דער צער פון מענטשן וואָס ליבן דיך, ווי איך אַ שטייגער. דאָס דאַרף איך זיך רייסן די האָר פון קאָפּ און פאַרצווייפלען פאַרן פאַרשפּעטיקן, פאַר דעם, וואָס איך בין נישט שוין דאַן געווען מיט דיר, צו פאַרמיידן דאָס געשעענע, אויב דו זעסט אין דעם אַן אומגליק. מאָדנע, מיר דאַכט־זיך, אַז מיין ליידנשאַפטלעכע אייפערזוכט וואָלט געקענט זיין שטאַרקער פון טויט, נאָר לגבי דעם נידעריקן פון ווייטן אַמאָל. די קאָנקורענץ מיט אַ העכערן, רופט ביי מיר אַרויס גאָר אַן אַנדער געפיל. ווען עס וואָלט אַ גייסטיק־נאָענטער און דורך מיר באַליבטער מענטש, ליב געקראָגן די זעלבע פרוי, וואָס איך, — וואָלט איך געהאַט אַ געפיל פון ברידערלעכן צער מיט אים, און נישט קיין קריג און משפּט. איך וואָלט, פאַרשטייט־זיך, אויף קיין רגע נישט געקענט טיילן מיט אים דעם קעגנשטאַנד פון מיין פאַרהערלעכונג. נאָר איך וואָלט אָפּגעטרעטן מיט אַ געפיל פון גאָר אַנדערע ליידן, ווי אייפערזוכט, אַ געפיל וואָס רויכערט נישט און בלוטיקט נישט. דאָס זעלבע וואָלט געטראָפן ביי מיר ביים צוזאַמענשטויסן־זיך מיט אַ קינסטלער, וועלכער וואָלט מיך באַזיגט אין אונדזערע ענלעכע אַרבעטן, מיט דער איבערמאַכט פון זיינע כוחות. איך וואָלט זיך געוויס אָפּגעזאָגט פון די זוכענישן, וואָס וואָלטן באַגייט זיינע פּרוּוון, וועלכע האָבן מיך באַזיגט. נאָר איך בין אַראָפּ פון וועג. איך מיין, אַז איך וואָלט דיך נישט געליבט אַזוי שטאַרק, ווען דו וואָלסט נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן און צו באַדויערן. איך האָב נישט ליב קיין גערעכטע, נישט קיין געפאַלענע ביי זיך, נישט קיין געשטרויכלטע. זייערע גוטע טאָטן זענען

טויטע און מינדערוועֶרטיקע. די שיינקייט פון לעבן האָט זיך צו זיי נישט באַוויזן.

— דווקא די דאָזיקע שיינקייט מיין איך. מיר דאַכט־זיך, אַז כדי זי צו דערזען, פאָדערט־זיך די אומבאַרירטקייט פון פאַרשטעלונג, די ערשטיקייט פון באַגעמען. און דאָס דאָזיקע איז ביי מיר פונקט אַוועק־געגומען־געוואָרן. קען זיין, אַז איך וואָלט באַקומען מיין אייגענעם קוק אויפן לעבן, ווען עס וואָלט ביי די ערשטע טריט מיינע, נישט דערשינען, אין פרעמדן המונישן שפיגל. צוליב דעם, וואָס אין מיין פרי־לעבן האָט זיך אַריינגעמישט אַן אימפּעראַלישער, זעלבסט־צופרידענער מיטלמעסיקער פּאַרשוין, האָט נישט מצליח־געווען מיין שפּעטערדיקע הייראַט מיטן ווונ־דערלעכן מענטשן, וועלכער האָט מיך שטאַרק געליבט און איך האָב אים געענטפערט מיטן זעלבן.

— וואָרט צו. וועגן דיין מאַן וועסטו מיר שפּעטער דערציילן. איך האָב דיר געזאָגט, אַז אייפערזוכט רופט אַרויס אין מיר אַ נידעריקערער, און נישט קיין גלייכער. אויף דיין מאַן בין איך נישט אייפערזיכטיק. און יענער?

— וועלכער „יענער”?

— דער אונטערצינדער פון דיין לעבן, ווער איז ער אַזעלכער?

— אַ געגנוג־באַקאַנטער מאָסקווער אַדוואָקאַט. ער איז געווען מיין פּאָטערס אַ חבר און נאָכן פּאָטערס טויט, האָט ער געשטיצט מאַטעריעל מיין מוטער. כל־זמן מיר זענען געווען אין נויט. אַ בחור, מיט אַ פּאָר־מעגן. געוויס, מיט מיין פּירשוואָרצן אים אַזוי, גיב איך אים־צו צופיל אינטערעס און נישט געהעריקע חשיבות. אַ גאַר געוויינלעכע דערשיינונג. אויב דו ווילסט, וועל איך דיר אָנרופן זיין נאָמען.

— מען דאַרף נישט. איך ווייס. איך האָב אים אַמאָל געזען.

— ווירקלעך?

— אַמאָל, אין גאַסטהויז, ווען דיין מוטער האָט זיך געסמט. שפּעט אין אָוונט. מיר זענען דאָן נאָך קינדער געווען, גימנאַזיסטן.

— אָ, איך געדענק דעם פאַל. איר זענט געקומען צופאָרן און געשטאַנען אין דער פינצטער, אין גאַסטהויז־קאָרידאָר. קען זיין, אַז אַליין וואָלט איך זיך קיינמאָל נישט דערמאָנט די דאָזיקע סצענע, ווען דו העלפסט מיר נישט צו, נישט פאַרגעסן איר. דו האָסט עס מיך דערמאָנט, דאַכט מיר, אין מיעליוזייעוו.

— קאָמאַראָווסקי איז דאָרט געווען.

— טאָקע? גאַנץ מעגלעך. מען האָט מיך לייכט געקענט טרעפן מיט אים. מיר זענען אָפט געווען צוזאַמען.

— פאַרוואָס ביזטו רויט געוואָרן?

— פון דעם קלאַנג „קאַמאַראָווסקי", וואָס קומט פון דיין מויל. פון נישט געוווינט זיין דערצו, פון דער אומדערוואַרטעטקייט.

— מיט מיר צוזאַמען איז געווען מיין חבר, אַ גימנאַזיסט פון זעלבן קלאַס. אָט וואָס ער האָט מיר דאַן, אין גאַסטהויז, דערציילט. ער האָט אין קאַמאַראָווסקין דערקענט דעם מענטשן, וועלכן ער האָט אַמאָל צופעליק געזען ביי אומדערוואַרטעטע אומשטענדן, געווען דער עדות פונם זעלבסטמאָרד פון מיין פאָטער, דעם מיליאָנערישן אינדוסטריעלער. מישא איז געפאָרן מיט אים אין צוג. אינמיטן פאָרן האָט זיך מיין פאָטער ארויסגעוואָרפן פון צוג, כדי צו ענדיקן מיט זיך און ער איז צעשמעטערט־געוואָרן. מיין פאָטער האָט באַגלייט קאַמאַראָווסקי, זיין יורידישער קאָנסולטאַנט. קאַמאַראָווסקי האָט דעם טאַטן אַנגעשיכורט, פאַרפּלאָנטערט זיינע געשעפטן און דערפירנדיק אים צו באַנקראָט, האָט ער אים געשטויסן אויפן וועג פון אומקום. ער איז דער שולדיקער אין מיין פאָטערס זעלבסטמאָרד און אין דעם, וואָס איך בין פאַריתומט געוואָרן.

— עס קען נישט זיין! וואָס פאַר אַ וויכטיקע איינצלהייט! צי דען איז דאָס אמת? איז ער אויך געווען דיין מלאך־המוות? ווי דאָס דערנענטערט אונדזערע גורלות! עפּעס אַ מין פאַראויסיקע באַשערטקייט.

— אָט, אויף וועמען איך בין משוגע־איפּערזיכטיק, אומפאַרבעסערלעך.

— וואָס רעדסטו? נישט נאָר איך ליב אים נישט, נאָר איך פאַרהאָס אים.

— אַזוי גוט קענסטו דען זיך זעלבסט? די מענטשלעכע, איבערהויפּט די ווייבלעכע נאַטור איז אַזאַ טונקעלע און סתירותדיקע! מיט אַ וועלכן־עס־איז ווינקעלע פון דיין עקל צו אים, ביזטו אפשר מער פאַרקנעכטעט צו אים, ווי צו עמיצן אַנדערש, וועלכן דו האָסט ליב מיטן גוטן ווילן, נישט געצוווּנגענערהייט.

— ווי שרעקלעך ס׳איז דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט. און ווי געוויינלעך, האָסטו עס געזאָגט אַזוי טרעפלעך, אַז די דאָזיקע אומנאַטירלעכקייט שיינט מיר צו זיין אמת. נאָר דאַן, ווי שרעקלעך איז דאָס!

— באַרויק זיך. הער זיך נישט־צו צו מיר. מיין איפּערזיכט צו דיר איז, אומפאַרשטענדלעך און אומדערקלערלעך. איך איפּער צו די קעגנשטאַנדן פון דיין טואַלעט, צו די טראָפּנס שווייס אויף דיין הויט, צו די אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן וואָס טראָגן־זיך אינדערלופט, וואָס קענען צושטיין צו דיר און פאַרסמען דיין בלוט. און ווי אויף אַזאַ אַנשטעקנדיקע קרענק, אַזוי בין איך איפּערזיכטיק אויף קאַמאַראָווסקין, וועלכער וועט דיך

צונעמען ווען עס איז פון מיר, אַזוי ווי עס וועט אונדז אַמאָל צעשיידן מיין אָדער דיין טויט. איך ווייס, אין דיינע אויגן זעט עס אויס, ווי אַ קנויל פון אומפאַרשטענדלעכקייטן. איך קען עס נישט זאָגן געאָרדנטער און מער פאַרשטענדלעכער. ביז משוגעת, ביז באַווּסטלאָזיקייט, אומענדלעך האָב איך דיך ליב.

13

— דערצייל מיר מער וועגן דיין מאַן. „מיר שטייען אין בוך פון באַשערטקייט אין איין שורה, זייט־ביי־זייט", ווי שעקספיר זאָגט.
— פון וואַנען איז עס?
— פון „ראָמעאָ און יוליאַ".
— איך האָב דיר אַ סך דערציילט וועגן אים אין מיעליוזייעוו, ווען איך האָב אים אַרומגעזוכט. און שפּעטער דאָ, אין יוראַטין, בעת אונדזערע ערשטע באַגעגענישן, ווען איך האָב זיך פון דיר דערוווּסט, אַז ער האָט דיך געוואָלט אַרעסטירן אין זיין וואַגאָן. איך האָב דיר דאַכט־זיך דער־ציילט און אפשר נישט, אַז איך האָב אים אַמאָל געזען פונדערווייטנס, ווען ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ. נאָר דו קענסט זיך פאַרשטעלן, ווי אַזוי מען האָט אים געהיטן! איך האָב אויסגעפונען, אַז ער האָט זיך כּמעט נישט געענדערט. דאָס זעלבע שיין, ערלעך, אַנטשלאָסן געזיכט, דאָס ערלעכסטע פון אַלע געזיכטער, וואָס איך האָב געזען אויף דער וועלט. אָן רעטושירונג, אַ פעלדזן־כאַראַקטער, אָן שום פּאָזע. אַזוי איז עס תּמיד געווען און אַזוי איז עס פאַרבליבן. און פונדעסטוועגן, האָב איך איין ענדערונג באַמערקט, וואָס האָט מיך באַאומרויקט. עפּעס אַ צעשטרייטקייט איז געווען אין זיין פּנים, וואָס האָט אים בלייך געמאַכט. דאָס לעבעדיקע, מענטשלעכע געזיכט איז ווי געוואָרן אַ סימבאָל, אַ פּרינציפּ, אַן אויסדרוק פון אַן אידיי. דאָס האַרץ האָט זיך מיר אַ קראַמף־געטון ביי דעם דאָזיקן אָנבליק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון יענע כּוחות, אין וועמענס הענט ער האָט זיך אָפּגעגעבן, כּוחות דערהויבענע, נאָר אומ־ברענגענדיקע, אומרחמנותדיקע, וועלכע וועלן אים אַמאָל אויך נישט שוינען. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זיין גורל איז אַ געחתמעטער און אַז דאָס טייטלט דער פינגער פון גזר־דין אויף זיין פּנים. נאָר אפשר פּלאָנטער איך סתּם. אפשר זענען אין מיר אַריינגעדרונגען דיינע אויס־דרוקן, ווען דו האָסט מיר געשילדערט אייער באַגעגעניש. אויסער אונ־דזערע געמיינזאַמע געפילן, נעם איך דאָך אַזוי פיל איבער פון דיר!
— ניין, דערצייל מיר וועגן אייער לעבן ביז צו דער רעוואָלוציע.

— אין דער פריער קינדהייט האָב איך שוין אָנגעהויבן טרוימען וועגן זויבערקייט. ער איז געווען די פאַרקערפּערונג דערפון. מיר זענען דאָך כמעט פון איין הויף. איך, ער, גאַליאולין. איך בין געווען זיין קינ־דערשע באַגייסטערונג. ער פלעגט ווערן אויסער זיך און פאַרגליווערט ביים דערזען מיך. געוויס איז נישט גוט, וואָס איך זאָג דאָס און ווייס עס. נאָר עס וואָלט געווען נאָך ערגער, ווען איך וואָלט געמאַכט דעם אָנשטעל פון נישט וויסן. איך בין געווען זיין קינדערשע פּאַסיע, די פאַרקנעכטנדיקע ליידנשאַפט, וואָס מען באַהאַלט אויס, וואָס די קינדערשע שטאָלץ דער־לויבט נישט אַרויסצווייזן און דאָך איז עס אָפן פאַר יעדן אויג. מיר האָבן זיך געחברט. פאַרשידענע טיפּן זענען מיר געווען, נאָר איך האָב מיטן האַרצן אויסגעוויילט אים. איך האָב באַשלאָסן צו פאַראייניקן מיין לעבן מיט אָט דעם ווונדערלעכן ייִנגל, אַזוי שנעל ווי מיר וועלן ווערן דער־וואַקסענע מענטשן, און אין געדאַנק האָבן מיר זיך שוין באַשווירן. כאַפּ אַ געדאַנק, וואָס פאַר אַ פעיקייטן ער פאַרמאָגט! אומגעווייינלעכע! אַ זון פון אַן אייזנבאַן־אַרבעטער, אָדער אַ וועכטער דאָרטן, — האָט ער בלויז מיט זיין פעיקייט און עקשנותדיקער אַרבעט דערגרייכט, — איך האָב געוואָלט זאָגן די בילדונגס־מדרגה און געדאַרפט זאָגן: — די העכסטע הויך פון הייַנטצייטיקער אוניווערזיטעטס־בילדונג. אויף צוויי געביטן: אויפן מאַטעמאַטיק און הומאַניזם. דאָס איז דאָך נישט קיין שפּילכל!

— אויב אַזוי, וואָס האָט צעשטערט אייער שלום־בית? אויב איר האָט אַזוי ליב געהאַט איינער דעם אַנדערן?

— אַך, עס איז אַזוי שווער דערויף צו ענטפערן. איך וועל עס דיר באַלד דערציילן. נאָר עס וווּנדערט מיך. איך, אַ שוואַכע פרויענצימער, דאַרף דיר, אַזאַ קלוגן, דערקלערן וואָס עס טוט־זיך איצט אין לעבן אין אַלגעמיין, מיטן מענטשלעכן לעבן אין רוסלאַנד, און פאַרוואָס עס ווערן צעשטערט משפּחות, דיינע און מיינע איינשליסלעך? אַך, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן מענטשלעכקייט, וועגן דער צוגעפּאַסטקייט און נישט־צוגעפּאַסטקייט פון די כאַראַקטערן, אין ליבע און האַס. אַלדאָס באַשטימטע, נוצלעכע, אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט לעבנס־באַדערפענישן, מיט אַ מענטשלעכער נעסט און סדר, — דאָס אַלץ איז געוואָרן צו אַש און שטויב, צוזאַמען מיט דער איבערקערעניש פון דער גאַנצער געזעלשאַפט און מיט איר איבערבוי. דער גאַנצער לעבנס־שטייגער איז צעשליידערט און צע־שטערט. געבליבן איז בלויז שטייגערלאָזיקעט, אומנוצלעכער כוח פון דעם נאַקעטן, באַרויבטן נפש, פאַר וועלכן עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט, ווייל עס האָט די גאַנצע צייט געשווידערט און געציטערט, און זיך געצויגן צו אַ צווייטן נפש, אויך אַזאַ נאַקעטן און עלנטן. מיר זענען ביידע ווי אָדם

און חוה, וועלכע האָבן גאָרנישט געהאַט, זיך צו פאַרדעקן, אין בראשית פון דער וועלט. מיר זענען איצט אויך אַזוי נאַקעט און היימלאָז ביים סוף פון דער וועלט. איך און דו זענען די לעצטע דערמאָנונגען וועגן דעם גאַנצן און גרויסן אָן שיעור, וואָס איז געשאַפן־געוואָרן אויף דער וועלט במשך אַ סך טויזנטער יאָרן פון אָדם און חוה ביז אונדז. און לזכר די דאָזיקע פאַרשווונדענע ווונדערלעכקייטן, אָטעמען מיר, ליבן און ווייגען אונטערהאַלטן־זיך און טוליען־זיך איינער צום אַנדערן.

14

נאָך אַ קליינער הפסקה, האָט זי מיט מער רויקייט פאַרגעזעצט:

— איך וועל דיר זאָגן. ווען דער סטרעלניקאָוו וואָלט ווידער גע־וואָרן יענער פּאַשענקאַ אַנטיפּאָוו. ווען ער וואָלט אויפגעהערט צו ווילדעווען און בונטעווען, ווען די צייט וואָלט זיך אומגעקערט אויף צוריק, ווען ערגעץ ווייט, אין עק וועלט, וואָלט זיך על־פּי־נס אָנגעצונדן אַ פענצטער פון אונדזער היים, מיט אַ לאָמפּ און ביכער אויף פּאַשענקאַס שרייב טישל, וואָלט איך, דוכט זיך מיר, אויף די קני קריכנדיק, דערפּויזעט אַהין. אַלץ וואָלט זיך אין מיר אַ טרייסל־געטון. איך וואָלט נישט געקענט ביישטיין קעגן דעם רוף פון דער פאַרגאַנגענהייט, דעם רוף פון געטריישאַפט. איך וואָלט מקריב געווען אַלץ, דעם סאַמע טייערסטן, דיך אפילו, און מיין אַזוי לייכטער, נישט געצווונגענער, זעלבסטפאַרשטענדלעכער נאָענטקייט מיט דיר. אָ, פאַרגיב מיר. נישט דאָס וויל איך זאָגן. דאָס איז נישט אמת.

זי האָט זיך געוואָרפן אים אויפן האַלדז און זיך צעכליפּעט. גאַנץ שנעל האָט זי זיך באַרויקט. אָפּווישנדיק די טרערן, האָט זי געזאָגט:

— נו, דאָס איז דאָך די זעלבע שטים פון פליכט, וואָס טרייבט דיך צו טאָניען. גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ אומגליקלעכע מיר זענען! וואָס וועט מיט אונדז זיין? וואָס זאָלן מיר טון?

ווען זי האָט זיך אינגאַנצן באַרויקט, האָט זי פאַרגעזעצט:

— פון דעסטוועגן האָב איך דיר אַלץ נישט געענטפערט, פאַרוואָס עס איז צעשטערט־געוואָרן אונדזער גליק. איך האָב עס ערשט שפּעטער אַזוי קלאָר פאַרשטאַנען. איך וועל דיר דערציילן. דאָס וועט זיין אַ דער־ציילונג נישט בלויז וועגן אונדז דאָס איז געוואָרן דער גורל פון אַ סאַך.

— רעד, קלוגינקע מיינע.

— מיר האָבן חתונה געהאַט סאַמע ערב דער מלחמה, צוויי יאָר פאַר איר אָנהויב. און אַז מיר האָבן זיך נאָר צוזאַמענגעלעבט לויט אונדזערע באַגריפן, איינגעאָרדנט אַ היים, — איז דערקלערט־געוואָרן

מלחמה. איך בין איצט איבערצײַגט, אַז זי איז געווען די שולדיקע אין אַלץ וואָס האָט נאָכגעפאָלגט, ביז צו די אומגליקן פון אונדזער איצטיקן דור. איך געדענק גוט די קינדהייט. איך האָב נאָך געטראָפן אַ צייט, ווען עס זענען נאָך געווען אין קראַפט די פרידנס־באַגריפן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דאָס פאַרטרויען־זיך דער שטים פון פאַרשטאַנד, דאָס צוהערן זיך צום געוויסן, האָט מען געהאַלטן פאַר נאַטירלעך און נויטיק. דער טויט פון אַ מענטשן פון אַ צווייטנס האַנט, איז געווען אַ זעלטנקייט, אַן נישט געוויינלעכע דערשיינונג. מאָרדן, האָבן מענשן געמיינט, באַגעגנט מען נאָר אין טראַגעדיעס, אין ראָמאַנען פון לעבן — פון געהיים־אַגענטן און אין דער צייטונגס־כראָניק, נאָר נישט אין טאָג־טעגלעכן לעבן. און פּלוצלונג, — דער דאָזיקער שפּרונג פון דעם פרידלעכן אומשולדיקן, — צו בלוט און יאָמער, צו המונישן משוגעת און ווילדקייטן, צו טאָג־טעגלעכע און שעה־שעהלעכע געזעצלעך־דערלויבטע און פון המון געלויבטע רציחות. נישט אַנדערש, ווי קיינמאָל וועט דאָס נישט קומען אויף זייער שטראָף. דו גע־דענקסט אוודאי בעסער פון מיר, ווי דער חורבן האָט זיך אָנגעהויבן מיט־אַמאָל: די אײַזנבאַן־קאָמוניקאַציע, דאָס באַזאָרגן די שטעט מיט לעבנס־מיטל, די פונדאַמענטן פון פאַמיליען לעבנס, דער צושטאַנד פון מאָראַלישן געוויסן.

— רעד ווייטער. איך ווייס, וואָס דו וועסט ווייטער זאָגן. ווער נאָך קלייבט זיך אַזוי אין אַלץ פאַרנאַנדער? וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן איז דיר צו הערן!

— דאָן איז דער שקר געקומען אויף דער רוסישער ערד, די עיקר־צרה, דער וואָרצל פון קומענדיקן שלעכטס. עס איז פאַרלוירן־געגאַנגען דער גלויבן אין ווערט פון דער פּערזענלעכער מיינונג. זיי האָבן זיך פאַר־געשטעלט, אַז די צייט, ווען מען האָט זיך צוגעהערט צו דער שטים פון געוויסן, איז אַריבער, אַז איצט דאַרף מען זינגען אין כאָר און לעבן מיט פרעמדע, אַלעמען אָנגעוואָרפענע באַגריפן. עס האָט זיך צעבליט די הער־שאַפט פון דער פראַזע, פריער — פון דער מאָנאַרכיסטישער, שפּעטער — פון דער רעוואָלוציאָנערער. די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרבלאָנדזשע־נישן האָבן אַלעמען אַרומגעכאַפּט, יעדן זיך צוגעקלעפּט. אַלע זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער זייער איינפלוס. אויך אונדזער היים איז נישט ביי־געשטאַנען דער דאָזיקער געפאַר. עפּעס האָט זיך אין איר אַ טרייסל־געטון. אנשטאָט דער זאָרגלאָזער לעבהאַפטיקייט, וואָס האָט ביי אונדז תמיד געהערשט, איז אין אונדזערע שמועסן אַריינגעדרונגען עטוואָס פון דער נאַרעשעוואַטער דעקלאַמאַציע, עפּעס אַ מין אַרויסווייזן־זיך, אַ פאַר־פליכטנדיקער קליגלען־זיך אויף באַשטימטע וועלט־טעמען. האָט דען אַזאַ

פײנער מענטש, וואָס פֿאָדערט פֿון זיך אַ סאַך, װי פֿאַשאַ, װעלכער מאַכט נישט קײן טעות בײם אונטערשײדן עיקר־זאַכן פֿון איבערפֿלעכלעכע, — געקענט פֿאַרבײגײן פֿאַר דעם אַרײנגעגנבעטן בלאָף און אים נישט באַמערקן? און דאָ איז ער באַגאַנגען דעם גורלדיקן טעות, וואָס האָט שוין אַלץ באַשטימט. די סימנים פֿון דער צײט: די געזעלשאַפֿטלעכע שלעכטס, האָט ער אָנגענומען פֿאַר אַ הײמישער דערשײנונג. די נישט־עכטקײט פֿון טאָן, די אָפֿיציעלע נישט־נאַטירלעכע אָנגעצויגנקײט פֿון אונדזערע דיסקוסיעס אין באַצוג צו זיך, האָט ער צוגעשריבן אויפֿן חשבון פֿון זיך, װײל ער איז טרוקן װי אַ סוכאַרע, אַ מיטלמעסיקײט, אַ מענטש אין אַ פֿוטעראַל. דיר װעט זיך געװיס אויסװײזן אומגלויבלעך, אַז אַזעלכע פּוסטע נאַרעשקײטן זאָלן קענען האָבן אַ װעלכע־עס־איז באַדײטונג אין צוזאַמענלעבן. דו קענסט זיך עס נישט פֿאַרשטעלן, װי װיכטיק דאָס איז געװען, װיפֿל נאַרישקײטן פֿאַשאַ איז באַגאַנגען צוליב דער דאָזיקע ײנגלשקײט... ער איז אַװעק אין דער מלחמה, וואָס קײנער האָט נישט פֿאַרלאַנגט פֿון אים. ער האָט עס געטון, כּדי אונדז בײדן צו באַפֿרײען פֿון זיך, פֿון זײן אײנגערעדטן אונטערדריקן אונדז. פֿון דעם האָבן זיך אָנגעהויבן זײנע משוגעתן. מיט עפּעס אַ ײנגלשער, פֿאַלש־געריכטעטער אײגנליבע האָט ער זיך באַלײדיקט אויף עפּעס אַזױנס אין לעבן, אויף וואָס מען באַלײדיקט זיך נישט. ער האָט זיך אָנגעבלאָזן אויפֿן גאַנג פֿון די געשעענישן, אויף דער געשיכטע. ער האָט זיך גענומען קריגן מיט איר. און ער פֿירט נאָך מיט איר עד־היום חשבונות. פֿון דאַנען שטאַמען זײנע אַרויסרופֿנדיקע משוגעת־װילדקײטן. ער גײט צו אַ זיכערן אומקום, צוליב אָט דער נאַרישער אַמביציע. אַ, װען איך װאָלט אים געקענט ראַטעװען!

— װי גרענעצלאָז, רײן און שטאַרק דו ליבסט אים! ליב אים, ליב. איך אײפֿער דיך נישט צו אים, איך שטער דיר נישט.

15

אומבאַמערקט איז געקומען און איז אַװעק דער זומער. דער דאָקטאָר איז געזונט געװאָרן. צײטװײליק, אין דערװאַרטונג אויף דער פֿאַרשטײענדיקער אָפּרײזע קײן מאָסקװע, האָט ער אָנגענומען דרײ פּאָסטנס. די שנעל אַנטװיקלטע געלט־אַנטװערטונג, האָט געצװאונגען זיך אָנצוכאַפּן אָן עטלעכע שטעלעס.

דער דאָקטאָר איז אויפֿגעשטאַנען צוגלײך מיט די הענער, איז אַרויס אויף דער קופּיעטשעסקע־גאַס און געגאַנגען מיט איר באַרג־אַראָפּ, פֿאַרבײ דעם קינאָ „גיגאַנט”, צו דער געװעזענער דרוקערײ פֿון אוראַלער קאָ־

זאָקישן מיליטער, וואָס האָט לעצטנס געענדערט דעם נאָמען אויף „דער רויטער זעצער". אין ראָג, אויף דער טיר פון שטאָט־ראָט, וואָס לייטעט מיט די ענינים, האָט אים באַגעגנט אַ שילדעלע „ביוראָ פאַר אָנקלאָגעס". ער האָט דורכגעשניטן קווער דעם פּלאַץ און איז אַרויס אויף דער מאַלאַיאַ־בויאַנאָווסקאַ גאַס. אויסמיידנדיק סטיענגאָפּס פאַבריק, איז ער דורכן היג־טערשטן הויף פון שפּיטאָל אַדורכגעגאַנגען צו דער אַמבולאַטאָריע פון מיליטערישן שפּיטאָל, דער פּלאַץ פון זיין הויפּט־פּאָסטן.

אַ האַלבער וועג זיינער האָט זיך געצויגן אונטער שאָטנדיקע, איבער דער גאַס אַריבערהענגענדיקע ביימער, פאַרביי משונהדיקע, מערסטנס הילצערנע הייזלעך מיט קרומע דעכער, שטאָכעטן־צוימען, מיט שניצונגען אויף די טויערן און לאָדנס.

בשכנות מיט דער אַמבולאַטאָריע, אין דעם געוועזענעם ירושה־סאָד פון דער סוחרטע גאָריעגליאַדאָוואַ, איז געשטאַנען אַ אינטערעסאַנט, נישט־גרויס הויז, געבויט מיט אַלט־רוסישן געשמאַק. די ווענט זענען געדעקט געווען מיט גלאַנציק־געשליפענע קאַפּליעס, מיט פּיראַמידן־אַרטיקע שפּיצ־לעך צום דרויסן, ענלעך צו די אַלטע מאָסקווער באָיאַרישע פּאַלאַצן.

דריי־פיר מאָל אין אַ דעקאָדע (10 טעג), איז יורי אַנדרייעוויטש געגאַנגען פון דער אַמבולאַטאָריע צום הויז פון ליגעטטי, אויף דער סטאַראָיאַ־מיאַסקאַיאַ גאַס, אויף די זיצונגען פון יוראַטינער „אַבלזדראַוו"*, וואָס זענען דאָרט פאָרגעקומען.

אין אַ וויטן ראַיאָן, אינגאַנצן אַ דערוויטערטן, איז געשטאַנען דאָס הויז, וואָס אַנפּימס פאָטער, יעפים סאַמדיעוויאַטאָוו האָט אָוועקגעשאָנקען דער שטאָט, אין אָנדענק פון זיין פרוי, וועלכע איז געשטאָרבן אין קימפּעט, ברענגענדיק אויף דער וועלט אַנפּימען. אין דעם הויז האָט זיך געפונען דער, דורך סאַמדיעוויאַטאָוון געגרינדעטער, אינסטיטוט פאַר גינעקאָלאָגיע און אַקושעריע. איצט זענען דאָרטן איינגעאָרדנט־געוואָרן שנעלע מעדי־ציניש־כירורגישע קורסן אויפן נאָמען פון ראָזאַ לוקסעמבורג. יורי אַנ־דרייעוויטש האָט דאָרטן געהאַלטן לעקציעס איבער אַלגעמיינער פּאַטאָ־לאָגיע און איבער אייניקע אַנדערע, נישט־פאַרפליכטנדיקע קעגנשטאַנדן.

ער פלעגט זיך אומקערן פון די אַלע אַרבעטן פאַרנאַכט. אַ פאַר־מאַטערטער און הונגעריקער און פלעגט טרעפן לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ אין ברען פון שטוביקע דאגות, איבער דער קיך, אָדער איבערן מולטער. מיט דעם דאָזיקן פּראָזאַישן און וואָכעדיקן אויסזען, אַ צעשויבערטע, מיט פאַר־קאַטשעטע אַרבל, מיט פאַרהויבענע זוימען פון קלייד, האָט זי כמעט גע־

* ראַיאָן־קאָמיטעט פאַר געזונטהייטס־ענינים.

שראַקן מיט איר מאַיסטעטישער, אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער צוציִונגס־קראַפט, פיל מער, ווי ער וואָלט זי פלוצלונג געטראָפן פאַר אַן אָפּפאָרן צו אַ באַל, אַ העכערער, ווי אויסגעוואַקסן, אויף הויכע אָבצאַסן, אין אַן אָפן קלייד מיט אַ דעקאָלט און אין ברייטע, רוישנדיקע אונטערקליידער.

זי האָט געקאַכט, געוואַשן און דערנאָך, מיטן געבליבענעם זייפּיקן וואַסער געוואַשן די פּאָדלאָגעס פון שטוב. אָדער אַ רויקע און ווייניקער־פאַרפלאַמטע, האָט זי געפּרעסט און פאַריכט אירע, זיינע און קאַטיענקאַס וועש. ענדיקנדיק דאָס קאָכן, וואַשן און רוימען, — האָט זי קאַטיענקאַן געלערנט. אָדער פאַרטיפט זיך אין האַנט־ביכער, כדי צו באַנייען איר פּאָליטישער אויסבילדונג, פאַר איר ווידער־אַריינטרעטן אַלס לערערין אין דער נייער, איבערגעענדערטער שולע.

וואָס נענטער עס זענען אים געוואָרן די דאָזיקע פרוי און דאָס מיידעלע, אַלץ ווייניקער האָט ער געוואַגט צו טראַקטירן זיי משפּחהדיק, אַלץ שטרענגער איז געווען דער פאַרבאָט, און דער געדאַנק פון פליכט צו זיין אייגענער משפּחה, אַלץ שטאַרקער איז געווען דער ווייטיק פון זיין אומטרייקייט צו זיי. אין דער אָבגרענעצונג איז נישט געווען קיין שום באַליידיקונג פאַר לאַראַן און קאַטיענקאַן. פאַרקערט, די דאָזיקע נישט־משפּחהדיקע געפילן האָבן אין זיך אנטהאַלטן אַ גאַנצע וועלט מיט ווירדע, האָט באַזייטיקט יעטוועדע איבערגעאיילטקייט און פאַמיליאַריטעט.

נאָך די דאָזיקע צעשפּאַלטנקייט פון געפילן, האָט אים געמאַטערט און פאַרוונדעט, און יורי אַנדרייעוויטש האָט זיך צוגעוווינט דערצו, ווי מען קען זיך צוגעווינען צו אַ נישט־פאַרהיילטער, אָפט זיך־עפענענדיקער וווּנד.

16

אַזוי זענען אַדורך צוויי אָדער דריי חדשים. אין איינעם פון די אָקטאָבער־טעג, האָט יורי אַנדרייעוויטש זיך אָנגערופן צו לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַן:

— דו ווייסט, מיר דאַכט־זיך, אַז מיר וועט אויסקומען צו פאַרלאָזן די אַרבעט. די אַלטע, אייביק זיך־איבערחזרנדיקע געשיכטע: „מיר פרייען־זיך תמיד מיט ערלעכער אַרבעט און נאָכמער — מיטן נייעם געדאַנק. ווי זאָלן מיר עס נישט באַגריסן. ברוכים הבאים! אַרבעט, קעמפט, פאָרשט". נאָר באַטראַכסטו עס נענטער, ווייזט זיך אַרויס, אַז אונטערן „נייעם גע־דאַנק" ווערט פאַרשטאַנען נאָר זייער שטאַנדפּונקט, דער פראַזעאָלאָגישער קראַנץ צום באַפּוצן די גרויסקייט פון דער רעוואָלוציע און אירע מאַכט־

האבער. דאס פארמאטערט און דערעסט. און איך בין נישט קיין מייסטער אויף דעם דאזיקן געביט. און מסתמא זענען זיי ווירקלעך גערעכט. אמת, מיין הארץ איז נישט מיט זיי, נאר מיר איז שווער שלום צו מאכן מיטן געדאנק, אז זיי זענען העלדן, ליכטיקע פערזענלעכקייטן, און איך — א קליינער נפשל, וואס האלט פאר דער פינצטערניש און פאר מענטשן־פאר־קנעכטונג. האסטו אמאל געהערט דעם נאמען ניקאלאי וועדעניאפין?

— זיכער. פאר דער באקאנטשאפט מיט דיר און שפעטער, פון דיין אפטן דערציילן. סימאטשקא טונצעווא דערמאנט אים אפט. זי איז זיינע א נאכפאלגערין. נאר די ביכער זיינע, צו מיין חרפה, האב איך נישט געלייענט. איך האב נישט ליב קיין שאפונגען וואס זענען אינגאנצן געווידמעט דער פילאזאפיע. איך מיין, אז די פילאזאפיע דארף זיין א טעם־צומיש צו קונסט און לעבן. פארנעמען־זיך בלויז מיט פילאזאפיע, איז אזוי אויסטערליש, ווי עסן בלויז כריין. אבער אנטשולדיק, מיט מיינע נארישקייטן האב איך אפגעווענדט דיין געדאנק.

— ניין, פארקערט. איך בין איינשטימיק מיט דיר. דער בילד־לעכער געדאנק איז מיר זייער נאנט. יא, איז וועגן דעם פעטערל. עס קען זיין, אז איך בין ווירקלעך קאליע געווארן אונטער זיין איינפלוס. נו, זיי שרייען דאך דאס אלע מיט איין קול: דער געניאלער דיאגנאסטיקער! דער געניאלער דיאגנאסטיקער! אין דער אמתן, בין איך זיך זעלטן טועה ביים פעסטשטעלן א קראנקהייט. נאר דאס איז דאך די אינטואיציע, די פארהאס־טע ביי זיי, מיט וועלכער איך זינדיק כלומרשט, מיט מיין טרעפלעכן אויפ־כאפן און פארשטיין דאס גאנצע בילד. מיך האט פארכאפט דאס פראבלעם פון מימיקריע: דאס אויסערלעכע צופאסן־זיך פון די ארגאניזמען צו דער באפארבונג פון דער אומגעבונג. דא, אין דעם פארביקן צופאסן־זיך, איז באהאלטן אן איבערראשנדער איבערגאנג פון דעם אינערלעכן, צום אויסער־לעכן. איך האב געוואגט צו בארירן דאס פראבלעם אויף מיינע לעקציעס. נו. האט זיך עס אנגעהויבן: „אידעאליזם, מיסטיק, געטעס נאטור־פילא־זאפיע, נעא־שעלינגיאניזם". מען דארף אוועק. פון „גובזדראוו" (גובער־ניאלע לייטונג איבער געזונטהייטס־ענינים) און פון אינסטיטוט. וועל איך זיך באפרייען מיט א פערזענליכער ביטע, און אין שפיטאל וועל איך זיך באמיען צו האלטן־זיך, ביז מען וועט מיך נישט ארויסיאגן. איך וויל דיך נישט איבערשרעקן, נאר צייטנווייז האב איך א פארגעפיל, אז היינט־מארגן וועט מען מיך ארעסטירן.

— גאט באהיט, יוראטשקא. צום גליק, איז נאך גאנץ ווייט דערצו. נאר דו האסט רעכט. עס שאדט נישט צו זיין פארזיכטיקער. אויף וויפל איך האב עס באמערקט, איז יעדעס מאל, ווען אט די יונגע רעוואלוציא־

נערע־מאַכט פּרוּווט זיך־איינבירגערן, גייט זי דורך עטלעכע עטאַפּן. קודם־כל איז עס דער זיג פון פאַרשטאַנד, דער קריטישער גייסט, דער קאַמף מיט פאַראורטיילן. דאַן קומט דער צווייטער פּעריאָד. די אויבערמאַכט באַקומען די טונקעלע כוחות פון די „צבועקעס", וואָס מאַכן דעם אַנשטעל פון פריינט. עס נעמען וואַקסן די מסירות, פאַרדאַכטן, אינטריגעס, די שנאה, און דו ביסט גערעכט. מיר שטייען פאַרן אָנהויב פון דער צווייטער פאַזע. מען דאַרף נישט ווייט גיין, צו געפינען אַ ביישפּיל. מען האָט דאָ אַהער־געבראַכט אין דער טריבונאַל־קאָלעגיע צוויי אַלטע פּאָליטישע קאַטאָרזש־ניקעס פון כאַדאַטסקאַיע, פון אַרבעטער־קלאַס: טיוועריזין און אַנטיפּאָוו. ביידע קענען מיך זייער גוט. און איינער איז אפילו מיין מאַנס פאָטער, מיין שווער, גאַר דווקא. נונעם טאָג פון זייער אַריבערפירן אַהער, גאַרנישט לאַנג צוריק, האָב איך אָנגעהויבן צו ציטערן פאַר מיין און קאַטיענקאַס לעבן. פון זיי קען מען אַלץ דערוואַרטן. ביי אַנטיפּאָוון געפין איך נישט קיין חן. דורך זיי וועט עס געשען! אין איינעם אַ שיינעם טאָג וועלן זיי מיך און אפילו פּאַשאַן פאַרניכטן אין נאָמען פון דער העכסטער רעוואָלוציאָנערער גערעכטיקייט.

17

דער המשך פון דעם דאָזיקן שמועס איז פאָרגעקומען גאַר אינ־גיכן.

צו דער צייט, איז דורכגעפירט־געוואָרן אַ נאַכט־רעוויזיע אין הויז נומער אַכט־און־פערציק, אויף דער מאַלאַיאַ־בויאַנאָווקאַ גאַס, נעבן דער אַמבולאַטאָריע, ביי דער אלמנה גאַריעגליאַדאָוואַ. אין דעם הויז איז גע־פונען געוואָרן אַ סקלאַד־געווער און עס איז אַנטדעקט געוואָרן אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. אַ סאַך זענען אַרעסטירט־געוואָרן אין שטאָט און די רעוויזיעס און אַרעסטן זענען פאָרגעזעצט־געוואָרן. אין צו־זאַמענהאַנג דערמיט האָט מען געמורמלט, אַז אַ טייל פאַרדעכטיקטע איז אַריבער איבערן טייך. עס זענען אַרויסגעזאָגט־געוואָרן אַזעלכע סברות: „און וואָס קען דאָס זיי העלפן? אַ טייך צו אַ טייך איז נישט גלייך. עס זענען דאָ, פאַרשטייט־זיך, טייכן. אין בלאַגאָווישטשענסק, ביים טייך אַמור, צום ביישפּיל. אויף איין ברעג איז די ראַטנמאַכט און אויפן צווייטן — כינע. זיי זענען אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, אַריבערגעשוווּמען און — רוף מיך קנאַקניסל. אָט דאָס, קען מען זאָגן, איז אַ טייך. דאָס זענען גאָר אַנדערע דיבורים".

— די אַטמאָספערע ווערט געשפּאַנט, — האָט לאַראַ געזאָגט, —

די צייט פון אונדזער געפּאַרלאַזיקייט איז אַריבער. עס איז קיין צווייפל נישט, אַז מען וועט אונדזו אַרעסטירן, דיך און מיך. וואָס וועט דאַן זיין מיט קאַטיענקאַן? איך בין אַ מאַמע. איך מוז פאַרמיידן דעם אומגליק און עפּעס צוטראַכטן. איך מוז האָבן אַ פּאַרטיקן באַשלוס וועגן דעם. איך פאַרליר ממש דעם קלאָרן זינען, טראַכטנדיק וועגן דעם.

— לאָמיר באַטראַכטן, מיט וואָס קען מען דאָ העלפן? זענען מיר דען בכוח אויסצומיידן אַט דעם קלאַפּ? דאָס איז דאָך אַ גורל־זאַך.

— אַנטלויפן טאָר מען נישט און עס איז נישטאָ וווּהין. נאָר מען קען זיך צוריקציען ערגעץ אין שאָטן, אויף אַ צווייטן פּלאַץ. צום ביישפּיל, אָוועקפאָרן קיין וואָריקינאָ. איך האָב דאָ אין זינען דאָס וואָריקינער הויז. דאָס איז אַ היפּשע ווייטקייט און אַ פאַרוואָרפענער העק. נאָר דאָרט וואָלטן מיר קיינעם נישט געשטאַכן אין די אויגן, ווי דאָ. עס קומט־אָן דער ווינטער. איך וואָלט גענומען אויף זיך די לאַסט פון איבערווינטערן דאָרט. ביז זיי וואָלטן־זיך דערשלאָגן צו אונדז, וואָלטן מיר געהאַט אויסגע־קעמפט אַ יאָר לעבן, און דאָס איז אַ געווינס. סאַמדיעוויאַטאָוו וואָלט אונדז געהאָלפן אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דער שטאָט. קען זיין, אַז ער וואָלט מסכים געווען אונדז אויסצובאַהאַלטן. האַ? וואָס זאָגסטו דערצו? אמת, דאָרט איז איצט קיין לעבעדיק נפש נישטאָ, אַ שרעק, אַ פּוסטקייט. אַלנ־פאַלס, איז דאָרט אַזוי געווען אין חודש מערץ, ווען איך בין געפאָרן אַהין. מען זאָגט, אַז וועלף זענען דאָרט פאַראַן. שרעקלעך. נאָר די מענטשן, און באַזונדערס פון דער קאַטעגאָריע ווי אַנטיפּאָוו אָדער טיווערזין, זענען איצט שרעקלעכער ווי וועלף.

— איך ווייס נישט, וואָס דיר צו זאָגן. דו אַליין טרייבסט דאָך מיך די גאַנצע צייט קיין מאָסקווע. דו רעדסט מיך־צו, נישט אָפּצולייגן די נסיעה. איצט איז עס געוואָרן לייכטער. איך האָב זיך ערקונדיקט אויפן וואָקזאַל. אויף שמוגלער האָבן זיי, ווייזט־אויס, אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט. נישט אַלע „בלינדע פּאַסאַזשירן” נעמט מען אין וועג אַראָפּ פון די צוגן. זיי זענען מיד־געוואָרן פון צו דערשיסן, זיי דערשיסן זעלטענער. מיך באַאומרויקט, וואָס אַלע מיינע בריוו קיין מאָסקווע פאַרבלייבן אָן ענטפער. איך מוז זיך דערקריגן אַהין און זיך דערוויסן, וואָס מיט מיינע היימישע טוט־זיך. דו אַליין דערמאָנסט עס מיר כסדר. אויב אַזוי, ווי זאָל איך פאַרשטיין דיינע ווערטער וועגן וואָריקינאָ? צי דען וועסטו זיך אַליין, אָן מיר, אָוועקלאָזן אין אַט דעם שרעקלעכן העק?

— ניין, אָן דיר, פאַרשטייט־זיך איז עס אוממעגלעך.

— און אַליין שיקסטו מיך קיין מאָסקווע?

— יאָ, דאָס איז אומבאַדינגט נויטיק.

— הער מיך אויס. ווייסט וואָס? איך האָב אַ זעלטענעם פּלאַן. לאָמיר פאָרן קיין מאָסקווע. דו מיט קאַטיענקאַן צוזאַמען מיט מיר.

— קיין מאָסקווע? צי ביזטו פון זינען אַראָפּ? וואָס איז די שמחה? גיין, איך דאַרף דאָ פאַרבלייבן. איך מוז גרייט־זיין ערגעץ־ווו אין דער נאָענט. דאָ ווערט דעצידירט פאַשענקאַס גורל. איך מוז וואַרטן אויף דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, אַז אין פאַל ווען דאָס וועט נויטיק זיין, זאָל איך זיין צו דער האַנט.

— דאַן, לאָמיר אַ קלער־טון וועגן קאַטיענקאַן.

— צייטנווייז קומט דאָ אַריין צו מיר סימושקאַ, סימאַ טונצעוואַ. מיר האָבן די טעג גערעדט וועגן איר.

— ווי דען? איך זע זי אָפט ביי דיר.

— מיך וווּנדערט אויף דיר. ווו זענען ביי אַ מאַן די אויגן? אויף דיין אָרט, וואָלט איך זיך זיכער אין איר פאַרליבט. אַזאַ מחיהדיקע! וואָס פאַר אַן אויסערלעכקייט! הויך, שלאַנק, קלוג, באַלעזן, אַ גוטע נשמה. אַ ליכטיקער אָרט דענקען.

— אין טאָג פון מיין צוריקקערן־זיך אַהער פון געפאַנגענשאַפט, האָט מיך ראַזירט איר שוועסטער, די שניידערין גלאַפּירא.

— איך ווייס. די שוועסטער לעבן צוזאַמען מיט דער עלטערער, מיט אַוודאָטיען, דער ביבליאָטעקאַרין. אַן ערלעכע אַרבעטער־משפּחה. איך וויל זיי בעטן, אין ערגסטן פאַל, אויב מען וועט אונדז ביידן אַוועקנעמען, אַז זיי זאָלן נעמען צו זיך קאַטיענקאַן אונטער זייער אויפזיכט. איך האָב נאָך נישט באַשלאָסן.

— נאָר ווירקלעך בלויז אין דעם פאַל, ווען עס וועט קיין אויסוועג נישט זיין. אָבער מיט גאָטס הילף, איז נאָך צו אַזאַ אומגליק אפשר ווייט.

— מען זאָגט, אַז סימאַ איז אַ ביסל נישט מיט אַלעמען. ווירקלעך טאָר מען זי נישט אָנערקענען פאַר אַ פולקאָם־נאָרמאַלער פרוי. נאָר דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון איר טיפקייט און אָריגינעלקייט. זי איז פענאָמענאַל־געבילדעט, אָבער נישט אויפן אינטעליגענטישן שטייגער, נאָר מיט פאָלקסטימלעכען נוסח. דיינע און אירע איבערצייגונגען זענען זייער ענלעך. איך וואָלט איר, מיט אַ גרינג האַרץ, אָנפאַרטרויט קאַטיענקאַן צום דערציען.

18

ער איז ווידער געגאַנגען צום וואָקזאַל און זיך אומגעקערט מיט גאָרנישט, אַ נישט־דערבאַקענער. אַלץ איז געבליבן אַן אַ באַשלוס. אים און לאַראַן האָט דערוואַרט אַן אומבאַוווסטער גורל. עס איז געווען אַ קאַלטער, פינצטערער טאָג, ווי פאַרן ערשטן שניי דער הימל האָט זיך אויסגעשפּרייט ברייטער, ווי איבער די אויסגעצויגענע גאַסן, ער האָט געהאַט אַ ווינטערדיקן אויסזען.

ווען יורי אַנדרייעוויטש איז אַהיים געקומען, האָט ער געטראָפן סימושקען צו־גאַסט ביי לאַראַן. זייער שמועס האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ רעפעראַט, וואָס דער גאַסט האָט געהאַלטן פאַר דער באַלעבאָסטע. יורי אַנדרייעוויטש האָט זיי נישט געוואָלט שטערן. עס האָט זיך אים אויך געגלוסט צו זיין אַ ביסל אַליין. די פרויען האָבן געשמועסט אין שכנותדיקן אָפענעם צימער. פון אויבערשטן קאַרניז האָט זיך אַראָפּגעלאָזן ביז צו דער ערד אַ פאָרטיער, פון הינטער וועלכן ער האָט געהערט וואָרט־ווערטלעך זייער שמועס.

— איך וועל נייען, אָבער איר לייגט נישט קיין אַכט דערויף, סימאָטשקאַ. איך הער אייך זייער אויפמערקזאַם. איך האָב, זיינער צייט, געהערט געשיכטע און פילאָזאָפיע אויף קורסן. אייער געדאַנקען־גאַנג איז מיר נאָנט צום האַרצן. אויסער דעם, איז דאָס הערן אייך, אַ דערלייכטערונג פאַר מיר. די לעצטע נעכט דערשלאָפן מיר נישט, צוליב פאַרשידענע זאָרגן מיך מאַטערט מיין מוטער־פליכט לגבי קאַטיענקאַן, צו באַשיצן זי אין פאַל פון מעגלעכע אומאַנגענעמלעכקייטן מיט אונדז. מען דאַרף ניכטער אַ טראַכט־טון וועגן איר. איך בין נישט גענוג שטאַרק אין דער הינזיכט. עס איז מיר טרויעריק אָפּצוגעבן זיך אַ דין־וחשבון וועגן דעם. איך בין טרויעריק פון מידקייט און נישט־דערשלאָפן. אייערע רייד באַרויקן מיך. אויסער דעם, דאַרף אַ ליאַדע מינוט פאַלן אַ שניי. בעת אַ שניי איז אַזאַ פאַרגעניגן צו הערן לאַנגע, קלוגע באַטראַכטונגען. רעדט, סימאָטשקאַ, איך הער אייך.

— ווו האָבן מיר איבערגעריסן, ווען מיר זענען שטיין געבליבן?

יורי אַנדרייעוויטש האָט נישט דערהערט, וואָס לאַראַ האָט געענטפערט. ער האָט גענומען נאָכפאָלגן נאָך דעם, וואָס סימאַ האָט גערעדט.

— מען קען זיך באַנוצן מיט די ווערטער „קולטור“, „עפּאָכע“. נאָר פאַרשטיין, פאַרשטייט מען זיי אַזוי פאַרשידנאַרטיק. צוליב דער נישט פּרעציזקייט פון זייער באַדייט, וועלן מיר זיך מיט זיי נישט באַנוצן. מיר וועלן זיי פאַרטוישן מיט אַנדערע אויסדרוקן. איך וואָלט געזאָגט, אַז דער

מענטש באַשטייט פון צוויי טיילן: פון גאָט און פון אַרבעט. די ענטוויקלונג פון מענטשלעכן גייסט פאַלט זיך־צונויף מיטן ריזיקן המשך פון באַזונדערע גרויסע אַרבעטן. זיי זענען פאַרווירקלעכט־געוואָרן דורך דורות און האָבן נאָכגעפאָלגט איינס דאָס אַנדערע. אַזאַ אַרבעט איז געווען עגיפּטן, אַזאַ אַרבעט איז געווען גריכלאַנד, אַזאַ אַרבעט איז געווען די ביבלישע גאָט־דערקענטעניש פון די נביאים. אַזאַ אַרבעט, די לעצטע לויט דער צייט, וואָס איז מיט קיין שום אַנדער זאַך דערוויל נישט פאַרביטן געוואָרן, און וואָס ווערט געשאַפן מיט דער באַגייסטערונג פון דער מאָדערנער צייט, — איז דאָס קריסטנטום.

כדי פאַרצושטעלן אייך מיט דער גאַנצער פרישקייט, איבעראַשנדיק, נישט אַזויווי איר ווייסט אליין און זענט געוווינט דערצו, נאָר פשוטער, אוממיטלבאַרער, דאָס נייע, וווּנדערלעכע, וואָס דאָס קריסטנטום האָט געבראַכט, — וועל איך מיט אייך פאַרטייטשן עטלעכע אויסצוגן פון תפילות־טעקסטן, די סאַמע קלענסטע און אויך דאָס, מיט קירצונגען. דער גרעסטער טייל לויב־געזאַנגען, צונויפגעזאַמלטע אין דעם אַלטן און אין דעם נייעם טעסטאַמענט, בילדן איין פאַרשטעלונג. די באַגריפן פון דער אַלטער וועלט, מיטן ברענענדיקן דאָרן, מיט יציאת־מצרים, מיט די דריי יונגעלייט אין ברענענדיקן קאַלך־אויוון, יונה אין די געדערים פון דעם וואַלפיש און אַזוי ווייטער, וואָס פאַלן זיך צונויף מיט די נייע באַגריפן, ווי צום ביישפּיל די פאַרשטעלונג וועגן דער פאַרשוואַנגערונג פון דער הייליקע מוטער און דאָס תחית־המתים פון כריסטוסן. אין דעם דאָזיקן אָפטן, כמעט שטענדיקן צוזאַמענהאַנג פון דעם אוראַלטן, מיטן מאָדערן־נייעסטן און זייער אונטערשיד, קומען אַרויס די באַגריפן באַזונדערס קלאָר.

אין אַ גאַנצער ריי מזמורים ווערט מאַרי'ס שלימותדיקע מוטערשאַפט פאַרגליכן מיט די בני־ישראלס אריבערגיין דעם ים־סוף. צום ביישפּיל, אין דעם מזמור ווערט דערציילט, אַז נאָכן אַריבערגיין פון די בני־ישראל, איז דער ים ווידער געוואָרן נישט־דורכגייבאַר, וואָס פאַר אַ סאָרט געשעענישן זענען דאָ אויסגעשטעלט געוואָרן פּאַראַלעל? ביידע זענען איבערנאַטירלעכע דערשיינונגען, ביידע זענען אנערקענט אַלס דער זעלבער נס. אָבער אין וואָס אַזוינס האָבן געזען אַ נס, די פאַרשידענע צייטן? די אוראַלטע בראשית־צייט און די נייע נאָך רוימישע, ווייט־פאַראויסגעשריטענע צייט? אין איין פאַל, לויטן באַפעל פון פאָלקס־מנהיג, דעם פּאַטריאַרך משה, און לויט זיין קלאַפּ מיטן מופת־שטעקן, שפּאַלט זיך דער ים, לאָזט־אַדורך דורך זיך אַ גאַנץ פאָלק, וואָס באַשטייט פון פיל הונדערטער טויזנטער. און ווען עס גייט אַדורך דער לעצטער, פאַרמאַכט ער זיך צוריק און פאַרדעקט און דערטרינקט די נאָכיאָגנדיקע מצרים.

אַ דראַמע אין גייסט פון אורצייטן. די סטיכיע וואָס פאָלגט די שטים פון דעם בעל־מופת. גרויסע מאַסן, המונים, ווי די רוימישע חילות, וואָס ציען צו שלאַכטן. פאָלק און מנהיג. דאָס פאָלק זעט, הערט און ווערט פאַרבליפט, איבערראַשט.

אין צווייטן פאַל, — אַ מיידל, — אַ געוויינלעכקייט, אויף וועלכע די פאַרצייטישע וועלט האָט קיין אַכט נישט געלייגט, — ברענגט אַ קינד אויף דער וועלט אין דער שטיל, מתפלל־זייענדיק בלחש. זי באַשאַפט אויף דער וועלט אַ לעבן, דאָס נס פון לעבן, דאָס לעבן פון אַלעמען, „דאָס לעבן פון יעדן מענטש", ווי מען רופט אים שפּעטער. איר געבורט איז אַן אומגעזעצלעכער, נישט בלויז פון שטאַנדפּונקט פון ספרים־פאָרשער, אַלס אומגעהייראַטע, נאָר דאָס איז אויך אין סתירה צו די געזעצן פון דער נאַטור. דאָס מיידל געבוירט נישט פון נויטווענדיקייט, נאָר פון נס, אינ־ספּירירט פונעם רוח־הקודש. דאָס איז די זעלביקע אינטואיציע אויף וועל־כער די עוואַנגעליע, וואָס שטעלט אַוועק יום־טוב אַנטקעגן אינדערוואָכן, און אויסערגעוויינלעכס אַנטקעגן דעם געוויינלעכן, — וויל בויען אַ לעבן להכעיס יעטוועדער געצוווּנגענקייט.

וואָס פאַר ענדערונג פון געוואַלדיקער באַדייטונג! ווי אַזוי זעט דאָס דער הימל, ווייל מיר מוזן דאָס אַלץ אָפּשאַצן, אין אַנבליק פון הימל, אין דער ראָם פון דעם הייליקן **אחד** געשעט דאָס אַלץ, — וויאַזוי האָט דאָס דער הימל געזען די אומשטענדן פון אַ פּשוטן מענטשן, אַ אומבאַדיי־טנדיקן אין די אויגן פון קדמונים — אַזוי וויכטיק, ווי דאָס וואַנדערן פון אַ גאַנץ פאָלק?

עפּעס האָט זיך פונעם גרונט אַ ריר־געטון אין דער וועלט. עס האָט זיך געענדיקט רוים, די מאַכט פון מענטשן־מאַסן, דער צוואַנג און דראַנג מיטן כח פון געווער צו לעבן אין המון, צווישן דער גאַנצער באַ־פעלקערונג. פעלקער און פירער זענען אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט. די פערזענלעכקייט, וואָס זאָגט־אָן פרייהייט, איז געקומען אויף זייער אָרט. דאָס מענטשלעכע יחידישע לעבן איז געוואָרן אַ געטלעכע דערציילונג, אַ „סיפור מעשי־יה", אָנגעפילט מיט זיין אינהאַלט. מיט רחבות פון דער וועלט. ווי עס זאָגט זיך אין איינעם פון די לויב־געזאַנגען אין דעם בשורה־יום־טוב: אדם האָט געוואָלט ווערן אַ גאָט און איז געשטרויכלט־געוואָרן, און איצט ווערט גאָט אַ מענטש, כדי צו מאַכן אדם'ען געטלעך.

סימאַ האָט ווייטער גערעדט:

— איך וועל אייך באַלד נאָך עפּעס זאָגן אויף דער טעמע. און דערווייל אַ קליינע אָפּווענדונג. וואָס שייך די זאָרג פאַר די האָרעפּאַש־ניקעס, פאַר מוטער־שוץ, קאַמף קעגן די מאַכט־גיריקע, איז אונדזער

רעוואָלוציאָנערע צייט אַ וווּנדערלעכע, אַ אויסערגעוויינלעכע, אַ אומפאַרגעסלעכע, וועמענס דערגרייכונגען עס וועלן אויף לאַנג, אויף אייביק פאַרבלייבן. נאָר וואָס אָנבעלאַנגט פאַרשטיין דאָס לעבן, די פילאָזאָפיע פון גליק, וואָס ווערט איצט איינגעפלאַנצט, גלויבט־זיך פשוט נישט, אַז מען מיינט עס ערנסט, זאָס זענען דאָך לעכערלעכע פאַרעלטערטקייטן. די דאָזיקע דעקלאַמאַציעס וועגן פעלקער און מנהיגים, וואָלטן אונדז געקענט אָמקערן צו די תנכישע צייטן פון פאַסטוכער־שבטים און פאַטריאַרכן, ווען זיי וואָלטן נאָר געבענטשט־געוואָרן מיט כוח, צוריקצוקערן דאָס לעבן און צוריקשטויסן די געשיכטע צוריק אויף יאָרטויזנטער. צום גליק, איז דאָס נישט מעגלעך.

עטלעכע ווערטער נאָך וועגן קריסטוס און מאַגדאַלענאַ. דאָס איז נישט פון דער עוואַנגעלישער דערציילונג וועגן איר, נאָר פון די תפילות אין דער פאַרכטיקער וואָך, דוכט־זיך, פון גרויסן דינסטיק אָדער מיטוואָך. איר ווייסט עס דאָך זייער גוט, לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ. איך וועל אייך פשוט עפּעס דערמאָנען, און איך קלייב זיך נישט, חלילה, אייך צו געבן קיין לעקציע.

אויפן סלאַוויאַנישן לשון איז תאווה, ווי איר ווייסט עס גאַנץ גוט, פריער פון אַלץ — ליידן; די תאווה פון גאָט, „דער אייביקער האַר — צו דער פרייער תאווה", (דער האַר וועלכער גייט פרייוויליק אויף יסורים). אויסער דעם ווערט דאָס וואָרט באַנוצט אין שפּעטערדיקן רוסיש אַלס גליסטונג איז תשוקה. „די תאווה האָט די ווירדיקייט פון מיין זעל פאַרקנעכטעט און איך בין געוואָרן צו אַ בהמה געגליכן", „צוליב אונדזער תאווה זענען מיר פאַרטריבן־געוואָרן פון גן־עדן" א. א. וו. איך בין מסתמא זייער קאַליע־געוואָרן, וואָס איך האָב נישט ליב די ערב־פּסחאַ־תפילות וועגן די ענינים, וואָס זענען באַשטימט צו ציימען די קערפּערלעכע געפילן און אָוועקנעמען דאָס חיות פון די לייבער. מיר דאַכט־זיך תמיד, אַז די פּראָסטע אויבערפלעכלעכע תפילות, וואָס פאַרמאָגן נישט די נשמהדיקע פּאָעזיע פון אַנדערע טעקסטן, האָבן ציאַמענגעשטעלט פעטע, גרויב־בייכיקע מאָנאַכן. נישט אין דעם גייט עס, וויבאַלד זיי געלעבט נישט לויט די געזעצן און האָבן אַפּגענאַרט אַנדערע. וואָלטן זיי כאָטש געלעבט לויט ריינעם געוויסן. נישט זיי זענען דער עיקר, נאָר דער אינהאַלט פון די פראַגמענטן. די דאָזיקע דערדריקנדיקע מוסר־רייד, גיבן צו אַז איבעריקער באַדייטונג צו די פאַרשידענע קערפּערלעכע שוואַכקייטן און דעריבער, צו זיי זענען זאַטיקע, אָדער נזיר׳דיקע, — דאָס איז דאָך דערווידער, דאָס איז דאָך מיאוס. עפּעס אַ שמוציקייט און באַדייטונגסלאָזע צווייטראַנגיקייט, זענען דערהויבן־געוואָרן צו נישט־געהעריקע הויכקייטן. זיים

מוחל, וואָס איך פּאַרצי אַזוי מיטן סאַמע וויכטיקן. איך וועל איך באַלד באַלוינען פּאַר מיין אָפּשלעפּן.

עס האָט מיך תּמיד אינטערעסירט, פאַרוואָס ווערט די דערמאָנונג פון מאַגדאַלענא געבראַכט אין די תּפילות פון סאַמע ערב־פּסחא, אויף דער שוועל פון כריסטוסנס אויסגיין און זיין תּחית־המתים. איך ווייס נישט די סיבה, נאָר איך מיין, אַז דאָס דערמאָנען פון די אייגנשאַפטן פון לעבן, אין מאָמענט פון שיידן־זיך דערמיט, און אויף דער שוועל פון ווידערקערן־זיך צום לעבן, קומט אין דער ריכטיקער צייט. און איצט הערט, מיט וואָס פאַר אַן עכטער ליידנשאַפט, מיט וואָס פאַר אַ ערלעכקייט, וואָס רעכנט זיך נישט מיט קיין שום זאַך, ווערט די דאָזיקע דערמאָנונג געמאַכט.

עס איז דאָ אַ מחלוקת, צי דאָס איז טאַקע מאַריאַ מאַגדאַלענא, אָדער מרים פון מצרים, אָדער אַ וועלכע־עס־איז אַנדערע מאַריאַ נאָר ווער דאָס זאָל נישט זיין, בעט זי גאָט:

„לייז־אויף די פליכט, ווי איך מיינע האָר". דאָס מיינט: „פאַרגיב מיינע זינד אַזוי, ווי איך צולאָז מיינע האָר". ווי ממשותדיק איז דאָ אויס־געדריקט די חרטה און דער דורשט נאָך פאַרגעבונג. מען קען עס אַזש מיט די הענט אָנטאַפּן.

אין אַן ענלעכער אויסרוף הערט זיך אין אַ צווייטן, מער דייט־לעכן פּסוק פון דער תּפילה פון יענעם טאָג, און ווו די ווערטער באַציען זיך, בפירוש צו מאַריאַ מאַגדאַלענאַ.

מיט אַ שרעקלעך־רירנדיקן געוויסנסביסן קלאָגט זי דאָ אויף דעם, וואָס יעדע נאַכט צינדט זיך־אָן אין אירע געבליטן די פריער־איינגע־וואָרצלטע אויפּפירונגען אירע. „וואָס אין די נעכט צינדן זיך־אָן מיינע גליסטונגען, נישט צום צוימען זיי, אָז־לבנה, פינצטער איז דאָך מיין תּאווהדיקע זינד". זי בעט כריסטוסן אָנצונעמען אירע חרטה־טרערן און זיך צונויגן צום קלאַפּן פון איר האַרץ, אַז זי זאָל קענען אָפּווישן זיינע לויטער־ריינע פיס מיט איר האָר, וואָס אין זייער גערויש האָט זיך באַ־האַלטן חוה אין גן־עדן, אַ פאַרבליפטע און פאַרשעמטע. „און איך וועל קושן דיינע לויטער־ריינע פיס און איך וועל זיי איינהילן אין די האָר פון מיין קאָפּ, וואָס אין זיי האָט זיך פאַרהילט חוה אין גן־עדן, ווען זי האָט אין נאַכמיטאָגדיקן גערויש באַנומען מיטן אויער אַ רוף און זי האָט זיך באַהאַלטן אין פּחד. און פּלוצלונג, נאָכפאָלגנדיק די דאָזיקע האָר, רייסט זיך אַרויס דער אויסרוף: „אַ סך זענען מיינע זינד. ווער קען אויספאָרשן די תּהומען פון דיין משפּט?" וואָס פאַר אַ צימצומדיקייט, — וואָס פאַר אַ גלייכונג צווישן גאָט און לעבן, צווישן גאָט און יחיד, צווישן גאָט און דער פרוי!

19

יורי אַנדרייעוויטש איז געקומען פון וואָקזאַל אַ מידער. דאָס איז געווען זיין פרייער טאָג אין יעדער דעקאַדע. געוויינלעך פלעגט ער זיך, אין דער דאָזיקער דאַטע, אויסשלאָפן פאַר דער גאַנצער וואָך. ער איז געזעסן אָנגעלענט אויף דער סאָפע, צייטנווייז אין אַ האַלב־ליגנדיקער פּאָזע, אָדער איינגאַנצן זיך־אויסציענדיק. כאָטש סימאָן האָט ער געהערט אין דרימל, וואָס איז איבן באַפאַלן, האָט אים איר שמועס פאַרשאַפט פאַרגע־ניגן. „פאַרשטייט־זיך, אַז דאָס אַלץ שטאַמט פון דעם פעטער קאָליאַ, — האָט ער געטראַכט — נאָר ווי טאַלאַנטירט זי איז און ווי קלוג!".

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער סאָפע און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער וואָס איז בשכנות מיטן פענצטער פון אַנדערן צימער, ווו לאַראַ און סימושקאַ האָבן איצט אומדייטלעך געפּליסטערט.

דאָס וועטער איז קאַליע־געוואָרן. אינדרויסן האָט געטונקלט. אויפן הויף זענען אָנגעפלויגן און אַרומגעפלאַטערט, אויסקוקנדיק ווי זיך צו זעצן, צוויי קראָען. אַ ווינט האָט לייכט געבלאָזן און צעשויבערט זייערע פעדערן. די קראָען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן דעקל פון מיסט־קאַסטן, זענען אַריבערגעפלויגן פון פּלויט אויף דער ערד און האָבן גענומען אַרומגיין איבערן הויף.

„קראָען זאָגן־אָן אַ שניי" — האָט דער דאָקטאָר אַ טראַכט־געטון. אין דער זעלבער רגע האָט ער דערהערט פון הינטערן פאָרהאַנג:

— קראָען ברענגען גוטע בשורות, — האָט זיך סימאַ געווענדעט צו לאַראַן — געסט קלייבן זיך צו אייך, אָדער איר וועט אַ בריוו באַקומען.

אַ ביסל שפּעטער האָט מען אינדרויסן אָנגעקלונגען אין דעם טיר־גלעקל. פון הינטערן פּוירהאַנג איז אַרויס לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ און איז מיט שנעלע שפּרייזן אַוועק עפענען די פראָנט־טיר. לויט איר שמועס ביי דער אַריינגאַנגס־טיר, האָט יורי אַנדרייעוויטש פאַרשטאַנען, אַז סימאַ'ס שוועסטער איז געקומען, גלאַפּירא סעווערינאָוונאַ.

— איר זענט נאָך דער שוועסטער געקומען? — האָט לאַריסאַ פיאָדאָראָוונא געפרעגט — סימושקאַ איז ביי אונדז.

— ניין, נישט נאָך איר. און אַגב, פאַרוואָס נישט? מיר וועלן גיין צוזאַמען, אויב זי קלייבט־זיך אַהיים צו גיין. ניין, איך בין געקומען נישט וועגן דעם בכלל. אַ בריוו פאַר אייער פריינט. זאָל ער דאַנקען דערפאַר, וואָס איך האָב אַמאָל אויף דער פּאָטשט געאַרבעט. דער בריוו איז אַ סאַך הענט אַדורכגעגאַנגען, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין מיינע. אַ דאַנק באַ־קאַנטשאַפט. פון מאָסקווע. 5 חדשים געגאַנגען. מען האָט נישט געקענט גע־

פינגען דעם אַדרעסאַט. אָבער איך ווייס דאָך, ווער ער איז. ער האָט זיך דאָך ראַזירט ביי מיר.

דער בריוו, — אַ לאַנגער, אויף אַ סך זייטלעך, צעקנייטשט, פאַר־פעטסט, אין אַן אויפגעקלעבטן, צעפליקטן קאָנווערט, איז געווען פון טאַניאַן. דער דאָקטאָר האָט עס נישט באַנומען, וויאַזוי דער בריוו איז גע־קומען אין זיינע הענט אַריין, ער האָט נישט באַמערקט, ווי לאַראַ האָט אים איבערגעגעבן דעם קאָנווערט. ווען דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבן לייענען דעם בריוו, האָט ער נאָך געדענקט אין וואָס פאַר אַ שטאָט ער געפינט־זיך און ביי וועמען אין שטוב, נאָר במשך דעם לייענען האָט ער פאַרלוירן דעם דאָזיקן פאַרשטאַנד. עס איז אַרויסגעקומען צו אים סימאַ, זיך באַ־גריסט מיט אים און געגומען זיך געזעגענען. ער האָט מעכאַניש זי געזעגנט ווי געהעריק, נאָר נישט געלייגט אויף איר מער קיין שום אַכט. איר אַוועקגיין איז אַרויס פון זיין זכרון. ביסלעכווייז האָט ער אַלץ מער אינ־גאַנצן פאַרגעסן ווו ער געפינט־זיך און וואָס עס טוט־זיך אַרום אים.

„יוראַ, — האָט אים געשריבן אַנטאָנינאַ אַלעקסאַנדראָווּנאַ, — צי ווייסטו דען, אַז מיר האָבן אַ טאָכטער? מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן מאַשאַ, אין אָנדענק פון דיין פאַרשטאָרבענער מוטער, מאַריאַ ניקאָלאַיעווּנאַ.

„איצט, — אינגאַנצן וועגן אַן אַנדער ענין. עטלעכע אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע טוער, פּראָפעסאָרן פון דער קאָדעטן־פּאַרטיי און פון די רעכטע סאָציאַליסטן, מיליוקאָוו, קיזעוועטערן, קוסקאָוו, אַנדערע און אויך דעם פעטער ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש גראָמעקאָ, דעם טאַטער און אונדז, אַלס מיטגלידער פון זיין משפּחה, שיקט מען אַרויס פון רוס־לאַנד קיין אויסלאַנד.

„דאָס איז אַן אומגליק, באַזונדערס — אין דיין אָפּוועזנהייט. נאָר מען מוז זיך אונטערוואַרפן און דאַנקען גאָט פאַר אַזאַ דעליקאַטער פאָרם פון אַרויסטרייבן, אין אַזאַ שרעקלעכער צייט. עס האָט דאָך געקענט זיין פיל ערגער. ווען דו וואָלסט זיך אָפּגעזוכט און וואָלסט זיך געפונען דאָ, וואָלסטו געפאָרן מיט אונדז צוזאַמען. נאָר ווו געפינסטו זיך אַצינד? איך שיק דעם דאָזיקן בריוו אויפן אַדרעס פון אַנטיפּאָוואַ. זי וועט דיר אים איבערגעבן, אויב זי וועט דיך געפונען. מיך מאַטערט דאָס נישט־וויסן, צי וועט די פאַראָרדענונג אויסגעברייטערט־ווערן און זיין חל אויך אויף דיר, ווי אויף אַ משפּחה־מיטגליד. ווען עס וועט באַשערט־זיין און דו וועסט־זיך אָפּזוכן, צו וועסטו באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן, ווי מיר אַלע האָבן עס באַקומען. עס גלויבט־זיך מיר, אַז דו לעבסט און דו וועסט זיך אָפּגעפינען. מיר זאָגט מיין האַרץ וואָס ליבט, איך גלויב די שטים פון מיין האַרץ. מעגלעך, אַז צו דער צייט, ווען דו וועסט זיך

אָפּגעפינען, וועלן די לעבנס־באַדינגונגען אין רוסלאַנד ווייכער ווערן און ווען קענען אויספּועלן אַ באַזונדערע דערלויבעניש אויף אַ רייזע קיין אויסלאַנד און מיר וועלן זיך ווידער דערזען צוזאַמען, אויף איין אָרט. נאָר איך שרייב דאָס און גלויב אַליין נישט אין דער פאַרווירקלעכונג פון אַזאַ גליק.

„דער גאַנצער אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס איך האָב דיך ליב און דו ליבסט מיך נישט. איך באַמי־זיך צו געפינען אַ זין פאַר דער דאַזיקער באַשולדיקונג, אויסטייטשן, באַרעכטיקן. איך גראָב־זיך אַריין און זוך די סיבה אין זיך זעלבסט, איך צעגלידער אונדזער גאַנץ צוזאַמענלעבן און אַלץ וואָס איך ווייס וועגן זיך, און — און איך זע נישט קיין אָנהויב און איך קען מיך נישט דערמאַנען, וואָס אַזוינס איך זאָל האָבן געטון און מיט וואָס אַזוינס האָב איך געבראַכט אויף זיך דאָס דאָזיקע אומגליק. דו קוקסט אויף מיר, ווי איך וואָלט דיך באַעולט, מיט נישט קיין לייטזעליקע אויגן, דו זעסט מיך אַ געפּעלטשטער, ווי אין אַ קרומען שפּיגל.

„און איך ליב דיך. אָך, ווי איך האָב דיך ליב! ווען דו וואָלסט זיך עס נאָר געקענט פאָרשטעלן! איך ליב יעדע באַזונדערע איינצלהייט אין דיר, אַלדאָס באַקוועמע און אומבאַקוועמע, אַלע דיינע געוויינלעכע אייגנשאַפטן, וואָס זענען מיר אַזוי טייער אין זייער אומגעוויינלעכער האַרמאָניע. דיין באַזעלט געזיכט מיט פאַרבאַרגענעם אינהאַלט, וואָס אָן דעם, קען זיין, וואָלט עס געווען נישט שיין; דיין טאַלאַנט און שכל, וואָס האָבן ווי פאַרנומען איינגאַנצן דאָס אָרט פון ווילנס־כח. דאָס אַלץ איז מיר טייער און איך קען נישט קיין בעסערן מענטשן פון דיר.

„נאָר הער דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? ווען דו וואָלסט מיך אפילו נישט געווען אַזוי טייער, ווען דו וואָלסט מיר נישט געפעלן אַזוי שטאַרק, — וואָלט־זיך אַלץ־איינס דער טרויעריקער אמת פון מיין קילן האַרצן נישט אַנטפּלעקט פאַר מיר, און איך וואָלט סיי־ווי־סיי געמיינט, אַז איך האָב דיך ליב. אויס בלויזער מורא פאַר דעם, ווי דערנידערנדיק, ווי פאַרניכטנדיק עס וואָלט פאַר מיר געווען די שטראָף פון פעלן ליבע. איך וואָלט זיך זינלאָז אויסגעהיטן פון צו פאַרשטיין, אַז איך ליב דיך נישט. נישט איך און נישט דו, וואָלטן זיך עס קיינמאָל נישט דערוווּסט. מיין אייגן האַרץ וואָלט עס פאַרהוילן פון מיר, ווייל זיין אָן ליבע איז כמעט ווי באַגיין אַ מאָרד, און איך וואָלט קיינעם נישט אומשטאַנד־געווען צו דערלאַנגען דעם דאָזיקן קלאַפּ.

„כאָטש עס איז נאָך גאָרנישט דעצידירט ענטגילטיק, פאַרן מיר

וואַרשיינלעך קיין פּאַריז. איך וועל פאַרוואַגלט־ווערן אין ווייטע לענדער, ווו מען האָט דיך קינדווייז געפירט און ווו דער פאָטער און דער פעטער האָבן זיך דערצויגן. דער פאָטער גריסט דיך. שוראַ איז אויסגעוואַקסן. ער איז נישט געוואָרן שיין, נאָר אַ גרויס און קרעפטיק ייִנגל און ביים דער־מאָנען־זיך אָן דיר, וויינט ער תמיד ביטער און טרייסטלאָז. איך קען נישט מער. דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון טרערן. נו, זיי געזעגנט. לאָז מיר דיך איבערצלמען צו אונדזער ענדלאָזער צעשיידונג, צו נסיונות און אומ־באַוווּסטן, אויף דיין גאַנצן, לאַנג־לאַנגן, פינסטערן וועג. איך באַשולדיק דיך אין גאָרנישט. איך מאַך נישט קיין שום פאַרוווּרף. אָרדן דיר דאָס לעבן, ווי דיר ווילט־זיך, אבי עס זאָל דיר גוט זיין.

„פאַרן אָפּפאָרן פון דעם דאָזיקן שרעקלעכן און גורלדיק־פינסטערן פאַר אונדז אוראַל, האָב איך גאַנץ קורץ באַקענט לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַן. אַ דאַנק איר. זי האָט מיך נישט פאַרלאָזן, ווען עס איז מיר אַזוי שווער געווען, זי האָט מיר געהאָלפן אין קימפּעט. איך מוז אָפנהאַרציק מודה־זיין, אַז זי איז אַ גוטער מענטש, נאָר איך וויל נישט פאַלש זיין מיין נשמה: זי איז דער פולשטענדיקער היפוך פון מיר. איך בין געבוירן־געוואָרן אויף דער וועלט כדי צו פאַראיינפאַכן דאָס לעבן און צו זוכן אַ גערעכטן אויס־וועג, און זי, — כדי צו פאַרקאָמפּליצירן דאָס לעבן און אַראָפּצופירן פון וועג.

„זיי געזונט, מען דאַרף ענדיקן. מען איז געקומען נאָך דעם בריוו און עס איז געקומען די צייט, זיך צו פּאַקן אין וועג אַריין. אָ, יוראַ, יוראַ, ליבער, טייערער מיינער, מאַן מיינער, פאָטער פון מיינע קינדער, וואָס אַזוינס טוט־זיך עס מיט אונדז!, מיר וועלן זיך דאָך מער קיינמאָל נישט זען. אָט האָב איך אָנגעשריבן די דאָזיקע ווערטער, צי מאַכסטו זיך דען קלאָר זייער באַדייטונג? צי פאַרשטייסטו דען? צי באַנעמסטו דען? מען איילט אונדז־צו, און דאָס איז אַ געטרייער סימן, אַז מען איז געקומען נאָך מיר, כדי מיך צו פירן צו דער עקזעקוציע. יוראַ! יוראַ!"

יורי אַנדרייעוויטש האָט אויפגעהויבן פון בריוו אַ פּאָר אויגן נישט־דאָיקע, טרערנלאָזע אויגן, אין ערגעץ נישט געווענדטע, טרוקענע און וויסטע פון פּיין און יסורים. ער האָט גאָרנישט געזען אַרום זיך, גאָרנישט באַנומען.

דורך די פענצטער האָט ער געזען פאַלן אַ שניי. דער ווינט האָט אים געטראָגן אינדערלופטן ווי אַ געפּאַנגענעם, אַלץ שנעלער און געדיכ־טער, ווי ער וואָלט דערמיט כסדר עפּעס דערגאַנצט. און יורי אַנדרייע־וויטש האָט אַזוי געקוקט אין פענצטער, ווי ער וואָלט נישט קיין

שניי געזען פֿאַר זיך, נאָר דאָס לייענען דעם בריוו פֿון טאָניאַן ציט זיך ווייטער און — ווי עס וואָלטן זיך־געטראָגן און געבלייכט, נישט קיין טרוקענע שניי־שטערנדלעך, נאָר קליינע בלויזן אויפֿן ווייסן פּאַפּיר, צווישן קלייניקע, שוואַרציניקע אותיותלעך. ווייסינקע בלויזן, ווייסינקע, ווייסינקע, אָן אַ סוף, אָן אַ סוף.

יורי אַנדרייעוויטש האָט אָנמעכטיק אַ קרעכץ־געטון און זיך געכאַפּט ביים האַרץ. ער האָט דערפֿילט, אַז ער פֿאַלט אין חלשות. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר וואַקלענדיקע טריט צו דער קאַנאַפּע און איז געפֿאַלן אויף איר אָן באַוווסטזיין.

פערצנטער טייל

ווידער אין וואַריקינאַ

1

עס האָט זיך געשטעלט דער ווינטער. עס זענען געפאַלן גרויסע פליטערס שניי. יורי אַנדרייעוויטש איז אַהיימגעקומען פון זיין אַרבייט אין שפּיטאָל.

— קאַמאַראָווסקי איז געקומען צופאָרן, — האָט געזאָגט מיט אַ גידעריקער, הייזעריקער שטים לאַראַ, וועלכע איז אים אַרויסגעקומען אַנטקעגן. זיי זענען געשטאַנען אין פאָדערצמיער. זי האָט געהאַט אַ פאַרלוירענעם אויסזען, ווי ביי אַ געשלאָגענער.

— וווהין? צו וועמען? ער איז ביי אונדז?

— פאַרשטייט־זיך, אַז ניין. ער איז געווען אינדערפרי און האָט געזאָלט קומען אין אָוונט. ער וועט באַלד קומען. ער דאַרף רעדן מיט דיר.

— נאָך וואָס איז ער געקומען?

— איך האָב נישט אַלץ פאַרשטאַנען פון זיינע ווערטער. ער זאָגט, אַז ער איז דאָ בלומרשט פאַרבייפאָרנדיק, אויפן וועג צום וויטן מזרח, און ער האָט עקסטרע געמאַכט אַן אומוועג און זיך פאַרקירעוועט צו אונדז, קיין יוראַטין, זיך צו זען. הויפּטזעכלעך, — צוליב דיר און פּאַשאַן. ער האָט אַ סך גערעדט וועגן איך ביידן. ער פאַרזיכערט, אַז מיר אַלע דריי, דאָס הייסט: דו, פּאַטוליאַ און איך, געפינען־זיך אין אַ טויט־געפאַר, און אַז בלויז ער קען אונדז ראַטעווען, אויב מיר וועלן אים פאָלגן.

— איך וועל אַוועקגיין. איך ווינטש זיך נישט צו זען אים.

לאַראַ האָט זיך צעוויינט. זי האָט געמאַכט אַ פּרוּוו צו פאַלן פאַרן דאָקטאָר אויף די קני און צודריקן דעם קאָפּ צו זיי, נאָר ער האָט איר דאָס געשטערט צו טון, אונטערהאַלטנדיק זי מיט כוח.

— פאַרבלייב פאַר מיינעטוועגן, איך בעט־זיך ביי דיר. פון קיין שום שטאַנדפּונקט האָב איך נישט קיין מורא צו בלייבן מיט אים אויג־אויף־אויג. נאָר דאָס איז באַלעסטיקנדיק. באַפריי מיך פון דער באַגעגעניש

מיט אים באַזונדער. אויסער דעם, איז דער דאָזיקער מענטש אַ פּראַק־טישער, אַ דורכגעטריבענער. עס קען זיין, אַז ער וועט אונדז טאַקע עפּעס עצהגען. דיין ווידערווילן צו אים איז נאַטירלעך. נאָר איך בעט דיך: באַהערש־זיך. פאַרבלייב.

— וואָס איז מיט דיר, מלאך מיינער? באַרויק־זיך. וואָס טוסטו? פּאָל גישט אויף די קני. שטיי־אויף, צעשטריי־זיך. פאַרטרייב די בייזע מחשבות וואָס פאַרפאַלגן דיך. ער האָט דיך אויפן גאַנצן לעבן אַנגעשראָקן. איך בין מיט דיר. אויב עס וועט נויטיק זיין, אויב דו וועסט מיך הייסן, וועל איך אים דערהרגענען.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז צוגעפאַלן דער אָוונט. עס איז געוואָרן פולשטענדיק פינצטער. בערך אַ האַלב יאָר זענען שוין אַלע מויז־לעכער אין דער פאַדלאָגע געווען פאַלשטענדיק פאַרקלאַפּט. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין דער ווינונג אַ גרויסן, פּוכיקן קאָטער, וועלכער האָט פאַרבראַכט די צייט אין אומבאַוועגלעכער, סודותדיקער אויסשפּירונג. די מייז זענען נישט אַוועק פון שטוב, נאָר זיי זענען געוואָרן פאַרזיכטיקער.

דערוואַרטנדיק קאָמאַראָווסקין, האָט לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ אַנגע־שניטן שוואַרצן פּאַרציע־ברויט און זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ טעלער מיט עטלעכע אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל. דעם גאַסט האָבן זיי זיך געקליבן אויפצונעמען אין געוועזענעם עסצימער פון די פריערדיקע באַלע־באַטים, וועלכער איז אַלס עס־צימער פאַרבליבן. דאָרט זענען געשטאַנען אַ גרויס־פאַרנעמיקער, דעמבענער עס־טיש און אַ גרויסער, שווערער בופעט פון דעם זעלבן טונקעלן דעמב־האָלץ. אויפן טיש האָט געברענט אַ קנויטל אין אַ סלאָיק מיט ריצנאייל געטונקען, — אַ באַוועגלעך דאָקטאָריש „לעמפל“.

קאָמאַראָווסקי איז אַריינגעקומען פון דער דעצעמבער־פינסטערניש, איינגעגנצן אַ באַשאָטענער מיט שניי. דער שניי איז שיכטנווייז אָפּגעפאַלן פון זיין פּעלץ, היטל און קאַלאָשן און ער איז צעגאַנגען, שאַפנדיק דאָרט לויטעס וואַסער. פונעם שניי זענען נאָס געווען זיינע וואָנצעס און באָרד, וואָס קאָמאַראָווסקי פּלעגט אַמאָל ראַזירן, זיי האָבן אויסגעזען קאָמאַראָוו־סקי־מעסיג שפּאַטיש. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ פּריש־אויפגעהיטענעם רעקל און אין געשטרייפטע הויזן. איידער ער האָט זיך באַגריסט, האָט ער פריער גאַנץ לאַנג געקעמט די פייכטע צעפּאַטלטע האָר און צו־געגלאַטיקט די נאַסע וואָנצעס און ברעמען. דערנאָך, מיט אַן אויסדרוק פון שווייגנדיקער חשיבות, האָט ער אויסגעשטרעקט גלייכ־

צייטיק בײדע הענט, די לינקע — צו לאַריסאַ פּיאָדאָראָװנען און די רעכטע — צו יורי אַנדרײַעװיטשן.

— נעמען מיר אָן, אַז מיר זענען באַקאַנט, — האָט ער זיך געװענדעט צו יורי אַנדרײַעװיטשן. — איך בין דאָך געװען אין גוטע באַציונגען מיט אײַער פֿאָטער, געװיס װײסט איר עס. אױף מײַנע הענט האָט ער זײַן נשמה אױסגעהױכט. קוקנדיק אױף אײַך, זוך איך אַלץ אַן ענלעכקייט. ניין, װי עס שײַנט, זענט איר נישט אין פֿאָטער געראָטן. דאָס איז געװען אַ מענטש אַ ברייט־האַרציקער, אַ אױפֿברױזנדיקער, אַ שטורמישער. אורטײלנדיק לױט אײַער אױסערלעכקײט, זענט איר גיכער אין דער מוטער געראָטן. אַ װײכהאַרציקע פּרויענצימער געװען, אַ טרױמערין.

— לאַריסאַ פּיאָדאָראָװנאַ האָט געבעטן אױסצוהערן אײַך. לױט אירע רייד, האָט איר װעלכן־עס־איז ענין צו מיר. איך האָב נאָכגעגעבן איר פֿאַרלאַנג. אונדזער שמועס איז אומװיליק, אַן אױפֿגעצװונגענער. איך װאָלט גאַנץ גערן נישט געזוכט קײן באַקאַנטשאַפֿט מיט אײַך און דאָס הייסט נישט, אַז מיר האָבן זיך באַקענט. און דעריבער, — צום ענין. װאָס אַזױנס אינטערעסירט אײַך?

— איך באַגריס אײַך, מײַנע פֿרײַנט. אַלץ, לחלוטין אַלץ פֿיל איך און פֿאַרשטײ דורך־און־דורך. אַנטשולדיקט פֿאַר מײַן דרייסטקייט: איר זענט זײער פּאַסיק אײנער צום אַנדערן. אַ העכסט־האַרמאָנישע פּאָר.

— איך מוז אײַך איבעררײַסן. איך בעט נישט־אַרײַנצומישן זיך אין ענינים, װאָס גײען אײַך נישט־אָן. מען פֿאַרלאַנגט נישט פֿון אײַך קײן סימפּאַטיע. איר פֿאַרגעסט־זיך.

— און איר, צינדט זיך נישט־אָן אַזױ מיטאַמאָל, יונגערמאַן. זעט איר, איר זענט דאָך גיכער ענלעכער צום פֿאָטער. דער זעלבער פּיסטױל און פּולװער. יאָ, איז מיט אײַער דערלױבעניש, באַגריס איך אײַך, קינדער מײַנע. צום באַדױערן זענט איר עס נישט בלױז לױט מײַן אױסדרוק, נאָר קינדער ממש, װאָס װײסן גאָרנישט און טראַכטן װעגן גאָרנישט. איך בין דאָ בלױז צװײ טעג און איך האָב זיך שױן דערװוּסט װעגן אײַך אַ סאַך מער, װי איר אַלײן פֿאַרדעכטיקט. נישט דענקענדיק דערװעגן, גײט איר ביים ראַנד פֿון אַן אָפּגרונט. אױב מען זאָל נישט באַצײַטנס אָננעמען קײן פֿאָרזיכטס־מיטלען קעגן דער געפֿאַר, זענען די טעג פֿון אײַער פֿרײַהײט און אפֿשר אױך פֿון אײַער לעבן, — געצײלטע.

— עס איז פֿאַראַן אַ געװיסער קאָמוניסטישער סטיל. זעלטן־װער פּאַסט זיך־אַרײַן אין זײַן רעמל. נאָר קײנער טרעט נישט אַרױס אַזױ עפֿנטלעך קעגן דעם אופֿן פֿון לעבן און דענקען, װי איר, יורי אַנדרײַעװיטש. איך פֿאַרשטײ נישט, צו װאָס דאַרף מען רייצן די גענדז. איר זענט די

אָפּשפּאַטונג פון דער דאָזיקער וועלט, איר באַליידיקונג. וואָלט עס גוט געווען, ווען דאָס איז אייער סוד. נאָר דאָ זענען פאַראַן איינפלוסרייכע מענטשן פון מאָסקווע. אייערע געהיימנישן זענען זיי זייער גוט באַקאַנט. איר זענט ביידע שרעקלעך נישט לויטן געשמאַק פון די היגע „כהנים פון מאַראַל". די חברים אַנטיפּאָוו און טיווערזין שלייפן די ציין אויף לאַריסאַ פיאָדאָראָווגאַ און אויף אייך.

— איר זענט אַ מאַן, אַ פרייער קאָזאַק, אָדער ווי עס הייסט דאָרטן. פּראָווען משוגעתן, שפּילן מיטן לעבן, איז אייער הייליקע רעכט. נאָר לאַריסאַ פיאָדאָראָווגאַ איז נישט קיין פרייער מענטש. זי איז אַ מוטער. אין אירע הענט ליגט אַ קינדס לעבן, דער גורל פון אַ קינד. פאַנטאַזירן, שוועבן איבער די וואָלקנס, איז איר נישט דערלויבט.

— איך האָב אַ גאַנצן פרימאָרגן פאַרלוירן אויף איבעררעדן, אי־בערצייגן איר, צו באַציען־זיך ערנסטער צו די היגע באַדינגונגען. זי וויל מיך נישט הערן. באַנוצט איר אייער אויטאָריטעט, זייט משפּיע אויף לאַריסאַ פיאָדאָראָווגאַ. זי האָט נישט קיין רעכט צו שפּילן־זיך מיט קאָ־טיענקאָס לעבנס־זיכערקייט. זי דאַרף נישט גרינגשעצן מיינע מיינונגען.

— איך האָב אין מיין לעבן קיינמאָל קיינעם נישט איינגערעדט און נישט אויפגעצוווּנגען מיין ווילן, באַזונדערס — אויף קיין נאָענטע. לאַריסאַ פיאָדאָראָווגאַ איז פריי, אייך צו פאָלגן אָדער נישט. דאָס איז איר זאַך. אויסער דעם, ווייס איך דאָך בכלל נישט, אין וואָס דאָ גייט, דאָס, וואָס איר רופט־אָן „מיינע מיינונגען", זענען מיר אומבאַוווּסט.

— ניין, איר דערמאָנט מיך אַלץ מער און מער אָן אייער פאָטער. דער זעלבער נישט פּעיקער צו דיסקוסיעס. אַלזאָ, מיר וועלן איבערגיין צום עיקר. נאָר אַזוי ווי דאָס איז אַ גענוג קאָמפּליצירטע מאַטעריע, איז נעמט זיך־אָן מיט געדולד. איך בעט אייך, הערן און נישט איבעררייסן.

— עס גרייטן זיך ביי זיי „אויבן" גרויסע ענדערונגען. ניין, ניין, דאָס ווייס איך פון זייער אַ גלויבנס־ווערטיקער קוועלע, איר מעגט נישט צווייפלען דערין. עס ווערט פאַרויסגעזען אַן אַריבערגיין אויף מער דעמאָ־קראַטישע רעלסן, פאַרלייכטערונגען אין דער אַלגעמיינער געזעצגעבונג. און דאָס איז אַ זאַך פון דער סאַמע נישט־וווייטער צוקונפט.

— נאָר דווקא דערפאַר, וועלן די שטראָף־אָרגאַנען, וואָס דאַרפן ליקווידירט־ווערן, נאָך מער זיך צעבושעווען ביים סוף פון זייער קאָדענץ און זיי וועלן נאָך איילעקער אונטערפירן זייערע היגע חשבונות. איר זענט אין דער ריי פאַרניכטעט צו ווערן, יורי אַנדרייעוויטש. אייער נאָמען איז אויפן צעטל. איך רעד עס אָן שפּאַס. איך האָב אַליין געזען, איר מעגט מיך גלויבן. גיט אַ טראַכט וועגן אייער רעטונג, עס קען זיין צו־שפּעט.

נאָר דאָס אַלץ איז נאָך געווען דערווייל אַ פאָרוואָרט. איך גיי איבער צום תוך פון דער זאַך.

— אין פּרימאַריע, ביים שטילן אָקעאַן, קומט־פאָר אַ צונויפזאַמלונג פון די פּאָליטישע כּוחות, וועלכע זענען געבליבן געטריי דער אָראָפּגעוואָרפענער ציוויליליקער רעגירונג און דער פאַנאַנדערגעלאָזענער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. דאָרט פאָרן־זיך צונויף די דומע־לייט, געזעלשאַפט־לעכע טוער, די אַנגעזעענסטע פון די געוועזענע „זיעמצעס", געשעפטס־לייט, אינדוסטריעלער. די גענעראַלן פון פרייוויליקע אַרמייען קאָנצענ־טרירן דאָרט זייערע אַרמיי־רעשטלעך.

— די ראַטנמאַכט קוקט דורך די פינגער אויפן שאַפן־זיך פון דער רעפּובליק אין ווייטן מזרח. די עקזיסטענץ פון אַזאַ רעפּובליק אויף איר גרענעץ, איז איר באַקוועם אַלס בופער * צווישן דעם רויטן סיביר און דער אויסערלעכער וועלט. די רעגירונג פון דער רעפּובליק וועט זיין פון אַ געמישטן צוזאַמענשטעל. מער ווי אַ העלפט ערטער אין דער רעגירונג האָט אויסגעפּרעסט מאָסקווע פאַר קאָמוניסטן, כּדי מיט זייער הילף, ווען דאָס וועט זיין באַקוועם, צו מאַכן אַן איבערקערעניש און איבערנעמען די רעפּובליק אין די אייגענע הענט־אַריין. דאָס איז דורכזיכטיק־קלאָר, און עס גייט בלויז אין דעם, צו קענען אויסנוצן די צייט, וואָס איז נאָך געבליבן.

— איך האָב אַמאָל, פאַר דער רעוואָלוציע, געפירט די געשעפטן פון די ברידער אַרכאַראָוו, מערקולאָוו און אַנדערע האַנדלס־און באַנק־הייזער אין וולאַדיוואָסטאָק. מען קאָן מיך דאָרטן. דער געהיימער עמיסאַר וועלכער שטעלט־צוזאַמען די רעגירונג, מיט דער האַלב־אָפּי־ציעלער סאָוויעטישער הסכּמה, האָט מיר געבראַכט אַן איינלאַדונג אַריינצוטרעטן אַלס יוסטיץ־מיניסטער אין דער רעפּובליק פון ווייטן מזרח. איך בין מסכּים־געווען און איך פאָר איצט אַהין. דאָס אַלץ וואָס איך האָב נאָר־וואָס געזאָגט, קומט־פאָר מיטן ווּיסן און מיט דער שווייגנדיקער הסכּמה פון דער ראַטנמאַכט. פון דעסטוועגן, — גישט אַזוי אָפן און מען דאַרף וועגן דעם נישט פּלוישן.

— איך קען אייך און לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ נעמען מיט זיך. פון דאָרט, וועט איר לייכט אַריבערקריגן־זיך, מיטן ים, צו אייערע אייגענע. איר ווייסט דאָך שוין זיכער וועגן זייער פאַרשיקונג פון לאַנד. אַ רוישיקע געשיכטע. גאַנץ מאָסקווע רעדט וועגן דעם. לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ האָב

---

* בופערן זענען אייגגעשלאָסן צווישן באַן־וואַגאָנען, כּדי צו העמען זייער צו־זאַמענשטויסן.

איך צוגעזאָגט אָפּצוּווענדן דעם קלאַפּ, וואָס הענגט איבער פּאַוועל פּאַוו־לאָוויטשעס קאָפּ, ווי אַ מיטגליד פון אַ זעלבסטשטענדיקער און אַנער־קענטנער רעגירונג, וועל איך אויפזוכן סטרעלניקאָוון אין מזרחדיקן סיביר און וועל איינאָרדענען זיין אַריבערגיין אויף אונדזער אויטאָנאָמען געביט. אויב עס וועט אים נישט געלינגען צו אַנטלויפן, וועל איך פאָרלייגן, אַז מען זאָל אים אונדז אַרויסגעבן אין אויסטויש אויף אַ וועלכער־עס־איז פּערזענלעכקייט, וואָס איז פאַרהאַלטן־געוואָרן דורך די פאַרבינדעטע און וועלכער איז זייער וויכטיק פאַר דער מאָסקווער צענטראַלער מאַכט.

לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ האָט מיט שוועריקייט נאָכגעפאָלגט נאָכן אינהאַלט פון דעם שמועס, נישט־באַנעמענדיק אָפּט זיין באַדייטונג. נאָר ביי קאָמאַראָווסקיס לעצטע ווערטער, וואָס שייך דעם דאָקטאָרס און סטרעל־ניקאָווס זיכערקייט, האָט זי אויפגעוואַכט פון איר פאַרטראַכטער גלייכ־גילטיקייט, ווי אַ נישט־באַטייליקטע אין דעם ענין און, עטוואָס רויט־ווערנדיק, האָט זי אַריינגעוואָרפן:

— דו פאַרשטייסט, יוראָטשקאַ, ווי די ענינים זענען וויכטיק אין באַצוג צו דיר און צו פאַשאַן?

— דו געטרויסט צו־לייכט, מיין פריינט. קיין נישט־באַטראַכטע זאַכן טאָר מען נישט אָננעמען פאַר דורכפירבאַרע. איך זאָג נישט, אַז וויקטאָר איפּאָליטאָוויטש פירט אונדז באַוווסטזיניק פאַר דער נאָז. נאָר דאָס איז דאָך אַלץ מיט אַ גראַבליע אויפן וואַסער געשריבן! און איצט, וויקטאָר איפּאָליטאָוויטש, אַ פּאָר ווערטער אין מיין נאָמען. איך דאַנק אייך פאַר דער אינטערעסירונג מיט מיין גורל, נאָר צי דען מיינט איר, אַז איך וועל אים איבערלאָזן אין אייערע הענט און אים אייך לאָזן איינאָרדענען? זעט איר, וואָס עס איז שייך אייער זאָרג וועגן סטרעלניקאָוון, דאַרף זיך לאַראַ וועגן דעם גוט באַטראַכטן.

— אין וואָס גייט דאָ? צי מיר דאַרפן פאָרן מיט אים, ווי ער לייגט אונדז פאָר, אָדער נישט. דו ווייסט זייער גוט, אַז אָן דיר, וועל איך נישט פאָרן.

קאָמאַראָווסקי האָט זיך אָפּט גענומען צו דעם ספּירט, וואָס יורי אַנדרייעוויטש האָט געבראַכט פון דער אַמבולאַטאָריע, ער האָט פאַרביסן מיט אַ קאַרטאָפל און איז ביסלעכווייז פאַרשיכורט־געוואָרן.

2

עס איז שוין געווען שפּעט. דאָס קנויטל, וואָס האָט זיך געהאַלטן לויז אין לעמפּעלע, האָט זיך צייטנווייז אַראָפּגעלאָזן און האָט זיך מיט

אַ קנאַק צעבּרענט, באַלייכטנדיק העל דאָס צימער. באַלד נאָכדעם, איז עס ווידער פאַרזונקען־געוואָרן אין טונקלקייט. די באַלעבאַטים זענען שוין געווען שלעפעריק און זיי האָבן באַדאַרפט דורכרעדן־זיך אויג־אויף־אויג, און קאָמאַראָווסקי איז נאָך אַלץ נישט אַוועקגעגאַנגען. זיין אַנוועזנהייט האָט שווער געדריקט אויף זייערע געמיטער, ווי עס האָט באַשווערט דער אויס־זען פון דעם מאַסיוון דעמבענעם בופעט און, ווי עס האָט דערדריקט די פּראָסטיקע דעצעמבער־פינצטערניש הינטערן פענצטער.

ער האָט נישט געקוקט אויף זיי, נאָר ערגעץ־ווו איבער זייערע קעפּ, אַנשטעלנדיק זיינע שיכור־פאַרונדיקטע אויגן ערגעץ אויף אַ וויט־לעכן פּונקט, האָט ער מיט אַ שלעפעריק־פאַרפּלאָנטערטער צונג גע־מאָלן און געמאָלן עפּעס אומענדלעך־אומעטיק און אַלץ וועגן איינס־און־דאָס זעלבע. זיין מאַניע איז איצט געווען דער ווייטער מזרח. וועגן דעם האָט ער איצט כסדר מעלה־גירה־געווען, אַנטוויקלענדיק פאַר לאַראַן און פאַרן דאָקטאָר זיינע אַנשויונגען וועגן דער פּאָליטישער באַדייטונג פון מאָנגאָליע.

יורי אַנדרייעוויטש און לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ האָבן זיך נישט גע־כאַפּט, אין וועלכן מאָמענט פונעם שמועס, ער איז אַרויפגעקומען אויף דער טעמע מאָנגאָליע. די זייטיק־פרעמדע טעמע האָט נאָך שווערער באַלאַסטעט זייער געמיט.

קאָמאַראָווסקי האָט געזאָגט:

— סיביר, דאָס איז אינדערעמתן אַ נייע אַמעריקע, ווי מען רופט זי, און זי האָט אין זיך פאַרבאָרגן די רייכסטע מעגלעכקייטן. דאָס איז די וויג פון דער גרויסער רוסישער צוקונפט, דער משכון פאַר אונדזער דעמאָקראַטיזאַציע, פאַרנאַנדערבלי און פּאָליטישן געזונט־ווערן. נאָכמער צוזאָגנדיק־פרוכטבאַר מיט גרויסע מעגלעכקייטן, איז די צוקונפט פון מאָנגאָליע, אויסערן־מאָנגאָליע, אונדזער גרויסע שכנטע פון ווייטן מזרח. וואָס ווייסט איר וועגן איר? איר שעמט זיך נישט צו געגעצן און פינטלען, אומפאַראינטערעסירט, מיט די אויגן. און דערביי איז דאָס אַ שטח פון אַנדערהאַלבן מיליאָן קוואַדראַט־וויאָרסטן, אומאויסגעפאָרשטע אוצרות, אַ לאַנד — אין אַ צושטאַנד פון פרעהיסטאָרישער בתולהשאפט צו וועלכער עס ציען־זיך די גיריקע הענט פון כינע, יאַפּאַן און אַמעריקע, צום שאָדן פון אונדזערע רוסישע אינטערעסן, וואָס עס אַנערקענען די קאָנקורענטן, ביי יעטוועדער צעטיילונג פון די איינפלוס־ספערן אין דעם דאָזיקן ווייטן ווינקעלע אויפן ערדישן קוגל.

— כינע נוצט־אויס די פעאָדאַליש־טעאָקראַטישע אָפּגעשטאַנענ־קייט פון מאָנגאָליע, משפּיע־זייענדיק אויף איר צעשפּאָלטנקייט און צע־

שפּליטערטקייט. יאַפּאַן שטיצט־זיך אויף די דאָרטיקע פירשטן, אויף די האַרן איבער קנעכט, די כאַשונעס, ווי מען רופט זיי אויף מאַנגאַליש. דאָס רויטע, קאָמוניסטישע רוסלאַנד געפינט זיך אַ פאַרבינדעטן אין דער פּערזאָן פון כאַמדזשילסן, אָדער אַנדערש געזאָגט, אין דער רעוואָלוציאָנערער פאַראייניקונג פון די מאַנגאַלישע פּאַסטוכער־אויפשטענדלער. וואָס שייך מיר, וואָלט איך געוואָלט זען מאַנגאַליע אין אַ ווירקלעכן ווילשטאַנד, אונטער דער אַנפירערשאַפט פון דעם פריי־אויסגעוויילטן כורולטאַי. אונדז פּערזענלעך דאַרף אינטערעסירן דאָס פּאַלגנדיקע: אַ טריט איבער דער מאַנגאַלישער גרענעץ און די וועלט איז פאַר אייך אָפן און איר זענט אַ פרייער פויגל.

די אויסגעקליגלטע באַרעדעוודיקייט, וואָס האָט מיט דער טעמע קיין שום שייכות נישט געהאַט, האָט לאַריסאַ פיאָדאָ־ראָוונאַ אויפגערעגט. דער פּאַרצויגענער וויזיט האָט איר אַזוי פאַרלאַנג־ווייליקט, אַז זי האָט עס שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. זי האָט דעצי־דירט אויסגעצויגן צו קאַמאַראָווסקין די האַנט, צום געזעגענען־זיך און אָן אַן אויסרייד, מיט אַ נישט־באַהאַלטענער אומפריינטלעכקייט, האָט זי גע־זאָגט:

— עס איז שפּעט. פאַר אייך איז שוין צייט צו גיין. איך וויל שלאָפן.

— איך פאַרהאָף, אַז איר וועט נישט זיין אַזוי אומגאַסטפריינטלעך און איר וועט מיך נישט אַרויסשטעלן הינטער דער טיר אין אַזאַ שפּעטער שעה. איך בין נישט זיכער, צי איך וועל געפינען דעם וועג ביינאַכט, אין אַ פרעמדער, נישט־באַלויכטענער שטאָט.

— וועגן דעם האָט מען באַדאַרפט פריער זאָרגן און נישט פאַרזיצן־זיך. קיינער האָט אייך נישט פאַרהאַלטן.

— אָ, פאַרוואָס רעדט איר מיט מיר אַזוי שאַרף? איר האָט אפילו נישט געפרעגט, צי פאַרמאָג איך דאָ אַ וועלכן־עס־איז מקום־מקלט?

— דאָס איז פולקאָם אומאינטערעסאַנט. איר וועט זיך שוין קיין עוולה נישט טון. איר געהערט נישט צו די. איר וועט נישט פאַרלוירן־גיין. נאָר אויב איר בעט־זיך דווקא אײן אויף נאַכטלעגער, איז אין דעם אַלגע־מיינעם צימער, ווו מיר שלאָפן צוזאַמען מיט קאַטיענקאַן, וועל איך אייך נישט לייגן. און אין די איבעריקע צימערן מיט די שטשורעס, וועט אייך נישט זיין אַזוי זיס.

— איך האָב נישט קיין מורא פאַר זיי.

— נו, ווי איר פאַרשטייט.

3

— וואָס איז מיט דיר, מלאָך מײַנער? די וויפּלטע נאַכט שלאָפסטו שוין נישט? דו רירסט־זיך נישט־צו צום טיש מיט שפּײַז, אַ גאַנצן טאָג גײסטו אַרום ווי אַ וואַנזיניקע און נאָר דו טראַכסט און טראַכסט. וואָס פֿאַרפֿאָלגט דיך? מען טאָר נישט אַזוי פֿרײַ־לאָזן די טרעוואָגע־שלאָגנדיקע געדאַנקען.

— ווידער איז דאָ געווען דער שפּיטאָל־וועכטער איזאָט. ער איז דאָ אַן אַרײַנגײער בײַ דער וועשין אין דעם הויז. איז ער פֿאַרבײַגײענדיק אַרײַנגעקומען, געטרײסט. אַ שרעקלעכן סוד, זאָגט ער, ווײסט ער. דײַנער וועט נישט אויסמײַדן די פֿינצטערניש. זײַט גרײט צו דעם. נישט הײַנט, איז מאָרגן וועלן זײ אים פֿאַרטיק מאַכן. און נאָכדעם דיך, אומגליקלעכע. פֿון וואַנען, פֿרעג איך אים, האָסטו דאָס גענומען, איזאָט? זאָגט ער: פֿאַרלאָז זיך שוין אויף מיר און זײ רויק. פֿון דעם פֿאַלקאָן האָט מען עס דערצײלט. און „פֿאַלקאָן“, ווי דו שטויסט זיך־אָן אוודאי, דאַרף מען פֿאַרשטײן, אַז דאָס האָט ער פֿאַראַפֿראַזירט דאָס וואָרט „איספּאָלקאָם“ (אויספּיר־אָרגאַן).

לאַריסאַ פּיאָדאָראָוונאַ און דער דאָקטאָר האָבן זיך צעלאַכט.

— ער איז פֿולשטענדיק גערעכט. די געפֿאַר איז רײַף געוואָרן און זי געפֿינט זיך שוין פֿאַר דער שוועל. מען מוז תּיכּף אַנטרינען. די פֿראַגע באַשטײט נאָר אין דעם, וווהין? פֿון פּרוּוון אַוועקפֿאָרן קײן מאָסקווע, איז אַפֿילו נישטאָ וואָס צו קלערן. דאָס זענען צו־קאָמפּליצירטע זאַמל־פּונקטן און מיר וועלן ציִען אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקײט. און מיר מוזן עס מאַכן „צוגעשניטן און אויפֿגעצײט“, אַז קײנער זאָל גאָרנישט באַמערקן. ווײסט וואָס, מײַן טרײסט? ביטע, לאָמיר זיך באַנוצן מיט דײַן געדאַנק. אויף אַ געוויסער צײַט מוזן מיר אײַנגעזונקען ווערן אין דער ערד. זאָל דאָס דאָזיקע אָרט זײַן וואַריקינאָ. מיר וועלן אַהינפֿאָרן אויף אַ צוויי וואָכן, אויף אַ מאָנאַט.

— אַ דאַנק דיר, מײַן ליבער, אַ דאַנק דיר! אָ, ווי גליקלעך איך בין. איך פֿאַרשטײ גוט, ווי אַלץ אין דיר דאַרף זײַן קעגן דעם דאָזיקן באַשלוס. נאָר דאָ רעדט זיך דאָך נישט וועגן אײער הויז. דאָס לעבן אין יענעם הויז וואָלט פֿאַר דיר ווירקלעך געווען אומדערטרעגלעך. דאָס אויסזען פֿון די פּוסט־פֿאַרלאָזטע צימערן, זעלבסט־פֿאָרוווּרפֿן, פֿאַרגלײַכונגען. צי דען פֿאַרשטײ איך נישט? בויען גליק אויף יענעמס לײַד, טרעטן אויף דעם, וואָס איז האַרציק טײַער און הײליק. איך וואָלט קײנמאָל נישט אָנגענומען פֿון דיר אַזאַ קרבן. נאָר נישט אין דעם גײט עס. אײער הויז איז

אזוי רואינירט, אז איך צווייפל, צי מען וואלט גאר געקענט דערברענגען די צימערן צו א וווינונגס־צושטאנד. איך האב גיכער אין זינען געהאט מיקוליצינס פארלאזענע ווינונג.

— דאס אלץ איז אמת. א דאנק פאר דער סובטעלקייט. נאר ווארט א רגע. איך וויל עס די גאנצע צייט פרעגן און פארגעס כסדר. ווו איז קאמא־ראווסקי? ער איז נאך דא, צי ער איז שוין אוועקגעפארן? פון דאן, ווען איך האב זיך צעקריגט מיט אים און האב אים אראפגעווארפן פון די טרעפ, האב איך מער וועגן אים גארנישט געהערט.

— איך ווייס אויך גארנישט. מילא, גייט ער צו אלדע גוטע יאר. נאכוואס דארפסטו אים?

— איך קום אלץ מער צום שכל, אז מיר האבן זיך פארשידנ־ארטיק געדארפט באציען צו זיין פארשלאג. מיר זענען נישט ביידע אין דער זעלבער לאגע. דו האסט צו האדעווען א טאכטער. ווען דו וואלסט אפילו געוואלט אומקומען צוזאמען מיט מיר, האסטו נישט קיין רעכט דאס צו טוען.

— נאר לאמיר איבערגיין צו ווארעקינא. פארשטייט־זיך, פאר־קלייבן־זיך אין דעם דאזיקן אומבאוווינטן העק, אין גרויזאמען ווינטער, אן זאפאסן, אן כוחות, אן האפענונגען, איז א ווילדע משוגעת. נאר לאמיר זיך משוגע־מאכן, הארץ מיינס, אויב אויסער משוגעת, איז אונדז מער גארנישט געבליבן. מיר וועלן זיך נאכאמאל דערנידעריקן. מיר וועלן אויסבעטלען ביי אנפימען א פערד. מיר וועלן בעטן ביי אים, אדער אפילו ביי די אלע דאזיקע ספעקולאנטן איבער וועלכע ער איז נאטשאלניק, מעל און קארטאפל אויף בארג, אויף וועלכן מיר זענען בכלל נישט בארעכטיקט. מיר וועלן אים איינרעדן, אז ער זאל נישט סתם קומען צופארן, כדי איינצומאנען אונדזער דאנקבארקייט פאר זיינע חסדים, נאר ער זאל קומען בלויז אינפאלס, ווען דאס פערד וועט אים נויטיק זיין. מיר וועלן זיך דארט זיין א שטיקל צייט, מיר וועלן פארן, הארץ מיינס. מיר וועלן אראפנעמען די האלץ־ראמען פון טירן־פענצטער און פאר־ברענען אין איין וואך צייט דאס, וואס עס וואלט געקלעקט אויף א גאנץ יאר ביי א מער געוויסנהאפטער באלעבאטישקייט, אין א רויקער צייט.

— און נאך און נאך אמאל, פארגיב מיר מיין צעשטרייטקייט, וואס רייסט זיך אדורך אין מיינע ווערטער. א, ווי מיר וואלט זיך געוואלט רעדן מיט דיר אן דעם דאזיקן נארעשעוואטן פאטאס! אבער מיר האבן דאך ווירקלעך נישט קיין אנדער ברירה. רוף עס ווי דו ווילסט, אבער דער אומקום קלאפט דאך שוין ווירקלעך אין אונדזער טיר. בלויז געציילטע טעג שטייען צו אונדזער דיספאזיציע. לאמיר זיי אויסנוצן אויף אונדזער

שטייגער. מיר וועלן זיי צעטרענצלען אויף דער לוויה פון לעבן, אויף די לעצטע באַגעגענישן פאַר דער צעשיידונג. מיר וועלן זיך געזעגענען מיט אַלץ, וואָס איז אונדז געווען טייער, מיט אונדזערע געוווינהייטס־באַגריפן, מיט דעם שטרעבן צו לעבן, ווי דאָס געוויסן האָט אונדז געלערנט. מיר וועלן זיך געזעגענען מיט די האָפענונגען, זיך געזעגענען איינער מיטן אַנדערן, נאָכאַמאָל וועלן מיר זיך זאָגן איינער דעם אַנדערן די סודות־ווערטער פון אונדזערע נעכט, די גרויסע און שטילע, ווי דער נאָמען פון דעם אַזיאַטישן אָקעאַן. נישט אומזיסט שטייסטו ביים סוף פון מיין לעבן, פאַרהוילענער, פאַרבאַטענער מלאך מיינער, אונטער הימלען פון מלחמה און אויפשטאַנדן. דו האָסט זיך אַמאָל אויך אונטער פרידנס־הימלען פון דער קינדהייט אויפגעהויבן.

— דו ביזט געווען דאָן, ביינאַכט, אַלס גימנאַזיסטקע, אין מונדיר־קליידל פון קאַווע־קאָליר, אין דער טונקלקייט פון דעם האָטעל־קאַמערל, אינגאַנצן די זעלבע וואָס איצט און אויך אַזוי באַרוישנדיק־שיין ווי איצט.

— אָפט האָב איך שפּעטער אין לעבן פּרובירט באַשטימען און אָנרופן מיט אַ נאָמען דאָס צויבער־ליכט, וואָס דו האָסט דאָן אַריינגעוואָרפן אין מיר, יענעם טונקל־ווערנדיקן שטראַל און אָפּשטאַרבנדיקן קלאַנג, וואָס האָבן־זיך פון דאַן־אָן צעשטראָמט אין מיין גאַנצן וועזן און זענען געוואָרן דער שליסל, אַריינצודרינגען אין אַלע אַנדערע געהיימניסן אויף דער וועלט, אַ דאַנק דיר.

ווען דו האָסט זיך, ווי אַ שאָטן אין אַ גימנאַזיסטן־קליידל, אַרויס־געשלייכט פון דער גרויקייט פון האָטעל־צימער, האָב איך, דאָס ייִנגל וואָס האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן דיר, פאַרשטאַנען מיט דער גאַנצער פיין פון די כוחות וואָס האָבן זיך געצויגן צו דיר: אַט דאָס שלאַנקע, דאַרינקע מיידל איז ווי מיט עלעקטרישן שטראָם אָנגעלאָדן ביז די ראַנדן און מיט דער פולסטער ווייבלעכקייט אויף דער וועלט. אויב מען זאָל צוגיין צו איר נאָענט, אָדער אָנרירן זי מיט אַ פינגער, — וועט אַרויסשפּריצן אַ פונק, וואָס וועט דעם צימער־רוים באַלייכטן, אָדער וועט טויטן אויפן אָרט, אָדער וועט אויף אַ גאַנץ לעבן עלעקטריזירן מיט מאַגנעטישער צוציונג פון בענקשאַפט און רחמימדיקן אומעט. איך בין אינגאַנצן איבערפולט געוואָרן מיט בלאַנדזשענדיקע טרערן און מיין גאַנצע אינערלעכקייט האָט געלויכטן און געוויינט. עס איז מיר געווען אַ צער אויף זיך, דעם ייִנגל, און נאָך אַ גרעסערער צער אויף דיר, דאָס מיידל. מיין גאַנץ וועזן האָט געשטוינט און זיך געפרעגט: אויב עס איז אַזוי ווייטיקלעך צו ליבן און איינצוזאַפּן דיין עלעקטריציטעט, —

איז דאָך אוודאי פיל שווערער צו זיין אַ פרוי, צו זיין עלעקטריציטעט און צו בעאיינפלוסן ליבע.

— אָט, האָב איך ענדלעך דאָס אַרויסגעזאָגט. מען קען דערפון פון זינען אַראָפּ. און איך בין מיט מיין גאַנצער נשמה אין דעם.

לאַריסאַ פּיאָדאָראָוונאַ איז געלעגן אויפן ברעג בעט, אָן אָנגעטוענע און אַ שוואַכע. זי האָט זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט און זיך איינגעדעקט מיט אַ טיכל. יורי אַנדרייעוויטש איז געזעסן דערנעבן און גערעדט שטיל, מיט לענגערע פּויזעס. צייטנווייז האָט זיך לאַריסאַ פּיאָדאָראָוונאַ אונטערגעהויבן אויף אַן עלנבויגן, אָנגעשפּאַרט די גאָמבע אויף דער האַנט און מיט אַן אָפן מויל, געקוקט אויף יורי אַנדרייעוויטשן. צייטנווייז האָט זי זיך צוגעדריקט צו זיין אַקסל און, נישט־באַמערקנדיק, האָט זי געוויינט מיט שטילע טרערן פון גליק. צום סוף, האָט זי זיך אויסגעצויגן צו אים, אַריבערבויגנדיק־זיך איבערן ראַנד פון בעט, און האָט פריידיק אַ פליסטער־געטון:

— יוראָטשקאַ! יוראָטשקאַ! ווי קלוג דו ביזט! אַלץ ווייסטו, וועגן אַלץ שטויסטו זיך־אָן. יוראָטשקאַ, דו ביזט מיין פעסטונג, מיין שוץ און פאַרזיכערונג. זאָל גאָט מוחל־זיין מיין חילול־הקודש. אָ, ווי גליקלעך איך בין! מירן פאָרן, פאָרן, טייערער מיינער. דאָרט אויפן פּלאַץ וועל איך דיר זאָגן, וואָס מיך באומרויקט.

ער איז זיכער געווען, אַז דאָס מערקט זי־אָן אויף די השערות וועגן איר שוואַנגערשאַפט, וואָס עס דאַכט זיך איר, וואָרשיינלעך, און ער האָט בעזאָגט: — איך ווייס.

4

זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון שטאָט אין באַגינען פון אַ גרויען וואָכעדיקן ווינטער־טאָג. מענטשן זענען געגאַנגען איבער די גאַסן וועגן זייערע ענינים. אָפט האָבן זיך דורכגעוואָרפן באַקאַנטע. אויף די בערגל־דיקע קרייצוועגן, ביי די ביידלעך פון די אַלטע וואַסער־סטאַציעס, זענען געשטאַנען איינוווינערינס מיט, אין דער זייט אַוועקגעשטעלטע עמערס און קאָראָמיסלעס, דערוואַרטנדיק זייער ריי צו נעמען וואַסער. דער דאָקטאָר האָט איינגעהאַלטן סאַמדיעוויאַטאָווס פערדל „סאַווראַסקאַ״, וואָס האָט זיך געריסן פאָרויס, אַ געלבלעך־גרויער און געקרייזלטער. ער האָט אים געקירעוועט און פאַרזיכטיק אויסגעמיטן דאָס געזעמל באַלעבאָסטעס. די צעיאָגטע שליטנס האָבן זיך געגליטשט אַן דער זייט פון האָרבאַטן שאָסיי, וואָס איז באַשפּריצט געווען מיט וואַסער און פאַרפרוירן. זיי האָבן זיך

אַרויפגעגליטשט אויף די טראָטואַרן, אָנשלאָגנדיק־זיך אָן די סלופּעס פון די גאַסן־לאָמפּן און אַנדערע קעגנשטאַנדן.

אין זייער געאייל האָבן זיי דעריאָגט דעם איבער דער גאַס גייענ־דיקן סאָמדיעוויאַטאָוון און זיי זענען אים פאַרבייגעפלויגן נישט אומקוק־נדיק־זיך. אויף אַ צווייטן אָרט האָבן זיי, נישט־באַגריסנדיק זיך, איבער־געיאָגט קאָמאַראָווסקין, פעסטשטעלנדיק פאַר איינגוועגס, אַז ער איז נאָך אין יוראַטין.

גלאַפּיראַ טונצעווא האָט אַריבערגעשריען צו זיי, איבער דער גאַנצער גאַס, פון דעם אַנטקעגנאיבערדיקן טראָטואַר:

— און געזאָגט האָט מען, אַז איר זענט גאָר נעכטן אַוועקגע־פאָרן! נו, גיי און גלויב נאָך דעם מענטשן! איר פאָרט נאָך קאַרטאָפל? און וויזנדיק מיט דער האַנט, אַז זי הערט נישט קיין ענטפער, האָט זי אַ פאָכע־געטון מיט איר אין דער ריכטונג פון די אַוועקפאָרנדיקע.

צוליב סימען האָבן זיי זיך געפּרווט פאַרהאַלטן אויפן בערגל, ווו עס איז שווער געווען זיך־אָפּצושטעלן. דעם פערד איז, אויך אָן דעם, אויסגעקומען צוריקצוהאַלטן, אָנציענדיק ענג דעם געשפּאַן. סימאַ איז פון קאָפּ ביז די פוס געווען אַרומגעהילט אין צוויי אָדער דריי טיכער, וועלכע האָבן איר פיגור ענלעך געמאַכט צו אַ געפּרוירענעם קיילעכדיקן קלאָץ. מיט גלייכע, אומבויגזאַמע שפּרייזן, איז זי צוגעקומען צו דעם שליטן אינמיטן שאָסיי און זיך געזעגנט, ווינטשנדיק, אַז זיי זאָלן גליקלעך דערפאָרן.

ווען איר וועט זיך אומקערן צוריק, וועט מען דאַרפן אָדורכרעדן־זיך, יורי אַנדרייעוויטש.

אום סוף זענען זיי אַרויסגעפאָרן פון שטאָט. כאָטש יורי אַנדרייע־וויטש פלעגט אַמאָל פאָרן אויף דעם וועג אויך ווינטערצייט, האָט ער מערסטנס געדענקט זיין זומערדיקן אויסזען און האָט אים איצט נישט דערקענט.

די זעקלעך מיט פּראָוויאַנט און איבעריקן באַגאַזש, האָבן זיי פאַר־רוקט טיף אין היי, פאַרנט־צו, אונטערן „קאָפּ" פון שליטן, און האָבן עס דאָרט גוט פאַרשטעקט. יורי אַנדרייעוויטש האָט אָנגעטריבן אָדער שטייענדיק אויף די קני, אויף דעם אונטערגעשפּרייטן שטרוי־געפלאָכ־טענעם „טעפּיכל", אָדער זיצנדיק זייטיק אויפן ברעג שליטן, אַרויס־העגנגדיק די פיס אין סאָמדיעוויאַטאָווס ווויליקעס אינדרויסן אַרויס.

נאָכמיטאָג־צייט, נאָך וויט פאָרן זון־פאַרגאַנג, ווען דער אָפּגאָ־רערישער ווינטער האָט מכלומרשט געגוויגט דעם טאָג צום סוף, האָט יורי אַנדרייעוויטש גענומען, אָן רחמנות, אונטערשמייסן סאַווראַסקען.

דער פערד האָט זיך אַ טראָג־געטון פייל פון בויגן, דאָס שטרוי־גע־פלעכט אין שליטן האָט אויפגעפלאַטערט אַרויף און אַראָפּ ווי אַ לאָדקע, גורטעווענדיק איבער די בערגלעך און גריבער פון דעם צעפּאָרענעם וועג. קאַטיאַ און לאַראַ זענען געווען אָנגעטון אין פּעלצן, וואָס האָבן געהעמט זייערע באַוועגונגען. ביי די זייטיקע שיפועים און ריגוועס, ווען דער שליטן האָט זיך שיעף־געהויבן, האָבן זיי אויפגעשריען און געלאַכט ביז שטעכעניש, איבערקאַטשענדיק־זיך פון איין עק שליטן, ביז צום אַנדערן, אַריינטוליכנדיק אין דעם היי און, צוליב זייער אַנגעפּעלצטער אומבאַוועגלעכקייט, זיך נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. צייטנווייז איז דער דאָקטאָר, פאַר שפּאַס־וועגן, אַרויפגעפאָרן מיט איין זייט שליטן אויף אַ שניי־בערגל, אויסגעדרייט אים אויף אַ זייט און, עס זאָל זיי קיין שאָדן נישט געשען, האָט ער אַרויסגעשליידערט לאַראַן און קאַטיאַן אין שניי. אַליין האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די לייצעס, ביז ער האָט אָפּגעשטעלט סאַווראַסקען און איבערגעקערט צוריק דעם שליטן אויף זיינע ביידע גליטש־שינעס. ער האָט באַקומען אַ „פסק" פון לאַראַן און קאַטיאַן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעטרייסלט, זיך צוריק געזעצט אין שליטן, געלאַכט און זיך געברוגזט.

— איך וועל אייך באַווייזן דאָס אָרט, ווו די פאַרטיזאַנער האָבן מיך פאַרהאַלטן, — האָט דער דאָקטאָר צוגעזאָגט, ווען זיי זענען שוין היפּשלעך אָפּגעפאָרן פון דער שטאָט. נאָר ער האָט נישט געקענט האַלטן זיין צוזאָג דערפאַר, ווייל די ווינטערדיקע נאַקעטקייט פון די וועלדער, די טויטע שטילקייט און פּוסטקייט אַרום, האָבן פאַרענדערט די געגנט נישט צום דערקענען. — אָט! — האָט ער אויסגעשריען, זייענדיק זיך טועה און אָננעמענדיק דעם ערשטן וועג־שילד פון „מאָראָ און וויעטשינקין", וואָס שטייט אין פעלד, אַלס דעם צווייטן וואָס אין וואַלד, ווו מען האָט אים פאַרכאַפּט. נאָר ווען זיי זענען פאַרבייגעפאָרן דעם צווייטן, וועלכער איז געבליבן אויף זיין פריערדיקן פּלאַץ, אין דעם וועלדל ביים סאַקמינסקער שיידוועג, האָט מען די שילד נישט געקענט דערקענען דורך דעם געפרעסטן פּראַסטיקן צווייגן געפלעכט, וואָס האָט געבלענדעט אין די אויגן און האָט ענטוויקלט אַ פיליגראַן־געוועב אין וואַלד פון זילבער און שוואַרץ פאַרבן.

אין וואַריקינאָ זענען זיי אַריינגעפלויגן ווען עס איז נאָך געווען ליכטיק און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם אַלטן הויז פון די זשי־וואַגאָס, ווייל ער איז געווען דאָס ערשטע הויז אויפן וועג, נענטער פון מיקוליצינס. זיי האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין הויז איילִיק, ווי רויבער, — עס האָט שוין געהאַלטן ביים ווערן פינצטער. אַ העלפט פון דעם חורבן

און געמיינקייט האָט יורי אַנדרייעוויטש אין איילעניש נישט באַמערקט. אַ טייל פון דעם באַקאַנטן מעבל איז געווען גאַנץ. אין דעם וויסטן וואַריי־קינאָ איז שוין קיינער נישט געווען, וועלכער זאָל פאַרענדיקן ביזן סוף די אַנגעהויבענע רואינירונג. פון דעם היימישן פאַרמעגן, האָט יורי אַנדרייעוויטש גאָרנישט געפונען. נאָר ער איז דאָך נישט געווען ביים אָפּפאָרן פון דער משפחה און ער האָט נישט געוווּסט, וואָס זיי האָבן מיטגענומען מיט־זיך און וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט. לאַראַ האָט דערביי געזאָגט:

— מען דאַרף זיך צואײַלן. עס פאַלט באַלד צו די נאַכט. נישטאָ קיין צייט צו באַטראַכטן. אויב מיר זאָלן זיך באַזעצן דאָ, איז דעם פערד — אין שטאַל אַריין, דעם שפּייז־זאַפּאַס — אין פאָדערהויז און מיר, — אין אָט דעם צימער. נאָר איך בין אַ קעגנערין פון אַזאַ באַשלוס. מיר האָבן שוין וועגן דעם געגוג גערעדט. דיר, און דאָס מיינט אויך מיר, וועט עס זיין שווער. וואָס איז דאָ, אייער שלאָפצימער? ניין, אַ קינ־דער־צימער, דאָס בעטל פון דיין זון. פאַר קאַטיאַן וועט עס זיין צו־קליין. פון דער אַנדערער זייט זענען די פענצטער גאַנצע, די ווענט און סו־פיט — נישט געשפּאָלטן. אויסער דעם, אַן ערשטקלאַסיקער אויוון. איך האָב זיך שוין ענטציקט מיט אים ביי מיין ערשטן קומען אַהער צופאָרן. און אויב דו וועסט זיך איינשפּאַרן, אַז דווקא דאָ, כאָטש איך בין קעגן, — דאַן שליידער איך אַראָפּ דעם פעלץ און נעם־זיך אויגנבליקלעך צו דער אַרבעט. און די ערשטע זאַך, איז איינהייצן. הייצן, הייצן, און הייצן. די ערשטע מעת־לעתן, טאָג און נאַכט, אָן איבערייס הייצן. נאָר וואָס איז מיט דיר, מיין ליבער? דו ענטפערסט גאָרנישט.

— באַלד. עס איז גאָרנישט. זיי מוחל, איך בעט דיך. ניין, דו ווייסט וואָס? מיר וועלן ווירקלעך בעסער אַ קוק־טון ביי די מיקוליצינס. און זיי זענען געפאָרן ווייטער.

5

דאָס הויז פון די מיקוליצינס איז געווען פאַרשפּאַרט, מיט אַ העננג־שלאָס אינעם טיר־ריגל. יורי אַנדרייעוויטש האָט לאַנג געהאַקט, ביז ער האָט אים אַרויסגעריסן „מיטן פלייש", מיט שטיקער האָלץ וואָס זענען העננגען־געבליבן אויף די גווינטן פון די אַרויסגעריסענע שרויפן. ווי אין דעם פאָריקן הויז, האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן אינווייניק איילי־ק און נישט אויסטועדיק־זיך, אין די פעלצן, וווילקעס און היט, זענען זיי אַריין טיף, אין די צימערן.

אין די אויגן האָט זיך באַלד געוואָרפן דער חותם פון אָרדענונג, וואָס איז געלעגן אויף די זאַכן אין אייניקע ווינקלען פון שטוב, ווי צום ביישפיל — אין אָווערקי סטעפּאַנאָוויטשעס קאַבינעט דאָ האָט עמיץ געוווינט און נישט לאַנג צוריק. נאָר ווער אייגנטלעך? אויב באַלעבאַטים, אָדער ווער פון זיי, איז ווו זענען זיי אַהינגעקומען און פאַרוואָס האָבן זיי די דרויסנדיקע טיר פאַרשפּאַרט נישט מיטן אינווייניקסטן טיר־שלאָס, נאָר מיט אַ צוגעהאַקטן הענג־שלאָס? אויסער דעם, אויב דאָס זאָלן האָבן געווען די באַלעבאַטים און זיי זאָלן דאָ האָבן געוווינט לאַנג און באַשטענדיק, וואָלט דאָס גאַנצע הויז געווען אויפגערוימט און נישט אין קיין באַזונדערע טיילן. עפּעס האָט עס דערציילט די איצט ניי אָנגעקומענע, אַז נישט די מיקוליצינס זענען דאָס געווען. אין אַזאַ פאַל, איז ווער־זשע? דער דאָזיקער סוד האָט דעם דאָקטאָר און לאַראַן נישט באַאומרויקט. זיי האָבן זיך וועגן דעם נישט געבראָכן דעם קאָפּ. צי האָבן דען דאָ איצט געפעלט פאַרלאָזענע וווינונגען מיט האַלב־צערויבטע חפצים? ווייניק זענען פאַראַן פאַרפאָלגטע, וואָס באַהאַלטן זיך אויס? „מן־הסתם עפּעס אַ געזוכטער ווייסער אָפיציר", — האָבן זיי ביי זיך באַשלאָסן איינשטימיק — „וועט ער קומען, וועט מען זיך איינלעבן, זיך־דורכטענהן".

און ווידער, ווי אַמאָל, איז יורי אַנדרייעוויטש שטיין־געבליבן אַ פאַרגליווערטער אויפן שוועל פון קאַבינעט, אַנטציקנדיק־זיך מיט זיין גרוימקייט און באַוווּנדערנדיק די ברייטקייט און באַקוועמלעכקייט פון אַרבעטס־טיש ביים פענצטער. און פאַרטראַכט זיך ווידער, וואָס פאַר אַ וואַרעמע היימישקייט פאַרכאַפּט אַרום אים און באַווירקט צו געדולדיקער שעפערישער אַרבעט.

צווישן די דינסט־בנינים אין הויף, האָט מיקוליצין פאַרמאָגט אַ פערד־שטאַל, וואָס איז איצט געווען פאַרשלאָסן און יורי אַנדרייעוויטש האָט נישט געוווּסט, וואָס זיין צושטאַנד איז אינווייניק. כדי נישט צו פאַרלירן קיין צייט, האָט ער באַשלאָסן, אַוועקצושטעלן דעם פערד אויף דער ערשטער נאַכט אין דעם דערנעבנדיקן שעפּסן־שטאַלכל. ער האָט אויסגעשפּאַנט סאַווראַסקען און ווען דער פערד האָט זיך אָפּגעקילט, האָט ער אים אָנגעפּאָיעט מיט ברונעם־וואַסער. דאָס היי פון שליטן איז, אונטער די רייזנדיקע, צעריבן־געוואָרן אויף קאַשע און האָט נישט געטויגט צום קאָרמענען דעם פערד. צום גליק האָט זיך געפונען אויף דעם ברייטן היי־בוידעם, איבער די שטאַלן, גענוג היי ביי די ווענט און אין די ווינקלען.

די נאַכט זענען זיי דורכגעשלאָפן אונטער די פעלצן, נישט־אויס־

טועַנדיק־זיך, געשמאַק, שטאַרק און זיס, ווי עס שלאָפן קינדער נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן און אַרומשטיפן.

6

ווען זיי זענען אויפגעשטאַנען, האָט יורי אַנדרייעוויטש פון באַגינען־אָן גענומען באַטראַכטן דעם וווּנדערלעכן טיש ביים פענצטער. די הענט האָבן זיך געצויגן צום טיש, ער האָט געגאַרט אַוועקצוזעצן־זיך איבער זיינע פּאַפּירן. ער האָט עס אָפּגעלייגט אויף די אָוונט־שעהן ווען לאַראַ און קאַטיענקאַ וועלן זיך לייגן שלאָפן. און ביז דאַן, איז געווען אַרבעט איבערן קאָפּ, צו ברענגען אין אָרדענונג כאָטש צוויי צימערן.

אין די טרוימען וועגן זיין אָוונטיקער אַרבעט, האָט ער זיך נישט געשטעלט קיין וויכטיקע אויפגאַבע. אַ געוויינלעכע טינטער־תּאווה, אַ חשק צו דער פעדער און צו זיין פאַרנומען מיט שרייבן, האָט אים באַהערשט.

עס האָט זיך אים געוואָלט פּאַטשקען, צונויפצושטעלן וועלכע־עס־איז שורות. ער וואָלט זיך באַנוגנט, אויף דער ערשטער צייט, מיט אַרויפברענגען פון אַלטע נישט־פאַרצייכנטע איינפאַלן, כדי וויַיך צו מאַכן די אָנטדרעמלטע פאַרגליווערטע פעיקייטן פון נישט־טון. און ווייטער, — האָט ער געהאָפט — וועט אים און לאַראָן זיך איינגעבן אויפצוהאַלטן־זיך דאָ לענגער און עס וועט זיין גענוג צייט, צו נעמען־זיך צו עפּעס נייעס, וויכטיקס.

— דו ביזט פאַרנומען? וואָס טוסטו?

— איך הייץ און איך הייץ. וואָס איז דען?

— אַ באַליע דאַרף איך.

— ביי אַזאַ הייצן, וועט מער ווי אויף אַ דריי טעג קיין האָלץ נישט קלעקן. מען וועט דאַרפן אַ קוק־טון אין אונדזער פריערדיקן שטאַל. אפשר איז דאָרט נאָך עפּעס פאַראַן? אויב דאָרט איז נאָך גענוג געבליבן, וועל איך מיט אַ פּאָר מאָל דורכפאָרן־זיך, אַריבער־שלעפּן דאָס האָלץ אַהער. מאָרגן וועל איך זיך דערמיט פאַרנעמען. האָסט געבעטן אַ באַליע. שטעל זיך־פאָר, אַז דאָס האָט זיך מיר ערגעץ געוואָרפן אין די אויגן אַריין און עס איז מיר פון קאָפּ אַרויס, — ווו, איך געדענק נישט.

— פון מיר דאָס זעלבע צו הערן. געזען ערגעץ און פאַרגעסן. געוויס נישטאָ אויף דעם ריכטיקן פּלאַץ, דעריבער פאַרגעסט זיך עס. נו, מילא. האָב אינזינען, איך גרייט אַ סאַך הייס וואַסער צום רוימען. מיטן איבעריקן, וועל איך אויסוואַשן אַ ביסל וועש פאַר זיך און קאַטיאַן. גיב אַהער, פאַראייַנוועגס, אויך דיין שמוציקע וועש. אין אָוונט, ווען מיר

וועלן האָבן אויפגערוימט און אַרומגעקוקט די נעגטערע זאַכן, וועלן מיר זיך אַלע אַפּוואַשן פאַרן שלאָף.

— איך וועל באַלד צונויפנעמען די וועש. אַ דאַנק. די שאַפּעס און די שווערע מעבל האָב איך אומעטום אָפּגערוקט פון די ווענט, ווי דו האָסט געבעטן.

— גוט. אַנשטאָט אַ באַליע, וועל איך איבערשווענקען אין דעם געפּעס־בעקן. נאָר עס איז זייער פעט. מען מוז אָפּוואַשן דאָס פעטס פון די ווענטלעך.

— ווען דער אויוון וועט זיך אויסהייצן, וועל איך צומאַכן און זיך אומקערן צום פונאַנדערנעמען די איבעריקע קאַסטנס. אויף טריט־און־שריט אַנטפּלעקן־זיך נייע מציאות אין טיש און אין קאַמאָד: זייף, שוועבעלעך, אַ בלייפעדער, פּאַפּיר, שרייב־געצייגן. און די פאַרן בליק אָפּענע סיורפּריזן, ווי צום ביישפּיל: אַ לאָמפּ אויפן טיש, אָנגעגאָסן מיט נאַפט. דאָס איז נישט מיקוליציִנס, איך ווייס דאָך. דאָס איז עפּעס פון גאָר אַן אַנדער קוועלע.

— אַ וווּנדערלעכע הצלחה! דאָס איז אַלץ ער, דער אַנאָנימער איינוווינער. דאָס איז פּונקט אַזוי, ווי ביי זשול־ווערן. אַך, נו וואָס זאָגסטו דערצו, אינדעראמתן! מיר האָבן זיך ווידער פאַרפּלאַפּלט און האָקן אַ טשייניק, און דער קעסל קאָכט זיך דאָרט אויס ביי מיר.

זיי זענען אַרומגעלאָפן, אַהין און אַהער איבער די צימערן, מיט פאַרנומענע הענט, אַנשטויסנדיק זיך איינער אָן אַנדערן, אָדער פאַרטשעפּעט זיך אין קאַטינקאַן, וועלכע האָט זיך געשאַרט און זיך געדרייט פאַר די פיס. דאָס מיידל האָט זיך געשלייכט פון ווינקל צו ווינקל, שטערנדיק דאָס רוימען און האָט זיך אַנגעבלאָזן אין ענטפער אויף אַ באַמערקונג. זי האָט געשווידערט און זיך געקלאָגט אויף דער קעלט.

„היינטצייטיקע אָרעמע קינדער, קרבנות פון אונדזער ציגיינערישן לעבן. קליינינקע אומבאַהאָלפענע אַנטיילנעמער אין אונדזערע וואָגלענישן" — האָט דער דאָקטאָר געקלערט. דערביי האָט ער געזאָגט דעם מיידעלע:

— נו, פאַרגיב מיר טייערינקע, נישטאָ וואָס זיך צונויפקנוילן. דאָס איז ליגן און אַ קאַפּריז. דער אויוון איז צעגליט ביז רויטקייט.

— דעם אויוון, קען זיין, איז וואַרעם, און מיר איז קאַלט.

— איז האָב געדולד אַ ביסעלע, קאַטיושאַ, אין אָוונט וועל איך אַ צווייט מאָל אָנהייצן הייסער פון הייס און דערצו, זאָגט די מאַמע, וועט זי דיך נאָך אויסבאָדן, האָסט געהערט? און דערווייל, אָט, כאַפּ! — האָט ער אַנגעוואָרפן אין אַ בערגל אויף דער פּאָדלאָגע ליוועריס אַלטע שפּיל־

צייג, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט פֿון דעם קאַלטן שפּייכלער: גאַנצע און צעבראָכענע ציגעלעך און קוביקעס, וואַגאָנדלעך און לאָקאָמאָטיוולעך, שטיקער קאַרטאָן געצייכנטע אין קראַטן און ציפֿערן, צום שפּילן־זיך מיט שטיינדלעך און ביינדלעך.

— יורי אַנדרייעוויטש, וואָס טוט־זיך מיט אײַך? — האָט זיך קאַטיעַנקאַ, ווי אַ דערוואַקסענע, באַליידיקט. — דאָס זענען אַלץ פֿרעמדע זאַכן און פֿאַר קליינינקע קינדער. און איך בין אַ גרויסע.

אָבער שפּעטער אַ מינוט, האָט זי זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט אינ־דערמיט טעפּיך און אונטער אירע הענטלעך, האָבן די כל־ערליי שפּילצייג זיך פֿאַרוואַנדלט אין בוי־מאַטעריאַלן, פֿון וועלכע זי האָט אויפֿגעשטעלט אַ וווינונג פֿאַר איר ליאַלקע נינקאַ, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פֿון דער שטאָט. אַ וווינונג מיט מער טעם און שטאַנדהאַפֿטיקייט ווי די אַלע פֿרעמ־דע, צײַטווײַליקע אויפֿהאַלטס־פּלעצער, איבער וועלכע מען האָט קאַטיעַנקאַן כסדר אַרומגעשלעפּט.

— וואָס פֿאַר אַ היים־אינסטינקט! וואָס פֿאַר אַ בענקשאַפֿט און שטרעבונג צו אַ נעסט און צו סדר! — האָט לאַריסאַ פֿיאָדאָראָוונאַ גע־זאָגט, אַרויסקוקנדיק פֿון דער קיך, אויף דער טאָכטערס שפּילערייען. — קינדער זענען אויפֿריכטיק און שעמען זיך נישט מיטן אמת, און מיר, אויס מורא אַרויסצוווײַזן דעם אמת, זענען גרייט צו פֿאַראַטן דאָס סאַמע טײַערסטע. מיר לויבן דאָס אָפּשטויסנדיקע און האַלטן־אונטער אַלדאָס אומפֿאַרשטענדלעכע.

— די באַליע האָט זיך אָפּגעזוכט — האָט איר דער דאָקטאָר איבערגעריסן, אַרײַנקומענדיק פֿון פֿינסטערן פֿאָדער־הויז מיט דער באַליע אין די הענט — זי איז ווירקלעך געווען אויפֿן אָרט. אויף דער ערד, אונטערן דורכנעצנדיקן סופֿיט איז זי געשטאַנען, נאָך פֿון האַרבסט־אָן, זעט אויס.

7

אויף מיטאָג, וואָס זי האָט אָפּגעקאָכט אויף דריי טעג פֿון די פֿריש־אָנגעהויבענע זאַפּאַסן, האָט לאַריסאַ פֿיאָדאָראָוונאַ דערלאַנגט אויסערגע־וויינלעכע מאכלים. אַ קאַרטאָפֿל־זופּ און געדעמפּטע שעפּסן־פֿלייש מיט קאַרטאָפֿעלעך. קאַטיעַנקאַ האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנעסן, זי האָט געלאַכט, געשטיפּט. אָן אָנגעגעסענע און אַ צענומענע פֿון וואַרעמקייט, האָט זי זיך אײַנגעדעקט מיט דער מאַמעס פּלעד און איז זיס אײַנגעשלאָפֿן אויף דער סאָפֿע.

לאַריסאַ פּיאָדאָראָוונאַ, וועלכע איז נאָר־וואָס פון קיך אַוועק, איז געווען מיד, פאַרשוויצט און שלעפעריק, ווי די טאָכטער, אַ באַפרידיקטע מיט דער ווירקונג פון איר געקעכטס, — האָט זי זיך נישט געאײַלט אַראָפּצורוימען פון טיש און זי האָט זיך צוגעזעצט אָפּרוען. איבערצײַגנדיק־זיך, אַז דאָס מיידעלע שלאָפט, האָט זי אָנגעשפּאַרט די ברוסט אָן טיש און דעם קאָפּ אין דער האַנט און געזאָגט:

— איך וואָלט נישט געשפּאָרט קיין כוחות און איך וואָלט אין דעם געפונען גליק, ווען איך זאָל נאָר וויסן, אַז דאָס איז נישט אַרויסגעוואָרפן און עס פירט צו אַ וועלכן־עס־איז ציל. דו מוזט מיך יעדע מינוט דערמאַנען, אַז מיר זענען דאָ נאָר כדי צו זיין צוזאַמען. גיב מיר צו מוט און לאָז מיך נישט אַרײַנטראַכטן. דערפאַר וויל, שטרענג געזאָגט, אויב קוקן ניכטער, מיט וואָס פאַרנעמען מיר זיך, וואָס קומט דאָ ביי אונדז פאָר? אַן איבערפאַל אויף אַ פרעמדע וווינונג, אַרײַנגעריסן זיך, מיר באַלעבאַטעווען דאָ און איילן־אונטער איינער דעם אַנדערן, כדי מיר זאָלן נישט זען אַז דאָס איז קיין לעבן נישט, נאָר אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג, נישט־ערנסט, נאָר „דווקא”, ווי קינדער זאָגן, אַ מאַריאָנעטן־קאָמעדיע, נישטאָ ווער סזאָל לאַכן.

— נו, מיין מלאך, דו אַליין האָסט דאָך בעאײַנפלוסט צו דער דאָזיקער נסיעה. דערמאַן־זיך, ווי לאַנג איך האָב זיך קעגנגעשטעלט און נישט מסכים־געווען.

— אמת. איך שפּאַר זיך נישט. אָט האָב איך זיך שוין פאַרשולדיקט. דו קענסט צווייפלען, איבערדענקען, און ביי מיר מוז אַלץ זיין לאָגיש און קאָנסעקווענט. מיר זענען אַריין אין שטוב און אין אָנבליק פון דיין זונס קינדער־בעטל איז דיר שלעכט געוואָרן, ביזט כמעט ווי פאַרחלשט געוואָרן אין דיין ווייטיק. דו האָסט דערויף רעכט, אָבער מיר איז דאָס נישט דערלויבט. די שרעק פאַר קאָטיענקאָס לעבן, די זאָרגן וועגן דער צוקונפט מוזן אָפּטרעטן פאַר מיין ליבע צו דיר.

— לאַרושקאַ, מלאך מיינער, קום צו זיך. באַדענקען־זיך, און אָפּטרעטן פון דעם באַשלוס, איז דאָך קיינמאָל נישט צו־שפּעט. איך האָב דיר געראָטן, צו באַצי'ען־זיך ערנסטער צו קאָמאַראָווסקיס רייד. מיר האָבן אַ פערד. ווילסטו, וועלן מיר מאָרגן אַ פלי־טון קיין יוראַטין. קאָמאַראָווסקי איז נאָך דאָרט, נישט אַוועקגעפאָרן. מיר האָבן דאָך אים געזען פון שליטן, אויף דער גאָס און ער האָט אונדז, מיין איך, נישט באַמערקט. מיר וועלן אים נאָך געוויס טרעפן.

איך האָב נאָך כמעט גאָרנישט געזאָגט און פון דיין שטים הערן זיך שוין אומצופרידענע טענער. נו, זאָג, צי בין איך דען נישט גערעכט?

אויסבאַהאַלטן זיך אַזוי האַפּענונגסלאָז, האָבן מיר דאָך געקענט אויך אין יוראַטין. און אויב שוין זוכן אַ רעטונג, איז מיט אַן אַדורכגעטראַכטן פּלאַן, ווי דאָס האָט פאַרגעלייגט, דער דאָזיקער ניכטערער, באַהאַוונטער, כאָטש עקלהאַפטער מענטש. מיר זענען דאָך דאָ, דוכט־זיך, אַ סך נענטער צו דער געפאַר, ווי אומעטום. אַן אומענדלעכער, אַ שטורעמס־אָפּגעגער פלאַכלאַנד. עלנט ווי אַ שטיין. אין אַ נאַכט וועלן מיר פאַרשאָטן־ווערן מיט שניי און אינדערפרי וועלן מיר זיך נישט אַרויסגראָבן. אָדער עס וועט אונדז דאָ טרעפן דער אַנאָנימער אַדלמאַן, וועלכער קומט צייטנווייז אין דעם הויז און ער וועט זיך אַרויסווייזן אַלס רויבער און וועט אונדז אויסקוילענען. פאַרמאַגסטו כאָטש געווער? ניין, אָט זעסטו. מיך שרעקט דיין רויקייט, מיט וועלכער דו שטעקסט מיך־אָן. פון דעם, איז די מהומה ביי מיר, אין מיינע געדאַנקען.

— נו, וואָס־זשע ווילסטו אין אַזאַ פאַל? וואָס באַפעלסטו מיר צו טון?

צו ווייס איך דען, ווי דיר צו ענטפערן? האַלט מיך כסדר אין אונטערוואַרפנדיקער געהאָרכזאַמקייט. איך ליב דיך אונטערטעניק. אומ־אויפהערלעך דערמאַן מיך, אַז איך בין אַ גאָרנישט־טראַכטנדיקע שקלאַפין. אָ, איך וועל דיר זאָגן. אונדזערע נאָענטע, דיינע און מיינע, זענען טויזנט מאָל בעסער פאַר אונדז. נאָר צי דען גייט עס אין דעם? דער טאַלאַנט פון ליבע איז ווי יעטוועדער אַנדער טאַלאַנט. נאָר ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, וועט ער אָן אַ ברכה זיך נישט אַנטפּלעקן און אונדז האָט מען אוודאי אויסגעלערנט זיך צו קושן אין הימל און, אַלס קינדער, אונדז אַראָפּ־געשיקט לעבן אין איין צייט, כדי אויספּרובירן איינער אין צווייטנס נשמה אָט די לעבנס־פעיקייט. דאָס איז דאָך די שלימות אַליין. נישטאָ קיין צדדים, קיין מדרגות, נישט דערהויבן און נישט געפאַלן, — אַ גלייכוואַרטיקייט פון דעם גאַנצן דאָזיין. אַלץ ברענגט פרייד, אַלץ איז געוואָרן נשמה. נאָר אין דעם דאָזיקן כסדרדיקן לויערן פון די ווילדע צערטלעכקייטן איז פאַראַן עפּעס פון פאַרבאָטענעם, פון קינדערישער אומגעצוימטקייט, דאָס איז אַ מין באַוווסטזיניקע סטיכיע, אַ צעשטערנדיקע, וואָס איז פיינטלעך דער רויקייט אין שטוב. מיין חוב איז צו שרעקן־זיך פאַר איר און נישט שענקען איר קיין צוטרוי.

זי האָט אים אַרומגעוויקלט זיין האַלדז מיט אירע הענט און, קעמפנ־דיק מיט די טרערן, פאַרענדיקט:

— פאַרשטייסט, מיר זענען אין באַזונדערע לאַגעס. דיר איז געגעבן־געוואָרן פליגל, זאָלסט זיך־דערהויבן איבער די וואָלקנס, און מיר, דער

פרוי, — אַז איך זאָל זיך קלאַמערן צו דער ערד און מיט די פליגל באַשיצן דאָס עופהלע פון געפאַר.

אירע רייד זענען אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, נאָר ער האָט עס נישט אַרויסגעוויזן, כדי נישט געשטרויכלט צו ווערן מיט קיין לאַקריץ־זיסער התפּעלות. אין איינגעהאַלטנקייט האָט ער געזאָגט:

—די צייטווייליקייט פון אונדזער אַרט לעבן, איז ווירקלעך פאַלש און אויפגערייצט, דו ביזט טיף־געדעכט. נאָר נישט מיר האָבן דאָך עס צו־געטראַכט. דאָס משוגענע אַרומשלאָנדערן־זיך, איז דער גורל פון אַלע, דאָס איז אין גייסט פון דער צייט. איך אַליין האָב היינט, פון באַגינען־אָן, געטראַכט כמעט דאָס זעלבע. איך האָב געוואָלט אָנווענדן אַלע באַמיונגען, צו פאַרבלייבן דאָ וואָס־לענגער. שווער צו שילדערן, ווי איך האָב זיך אויסגעבענקט נאָך אַרבעט. איך מיין נישט קיין ערד־אַרבעט. מיר האָבן זיך דאָ אַמאָל, מיטן גאַנצן הויזגעזינט, אַריינגעוואָרפן אין דער דאָזיקער אַרבעט און זי האָט זיך איינגעגעבן. נאָר איך וואָלט נישט בכוח־געווען איבערצוחזרן דאָס נאָכאַמאָל. נישט וועגן דעם האָב איך געטראַכט. דאָס לעבן הויבט־אָן ביסלעכווייז אַלזייטיק זיך נאָרמאַליזירן. עס קען זיין, אַז מען וועט ווידער נעמען אַרויסגעבן ביכער.

אָט, וועגן וואָס איך האָב זיך פאַרטראַכט. צי וואָלט נישט מעגלעך געווען, צו באַוועגן סאַמדיעווייַטאָוון, אַז ער זאָל אונדז האַלטן אַ האַלב יאָר אויף זיינע קעסט, אויף באַקוועמע פאַר אים באַדינגונגען, נעמענדיק אַלס משכון מיין אַרבעט וואָס איך וואָלט זיך מתחייב־געווען פאַר דער צייט אָנצושרייבן: אַ מעדיצינישן האַנט־בוך, לאָמיר זאָגן, אָדער עפּעס־וואָס קינסטלעריש, אַ בוך פּאָעזיע צום ביישפּיל. אָדער, לאָמיר זאָגן, איך וואָלט זיך גענומען צום איבערזעצן פון אַ פרעמדער שפּראַך, עפּעס אַ וועלט־באַרימט ווערק. שפּראַכן קען איך גוט. איך האָב נישט לאַנג צוריק געלייענט אַ מעלדונג פון אַ גרויסן פּעטערבורגער פאַרלאַג, וועלכער פאַר־נעמט־זיך מיטן אַרויסגעבן בלויז איבערגעזעצטע שאַפונגען. אַזאַ סאָרט אַרבעט וועט מיט זיך געוויס פאַרשטעלן אַ טויש־ווערט, וואָס וועט קענען פאַרוואַנדלט־ווערן אין געלט. איך וואָלט גליקלעך געווען, זיך צו פאַרנעמען מיט עפּעס אַזוינס אויף דעם געביט.

— אַ דאַנק דיר דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט. איך האָב היינט אויך געטראַכט פון עפּעס ענלעכס. נאָר איך גלויב נישט, אַז מיר וועלן זיך דאָ פאַרהאַלטן. פאַרקערט, איך האָב אַ פאָרגעפיל, אַז עס וועט אונדז בקרוב פאַרטראָגן ערגעץ ווייטער. נאָר כל־זמן די דאָזיקע סטאַנציע איז צו אונדזער דיספּאָזיציע, האָב איך צו דיר אַ בקשה. שענק מיר עטלעכע שעה פון די נאָענטסטע נעכט און פאַרשרייב, ביטע, דאָס אַלץ, וואָס דו

האָסט, אין פֿאַרשידענע צייטן, געלייענט פֿאַר מיר אויסנווייניק אַ העלפֿט דערפֿון איז פֿאַרלוירן געוואָרן פֿון געדעכעניש און די אַנדערע איז נישט פֿאַרשריבן. און איך האָב מורא, אַז שפּעטער וועסטו אַלץ פֿאַרגעסן און עס וועט פֿאַרלוירן־גיין, ווי דו אַליין האָסט דערציילט, אַז עס האָט שוין מיט דיר פֿיל מאָל אַזוי פּאַסירט.

8

פֿאַרנאַכט־צו האָבן זיך אַלע אָפּגעוואַשן אין דעם הייסן וואַסער, וואָס איז געבליבן בשפע נאָך דער וועש. לאַראַ האָט אויסגעבאָדן קאַטיענקאַן. יורי אַנדרייעוויטש איז, מיט אַ גליקזעליק געפֿיל פֿון זויבערקייט, געזעסן פֿאַרן שרייב־טיש וואָס נעבן פֿענצטער, מיט דער פּליצע צום צימער, ווו לאַראַ, אַ הערלעך שמעקנדיקע, אין דעם באָד־מאַנטל, מיט די נאַסע האָר, טורבאַן־מעסיק אַרומגעוויקלט מיטן האַריקן האַנטוך, האָט געלייגט קאַטיענקאַן שלאָפֿן און האָט זיך אַליין געגרייט צו נאַכטלעגער. פֿאַרזינקנדיק איינגאַנצן אין פֿאַרגעפֿיל פֿון אַ באַלדיקער קאָנצענטרירטקייט, האָט יורי אַנדרייעוויטש אויפֿגעכאַפּט אַלץ וואָס עס געשעט אין דער פֿאַרנעפּלטקייט, וואָס צענעמט אַזוי צערטלעך און איז זיך מתיחד צו אויפֿמערקזאַמקייט.

עס איז געווען איינס אַ זייגער ביינאַכט, ווען לאַראַ, וואָס האָט ביז איצט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז זי שלאָפֿט, איז ווירקלעך איינגעשלאָפֿן. די געטוישטע וועש אויף איר, אויף קאַטיענקאַן און אויפֿן בעטגעוואַנט, האָט געשיינט זויבער, געפּרעסט און באַפּוצט מיט האָפּט־שפּיצן. לאַראַ האָט זיך דערטראַכט צו אַ מיטל, ווי אַזוי אין די צייטן, וועש צו קראָכמאַליען.

יורי אַנדרייעוויטשן האָט אַרומגענומען אַ גליקזעליקע געבענטשטע לעבנס־זיסע שטילקייט. דאָס ליכט פֿון לאָמפּ איז, מיט אַ רויִקער געלבלעכקייט, געפֿאַלן אויף די ווייסע בלעטלעך פּאַפּיר און איז מיט אַ גאָלדיקן גלאַנץ געשווומען אויף דער אויבערפֿלאַך פֿונעם טינט אין טינטער. הינטערן פֿענצטער האָט געבלויט אַ פֿראָסטיקע ווינטער־נאַכט. יורי אַנדרייעוויטש האָט אַריינגעשפּרייזט אין שכנותדיקן פֿינצטער־קאַלטן צימער, פֿון וואַנען דער דרויסן האָט זיך בעסער געזען און ער האָט געקוקט אין פֿענצטער. דאָס ליכט פֿון דער לבנה האָט פֿאַרצויגן די באַשנייטע לאָנקע מיט אַ ממשותדיקן שיכט פֿון איי־ווייסל, אָדער פֿון גאַאַש־פֿאַרב. די הערלעכקייט און פּראַכט פֿון דער פֿראָסטיקער נאַכט איז געווען נישט־איבערצוגעבן. אַ שלווהדיקייט האָט גערוט אין דעם דאָקטאָרס וועזן. ער

האָט זיך אומגעקערט אין דעם ליכטיקן, וואַרעם־אָנגעהייצטן צימער און זיך גענומען צום שרייבן.

מיט אַ צעשאָטענער האַנטשריפט, באַמיענדיק־זיך, אַז די אויסער־לעכקייט פון דעם אָנגעשריבענעם זאָל איבערגעבן די לעבעדיקע באַוועגונג פון דער האַנט און זאָל נישט פאַרלירן דעם כאַראַקטער, די נשמהדיקייט זאָל נישט פאַרשווינדן, — האָט ער ביסלעכווייז זיך דערמאָנט און פאַר־שריבן, רעדאַגירט, אויסגעבעסערט, אָפּווייכנדיק פון דער ערשטער פאָרם, די אויסגעהעמערטע און געדענקבאַרע געדיכטן, ווי: „צום וויגיליע־שטערן", „אין דער ווינטער־נאַכט" און אַ היפּש ביסל אַנדערע, ענלעכע לידער, וואָס זענען דערנאָך פאַרגעסן און פאַרלוירן געוואָרן און דורך קיינעם שפּעטער נישט געפונען־געוואָרן.

פון די אויסקריסטאַליזירטע און פאַרפיקסירטע זאַכן, איז ער אַריבער צו די אַמאָל־אָנגעפאַנגענע און פאַרלאָזענע אַרבעטן. ער איז אַריין אין טאָן און קלאַנג זייערן און גענומען אויפצייכענען זייער המשך, אָן דער מינדעסטער האָפענונג, אַציגנד זיי צו פאַרענדיקן. נאָר דאַן איז ער אַ דערהויבענער מיטגעריסן־געוואָרן און איז אַריין אין נייע שאַפונגען.

נאָך אַ צוויי־דריי סטראָפן, וואָס זענען לייכט געגאָסן געוואָרן, און נאָך עטלעכע פּאַראַלעלן וואָס האָבן אים זעלבסט איבעראַשט, האָט אים די אַרבעט באַהערשט און ער האָט דערפילט דאָס אָנקומען פון דער באַ־גייסטערונג. די געמיינזאַמע צוזאַמענאַרבעט פון די כוחות, וואָס לייטן די שעפערישקייט, האָבן זיך דאָ, ווי אויפן קאָפּ געשטעלט. נישט דער מענטש און זיין נשמה־צושטאַנד, וועלכן ער זוכט צו געבן אויסדרוק באַקומט די אויבערמאַכט, נאָר דאָס לשון, מיט וועלכן ער וויל דאָס אויסדריקן. לשון, דאָס איז היימלאַנד און די אייניזאַמלונג פון שיינקייט און זינלעכקייט, וואָס הויבט אָן דענקן און רעדן פאַרן מענטשן און ווערט אינגאַנצן מוזיק, נישט אין זין פון אויסערלעכן הער־געזאַנג, נאָר אין זין פון זיין אויפשטורם און זיין מעכטיקן אינערלעכן שטראָם. און דאַן, ווי ריזיקע טייך־וועלן וואָלטן זיך געקייקלט און מיט זייער בלויזן באַוועגן־זיך אַרומגעשליפן די שטיי־נער אויפן גרונט, געדרייט מיל־רעדער, וואָס שאַפן מיט זייער שפּרודלדיקן לשון, מיט דער קראַפט פון זייערע געזעצן, ריטמען און פערזן און טויזנטער אַנדערע פאָרמען און געשטאַלטיקונגען, מער־וויכטיקערע, נאָר ביז איצט נישט אָנערקענטע, נישט אָנגערופענע ביים נאָמען, נישט גענומענע אין באַטראַכט.

אין אַזעלכע מינוטן האָט יורי אַנדרייעוויטש געפילט, אַז נישט ער טוט די הויפּט־אַרבעט, נאָר דאָס וואָס איז העכער אים, וואָס געפינט־זיך איבער אים און פירט מיט אים, און נעמלעך: דער צושטאַנד פונעם דענקן

און פון דער פּאָעזיע אין דער וועלט, און זייערע אויפגאַבן אין דער צו־קונפט, די ווייטערע שריט, וואָס עס שטייט זיי פאָר צו מאַכן אין זייער היסטאָרישער ענטוויקלונג. און זיך זעלבסט האָט ער געזען אַלס אַ גורם און אַן אָנשפּאַר־פּונקט, וואָס ברענגען די פּאָעזיע אין באַוועגונג.

ער האָט זיך באַפרייט פון די זעלבסט־פּאַרוורפן, די אומצופרידנ־קייטן מיט זיך און דאָס פּערזענלעכע מינדערווערטיקייטס־געפיל האָבן אים לפי שעה אָפּגעלאָזן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און באַטראַכט דעם אָרום.

ער האָט געזען די שלאָפנדיקע קעפּ פון לאַראַ און קאַטיענקאַ אויף די שניי־ווייסע קישנס. די ריינקייט פון דער וועש, די ריינקייט פון די צימערן, די ריינקייט פון זייערע געזיכטס־שטריכן האָבן זיך צוזאַמענ־געגאָסן מיט דער ריינקייט פון דער נאַכט, פון שניי, לבנה און שטערן, — אין איין גלייכגעוויכטיקער כוואַליע, וואָס האָט אַדורכגעשטראָמט דעם דאָקטאָרס האַרץ און האָט אים געברענגט צו לאַכן און וויינען, פילנדיק די פייערלעכע ריינקייט פון קיום.

„גאָט! גאָט!" — איז ער גרייט געווען צו שעפּטשען — „און דאָס אַלץ איז מיר באַשערט! אין וועמענס זכות אַזאַ שפע? וויאַזוי האָסטו מיך צוגעלאָזן צו זיך, וויאַזוי האָסטו דערלויבט צו שפּאַנען אויף דיין איינ־סופיקער ערד, צו לעבן אונטער די דאַזיקע שטערן דיינע, ביי די פיס פון דער דאַזיקער אומשאַצבאַרער, שענסטער, איינפאַכער, געליבטער.

עס איז געווען דריי אַזייגער ביינאַכט, ווען יורי אַנדרייעוויטש האָט אויפגעהויבן זייַנע אויגן פון טיש און, פון פּאַפּיר. פון דער קאָנצענטריר־טער איינזאַמקייט אין וועלכער ער איז געווען אַריינגעטון מיט לייב און לעבן. ער איז צו־זיך געקומען, צו דערווירקלעכקייט, ער איז גליק־לעך, קרעפטיק און רויק. פּלוצלינג האָט ער דערהערט אין דער שטילקייט פון די ווייטע ברייטקייטן, וואָס שפּרייטן זיך־אויס פון יענער זייט פענצטער, אַן אומעטיקן, קלאָגנדיקן קלאַנג.

ער איז אַריבערגעגאַנגען אין שכנותדיקן, נישט־באַלויכטענעם צי־מער, כדי פון דאָרט אַ קוק צו־טון אין פענצטער. אין די שעהן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט שרייבנדיק, זענען זיי שטאַרק פאַרצויגן געוואָרן מיט פראָסט. מען האָט דורך זיי גאָרנישט געקאָנט זען. יורי אַנדרייעוויטש האָט אָפּגערוקט דעם פאַרוויקלטן טעפּיך, וועלכער איז געלעגן ביי דער איינ־גאַנגס־טיר, כדי צו פאַרמיידן דאָס אַריינבלאָזן. ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען דעם פּעלץ און איז אַרויס אויף דער וועראַנדע.

דאָס ווייסע ליכט, מיט וועלכן עס איז באַגאָסן־געווען דער אָפּ־געדעקטער שניי, אַנטקעגן שיין פון דער לבנה, האָט אים פאַרבלענדט. זיין בליק איז געווען פאַרנעפּלט, ער האָט גאָרנישט געזען. נאָר אַ מינוט

שפּעטער האָט ער באַנומען פון אַ מרחק אַ וואָיען, ווי פון פאַרקראַמפּטע אינגעווײדן אַרויס, און דאַן באַמערקט ער אין עק פון דער לאָנקע, איבערן טאָל, פיר אויסגעצויגענע שאָטנס.

די וועלף זענען געשטאַנען מיט די מאָרדעס געווענדעט אין דער ריכטונג צום הויז, און אויפהויבנדיק די קעפּ, האָבן זיי געוואָיעט צו דער לבנה, אָדער אויפן זילבער־שפּיגלענדיקן פענצטער פון מיקוליצינס הויז. אַ פּאָר סעקונדן זענען זיי געשטאַנען אומבאַוועגלעך, אָבער ווי נאָר יורי אַנדרייעוויטש האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס זענען וועלף, זענען זיי אויף אַ הינטישן שטייגער, מיט אַראָפּגעלאָזטע הינטנס, אַנטלאָפן פון דער לאָנקע, ווי דעם דאָקטאָרס מחשבה וואָלט זיי דערגרייכט. ער האָט נישט באַוויזן פעסטצושטעלן אין וועלכער ריכטונג זיי זענען פאַרשוווּנדן.

„אָן אומאָנגענעמע נייעס! — האָט ער אַ טראַכט־געטון — „נאָר זיי האָבן דאָ נאָך אויסגעפעלט. צי געפינט זיך דאָ ערגעץ, גאָר נאָענט, זייער נאָרע? עס קען זיין, אַז אפילו אין טאָל. ווי שרעקלעך! און צום אומגליק איז נאָך די דאָזיקע סאַווראַסקאַ, סאַמדיעוויאַטאָווס פערד, אין פערד־שטאַל. זיי האָבן זיכער דעם פערד דערשנאַפּט".

ער האָט באַשלאָסן, ווי ס'זאָל נישט זיין, דערווייל גאָרנישט דער־ציילן לאַראַן, כדי זי נישט איבערצושרעקן. ער איז אַריין אינווייניק, פאַר־שפּאַרט די דרויסן־טיר, פאַרמאַכט די דורכגאַנגס־טירן צווישן קאַלטן און וואַרעמען וווינונגס־טייל, פאַרשטאָפּט זייערע שפּאַלטן און לעכער, און איז צוגעגאַנגען צום טיש.

דער לאָמפּ האָט געברענט העל און פריינטלעך ווי פריער. נאָר מער האָט זיך אים נישט געשריבן. ער האָט זיך נישט געקענט באַרויקן. אויסער וועלף און אַנדערע דראָענדיקע קאָמפּליקאַציעס, איז אים גאָרנישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. און ער איז אויך מיד געוואָרן. אין דער צייט האָט זיך לאַראַ אויפגעכאַפּט.

— און דו ברענסט אַלץ און וואַרעמסט זיך, ליכטעלע מיין העלס! — האָט זי געפליסטערט פייכטלעך און געדעמפּט. — זעץ זיך דאָ נעבן מיר אויף אַ מינוטקעלע נענטער. איך וועל דיר דערציילן, וואָס פאַר אַ חלום איך האָב געזען.

ער האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ.

9

ווידער איז אַוועק אַ טאָג אין שטילער באַטריבטקייט. אין שטוב איז געפונען־געוואָרן אַ קינדער־שליטל. די פאַרויטלטע קאַטיענקאַ אין פּעלצל האָט הילכיק געלאַכט, זיך געגליטשט איבער די נישט־אָפּגערייניקטע גאָרטן־שטעגן, פון דעם אייזיקן שניי־בערגל אַראָפּ, וועלכן דער דאָקטאָר האָט פעסט צוזאַמענגעפּרעסט מיט דער לאָפּעטע און באַגאָסן מיט וואַסער. מיט אַ געפרוירענעם שמייכל אויפן פּנים, איז זי אומאויפהערלעך צוריק געקראָכן און געשלעפּט נאָך זיך דאָס שליטעלע אויפן בערגל.

דער פראָסט האָט זיך דייטלעך געשטאַרקט. אינדרויסן איז געווען זוניק. דער שניי האָט זיך געגעלט אונטער די מיטנטאָג־שטראַלן און אין זיין האָניג־געלקייט האָט זיך געגאָסן דער זיס־געדיכטער פּאַמעראַנצן־זאַפט פון פרי־אָנקומענדיקן אָוונט.

מיטן נעכטיקן וועש־וואַשן און באָדן־זיך, האָט לאַראַ אָנגעבראַכט אין שטוב אַ פייכטקייט. די פענצטער זענען פאַרצויגן־געוואָרן מיט פראָסטיקן־הויך. פון די טאַפּעטן וואָס זענען דורכגענומען געוואָרן מיט דער פּאַרע, האָט גערונען מיט שוואַרצע שטראָמעלעך ביז דער פּאָדלאָגע. אין די צימערן איז געוואָרן פינצטער און אומהיימלעך. יורי אַנדרייעוויטש האָט געטראָגן וואַסער און האָלץ, און פאַרגעזעצט דעם נישט־פאַרענדיקטן אַרומקוקן דאָס הויז, באַגלייט מיט אַלץ־פרישע אַנטדעקונגען און געהאָלפן לאַראַן, וועלכע איז פון באַגינען־אָן אומאויפהערלעך, פאַרנומען מיט די אַלץ וואַקסנדיקע פאַר איר שטוב־אַרבעטן.

ווידער האָבן־זיך, אין סאַמע ברען פון וועלכער־עס־איז אַרבעט, דערנענטערט זייערע הענט און פאַרבליבן איינע אין דער אַנדערער. די אונטערגעהויבענע משא, צום אַריבערטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד, נישט דערטראָגנדיק צום ציל. אַ שטורם פון נישט־באַהערשטער, פאַרנעפּלטער צערטלעכקייט האָט זיי אָפּהענטיק געמאַכט. ווידער איז זיי אַלץ געפאַלן פון די הענט און פון קאָפּ געפלויגן. ווידער זענען געגאַנגען מינוטן וואָס האָבן זיך געזאַמלט אין שעהן, עס איז געוואָרן שפּעט אוןביידע האָבן זיך מיט שרעק געכאַפּט, דערמאָנענדיק־זיך אָן קאַטיענקאַן, וועמען זיי האָבן איבערגעלאָזן אָן אויפזיכט, אָדער אין דעם אויסגעהונגערטן פערד, האָבן זיי ברעכנדיק האַלדז־און־נאַקן זיך געלאָזן לויפן פאַריכטן און פאַרגיטיקן דאָס פאַרנאַכלעסיקטע, און דאָס געוויסן האָט געפּייניקט.

פון ווייניק שלאָפן האָט דער דאָקטאָר געפילט קאָפּ־וויטיק, אין

אַ זיסע פֿאַרנעפּלטקייט איז געשטאַנען, ווי בעתן אויסניכטערן־זיך פֿון שיכּרות, און אַ ליב־נאַגנדיקע שוואַכקייט — אין גאַנצן קערפּער. ער האָט מיט אומגעדולד דערוואַרט דעם אָוונט, כּדי זיך אומצוקערן צו דער איבער־געריסענער ביינאַכטיקער אַרבעט.

די פֿאַרויסיקע האַלבע אַרבעט האָט אָפּגעטון פֿאַר אים די שלעפּע־ריקע פֿאַרנעפּלטקייט און זיינע איינגעטוליעטע געדאַנקען. די אַלגעמיינע צעשוומענקייט האָט אַלץ אין זין גענומען, פֿאַרויס באַשטימענדיק די פּינקט־לעכקייט פֿון דער ענטגילטיקער געשטאַלטיקונג. עס זענען געווען די ערשטע אומקלאָרע, אויף שוואַרץ־געשריבענע אָנוואָרפֿן, וואָס האָבן געמאַטערט בעתן ליידיק־גיין אַ גאַנצן טאָג. זיי האָבן געדינט פֿאַר אַ באַדינגלעכער פֿאַרבערייטונג צו דער אַרבעטס־נאַכט.

די ליידיקגייעוודישע מידיקייט האָט גאָרנישט איבערגעלאָזן אומ־באַרירט, אומגעענדערט. אַלץ איז דורכגעגאַנגען ענדערונגען און באַקומען אַן אַנדער אויסזען.

יורי אַנדרייעוויטש האָט געפֿילט, אַז זיינע חלומות וועגן באַזעצן זיך אויף לענגער אין וואַריקינאָ, וועלן נישט מקוים־ווערן, אַז די שעה פֿון זייַן צעשיידן־זיך מיט לאַראַן איז נאָענט, אַז ער פֿאַרלירט זי אומפֿאַרמייד־לעך און מיט איר צוזאַמען, — דעם לעבנס־לוסט און אפֿשר אויך דאָס לעבן. אַן אומעט האָט גענאָגט זיין האַרץ. נאָר נאָכמער האָט אים געמאָ־טערט דאָס דערוואַרטן דעם פֿאַרנאַכט און דער פֿאַרלאַנג, אויסצווויינען דעם דאָזיקן טרויער אויף אַזאַ מין אויסדריקלעכן אופֿן, וואָס זאָל יעדן איינעם (ווער עס וועט עס לייענען) ברענגען צו אַ געוויין.

די וועלף, וועגן וועלכע ער האָט געטראַכט אַ גאַנצן טאָג, זענען שוין מער נישט געווען קיין וועלף אויף שניי אין ליכט פֿון דער לבֿנה, נאָר זיי זענען פֿאַרוואַנדלט־געוואָרן אין אַ טעמע וועגן וועלף, דאָס געשטאַלט פֿון פֿיינטלעכע כּוחות, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל אומצוברענגען דעם דאָקטאָר און לאַראַן, אָדער צו פֿאַרטרייבן זיי פֿון וואַריקינאָ. די געדאַנקען וועגן דער דאָזיקער שׂנאה, האָט זיך ענטוויקלט און דערגרייכט אין אָוונט אַזאַ קראַפֿט, פּונקט ווי מען וואָלט אין שוטמאַ־וואַלד אַנטדעקט שפּורן פֿון אַ פֿאַר־מבולדיקער שרעקלעכער חיה און אין טאָל האָט זיך צע־לייגט אַ ריזיקער לעגענדאַרער דראַקאָן, וועלכער דורשט נאָכן דאָקטאָרס בלוט און גלוסטיקט לאַראַן.

עס איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט. לויטן ביישפּיל פֿון נעכטן, האָט דער דאָקטאָר אָנגעצונדן דעם לאָמפּ אויפֿן טיש. לאַראַ מיט קאַטיענקאַן האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן, פֿריער ווי נעכטן.

דאָס אָנגעשריבענע ביינאַכט האָט זיך צעטיילט אויף צוויי גרופּן.

דאָס באַקאַנטע, דורכגעלייטערטע, מיט פרישע ענדערונגען, איז פאַר־שריבן געוואָרן ריין, קאַליגראַפיש. דאָס נייע איז אָנגעוואָרפן־געוואָרן גע־קירצט, מיט פינטעלעך, מיט נישט־לעזבאַרע היראָגליפן.

דורכקריכנדיק די דאָזיקע שמירעריי, האָט דער דאָקטאָר, ווי זיין שטייגער, געפילט אַנטוישונג. ביינאַכט האָבן די דאָזיקע פרווו־פראַגמענטן אַרויסגערופן ביי אים טרערן און עס האָבן אים באַרוישט אייניקע אומ־דערוואַרטעטע געלונגענע שטעלן. איצט האָבן דווקא די דאָזיקע מכלו־מרשטע געלונגענקייטן אים אָפּגעהאַלטן און פאַרביטערט מיט זיין בולטער שטייפקייט.

אַ גאַנץ לעבן האָט ער געטרוימט וועגן דער גלאַטיקער און גע־דעמפטער אָריגינעלקייט, וואָס איז אויסערלעך נישט־אָנזעעוודיק און איז באַהאַלטן אונטער אַ הילע פון דער געוויינלעכער, אַלגעמיין־באַנוצטער פאָרם. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געשטרעבט אויסצופאָרמירן אין זיך אַ צוריקגעהאַלטענעם, אַ אָן־פּרעטענסיע־סטיל, דורך וועלכן די לייענער און צוהערער וועלן באַהערשט פון אינהאַלט, אַליין נישט־באַמערקנדיק, וויאַזוי, זיי זענען אין אים היימיש געוואָרן. אַ גאַנץ לעבן האָט ער געזאָרגט וועגן אַ דינעם, נישט־מערקבאַרן סטיל, וואָס ציט נישט די אויפמערקזאַמקייט. און אַ פּחד פלעגט אים אָננעמען זעענדיק, ווי ווייט ער איז פון דעם דאָזיקן אידעאַל.

אין די דאָזיקע אָנוורפן האָט זיך אים געוואָלט, מיט פשוטע מיט־לען, וואָס דערגייען צו פּלאַפּלעריי און גרענעצן־זיך מיט דער האַרציקייט פון אַ וויג־ליד, אויסדריקן זיינע געמישטע געפילן פון ליבע, שרעק, טרויער און מוטיקייט אַזוי, אַז דאָס זאָל זיך גשמהדיק אויסגיסן, ווי אָן ווערטער, ווי פון זיך אַליין.

איצט, אויפן אַנדערן טאָג, איבערקוקנדיק די דאָזיקע פּראָבן, האָט ער אויסגעפונען, אַז עס פעלט אין זיי די אינהאַלטלעכע פאַרבינדונג, וואָס זאָל צוזאַמענגעמען און פאַראייניקן די צעשאָטענע שורות. איבערקאָכנדיק ביסלעכווייז דאָס אָנגעשריבענע, האָט יורי אַנדרייעוויטש געגומען, מיטן זעלבן לירישן מאַניער, שילדערן די לעגענדע וועגן יעגאָרי דעם העלדישן. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ רחבותדיק־ברייטן, פינף־זילביקן ריטם. דאָס צופּאַסן די ריטם־קלאַנגען, אומאָפּהענגיק פון דעם אינהאַלט, האָט אים אויפגערעגט מיט איר קאַזיאָנער, פאַלשער מעלאָדישקייט. ער האָט אַוועק־געלייגט די אויפגעבלאָזענע מאָס און איינגעפּרעסט די שורות אין אַ פיר־זילביקן ריטם, אַזוי ווי מען ראַנגלט־זיך אין פּראָזע מיט דער באַרע־דעוודיקייט. דאָס שרייבן איז געוואָרן אַלץ שווערער, אָבער לאָקנדיקער. די אַרבעט איז אַוועק לעבעדיקער, נאָר די איבעריקע פּלאַפּלעריי האָט אין

איר נאָך אַלץ אַרייִנגעדרונגען. ער האָט זיך געצוווּנגען נאָכמער צו קירצן די שורהלעך. די ווערטער האָבן געפּילט אַן ענגשאַפט אין דעם דריי־זיל־ביקן ריטם. די לעצטע שפּורן פון שלעפעריקייט האָבן אים פאַרלאָזן ער האָט אויפגעוואַכט, זיך צעפלאַמט. די שמאָלקייט פון די שורות־בלויזן האָט שוין אַליין אונטערגעזאָגט, מיט וואָס זיי אויסצופילן. די קאָנטורן פון קעגנשטאַנדן, וואָס זענען קוים באַצייכנט־געוואָרן מיט ווערטער, האָבן זיך גענומען דייטלעך אויסטיילן אין דער ראַם פון זכרון. ער האָט דערהערט דעם גאַנג פון פערד איבער דער אויבערפלאַך פון זיין געדיכט, ווי מען הערט דאָס פּאַטיקען־זיך פון גאַלאָפּירנדיקע פערדישע פּאַדקאָוועס אין איינער פון שאָפּענס באַלאַדן. גיעאָרגי פּאָביעדאָנאָסיעץ האָט גאַלאָפּירט אויף זיין פערד איבערן אומענדלעכן מרחק פון סטעפּ און יורי אַנדרייע־וויטש האָט אים פון זיין רוקן געזען, ווי ער ווערט קלענער און קלענער מיטן דערווייטערן זיך.

יורי אַנדרייעוויטש האָט געשריבן מיט אַ פיבערדיקער אײַליקייט, קוים באַווייזנדיק צו פאַרשרייבן די ווערטער און שורות, וואָס גייען־אויף כסדר, אויף זייער אָרט, און צום ענין.

ער האָט נישט באַמערקט, ווי לאַראַ איז אויפגעשטאַנען פון בעט און איז צוגעקומען צום טיש. זי האָט אויסגעזען דין, מאָגער און העכער, ווי אין דער ווירקלעכקייט, אין איר לאַנג נאַכט־העמד ביז צו די פּיאַטעס. יורי אַנדרייעוויטש האָט אויפגעציטערט פון דער אומדערוואַרטעטקייט, ווען זי איז אויסגעוואַקסן נעבן אים אַ בלייכע, אַ צעשראָקענע און, אויסשטרע־קנדיק די האַנט פאָראויס, האָט זי געפרעגט פליסטערנדיק:

— הערסט? אַ הונט וואָיעט. אפילו צוויי. אַך, ווי שרעקלעך! וואָס פאַר אַ שלעכטער סימן! מיר וועלן ווי־עס־איז צולײַדן ביז באַגינען און מיר וועלן אַוועקפאָרן, אַוועקפאָרן. קיין איין מינוט לענגער וועל איך דאָ נישט בלייבן!

אַ שעה שפּעטער, נאָך אַ לאַנגן רעדן איר צום האַרצן, האָט זיך לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ באַרויקט און איז ווידער איינגעשלאָפן. יורי אַנ־דרייעוויטש איז אַרויס אויף דער וועראַנדע. די וועלף זענען געווען נעב־טער, ווי אין דער פאַריקער נאַכט און זיי האָבן זיך נאָך שנעלער באַהאַלטן. און יורי אַנדרייעוויטש האָט ווידער נישט־באַוויזן צו דערגיין, אין וועלכער ריכטונג זיי זענען אַוועק. זיי זענען געשטאַנען אַ גאַנצע סטאַדע, ער האָט נישט באַוויזן זיי איבערצוציילן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיי האָבן זיך פאַרמערט.

10

עס האָט זיך געשטעלט דער דרייצנטער טאָג פֿון זייער זיין אין וואַריקינאָ, וואָס האָט זיך נישט אונטערשיידט מיט זיינע אומשטענדן פֿון די ערשטע טעג. אין אָוונט האָבן ווידער געוואָיעט די וועלף, נאָכדעם ווי זיי זענען פֿאַרשווּנדן אינמיטן דער וואָך. ווידער אָננעמענדיק זיי פֿאַר הינט, האָט לאַריסאַ פֿיאָדאָראָוונאַ, אָן אָנגעשראָקענע פֿון דעם שלעכטן סימן, ווידער פֿאָרגעלייגט אָוועקצופֿאָרן אינדערפֿרי. אַזוי האָט זיך ביי איר כסדר געענדערט דער צושטאַנד פֿון גלייכגעוויכט מיט אָנפֿאַלן פֿון אומעטיקן אומרו, וואָס איז נאַטירלעך פֿאַר אַן אַרבעטסליבנדער פֿרוי, וועלכע איז נישט געוווינט גאַנצע טעג ליידיק צו גיין, צו אויסגיסן דאָס האַרץ טאָג־טעגלעך צו פֿאַרבאָטענע פֿאַרגעניגנס און אומאויפֿהערלעכע צערטלעכקייטן.

אַלץ האָט זיך פּינקטלעך איבערגעחזרט. און, ווען אין דעם אינדערפֿרי פֿון דער צווייטער וואָך, האָט לאַריסאַ פֿיאָדאָראָוונאַ, ווי פֿיל מאָל פֿריער, גענומען זיך גרייטן אין וועג אַריין, האָט מען געקענט מיינען, אַז די אָנדערהאַלבן וואָכן, וואָס זיי האָבן דאָ אינצווישן דורכגעלעבט, זענען ווי בכלל נישט געווען.

ווידער איז געווען פֿייכטקייט אין די צימערן, און זענען געווען טונקל, צוליב דעם גרויען און פֿאַרכמאַרעטן טאָג. דער פֿראָסט איז ווייכער געוואָרן. פֿון פֿינצטערן הימל, באַדעקט מיט נידעריקע כמאַרעס, האָט יעדע מינוט געדאַרפֿט נעמען שיטן אַ שניי. די קערפּערלעכע און גייסטיקע מידקייט פֿון דעם לענגערן נישט־דערשלאָפֿן, האָט יורי אַנדרייעוויטש צעטרייסלט. די געדאַנקען האָבן זיך אים געפּלאָנטערט. פֿון אָפּגעשוואַכטקייט און פֿאַלן פֿון די כוחות האָט ער דערפֿילט אַ קאַלטקייט אין די ביינער. צוזאַמענקניילנדיק־זיך און רייבנדיק די הענט פֿון קעלט, האָט ער אַרומגעשפּאַנט איבערן נישט־באַהייצטן צימער, נישט־וויסנדיק, וואָס לאַריסאַ פֿיאָדאָראָוונאַ וועט באַשליסן און, צו וואָס ער וועט זיך דאַרפֿן נעמען אין שייכות מיט איר באַשלוס.

עס זענען נישט קלאָר געווען אירע כוונות. זי וואָלט איצט אַ האַלב לעבן אָוועקגעגעבן רערפֿאַר, אַז מען זאָל פֿון זיי ביידן צונעמען די כאַאָטישע פֿרייקייט, זיי זאָלן געצוווּנגען ווערן אונטערצוואַרפֿן־זיך אַ שטרענגער, איינמאָל־פֿאַר־אַלע־מאָל איינגעפֿירטער אָרדענונג, אַז זיי זאָלן גיין צו דער אַרבעט און זאָלן האָבן פֿאַרפּליכטונגען, אַז עס זאָל זיי געגעבן ווערן צו לעבן מיט פֿאַרשטאַנד און ערלעך.

זי האָט אָנגעהויבן דעם טאָג, ווי געוויינלעך, פֿאַרבעט די בעטן, אויפֿגערוימט די צימערן, דערלאַנגט פֿרישטיק פֿאַרן דאָקטאָר און קאַטיאַן.

נאכדעם האט זי זיך גענומען פאקן און געבעטן דעם דאקטאר, ער זאל שפאנען דאס פערד. דעם באשלוס אוועקצופארן האט זי אנגענומען שטרענג און פעסט.

יורי אנדרייעוויטש האט נישט געפרווט איר אפווענדן דערפון. זייער אומקערן־זיך אין שטאט־אריין, אין סאמע ברען פון ארעסטן, נאך זייער אנטרינען־ווערן נישט לאנג צוריק, איז געווען א לייכטזיניקייט. נאר צי וואלט דען קליגער געווען אפצוזיצן דא איינזאם, אן געווער, אין דעם שרעקלעכן מדבר, וואס איז פול מיט זיינע אייגענע גרויזאמקייטן?

אויסער דעם, האט זיך געהאלטן ביים ענדיקן דאס לעצט ביסל היי, וואס דער דאקטאר האט אויסגעקראצט אין די שכנותדיקע שטאלן און קיין נייע האט זיך מער נישט פארגעזען. פארשטייט־זיך, וואלט געווען א מעגלעכקייט צו באזעצן־זיך דא פעסטער, וואלט דער דאקטאר געגעבן א פאר־ארום איבער דער געגנט און ער וואלט זיך שוין באמיט וועגן א צוגאב פון שפייז־זאפאסן פארן פערד. נאר צוליב א קורצן און צווייפל־האפטן אויפהאלטן־זיך דא, האט זיך נישט געלוינט צו מאכן אזעלכע אויסשפיר־עקספעדיציעס. און א מאך־טוענדיק אויף אלץ מיט דער האנט, איז דער דאקטאר אוועק איינשפאנען.

זיין איינשפאנען איז אים נישט שטארק געלונגען. סאמדיעוויאטאוו האט עס אים געלערנט און יורי אנדרייעוויטש האט פארגעסן זיינע אנווייזונגען. מיט נישט־דערפארענע הענט האט ער פונדעסטוועגן געטון אלץ, וואס מען דארף. דעם געשמידטן עק פון בינד־רימען, מיט וועלכן ער האט פארבונדן דעם בויגן צו די דישלעס, האט ער איינגעצויגן מיט א שלייף אויף א דישעל, ארומוויקלענדיק אים עטלעכע מאל ביים שפיץ און דער־נאך, אנשפארנדיק־זיך מיט א פוס אן דעם פערדס זייט, האט ער שטייף איינגעצויגן די זיך־צעגייענדיקע כאמעט־קלאמערן. ער האט פארענדיקט און צוגעפירט דעם פערד צו דער וועראנדע, צוגעבונדן אים און אוועק זאגן לאראן, אז מען קען זיך קלייבן אין וועג אריין.

ער האט זי געטראפן א העכסט־צעטומלטער. זי און קאטיענקא זענען שוין געווען אנגעטון, און די זאכן פארפאקט צום אפפארן, נאר לאריסא פיאדאראוונא ברעכט זיך די הענט און האלט אין די טרערן. בעטנדיק יורי אנדרייעוויטשן, זיך צוצוזעצן א מינוט, האט זי זיך געווארפן אין פאטעל און ווידער אויפגעשטאנען, איבערשלאגנדיק אפט זיך זעלבסט מיטן אויסרוף „נישט אמת?" זי האט גערעדט שנעל־שנעל, מיט א הויכער זינגעוודיק־קלאגנדיקער נאטע, שיטנדיק מיט רייד אן צוזאמענהאנג:

— איך בין נישט שולדיק. איך ווייס אליין נישט, וויאזוי דאס איז געשען. נאר צי קען מען דען איצט פארן? עס וועט באלד נעמען טונקלען.

די נאַכט וועט אונדז צופֿאַלן אינמיטן וועג. און פּונקט אין דיין שרעקלעכן וואַלד. נישט אמת? איך וועל האַנדלען לויט דיין באַפֿעל, נאָר אַליין, מיטן אייגענעם ווילן, וועל איך זיך נישט רירן. עפּעס האַלט מיך־אָפּ. דאָס האַרץ איז מיר אומרויִק. און דו, טו ווי דו פֿאַרשטייסט. נישט אמת? וואָס־זשע שווייגסטו און זאָגסט קיין וואָרט נישט? מיר האָבן געפּטרט אויף גאָרנישט דעם גאַנצן פֿרימאָרגן. נישט צום פֿאַרשטיין, אויף וואָס מיר האָבן פֿאַרלוירן אַ האַלבן טאָג. מאָרגן וועט זיך עס מער נישט איבערחזרן, מיר וועלן זיין פֿאָרזיכטיקער, נישט אמת? אפֿשר פֿאַרבלייבן דאָ נאָך אַ מעת־לעת? מיר וועלן מאָרגן אויפֿשטיין פֿריער, אויפֿהויבן־זיך מיטן גרויען אויף טאָג, אַ זייגער זיבן, אָדער זעקס אינדערפֿרי. ווי מיינסטו? דו וועסט איינהייצן דעם אויוון, וועסט שרייבן דאָ נאָך אַן איבעריקן אָוונט, מיר וועלן דאָ איבערנעכטיקן נאָך איין נאַכט. אַך, דאָס וואָלט דאָך געווען אַזוי אומפֿאַרגלייכלעך, צויבערלעך! פֿאַרוואָס־זשע ענטפֿערסטו גאָרנישט? ווידער בין איך, אומגליקלעכע, אין עפּעס שולדיק?!

— דו טרייבסט־איבער. ביז אָוונט־דעמערונג איז נאָך ווייט. עס איז נאָך גאַנץ פֿרי. נאָר זאָל זיין ווי דו ווילסט. גוט. מיר וועלן בלייבן. נאָר באַרויִק־זיך. זע, ווי דו ביזט אויפֿגערעגט. ווירקלעך, מיר וועלן זיך אויספּאַקן, אַראָפּוואַרפֿן די פּעלצן. אָט זאָגט קאַטיענקאַ, אַז זי איז הונגעריק געוואָרן. מיר וועלן צובייסן. ביזט גערעכט, דאָס איצטיקע אָפּפֿאָרן וואָלט געווען זייער נישט־צוגעגרייט, צו־פֿלוצלונג. נאָר דענערוויר־זיך נישט און וויין נישט, ווי גאָט איז דיר ליב. איך וועל באַלד איינהייצן. נאָר פֿריער, ווייל דאָס פֿערד איז געשפּאַנט און דער שליטן איז ביי דער וועראַנדע, וועל איך אַ פֿאָר־טון נאָכן לעצטן ביסל האָלץ אין דעם געוועזענעם שטאַל פֿון די זשיוואַגאָס. וואָרעם דאָ פֿאַרמאָג איך נישט מער אפֿילו קיין איין שייטל האָלץ. נאָר דו וויין נישט. איך וועל זיך גיך אומקערן.

11

אין דעם שניי פֿאַרן שטאַל זענען, אין עטלעכע קרייזן, קאָנטיק־געווען די שליטן־סמנים פֿון יורי אַנדרייעוויטשס פֿריערדיקע נסיעות אַהער. דער שניי פֿאַר דער שוועל איז געווען צעטראָטן און אַנגעמיסטיקט פֿון דעם אייערנעכטיקן שלעפּן האָלץ.

די כמאַרעס, וואָס האָבן פֿאַרדעקט דעם הימל פֿון באַגינען, זענען זיך צעגאַנגען. דער הימל איז ריין געוואָרן. עס האָט געפֿראָסטיקט. דער פּאַרק פֿון וואַריקינאָ, וואָס האָט אויף אַ פֿאַרשידנאַרטיקן מרחק אַרומגערינגלט די דאָזיקע ערטער, איז נאָענט צוגעשטאַנען צום שטאַל, ווי נאָר

דערפֿאַר, כּדי אַרײַנצוקוקן דעם דאָקטאָר אין פּנים־אַרײַן און עפּעס־וואָס אים דערמאָנען. דער שניי איז דעם ווינטער געלעגן אין אַ דיקן שיכט, העכער פֿון דער שטאַל־שוועל. די פֿוטרינע פֿון דער טיר האָט זיך ווי אָראָפּגעלאָזן. די שטאַל האָט זיך ווי אײַנגעהויקערט. פֿונם דאַך, במעט איבערן דאָקטאָרס קאָפּ, איז אַראָפּגעהאַנגען אַ שיכט שניי, ווי דאָס היטל פֿון אַ ריזיקן שוואָם. גלײַך איבערן אַראָפּהאַנג פֿון דאַך, ווי זי וואָלט־זיך אַרײַנגעשטאָכן מיט אַ שפּיץ אינעם שניי, איז געשטאַנען און האָט געברענט מיט אַ גרויען פֿלאַם אין אַ סערפּ־פֿאָרם, די אויסגעשניטענע, נאָרוואָס־געבוירענע האַלבע לבנה.

כאָטש עס איז נאָך געווען טאָג און גאַנץ ליכטיק, האָט דער דאָקטאָר געהאַט דאָס געפֿיל, ווי ער וואָלט שטיין אין שפּעטן פֿאַרנאַכט אין טונקל־זרימלענדיקן וואַלד פֿון זײַן לעבן. אַזאַ פֿינסטערניש איז געווען אויף זײַן נשמה, אַזוי טרויעריק איז אים געווען. און די יונגע לבנה, ווי דאָס געשטאַלט פֿון אײנזאַמקייט, האָט אויף דער זעלבער הויך פֿון זײַן פּנים, געברענט אַנטקעגן אים ווי אַן אָנזאָג אויף צעשיידונג.

פֿון דערשעפּטקייט האָט זיך יורי אַנדרייעוויטש קוים געהאַלטן אויף די פֿיס. שלײַדערנדיק דאָס האָלץ איבער דער שוועל פֿון שטאַל, אין שליטן אַרײַן, האָט ער אָנגענומען אויף איין מאָל ווייניקער שײַטלעך ווי געוויינלעך. דאָס אָנגעמען, אויפֿן פֿראָסט די געפֿרוירענע און מיט שניי־באַשאָטענע קלעצער, האָט אַפֿילו דורך די הענטשקעס וויי־געטון. די פֿאַרשנעלערטע באַוועגלעכקייט האָט אים נישט דערוואַרעמט. ער האָט געשאָלטן אויף וואָס זי וועלט שטייט, די אָנמעכטיקייט פֿון זײַן גורל און געבעטן גאָט, ער זאָל באַשיצן און באַשירמען דאָס לעבן פֿון דער מאָלערישער שיינהייט, דער טרויעריקער, דער הכנעהדיקער, דער האַרציק־פּשוטער. און די לבנה איז אַלץ געשטאַנען איבערן שטאַל און האָט געברענט און נישט געוואַרעמט, האָט געשײַנט און נישט־באַלויכטן.

פּלוצלונג האָט דאָס פֿערד, אויסדרייענדיק־זיך אין דער ריכטונג פֿון הויז אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און זיך צעהירזשעט, צום אָנהויב — שטיל, שעמעוודיק, און נאָכדעם, — הויך און זיכער.

וואָס טוט־זיך מיט אים? — האָט דער דאָקטאָר געטראַכט — מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרייד? דאָס קען נישט זײַן קיין אויסדרוק פֿון שרעק. פֿון שרעק הירזשען נישט קיין פֿערד. צי איז ער אַזוי נאַריש, אַז ער זאָל מיט דער שטים זיך לאָזן הערן פֿאַר די וועלף, אויב ער האָט זיי דערפֿילט? און ווי פֿריילעך! ער האָט אוודאי דערפֿילט די שטוב, און עס האָט זיך אים אַהיים פֿאַרוואָלט. וואַרט־צו, מיר וועלן זיך באַלד רירן.

אַלס צוגאָב צום אָנגעלייגטן האָלץ, האָט יורי אַנדרייעוויטש אָנגע־

קליבן אין שטאַל שפּענער און קאָרע, אויסגעבויגענע ווי שטיוול־כאַליעוועס, וואָס זענען גאַנצערהייט פון די קלעצער אַראָפּגעפאַלן. דאָס איבערגעדעקטע האָלץ מיט דער ראָגאָזשע, האָט ער אַרומגענומען מיט אַ שטריק און שפּרייזנדיק נעבן דעם שליטן, האָט ער דאָס האָלץ אַוועקגעפירט אין מיקוליצינס שטאַל־אַריין.

ווידער האָט זיך דאָס פערד צעהירזשעט, אַלס ענטפער אויף אַ דייטלעך פערדישן הירזשען ערגעץ ווייט, אין דער צווייטער זייט. „ביי וועמען זאָל דאָס זיין?״ — האָט אויפציטערנדיק געטראַכט דער דאָקטאָר — „מיר האָבן געקלערט, אַז וואַריקינאָ איז פּוסט. הייסט עס, אַז מיר האָבן אַ טעות געהאַט״. עס האָט אים נישט געקענט קומען אין קאָפּ־אַריין, אַז זיי האָבן געסט און אַז דאָס פערדישע הירזשען טראָגט־זיך פון דער זייט פון מיקוליצינס וועראַנדע צום סאָד. ער האָט געפירט סאַווראַסקען מיט אַן אומוועג הינטן־אַרום, פאַרביי די געהילפס־געביידעס פון די פאַבריקסווירטשאַפטן און הינטער די בערגלעך, וואָס האָבן פאַרשטעלט דאָס הויז, דעריבער האָט ער נישט געזען זיין פאָדערשטן טייל.

נישט־איילנדיק־זיך (צו וואָס זיך איילן?) האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דאָס האָלץ אין שטאַל, אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, איבערגעלאָזן דעם שליטן אין שטאַל און דעם פערד האָט ער אָפּגעפירט אין דעם דערנעבנדיקן פּוסטן און דורכגעפרוירענעם פערד־שטאַל. ער האָט אים אַוועקגעשטעלט אין רעכטן ווינקל, וווּ עס האָט ווייניקער אַריינגעבלאָזן און ברענגענדיק פון שטאַל אַ פּאָר אָרעמס היי, וואָס איז נאָך געבליבן, האָט ער עס אָנגעלייגט אין דער קאָריטע.

מיט אַן אומרויִק געמיט איז ער געגאַנגען צום שטוב. פאַר דער וועראַנדע איז געשטאַנען געשפּאַנט אין אַ זייער ברייטן פּויערשן שליטן מיט אַ באַקוועמען זיץ־קויש, אַן אויסגעפּרעסענער שוואַרצער אַגער. אַרום דעם פערד איז אומגעגאַנגען, פּעטשלענדיק אים אין די זייטן און באַטראַכטנדיק זיינע פיס־בערשטלעך, אויך אַזאַ גלאַטיק־זאַטער ווי דער פערד, אַ אומבאַקאַנט בחור׳ל אין אַ גוטן אויבערראָק.

אין שטוב האָט זיך געהערט אַ רעש. נישט וועלנדיק אונטערהערן און נישט־אומשטאַנד־זייענדיק עפּעס צו הערן, האָט יורי אַנדרייעוויטש נישט־ווילנדיק פאַרלאַנגזאַמט זיינע טריט און איז שטיין־געבליבן ווי אַ צוגעשמידטער. נישט באַנעמענדיק קיין ווערטער, האָט ער דערקענט די שטימען פון קאָמאַראָווסקין, לאַראַן און קאַטיענקאָן. זיי זענען וואַרשיינלעך געווען אין ערשטן צימער, ביים אַרויסגאַנג. קאָמאַראָווסקי האָט זיך געשפּאַרט מיט לאַראַן און, אורטיילנדיק לויטן קלאַנג פון אירע ענטפערס, האָט זי זיך דענערווירט, געוויינט און, דאָ האָט זי אים שאַרף דערווידערט

און דאָ — אײנגעשטימט מיט אים. לויט עפּעס אַן אומדײטלעכן סימן, האָט יורי אַנדרײעװיטש באַנומען, אַז קאָמאַראָװסקי האָט אין דער מינוט פאַרפירט אַ שמועס טאַקע װעגן אים, װאָרשײנלעך אין דעם זין, אַז ער איז נישט קײן פאַרלעסלעכער מענטש („אַ דינער פון צװײ האַרן״ — האָט זיך יורי אַנדרײעװיטשן געדאַכט צו הערן)، װעמען עס איז נישט באַװוסט, װער עס איז אים טײערער: די משפּחה, אָדער לאַראַ, און אַז לאַראַ טאָר זיך אויף אים נישט פאַרלאָזן דערפאַר, װײל אַנטרויענדיק־זיך דעם דאָק־טאָר, װעט זי האָבן דעם סוף פון אַזאַ װאָס „יאָגט־זיך נאָך צװײ האָזן און בלײבט צװישן צװײ שטולן״. יורי אַנדרײעװיטש איז אַרײַן אין שטוב.

װירקלעך, אין ערשטן צימער, אין זײַן פּעלץ ביז צו דער פּאָדלאָגע, איז געשטאַנען קאָמאַראָװסקי, נישט־אויסטועגדיק־זיך. לאַראַ האָט געהאַלטן קאַטיענקאַן פאַר די אויבערשטע עקן פון פּעלצל, באַמיענדיק־זיך צו פאַר־שפּיליען דעם קעלנערל נישט אַרײַנטרעפנדיק מיטן העקל אין דער פּעטליע. זי האָט זיך געבײזערט אויפן מײדעלע שרײַענדיק, אַז זי זאָל זיך נישט דרײען און זיך נישט אַרויסרײַסן און קאַטיענקאַ האָט זיך געבעטן: „מאַמעלע, פאַרזיכטיק, װעסט מיך דערשטיקן״. אַלע זענען געשטאַנען אָנגעטוענע, פאַרטיקע צום אָװעקפאָרן. װען יורי אַנדרײעװיטש איז אַרײַנ־געקומען, זענען לאַראַ און װיקטאָר איפּאָליטאָװיטש, אײנער נאָכן אַנדערן, אים אַנטקעגן געלאָפן.

— װו ביזטו פאַרפאַלן געװאָרן? דו ביזט אונדז אַזוי נױטיק!

—זײַט באַגריסט, יורי אַנדרײעװיטש! נישט־קוקנדיק אויף די גראָב־קײטן, װאָס מיר האָבן זיך געזאָגט אײנער דעם אַנדערן דאָס לעצטע מאָל, בין איך, װי איר זעט, װידער געקומען צו אײַך אָן אַן אײַנלאַדונג.

— זײַט באַגריסט, װיקטאָר איפּאָליטאָװיטש.

— װו ביזטו פאַרפאַלן געװאָרן אויף אַזוי לאַנג? הער־אויס, װאָס ער זאָגט, און דערצײלדיר שנעל פאַר דיר און פאַר מיר. נישטאָ קײן צײַט. מען מוז זיך אײַלן.

— װאָס־זשע שטײען מיר? זיצט, װיקטאָר איפּאָליטאָװיטש. װאָס הײסט, װו איך בין פאַרפאַלן־געװאָרן, לאַראַטשקאַ? דו װײסט דאָך, איך בין געפאָרן נאָך האָלץ און נאָכדעם דאָס פערד באַזאָרגט. װיקטאָר איפּאָ־ליטאָװיטש, איך בעט אײַך, זיצט.

— דו ביזט נישט איבעראַשט? פאַרװאָס װײַזטו נישט אַרויס קײן פאַרװוּנדערונג? מיר האָבן באַדויערט, װאָס דער דאָזיקער מענטש איז אָװעקגעפאָרן און װאָס מיר האָבן זיך נישט אָנגעכאַפּט אַן זײַן פאַרשלאָג, און ער שטײט דאָס פאַר דיר און דו װוּנדערסט זיך נישט. נאָר נאָכמער

איבעראַשנד זענען זיינע פרישע נייעסן. דערציילט זיי אים, וויקטאָר אי־פּאַליטעוויטש.

— איך וויס נישט, וואָס עס מיינט לאַריסאַ פיאַדאַראַוונאַ. נאָר פון מיין זייט, וועל איך אייך זאָגן פאָלגנדעס: איך האָב ספּעציעל פאַר־שפּרייט אַ קלאַנג, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן, און אַליין בין איך געבליבן אויף נאָך עטלעכע טעג, כדי צו געבן אייך און לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַן צייט, אויפסנײַ איבערצוטראַכטן די דורך אונדז באַרירטע פראַגן און נאָך אַ רייפן דורכטראַכטן, זאָלט איר אפשר קומען צו אַ ווייניקער־לייכטזיניקן באַשלוס.

— נאָר ווידער אַפּלייגן טאָר מען נישט. איצט איז די באַקוועמסטע צייט אָפּצופאָרן. מאָרגן אינדערפרי... נאָר בעסער זאָל וויקטאָר איפּאָלי־טאָוויטש אַליין דיר דערציילן.

— אַ רגע, לאַראַטשקאַ. אַנטשולדיקט, וויקטאָר איפּאַליטאָוויטש. פאַרוואָס שטייען מיר אין די פעלצן? לאָמיר זיך אויסטון און צוזעצן זיך. אַ געשפּרעך איז דאָך דאָס אַן ערנסטער. מען טאָר דאָך נישט אַזוי כאַפּ־לאַפּ. זייט מוחל, וויקטאָר איפּאַליטאָוויטש. אונדזער וויכוח רירט־אָן געוויסע זייער דינגע נשמה־זאַכן. באַהאַנדלען די דאָזיקע קעגנשטאַנדן איז לעכערלעך און נישט באַקוועם. איך האָב קיינמאָל נישט געקלערט וועגן אַ נסיעה מיט אייך. לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ איז אַן אַנדער זאַך. אין די דאָ־זיקע זעלטענע פאַלן, ווען אונדזערע באַומרויקונגען זענען געווען אָפּ־געטיילט איינעמס פון אַנדערנס, און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען נישט איין וועזן, נאָר צוויי, מיט צוויי באַזונדערע גורלות, האָב איך גע־רעכנט, אַז לאַראַ דאַרף, באַזונדערס צוליב קאַטיענקאַן, ערנסטער זיך פאַרטראַכטן וועגן אייערע פּלענער. און זי טוט עס טאַקע אומאויפהערלעך, אומקערנדיק־זיך אָבער־און־ווידער צו די דאָזיקע מעגלעכקייטן.

— נאָר בלויז מיטן באַדינג, אויב דו וואָלסט געפאָרן.

— עס איז אונדזביידן גלייך שווער זיך־פאַרצושטעלן אונדזער צע־שיידונג, נאָר עס קען זיין, אַז מען דאַרף זיך גובר־זיין און ברענגען דעם דאָזיקן קרבן. דערפאַר ווייל וועגן מיין נסיעה קען קיין רייד נישט זיין.

— אָבער דו ווייסט דאָך נאָך גאָרנישט. צוערשט הער־אויס. מאָרגן אינדערפרי... וויקטאָר איפּאַליטאָוויטש!

— ווייזט־אויס, אַז לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ האָט אין זינען די ידיעות, וואָס איך האָב געבראַכט און האָב איר שוין איבערגעגעבן. אויף דער יוראַטינער סטאַציע שטייט שוין גרייט, מיט דער פולער פּאַרע, דער ספּעציעלער צוג פאַר דער רעגירונג פון ווייטן מזרח. געכטן איז ער אָנ־

געקומען פון מאָסקווע און מאָרגן גייט ער אָפּ ווייטער. דאָס איז דער צוג פון אונדזער קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום. ער באַשטייט פון אַ העלפט אינ־טערנאַציאָנאַלע שלאָף־וואַגאָנען. איך מוז פאָרן אין דעם דאָזיקן צוג. עס זענען מיר צוגעטיילט־געוואָרן פלעצער פאַר פערזאָנען, איינגעלאַדענע אין מיין אַרבעטס־קאָלעגיום. מיר וואָלטן אַ פאַר־געטון מיטן גאַנצן קאָמפּאַרט. אַזאַ געלעגנהייט זעט־זיך מער נישט פאַר. איך ווייס, אַז איר וואַרפט זיך נישט סתם מיט קיין ווערטער און אַז אייער אָפּזאָג צו פאָרן מיט אונדז, וועט איר נישט ענדערן. איר זענט אַ מענטש מיט פעסטע באַשלוסן, איך ווייס. נאָר פונדעסטוועגן, ברעכט, אייער באַשלוס לטובת לאַריסאַ פיאָ־דאָראָוונאַ. איר האָט דאָך געהערט, אַז אַן אייך וועט זי נישט פאָרן. פאָרט מיט אונדז, אויב נישט קיין וולאַדיוואָסטאָק, איז כאָטש ביז יוראַטין. און דאָרט וועלן מיר זען. נאָר אין אַזאַ פאַל, מוז מען זיך איילן. מען טאָר קיין מינוט נישט פאַרלירן. מיט מיר איז דאָ אַ מענטש. איך אַליין קען זיך נישט אומגיין מיט קיין פערד. זאַלבעפינפט, מיט אים, וועלן מיר זיך אין מיין שליטן נישט אַריינקוועטשן. אויב איך האָב קיין טעות נישט, פאַרמאָגט איר דאָ סאַמדיעוויאַטאָווס פערד. איר האָט געזאָגט, אַז איר זענט געפאָרן נאָך האָלץ. ער איז נאָך נישט אויסגעשפאַנט?

— ניין, איך האָב אים שוין אויסגעשפאַנט.

— דאָן שפּאַנט אים שנעל איין צוריק. מיין קוטשער וועט אייך העלפן. כאָטש ווייסט איר וואָס? צום טייוול מיטן צווייטן שליטן. מיר וועלן ווי־עס־איז דערפאָרן אויף מיינעם. נאָר שנעלער, ווי גאָט איז אייך ליב! אין וועג אַריין, נעמט מיט זיך מיט דאָס סאַמע־נויטיקסטע, וואָס עס קומט אייך אונטער די הענט. דאָס הויז לאָזט־איבער אַזוי ווי עס איז, נישט־פאַרשלאָסן. מען דאַרף ראַטעווען דאָס לעבן פון קינד און נישט נעמען צוקלייבן שליסלען צו שלעסער.

— איך פאַרשטיי אייך נישט, וויקטאָר איפּאָליטאָוויטש. איר רעדט עפּעס אַזוי, פונקט ווי איך וואָלט מסכים געווען צו פאָרן. פאָרט זיך גע־זונטערהייט, אויב לאַראַ וויל אַזוי. און וועגן דעם הויז, באַאומרויקט זיך נישט. איך וועל פאַרבלייבן, און נאָך אייער אָפּפאָרן, וועל איך צורוימען און פאַרשליסן.

— וואָס רעדסטו, יוראַ? צו וואָס טויג דיר די באַוווסטזיניקע נאָ־רעשקייט, אין וועלכער דו גלויבסט אַליין נישט? „אויב לאַריסאַ פיאָדאָ־ראָוונאַ האָט באַשלאָסן". און אַליין ווייסט ער זייער גוט, אַז אָן זיין אָנטייל אין דער נסיעה פון לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ און אָן זיין לייטונג, האָט זי נישט קיינע שום באַשלוסן. דאָן, צו וואָס טויגן די פראַזן: „די שטוב וועל איך צורוימען און וועגן אַלץ וועל איך זאָרגן"?

— הייסט עס, איר זענט איינגעקשנט. דאַן האָב איך אַ צווייטע ביטע. מיט לאַריסאַ פּיאָדאָראָוונאַס דערלויבעניש, וויל איך בעטן אויף אַ פּאָר ווערטער, און אויב מעגלעך, אויג־אויף־אויג.
— גוט. אויב דאָס איז אַזוי נויטיק, לאָמיר אַריינגיין אין קיך. דו האָסט נישט דאַקעגן, לאַרושאַ?

12

— סטרעלניקאָוו איז געכאַפּט־געוואָרן, פאַרמשפּט צו דער העכסטער שטראָף און דער אורטייל איז אויסגעפירט־געוואָרן.
— ווי שרעקלעך! זאָל דאָס ריכטיק זיין?
— אַזוי האָב איך געהערט. איך בין אין דעם זיכער.
— זאָגט עס נישט לאַראַן. זי וועט פון זינען אַראָפּ.
— נאָך דאָס פעלט. דערפאַר האָב איך אייך גערופן אין אַנדערן צימער. נאָך דעם דאָזיקן דערשיסן, איז זי און די טאָכטער אין אַ נאָענטער, אוממיטלבאַרער געפאַר. העלפט מיר זיי ראַטעווען. איר זאָגט זיך אָפּ, אַנטשלאָסן מיטצופאָרן מיט אונדז?
— איך האָב דאָך אייך געזאָגט. זיכער.
— אָבער, אָן אייך וועט זי נישט אָוועקפאָרן. איך ווייס פּשוט נישט וואָס צו טון. דאַן פאָדערט־זיך פון אייך אַ צווייטע הילף. באַרט־אָפּ, מאַכט דעם אָנשטעל אַז איר גרייט־זיך אין וועג, אַז מען קען אייך כלומרשט איבעררעדן. איך שטעל זיך נישט פאָר אייער צעשיידונג, נישט דאָ, נישט אויפן אָרט, אויפן יוראַטינער וואָקזאַל, ווען איר זאָלט ווירקלעך פאָרן אונדז באַגלייטן מען מוז ווירקן, אַז זי זאָל גלויבן, אַז איר פאָרט אויך. אויב נישט תיכף, צוזאַמען מיט אונדז, איז אין אַ צייט אַרום, ווען איך וועל אייך געבן אַ נייע מעגלעכקייט, וואָס איר וועט צוזאָגן אויסצונוצן. דאָ דאַרפט איר זיין פעיק צו געבן איר אַ פאַלשע שבועה. נאָר פון מיין זייט, זענען דאָס נישט קיין פּוסטע ווערטער. אויף מיין ערן וואָרט פאַר־זיכער איך אייך, ביי אייער ערשטן אויסגעדריקטן פאַרלאַנג, נעם איך זיך אונטער, צו יעדער צייט, צו ברענגען אייך פון דאַנען צו אונדז און אריבער־פירן אייך ווייטער, וווהין איר זאָלט נאָר נישט וועלן. לאַריסאַ פּיאָדאָ־ראָוונאַ דאַרף זיין איבערצייגט, אַז איר באַגלייט אונדז. איבערצייגט איר אין דעם מיט אייער גאַנצער קראַפט. לאָמיר זאָגן, מיט אַן אָנשטעל צו לויפן שפּאַנען דעם פערד און מיטן איינרעדן אונדז, תיכף צו רירן פון אָרט, נישט וואַרטנדיק, ביז איר וועט איינשפּאַנען און אַז איר וועט אונדז אָניאָגן אין וועג.

— איך בין דערשיטערט פון דער ידיעה וועגן דעם דערשיסן פּאַוועל פּאַוולאָוויטשן און איך קען צו זיך נישט קומען. נאָר איך בין איינשטימיק מיט אייך. נאָכן אומברענגען סטרעלניקאָוון איז, לויט אונדזער היינטיקער לאָגיק, לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַס און קאַטיענקאַס לעבן אויך אין געפאַר. עמיץ פון אונדז וועט זיכער פאַרלירן די פרייהייט און במילא, אַזוי צי אַנדערש, וועלן מיר צעשיידט־ווערן, דאַן, איז פּילייכט גלייכער, צעשיידט איר אונדז און פירט זיי אַוועק וואָס־ווייטער, ערגעץ אין עק־וועלט. סיי־ווי־סיי, ווען איך רעד איצט מיט אייך, איז שוין דער גאַנצער ענין אויף אייער זייט. געוויס וועלן מיר קיין כוחות נישט קלעקן און, מוותר־זייענדיק אויף מיין שטאָלץ און אייגנליבע, וועל איך הכנעהדיק צופּויזן צו אייך, כדי צו באַקומען פון אייער האַנט סיי זי, סיי דאָס לעבן, סיי אַ ים־וועג צו מיינע, סיי מיין פּערזענלעכע רעטונג. נאָר לאָזט מיך פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דעם אַלעמען. אייער מיטגעטיילטע נייעס האָט מיך דערשיטערט. איך ווער דערדריקט פון יסורים, וואָס נעמען־אָפּ ביי מיר די פעיקייט צו דענקען און דערקלערן קען זיין, אַז מיט מיין אונטערגעבן־זיך אייך, באַגיי איך אַן אומאויסבעסערלעכן, גורלדיקן פעלער, וואָס וועט מיך שרעקלעך פּייניקן אַ גאַנץ לעבן. נאָר אין דעם יסורים־נעפּל, וואָס מאַכט מיך אָנמעכטיק, איז דאָס איינציקע וואָס איך קען איצט טון: צושאָקלען אייך אַלץ מיטן קאָפּ און בלינדערהייט, אומווילִיק אייך פאָלגן. אַלזאָ, כדי צו מאַכן אַן אָנשטעל, פאַר איר וויל, מעלדע איך איר איצט, אַז איך גיי שפּאַנען דעם פערד און וועל אייך דעריאָגן, און אַליין וועל איך דאָ פאַרבלייבן אייניזאַם, בלויז איין זאַך: וויאַזוי וועט איר איצט פאָרן, ווען עס פאַלט־צו די נאַכט? דער וועג איז דורך וואַלד, אַרום זענען וועלף, זייט פאָרזיכטיק.

— איך ווייס. איך האָב מיט־זיך אַ ביקס און אַ רעוואָלווער. זייט רויק. און אגב, האָב איך אַביסל בראָנפן מיטגענומען, אין פאַל פון אַ פראָסט. אַ היפּש ביסל. איך וועל זיך טיילן מיט אייך, איר ווילט?

13

„וואָס האָב איך אָפּגעטון? וואָס האָב איך אָפּגעטון? איך האָב זי אים אָפּגעבן, אָפּגעטורעטן. לאָזן זיך לויפן אָניאָגן, דעריאָגן, אומקערן צוריק. לאַראַ! לאַראַ!

מען הערט נישט. דער ווינט בלאָזט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. און אוודאי רעדן זיי דאָרט הויך. זי האָט אַ גרונט צו זיין פריילעך, רויק.

זי האָט זיך געלאָזן אָפּנאַרן און זי פֿאַרדעכטיקט נישט, ווי פֿאַרפֿירט זי איז געוואָרן.

אָט אַזוי טראַכט זי וואַרשיינלעך, זי מיינט אַלץ האָט זיך צונויפֿ־געלייגט אַזוי, אַז בעסער דאַרף מען נישט, ווי זי האָט זיך עס געווונטשן. איר יוראָטשקאָ, דער פֿאַנטאַזיאָר און עקשן, איז ענדלעך וויכער געוואָרן, אַ לויב צו גאָט, און ער לאָזט־זיך צוזאַמען מיט איר ערגעץ־ווו צו אַ זיכער אָרט, צו קליגערע לייט, אונטערן שוץ פֿון געזעץ און אָרדענונג. און אויב אפֿילו ער זאָל זיך איינעקשנען און נישט איינשטייגן מאָרגן אין זייער צוג, כדי צו בלייבן ביי זיינס און אויסהאַלטן כאַראַקטער, וועט וויקטאָר איפּאַ־ליטאָוויטש שיקן נאָך אים אַ צווייטן און ער וועט אונטערקומען צו זיי אין דער סאַמע נאָענטסטער צייט.

און איצט איז ער שוין אוודאי אין פֿערד־שטאַל, ציטערנדיק פֿון אויפֿרעגונג און איילעניש, פּלאָנטערנדיק מיט די הענט וואָס דינען אים נישט, שפּאַנט ער סאַוורַאַסקען און ער וועט תיכּף, מיט אַלע כוחות, זיך לאָזן אין גאַלאָפּ נאָך זיי, אַזוי, אַז ער וועט זיי נאָך אָניאָגן אין פֿעלד, פֿאַר דעם אַריינפֿאָר אין וואַלד אַריין.

אָט אַזוי טראַכט זי געוויס. און זיי האָבן זיך אפֿילו נישט גע־זעגנט ווי עס דאַרף צו זיין. יורי אַנדרייעוויטש האָט בלויז מיט דער האַנט אַ פֿאָכע־געטון און זיך אָפּגעקערט, באַמיענדיק־זיך אַראָפּצושלינגען דעם ווייטיק וואָס איז אים שטעקן־געבליבן אין גאָרגל, ווי ער וואָלט זיך גע־שטיקט מיט אַ שטיק עפּל".

מיטן פֿעלץ פֿאַרוואָרפֿן אויף איין אַקסל, איז דער דאָקטאָר געשטאַנען אויף דער וועראַנדע. מיט דער פֿרייער האַנט פֿון פֿעלץ אַרויס האָט ער, אונטערן סאַמע דעכל, געדריקט דאָס העלדזל פֿון אַן אויסגעטאָקטער דאַך־בעלקע, מיט אַזאַ קראַפֿט, ווי ער וואָלט געשטיקט. מיט זיין גאַנצן באַ־ווּוסטזיין איז ער געווען צוגעשמידט צו אַ ווייטן פּונקט, דאָרט, אויף אַ געוויסן מהלך, האָט זיך אַ קליין שטיקל וועג באַרג־אַרויף אַנטפּלעקט צווישן עטלעכע שיטער־וואַקסנדיקע בעריאָזעס. אויף יענעם אָפֿענעם פּלאַץ איז, אין דעם אויגנבליק, געפֿאַלן דאָס ליכט פֿון דער נידעריקער, צום אונטערגאַנג זיך גרייטנדיקער זון. דאָרט, אין דעם באַלויכטענעם פּאַס, האָט זיך אַ ליאַדע מינוט געדאַרפֿט באַווייזן דער צעיאָגטער שליטן, פֿון דעם נישט טיפֿן טאָל אַרויס, אין וועלכן זיי האָבן נאָר־וואָס אַראָפּ־געטויכט.

— זיי געזעגנט, זיי געזעגנט, — האָט דער דאָקטאָר, וואַרטנדיק אויף דער מינוט פֿון זייער באַווייזן־זיך דאָרט, זינלאָז און קלאַנגלאָז איבער־געחזרט, אַרויסגעדריקט פֿון דער ברוסט אַן־אָטעמדיקע קלאַנגען אין דער

נאַכט־געהילטער געפּרווירענער לופט, — זיי געזונט, איינציק־געליבטע, אויף תּמיד פאַרלוירענע!

— זיי פאָרן! זיי פאָרן! — האָט ער אייליק־טרוקן אַ מורמל־געטון מיט בלייך־געוואָרענע ליפּן, ווען דער שליטן איז ווי אַ בויגן אַרויפּ־געפלויגן פון דער ניזער, פאַרביי די בעריאָזעס איינער נאָך דער אַנדערער און גענומען פאַרלאַנגזאַמערן דעם גאַנג. אָ, ס'אַרא פרייד, זיי האָבן זיך אָפּ־געשטעלט ביי דער לעצטער בעריאָזע.

אָ, ווי זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּן! אָ, ווי זיין האַרץ קלאַפּט! די פיס האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן. פון באַנומענקייט איז ער אײַנ־גאַנצן ווייך געוואָרן, ווי וווילק־טוך, ווי דער פעלץ וואָס פאַלט פון אים אַראָפּ! „אָ, גאָט, דו האָסט, דאַכט־זיך, באַשלאָסן אומקערן זי מיר? וואָס איז דאָרט געשען? וואָס טוט זיך דאָרט, אויף יענעם ווייטן שקיעה־פּאָס? וואָס באַדייט עס? פאַרוואָס שטייען זיי? ניין. אַלץ איז פאַרפאַלן. זיי האָבן אַ צי־געטון זיך אַוועקגעטראָגן. דאָס האָט זי אוודאי געבעטן צו פאַרהאַלטן אַ מינוט, כדי נאָכאַמאָל צו וואַרפן אַ געזעגענונגס־בליק אויפן הויז. אָדער עס קען זיין, אַז זי האָט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי יורי אַנדרייעוויטש איז נאָך נישט אַרויסגעפאָרן און גאַלאָפּירט זיי נישט נאָך? זיי זענען אַוועקגעפאָרן, אַוועקגעפאָרן.

אויב ער וועט באַוויזן, אויב די זון וועט פריער נישט פאַרגיין, (אין דער פינצטער וועט ער זיי נישט דערזען), וועלן זיי זיך ווידער אַ באַווייז־טון, דאָס מאָל — צום לעצטן מאָל, אין יענער זייט טאָל, אויף דער לאָנקע, ווו אייערנעכטן ביינאַכט זענען געשטאַנען די וועלף".

און אָט איז געקומען און איז אַריבער אויך די דאָזיקע מינוט. די טונקל־רויטע זון האָט זיך נאָך געקײַקלט איבער דער בלויער ליניע פון די שניי־בערגלעך. דער שניי האָט גיריק אייסגעזויגן די אַנאַנעס־זיסקייט, מיט וועלכער די זון האָט אים באַגאָסן. און אָט האָבן זיי זיך באַוויזן, זיך אַוועקגעריסן, אַוועק!" זיי געזונט, לאַראַ, צום ווידערזען אויף יענער וועלט. זיי געזונט, מיין פראַכט, זיי געזונט מיין פרייד, ענדלאָזע, אומאויסשעפּלעכע, אייביקע". און אָט זענען זיי פאַרשוווּנדן. „מער וועל איך דיך קיינמאָל נישט זען, קיינמאָל, קיינמאָל אין לעבן וועל איך דיך מער נישט זען!"

אינצווישן איז פינצטער געוואָרן. עס האָבן זיך צעשײַנט און אויס־געלאָשן אויפן שניי פיאַלעט־בראַנזענע שקיעה־פלעקן. די אַש־גרויקייט פון די ברייטקייטן איז שנעל געזונקען אין לילאַ־קאַלירטער דעמערונג, וואָס איז אַלץ פיאַלעטער געוואָרן. די איידל־געצייכנטע בעריאָזעס אויפן

וועג האָבן זיך צונויפגעמישט מיט דער גרויער פאַרנעפּלטקייט. פיליגראַן־געשטאַלטן האָבן זיך צאַרט געמאָלן אויפן בלייך־ראָזן הימל.

דאָס ביטערע געמיט האָט פאַרשאַרפט יורי אַנדרייעוויטשעס עמפּ־פינדלעכקייט. ער האָט אַלץ אויפגעכאַפּט מיט אַ פילפאַכיקער שאַרפקייט. דאָס אַרומרינגלענדיקע, אפילו די לופט אַליין, האָט אָנגענומען פאָרמען פון זעלטענע איינצלהייטן. מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אַנטייל האָט גע־אָטעמט דער ווינטערדיקער אָוונט, ווי ער וואָלט אויף אַלץ געווען אַ מיט־פילנדיקער עדות. פּונקט ווי עס וואָלט נאָך קיינמאָל נישט געדעמערט און בלויז היינט איז עס צום ערשטן מאָל אָוונט־געוואָרן, כדי צו טרייסטן דעם פאַריתומטן, דעם עלנטן און איינזאַמען מענטשן. ווי נישט סתם צו באַשיינען די נאַטור־פּאַנאָראַמע, זענען די אַרומיקע וועלדער געשטאַנען אויף די בערגלעך, מיט די רוקנס צום האָריזאָנט, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך ערשט איצט צעשפּרייט איבער זיי, פון דער ערד־אַרויסקומענדיק, כדי אויסצודריקן מיטגעפיל.

דער דאָקטאָר האָט זיך כמעט אָפּגעטרייסלט פון דער דאַזיקער רירנדיקער שיינקייט פון דער שעה. גרייט־זייענדיק כמעט אַנטקעגן צו מורמלען די שקיעה־שטראַלן, וואָס האָבן־זיך געצויגן צו אים: „אַ דאַנק, איך בין אייך מוחל".

ער איז ווייטער שטיין־געבליבן אויף דער וועראַנדע, מיטן פּנים צו דער פאַרמאַכטער טיר, אָפּגעקערט פון דער וועלט. „מיין ליכטיקע זון איז פאַרגאַנגען", — האָט עפּעס כסדר זיך איבערגעחזרט אין אים. ער האָט קיין קרעפטן נישט געהאַט, אַרויסצוזאָגן די דאַזיקע ווערטער אויפן קול, לויט אַ סדר, אַ ספּאַזמאַטיש קראַמפּן אין גאָרגל, האָט זיי איבערגע־ריסן.

ער איז אַריין אין שטוב. אַ טאָפּלטער, אַ צוויי־ערלייאיקער מאָנאָ־לאָג האָט זיך אָנגעהויבן און געהאַלטן זיך אין אים: אַ טרוקענער, מכלו־מרשט־געשעפטלעכער — אין באַצוג צו זיך זעלבסט, און אַן ענדלאָז־צע־גאָסענער — אין באַצוג צו לאַראַן. אָט ווי עס זענען געגאַנגען זיינע גע־דאַנקען: „אַצינד — קיין מאָסקווע. און קודם־כל — אויסלעבן־זיך נישט אונטערגעבן־זיך קיין שלאָפלאָזיקייט. נישט לייגן־זיך שלאָפן. אַרבעטן דורך די נעכט, ביז פאַרטומלונג, ביז די מידקייט וועט מיך נישט אָוועק־שליידערן אַ טויטן. און נאָך עפּעס, באַלד איינהייצן אין שלאָפצימער, ער זאָל נישט פרירן ביינאַכט אומזיסט און אומנישט".

און נאָך, וויאַזוי ער האָט געשמועסט מיט זיך זעלבסט: „פּראַכט מיינע אומפאַרגעסלעכע! כל־זמן עס געדענקען דיך נאָך מיינע אָרעמס, כל־זמן דו ביזט נאָך אויף מיינע הענט און ליפּן, וועל איך פאַרבלייבן מיט

דיר. איך וועל מיינע טרערן וועגן דיר אויסוויינען אין עפּעס ווינקל, וואָס בלייבט פאַר דער אייביקייט. איך וועל פאַרשרייבן די זכרונות וועגן דיר אין צאַרט־צאַרטן קלעמענדיק־טרויעריקע שאַפונגען. איך וועל פאַרבלייבן דאָ אַזוי לאַנג, ביז איך וועל עס נישט האָבן געשאַפן. און דאַן, וועל איך אַליין אויך אַוועקפאָרן. אָט ווי איך וועל דיך שילדערן: איך וועל אַוועקלייגן דיינע שטריכן אויפן פּאַפּיר, ווי נאָך אַ שרעקלעכן שטורעם וואָס שפּאַלט דעם ים ביז זיינע וואָרצלען און צעשפּרייט איבערן זאַמד די שפּורן פון זיינע מעכטיקסטע, ווייט־פליינצנדיקע כוואַליעס. אין אַ געבראָכענער, קרומער ליניע בערגט־אָן דער ים־פּימשטיין, קאָרקן־האָלץ, פּערלמוטערנע זשאַבע־שיסעלעך, וואַסער־געוויקסן, דאָס סאַמע לייכט־וואָגיקסטע, וואָס ער קען אַרויסהויבן פון זיין גרונט. דאָס איז די אומענדלעך וואָקסנדיקע גרענעץ וואָס ציט זיך לענגאויס דעם ברעג, קעגן דער סאַמע־העכסטער כוואַליע. אַזוי האָט דיך דער לעבנס־שטורעם געבראַכט צו מיר, דו ביזט מיין שטאָלץ, אַזוי וועל איך דיך שילדערן".

ער האָט פאַרשלאָסן די טיר און אויסגעטון דעם פּעלץ. ווען ער איז אַריין אין צימער, וואָס לאַראַ האָט אינדערפרי אַזוי גוט און זאָרגפעליק אויפגערוימט און ווו אַלץ איז ווידער אַנגעשליידערט־געוואָרן אין אַפּפאַר־איילעניש, ווען ער האָט דערזען דאָס צעקנאָדערטע און נישט פאַרבעטע בעטגעוואַנט און די צעשליידערטע זאַכן אויף דער פּאָדלאָגע און שטולן, — האָט ער זיך ווי אַ קינד אַראָפּגעלאָזן אויף די קני פאַרן בעטגעוואַנט, מיט דער ברוסט זיך צוגעדריקט צום האַרטן ברעג פון בעט און, איינגעגניורעט דאָס פּנים אין דער אַראָפּהענגענדיקער פּערענע, ער האָט זיך קינדעריש, לייכט און ביטער צעוויינט. דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט. יורי אַנדרייעוויטש איז אויפגעשטאַנען, שנעל אויסגעווישט די טרערן, און מיט אַ פאַרוואונדערט־צעטראָגענעם, דערשעפּטן, פאַרבלאָנדזשעטן בליק, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, געפונען קאָמאַראָווסקיס איבערגעלאָזענע פלאַש, אויפגעפּראָפּט, אָנגעגאָסן אַ האַלבע גלאָז, אויסגעמישט מיט וואַסער און שניי און מיט דערזועלבער הנאה, וואָס ער האָט נאָר־וואָס פאַרגאָסן טרייסטלאָזע טרערן, האָט ער גענומען לאַנגזאַם זיפּן דעם דאָזיקן געמיש.

14

מיט יורי אַנדרייעוויטשן איז פאָרגעקומען עפּעס נישט געוויינלעכס. זיין לאַגישער געדאַנקן־גאַנג איז ביסלעכווייז געוואָרן נישט גענוג קלאָר און דורכזיכטיק. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געפירט אַזאַ אויסטערלישן לעבן. ער האָט אָפּגעלאָזן די שטוב, אויפגעהערט צו זאָרגן וועגן

זיך, פֿאַרוואַנדלט די נעכט אין טעג און פֿאַרלוירן דעם חשבון פֿון צייט, וועלכער איז פֿאַרשוווּנדן מיט לאַראַס אָוועקפֿאָרן.

ער האָט געטרונקען און געשריבן זאַכן, וואָס זענען איר געווען גע־ווידמעט. נאָר די לאַראַ פֿון זײַנע גערדיכטן און באַשרײַבונגען איז, מיטן כסדרדיק, מעקן און פֿאַרבײַטן אײן וואָרט מיט אַ צווייטן, אַלץ ווייטער אַוועק פֿון אירווירקלעכן, אורשפּרינגלעכן בילד, פֿון קאַטיענקאַס לעבע־דיקער מוטער, וועלכע געפֿינט־זיך מיט איר טאָכטער אויף דער רייזע.

יורי אַנדרייעוויטש האָט געמעקט פֿון פּינקטלעכקייטס־שטאַנדפּונקט און לטובת דער קראַפֿט פֿון אויסדרוק, נאָר דאָס האָט אויך אַנטשפּראָכן דער אינערלעכער באַשיידנקייט, וואָס האָט אים נישט דערלויבט אַרויסצו־שטעלן צו אָפֿן־נאַקעט, דאָס פּערזענלעך דורכגעלעבטע, דאָס געוועזענע, נישט־אויסגעטראַכטע, כדי נישט וויי־טון און נישט פּוגע זײַן, אין די אי־מיטלבאַרע העלדן פֿון דעם באַשרײַבענעם און איבערגעלעבטן. אַזוי איז דאָס הייסע, זיך־רויכערנדיקע, בלוטנדיקע, אַרויסגעשטויסן־געוואָרן פֿון זײַנע גערדיכטן און אנשטאָט דאָס ווייטיקדיק־בלוטנדיקע, איז אין זיי אויפֿגע־גאַנגען אַן אַלוועלטלעך, שלום־מאַכנדיקע רחבותדיקייט, וואָס האָט דער־הויבן דאָס פּערזענלעכע געשעעניש צו דער אַלעמען באַקאַנטער כלל־רחבות. ער האָט זיך נישט געמאַכט קיין באַמיונגען פֿאַר דעם צוועק, נאָר די דאָזיקע ברייטקייט איז פֿון זיך זעלבסט געקומען ווי אַ טרייסט וואָס איז אים פּערזענלעך געשיקט געוואָרן פֿון דער פֿאַרנדיקער אין וועג, ווי אירס אַ ווײַטער גרוס, ווי איר דערשײַנען אין חלום, אָדער איר האַנט־באַריר אויף זײַן שטערן. ער האָט ליב געהאַט דעם דאָזיקן דערהויבנדיקן חותם אין זײַנע לידער.

נאָך דעם דאָזיקן באַווײַנען לאַראַן האָט ער פֿאַרענדיקט דאָס אויס־מעקן ביזן סוף זײַנע שמירערייען פֿון פֿאַרשידענע צײַטן וועגן פֿאַרשידענע זאַכן, וועגן דער נאַטור און לעבנס־נויטווענדיקייטן. ווי עס פֿלעגט מיט אים אויך פֿריער טרעפֿן, זענען אים גלײַכצײַטיק באַפֿאַלן בעת דער דאָ־זיקער אַרבעט אַן אַ שיעור געדאַנקען וועגן זײַן פּערזענלעכן און געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן.

ער האָט ווידער געקלערט, אַז די געשיכטע, דאָס וואָס ווערט גערופֿן: „דער גאַנג פֿון דער געשיכטע" זעט ער גאַנץ אַנדערש, ווי עס איז אָנגענומען, זי מאָלט זיך אים אויס אין אַ בילד פֿון לעבן פֿון דער געוויקסן וועלט. ווינטער, אונטערן שניי, זעען־אויס די נאַקעטע ריטלעך פֿון בלעטער־וואַלד, דאַר און נעבעכדיק, ווי די הערעלעך אויף אַ זקנהשער בראָדאַווקע. אין פֿרילינג, במשך עטלעכע טעג, פֿאַרענדערט־זיך דער וואַלד, דערהויבט־זיך ביז צו די וואָלקנס. אין זײַנע מיט בלעטער באַדעקטע

געוויקסן־געדיכטעניש קען מען פאַרלוירן־גיין, באַהאַלטן־זיך. אַט די פאַרוואַנדלונג ווערט דערגרייכט דורך באַוועגונג, וואָס איר שנעלקייט שטייגט־איבער די באַוועגונג פון בעלי־חי, וועלכע וואַקסן נישט אַזוי שנעל ווי געוויקסן, און איר באַוועגונג איז נישט מעגלעך צו דערזען. אַ וואַלד רירט זיך נישט פון אָרט, מיר קענען נישט אַנטפּלעקן און נישט דערהיטן דעם מאָמענט פון זיין ענדערן דעם פּלאַץ. מיר טרעפן אים תמיד אין זיין אומבאַוועגלעכקייט. און אין אַזאַ אומבאַוועגלעכקייט זעען מיר דער אייביק־וואַקסנדיקער, אייביק זיך־ענדערנדיקער געשיכטע און עס איז נישט אויסצופאָרשן ווי זי פאַרענדערט דאָס לעבן פון דער געזעלשאַפט.

טאָלסטאָי האָט נישט דערפירט זיין געדאַנק ביזן סוף, ווען ער האָט נעגאַטיוו באַצייכנט די ראָל פון די נאַפּאָלעאָן־העצער, די הערשער, די אַרמיי־פירער. ער האָט געמיינט פּאַקטיש דאָס זעלבע, נאָר ער האָט עס נישט דערזאָגט מיט דער גאַנצער קלאָרקייט. קיין געשיכטע מאַכט קיינער נישט, מען זעט זי נישט, ווי עס איז נישט מעגלעך צו זען, ווי אַזוי עס וואַקסט גראָז. מלחמות, רעוואָלוציעס, צאַרן, ראָבעספּיערן, — דאָס זענען אירע אָרגאַנישע אויפוועקער, איר פערמענטירנדיקער הייוון. רעוואָלוציעס מאַכן מעכטיקע מענטשן, איינזייטיקע פאַנאַטיקער, גאונים פון זעלבסט־באַגרענעצונג אין עטלעכע שעה אָדער טעג וואַרפן זיי אַראָפּ אַן אַלטע אָרדענונג. איבערקערעניש ציען־זיך וואָכן, אַ סך יאָרן, און דערנאָך, יאָרצענדליקער, יאָרהונדערטער בוקט מען זיך צום גייסט פון באַגרע־נעצטקייט, וואָס האָט געבראַכט צו דער איבערקערעניש, ווי צו אַ הייליקטום.

אין זיין קלאָגן נאָך לאַראַן, האָט ער אויך באַקלאָגט דעם אַמאָליקן זומער אין מיעליוזייעוו, ווען די רעוואָלוציע איז געווען דער גאָט, וואָס איז דעמאָלט פון הימל אויף דער ערד אַראָפּגעקומען, דער גאָט פון יענעם יאָר. און יעדער האָט אַרומגעהולעט אויף זיין אופן און יעדנס לעבן האָט זיך ווי פּאָר זיך אַליין עקזיסטירט, און נישט ווי אַ באַלויכטענע אויפ־קלערונג, ווי אַ באַשטעטיקונג אויף דער גערעכטיקייט פון דער פּאָליטיק.

נאָכן דאָזיקן פאַרציכענען פאַרשידענע זאַכן, האָט ער ווידער איבערגעקוקט און באַמערקט, אַז קונסט דינט תמיד דער שיינקייט. און שיינקייט איז דאָס גליק פון באַהערשן די פאָרם, אָבער די פאָרם איז דער אָרגאַנישער שליסל פון דער עקזיסטענץ. איבער דער פאָרם דאַרף הערשן אַלץ וואָס לעבט, כדי צו עקזיסטירן. און וויבאַלד אַזוי, איז די קונסט, די טראַגישע אַריינגערעכנט, אַ דערציילונג וועגן דעם גליק פון עקזיסטירן. די דאָזיקע געדאַנקען און פאַרשרייבונגען האָבן אים אויך געבראַכט גליק, אַזאַ טראַגיש גליק, פול מיט טרערן, אַז דער קאָפּ איז דערפון מיד גע־וואָרן און אים ווייגעטון.

אַנפֿים יעפֿימאָוויטש איז געקומען צופֿאָרן אים באַזוכן. ער האָט געבראַכט בראָנפֿן און האָט אים דערציילט וועגן דעם אָפּפֿאָרן פֿון אַנטי־פּאָווּאַ מיט איר טעכטערל און קאַמאַראָווסקין. אנפֿים יעפֿימאָוויטש איז געקומען צופֿאָרן מיט אַן אײַזנבאַן־װעגעלע איבער די באַן־שינעס. ער האָט דעם דאָקטאָר געמאַכט פֿאָרוואורפֿן פֿאַרן נישט־געהעריקן אומגיין־זיך מיטן פֿערד און ער האָט אים צוגענומען, נישט קוקנדיק אויף יורי אַנ־דרייעוויטשעס ביטע, צי האָבן געדולד נאָך אַ דריי־פֿיר טעג. דערפֿאַר האָט ער צוגעזאָגט, פֿערזענלעך צו קומען נאָכן דאָקטאָר אין דעמזעלבן טערמין און אָוועקנעמען אים פֿון וואַריקינאָ ענטגילטיק.

צײַטנווייז, זײַענדיק־פֿאַרטון אין שרײַבן, אין אַרבעט, האָט זיך יורי אַנדרייעוויטש פֿלוצלונג מיט דער גאַנצער קלאָרקייט דערמאָנט אין דער אָוועקגעפֿאָרענער פֿרוי און פֿון לוסט און שאַרפֿן פֿעלן פֿון איר האָט ער דעם קאָפּ פֿאַרלוירן. ווי אין זײַן קינדהייט אַמאָל, האָט ער אין דער הער־לעכקייט פֿון דער זומערדיקער נאַטור, אין דעם איבערצוויטשערן־זיך פֿון די פֿויגעלעך, באַנומען די שטים פֿון זײַן פֿאַרשטאָרבענער מוטער, אַזוי האָט אים זײַן געהער פֿאַרפֿירט, זײַענדיק צוגעוווינט צו לאַראַן און איר שטים. „יוראָטשקאָ“ — האָט זיך אים אָפּט געהערט אין זײַנע געהער־האַלוצינאַציעס פֿון אַנדערן צימער.

עס האָבן געטראָפֿן מיט אים אַנדערע פֿאַלן פֿון געפֿילס־אָפּנאַרערײַ. סוף וואָך, בײַנאַכט, האָט ער זיך פֿלוצלונג אויפֿגעכאַפּט נאָך אַ שווערן חלום־פֿלאָנטער וועגן אַ דראַקאָן־הייל אונטער דעם הויז. ער האָט געעפֿנט די אויגן. פֿלוצלונג איז דער גרונט פֿון טאָל באַלויכטן־געוואָרן מיט פֿײַער וואָס האָט זיך צעהילכט אין געקנאַל פֿון אָפּגעגעבענע שאָסן. נאָר עס איז צום שטוינען, וואָס אַ מינוט שפּעטער, נאָך אַזאַ אומגעוויינלעכער געשע־עניש, איז דער דאָקטאָר ווידער אײַנגעשלאָפֿן. און אינדערפֿרי האָט ער באַשטימט, אַז דאָס אַלץ האָט זיך אים געחלומט.

15

אָט וואָס עס איז געשען אַ ביסל שפּעטער, אין איינעם פֿון יענע טעג. דער דאָקטאָר האָט זיך ענדלעך צוגעהערט צו דער שטים פֿון פֿאַר־שטאַנד. ער האָט זיך געזאָגט, אַז אויב שטעלן זיך פֿאַר אַ ציל צו פֿאַר־פּײַניקן־זיך פֿאַר יעדן פּרײַז, קען מען אויסנוצן אַ מיטל, וואָס ווירקט שנעלער און מאַטערט ווייניקער. ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז ווען אַנפֿים יעפֿימאָוויטש וועט זיך־יאָוועטן נאָך אים, וועט ער תּיכּף פֿון דאַנען אָוועקפֿאָרן.

פאַרנאַכט, ווען עס איז נאָך געווען ליכטיק, האָט ער דערהערט עמיצנס הילכיקע, סקריפּענדיקע טריט איבערן שניי. עמיץ איז מיט אַ מוטיק־דעצידירטן גאַנג, רויק געגאַנגען צו דער שטוב.

מאָדנע. ווער וואָלט עס געקענט זיין? אַנפּים יעפּימאָוויטש וואָלט געקומען אויף אַ פערד. קיין דורכגייער אין דעם פּוסטן וואַריקינאָ קומען נישט. „נאָך מיר איז עס" — האָט יורי אַנדרייעוויטש באַשלאָסן — „אַן אַרויסרוף אָדער אַן אַרויספאָדערונג אין שטאָט־אַריין. אָדער צו אַרעסטירן מיך. נאָר אויף וואָס וועלן זיי מיך פירן? און אין אַזאַ פאַל, וואָלטן זיי דאָך געדאַרפט זיין זאַלבאַצווייט. דאָס איז אַווערקי סטעפּאַנאָוויטש מיקו־ליצין", — האָט ער זיך פאַרגעשטעלט מיט פרייד, דערקענענדיק, ווי עס האָט זיך אים געדאַכט, דעם גאַסט לויט זיין גאַנג. דער מענטש, וואָס איז נאָך פאַרלויפיק געווען אַ רעטעניש, האָט זיך אַ מינוט פאַרהאַלטן פאַר דער טיר מיט דעם אָפּגעריסענעם ריגל, נישט־געפינענדיק אויף אים דעם דערוואַרטעטן שלאָס. דאַן האָט ער זיך אַ ריר־געטון ווייטער מיט אַ זיכערן טראָט, מיט אַ היימישער באַוועגונג פון אַ באַלעבאָס, צעעפנט די טירן אויפן וועג און זאָרגעוודיג פאַרמאַכט זיי הינטער זיך.

די דאָזיקע אויסטערלישקייטן זענען פאָרגעקומען, בעת יורי אַנ־דרייעוויטש איז געזעסן ביים שרייב־טיש, מיט דער פּלייצע צום איינגאַנג. ביז ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו דער טיר, צו באַגעגענען דעם פרעמדן, איז שוין יענער געשטאַנען אויף דער שוועל, ווי אַ געליימטער.

— וועמען דאַרפט איר? — האָט זיך עס אומבאַוווסטזיניק אַרויס־געריסן ביים דאָקטאָר, אַ סתם־פראַגע וואָס מיינט גאָרנישט. און ווען קיין ענטפער איז נישט געקומען, האָט זיך יורי אַנדרייעוויטש נישט געחידושט.

דער אַריינגעקומענער איז געווען אַ קרעפּטיקער, שטאַלטנער מענטש מיט אַ שיין געזיכט, אין אַ קורצן קורטקע־פּעלצל, פוטערנע הויזן, און וואַרעמע שטיוול פון באָק־פעל און מיט אַ ביקס, וואָס הענגט אויף אַ רימען איבערן אַקסל.

בלויז דער אויגנבליק פון דעם אומבאַקאַנטנס דערשיינען, איז פאַרן דאָקטאָר געווען אומדערוואַרט, אָבער נישט זיין קומען. די פאַרשידענע חפצים אין שטוב און אַנדערע סמנים האָבן יורי אַנדרייעוויטשן צוגעגרייט צו דער דאָזיקער באַגעגעניש. דער אַריינגעקומענער איז געוויס געווען דער מענטש, צו וועמען עס האָבן געהערט די געפונענע זאַפּאַסן אין שטוב. זיין אויסערלעכקייט האָט זיך דעם דאָקטאָר אויסגעוויזן באַקאַנט, ווי ער וואָלט אים שוין אַמאָל געזען. דער באַזוכער איז וואַרשיינלעך אויך געווען צוגעגרייט, אַז די שטוב איז נישט פּוסט. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין

גענוגנדע פֿאַרווונדערונג דעם איינוווינער. עס קען זיין, אַז מען האָט אים צוגעגרייט, ווען ער וועט טרעפֿן אינווייניק. עס קען אויך זיין, אַז ער אַליין האָט געקענט דעם דאָקטאָר.

„ווער איז דאָס? ווער איז דאָס?" — האָט זיך יורי אַנדרייעוויטש געמאַטערט צו דערגיין, נישטערנדיק אין זכרון. — „גאָט מיינער, ווו האָב איך אים שוין אַמאָל געזען? זאָל עס דען מעגלעך זיין? אין אַ הייסן מאַי־פֿרימאָרגן פֿון אַן אומפֿאַרגעסלעכן יאָר. די אייזנבאַן־סטאַציע ראַז־וויליע. דער וואַגאָן פֿון דעם קאָמיסאַר, וואָס זאָגט נישט־אָן קיין גוטס. דער ליכטיקער פֿאַרשטאַנד, דער גלייך־ליניעוודיקער אַרט דענקען, די שטרענגקייט פֿון פּרינציפּן, גערעכטיקייט, גערעכטיקייט, גערעכטיקייט, — ס ט ר ע ל נ י ק אָ ו!"

16

זיי שמועסן שוין לאַנג, אַ גאַנצע פּאָר שעה, ווי עס קענען נאָר שמועסן בלויז רוסישע מענטשן אין רוסלאַנד, ווי עס פֿלעגן באַזונדערס רעדן די צעשראָקענע, פֿאַרבענקטע און די מטורפֿדיק־אויפֿגערעקטע מענטשן, וואָס אַזעלכע זענען דאַן אין רוסלאַנד אַלע געווען. דער אָוונט איז צוגעפֿאַלן. עס איז געוואָרן פֿינסטער.

אויסער דער אומרויקער באַרעדעוודיקייט, מיט וועלכער סטרעל־ניקאָוו האָט געשמועסט מיט יעדן, האָט ער איצט גערעדט אָן אָפּרו, צוליב נאָך עפּעס אַן אַנדערער אייגענער סיבה.

ער האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנרעדן און ער האָט זיך געקלאַ־מערט מיט אַלע כּוחות אָן דעם שמועס מיטן דאָקטאָר, כּדי צו אַנטרינען פֿון דער איינזאַמקייט. צי האָט ער זיך געשראָקן פֿאַר געוויסנסביסן, אָדער טרויעריקע דערמאָנונגען וואָס פֿאַרפֿאָלגן אים, אָדער עס האָט אים געפּיי־ניקט די אומצופֿרידנקייט מיט זיך זעלבסט, אין וועלכער אַ מענטש ווערט זיך אַליין אומדערטרעגלעך און פֿאַרהאַסט, אַז ער איז גרייט צו שטאַרבן פֿון חרפּה? און אפֿשר האָט ער אָנגענומען אַ וועלכן שרעקלעכן, אומ־פֿאַרענדערלעכן באַשלוס, מיט וועלכן עס האָט זיך אים נישט געוואָלט בלייבן אַליין, און די אויספֿירונג פֿון דעם באַשלוס האָט ער אָפּגעלייגט אויף ווי לאַנג נאָר עס וועט מעגלעך זיין צו פּלאַפּלען און צו בלייבן מיטן דאָקטאָר?

אַזוי צי אַנדערש, סטרעלניקאָוו האָט פֿאַרבאָרגן עפּעס אַ וויכטיק געהיימניס, וואָס האָט געדריקט אויף אים ווי אַ שווערע לאַסט, איבערגעג־בנדיק־זיך אינגאַנצן אין אַלץ מער־פֿאַרשווענדערישן השתּפּכות־הנפֿש.

דאָס איז געווען די מחלה פון יאָרהונדערט, דער רעוואָלוציאָנערער שגעון פון דער עפּאָכע. אין זייער דענקען זענען אַלע געווען אַנדערש ווי אין זייערע רייד און אויסערלעכן אויסזען. דאָס געוויסן איז ביי קיינעם נישט געווען ריין. יעדערער האָט געהאַט אַ גרונט, צו פילן־זיך שולדיק אין אַלץ, ווי אַ געהיימער פאַרברעכער, ווי אַ נישט־אַנטדעקטער שווינדלער. און קוים איז געפונען־געוואָרן אַ סיבה, האָט זיך צעהוליעט דער זעלבסט־פּייניקנדיקער דמיון, ביז אָן אַ גרענעץ. מענטשנס פאַנטאַזיעס האָבן זיך צעשפּילט, האָבן אויסגערעדט אויף זיך אַלדאָס בייז, נישט בלויז אונטערן איינפלוס פון שרעק, נאָר פון קרענקלעכער נייגונג צו צעשטערונג. זיי האָבן עס געטון פון גוטן ווילן, אין צושטאַנד פון אַ מעטאַפּיזישן טראַנס און אין דער ליידנשאַפט פון זיך זעלבסט־באַשולדיקן, וואָס, ווען דו לאָזט זי נאָר פריי, וויסט זי נישט פון קיין צוריקהאַלט.

וויפל אַזעלכע ווידוי׳ס פאַרן טויט, געשריבענע און מינדלעכע, האָט געלייענט און אויסגעהערט אין זיין צייט דער גרויסער מיליטערמאַן און, צייטנווייז, טוער אין מיליטער־געריכט, סטרעלניקאָוו. איצט איז ער אַליין געווען אַנגעשטעקט מיטן ענלעכן אַנפאַל פון דעמאַסקירן־זיך. ער האָט פונדאַסניי זיך געשאַצט, אונטערגעצויגן פון אַלץ אַ סך־הכל, אַלץ געזען אין אַ פאַרקריפּלטער, צעפלאַמטער, אין פאַנטאַסטישער מיאוסקייט.

סטרעלניקאָוו האָט דערציילט אָן אַ סדר, אַריבערשפּרינגענדיק פון איין ווידוי צו דער אַנדערער.

— דאָס איז געווען הינטער טשיטאַ. איך האָב געוויס איבעראַשט די אויסטערלישקייטן, מיט וועלכע איך האָב אָנגעפּראָפּט די שענק און די קאַסטנס אין דעם הויז? דאָס איז אַלץ פון די מיליטערישע רעקוויזירונגען וואָס מיר האָבן דורכגעפירט אין מזרח־סיביר, וואָס איז איינגענומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. פאַרשטייט־זיך, נישט אַליין אויף זיך, האָב איך עס אַהער איבערגעטראָגן. דאָס לעבן האָט מיך תמיד געצערטלט מיט ערלעכע מענטשן, איבערגעגעבענע. די דאַזיקע ליכט, שוועבעלעך, קאַווע, טיי, שרייב־געצייגן און ענלעכע זאַכן, איז אַ טייל פון טשעכיש־מיליטערישן פאַרמעגן, אַ טייל יאַפּאַנישע און ענגלישע. נסים־ונפלאות אין אַ זיפּעלע, נישט אמת? „נישט אמת?“ איז געווען דאָס באַליבטע ווערטל פון מיין פרוי, איר האָט עס אוודאי באַמערקט. איך האָב נישט געוווּסט, צי זאָגן עס אייך באַלד, און איצט בין איך זיך מודה. איך בין געקומען זיך זען מיט איר און מיט דער טאָכטער. מען האָט מיר צו־שפּעט צו־וויסן געטון, אַז זיי זענען דאָ. און אָט האָב איך פאַרשפּעטיקט. ווען פון רכילות און מסירות, האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אייער נאָענטקייט מיט איר און מען האָט מיר דאָס ערשטע מאָל אָנגערופן דעם נאָמען „דאָקטאָר

זשיוואַגאַ", האָב איך זיך, צווישן טויזנטער פנימער וואָס האָבן פאַרביי־געשווינדלט פאַר מיר במשך די יאָרן, אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן דערמאָנט, ווי מען האָט אַמאָל געבראַכט צו מיר אויף אַ פאַרהער אַ דאָק־טאָר מיט אַזאַ פאַמיליען־נאָמען.

— און איר האָט באַדויערט, וואָס איר האָט אים נישט דער־שאָסן?

סטרעלניקאָוו האָט דורכגעלאָזן די באַמערקונג, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף איר. קען זיין, אַז ער האָט אפילו פאַרהערט, ווי דער מיט־שמועסער האָט איבערגעריסן זיין מאָנאָלאָג, מיט דער אַריינגעוואָרפענער באַמערקונג. ער האָט ווייטער גערעדט צעשטרייט און פאַרטראַכט.

— פאַרשטייט־זיך, איך האָב זי געאייפערט צו אייך און בין נאָך אַצינד אייפערזיכטיק. האָט דען געקענט אַנדערש זיין? אין די דאָזיקע ערטער באַהאַלט איך זיך בלויז די לעצטע חדשים, ווען עס זענען דורכ־געפאַלן מיינע אַנדערע באַהעלטענישן ווייט, אין מזרח. מען האָט מיך גע־זאָלט שטעלן פאַר אַ מיליטעריש געריכט, לויט אַ פאַלשער באַשולדיקונג. דעם אויסגאַנג דערפון האָט מען זיך לייכט געקענט פאַרשטעלן. איך האָב זיך אין קיין שום זאַך נישט געפילט שולדיק. עס איז ביי מיר אויפגע־גאַנגען אַ האָפענונג צו דערווייזן מיין אומשולד און אָפּצוהיטן מיין גוטן נאָמען אין דער צוקונפט, ביי בעסערע געלעגנהייטן. איך האָב באַשלאָסן צו פאַרשווונדן פון שוי־פלאַץ באַצייטנס, פאַרן אַרעסט און אין צווישנ־צייט — אויסבאַהאַלטן־זיך, וואַנדערן, אָפּזונדערן־זיך. קען זיין, אַז איך וואָלט זיך סוף־כל־סוף געראַטעוועט. אַ יונגער אויסוואורף, וועלכער האָט אויסגענוצט מיין צוטרוי, איז געווען מיין אומגליק.

ווינטער בין איך אַוועק דורך סיביר צופוס, אויף מערב. זיך אויס־באַהאַלטן, געהונגערט. איך האָב זיך איינגעגראָבן אין שניי־בערגלעך, גע־נעכטיקט אין מיט שניי פאַרשאָטענע צוגן, וואָס האָבן זיך דאַן געצויגן אין גאַנצע אומענדלעכע קייטן אונטערן שניי, איבערן סיבירער מאַגיסטראַל.

בעת די וואַנדערונגען, האָב איך באַגעגנט אַ ייִנגל אַ בראָדיאַגע, וועל־כער איז כלומרשט, נישט דערשאָסן־געוואָרן אויף טויט, בעת אַן אַלגעמיי־נער עקזעקוציע דורך פאַרטיזאַנער. ער זאָל האָבן אָפּגעקראָכן פון אונ־טער דער מאַסע דערהרגעטע, געקומען צו־זיך, און דערנאָך — גענומען זיך אַרומוואַלגערן אין פאַרשידענע חיהשע נאָרעס און בערן־היילן, ווי איך. אַלנפאַלס האָט ער אַזוי דערציילט. אַ מנוולדיק פאַרברעכעריש בחורל, הינטערשטעליק אין רעאַל־גימנאַזיע, פון וואַנען מען האָט אים אַרויס־געטריבן פאַר זיין פאַרטעמפּטקייט.

וואָס געניער סטרעלניקאָוו האָט דערציילט, אַלץ מער האָט דער דאָקטאָר דערקענט דאָס בחורל.

— זיין נאָמען איז טיערענטי? דער פאַמיליען־נאָמען איז גאַלוזין?

— יאָ.

— נו, דאַן איז אַלץ וועגן די פּאַרטיזאַנער און וועגן דעם דער־שיסן, אָן אמת. ער האָט גאָרנישט אויסגעקלערט.

— אַן איינציקן גוטן שטריך האָט דאָס ייִנגל געהאַט: ער האָט פאַרגעטערט זיין מוטער ביז משוגעת. זיין פאָטער איז פאַרפאַלן־געוואָרן אַלס ערובניק. ער האָט געוווּסט, אַז זיין מוטער איז אין תפיסה און זי וועט טיילן דעם זעלבן גורל פון פאָטער, און ער האָט באַשלאָסן צו טון אַלץ אין דער וועלט, זי צו באַפרייען. אין דער געגנטלעכער אויסעראָרדנט־לעכער „טשעקאָ"־קאָמיסיע, וווּ ער איז געקומען זיך מודה־זיין אין זיינע חטאים און פאַרלייגן זיין דינסט, איז מען מסכים־געווען מוחל צו זיין אים אַלע זיינע זינד פאַרן פּרייז פון עפּעס אַ וויכטיקער מסירה. האָט ער אָנגעוויזן דאָס אָרט, פון מיין באַהעלטעניש. מיר איז געלונגען צו־ניִשט צו מאַכן זיין פאַראַט און בין באַצייטנס פאַרשווּנדן.

— מיט פאַנטאַסטישע אָנשטרענגונגען, דורך טויזנטער אַוואַנטו־ריסטישע פּאַסירונגען, בין איך אַדורך סיביר און זיך דערשלאָגן אַהער, אין די ערטער וווּ מען קען מיך, וווּ מען האָט אַמווינציקסטן דערוואַרט מיך צו טרעפן, נישט־דערוואַרטנדיק פון מיר אַזאַ געוואַגטקייט. און ווירקלעך האָט מען מיך נאָך גאַנץ לאַנג אַרומגעזוכט ביי טשיטאַ, ביז איך האָב זיך פאַרקליבן אַהער, אין דעם דאָזיקן שטיבל, אָדער אין אַנדערע ערי־מקלט אין דער היגער אומגעגנט. נאָר איצט איז אַ סוף. מען האָט מיך אויך דאָ דערווישט. הערט־אויס. מיין טאָג פאַרגייט. עס דערנענטערט זיך די שעה, וואָס איך האָב זייער נישט ליב, ווייל איך ליד שוין לאַנג אויף שלאָפלאָזיקייט. איר ווייסט וואָס פאַר אַ פּיין דאָס איז. אויב איר האָט נאָך נישט אויסגעברענט אַלע מיינע ליכט, הערלעכע סטעאַרין־ליכט, נישט־אמת? — איז לאָמיר נאָך אַ קליין־קליין ביסעלע שמועסן. לאָמיר שמועסן ווי לאַנג עס איז אייך מעגלעך, ביי דער גאַנצער באַקוועמלעכקייט, אַ גאַנצע נאַכט, ביי ברענענדיקער ליכט.

— די ליכט זענען גאַנץ, בלויז איין פּעקל איז אָנגעהויבן. איך האָב געברענט דעם געפונענעם דאָ נאַפט.

— ברויט פאַרמאָגט איר?

— ניין.

— מיט וואָס־זשע האָט איר געלעבט? צוריק־גערעדט, וואָס פאַר אַ נאַרעשקייטן פרעג איך. מיט קאַרטאָפל? איך ווייס.

— יאָ. קאַרטאָפל איז דאָ פאַראַן, וויפל אייער האַרץ גלוסט. די היגע באַלעבאָסטעס זענען געווען געניטע און זאַפּאַס־פאַרזאָרגדיקע. זיי האָבן געוווּסט ווי צו פאַרשיטן די קאַרטאָפל. אַלץ האָט זיך גוט אויפגעהאַלטן אין קעלער. נישט פאַרפוילט־געוואָרן און נישט געפרוירן.

פלוצלונג האָט זיך סטרעלניקאָוו צערעדט וועגן דער רעוואָלוציע.

17

— דאָס איז אַלץ נישט פאַר אייך. איר וועט עס נישט פאַרשטיין. איר זענט אַנדערש געוואַקסן. עס איז געווען אַ וועלט פון פאָרשטעט, אַ וועלט פון אייזנבאַן־וועגן און פון אַרבעטער־קאַזאַרמעס. שמוץ, ענגשאַפט, אָרעמקייט, פאַרשוועכונג פון אַרבעטער מענטש, וואָס איז פאַרוואַנדלט־געוואָרן אין אַ קנעכט, פאַרשוועכונג פון דער פרוי. עס איז געווען אַן אויסלאַכנדיקע, שטראָפּלאָזע, חוצפּהדיקע צעלאָזנקייט פון מאַמעשע זינדלעך, סטודענטלעך פון די זיידענע פּאָדשעווקע־לייט און סוחרימלעך. מיט חוזק אָדער מיט פלאַמיקן צאָרן, מיט גרינגשעצנדיקער צערייצטקייט האָבן זיי אָפּגעפּטרט די טענות און טרערן פון די באַרויבטע, באַליידיקטע, פאַרפירטע. וואָס פאַר אַן אָלימפּ פון פּוסט־און־פּאַסטניקעס, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט בלויז דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך מיט קיין זאַך נישט באַשעפטיקט, גאָרנישט געזוכט, דער וועלט גאָרנישט געגעבן און גאָרנישט איבערגעלאָזן!

— און מיר האָבן אויפגענומען דאָס לעבן ווי אַ מלחמה אַקציע, מיט דער נאָז די ערד געאַקערט פאַר די, וואָס זענען אונדז ליב. און כאָטש מיר האָבן זיי גאָרנישט געבראַכט, אויסער ביטערניש און צער, האָבן מיר זיי אויף קיין האָר נישט באַעוולט, ווייל מיר האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס נאָך גרעסערע מאַרטירער פאַר זיי.

— פון דעסטוועגן, איידער איך וועל פאַרזעצן, האַלט איך פאַר מיין חוב צו זאָגן אייך אָט־וואָס. איר דאַרפט אַוועק פון דאַנען, נישט אָפּלייגנדיק, אויב נאָר דאָס לעבן איז אייך טייער. דער קרייז פון געיעג אויף מיר ווערט אייַנגעצויגן, און ווי דאָס זאָל זיך נישט ענדיקן, וועט מען אייך צו מיר צוטשעפּן. איר זענט שוין פאַרמישט אין מיינע ענינים, מיטן פאַקט פון אונדזער שמועס. אויסער דעם, זענען דאָ פאַראַן אַ סאַך וועלף. די טעג האָב איך זיך קוים געראַטעוועט מיט שיסן אויף זיי.

— אָ, האָט איר עס געשאָסן?

— יאָ. איר, פֿאַרשטייט־זיך, האָט עס געהערט? איך בין געגאַנגען אין אַן אַנדער באַהעלטעניש, נאָר נישט דערגייענדיק, האָב איך פֿאַרשטאַנען לויט פֿאַרשידענע סימנים, אַז זי איז אַנטדעקט־געוואָרן און די דאָרטיקע מענטשן זענען אוודאי אומגעקומען. איך וועל דאָ ביי איך לאַנג נישט פֿאַרבלייבן. איך וועל נאָר איבערנעכטיקן און אינדערפֿרי וועל איך אַוועק. אַלזאָ, מיט איירע דערלויבעניש, בין איך ממשיך.

נאָר צי דען זענען די טווערסקאַיאַ־יאַמסקאַיאַ־געגנטן און די שלעפֿערישע פּראַגנטן מיט פֿאַרוקטע היטעלעך און געשטרייפֿטע הויזן, מיט מיידלעך אויף הוליאַנקעס, געווען בלויז נאָר אין דער איינער מאָסקווע, נאָר אין רוסלאַנד? גאַסן, אונטער־גאַסן, די אונטיקע גאַסן פֿון דעם יאָרהונדערט, רייט־פֿערד, קאָטשן, זענען אומעטום געווען. וואָס האָט פֿאַראייניקט די עפּאָכע? וואָס האָט פֿאַראייניקט דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט אין איין היסטאָרישן אָפּשניט? דאָס געבורט פֿון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק. עס זענען פֿאָרגעקומען רעוואָלוציעס. יונגע מענטשן, פֿרייוויליקע קרבנות זענען אַרויף אויף באַריקאַדן. פּובליציסטן האָבן זיך די קעפּ געבראָכן, ווי צו צוימען די חיהשע אומפֿאַרשעמטקייט פֿון קאַפּיטאַל און אויפֿהויבן און באַשיצן די מענטשלעכע ווירדע פֿון דעם אָרעמאַן. עס איז אויפֿגעקומען דער מאַרקסיזם. ער האָט דערזען ווו עס שטעקט דער וואָרצל פֿון שלעכטס, ווו עס זענען די מיטלען פֿון אויסהיילן די מחלה. ער איז געוואָרן דער מעכטיקער כוח פֿון דור. דאָס זענען אַלץ געווען די דורות פֿון טווערסקאַיאַ־יאַמסקאַיאַ, פֿון שמוץ און קדושה־שיין, אויסגעלאַסנקייט און אַרבעטער־קוואַרטאַלן, פּראָקלאַמאַציעס און באַריקאַדן.

אַך, ווי שיין זי איז געווען אַלס מיידל, אַלס גימנאַזיסטקע! איר האָט קיין אַנונג נישט. זי פֿלעגט אָפֿט קומען צו איר שול־חברטע אין הויז, ווו עס האָבן באַוווינט אָנגעשטעלטע פֿון דעם בריסקער אייזנבאַן־וועג. אַזוי האָט יענער וועג געהייסן אין אָנהויב, פֿאַר די לעצטע עטלעכע ענדערונגען פֿון דעם נאָמען. מיין פֿאָטער, דער איצטיקער מיטגליד פֿון יוראַטינער טריבונאַל, האָט דאַן געדינט אַלס וועג־מייסטער אויפֿן וואָקזאַל־אָפּשניט. איך פֿלעג אַריינקומען אין יענעם הויז און דאָרט האָב איך זי באַגעגנט. זי איז געווען אַ מיידעלע, אַ קינד, אָבער דעם געדאַנק פֿון וואַכזאַמקייט, די טרעוואָגע פֿון דור, האָט מען שוין געקענט אָראָפּלייענען פֿון איר געזיכט, אין אירע אויגן. אַלע טעמען פֿון דער צייט, אַלע אירע טרערן און עוולות, אַלע אירע פֿאַרלאַנגען, די גאַנצע אָנגעזאַמלטע נקמה־דורשטיקייט און שטאָלץ, — איז געווען אָנגעשריבן אויף איר געזיכט און אויף איר אויסערלעכער דערשיינונג, געמישט מיט איר מיידלשער שעמעוודיקייט און דרייסטער שלאַנקייט. די באַשולדיקונג קעגן דעם דור האָט מען גע־

קענט אַרויסטראָגן אין איר נאָמען, מיט אירע ליפּן. איר וועט דאָך איינ־
שטימען, אַז דאָס איז נישט קיין קלייניקייט. דאָס איז אַ געוויסע הייליקע
באַשטימונג, אַן אָפּצייכענונג. מען האָט געדאַרפט האָבן רעכט דערויף. דאָס
האָט מען געדאַרפט באַזיצן פון דער נאַטור.

— איר רעדט וועגן איר ווונדערבאַר. איך האָב זי געזען אין יענער
צייט טאָקע אַזעלכער, ווי איר שילדערט זי. די גימנאַזיסטישע דערצויגנ־
קייט האָט זיך ביי איר פאַראייניקט מיט דער העלדין פון נישט־קינדערישן
סוד. איר שאָטן האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דער וואַנט אין אומבאַהאָל־
פענע וואַכזאַמקייט פון זעלבסטבאַשיצונג. אַזעלכער האָב איך זי געזען.
אַזעלכער געדענק איך זי. איר האָט עס שטוינענד אויסגעדריקט.

— איר האָט עס געזען און געדענקט? און וואָס האָט איר געטון
דערצו?

— דאָס איז אינגאַנצן אַן אַנדערע פראַגע.

— איז אָט זעט איר, דער דאָזיקער גאַנצער ניינצנטער יאָרהונדערט,
מיט אַלע זיינע רעוואָלוציעס אין פּאַריז, עטלעכע דורות רוסישע עמיגראַ־
ציע, אָנהויבנדיק פון גערצענען, אַלע פאַרטראַכטע אַטנטאַטן אויף די
צאַרן, די נישט־אויסגעפירטע און די דורכגעפירטע, די גאַנצע אַרבעטער־
באַוועגונג אין דער וועלט, דער גאַנצער מאַרקסיזם אין די פּאַרלאַמענטן
און אין די אוניווערזיטעטן פון אייראָפּע, דער גאַנצער נייער אידייען־
סיסטעם, די נייקייט און שאַרפקייט פון דער קאָנקלוזיע, שפּאָט, אַלץ אין
נאָמען פון רחמנות, וואָס עס איז אַנטוויקלט געוואָרן דורך דער שטיצע
פון אומרחמנותדיקייט, — דאָס אַלץ האָט איינגעזויגן אין זיך און גע־
זעלשאַפטלעך אויסגעדריקט מיט זיך לעניןֹ, כדי צו שטורמען דאָס אַלטע.
כדי צו סימבאָליזירן די פאַרגיטיקונג. צוזאַמען מיט אים, איז אויפגע־
גאַנגען אַן אומגעהייער גרויס בילד פון רוסלאַנד, וואָס האָט, פאַר די אויגן
פון דער גאַנצער וועלט אויפגעלויכטן ווי אַ פאַרגעבונגס־ליכט פאַרן פינצ־
טערן גורל און פאַר דער פיין פון דער מענטשהייט. נאָר צו וואָס דער־
צייל איך עס אייך? פאַר אייך זענען דאָס רוישנדיקע צימבלען, פּוסטע
קלאַנגען.

— פאַר דער דאָזיקער מיידעלע בין איך אַוועק אין אוניווערזיטעט,
צוליב איר בין איך געוואָרן אַ לערער און בין אַוועקגעפאָרן אַרבעטן אין
דער דאָזיקער, דאַן נאָך דאָס אומבאַקאַנטע פאַר מיר, יוראַטין. איך האָב
איינגעשלונגען אַ באַרג ביכער און דערוואָרבן אַ סאַך וויסן, כדי צו זיין איר
נוצלעך און אונטער דער האַנט, אין פאַל ווען זי וואָלט באַדאַרפט מיין
הילף. איך בין אַוועק אין מלחמה, כדי נאָך דריי יאָר הייראַט און צו־
זאַמענלעבן, זי ווידער צו געווינען. און נאָכדעם, נאָך דער מלחמה און

צוריקקער פון געפאַנגענשאַפט, האָב איך אויסגענוצט דאָס, וואָס מען האָט מיך געהאַלטן פאַר דערהרגעט און, אונטער אַ פרעמדן, אויסגעטראַכטן נאָמען, איינגאַנצן זיך אָפּגעגעבן דער רעוואָלוציע, כדי פולשטענדיק באַצאָלן פאַר אַלץ, וואָס זי האָט דורכגעליטן, כדי אָפּצוואַשן אויף רייך די טרויעריקע זכרונות, כדי קיין צוריקוועג צו דער פאַרגאַנגענהייט זאָל מער נישט זיין, אַז קיין טווערסקאַיאַ־יאַמסקאַיאַ זאָל מער נישט עקזיסטירן. און זיי, זי און די טאָכטער זענען געווען דערנעבן, געוועזן דאָ! וויפל קרעפטן האָבן מיך געקאָסט צו דערשטיקן דעם פאַרלאַנג צו לויפן צו זיי, זען זיי! נאָר איך האָב פריער געוואָלט דערפירן מיין לעבנס־אויפגאַבע ביז צום סוף. אָ, וואָס וואָלט איך איצט אַלץ אָפּגעגעבן, אַז איך זאָל קאָנען כאָטש נאָך איינמאָל אַ קוק־טון אויף זיי. ווען זי פלעגט אַריינקומען אין צימער, איז פונקט ווי אַ פענצטער וואָלט אויפגעפּראַלט־געוואָרן, — דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט לופטיקייט און ליכטיקייט.

— איך ווייס, ווי טייער זי איז אייך געווען. נאָר זייט מוחל, צי האָט איר דען אַ פאָרשטעלונג, ווי זי האָט ליב געהאַט אייך?

— אַנטשולדיקט. וואָס האָט איר געזאָגט?

— איך זאָג, צי שטעלט איר זיך עס פאָר, ווי טייער איר זענט איר געווען? טייערער פון אַלעמען אויף דער וועלט!

— פון וואַנען נעמט איר עס?

— זי האָט עס מיר אַליין געזאָגט.

— זי? אייך?

— יאָ.

— אַנטשולדיקט. איך פאַרשטיי, דאָס איז אַ נישט־אויספירבאַרע ביטע, נאָר אויב דאָס איז מעגלעך אין די ראַמען פון באַשיידנקייט, אויב איר האָט כוח דערצו, שטעלט־אויף אויפסניי, איך בעט אייך, ווי מעגלעך גענוי, וואָס אייגנטלעך זי האָט אייך געזאָגט.

— זייער גערן. זי האָט אייך אָנגערופן „אַ מוסטער פון אַ מענטש", וואָס זיין גלייכן האָט זי מער נישט באַגעגנט, אַלס איינציקן אויף דער הויך פון נישט־געפעלשטקייט, און זי האָט געזאָגט, ווען עס וואָלט ערגעץ אין עק־וועלט נאָכאַמאָל אויפגעשיינט דאָס אויסזען פון דער שטוב, וואָס זי האָט אַמאָל געטיילט מיט אייך, וואָלט זי אויף די קני קריכנדיק זיך דערשלעפּט, פון וועלכן אָרט עס זאָל נישט זיין, ביז צו יענער שוועל, ווען דאָס זאָל אפילו זיין פון איין עק וועלט צום אַנדערן.

— אַנטשולדיקט. אויב דאָס איז נישט קיין פּראָפאַנאַציע, אויב דאָס איז נישט פאַר אייך הייליק־אומבאַרירבאַר, דערמאָנט־זיך, ווען, ביי וואָס פאַר אַ אומשטענדן האָט זי דאָס געזאָגט?

— זי האָט אויפגערוימט דעם דאָזיקן צימער. דערנאָך איז זי אַרויס אויף דער לופט, אויסצוטרייסלען דעם טעפּיך.

— אַנטשולדיקט, וועלכן? דאָ זענען צוויי.

— דעם גרעסערן.

— עס איז דאָך נישט פאַר אירע כוחות אַליין. איר האָט איר געהאָלפן?

— יאָ.

— איר האָט געהאַלטן בייביידע עקן טעפּיך, זי האָט זיך אָפּ געבויגן, הויך אויפהויבנדיק די הענט, ווי אויף אַ הוידע, און האָט זיך אָפּ־געקערט פון דעם אויפגייענדיקן שטויב, האָט געזשמורעט די אויגן און געלאַכט? נישט אמת? אָ, ווי איך קען אירע געוווינהייטן! און נאָכ־דעם זענט איר אַנטקעגנגעקומען איינער דעם אַנדערן, צוזאַמענגלייגנדיק דעם שווערן טעפּיך, קודם — אין צווייען און דערנאָך — אין פירן. און זי האָט דערביי געשפּאַסט און געפּראַוועט פאַרשידענע שטיקלעך? נישט אמת? נישט אמת?

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און צוגעטראָטן צו באַזונדערע פענצטער, נעמענדיק קוקן אין באַזונדערע ריכטונגען. נאָך אַ געוויסער צייט שווייגן, איז סטרעלניקאָוו צוגעקומען צו יורי אַנדרייעוויטשן. כאַפּנדיק זיינע הענט און צודריקנדיק זיי צום האַרצן, האָט ער פאַרטגע־זעצט מיט דער פריערדיקער איילּיקייט:

— זייט מיר מוחל. איך פאַרשטיי, אַז איך ריר־אָן עטוואָס טייערס און הייליקס. נאָר אויב עס איז מעגלעך, וועל איך אייך נאָך אויספרעגן. נאָר גייט נישט אַוועק. לאָזט מיך נישט איבער אַליין. איך וועל אינגיכן אַליין אַוועקגיין. גיט אַ טראַכט: זעקס יאָר צעשיידונג, זעקס יאָר נישט־פאַרשטענדלעכן אויסהאַלטן. נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך נישט די גאַנצע פרייהייט איז אויסגעקעמפט געוואָרן. אָט וועל איך זי קודם אויסקעמפן און דאַן וועל איך אינגאַנצן געהערן צו זיי. מיינע הענט וועלן זיין פריי. און אָט זענען אַלע מיינע געביידעס צעשטערט געוואָרן. מאָרגן וועט מען מיך כאַפּן. איר זענט אירס אַ ליבער און נאָענטער מענטש. עס קען זיין, אַז איר וועט זי נאָך אַמאָל זען. נאָר ניין, וועגן וואָס בעט איך? דאָס איז משוגעת. מען וועט מיך כאַפּן און נישט דערמעגלעכן צו דערוויזן מיין אומשולד. זיי וועלן זיך מיטאַמאָל אַרויפוואַרפן אויף מיר און מיט זידלערייען און געשרייען מיר פאַרשטאָפּן דאָס מויל. צי ווייס איך דען נישט וויאַזוי דאָס ווערט געטון?

18

ענדלעך האט ער זיך אויסגעשלאפן ווי עס באדארף צו זיין. דאס ערשטע מאל, זינט א לאנגע צייט, האט יורי אנדרייעוויטש נישט באמערקט ווי ער איז איינגעשלאפן, ווי נאר ער האט זיך אויסגעצויגן אויפן געלעגער. סטרעלניקאוו איז געבליבן נעכטיקן ביי אים. יורי אנדרייעוויטש האט אים געלייגט שלאפן אין שכנותדיקן צימער. אין דעם אויגנבליק, ווען יורי אנדרייעוויטש האט זיך איבערגעוועקט, כדי זיך איבערצודרייען אויף דער אנדערער זייט, אדער ארויפצוציען די אראפגעגליטשטע קאלדרע, האט ער דערפילט די קרעפטיקע מאכט פון זיין געזונטן שלאף און ער איז מיט הנאה ווידער איינגעשלאפן. אין דער צווייטער האלבער נאכט האבן זיך אים גענומען ווייזן קורצע, שנעל זיך טוישנדיקע, חלום־בילדער פון דער קינדהייט. זאכלעכע און פארביקע איינצלהייטן, וואס מען האט זיי לייכט געקענט אננעמען פארווירקלעכע.

אזוי למשל, האט ער געחלומט, אז דער מאמעלעס אקווארעלן בילד פון אן איטאליענישן ים־ברעג, האט זיך פלוצלונג אפגעריסן פון וואנט, אראפגעפאלן אויף דער פאדלאגע און דאס געבראזג פונעם צבעראכענעם גלאז, האט אויפגעוועקט יורי אנדרייעוויטשן. ער האט געעפנט די אויגן. ניין, דאס איז דאך עפעס אנדערש. דאס איז אוודאי אנטיפאוו, לאראס מאן, פאוועל פאוולאוויטש, וואס זיין נאמען איז סטרעלניקאוו. דאס טוט ער, ווי באקכוס זאגט, אפצושרעקן די וועלף אין שוטמא. אבער ניין. וואס פאר א נארישקייט. קלאר, דאס בילד האט זיך אפגעריסן פון דער וואנט. אט איז עס אויף שפליטערס צעשאטן איבער דער פאדלאגע, — האט ער זיך איבערצייגט, אין דעם צוריקגעקומענעם המשך פון חלום־בילד.

ער האט זיך זויפגעכאפט מיט א קאפ־ווייטיק פון שלאפן צו־לאנג. באלד האט ער נישט באנומען, ווער ער איז און, אויף וואס פאר א וועלט

פלוצלונג האט ער זיך דערמאנט: „סטרעלניקאוו נעכטיקט דאך ביי מיר. עס איז שוין שפעט. מען דארף זיך אנטון. ער איז שוין געוויס איפ־געשטאנען. אויב נישט, וועל איך אים אויפוועקן, קאווע פארבריען, מיר וועלן צוזאמען טרינקען".

— פאוועל פאוולאוויטש!

נישטא קיין ענטפער. „ער שלאפט נאך, הייסט עס. שלאפט פונדעסט־וועגן גאנץ פעסט".

נישט־איילנדיק־זיך, האט זיך יורי אנדרייעוויטש אנגעטון און ער איז אריין אין דעם שכנותדיקן צימער. אויפן טיש איז געלעגן סטרעל־

ניקאָוס מיליטערישע פאַפאַכע, אָבער ער זעלבסט איז אין שטוב נישט געווען. „ער שפאַצירט זיכער", — האָט דער דאָקטאָר געטראַכט. — „און אַן אַ היטל. ער האַרטעוועט־זיך; און געדאַרפט וואָלט מען היינט מאַכן אַ סוף מיט דעם וואַריקינאָ און — אין שטאָט אַריין. אָבער עס איז שוין שפעט. ווידער פאַרשלאָפן. און אַזוי יעדן פרימאָגן".

יורי אַנדרייעוויטש האָט פייער געמאַכט אין דעם אייוועלע, גענומען אַן עמער און איז אַוועק צום ברונעם נאָך וואַסער. עטלעכע טריט פון דער וועראַנדע, אין דער ברייט איבערן שטעגל, איז געלעגן פאַוועל פאַוור־לאַוויטש, מיטן קאָפ אין אַ בערגל שניי פאַרזונקען, ער האָט זיך — דערשאָסן. אונטער זיין לינקן שלייף האָט זיך דער שניי אָפגעשלאָגן אין אַ רויטן פלאַסט, אַן איינגעזאַפטער פון דער אַנגעפלאָסענער לוזשע בלוט. די פאַרשפריצטע קליינע טראָפנס בלוט האָבן זיך צעקייקלט איבערן שניי, זענען פאַרוואַנדלט־געוואָרן אין רויטע קייקעלעך, ענלעך צו די יאַגדעס פון דער געפרוירענער ראַבינע.

פופצנטער טייל

דער סוף

1

עס בלייבט צו דערציילן דעם סוף פון דער אַביסל קאָמפּליצירטער לעבנס־דערציילונג פון יורי אַנדרייעוויטש, די אַכט אָדער נײַן לעצטע לעבנס־יאָרן, פאַרן טויט, במשך פון וועלכע ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן און געזונקן אַלץ מער, פאַרלירנדיק די אַנערקענונג און פירונג אַלס דאָקטאָר און שרײַבער. אַ קורצע צײַט איז ער אַרויס פון דעם געפאַלענעם, גע־דריקטן צושטאַנד, האָט אויפגעוואַכט, צוריקגעקערט זיך צו טעטיקייט און, נאָך אַ קורצן אויפפלאַם, ווידער אַרײַנגעפאַלן אין אַ פאַרצויגענער אַפּאַטיע צו זיך זעלבסט און צו דער גאַנצער וועלט. אין די דאָזיקע יאָרן האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט זײַן לאַנגיאָריקע האַרץ־קראַנקהייט, וואָס ער האָט אַליין בײַ זיך שוין לאַנג צוריק פעסטגעשטעלט, נאָר ווי ווײַט ערנסט זי איז, האָט ער נישט געהאַט קיין אָנונג.

ער איז געקומען קיין מאָסקווע ביים אָנהייב פון **נעפּ** (נײַע **עקאָנאָ־מישע פּאָליטיק**), דער סאַמע צווײדײַטיקסטער און פאַלשסטער פון די סאָוויעטישע פּעריאָדן. ער איז געווען אויסגעמאָגערט, באַוואַקסן און זײַן אויסזען נאָכמער פאַרווילדעט, ווי דאָס איז געווען נאָך זײַן צוריקקומען פון דער פּאַרטיזאַנער געפאַנגענשאַפט קיין יוראַטין. אויפן וועג האָט ער ווידער אַראָפּגענומען פון זיך אַלדאָס ווערטפולע און פאַרטוישט אויף ברויט מיט אַ צולאָג פון אָפּגעטראָגענע, צעריסענע בגדים, כדי נישט צו בלײַבן נאַקעט. אַזוי האָט ער אויפגעגעסן אין וועג זײַן צווייטן פּעלץ און דעם אַנצוג, און אויף די מאָסקווער גאַסן איז ער דערשינען אין אַ גרויסער פּאַפּאַכע, אין וויקל־שנורן אויף די פיס, אין אַן אויסגערייבענעם סאָלדאַטסקן שינעל, וועלכער האָט אויסגעזען, צוליב די אָפּגעטרענטע קנעפּ ביזן לעצטן, ווי אַ ברייטער אַרעסטאַנטן־כאַלאַט. אין דעם דאָזיקן הלוך האָט ער זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון די אומצאָליקע רויטאַרמייער, וואָס האָבן מאַסנהאַפט אָנגעפילט די פּלעצער, בולוואַרן און וואָקזאַלן פון דער הויפּט־שטאָט.

ער איז געקומען קיין מאָסקווע נישט אַליין. נאָך אים האָט זיך אומעטום נאָכגעשלעפּט, טרעטנדיק אים אויף די פּיענטעס, אַ שיין פּויעריש בחורל, אויך אַזוי אַנגעטון אינגאַנצן סאָלדאַטיש, ווי ער אַליין. מיט אַזאַ אויסזען איז ער דערשינען אין די גאַנץ־געבליבענע מאָסקווער אכסניות, ווו עס איז אַדורך יורי אַנדרייעוויטשעס קינדהייט, ווו מען האָט אים גע־דענקט און אויפגענומען צוזאַמען מיט זיין באַגלייטער, פריער מיט דרך־ארץ זיי אויסגעפּאַרשט, צי זיי זענען געווען, נאָכן אָנקומען פון וועג, אין אַ באָד. דער פלעק־טיפוס האָט נאָך געבושעוועט. און שוין אין די ערשטע טעג פון זיין דערשיינען, האָט מען יורי אַנדרייעוויטשן דערציילט, אין וועלכע אומשטענדן, זיינע נאָענטסטע זענען אָפּגעפאָרן פון מאָסקווע קיין אויסלאַנד.

ביידע האָבן זיך געשעמט פאַר מענטשן. געווייגלעך, ווען זיי פלעגן ביידע, מיט די לאַנג־שטאַרצנדיקע פיגורן אויסוואַקסן ביי באַקאַנטע אין אַ פאַרזאַמלטע געזעלשאַפט, האָבן זיי זיך פאַרקליבן ערגעץ אין אַ ווינקל, אומבאַמערקט און שווייגנדיק פאַרבראַכט דעם אָוונט, נישט־אַנטייל־נעמענ־דיק אין אַלגעמיינעם שמועס.

אין דער באַגלייטונג פון זיין יונגן חבר איז דער געוויקסיקער, דאַ־רער דאָקטאָר, אין זיינע נעבעכדיקע בגדים, ענלעך געווען צו די אמת־זוכער פון פראָסטן פאָלק, און זיין שטענדיקער באַגלייטער, — צו אַ דיס־ציפּלינירטן בלינד־איבערגעגעבענעם תלמיד און פאַרערער.

ווער־זשע איז דאָס געווען, דער דאָזיקער יונגער באַגלייטער?

2

דעם לעצטן טייל וועג, נענטער צו מאָסקווע, איז יורי אַנדרייעוויטש געפאָרן מיט דער אייזנבאַן, אָבער דעם ערשטן, פיל גרעסערן טייל וועג, איז ער געגאַנגען צופוס.

דאָס אויסזען פון די דערפער, דורך וועלכע ער איז אַדורך גע־גאַנגען, איז מיט גאָרנישט בעסער געווען פון דעם, וואָס ער האָט געזען אין סיביר און אוראַל, אין דער צייט פון זיין אַנטלויפן פון דער וואַלד־געפאַנגענשאַפט. נאָר דאַן איז ער אַדורכגעגאַנגען דאָס לאַנד ווינטערצייט, און איצט אין סוף וואַרעמען זומער און טרוקענעם האַרבסט, איז עס אים געווען אַ סאַך לייכטער.

אַ העלפט ישובים וואָס ער איז אַדורכגעגאַנגען, זענען געווען פוסט, ווי נאָך דעם שונאס אָנגריף. פון די פעלדער האָט מען נישט אָראָפּגענומען,

זיי זענען געלעגן פאַרלאָזענע, געווען איז דאָס אַ פּועל־יוצא פון דער מלחמה, פונעם בירגער־קריג.

צוויי אָדער דריי טעג פון סוף סעפּטעמבער האָט זיך זיין וועג פאַרנומען לענגאויס אַ הויכן באַרג־אַראָפּ־ברעג פון אַ טייך. דער טייך, וואָס האָט געשטראָמט אַנטקעגן יורי אַנדרייעוויטשן, איז אים אויסגעקומען פון דער רעכטער זייט. אין דער לינקער זייט פון דעם וועג, ביז צום האָריזאָנט פון פאַרוואָלקנטן הימל, האָבן זיך אויסגעשפּרייט נישט־געשניטענע פעלדער. צייטנווייז האָבן זיי דורכגעשניטן בלעטערדיקע בוים־וועלדער, מערסטנס פון דעמבעס, קליאָנען און אולמס־ביימער. די וועלדער זענען פון הויכע באַרג־שפּועים, געלאָפן צום טייך־צו, און די באַרג־סער־פּענטינען און טיפע טאָלן האָבן דורכגעהאַקט דעם וועג.

דער קאָרן, אין די נישט־געשניטענע פעלדער, האָט זיך געשאָטן פון די איבערגערייפטע זאַנגען. יורי אַנדרייעוויטש האָט הויפנסווייז אָנגענומען קערנער אין מויל, זיי קוים צומאָלן מיט די ציינער און זיך געשפּייזט מיט זיי. דער מאָגן האָט שלעכט פאַרדייעט די רויע, קוים־צעקייטע שפּייז.

יורי אַנדרייעוויטש האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געזען אַזאַ ברוינ־לעכן קאָרן פון אַלט, טונקל־געוואָרענעם גאָלד־קאָליר. געווײנלעך, איז געשניטענער קאָרן אין דער צייט, פיל העלער.

די דאָזיקע פייער־קאָלירן וואָס ברענען אָן פלאַמען, אָט די קלאָנג־לאָזע הילפס־רופן פון די פעלדער, זענען אַרומגעקריינט געוואָרן מיט אַ קילער רויקייט, דורך אַ גרויסן, שוין צום ווינטער גענייגטן הימל, איבער וועלכן עס זענען אומאויפהערלעך געשוואומען, ווי שאָטנס אויף אַ געזיכט, לאַנגע שיכטן שניי־וואָלקנס, וועלכע זענען אינמיטן געווען שוואַרץ און ביי די ברעגן — ווייס.

און אַלץ איז געווען אין לאַנגזאַמער, ריטמישער באַוועגונג. דער טייך איז געפלאָסן. אים אַנטקעגן איז געגאַנגען דער וועג. איבער וועלכן עס איז געגאַנגען דער דאָקטאָר. אין איין ריכטונג מיט אים, האָבן זיך געצויגן די וואָלקנס. נאָר אויך די פעלדער זענען געווען אַרומגעכאַפּט מיט אַ שטיל־רוישיקן פליסטערן, וואָס האָט האָט אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט.

אין אומדערהערטע און אומגעזעענע צאָלן, האָבן זיך אין די פעלדער אָנגעפּלאָדזיעט מייז. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן אין פעלד און עס איז דעם דאָקטאָר אויסגעקומען זיך־צו צושפּאַרן ערגעץ ביי אַ בייט אויף נאַכטלעגער: זיי זענען אַרומגעלאָפן איבערן דאָקטאָרס פּנים און הענט, אויף זיינע הויזן און אַרבל. אומגעהייערע, אָנגעפרעסענע סטאַדעס האָבן מאַרשירט בייטאָג איבערן וועג, אונטער די פיס און זענען פאַרוואַנדלט־

געוואָרן אין גליטשיקער, קוויטשיקער, זיך צאַפּלענדיקער בלאָטע, ווען זיי זענען צעטרעטן־געוואָרן.

שרעקלעך־פאַרווילדעוועטע, באַוואָקסענע דאָרפס־הינט, וועלכע האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך באַראַטן, ווען אָנצופאַלן אויפן דאָקטאָר און אים צעבייסן, זענען מאַסנוויז נאָכגעקראָכן דעם דאָקטאָר אויף אַ היפשן מהלך. זיי האָבן זיך געשפּייזט מיט פּגירות, מיט וואָס עס האָט געראָיעט אין פעלד. קוקנדיק פונדערווייטנס אויפן דאָקטאָר, האָבן זיי זיך מיט זיכערקייט באַוועגט נאָך אים, דערוואַרטנדיק עפּעס די גאַנצע צייט. עפּעס אויסטערלישס האָט זיי אָפּגעהאַלטן פון אַרייַנגיין אין וואַלד און ביים דערנענטערן־זיך צו אים, זענען זיי ביסלעכוויז הינטערשטעליק געבליבן, אויסגעדרייט זיך און פאַרשוווּנדן געוואָרן.

וואַלד און פעלד האָבן מיט זיך דאַן פאָרגעשטעלט בולטע קעגנזאַצן. די פעלדער, אָן מענטשן, זענען פאַריתומט־געבליבן, ווי אַ קללה וואָלט געלעגן אויף זיי. דאַקעגן די וועלדער, וואָס זענען פּטור געוואָרן דעם מענטשן, האָבן זיך פּרעכטיק געחנדלט צו דער פרײַ, ווי אַרעסטאַנטן, אַרויסגעלאָזענע אויף דער פרײַ.

מענטשן געווייַנלעך, איבערהויפּט די דאָרפישע קינדער, לאָזן נישט רייף ווערן די ניס און רייסן זיי גרינערהייט. איצט זענען די שפעים פון די וואַלדיקע בערגלעך און טיפע טאָלן באַדעקט־געווען דורכאויס מיט נישט־באַרירטן, שטעכיקן, באַגילדעטן געבלעטער, ווי זיי וואָלטן פאַרשטויבט און פאַרגרעבט געוואָרן פון האַרבסטיקער פאַרברוינטקייט. עס האָבן פון דאָרט בולט אַרויסגעשטאַרצט, צו דריי און פיר צוזאַמענגעוואַקסענע ניס, רייפע, גרייטע אַרויסצופאַלן פון די שאָלן. יורי אַנדרייעוויטש האָט אומאויפהערלעך געגריזשעט און געקייט די ניס אין וועג. די קעשענעס זענען אים געווען אָנגעפּאַקט, די טאָרבע איז געווען פול מיט זיי. במשך אַ וואָך צייט, זענען די ניס געווען זיין הויפּט־דערנערונג.

דעם דאָקטאָר האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט די פעלדער שווער־קראַנקע, מבולבלדיקע פון היץ, דאַקעגן די וועלדער — אין אַ צושטאַנד פון דורכזיכטיקער דערהאָלונג; אַז אין וואַלד וווינט גאָט און איבערן פעלד שלענגלט־זיך דער שפּאָטישער שמייכל פון טייוול.

3

אין יענע טעג, אויף דעם דאָזיקן וועג־אָפּשניט, איז דער דאָקטאָר אַרײַן אין אַ אָפּגעברענטן, פאַרלאָזענעם דאָרף. ביז דער שריפה האָט מען

דאָרט די כאַטעס געבויט בלויז אין איין ריי, איבערן וועג וואָס לויפט פאַרביי דעם טייך. די טייך־זייט איז געבליבן נישט באַבויט.

אין דאָרף זענען ניצול־געוואָרן אַ פּאָר געציילטע שטיבער, פאַר־שוואַרצטע און פאַרברענטע פון דרויסן. נאָר אויך זיי זענען געווען פּוסטע, נישט־באַווינטע. אַנדערע כאַטעס זענען פאַרוואַנדלט־געוואָרן אין קופּעס קוילן, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעשטאַרצט שוואַרץ־פאַרויכערטע אויוון־קוימענס.

די באַרג־שפּועים פון דער טייך־זייט זענען צעגראָבן געווען אין גריבער, פון וועלכע די דאָרפס־איינוווינער האָבן אַרויסגעריסן מילשטיינער, לעבנדיק אין די גוטע צייטן פון זייער איינקונפט. דריי אָועלכע נישט־אויסגעאַרבעטע מילשטיין־רעדער זענען געלעגן אויף דער ערד, אַנטקעגן דער לעצטער דאָרפס־כאַטע, איינע פון די גאַנץ־געבליבענע. זי האָט אויך געפּוסטעוועט, ווי אַלע איבעריקע.

יורי אַנדרייעוויטש איז אַריין אין איר. דער אָוונט איז געווען אַ מילדער, נאָר עס האָט אויסגעזען ווי דער ווינט וואָלט זיך אַריינגעריסן אין שטוב, ווי נאָר דער דאָקטאָר איז אַריין אַהין. איבער דער פּאָדלאָגע, אין אַלע זייטן, זענען זיך צעפלויגן בינטלעך היי און קלאָטשע. איבער די ווענט האָבן זיך צעפלאַטערט שטיקער צעקלעבט פּאַפּיר. אַלץ אין שטוב האָט זיך אַ באַוועג־געטון און זיך צערוישט. מיט אַ קוויטשעריי זענען זיך פאַנאַנדערגעלאָפן די מייז, וואָס האָבן זיך דאָ געמערט ווי אין דער גאַנצער געגנט אַרום.

דער דאָקטאָר איז אַרויס פון דער כאַטע. אין יענער זייט פעלדער האָט זיך געזעצט די זון. דער זון־פאַרגאַנג האָט אונטערגעהייצט, מיט דער היץ פון גאָלדענע פלאַמען, דעם קעגנאיבערדיקן ברעג. יורי אַנדרייעוויטש איז אַריבערגעגאַנגען איבערן וועג און האָט זיך צוגעזעצט אָפּרוען אויף איינעם פון די מילשטיינער, וואָס איז געלעגן אין גראָז.

פון אונטן, פון טאָל אַרויס, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ העלער, פלאַקס־האָריקער קאָפּ, דערנאָך — אַקסלען, דערנאָך — הענט. פון טייך איז ווער אַרויפגעשטיגן איבערן שטעגל מיט אַ פולן עמער וואַסער. דער־זעענדיק דעם דאָקטאָר, האָט זיך דער מענטש אָפּגעשטעלט, באַווייזנדיק־זיך, הינטערן באַרג, בלויז ביז צו די לענדן.

— ווילסט, וועל איך דיך אָנטרינקען, גוטער מענטש? נאָר דו זאָלסט מיר נישט טון קיין עוולה און איך וועל דיך נישט אָנרירן.

— אַ דאַנק. גיב, איך וועל זיך אָנטרינקען. נו, קום אַרויס אין־גאַנצן, שרעק זיך נישט. פאַרוואָס זאָל איך דיך טשעפּען?

דער אַרויסגעקומענער וואַסערטרעגער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס יונגער בחור. ער איז געווען באָרוועס, אָפּגעריסן און באַוואַקסן.

נישט־קוקנדיק אויף זיינע פריינטלעכע ווערטער, האָט ער זיך איינגעזויגן אין דאָקטאָר מיט אַן אומרויקן, דורכדרינגלעכן בליק. צוליב אַן אומדערקלערלעכער סיבה, האָט זיך דאָס יינגל דענערווירט. אַ צעשטרייטער האָט ער דעם עמער אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד און פּלוצלונג, לאָזנדיק זיך לויפן צום דאָקטאָר, איז ער שטיין־געבליבן אין מיטן וועג און גענומען מורמלען:

— עס קען נישט זיין... נישט מעגלעך... אָבער ניין, דאָס קאָן דאָך נישט זיין, עס האָט זיך מיר געדאַכט. זייט פונדעסטוועגן מוחל, חבר דערלויבט צו פרעגן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איר דאַרפט מיר זיין אַ באַקאַנטער מענטש. נו, יאָ! פעטערל דאָקטאָר?!

— און דו אַליין, ווער ביזטו?

— נישט דערקענט?

— ניין.

— פון מאָסקווע אין עשאַלאָן מיט אייך געפאָרן, אין איין וואַגאָן. אין אַן אַרבעטס־לאַגער האָט מען מיך געטריבן, אונטער אַ וואַך.

דאָס איז געווען פּאַסיאַ בריקין. ער האָט זיך אַ וואָרף־געטון פאָרן דאָקטאָר, גענומען קושן זיינע הענט און האָט זיך צעוויינט.

דאָס אָפּגעברענטע אָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס וואַסיאַס היימישער דאָרף ווערעטעניקי. זיין מוטער האָט שוין נישט געלעבט. ביים באַשטראָפן דאָס דאָרף און בעת דער שריפה, ווען וואַסיאַ האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַן אונטערערדישער הייל, פון וואַנען מען האָט די שטיינער אַרויסגעגראָבן און די מאַמע האָט געמיינט, אַז מען האָט אים אַוועקגעשלעפט אין שטאָט, פון צרות איז זי פון זינען געוואָרן, און זי האָט זיך דערטרונקען אין דעם זעלבן טייכל פּיעלגאַ, וואָס אויף זייער ברעג זענען איצט דער דאָקטאָר און וואַסיאַ געזעסן און געשמועסט. וואַסיאַס שוועסטערלעך אַלענקאַ און אַרישקאַ האָבן זיך געפונען, לויט נישט גענויע ידיעות, אין אַ צווייטן קרייז־געביט, אין אַ קינדער־היים. דער דאָקטאָר האָט וואַסיאַן מיטגענומען מיט־זיך קיין מאָסקווע, אויפן וועג האָט ער אַנדערציילט יורי אַנדרייעוויטשן פאַרשידענע שוידערלעכקייטן.

4

— דאָס שיט־זיך דאָך די ווינטער־תּבֿואה פֿון פֿאַראַיאָריקן האַרבסט. מען האָט נאָר געהאַט פֿאַרזייט, האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות. דאַן, ווען די מומע פֿאַליע איז אַוועקגעפֿאָרן. דער מומע פּאַלאַשאַ געדענקט איר?

— ניין. און איך האָב זי קיינמאָל נישט געקענט. ווער איז זי דאָס אַזעלכע?

— וואָס הייסט, קיינמאָל נישט געקענט? פּעלאַגעיאַ ניליאָוונאַ! מיט אונדז געפֿאָרן! טיאַגונאָווא. אַן אָפֿן פּנים, אַ פּולינקע, אַ העלע.

— די וועלכע האָט כּסדר די צעפּ געהאַלטן אין איין פֿאַרפֿלעכטן און אויפֿפֿלעכטן?

— צעפּ, צעפּ! נו, יאָ! געטראָפֿן אין פּינטל אַריין. צעפּ!

— אַך, איך האָב זיך דערמאָנט. וואַרט־צו, האָב איך דאָך זי שפּעטער געטראָפֿן אין סיביר, אין איינער אַ שטאָט, אויף אַ גאַס.

— איז עס זיכער דער מומע פּאַלאַשאַ?

— וואָס טוט־זיך עס מיט דיר וואַסיאַ? וואָס טרייסלסטו מיר די הענט, ווי אַ ווילד־געוואָרענער? וועסט מיר נאָך זיי אָפּרייסן. און ביזט פֿאַרפֿלאַמט־געוואָרן ווי אַ פֿאַרוויטלטע מויד.

— נו, וואָס מאַכט זי דאָרט? גיכער, דערציילט מיר, גיכער.

— זי איז געווען לעבעדיק און געזונט, ווען איך האָב זי געזען. זי האָט וועגן אייך דערציילט. אויף וויפֿל איך געדענק, אַז זי האָט געוווינט ביי אייך, אָדער צוגאַסט געווען. און אפֿשר האָב איך פֿאַרגעסן און פּלאָנטער דאָ.

— נו, אוודאי, אוודאי! ביי אונדז, ביי אונדז! דאָס מאַמעלע האָט זי ווי אַ לייבלעכע שוועסטער ליב־באַקומען. אַ שטילע, אַן אַרבעטזאַמע, אַ פֿאַכן־קענעריןֹ. כּל־זמן זי האָט ביי אונדז געלעבט, איז אונדזער שטוב געווען אַ גאַנצע כּלי. מען האָט זי מיט לשון־הרע פֿאַרטריבן פֿון ווערע־טעניקי.

אַ פּויער איז געווען אין דאָרף, כאַרלאַם גנילאַי האָט ער געהייסן. ער האָט זיך געשאַרט צו פּאַליען. אַ רכילותניק אַן אַ נאָז. זי האָט אפֿילו נישט געקוקט אין זיין זייט. דערפֿאַר האָט ער געשטשירעט די ציינער אויף מיר. ער האָט שלעכטס וועגן אונדז, וועגן מיר און פּאַליען אָנגערעדט. נו, און זי איז אַוועקגעפֿאָרן. ער האָט אַלץ איבערגעפּירט.

אַ שרעקלעכער מאָרד איז דאָ נישט ווייט איינמאָל פֿאָרגעקומען. אַן איינזאַמער אַלמנה האָט מען דערהרגעט אין דעם וואַלד־כוטאָר וואָס נעבן בויסקאַיאַ. אַליין ביים וואַלד האָט זי געלעבט. אין מענער־שיך מיט גומי

און אויערעלעך איז זי אַרומגעגאַנגען. אַ בייזער הונט אויף אַ קייט איז אַרום דעם כוטאָר אַרומגעלאָפן, מיט דער באַלעבאַטישקייט, מיט דער ערד, האָט זי זיך אַליין, אָן הילף, אָן עצה געגעבן. און אָט, פּלוצלונג ווינטער, ווען קיינער האָט נישט דערוואַרט. עס איז פרי ארויסגעפאַלן אַ שניי. די אַלמנה האָט נישט אַראָפּגענומען די קאַרטאָפל פון פעלד. קומט זי קיין ווערעטעניקי. „העלפט", זאָגט זי, „מיר וועלן זיך טיילן, אָדער איך וועל באַצאָלן".

האָב איך זיך פאַרגעלייגט צו גראָבן ביי איר די קאַרטאָפל. איך קום צו איר אויפן כוטאָר און כארלאם איז ביי איר שוין פאַראָן. ער האָט זיך איינגעבעטן פריער פאַר מיר. זי האָט עס מיר נישט געזאָגט. איך וועל זיך נישט גיין שלאָגן צוליב דעם. מיר האָבן זיך צוזאַמען גענומען צו דער אַרבעט. אין ערגסטן וועטער געגראָבן, רעגן און שניי, בלאָטע. מיר האָבן געגראָבן און געגראָבן. דאָס גרינס האָבן מיר אונטערגעצונדן און מיטן וואַרעמען רויך געטריקנט די קאַרטאָפל. נו, אויסגעגראָבן, האָט זי זיך מיט אונדז אָפּגערעכנט געוויסנהאַפט. כארלאמען האָט זי אָפּגעלאָזן און מיר אַ ווונק-געטון מיטן אויג, ווי זי וואָלט געזאָגט, אַז זי דאַרף מיך נאָך האָבן, איך זאָל שפּעטער אַריינקומען, אָדער פאַרבלייבן.

בין איך אַ צווייט מאָל צו איר געקומען. איך וויל נישט, זאָגט זי, אָפּגעבן דעם עודף פון קאַרטאָפל אין דעם מלוכישן פאַרטיילונגס־סקלאַד. דו, זאָגט זי, ביזט אַ ווילער בחור, ווערסט מיך נישט אויסגעבן. זעסט, איך באַהאַלט נישט פון דיר. איך וואָלט אַליין אויסגעגראָבן אַ גרוב און פאַרגראָבן, נאָר דו זעסט דאָך וואָס אינדרויסן טוט־זיך. איך האָב זיך צו־שפּעט געכאַפּט, — ווינטער. אַליין וועל איך מיר נישט עצהנען. גראָב מיר אויס די גרוב, ווערסט עס נישט באַדויערן. מיר וועלן אויסטריקענען און פאַרשיטן.

האָב איך איר אויסגעגראָבן אַ גרוב, ווי עס פּאַסט פאַר אַ באַהעל־טעניש, אונטן ברייטער, ווי אַ קרוג, מיט אַ שמאָלן האַלדז אויבן. די גרוב האָבן מיר אויך מיט רויך געטריקנט, אָנגעוואַרעמט. אין סאַמע נאָסן שניי־שטורעם. באַהאַלטן די קאַרטאָפל ווי געהעריק, מיט ערד פאַרשאָטן. נישט צוצוקומען. איך, פאַרשטייט־זיך, שווייג וועגן דער גרוב, ווי אַ פיש. קיין לעבעדיקן נפש נישט דערציילט, אפילו נישט דער מאַמעלען, אָדער אַ שוועסטערל, גאָט באַהיט!

אָט אַזוי. עס גייט קוים אַדורך אַ חודש, — אַ רויבעריי אין כוטאָר. די דורכגייער פון בויסקאַיאַ דערציילן, אַז די שטוב איז אויפגעפּראַלט, אַלץ אויסגערייניקט, פון דער אַלמנה איז קיין שפור נישטאָ, דער הונט, גאַרלאַן, האָט זיך פון דער קייט אָפּגעריסן, אַנטלאָפן.

ווידער איז אַדורך אַ צייט. אין דער ערשטער אַדליגע פון ווינטער,

פֿאַר נײַ־יאָר, ערב וואַסיליעוו, האָבן געכומען גייִן רעגנס, אַראָפּגעשווענקט דעם שניי פֿון די בערגלעך, איך דער ערד אײַנגעזאַפּט. קומט צולויפֿן גאַרלאַן און נעמט מיט אַלע לאַפּעס די ערד צעגראָבן אויף דעם פּלאַץ, ווו די קאַרטאָפֿל איז אין גרוב געווען. ער האָט צעגראָבן, אַרויסגעשלײַדערט און פֿון דער גרוב האָבן זיך באַוויזן דער באַלעבאָסטעס פּיס אין די קאַמאַשן מיט די גומי און אויערלעך. זעסט, וואָס פֿאַר אַ שוידער!

אין ווערעטעניקי האָבן אַלע באַדויערט די אלמנה און איר מזכיר־געווען. כאַרלאַמען האָט קיינער נישט חושד געווען, נו, ווי זאָל מען עס חושד זײַן? ליגט זיך עס דען אויפֿן שכל? ווען ער זאָל עס יאָ זײַן, ווי קומט צו אים אַזאַ מוט צו פֿאַרבלײַבן אין ווערעטעניקי און פֿראַנק־און־פֿרײַ איבערן דאָרף אַרומגיין? ער וואָלט דאָך פֿאַרשוווּנדן פֿון אונדז און געמאַכט פּיס וואָס־ווײַטער.

דערפֿרייטע מיטן פֿאַרברעכן, האָבן זיך דאָרפֿישע קולאַקעס אויפֿן כוטאָר אָנגעטראָגן. לאָמיר דאָס דאָרף אויפֿבונטעווען! אָט, זאָגן זיי, אויף וואָס פֿאַר אַ פֿאַרברעכערישקייט די שטאָטישע דערלויבן־זיך. דאָס איז אַ לעקציע פֿאַר אײַך, אַן אָנלערנונג. באַהאַלט נישט קיין ברויט, פֿאַרגראָב נישט קיין קאַרטאָפֿל! און זיי, גאַראַנים, טײַטשן זיך אויס זייערס: וואַלד־גזלנים. גזלנים אויפֿן כוטאָר חלומט זיך זיי. אַ נאַיוו פֿאָלק! איר זאָלט זיי וואָס־מער פֿאָלגן, די שטאָטישע. זיי ווען אײַך נאָך נישט בלויז דאָס באַווײַזן, מיט הונגער אײַך אויסמאָרדן. איר ווילט אײַער דאָרף, גוט, גייט מיט אונדז. מיר וועלן אײַך לערנען שכל. מען וועט קומען, נאָך אײַער בלוט און שווייס, אײַער פֿאַרמעגן צונעמען. איר זאָלט טענהן: ווו האָב איך אַן עודף? און פֿון אייגענעם קאָרן, קיין קערנדל זאָלט איר נישט געבן. און אין פֿאַל ווען עפּעס־וואָס, כאַפּט די גראַבליעס, און ווער עס וועט זײַן קעגן, זאָל ער זיך היטן! האָט זיך דאָס אַלטוואָרג צערעשט. לויב־רייד, פֿאַרזאַמלונגען. און דער רכילותניק כאַרלאַם האָט בלויז דאָס טאַקע באַדאַרפֿט. ער כאַפּט דאָס היטל און לויפֿט אין שטאָט אַרײַן. און דאָרטן, — פּש־פּשו־פּש, וואָס אין דאָרף טוט־זיך! און איר, וואָס זיצט איר און קוקט? מען דאַרף דאָרט אַ קאָמיטעט פֿאַר דער אָרעמקייט. באַמעלט און איך וועל אויגנבליקלעך אַ ברודער מיט אַ ברודער צעשיידן. און אַליין איז ער פֿון אונדזערע ערטער פֿאַרשוווּנדן און מער די אויגן נישט געוויזן.

און דאָס וואָס איז ווײַטער געשען, האָט זיך שוין אַליין געמאַכט. קיינער האָט דערצו נישט אָנגערעגט און קיינער איז אין דעם נישט שולדיק. מען האָט אָנגעשיקט רויטאַרמייער פֿון דער שטאָט. און אַן אַרומפֿאָרנדיקער געריכט. און באַלד האָט מען זיך גענומען צו מיר. כאַרלאַם האָט אָנגעדרייט.

פֿאַרן אַנטלויפֿן, פֿאַרן אַרויסדרייען זיך פֿון אַרבעטס־לאַגער, און פֿאַר דעם, וואָס איך זאָל האָבן דאָס דאַרף געבונטעוועט און אַז איך האָב די אַלמנה דערהרגעט. און מען האָט מיך פֿאַרשפּאַרט הינטער אַ שלאָס. גוט וואָס מיר איז איינגעפֿאַלן אַ פֿאַדלאָגע־ברעט אויפֿצוברעכן און איך בין אַנט־לאָפֿן. אונטער דער ערד, אין דער הייל האָב איך זיך באַהאַלטן. איבער מיין קאָפּ האָט דאָס דאַרף געברענט. איך האָב נישט געזען. איבער מיר האָט זיך מיין ליב מאַמעלע אין טייך געוואָרפֿן. איך האָב נישט געוווּסט. אַלץ האָט זיך אַליין געמאַכט. די רויטאַרמייער האָט מען אין אַ באַזונדער שטוב אָפּגעפֿירט, מיט וויין אָנגעטרונקען, האָבן זיך אויף טויט איבערגעטרונקען. ביינאַכט, צוליבן אומפֿאַרזיכטיקן אומגיין־זיך מיט פֿייער, האָט זיך אָנ־געצונדן דאָס הויז און פֿון דעם, — די שכנותדיקע, די אייגענע, ווו דאָס פֿייער האָט אַרומגעכאַפּט, זענען אינדרויסן אַרויסגעשפּרונגען. און די פֿרעמדע, קיינער האָט זיי נישט אונטערגעצונדן, דאָס איז קלאָר, זיי זענען אַלע לעבעדיקערהייט פֿאַרברענט־געוואָרן, ביז איינעם. אונדזערע ווערע־טעניקער נשרפֿים האָט קיינער פֿון זייער היים נישט פֿאַרטריבן. זיי זענען אַליין אַנטלאָפֿן פֿון שרעק, עס זאָל נישט ווידער עפּעס געשען. און ווידער האָבן די היימישע פֿערד־פֿירער געהעצט: מען דערשיסט יעדן צענטן. איך האָב שוין קיינעם נישט געפֿונען. עס האָט אַלעמען איבער דער וועלט פֿאַר־יאָגט, זיי באַהאַלטן־זיך ערגעץ אויס.

5

דער דאָקטאָר מיט וואַסיאַן זענען געקומען קיין מאָסקווע אין פֿרי־לינג פֿון צוויי־און־צוואַנציקסטן יאָר, אין אָנהויב פֿון „נעפּ". עס זענען געשטאַנען ליכטיקע, וואַרעמע טעג. די זון־שפּילערייען האָבן זיך אָפּגע־שפּיגלט אין די גאָלדענע קופּאָלן פֿון דעם דערלייזער־טעמפּל. די שטראַלן זענען געפֿאַלן אויפֿן פּלאַץ, דעם אויסגעפֿלאַסטערטן מיט מעכטיקע, פֿיר־קאַנטיקע שטיינער, וואָס האָבן אויפֿגעברענט גראָז צווישן זייערע שפּאַלטן.

עס זענען אַראָפּגענומען־געוואָרן די פֿאַרבאָטן אויף פּריוואַטע איני־ציאַטיוו. עס איז דערלויבט־געוואָרן, אין באַשטימטע גרענעצן אַ פֿרייער האַנדל. אויפֿן אַלטוואַרג־פּלאַץ זענען דורך מאַרק־הענדלער געמאַכט גע־וואָרן געשעפֿטלעך מיט פֿאַרעלטערטע זאַכן. אָט די קליינע געשעפֿטלעך האָבן אַנטוויקלט ספּעקולאַציע און האָבן גורם געווען מיסברויכן. די שאַ־כער־מאַכער סוחרימלעך האָבן נישט געשאַפֿן קיין שום נייעס און נישט צוגעגעבן קיין שום וועזנטלעכס צו דער פֿאַרוויסטקייט פֿון דער שטאָט.

דאָס נוצלאָזע קויפֿן און פֿאַרקויפֿן, האָט פֿאַרצענפֿאַכט דעם פֿאַרקויפֿס־פּרייז, די הענדלער זענען נתעשר געוואָרן.

די אינהאָבער פֿון עטלעכע זייער באַשיידענע שטוב־ביבליאָטעקן האָבן צוזאַמענגעשלעפּט די ביכער פֿון זייערע שאַפֿעס ערגעץ־ווו, אויף איין אָרט. האָבן געמאָלדן אין שטאָט־ראַט וועגן זייער פּלאַן, צו עפֿענען אַ קאָאָפּעראַטיוו ביכער־פֿאַרקויף, אין אַ געהעריקן לאָקאַל־דערצו. זיי האָבן באַקומען, צו דעם צוועק, אַ שיך־סקלאַד, וואָס האָט געפּוסטעוועט פֿון די ערשטע חדשים פֿון דער רעוואָלוציע אָן, אָדער אַ ספּעקטן־אָרגאַנזשעריע, וועלכע איז אויך אין די צייטן געשלאָסן געוואָרן. פֿון אונטער זייערע ברייטע גלאָז־דעקן האָבן זיי אויספֿאַרקויפֿט זייערע אָרעמע און צופֿעליקע ביכער־זאַמלונגען.

פּרוען פֿון פּראָפֿעסאָרן, וועלכע האָבן אויך פֿריער, אין דער שווערער צייט, געבאַקן אין געהיים ווייסע בולקעלעך און זיי פֿאַרקויפֿט טראָץ דעם פֿאַרבאָט, — האָבן איצט געהאַנדלט מיט זיי אָפֿן אין עפּעס אַ ראָווערן־וואַרשטאַט, וואָס איז די אַלע יאָרן געווען אונטער רעגירונגס־אויפֿזיכט. זיי האָבן געענדערט זייער טאַקטיק, אָנגענומען די רעוואָלוציע און אָנגעהויבן צו זאָגן „אַזוי איז עס״ אַנשטאָט „יאָ״, אָדער „מילא״.

אין מאָסקווע האָט יורי אַנדרייעוויטש געזאָגט:

— מען וועט דאַרפֿן, וואַסיאַ, עפּעס־וואָס טון.

— איך מיין אַזוי, לערנען־זיך.

— דאָס פֿאַרשטייט־זיך.

— און נאָך אַ טרוים. איך וויל דער מאַמעס פּאָרטרעט מאָלן פֿון זכרון.

— זייער גוט. אָבער צו דעם דאַרף מען דאָך קענען צייכענען. האָסט ווען־עס־איז אַמאָל פּרובירט?

— אין אַפּראַקסינאַ, ווען דער פֿעטער האָט נישט געזען, האָב איך זיך געשפּילט מיט שמיר־קוילן.

— נו, וואָס־זשע. זאָל זיין אין אַ גוטער שעה. מיר וועלן פּרובירן.

קיין גרויסע פֿעיִקייטן צום צייכענען האָט וואַסיאַ נישט אַרויסגעוויזן, נאָר גענוג געווען מיטלמעסיקע פֿעיִקייטן, צו שיקן אים לערנען אין דער אָפּטיילונג פֿון פּראַקטישע צייכענונגען. דורך באַקאַנטשאַפֿט האָט אים יורי אַנדרייעוויטש איינגעאָרדנט אין דער אַלגעמיינער אויסבילדונגס־אָפּטיילונג פֿון דער געוועזענער סטראָגאַנאָוו־שולע, פֿון וואַנען מען האָט אים איבערגעפֿירט אויפֿן פּאָליגראַפֿישן פֿאַקולטעט. דאָ האָט ער געלערנט ליטאָגראַפֿישע טעכניק, דרוק־אַרבעט, איינבינדעריי און די קונסט פֿון באַצירן ביכער.

דער דאָקטאָר און וואַסיאַ האָבן פאַראייניקט זייערע באַמיונגען. דער דאָקטאָר האָט געשריבן קליינינקע ביכעלעך, איין דרוקבויגנדיקע, אויף פאַרשידענע געביטן, און וואַסיאַ האָט זיי געדרוקט אין דער דרוק־שולע, אַלס עקזאַמען־אַרבעטן, וואָס ווערן אין דעם לערן־פּראָגראַם אַריינגערעכנט. די ביכעלעך, אין אַ קליינעם טיראַזש, זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין די נייע געשעפטן פון אַלטע ביכער, וואָס עס האָבן געעפנט געמיינזאַמע באַקאַנטע.

די ביכעלעך האָבן אַנטהאַלטן יורי אַנדרייעוויטשעס פילאָזאָפיע, אַרבעטן אין וועלכע עס קומען צום אויסדרוק זיין קוק אויף דער מעדיצין, פעסטשטעלונגען וועגן געזונט און קראַנקהייט, געדאַנקען וועגן טראַנספאָרמיזם און עוואָלוציע, וועגן דער פערזענלעכקייט ווי אַ ביאָלאָגישער יסוד פון אָרגאַניזם, יורי אַנדרייעוויטשעס אָנשויאונגען וועגן געשיכטע און רעליגיע, וואָס זענען נאָענט צו די אנשויאונגען פון דעם פעטערל און סימושקען; באַשרייבונגען פון פוגאַטשאָווס אָרטשאַפטן, וועלכע דער דאָקטאָר האָט באַזוכט; ווי אויך זיינע דערציילונגען און געדיכטן.

די אויפקלערונגס־אַרבעטן זענען צוזאַמענגעשטעלט־געוואָרן, אין דער פאָרם פון שמועסן, צוגענגלעך פאַר יעדן איינעם, דאָך זענען זיי ווייט געווען פון דעם ציל, וואָס עס שטעלן־זיך פאַרשפּרייטער פון וויסן צווישן פאָלק, דערפאַר ווייל, זיי האָבן אין זיך אַנטהאַלטן מיינונגען שטרייטבאַרע, טראָציקע, נישט גענוג דורכגעקאָנטראָלירטע, אָבער תמיד לעבעדיקע און אָריגינעלע. די ביכעלעך זענען זיך צעגאַנגען. די פאַרערער האָבן זיי געשעצט.

אין יענער צייט איז אַלץ געוואָרן אַ ספּעציאַליטעט. דיכטונג, קינסטלערישע איבערזעצונגען, וועגן אַלץ איז געשריבן־געוואָרן טעאָרעטישע פאָרשונגס־אַרבעטן, פאַר אַלץ האָט מען געשאַפן אינסטיטוטן. עס זענען אויפגעקומען פאַרשידנאַרטיקע פאַלאַצן פאַר גייסט, אַקאַדעמיעס פאַר קינסטלערישע אידייען. אין אַ העלפט פון די דאָזיקע אויפגעבלאָזענע אַנשטאַלטן, איז יורי אַנדרייעוויטש געווען דאָקטאָר און לעקטאָר.

אַ לאַנגע צייט זענען דער דאָקטאָר און וואַסיאַ געווען באַפריינדעט און געלעבט צוזאַמען. פאַר דער צייט, האָבן זיי געטוישט אָן אַ צאָל צימערן און האַלב־חרובע ווינקעלעך, נישט־באַווינטע, וויסטע און אומבאַקוועמע.

באַלד, נאָך זיין אָנקומען קיין מאָסקווע, האָט יורי אַנדרייעוויטש באַזוכט זייער אַלט הויז אויף סיווצעוו־גאַס, דאָרט האָט ער זיך דערוווסט, אַז זיין משפחה, דורכפאָרנדיק מאָסקווע, איז אַהין נישט פאַרפאָרן. זייער אַרויסשיקונג האָט אַלץ געענדערט. די באַשטימטע צימערן פאַרן דאָקטאָר

און די זייניקע, זענען געווען באַזעצט. פון זיינע און זיין משפחהס איבערגעלאָזענע זאַכן, איז גאָרנישט פאַרבליבן. פון יורי אַנדרייעוויטשן האָט מען זיך צוריקגעצויגן, ווי פון אַ באַקאַנטן, וועלכער ברענגט מיט זיך סכנה.

מאַרקעל האָט פאַר דער צייט אַוואַנסירט און אין סיווצעוו האָט ער זיך מער נישט געפונען. ער איז מגולגל־געוואָרן אין אַ קאָמענדאַנט אין מוטשנוי־גאָראַדאָק, (מעל־שטעטל). לויט די אַרבעטס־באַדינגונגען, איז אים געקומען פאַר אים און זיין משפחה, אַ וווינונג פון אַ פאַרוואַלטער. נאָר ער האָט בעסער געוואָלט וווינען אין דעם אַלטן וועכטער־שטיבל מיט דער ערד פאַדלאָגע, ווו עס איז דאָ וואַסער־לייטונג און אַ גרויסער רוסישער אויוון איבער דער גאַנצער וווינונג. אין אַלע בלאָקן פון מוטשנוי־גאָראַדאָק — האָבן ווינטער געפּלאַצט די רערן פון וואַסער־לייטונג און באַהייצונג. און בלויז אין דעם וועכטער־הייזל איז געווען וואַרעם און דאָס וואַסער איז נישט געפרוירן־געוואָרן.

אין צווישנצייט איז אין די באַציאונגען צווישן דאָקטאָר מיט וואַסיאַן פאָרגעקומען אַן אָפּקילונג. וואַסיאַ האָט זיך אומגעווייִנלעך אַנטוויקלט. ער האָט געגומען רעדן און דענקן בכלל נישט אַזוי, ווי עס האָט גערעדט און געדענקט דאָס באָרוועסע און באַוואַקסענע ייִנגל ביים טייך פעלגאַ אין ווערעטעניקי. די פּראָקלאַמירטע רעוואָלוציאָנערע אמתן, די וואַרשיינלעכקייט פון זעלבסט־עקזאַמען, האָבן אים אַלץ מער און מער פאַרכאַפּט מיט זייער קלאָרקייט. די נישט גאַנץ פאַרשטענדלעכע, בילדלעכע שפּראַך פון דאָקטאָר, האָט זיך אים געדאַכט, איז די שטים פון אומגערעכטיקייט, וועלכע איז שוין ווי פאַרמשפּט, וועלכע פאַרשטייט איר שוואַכקייט און דערפאַר איז זי אַ פאַראיבערגייענדיקע.

דער דאָקטאָר איז אַרומגעגאַנגען איבער פאַרשידענע ביוראָען. ער האָט זיך באַמיט וועגן צוויי ענינים: וועגן פּאָליטישן ריינוואַשן זיין פאַמיליע און געזעצלעך מאַכן זייער אומקערן־זיך אין היימלאַנד, און וועגן אַן אויסלאַנדס־פּאַס פאַר זיך און אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן נאָך זיין ווייב און קינדער קיין פאַריז.

וואַסיאַ האָט זיך געוווּנדערט אויף דער קאַלטקייט און פוילקייט פון דאָקטאָרס באַמיונגען. צו־אייליק און צו־פרי האָט יורי אַנדרייעוויטש פעסטגעשטעלט די דורכפאַלן פון זיינע אָנגעווענדעטע באַמיונגען, צו־זיכער און כמעט מיט באַפרידיקונג האָט ער דערקלערט וועגן דער צוועקלאָזיקייט פון זיינע ווייטערדיקע פּרוּוון.

וואַסיאַ האָט אַלץ אָפטער באַשולדיקט דעם דאָקטאָר. יענער האָט זיך נישט באַליידיקט אויף אים, פאַר זיינע גערעכטע מוסר־רייד. נאָר זיינע באַציונגען מיט וואַסיאַן זענען קאַליע־געוואָרן. צום סוף איז זייער פריינט־

שאַפֿט אינגאַנצן איבערגעריסן־געוואָרן און זיי זענען זיך צעגאַנגען. דער דאָקטאָר האָט איבערגעלאָזן וואָסיאַן דאָס צימער וואָס ער האָט פֿאַרנומען צוזאַמען מיט אים, און אַליין איז ער אַריבער אין מוטשנוי־גאַראַדאָק, ווו דער אַלמעכטיקער מאַרקעל האָט אים אָפּגעצוימט אַ ווינקל פֿון סווענטיצקיס געוועזענער וווינונג, וועלכער איז באַשטאַנען פֿון: סווענטיצקיס אַלט, נישט־טעטיק וואַנע־צימער, אַן איין־פֿענצטערדיק צימער דערנעבן, און אַ האַלב־חרובע קיך, מיט אַ הינטערשטן האַלב־איינגעפֿאַלענעם אַרייַנגאַנג. יורי אַנדרייעוויטש האָט זיך אַהער אַריבערגעצויגן און נאָכן אַריבערציִען־זיך, האָט ער אָוועקגעוואָרפֿן די מעדיצין, פֿאַרוואָרלאָזט געוואָרן, אויפֿגעהערט צו באַגעגענען־זיך מיט באַקאַנטע און געליטן נויט.

6

עס איז געווען אַ גרויער, ווינטערדיקער זונטיק־טאָג. דער רויך פֿון אויוונס האָט זיך זיילנווייז נישט אויפֿגעהויבן איבער די דעכער, נאָר מיט שוואַרצע שטראָמלעך געריכערט פֿון פֿענצטער־לופֿטשיקעס, נישט־קוקנדיק אויפֿן פֿאַרבאָט, זענען דאָרט דורכגעפֿירט־געוואָרן די בלעכענע קוימען־רערן פֿון אַרייַנגעשטעלטע אייזערנע אויוועלעך. דער שטאָטישער לעבנס־שטייגער האָט זיך נאָך אַלץ נישט איינגעסדרט. די איינוווינער פֿון מוטשנוי־גאַראַדאָק זענען אַרומגעגאַנגען אומגעוואַשענע, שמוציקע, האָבן באַקומען פֿרישטשעס, געפֿרירט און זיך צוגעקילט.

לכבוד זונטיק, איז די גאַנצע משפּחה פֿון מאַרקעל שטשאַפּאָוו, געווען צוזאַמען.

די שטשאַפּאָווס האָבן געגעסן מיטאָג אויפֿן זעלבן טיש, אויף וועלכן מען פֿלעגט אין די צייטן פֿון דער נאָרמירטער ברויט־פֿאַרטיילונג אויף קאַרטן, שניידן יעדן פֿאַרטאָג מיט שערעלעך די ברויט קופּאָנען, פֿאַר די איינוווינער פֿון גאַנצן הויז: סאָרטירן, באַרעכענען, פֿאַרוויקלען אין פּאַפּירענע בייטעלעך, לויט קאַטעגאָריעס, אָוועקטראָגן אין ברויט־מאַגאַזין און דערנאָך, זיך אומקערנדיק פֿון דאָרט, — געפּליקט, געשניטן, געטיילט און צעוויגן דאָס ראַציע־ברויט פֿאַר די איינוווינער פֿון שטעטל. איצט איז דאָס אַלץ געוואָרן אַ טראַדיציע. די באַשפּייזונגס־רעגיסטראַציע האָט אַנגענומען פֿולמאַכט־פֿאָרמען, אויף דעם דאָזיקן לאַנגן טיש האָבן זיי געגעסן מיט אַפּעטיט, אַז עס האָט געקנאַקט הינטער די אויערן, זיי האָבן געקייט און זיך באַלעקט.

אַ העלפֿט פֿון דעם וואַך־שטיבל האָט פֿאַרנומען דער אינמיטן אַרויסשטאַרצנדיקער, ברייטער, רוסישער אויוון, וואָס איז באַהאַנגען מיט אַ גע־

שטעפּטער קאָלדרע. אין דער פֿאָדערשטער וואַנט, ביים אַריינגאַנג, האָט געשטאַרצט איבער דער שיסל אַ קראַן פֿון דער וואַסערליייטונג. ביי די זייטן האָבן זיך געצויגן בענק און אונטער זיי זעק מיט אַלטוואַרג. די לינקע זייט האָט פֿאַרנומען דער קיך־טיש, איבער אים איז געהאַנגען, צו דער וואַנט צוגעקלאַפּט, אַ געפּעס־פּאָליצע.

דער אויוון האָט זיך געהייצט. אין וואַך־שטיבל איז געווען הייס. פֿאַרן אויוון, מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל איבער די עלנבויגנס, איז גע־שטאַנען מאַרקעלס ווייב, אַגאַפּיאַ טיכאָנאָוואַ און האָט, מיט אַ לאַנגן שאַר־שטעקן איבערגערוקט די טעפּ אין אויוון, לויט ווי עס איז נויטיק געווען. איר שוויסיק געזיכט איז צייטנווייז פֿאַרפּלאָמט־געוואָרן מיטן פֿלאַם פֿון אויוון־זשאר און צייטנווייז פֿאַרנעפּלט־געוואָרן מיט דער פּאַרע פֿון די געקעכטסן. אָפּרוקנדיק די טעפּ אָן אַ זייט, האָט זי אַרויסגעשאַרט פֿון דער טיף אַ קוכן אויף אַ בלעכענע פּלאַטע. מיט אַ האַנט־באַוועגונג האָט זי אים איבערגעקערט מיט דער פֿאַרברוינטער זייט אַראָפּ און אים צוריק אַריינגערוקט אויף אַ מינוט, צוצוברוינען. יורי אַנדרייעוויטש איז אַריינ־געקומען.

— זייט געבענטשט מיט ברויט און זאַלץ.

—זיי אַזוי פֿריינטלעך, מיט בעטן דיך. זיץ, זיי אונדזער גאַסט.

— אַ דאַנק. איך האָב שוין געמיטאָגט.

— מיר קענען דיינע מיטאָגן. וואָלסט זיך געזעצט און געגעסן אַביסל וואַרעמס. גרימאַשיע נישט. איינגעדעמפּטע קאַרטאָפּעלעך. אַ קוכן מיט קאַשע, פּאַשטעט.

— ניין, אינדערמאמתן, אַ דאַנק. אַנטשולדיקט מאַרקעל, וואָס איך קום אָפּט און קיל דיר אויס די וווינונג. איך וויל אויף אַמאָל מער וואַסער אָנגרייטן. איך האָב אָפּגערייניקט סווענטיצקיס צינק־וואַנע ביז צום גלאַנצן, וועל אָנפּילן פֿול מיט וואַסער אויך די בעקנס. אַמאָל פֿינף אָדער צען וועל איך נאָך אַריינקומען און דערנאָך, וועל איך גאַנץ לאַנג אייך נישט דערעסן. זיי מוחל, איך בעט דיך, וואָס איך קום. אויסער דיר, האָב איך נישט צו־ווענען.

— גיס וויפֿל דו ווילסט, איך זשאַלעווע נישט. קיין סיראָפּ איז נישטאָ, נאָר וואַסער, וויפֿל דו ווילסט. נעם אומזיסט. מיר האַנדלען נישט דערמיט.

אַרום טיש האָט מען זיך צעלאַכט.

ווען יורי אַנדרייעוויטש איז צום דריטן מאָל אַריינגעקומען נאָכן פֿינפֿטן און זעקסטן עמער וואַסער, האָט זיך שוין דער טאָן אַ ביסל גע־ענדערט און דער שמועס איז אַוועק אויף אַן אַנדער אופֿן.

— די אײדעמס פֿרעגן־זיך, װער דו ביזט אַזעלכער. זאָג איך זײ, גלױבן זײ נישט. אָבער דו, נעם־אָן װאַסער, זאָל דיך נישט אַרן. נאָר אױף דער פּאַדלאָגע פּאַרגיס נישט, פּױלאַק. זעסט, די שװעל האָסטו פּאַרכליאַפּעט. עס װעט פֿאַרפֿרױרן־װערן. נישט דו װעסט שפּעטער קומען דעם אײז אָפּהאַקן. די טיר מאַך פֿעסטער צו, צעטראַגענער, — פֿון דרױסן ציט אַ קעלט. יאָ, דערצײל איך די אײדעמס, װער דו ביזט אַזעלכער, גלױבן זײ נישט. װיפֿל האָט מען אױף דיר געלט געפּטרט! געלערנט, געלערנט, און די גאַנצע מי איז אַרױסגעװאָרפֿן.

װען יורי אַנדרײעװיטש איז אַרײנגעקומען דאָס פֿינפֿטע, אָדער דאָס זעקסטע מאָל, האָט זיך מאַרקעל אָנגעכמורעט:

— נו, איך דערלױב נאָך אײנמאָל דיר און — באַסטאַ. מען דאַרף, ברודער, ערלעך זײן. דו האָסט דאָ אונדזער קלענערע, מאַרינאַ, אַלס פֿאַרטײדיקערין, װען נישט, װאָלט איך נישט באַמערקט, אַז דו ביסט אַ מענטש פֿון אַדל און איך װאָלט די טיר פֿאַרמאַכט. געדענקסט מאַרינאַן? אָט איז זי, אין עק טיש, די שװאַרצינקע. זעסט, זי האָט זיך פֿאַרױטלט. באַלײדיק אים נישט, זאָגט זי, טאַטקעלע. און װער טשעפּעט דיר? אױפֿן הױפּט־טעלעגראַף אַלס טעלעגראַפֿיסטקע אַרבעט זי, מאַרינאַ, אױסלענדיש פֿאַרשטײט זי. ער איז, זאָגט זי, אַן אומגליקלעכער. פֿאַר דיר איז זי גרײט אַפֿילו אין פֿײער אַרײן, אַזױ האָט זי מיטלײד מיט דיר. צי בין איך דיר דען שולדיק, װאָס דו האָסט זיך נישט געװיזן? נישט געדאַרפֿט קײן סיביר אַנטלױפֿן, פֿאַרלאָזן די הײם אין אַזאַ געפֿערלעכער צײט. איר זענט זיך אַלײן שולדיק. אָט זענען מיר די גאַנצע הונגער־צײט, די גאַנצע בלאָקאַדע־צײט פֿון די װײסע, דאָ איבערגעזעסן, זיך פֿון אָרט נישט גערירט און מיר זענען גאַנץ געבליבן. האָב פֿאַראיבל אױף זיך אַלײן. טאָניאַן האָסטו נישט אָפּגעהיטן. איבער דעם אױסלאַנד שלעפּט זי זיך אַרום. עס איז דײן זאַך, נישט מײנע. נאָר װער נישט בײז, װעל איך דיך פֿרעגן: װו טוסטו אַהין אַזאַ װאַסער־פֿאַרפּלײצעניש? דו האָסט זיך נישט אונטערגענומען אַמאָל דעם הױף צו באַגיסן, ער זאָל געפֿרױרן־װערן צום גליטשן־זיך? עך, דו! װי זאָל מען זיך בײזערן אױף דיר, דו קורטשאַק.

װידער האָט מען זיך בײם טיש צעלאַכט. מאַרינאַס אומצופֿרידענער בליק, האָט אַלעמען אַרומגענומען, זי האָט זיך אױפֿגערעגט און גענומען זײ אַרײנזאָגן. יורי אַנדרײעװיטש האָט דערהערט איר שטים, װאָס האָט אים דערשטױנט, נאָר ער האָט נאָך נישט באַנומען די געהײמניש.

— עס איז דאָ אַ סאַך צו װאַשן איך שטוב, מאַרקעל. מען דאַרף אױפֿרױמען. די פּאַדלאָגעס. איך װיל אױך אַ ביסל װעש אױסװאַשן.

בײם טיש האָט מען זיך גענומען װונדערן.

— און עס איז דיר נישט קיין חרפה אַזוינס צו זאָגן, נישט רעדנדיק שוין פון טון? אַ כינעזישע וועשערין ביזטו, צי וואָס?

— —יורי אַנדרייעוויטש, דערלויבט, וועל איך צו אייך מיין טאָכטער אַריינשיקן. זי וועט צו אייך קומען, וועש אויסוואַשן, אויפרוימען, צעריסנס פאַריכטן. דו שרעק זיך נישט פאַר זיי, טעכטערל. דו זעסט דאָך, זיי זענען נישט גלייך צו אַלע. ווי דעלעקאַטנע זיי זענען. קיין פליג וועלן זיי נישט באַליידיקן.

— נייך, וואָס רעדט איר, אגאפיא טיכאָנאָווא, מען דאַרף נישט. איך וועל קיינמאָל נישט איינשטימען, אַז מאַרינא זאָל פאַר מיר זיך דאַרפן איינשמירן, פאַטשקען. וואָס פאַר אַ שוואַרצע־אַרבעטערין איז זי עפּעס פאַר מיר? איך וועל מיך באַגיין און אַליין טון.

— איר מעגט זיך איינשמירן און איך נישט? וואָס פאַר אַן איינ־געשפּאַרטער איר זענט, יורי אַנדרייעוויטש. פאַרוואָס טרייסלט איר זיך־אָפּ? און אויב איך וועל זיך פאַרבעטן צו אייך אין געסט, צי וועט איר דען אַרויסטרייבן?

מאַרינא האָט געקענט ווערן אַ זינגערין, איר זינגענדיקע, ריינע שטים איז געווען אַ הויכע און אַ שטאַרקע. מאַרינא האָט נישט גערעדט הויך, איר שטים איז שטאַרקער ווי מען דאַרף צום שמועסן און זי האָט זיך נישט אַריינ־געפּאַסט אין איר, נאָר, זיך אָפּגעזונדערט פון איר. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שטים גייט אויף פון צוויטן צימער און געפינט־זיך ערגעץ הינטער איר פּלייצע. די דאָזיקע שטימע איז געווען איר פאַרטיידיקערין, איר מלאך־באַשיצער.

פון דעם דאָזיקן זונטיקדיקן וואַסער־טראָגן, האָט זיך פאַרבונדן אַ פריינטשאַפט צווישן דאָקטאָר און מאַרינאַן. זי איז אָפט אַריינגעקומען צו אים, כדי צו העלפן אין דער באַלעבאַטישקייט. איינמאָל איז זי פאַר־בליבן ביי אים און האָט זיך מער נישט אומגעקערט אין דעם וואַך־שטיבל. אַזוי איז זי געוואָרן יורי אַנדרייעוויטשעס דריט ווייב, נישט פאַררעגיס־טרירנדיק־זיך אין „זאגס" (הייראַטס־רעגיסטראַציע־ביוראָ), און נישט אָפּגטנדיק דער ערשטער. עס זענען געבוירן־געוואָרן קינדער ביי זיי. די שטשאַפּאָוס, פאָטער און מוטער, האָבן נישט אָן שטאָלץ גענומען רופן דער טאָכטער „דאָקטאָרשע". מאַרקעל האָט געוואָרטשעט, וואָס יורי אַנדריי־עוויטש האָט נישט חתונה מיט מאַרינאַן און וואָס זיי פאַרשרייבן זיך נישט אין „זאגס". „צי ביזטו געווירט — האָט דערווידערט זיין ווייב — ווי אַזוי וועט זיך עס באַקומען, ווען עס לעבט אַנטאָנינאַ? אַ דאָפּלטע הייראַט?". „ביזט אַליין אַ נאַר, — האָט מאַרקעל געענטפערט, — וואָס האָבן מיר אויף

טאַניאַן צו קוקן. טאַניא איז אַזוי ווי נישטאָ, קיין שום געזעץ וועט זיך פאַר איר נישט אָננעמען.

יורי אַנדרייעוויטש האָט אַמאָל געזאָגט אין שפּאַס, אַז זייער דער־נענטערונג איז געווען אַ ראָמאַן אין צוואַנציק עמערס, ווי עס זענען דאָ ראָמאַנען אין צוואַנציק קאַפּיטלעך, אָדער אין צוואַנציק בריוו.

מאַרינאַ האָט מוחל געווען דעם דאָקטאָר זיין אויסטערלישע צע־שטרייטקייט, וואָס האָט אים לעצטנס באַהערשט, זיינע קאַפּריזן פון אַן אָפּגעלאָזענעם מענטשן, ווען עס איז קלאָר געווען זיין מענטשלעכע גע־פאַלנקייט, דער שמוץ און אומאָרדענונג, וואָס ער האָט אַנגעמאַכט. זי האָט געדולדעט זיין וואָרטשען, זיין טראַציקייט און אויפגערייצט־ווערן.

איר זעלבסט־אָפּפערונג איז געגאַנגען נאָך ווייטער. ווען צוליב זיין שולד, זענען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ זעלבסט־געשאַפענער, אייגנוויליקער נויט, האָט מאַרינאַ, כדי נישט איבערצולאָזן אים אַליין, אַוועקגעוואָרפן איר שטעלע, ווו מען האָט זי אַזוי געשעצט און ווו מען האָט זי שפּעטער גערן צוריקגענומען נאָך אַזאַ הפסקה. אונטערוואַרפנדיק זיך די פאַנטאַ־זיעס פון יורי אַנדרייעוויטשן, האָט זי זיך אַוועקגעלאָזן מיט אים איבער די הויפן, אויף פאַרדינסטן. ביידע האָבן זיי געשניטן האָלץ פאַר די איינוווינער אויף פאַרשידענע שטאָקן. אייניקע, באַזונדערס רייך־געוואָרענע ספּעקו־לאַנטן אין אָנהויב פון „נעפּ“, נאָענט־שטייענדיקע צו דער רעגירונג און מענטשן פון וויסנשאַפט און קונסט, האָבן גענומען איינאָרדנען־זיך און אויסמעבלירן זייערע דירות. איינמאָל האָבן יורי אַנדרייעוויטש און מאַרינאַ, געטרעטן פאַרזיכטיק מיט די ווויליקעס איבער אַ טעפּיך, אַז זיי זאָלן אים נישט פאַרשמוצן מיט קיין זעגעכטס, און אַנגעטראָגן אַ האָלץ־זאַפּאַס אין דעם קאַבינעט פון אַן איינוווינער, וועלכער האָט אויף אַ באַ־ליידיקנדיקן אופן זיך־פאַרטיפט אין לייענען, נישט שענקנדיק די האָלץ־העקער אפילו אַ בליק. מיט זיי האָט זיך דערערדט, זיך געשאַפן און אָפּ־גערעכנט די באַלעבאַסטע.

„צו וואָס איז דער חזיר אַזוי צוגעשימדט?“ — האָט זיך פאַר־אינטערעסירט דער דאָקטאָר. — „וואָס פאַרצייכנט ער אַזוי בייז מיטן בלייפעדער?“

פאַרבייגנדיק מיטן האָלץ פאַרן שרייב־טיש, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אַראָפּ, הינטער דער פּלייצע פון דעם לייענענדיקן. אויפן טיש זענען געלעגן די ביכלעך פון יורי אַנדרייעוויטשן אין וואַסיאַס ערשטע „וכוּ־טאַמאַס“־אויפלאַגע.

7

מאַרינאַ מיטן דאָקטאָר האָבן געוווינט אויף דער ספּירידאָנאָווקאַ־גאַס. גאָרדאָן האָט געדונגען אַ צימער דערנעבן, אויף דער מאַלאַיאַ בראָנאַיאַ. מאַרינאַ און דער דאָקטאָר האָבן געהאַט צוויי מיידעלעך, קאַפּקאַ און קלאַשקאַ. קאַפּיטאָלינאַ־קאַפּעלקאַ איז אַלט געווען זיבן יאָר און קלאַוודיאַ — זעקס חדשים.

דער אָנהויב זומער פון טויזנט־ניין־הונדערט ניין־און־צוואַנציקסטן יאָר, איז געווען אַ הייסער. באַקאַנטע זענען דורך צוויי־דריי גאַסן אריבערגעלאָפן, אָן קאַפּעלושן און אָן רעקלעך, איינער צום אַנדערן אין געסט.

גאָרדאָנס צימער איז געווען עפּעס משונהדיק. אויפן אָרט פון דעם צימער איז אַמאָל געווען אַ מאָדישער שניידער־וואַרשטאַט מיט צוויי אָפּטיילונגען: אונטן און אויבן. לענגאויס ביידע אָפּטיילונגען, צו דער גאַס־צו, איז געווען איין לאַנגע, שפּיגלדיקע וויטרינע. איבערן גלאָז פון דעם שויפענצטער איז, מיט אַ גאָלדענער שריפט, געווען אָנגעשריבן די פאַמיליע פון דעם שניידער און זיין אָרט אַרבעט. אינווייניק, פון דער צווייטער זייט שויפענצטער, האָבן זיך געהויבן געדרייטע טרעפּ פון דער אונטערשטער, צו דער אויבערשטער אָפּטיילונג.

איצט זענען פון דעם לאָקאַל געמאַכט־געוואָרן דריי וווינונגען.

מיט דער הילף פון צוגאָב־ווענטלעך, איז דער שניידער־וואַרשטאַט איינגעטיילט־געוואָרן אין אויסגעשפּראָכענע אַנטרעסאָלן, מיט דעם גרויסן פענצטער, צווישן די אָפּטיילונגען וואָס איז אויסטערליש פאַר וווינונגס־צימערן. דאָס פענצטער איז געווען אַ מעטער הויך און האָט זיך אָנגעהויבן גלייך פון דער פאָדלאָגע. די שויבן זענען באַדעקט געווען מיט די רעשט־לעך גאָלדענע בוכשטאַבן, וואָס צווישן זיי, האָט מען געקענט זען ביז די קני, די פיס פון די אַנוועזנדיקע אין צימער. אין דעם צימער האָט געוווינט גאָרדאָן. ביי אים זענען געזעסן זשיוואַגאָ, דודאָראָוו און מאַרינאַ מיט די קינדער. להיפך צו די דערוואַקסענע, האָט מען די קינדער געזען אין זייערע פולער גרויס, אין פענצטער־ראַם. אינגיכן איז מאַרינאַ מיט די מיידעלעך אַוועק. די דריי מענער זענען אַליין געבליבן.

עס איז אָנגעגאַנגען צווישן זיי אַ שמועס, איינער פון די זומערדיקע, פוילע, נישט־געאײַלטע שמועסן, וואָס עס פירן־זיך צווישן שולחברים, נאָך יאָרן פריינטשאַפט, וואָס מען געדענקט נישט זייער צאָל.

ווי פירן זיך עס געוויינלעך, אַזעלכע שמועסן?

איינער פאַרמאָגט אַ גענוגנדיקן ווערטער־זאַפּאַס, וואָס באַפרידיקן

אים. אַזאַ מענטש רעדט און דענקט נאַטירלעך און מיט אַ צוזאַמענהאַנג. אין דער דאָזיקער לאַגע איז געווען בלויז יורי אַנדרייעוויטש.

זיינע חברים האָט נישט געקלעקט די נויטיקע אויסדריקן. זיי האָבן נישט באַהערשט דעם רעדנער־טאַלאַנט. צו דערגאַנצן זייער אָרעמען ווער־טער באַזיץ, האָבן זיי רעדנדיק, אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער, פאַר־צויגן דעם פּאַפּיראָסן־רויך, געפאָכעט מיט די הענט און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט איינס און דאָס זעלבע:

— דאָס, ברודער, איז נישט ערלעך. אַזוי איז עס. נישט ערלעך. יאָ, יאָ, נישט ערלעך.

זיי האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון דערפון, אַז די דאָ־זיקע איבעריקע דראַמאַטישקייט, איז בכלל נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער התלהבות און ברייטקייט פון זייער כאַראַקטער, נאָר פאַרקערט, זי דריקט־אויס אַ געוויסן פּגם אין זייער גייסטיקער שלימות.

גאָרדאָן און דודאָראָוו האָבן געהערט צו אַ געקליבענעם פּראָ־פעסאָרן־קרייז. זיי האָבן פאַרבראַכט זייער לעבן צווישן גוטע ביכער, גוטע דענקער, גוטע קאָמפּאָזיטאָרן, גוטע מוזיק, נעכטן און היינט, תמיד — גוטער און בלויז גוטער מוזיק. און זיי האָבן נישט געוווסט, אַז די מיטל־מעסיקייט פון געשמאַק איז ערגער, ווי געשמאַקלאָזיקייט.

גאָרדאָן און דודאָראָוו האָבן אַפילו נישט געוווסט, אַז די פאָרוואורפן, מיט וועלכע זיי האָבן באַשאָטן זשיוואַגאָן, קומען נישט פון דעם איבער־געגעבנקייטס־געפיל צו זייער פריינט און פון פאַרלאַנג צו באַווירקן אים, נאָר זיי שטאַמען פון דעם נישט קענען פריי דענקען און פירן, לויט זייער ווילן, דעם שמועס. דער פאַנאַנדערגעיאָגטער וואָגן פון שמועס האָט זיי פאַרטראָגן אַהין, ווו זיי האָבן בכלל נישט געוואָלט. זיי זענען מער נישט בכוח געווען אים צו קירעווען. אינעם גאַנג פון מוסר־זאָגן, זענען זיי אַרויס מיט דרשות און מוסר־השכל׳ס וועלכע האָבן פּוגע געווען יורי אַנדרייעוויטשן.

ער האָט געזען דורך־און־דורך די טרייב־קראַפט פון זייער פּאַ־טאָס, דעם אופן פון זייער מיטגעפיל, דעם מעכאַניזם פון זייער דענקען. דאָך, האָט ער זיי נישט געקענט זאָגן: „טייערע פריינט, אָ, ווי האָפנונגס־לאָז אומקולטערעל, אָרדינער איר זענט און דער קרייז, וועלכן איר שטעלט מיט־זיך פאָר, ווי אויך דער גלאַנץ און די קונסט פון אייערע באַליבטע נעמען און אויטאָריטעטן. דאָס איינציקע לעבעדיקע און ליכטיקע אין אייך איז דאָס, וואָס איר האָט געלעבט אין איין צייט מיט מיר און איר האָט מיך געקענט". נאָר וואָס וואָלט געווען, ווען מען וואָלט געקענט מאַכן

פֿאַר פֿריינט אַזאַ ענלעכע דערקלערונג! און כּדי זיי נישט מצער צו זיין, האָט יורי אַנדרייעוויטש אונטערטעניק זיי אויסגעהערט.

דודאָראָוו איז ערשט נישט לאַנג אָפּגעקומען זיין ערשטע פֿאַרשיקונג און צוריקקומענדיק, האָט ער צוריק באַקומען זיינע רעכט, וועלכע זענען אים צייטווייליק צוגענומען געוואָרן. — עס איז אים דערלויבט געוואָרן צו באַנייען זיינע פֿאַרטראַגן און זיין אַרבעט אין אוניווערזיטעט.

איצט האָט ער פֿאַרטרויט זיינע פֿריינט וועגן די געפֿילן און וועגן זיין געמיט־צושטאַנד אין דער פֿאַרשיקונג. ער האָט גערעדט מיט זיי אָפֿנהערציק און אָן צביעות. זיינע באַמערקונגען זענען נישט געווען פֿון פּחדנות אָדער צוליב זייטיקע געדאַנקען.

ער האָט געזאָגט, אַז די באַשולדיקונגס־באַווייזן, די באַציִונג צו אים אין תּפֿיסה און נאָכן באַפֿרייען, און באַזונדערס די שמועסן אויג־אויף־אויג מיטן אויספֿאַרשער, האָבן דורכגעלופֿטערט זיינע געהירן און אים פּאָליטיש איבערדערצויגן, אַז ער האָט אויף אַ סאַך זאַכן די אויגן געעפֿנט, אַז אַלס מענטש איז ער אויסגעוואַקסן.

דודאָראָווס געדאַנקען זענען גאַרדאַנען געווען נאָענט צום האַרצן דווקא צוליב זייער אויסגעדראָשנקייט. ער האָט מיטפֿילנדיק צוגעשאָקלט אינאָקענטי׳ן מיטן קאָפּ און מיט אים איינגעשטימט. דווקא דאָס סטערע־אָטיפּישע אין די רייד און געפֿילן פֿון דודאָראָוון, האָט באַזונדערס גערירט גאָרדאָנען. אין דער נאָכאָמונג פֿון די פּאָפּולערע געפֿילן האָט ער געזען דאָס מענטשלעכע.

אינאָקענטיס ווילטעטיקע רעדעס זענען געווען אין גייסט פֿון דער צייט. נאָר דווקא די געזעצמעסיקייט, די דורכזיכטיקייט פֿון זייער צביעות, האָבן אויפֿגעברויזט יורי אַנדרייעוויטשן. אַ מענטש, וואָס איז נישט פֿריי, אידעאַליזירט תּמיד זיין געפֿאַנגענשאַפֿט. אַזוי איז געווען אין מיטל־אַלטער און אויף דעם האָבן תּמיד געשפּילט די יעזואיטן. יורי אַנדרייע־וויטש האָט נישט פֿאַרטראָגן דעם פּאָליטישן מיסטיציזם פֿון דער סאָ־וויעטישער אינטעליגענץ, איר העכסטע דערגרייכונג, אָדער, ווי מען וואָלט עס דאַן געזאָגט, — דער גייסטיקער סופּיט פֿון דער עפּאָכע. יורי אַנדריי־עוויטש האָט פֿאַרהוילן פֿון זיינע פֿריינט אויך דעם דאָזיקן איינדרוק, כּדי זיך נישט צו צעקריגן.

נאָר אים האָט פֿאַראינטערעסירט אינגאַנצן עפּעס אַנדערש: דודאָ־ראָווס דערציילונג וועגן באָניפֿאַטי אָרלעצאָוון, אינאָקענטיס חבֿר פֿון דער תּפֿיסה־צעלע, דער גייסטלעכער טיכאָנאָוויעץ. דער אַרעסטירטער האָט געהאַט אַ זעקס־יעריק טעכטערל כריסטינאַ. דער אַרעסט און דער ווייטער־דיקער גורל פֿון געליבטן פֿאָטער, זענען געווען פֿאַר איר אַ שווערער

קלאַפּ. די ווערטער „קולט־משרת", „רעכטלאָזער" און ענלעכע, האָבן איר אויסגעזען ווי אומווירדיקע פּלעקן. די דאָזיקע פּלעקן האָט זי, וויזט־אויס, זיך געשווירן אין איר הייס, קינדעריש הערצל אָפּצוואַשן, ווען־עס־איז, פון פּאַטערס גוטן נאָמען. אַזאַ ווייטער און פרי זיך־געשטעלטער ציל, וואָס האָט געפלאַמט אין איר מיט אַן אומאויסלעשבאַרן באַשלוס, האָט איר שוין היינט, פאַרוואַנדלט אין אַ קינדעריש־באַגייסטערטער נאָכ־פאָלגעריך פון קאָמוניזם, וועלכער האָט זיך איר אויסגעזען אַממערסטן אומבאַשטרייטבאַר.

— איך גיי אַוועק, — האָט יורי אַנדרייעוויטש געזאָגט — זיי נישט בייז אויף מיר, מישאַ. אין צימער איז דושנע, אויפן גאַס איז הייס. עס פעלט מיר לופט.

— דו זעסט, דאָס פענצטערל ביי דער פאַדלאָגע איז אָפן. אנטשול־דיק, מיר האָבן אַנגעראַוכערט. מיר פאַרגעסן תמיד, אַז מען טאָר נישט רויכערן אין דיין אַנוועזנהייט. וואָס בין איך שולדיק, אַז דאָ איז אַזאַ נאַרישער געבוי. געפין מיר אַ צווייט צימער.

— איז גיי איך אַוועק, גאָרדאָשקאַ. מיר האָבן זיך גענוג אָנגערעדט. איך דאַנק אייך פאַרן זאָרגן־זיך וועגן מיר, טייערע חברים. דאָס איז דאָך נישט קיין שלעכטער ווילן פון מיין זייט. דאָס איז אַ מחלה, סקלעראָז פון די האַרץ־געפעסן. די ווענטלעך פון די האַרץ־מוסקולן קראַמפן־זיך צו־זאַמען, ווערן איינגעשרומפּן און, אין איין שיינעם טאָג, קען זיך עס איבער־רייסן, פּלאַצן. און איך בין דאָך נאָך קיין פערציק יאָר נישט אַלט. איך בין נישט קיין שיכור און נישט פון די, וואָס הוליען איבער די כוחות.

— צו־פרי זינגסטו זיך דאָס געזעגענונגס־לידל. נאַרעשקייטן. וועסט נאָך לעבן.

— אין אונדזערע צייטן האָבן זיך זייער פאַרמערט די מיקראָסקאָפּישע פאָרמען פון האַרץ־בלוטשטורצן. נישט אַלע זענען שטערבלעך. אין געוויסע פאַלן בלייבן מענטשן לעבן. דאָס איז די מחלה פון דער נייעסטער צייט. איך מיין, אַז די סיבה פון דער קראַנקהייט, איז פון מאָראַלישן כאַראַקטער. פון דער גרויסער מערהייט פון אונדז פאָדערט מען אַ שטענדיקע נשמה־קרומקייט, וואָס איז שוין געוואָרן אַ סיסטעם. מען קען נישט טאָג־טעגלעך, אָן שאָדן פאַרן געזונט, אַנטקעגנשטעלן־זיך דאָס, וואָס דו פילסט; צו בוקן־זיך פאַר דעם, וואָס דו האָסט נישט ליב, פרייען־זיך מיט דעם, וואָס עס ברענגט דיר אומגליק. אונדזער נערוון־סיסטעם איז נישט קיין פוסטער קלאַנג, נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה. אַ נערוון־סיסטעם באַ־שטייט פון פיזישע געוועבן אין גוף. אונדזער נשמה פאַרנעמט אַ פּלאַץ אין רוים און געפינט־זיך אין אונדז, ווי ציינער אין מויל. אַ נשמה קען

מען נישט פאַרגוואַלדיקן אָן אויפהער, אומבאַשטראָפט. מיר איז שווער געווען צו הערן דיין דערציילונג וועגן דער פאַרשיקונג, אינאַקעגטי, וועגן דעם, ווי דו ביזט דאָרט אויסגעוואַקסן און ווי די פאַרשיקונג האָט דיך איבערדערצויגן. דאָס איז אַזוי ווי אַ פערד וואָלט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך אַליין אַרומגעטריבן איבער דער צירק־אַרענע.

— איך וועל זיך אָננעמען פאַר דוואָראָוון. דו ביזט פשוט אָפּגעוווינט פון מענטשלעכע רייד. זיי דערגייען מער נישט צו דיר.

— עס קען זייער מעגלעך זיין, מישאַ. יעדנפאַלס, אַנטשולדיקט, לאָזט מיך גיין. עס איז מיר שווער צו אָטעמען. ווי גאָט איז מיר ליב, איך טרייב נישט איבער.

— וואָרט־צו, דאָס זענען בלויז אויסריידן. מיר וועלן דיך נישט אָפּלאָזן, ביז דו וועסט אונדז נישט געבן קיין קלאָרן, ריינהאַרציקן ענטפער. ביזטו איינשטימיק, אַז דו דאַרפסט זיך ענדערן, זיך פאַרבעסערן? וואָס דענקסטו צו טון דערוועגן? דו דאַרפסט אויפקלערן דיינע ענינים מיט טאָניאַן. דאָס זענען דאָך לעבעדיקע באַשעפענישן, פרויען, וואָס זענען פעיק צו פילן און ליידן. זיי זענען נישט קיין אַבסטראַקטע אידייען, וואָס טראָגן־זיך אַרום אין דיין קאָפּ, אין הפקרדיקע קאָמפּאָזיציעס. אויסער דעם, איז דאָך אַ חרפה, אַז אַזאַ מענטש ווי דו, זאָל פאַרלוירן־גיין אָן קיין שום נוצן. דו דאַרפסט זיך אויפוועקן פון שלאָף און פון פוילקייט, דערוואַכן, פאַנאַנדערקלייבן־זיך, אָן אומבאַרעכטיקטער גאווה, — יאָ, יאָ, אָן דער נישט־דערלויבטער אָנגעבלאָזענער גרויסקייט לגבי אַלץ אַרום. נעם־און אַ פּאָסטן, דאַרפסט זיך פאַרנעמען מיט דיין מעדיצינישער פּראַקטיק.

— גוט, איך וועל אייך ענטפערן. איך האָב לעצטנס אַליין געטראַכט אין זעלבן גייסט און דערפאַר קען איך, אָן רויט־ווערן פון חרפה, אייך עפּעס צוזאָגן. דוכט מיר, אַז אַלץ וועט אויסגעבעסערט ווערן. און גאַנץ שנעל. איר וועט זען. ניין, איך שווער ביי גאָט. אַלץ גייט צום בעסערן. אומגעהייער־שטאַרק, אַזש ביז ליידנשאַפט, ווילט זיך מיר לעבן. און לעבן מיינט דאָך, תמיד רייסן־זיך פאָרויס, צום העכערן, צום דערהויבענעם — און צו דערגרייכן די פּולקאָמענהייט.

עס פרייט מיך, גאָרדאָן, וואָס דו נעמסט זיך־אָן פאַר מאַרינאַן, אַזוי ווי דו ביזט פריער תמיד געווען טאָניאַס פאַרטיידיקער. אָבער איך בין דאָך נישט צעקריגט מיט זיי. איך פיר דאָך נישט קיין מלחמה נישט מיט זיי און נישט מיט וועמען עס איז. דו האָסט מיר קודם געמאַכט אַ פאַרוווּרף, פאַרוואָס זי זאָגט מיר „איר" אַלס ענטפער אויף מיין „דו" און זי רופט מיר דרך־ארץ'דיק מיטן פאָטער־נאָמען, פונקט ווי מיך וואָלט עס

נישט שאַקירט. גאָר די טיפערע דיסהאַרמאָניע וואָס ליגט אין תוך פון דער דאָזיקער אומנאַטירלעכקייט, איז דאָך שוין לאַנג באַזייטיקט־געוואָרן. אַלץ האָט זיך אויסגעפּאַרמט, עס איז איינגעשטעלט־געוואָרן די גלייכ־הייט.

איך קען אייך מיטטיילן אַ צווייטע אָנגענעמע נייעס. מען האָט ווידער געגומען שרייבן צו מיר פון פּאַריז. די קינדער זענען אויסגע־וואַקסן, פילן־זיך אינגאַנצן פריי צווישן די פראַנצויזישע קינדער פון זייער עלטער. שורא ענדיקט די דאָרטיקע גרונט־שולע: ecole primaire, און מאַניאַ הויבט דאָרט־אָן צו לערנען. איך קען דאָך בכלל נישט מיין טאָכטער. מיר גלויבט־זיך עפּעס, איך ווייס נישט פאַרוואָס, אַז נישט גע־קוקט אויף זייער אָננעמען די פראַנצויזישע בירגערשאַפט, וועלן זיי זיך בקרוב אומקערן און, אויף עפּעס אַן אופן, וועט זיך אַלץ צוריק איינ־אָרדענען.

לויט אַ סך סימנים, זע איך, אַז דער שווער און טאַניאַ ווייסן וועגן מאַרינאַן און די טעכטערלעך. אַליין האָב איך זיי וועגן דעם נישט געשריבן. די דאָזיקע איינצלהייטן זענען וואַרשיינלעך דערגאַנגען צו זיי פון דער זייט. אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש, פאַרשטייט זיך, איז באַ־ליידיקט איך זיינע פּאָטערלעכע געפילן, עס טוט אים ווי פאַר טאַניאַן. דערמיט דערקלערט־זיך דער כמעט פינף־יאָריקער איבעררייס אין אונדזער קאָרעספּאָנדענץ. נאָך מיין אומקערן־זיך קיין מאָסקווע, האָב איך זיך דאָך, אַ געוויסע צייט, דורכגעשריבן מיט זיי. פּלוצלונג האָבן זיי אויפגעהערט צו ענטפערן מיר. אַלץ איז איבערגעריסן־געוואָרן.

איצט, גאָר נישט לאַנג צוריק, האָב איך ווידער אָנגעהויבן צו באַקומען בריוו פון דאָרטן. פון זיי אַלעמען, אפילו פון די קינדער. וואַ־רעמע, צערטלעכע. עפּעס האָט ווייך געמאַכט. עס קען זיין, אַז ביי טאַניאַן זענען דאָ עפּעס ענדערונגען, עפּעס אַ פרישער פריינט, זאָל איר גאָט העלפן. איך ווייס נישט. איך שרייב זיי אויך צייטנווייז. גאָר, באמת, איך קען נישט מער. איך וועל גיין, ווייל, דאָס קען זיך ענדיקן מיט אַן אַטאַק פון שטיקן־זיך. אויף ווידערזען.

אויפן אַנדערן טאָג, באַגינען, איז נישט־טויט און נישט־לעבעדיק אַריינגעפאַלן מאַרינא צו גאָרדאָנען. נישט האָבנדיק מיט וועמען איבער־צולאָזן די טעכטערלעך אין שטוב, האָט זי דער ייִנגערער, קלאַשאַן, פעסט אַרומגעהילט אין אַ קאָלדרע און געטראָגן זי צוגעדריקט מיט איין האַנט צו דער ברוסט, און דער צווייטער, קאַפּאַן, דער זיך־נאָכשלעפּנדיקער און פאַרעקשנטער, האָט זי געצויגן מיט דער צווייטער האַנט.

— יורא איז ביי אייך, מישאַ? — האָט זי נישט מיט איר קול געפרעגט.

— צי האָט ער דען נישט געגעכטיקט אינדערהיים?

— ניין.

— נו, אויב אַזוי, איז ער ביי אינאַקענטין.

— איך בין דאָרט געווען. אינאַקענטי איז באַשעפטיקט אין אוני־ווערזיטעט. נאָר די שכנים קענען יורין. ער איז דאָרט נישט געווען.

— דאַן, וווּ־זשע איז ער?

מאַרינא האָט אָוועקגעלייגט דער איינגעטוליעטער קלאַשאַן אויף דער סאָפע און זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ היסטעריע.

8

צוויי טעג זענען גאָרדאָן און דודאָראָוו נישט אָפּגעטרעטן פון מאַ־רינאַן. טוישנדיק־זיך האָבן זיי דיזשורירט ביי איר. מורא־האָבנדיק זי איבערצולאָזן אַליין. אינצווישן־צייט, האָבן זיי זיך אָוועקגעלאָזן זוכן דעם דאָקטאָר. זיי זענען אויסגעלאָפן אַלע ערטער, וווּ ער האָט געקענט וואַר־שיינלעך פאַרבלאָנדזשען. זיי זענען געווען אין מוטשנוי־גאָראָדאָק און אין הויז אויף סיווצעוו־גאַס, האָבן זיך נאָכגעפרעגט אין אַלע אידייען־הייזער און געדאַנק־פּאַלאַצן, וווּ ער האָט אַמאָל הויכע אַמטן פאַרנומען. זיי האָבן באַזוכט ביי זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע, וועמענס נעמען און אַדרעסן מען האָט נאָר געקענט געפינען. די זוכענישן האָבן נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן.

אין דער מיליץ האָבן זיי נישט געמאָלדן, כדי נישט דערמאָנען דער מאַכט אַן אַ מענטש, כאָטש אַן איינגעמאָלדענעם און נישט געמשפּטן, נאָר וועלכער איז, לויט די הייניטיקע באַגריפן, ווייט נישט קיין מוסטערהאַפטע פּערזאָן. אַרויספירן דער מיליץ אויף זיינע שפּורן, האָבן זיי באַשלאָסן צו טון, אין ערגסטן פאַל.

אויפן דריטן טאָג האָבן מאַרינא, גאָרדאָן און דודאָראָוו, אין פאַר־שידענע שעהען, באַקומען יעדערער אַ בריוו פון יורי אַנדרייעוויטש. די בריוו זענען פול געווען מיט באַדויערן, פאַרן באַאומרויקן זיי אַלע און פאַרן אַריינברענגען זיי אין טרעוואָגע און שרעק. ער האָט געבעטן מוחל זיין אים און באַרויקן־זיך. און ביי אַלץ וואָס איז הייליק, האָט ער זיי באַשווירן, זיי זאָלן אים אויפהערן צו זוכן, וואָרעם דאָס וועט סיי־ווי צו גאָרנישט דערפירן.

ער האָט זיי צו וויסן־געטון, אַז מיטן ציל פון אַ שנעלן און פולשטענ־

דיקן איבערבויען זיין גורל, ווייל ער פֿאַרבלייבן אַ געוויסע צייט איינזאַם, כדי ער זאָל קאָנצענטרירטערהייט קענען פֿאַרנעמען־זיך מיט זיינע ענינים. אָבער ווי נאָר ער וועט זיך אַ ביסל פֿאַרפֿעסטיקן אויף זיין נייעם מעטי־קיטס־געביט און ער וועט זיך איבערצייגן, אַז נאָכן געשעענעם איבערברוך, איז נישטאָ קיין וועג צוריק צום אַלטן, וועט ער אַרויס פֿון זיין געהיימען מקום־מקלט און וועט זיך אומקערן צו מאַרינאַן און די קינדער.

גאָרדאָנען האָט ער צו־וויסן געטון אין דעם בריוו, אַז ער שיקט־איבער אויף זיין נאָמען געלט פֿאַר מאַרינאַן. ער האָט געבעטן אָנדיגען פֿאַר די קינדער אַן אָם, כדי מאַרינאַ זאָל זיין פֿריי און זאָל האָבן די מעג־לעכקייט, צוריק צו גיין אויף איר פּאָסטן. ער האָט דערקלערט, אַז ער האַלט זיך־אָפּ פֿון שיקן דאָס געלט דירעקט אויף איר אַדרעס אויס מורא, אַז די געשיקטע געלט סומע זאָל איר נישט ברענגען די געפֿאַר פֿון באַ־רויבט ווערן.

אינגיכן איז אָנגעקומען דאָס געלט, וואָס האָט איבערגעשטיגן דעם מאַסשטאַב פֿון דאָקטאָרס מעגלעכקייטן און אויך פֿון זיינע פֿריינט. מען האָט צוגענומען אַן אָם צו די קינדער. מאַרינאַ איז ווידער אָנגעקומען אַרבעטן אויפֿן טעלעגראַף. זי האָט לאַנג נישט געקענט זיך באַרויקן, נאָר זייענדיק געוווינט צו יורי אַנדרייעוויטשעס פֿריערדיקע משוגהדיקייטן, האָט זי סוף־כל־סוף שלום־געמאַכט אויך מיטן דאָזיקן אויסגאַנג. נישט געקוקט אויף דער בקשה און וואָרענונג פֿון יורי אַנדרייעוויטשן, האָבן זיינע חברים און מאַרינאַ, נישט אויפֿגעהערט אים אַרומזוכן, איבערצייגט זיך אין דער ריכטיקייט פֿון זיין אָנזאָג, זיי האָבן אים נישט געפֿונען.

9

און דערביי האָט ער געוווינט אינגאַנצן עטלעכע טריט פֿון זיי, ממש, פֿאַר זייערע אויגן, אין ענגסטן קרייז פֿון זייערע אַרומזוכענישן.

ווען ער איז אין טאָג פֿון זיין פֿאַרשווינדן, נאָך פֿאַר זון־פֿאַרגאַנג, אַרויסגעגאַנגען פֿון גאָרדאָנען אויף דער בראָננאַיאַ־גאַס, וועגדנדיק־זיך אַהיים, אויף דער ספּירידאָנאָווקע, האָט ער דאָרט טאַקע, נישט אָפּגייענדיק קיין הונדערט טריט איבער דער גאַס, זיך אָנגעשטויסן אויף דעם אַנט־קעגן־קומענדיקן ברודער זיינעם (פֿון פֿאָטער) יעווגראַף זשיוואַגאָ. יורי אַנדרייעוויטש האָט אים שוין נישט געזען איבער דריי יאָר און ער האָט גאָרנישט געוווסט וועגן אים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יעווגראַף זשי־וואַגאָ איז צופֿעליק אין מאָסקווע, וווּהין ער איז ערשט נישט לאַנג צוריק געקומען. ווי זיין שטייגער, איז ער ווי פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן, פֿון אַלע

פראַגן — זיך אַרויסגעמאַכט מיט שווייגנדיקע שמייכלעך און שפּאַסן. באַלד אויפן אָרט, אויסמיידנדיק קליינלעכע איינצלהייטן, נאָכן שטעלן יורי אַנ־דרייעוויטשן אַ צוויי־דריי פראַגן, איז ער אַריינגעדרונגען אין זיין גאַנצן טרויער און אין זיינע דורכפאַלן און טאַקע דאָ, אויף די שמאָלע זיגזאַגן פון געסל קריוווי, אין דער שטויסעניש פון הין־און־צוריק איילנדיקע דורכ־גייער, האָט ער צונויפגעשטעלט אַ פּראַקטישן פּלאַן, ווי צו העלפן זיין ברודער און ראַטעווען אים. יורי אַנדרייעוויטשעס פאַרלוירן־גיין און זיין געפינען־זיך אין באַהעלטעניש, איז געווען יעווגראַפס געדאַנק, זיין איינפאַל.

ער האָט געדונגען פאַר יורי אַנדרייעוויטשן אַ צימער אין דעם געסל, וואָס האָט נאָך דאַן געטראָגן דעם נאָמען קאַמערגערסקי, נעבן דעם קונסט־טעאַטער. ער האָט אים פאַרזאָרגט מיט געלט, גענומען מאַכן באַמיונגען, אַז מען זאָל דעם דאָקטאָר אָננעמען אויף אַ גוטן פּאָסטן, אין אַ שפּיטאָל, וואָס זאָל אים עפענען אַ וועג פאַר וויסנשאַפטלעכער טעטי־קייט. ער האָט אַלזייטיק באַשיצט זיין ברודער, אין אַלע לעבנס־אָנגעלעגנהייטן. צום סוף, האָט יעווגראַף געגעבן זיין ברודער אַ צוזאָג, אַז ער וועט לייזן די קראַנקהאַפטע לאַגע פון זיין משפחה אין פאַריז און, אַזוי אָדער אַנדערש, וועט ער דערצו אַ סוף מאַכן. אָדער יורי אַנדרייעוויטש וועט פאָרן צו זיי, אָדער זיי וועלן אַליין צו אים אַהערקומען. מיט די אַלע ענינים, האָט יעווגראַף צוגעזאָגט אַליין זיך צו פאַרנעמען און אַלץ איינצואָרדענען. דעם ברודערס הילף האָט יורי אַנדרייעוויטשן באַפליגלט. ווי שטענדיק, איז דער סוד פון זיין ברודערס אַלמעכטיקייט, אויך איצט געבליבן נישט־אויפגעקלערט. יורי אַנדרייעוויטש האָט אויך נישט פּרובירט אַריינצודרינגען אין דער דאָזיקער געהיימניש.

10

זיין צימער איז געווען מער ווי אַן אַרבעטס־פּלאַץ פאַר יורי אַנדרייעוויטשן, מער ווי אַ קאַבינעט פאַר אים. אין דעם דאָזיקן פעריאָד פון זיין פאַרכאַפּנדיקער טעטיקייט, ווען זיינע פּלענער און איינפאַלן האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין די פאַרצייכענונגען, וואָס זענען אָנגעוואָרפן אויפן טיש, און די בילדער וואָס ער האָט פאַרטראַכט און פאַרויסגעזען, זענען פאַרבליבן אין דער לופט, אין די ווינקלען, ווי עס זאַמלען זיך־אָן אין אַ קינסטלער־אַטעליע אַ סאַך אָנגעהויבענע אַרבעטן, וואָס שטייען מיטן פּנים צו דער וואַנט, — איז דעם דאָקטאָרס וווין־צימער געווען אַ פעסט־

זאָל פאַר זיין גייסט, אַ שפּייכלער פאַר זיינע שגעונותן, אַ מאַגאַזין פאַר אָפנהאַרציקייט.

צום גליק, האָבן זיך די אונטערהאַנדלונגען מיט דער שפּיטאָל־לייטונג פאַרצויגן, דער טערמין פון זיין אָנקומען אויפן פּאָסטן האָט זיך אָפּגערוקט אין דער אומבאַשטימטער צוקונפט. אויסנוצנדיק די אָפּלייגונגען, האָט מען דערווייל געקענט שרייבן.

יורי אַנדרייעוויטש האָט אָנגעהויבן דערפון, וואָס ער האָט גענומען ברענגען אין אָרדענונג די פראַגמענטן פון שאַפונגען וואָס ער האָט געדענקט און וואָס יעווגראַף האָט פון ערגעץ באַקומען און געבראַכט צו שלעפּן, טיילווייז מיט יורי אַנדרייעוויטשעס האַנטשריפט און טיילווייז מיטן שריפט פון עמיצנס, אַ פרעמדנס אָפּקאָפּירונג. די כאַאָטישקייט פון דעם מאַטעריאַל האָט יורי אַנדרייעוויטשן געצוווּנגען צו צעשפּרייטן זיך נאָך מער, ווי די נייגונג פון זיין אייגענער נאַטור. ער האָט שנעל פאַנאַנדער־געוואָרפן די דאָזיקע אַרבעט און פון דעם צוריק־אויפשטעלן דאָס נישט־פאַרענדיקטע, איז ער אַריבער צו נייע פאַרפאַסונגען, ווערנדיק פאַרכאַפּט פון די פרישע אָנוואָרפן.

ער האָט צונויפגעשטעלט, אויף דער גיך, פאַרצייכענונגען פאַר אַרטיקלען, — אייליקע נאָטיצן פון זיין ערשטן ווייַלן אין וואַריקינאָ. און ער האָט פאַרשריבן באַזונדערע פראַגמענטן, וואָס האָבן זיך געבעטן פאַר לידער: אָנפאַנגען, ענדעס און מיטל־טיילן, מיט אומקלאָרקייטן אינצווישן. צייטנווייז האָט ער זיך קוים אָן עצה געגעבן מיט די אָנגעפלויגענע געדאַנקען. די ראשי־תיבות און די פאַרקירצונגען פון ווערטער. צוזאַמען מיט זיין פּליסיק־שנעלן שרייבן, האָבן נישט געקענט אָניאָגן אָט די שטורמדיקע געדאַנקען.

ער האָט זיך געאײַלט. ווען זיין פאַנטאַזיע איז מיד געוואָרן און די אַרבעט האָט זיך פאַרהאַלטן, האָט ער זי אונטערגעטריבן און אונטערגע־שמיסן מיט מאַרגינעז־פאַרצייכנונגען, אין וועלכע עס זענען געשילדערט געוואָרן דורכגעהאַקטע וועלדער און שטאָטישע קרייצונגען מיט אינמיטן־שטייענדיקע רעקלאַמע־סלופּעס מיט דער אויפשריפט: „מאָראָ און וועטש־טשינקין. פּאַרזיי־און דרעש־מאַשינען״.

די אַרטיקלען און די לידער זענען געווען אויף איין טעמע. זייער קעגנשטאַנד איז געווען די שטאָט.

11

שפּעטער האָט זיך צווישן זײַנע פּאַפּירן געפונען אַ נאָטיץ:

„אין צוויאונצוואַנציקסטן יאָר, ווען איך בין צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, האָב איך די שטאָט געטראָפן אַן אויסגעליידיקטער, אַ האַלב־חרובער. אַזאַ איז זי אַרויס אַ שווער־געפּרוּווטע פון די ערשטע יאָרן רע־וואָלוציע. אַזאַ איז זי געבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג. די באַפעלקערונג אין איר איז שיטער געוואָרן, קיין נײַע הײַזער בויט מען נישט, די אַלטע ווערן נישט רעמאָנטירט.

נאָר אויך מיט דעם אויסזען פאַרבלײַבט זי אַ גרויסע, הײַנטצײַטיקע שטאָט, די אײנציקע באַגײַסטערונג פאַר דער אמתדיק־הײַנטצײַטיקער נײַער קונסט.

דאָס אָרדענונגסלאָזע איבערשאָצן ווערטן און באַגריפן, אין זין פון אומגעמײנזאַם און ווי הפקרדיק־אָוועקגעשטעלטע זײַט־בײַ־זײַט בײַ די סימ־באָליסטן בלאָק, ווערהאַרן און וואָלט וויטמאַן, איז בכלל נישט קיין סטי־ליסטישע תאווה. דאָס איז אַ נײַער אופן פון אײַנסדרן אײַנדרוקן אונטער־געשטראָכענע אין לעבן און אָפּגעמאָלענע פון דער נאַטור.

דאָס זעלבע איז אויך, ווען זײ טרײַבן־אָן רײַען בילדער אין זײערע שורות, אַזוי שווימען און אײַלן פאַרבײַ אונדז די מאַסן, קאַרעטן, עקי־פּאַזשן — די שטאָטישע האַנדלס־גאַס פון סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט, און שפּעטער, אין אָנהייב פון וויטערדיקן יאָרהונדערט, — די וואַגאָנען פון די שטאָטישע טראַמווײַען און אונטערערדישע אײַזנבאַנען.

אין די באַדינגונגען איז נישטאָ פון וואַנען עס זאָל זיך דערנעמען די פּשטות פון אַ פּאַסטוך. די פאַלשע, אומקינסטלערישע ליטעראַרישע נאָכמאַכערײַ, דער נישט־נאַטירלעכער מאַניעריזם, איז אַ דערשײַנונג פון דער ביכער־וועלט, וואָס איז נישט פאַרטראָגן־געוואָרן פון דאָרף, נאָר פון די ביבליאָטעק־פּאַליצעס, פון די אַקאַדעמישע ביכער־קעלערן. די לעבע־דיקע שפּראַך, וואָס אַנטשפּרעכט נאַטירלעך דעם גײַסט פון הײַנטיקן טאָג, איז די שפּראַך פון אורבאַניזם.

איך וווין אין אַ באַלעבטן שטאָטישן ראָג. די זומערדיקע, זון־פאַרבלענדעטע מאָסקווע, צעהיצט פון די הויף־אַספאַלטן, צעוואָרפט שויבן־אָפּשפּיגלונגען פון די אויבערשטע וווינונגס־פענצטער און אָטעמט מיט דער צעבליטקײַט פון וואָלקנס און בולוואַרן, — דרייט זי זיך אַרום מיר און פאַרדרייט מיר דעם קאָפּ און וויל, אַז איך זאָל פאַר איר לויב, דרייען די קאָפּ אַנדערע. פאַר דעם צוועק, האָט זי מיך דערצויגן און מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דער קונסט.

די טאָג־און־נאַכט כסדר־רוישנדיקע גאַס הינטער דער וואַנט, איז אויך ענג געבונדן מיט דער היינטצייטיקער נשמה, ווי אַן אַנגעפּאַנגענע אוווערטור אין פולער טונקלקייט און סודותדיקייט פון נאָך־אַראָפּגעלאָזטן טעאַטער־פאָרהאַנג, ווען די ראַמפּע־לאָמפּן זענען שוין אָנגעצונדן רויט.

די אומאויפהערלעך באַוועגלעכע, נישט־אַנטשוויגענע און רוישנדיקע שטאָט הינטער טירן און פענצטער, איז אַן אומגעהייער־גרויסע פאָרשפּיל צום לעבן פון יעדן איינציקן פון אונדז. פונקט מיט אַזעלכע שטריכן וואָלט איך געוואָלט שרייבן וועגן דער שטאָט".

אין זשיוואַגאָס לידער־העפט, וואָס האָט זיך אָפּגעהיטן, זענען אַזעלכע געדיכטן נישט געפונען געוואָרן. עס קען זיין, אז דאָס געדיכט „האַמלעט" האָט זיך באַצויגן צו דער דאָזיקער שטאָט־טעמאַטיק.

12

איינמאָל אינדערפרי, אין סוף אויגוסט, איז יורי אַנדרייעוויטש איינגעשטיגן פון דער סטאַציע אויף ראָג גאַזעטן־גאַס, אין דעם טראַמוויי־וואַגאָן, וואָס איז געגאַנגען איבער דער ניקיטסקאַיאַ, פון דעם אוניווערזיטעט, צו קודרינסקאַיאַ.

דאָס איז ער, צום ערשטן מאָל, געפאָרן צו דער אַרבעט אין דעם באָטקינסקער שפּיטאָל, וואָס האָט דאַן געהייסן „סאָלדאַטיענקאָווסקי". דאָס איז כמעט געווען זיין ערשטער אָפיציעלער דינסט־באַזוך אין דעם שפּיטאָל.

עס איז יורי אַנדרייעוויטשן נישט געגאַנגען. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ נישט־רעמאָנטירבאַרן וואַגאָן, אויף וועלכן עס האָבן זיך די גאַנצע צייט געשאָטן אומגליקן. דאָ האָט אַ וואָגן, וואָס איז שטעקן־געבליבן מיט די רעדער אין די שינעס, אים פאַרהאַלטן, פאַרצוימענדיק אים דעם וועג. דאָ איז אונטער דער וואַגאָן־פּאָדלאָגע, אָדער אויפן דאַך קאַליע־געוואָרן די איזאָלאַציע, וואָס האָט דערבראַכט צו אַ קורצשלוס און מיט אַ טראַסק האָט זיך עפּעס איבערגעברענט.

דער מאָטאָר־פירער איז אָפט, מיט די לייטונגס־שליסלען אין די הענט, אַרויסגעגאַנגען פון דעם פאָדערשטן פּלאַץ זיינעם, אַרומגייענדיק דעם וואַגאָן אַרום־און־אַרום, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני און אַרונטערגעקראָכן כדי צו פאַריכטן די מאַשינעריע פון זיין אָפּטיילונג, צווישן די רעדער און דער אונטערשטער דעק.

דער שלימזלדיקער וואַגאָן האָט פאַרפּראָפּט די באַוועגונג איבער דער גאַנצער ליניע. די גאַס איז אָנגעפולט־געוואָרן מיט אָפּגעשטעלטע טראַמווייען און נייע האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין אָנקומען און אָנ־

קלייבן־זיך. דער עק פון דער לאַנגער ריי האָט שוין דערגרייכט ביז צום פּלאַץ פון די פערד־געיעגן און זיך געצויגן נאָך ווייטער. די פּאַסאַזשירן פון די הינטערשטע וואַגאָנען, זענען אַריבער אין דעם פּאַדערשטן, מיינענדיק, אַז דערמיט וועלן זיי עפּעס געווינען. אין דעם הייסן פרימאָרגן, איז געווען ענג און דושנע אין דעם איבערפולטן טראַמוויי.

איבערן המון פּאַסאַזשירן, וואָס איז אַריבערגעלאָפן דעם ברוק פון דער זייט פון די ניקיטסקיע־טויערן, האָט זיך געשלעפּט, אויפהויבנדיק זיך אַלץ העכער צום הימל, אַ פיאָלעט־שוואַרצער וואָלקן. עס האָט זיך דערנעענטערט אַ שטורעם.

יורי אַנדרייעוויטש איז געזעסן אין דער לינקער זייט, אויף אַ באַזונדער איינצל־בענקל פון וואַגאָן, צוגעשפּאַרט צום פענצטער. דער לינקער טראָטואַר פון דער ניקיטסקאַיאַ, אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען די קאָנסערוואַטאָריע, איז די גאַנצע צייט געווען אונטער זיין אָבסערוואַציע. ווילנדיק־נישט־ווילנדיק, האָט ער געקוקט מיט אַ טעמפּער אויפמערקזאַמקייט פון אַ מענטשן, וועלכער האָט גאָר עפּעס אַנדערש אין זינען. ער האָט געקוקט אויף די גייענדיקע און פאָרנדיקע אין יענער זייט און זיינע אויגן האָבן קיינעם נישט דורכגעלאָזן.

אַן אויסטערלישע, גרויע דאַמע, אין אַ העלן שטרוי־הוט באַפּוצט מיט לייוונטענע רומיאַנעק־ און קאָרנבלימלעך, אין אַן אַלט־מאָדיש, שמאָל־אָפּגעצויגן קלײדל פון בעז־קאָליר, איז זיך געגאַנגען אויפן צווייטן טראָטואַר, פאָכענדיק־זיך איבערן פּנים מיט עפּעס אַ בינטל אין האַנט. איינגעצויגן אין אַ קאָרסעט, איז זי געווען ווי פאַרחלשט פון דער היץ, האַלטנדיק אין איין ווישן, מיט אַ קאָראַנקע־באַזוימט טיכעלע, דעם שווייס פון די נאַסע ברעמען און ליפּן.

איר וועג האָט זיך געצויגן פּאַראַלעל מיטן מאַרשרוט פון דעם טראַמוויי. יורי אַנדרייעוויטש האָט זי שוין עטלעכע מאָל פאַרלוירן פון זיין בליק, ווען דער צורעכט־געמאַכטער טראַמוויי האָט זיך גערירט פון אָרט און האָט זי אַנגעיאָגט. ביי יעדן פרישן דעפעקט פון טראַמוויי, האָט זיך די דאַמע אומגעקערט אין די גרענעצן פון זיין באַאָבאַכטונגס־פעלד.

יורי אַנדרייעוויטשן זענען אויפן זינען געקומען די שול־אויפגאַבן פון אויסרעכענען די צייט און דעם סדר פון אָפּפאָרנדיקע צוגן אין זייערע פאַרשידענע שנעלקייטן, און ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען דעם אופן פון לעזן די אויפגאַבע, נאָר עס איז ביי אים גאָרנישט אַרויסגעקומען. פון די דאָזיקע זכרונות איז ער אַריבערגעשפּרונגען צו אַנדערע, נאָכמער קאָמפּליצירטע געדאַנקען.

ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער אייניקע עקזיסטענצן וואָס ענט־

ווייקלען־זיך זייט־ביי־זייט, וואָס באַוועגן־זיך מיט פאַרשידענע שנעלקייטן איינע נעבן אַנדערן, ווען עמיצנס גורל יאָגט אַריבער אין לעבן דעם גורל פון צווייטן, און ווער וועמען עס לעבט־איבער. עטוואָס אַזוינס, ווי דער פּרינציפּ פון דער רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע אויפן געביט פון לעבן, האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, נאָר פאַרפלאָנטערנדיק־זיך ענטגילטיק, האָט ער אַוועקגעוואָרפן אויך די דאָזיקע פאַרגלייכונגען.

עס האָט אַ בלענד־געטון אַ בליץ און אַ דונער האָט זיך צעקייקלט. דער אומגליקלעכער טראַמוויי, צום וויפלטן מאָל שוין, איז ווידער שטעקן־געבליבן אויפן באַרג־אַראָפּ פון קודרינסקאַיאַ צום זאָאָלאָגישן גאָרטן. די דאַמע אין פיאָלעט האָט זיך באַוויזן אין דער פענצטער־ראָם, פאַרבייגע־גאַנגען דעם טראַמוויי און זיך דערווייטערט פון אים.

די ערשטע רעגן־טראָפּנס זענען געפאַלן אויפן ברוק, אויפן טראָ־טואַר און אויף דער דאַמע. אַ שטויביקער ווינט האָט זיך דורכגעריסן צווישן די ביימער, פאַרטשעפּענדיק בלאַט נאָך בלאַט. ער האָט געצומען אַראָפּרייסן דער דאַמעס הוט און אונטערהויבן איר אונטערקליידל, און פּלוצלונג האָט ער זיך איינגעשטילט.

דער דאָקטאָר האָט דערפילט, אַז ער באַקומט אַן אָנפאַל פון אָנמאַכט, אָבער ער האָט גובר־געווען די שוואַכקייט, ציענדיק אַרויף און אַראָפּ די רימענס פון פענצטער־ראַם. ער האָט געפּרוווט עפענען דאָס פענצטער פון וואַגאָן, דאָס פענצטער האָט זיך נישט געעפנט.

מען האָט געשריען צום דאָקטאָר, אַז דאָס פענצטער איז צוגעשרויפט צו דער ראַם אויף תמיד. נאָר ראַנגלענדיק זיך אין בהלה, מיטן אָנקומענ־דיקן אָנפאַל, האָט ער נישט באַנומען, אַז די געשרייען זענען געווענדעט צו אים און ער האָט פאַרטגעזעצט זיינע באַמיונגען צו עפענען דאָס פענצ־טער און ווידער, מיט דרייפאַכע באַוועגונגען, אַרויף, אַראָפּ און צו זיך, געריסן די רימענס. פּלוצלונג האָט ער דערפילט אַן אויסערגעוויינלעכן, נישט־איבערגייענדיקן ווייטיק אינעווייניק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט זיך איבערגעריסן אין אים, אַז ער האָט אָפּגעטון עפּעס גורלדיקס און אַז אַלץ איז פאַרלוירן. אין דער דאָזיקער מינוט איז דער וואַגאָן ווידער געקומען אין באַוועגונג. נאָר אָפּפאָרנדיק גאָר נישט קיין סאַך איבער דער פּרעסניאַ, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

מיט אַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג, וואַקלענדיק־זיך, האָט ער זיך דורכגעשלאָגן דורך דער געדיכטע ענגשאַפט אין דורכגאַנג, צווישן די בענק, און דערגרייכט דעם הינטערשטן, דרויסנדיקן וואַגאָן־פּלאַץ. מען האָט אים נישט דורכגעלאָזן, מען האָט אים געזידלט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער שטראָם פון פרישע לופט האָט אים אָפּגע־

פרישט, אַז עס קען זײַן, אַז נישט אַלץ איז נאָך פאַרלוירן, אַז עס איז אים בעסער געוואָרן.

ער האָט זיך גענומען דורכשפּאַרן דורכן המון אויפן הינטערשטן דרויסן־פּלאַץ, אַרויסרופנדיק נײַע זידלערײַען, אויפרעגונג און באַליידי־קונג. נישט־לייגנדיק קיין אַכט אויף די געשרייען, האָט ער זיך דורכ־געריסן דורך דער ענגשאַפט, איז אַראָפּ די טרעפּלעך פון דעם שטייענ־דיקן טראַמוויי, אויפן גאַסן־ברוק אַראָפּ. ער האָט געמאַכט אַ טראָט, אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ פאַל־געטאָן אויף די ברוק־שטיינער און זיך מער נישט אויפגעהויבן.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, אַ גערעדערײַ, פּרעגענישן, עצות. עטלעכע מענטשן זענען אַראָפּ פון טראַמוויי־פּלאַץ און האָבן אַרומגע־רינגלט דעם אָוועקגעפאַלענעם. מען האָט באַלד פעסטגעשטעלט, אַז ער אָטעמט נישט מער און אַז דאָס האַרץ ביי אים אַרבעט נישט. צו דער גרופּע וואָס איז געשטאַנען אַרום דעם קערפּער, זענען צוגעקומען מענטשן פון די טראָטואַרן, אייניקע באַרויקטע, און אַנדערע — אַנטוישטע דער־מיט, וואָס דאָס איז נישט קיין איבערגעפאַרענער און וואָס זײַן טויט האָט נישט קיין שום שייכות מיטן טראַמוויי־וואַגאָן. דער המון איז געוואַקסן. צו דער גרופּע איז אויך צוגעקומען די דאַמע אין פיאַלעט, זי איז גע־שטאַנען אַ ביסל, האָט אַ קוק־געטון אויפן טויטן, האָט אויסגעהערט די געשפּרעכן און איז אָוועק ווייטער. זי איז געווען אַן אויסלענדערין, נאָר זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אייניקע עצהנען, אַרייַנצוטראָגן דעם קערפּער אין טראַמוויי און פירן אים צום שפּיטאָל. אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף רופן מיליץ. זי איז אָוועק ווייטער, נישט־דערוואַרטנדיק זיך אויפן באַשלוס.

די דאַמע אין פיאַלעט איז געווען אַ שווייצאַרישע בירגערין, מאַד־מואַזעל פלערי פון מיעליוזייעוו, אַ גרייז־גרויע אַלטיטשקע. במשך צוועלף יאָר נאָכאַנאַנד האָט זי זיך מיט שריפטלעכע ביטעס באַמיט, וועגן רעכט אַרויסצופאָרן צו זיך אין פאָטערלאַנד. ערשט נישט לאַנג צוריק, זענען אירע באַמיונגען געקרוינט־געוואָרן מיט דערפאָלג. זי איז געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע, כדי צו באַקומען די אַרויספאָר־וויזע. אין דעם טאָג איז זי דאָס געגאַנגען צו איר קאָנסול, אָפּצונעמען די וויזע, פאַכענדיק־זיך מיטן בינטל דאָקומענטן, מיט בענדעלעך אַרומגעבונדענע. און זי איז אָוועק פאָרויס, אַניאָגנדיק צום צענטן מאָל דעם טראַמוויי, גאָרנישט וויסנדיק וועגן דעם, אַז זי האָט דעריאָגט זשיוואַגאָן און האָט אים איבער־געלעבט.

13

דורך דער טיר פון קאָרידאָר האָט מען געזען דעם ווינקל־צימער, אין וועלכן עס איז באַלכסונדיק אָוועקגעשטעלט־געוואָרן דער טיש. פון טיש האָט אַראָפּגעקוקט צו דער טיר־צו דער צופוסנס־שמאָלער עק פונעם ארון, ווי אַ פּראָסט־געשניצט שיפל, ווו עס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט די פיס פונעם פאַרשטאָרבענעם.

דאָס איז געווען דער זעלבער טיש, אויף וועלכן יורי אַנדרייעוויטש האָט פריער געשריבן. קיין צווייטער איז אין צימער נישט געווען. די מאַנוסקריפּטן האָט מען אָוועקגענומען און אַריינגעלייגט אין אַ קאַסטן און דעם ארון האָט מען אָוועקגעשטעלט אויפן טיש. די קישעלעך צו־קאָפּנס זענען אָנגעלייגט־געוואָרן הויך. דער קערפּער אין ארון איז געלעגן ווי אויף אַן אויפגעהויבענעם באַרג־מעסיקן פּאָדיום.

עס האָבן אים אַרומגערינגלט אַ סך בלומען, גאַנצע קוסטן ווייסער בעז, וואָס איז אַ זעלטנקייט אין דער דאָזיקער צייט, מאַרגאַריטקעס, צי־נעראַריעס און אַנדערע, אין בלומען־טעפּלעך און אין קוישן. די בלומען האָבן פאַרשטעלט דאָס ליכט פון די פענצטער. דאָס ליכט האָט זיך קאַרג אַדורכגעזיפּט דורך די אָנגעשטעלטע בלומען און איז געפאַלן אויפן וואַקסענעם פּנים און הענט פון טויטן, אויף די ווענטלעך פון ארון און אויף זיין באַפּוצונג. אויפן טיש איז געלעגן אַ שיינע צייכענונג פון שאָטנס, ווי זיי וואָלטן זיך נאָר־וואָס אויפגעהערט צו באַוועגן.

צו דער צייט, האָט זיך זייער פאַרשפּרייט דער מנהג צו פאַר־ברענען פאַרשטאָרבענע אין אַ קרעמאַטאָריום.

מיט דעם מיין צו באַקומען אַ פּענסיע פאַר די קינדער, צו פאַר־זאָרגן זייער שילער־צוקונפט, און צוליב דעם נישט וועלן שאַדענען מאַרינאַס לאַגע אויף איר אַרבעטס־פּאָסטן, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון אַ קלויסטער־לוויה און זיי האָבן באַשלאָסן צו באַגרענעצן־זיך מיט אַ בירגערלעכער צערעמאָניע פון פאַרברענען דעם קערפּער אין קרעמאַ־טאָריום. אין די געהעריקע אָרגאַניזאַציעס איז וועגן דעם געמאָלדן גע־וואָרן. מען האָט דערוואַרט זייערע פאָרשטייער.

בעת דער דערוואַרטונג אויף די לוויה־באַגלייטער, איז אין צימער געשטאַנען אַ פּוסטקייט, ווי אין אַ פאַרלאָזענער וווינונג, אין דער צייט, צווישן די אַלטע און נייע איינוווינער. דער דאָזיקער שטילקייט האָבן בלויז געשטערט די דרך־ארץ׳דיקע טריט אויף די שפּיץ־פינגער און די אומ־פאַרזיכטיק־שאַרנדיקע טריט פון די געקומענע אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד. נישט קיין סאַך זענען זיי געווען, נאָר דאָך, אַ סאַך מער, ווי מען

האָט זיך געקענט ריכטן. די ידיעה וועגן טויט פון דעם מענטש, וואָס מ'האָט כמעט זיין נאָמען נישט געקענט, האָט מיט אַ ווונדערלעכער שנעל־קייט אַרומגענומען זייער גאַנצן קרייז. עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ צאָל מענטשן, וועלכע האָבן געקענט דעם פאַרשטאָרבענעם אין פאַרשידענע צייטן פון זיין לעבן און ער האָט זיי געהאַט פאַרלוירן און פאַרגעסן.

נאָך אַ גרעסערע צאָל אומבאַקאַנטע פריינט זענען געקומען, פאַר־ערער פון זיין מוזע און פון זיינע וויסנשאַפטלעכע געדאַנקען. זיי האָבן קיינמאָל נישט געזען דעם מענטשן, וועלכער האָט פאַראינטערעסירט זייערע מחשבות און זיי זענען איצט געקומען צום ערשטן מאָל אים זען און וואַרפן אויף אים דעם לעצטן געזעגענונגס־בליק.

אין די דאָזיקע שעהען פון אַלגעמיינער טיפער שטילקייט, האָט ממש געשטיקט דאָס פעלן פון דער צערעמאָניע. עס האָט געדריקט אַ געפיל פון רעכטלאָזיקייט. און די בלומען האָבן פאַרטרעטן דעם צערע־מאָניאַל און די לוויה־לידער.

זיי האָבן נישט בלויז געבליט און געדופטעט, נאָר ווי זיי וואָלטן אין כאָר, צוזיילנדיק אפשר דערמיט זייער פאַרוועלקן, אַרויסגעקוועלט פון זיך זייערע ריחות, און אַרויסגעגעבן אַלע אַראָמאַטישע כוחות, און דערמיט עפּעס אָפּגעריכט ווי אַ תפילה בלחש.

עס איז אַזוי לייכט זיך פאַרצושטעלן דאָס קעניגרייך פון בלומען אין נאָענטער שכנות פון קעניגרייך פון טויט.

דאָ, אין גרינקייט פון דער ערד, צווישן די בוימער פון בית־הקברות, צווישן די יונגע בלומען־שפּראָצן וואָס גייען אויף פון די בייטן, זענען אפשר קאָנצענטרירט די מיסטעריעס פון פאַרוואַנדלונג, גלגולים, און די סורות פון לעבן, וואָס מיר שטרענגען זיך אָן צו געפינען זייער באַשייד.

דעם פון קבר אַרויסגייענדיקן יעזוס האָט מאַריאַ נישט דערקענט אין דער ערשטער רגע. זי האָט אים אָנגענומען אַלס גערטנער, וועלכער גייט אַרום איבערן בית־עלמין...

„...און זי האָט געמיינט, אַז דער אַרומגייענדיקער האַר איז...״

14

ווען מען האָט דעם בר־מנן געבראַכט אַהין, אין זיין לעצטן וווינ־אָרט, אין דעם קאַמערגערסקי־געסל, און די פריינט, וועלכע זענען דער־שיטערט־געוואָרן פון דער ידיעה וועגן זיין טויט, זענען זיך צוזאַמענ־געלאָפן דורכן פראָנט־אריינגאַנג אין דער אויפגעפּראַלטער וווינונג, צו־

זאַמען מיט מאַרינען, וואָס איז געווען האַלב־משוגע פון דער שרעקלעכער נייעס, — איז זי אַ היפּשע צייט געווען ווי נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך. זי האָט זיך געוואָרפן צו דער ערד, קלאַפּנדיק דעם קאָפּ אָן ברעג פון דער לאַנגער באַנק מיטן אָנלען, וואָס איז געשטאַנען אין פאָדער־צימער, אויף וועלכער מען האָט אָוועקגעלייגט דעם טויטן, ביזן ברענגען דעם באַשטעלטן ארון און ביז מען האָט אין אָרדענונג געבראַכט דעם נישט אויפגערוימטן צימער.

זי האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן און געפּליסטערט און געשריגן, שטיקנדיק זיך מיט די ווערטער, וואָס אַ העלפט פון זיי האָבן זיך, קעגן איר ווילן, אַרויסגעריסן פון איר האַלדז מיט אַן אָפּגעריסן רעווען. אירע קלאָג־רייד זענען געווען אַזוי ווי מען באַקלאָגט אין פאָלק, נישט שעמענ־דיק־זיך און נישט באַמערקנדיק קיינעם.

מאַרינאַ האָט זיך איינגעקלאַמערט אין טויטן קערפּער און עס איז נישט מעגלעך געווען זי אָוועקצורייסן פון אים, כדי אריבערצוטראָגן דעם בר־מנן אין צימער, וועלכן מען האָט צוגערוימט, פון וועלכן מען האָט אַרויסגענומען דאָס איבעריקע מעבל, אים אָפּצוואַשן און אַריינלייגן אין דעם געבראַכטן ארון.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען נעכטן.

היינט האָבן זיך אירע גרויזאַמע ליידן איינגעשטילט און האָבן אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר אַ טעמפּן צער. זי איז, ווי פריער, נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך, האָט גאָרנישט גערעדט און גאָר־נישט באַנומען.

דאָ איז זי אָפּגעזעסן דעם רעשט פון נעכטיקן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, נישט־אָפּטרעטנדיק פון אָרט. אַהער האָט מען איר געבראַכט קלאָ־ווען אָנצוקאָרמענען, אַהער איז געקומען קאַפּאַ מיט דער מינדעריעריקער ביאַנקע און מען האָט זיי פונדאַנען צוריק אָוועקגעטראָגן און אָוועק־געפירט.

עס האָבן זי אַרומגערינגלט אייגענע מענטשן, ווי דודאַראָוו און גאָרדאָן, וועלכע האָבן געטרויערט פּונקט אַזוי ווי זי. אויף דער זעלבער באַנק האָט זיך צו איר צוגעזעצט דער פאָטער, דער שטיל־כליפּנדיקער און הילכיק־שנייצנדיקער מאַרקעל. אַהער זענען געקומען צו איר די וויינענדיקע מוטער און שוועסטער.

צוויי פּערזאָן זענען געווען אין דעם אָנגעפּלייץ פון מענטשן, אַ מאַן און אַ פרוי, וועלכע האָבן זיך אויסגעטיילט פון אַלע.

זיי האָבן זיך נישט באַמיט אַרויסצווייזן קיין שטאַרקערע נאָענט־קייט צום פאַרשטאָרבענעם, ווי די אבלים. זיי האָבן נישט קאָנקורירט

אין אבלות מיט מאַרינאַן, אירע טעכטערלעך און מיט די פריינט פון פאַרשטאָרבענעם, לאָזנדיק זיי זיין די מער באַרעכטיקטע דערצו. די דאָזיקע צווי האָבן נישט געהאַט קיין שום פּרעטענזיעס, נאָר עפּעס אַזעלכע אייגענע רעכט, גאַנץ באַזונדערע אויפן פאַרשטאָרבענעם. די דאָזיקע אומפאַרשטענדלעכע און געהיימע פולמאַכטן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך, אויף עפּעס אַן אופן, אַרומגעהילט, האָט קיינער נישט אָנגערירט און קיינער האָט זיך זיי נישט קעגנגעשטעלט. דווקא די דאָזיקע מענטשן האָבן עס גענומען אויף זיך, באַלד פון אָנהויב, ווי עס ווייזט־אויס, די זאָרג פאַר דער לוויה און דאָס אָרגאַניזירן אַלץ, דערליידיקנדיק די אַלע ענינים מיט אַזאַ מכלומרשטער רויקייט, פּונקט ווי דאָס וואָלט זיי פאַרשאַפט פאַרגעניגן. די דאָזיקע גרויסמוטיקייט זייערע האָט זיך אָלעמען געוואָרפן אין די אויגן און האָט געמאַכט אַן אויסטערלישן איינדרוק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע צווי מענטשן האָבן אַן אַנטייל נישט בלויז אין דער לוויה, נאָר אויך אין דעם טויט, נישט ווי קיין שולדיקע אין דעם טויט און נישט ווי קיין אומדירעקטע גורמים דערצו, נאָר ווי פּערזאָנען וועלכע, נאָך דעם ווי עס איז געשען, זענען זיי מסכים מיטן געשעענעם פאַקט, מאַכן שלום דערמיט און זעען נישט דערין קיין ערנסטן עיקר. אייניקע האָבן געקענט די דאָזיקע מענטשן, אַנדערע האָבן זיך אָנגעשטויסן, ווער זיי זענען, און אַנדערע, און אַזעלכע איז געווען די מערהייט, האָבן נישט געהאַט וועגן זיי קיין שום אנונג.

נאָר ווען דער דאָזיקער מאַן מיט די נייגעריקע און נייגעראַרויסרופנדיקע קירגיזיש־שמאָלע אויגן און די דאָזיקע אויסטערליששיינע פרוי זענען אַריינגעקומען אין דעם צימער, וווּ עס האָט זיך געפונען דער ארון, האָבן אַלע, ווער עס איז געזעסן, געשטאַנען און האָט זיך דאָרט באַוועגט, איינשליסלעך מאַרינאַ, אָן קיין שום דערוויידערונג און ווי זיך־אָפּגערעדט, פאַרלאָזן דאָס צימער, זיך גערוקט אַן אַ זייט, אויפגעהויבן־זיך פון די שטולן און טאַבורעטקעס, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט לענגאויס די ווענט און, שטופנדיק־זיך, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר און אין פאָדערצימער, איבערלאָזנדיק דעם מאַן און דער פרוי אַליין ביי צוגעלענטע טירן, ווי צווי באַהאַוונטע, אין דער שטיל געררופענע, כדי נישט־געשטערטערהייט און נישט באַומרויקט מיט קיין זאַך, צו טון עפּעס, וואָס געהער אוממיטלבאַר צו דער קבורה.

אַזוי איז געשען אויך איצט. ביידע זענען געבליבן אויג־אויף־אויג. זיי האָבן זיך געזעצט אויף צוויי, ביי דער וואַנט שטייענדיקע, טאַבורעטקעס און זיי האָבן גענומען אַרומרעדן דעם ענין:

— וואָס האָט איר זיך דערוווסט, יעווגראַף אַנדרייעוויטש?

— די קרעמאַציע וועט געמאַכט ווערן היינט אין אוונט. אין אַ האַלבע שעה אַרום וועט מען קומען צופֿאָרן פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין פֿון די מעדיצין־אַרבעטער, כדי צו נעמען דעם קערפּער און אָפּפֿירן אין קלוב פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין. אויף פֿיר אַ זייגער איז באַשטימט דאָס מספּיד־זיין אויף אַ בירגערלעכן אופֿן. קיין איינער פֿון די דאָקומענטן איז נישט געווען אין אָרדענונג. זיין אַרבעט־ביכל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פֿאַרעלטערט. די מיטגלידס־קאַרטע פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין איז געווען פֿון אַן אַלטן טיפּ, נישט אויסגעטוישט. קיין מיטגליס־אָפּצאָל איז פֿאַר עטלעכע יאָר נישט באַצאָלט געווען. דאָס אַלץ האָט מען געדאַרפֿט דורכ־פֿירן. דערפֿאַר האָט זיך עס פֿאַרצויגן און דערפֿאַר איז די פֿאַרשפּעטיקונג. פֿאַרן אַרויסטראָגן פֿון שטוב, און אגב איז די מינוט נישט ווייט און מען דאַרף זיך גרייטן, — וועל איך אייך דאָ איבערלאָזן אַליין, ווי איר בעט עס. אַנטשולדיקט. איר הערט? דער טעלעפֿאָן. אַ מינוט.

יעווגראַף זשיוואַגאָ איז אַרויס אין קאָרידאָר, וואָס איז געווען איבער־פֿולט מיט אומבאַקאַנטע מיטאַרבעטער פֿון דעם דאָקטאָר, מיט זיינע שול־חברים, מיט נידעריקערע שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע און בוך־דרוק־אַרבע־טער, און ווו מאַרינאַ מיט די קינדער, אַרומכאַפּנדיק זיי מיט די הענט און פֿאַרדעקנדיק זיי מיט די פּאָלעס פֿון איר איבערגעוואָרפֿענעם מאַנ־טל, (דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער און פֿון דעם פֿראָנט־איינגאַנג האָט עס אַריינגעבלאָזן), איז געזעסן אויפֿן עק באַנק דערוואַרטנדיק, אַז מען זאָל ווידער עפֿענען די טיר. ווי אַ געקומענע אויף אַ זעאונג מיט אַן אַרעסטירטן וואַרט, אַז דער וועכטער זאָל זי אַריינלאָזן אין דעם אויפֿ־נעם־צימער פֿון דער תּפֿיסה.

אין קאָרידאָר איז געווען ענג. אַ טייל פֿאַרזאַמלטע האָבן זיך נישט געקענט אַריינקריגן אַהין. די טיר צו די טרעפּ איז געווען אָפֿן. אַ מאַסע מענטשן זענען געשטאַנען, אַרומגעגאַנגען און גערויכערט אין פֿאָדער־צימער און אויף די שטיגן. אויף די טרעפּ אונטן, וואָס מער אַראָפּ, צו דער גאַס, האָט מען גערעדט אַלץ העכער און פֿרייער. אָנשטרענגנדיק דאָס געהער, צוליבן אַנטשטאַנענעם גערויש, האָט יעווגראַף, מיט אַ גע־דעמפּטער שטימע, ווי די אָנשטענדיקייט פֿון אַזאַ מאָמענט פֿאָדערט, פֿאַרדעקנדיק מיט דער האַנט די עפֿענונג פֿון דעם טרייבל, געגעבן זיינע ענטפֿערס אין טעלעפֿאָן, וואַרשיינלעך, וועגן דעם סדר פֿון דער לוויה און וועגן די אומשטענדן פֿון דעם דאָקטאָרס טויט.

ער האָט זיך אומגעקערט אין צימער אַריין. דער שמועס איז פֿאַר־געזעצט־געוואָרן:

— פֿאַרשווינדט נישט, איך בעט אייך, נאָך דער קרעמאַציע, לאָ־

ריסאַ פּיאַדאַראָווּנאַ. איך האָב צו אײַך אַ גרויסע ביטע. איך ווייס נישט, ווו איר האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט וווינען. לאָזט מיך נישט איבער אין אומוויסן, ווו אײַך אויפצוזוכן. איך וויל, אין דער סאָמער נאָענטסטער צײַט, מאָרגן אָדער איבערמאָרגן, פאַרנעמען־זיך מיטן פאַנאַנדערקלײַבן־זיך אין דעם ברודערס פּאַפּירן. עס וועט מיר נויטיק זײַן אײַער הילף. איר ווייסט דאָך אַזוי פיל, געוויס — מער ווי אַלע. איר האָט, דרך־אַגב, געלאָזן פאַלן אַ וואָרט, אַז איר זענט, שײַנט מיר, דעם צווייטן טאָג דאָ, פון אירקוטסק געקומען, אויף אַ קורצן באַזוך קיין מאָסקווע און אַז אין דער דאָזיקער וווינונג זענט איר אַרויפגעקומען צוליב אַן אַנדער סיבה, צופעליק, נישט־וויסנדיק וועגן דעם, אַז דער ברודער האָט דאָ געלעבט די לעצטע חדשים און נישט וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען. אַ געוויסן טייל פון אײַערע ווערטער, האָב איך נישט פאַרשטאַנען און איך בעט נישט קיין אויפקלערונג. נאָר ווערט מיר נישט פאַרלוירן, איך ווייס נישט אײַער אַדרעס. עס וואָלט אָמבעסטן געווען, אַז די עטלעכע טעג, וואָס מיר וועלן ווידמען צו פאַנאַנדערקלײַבן־זיך אין דעם ברודערס מאַנוסקריפּטן, זאָלן מיר פאַרברענגען אונטער איין דאַך, אָדער אויף אַ נישט־ווײַטן מרחק איינער פון אַנדערן, עס קען אפשר זײַן אין צוויי באַזונדערע צימערן פון הויז. דאָס וואָלט מען געקענט אײַנאָרדנען. איך קען דעם הויז פאַרוואַלטער.

— איר זאָגט, אַז איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען. וואָס־זשע איז דאָ פאַראַן נישט־פאַרשטענדלעכס? איך בין געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע, איבערגעלאָזן מײַנע זאַכן אין דער אָפּטיילונג פאַר אָפּהיטן חפצים, איך גיי מיר איבער דער אַלטער מאָסקווע, אַ האַלבער שטאָט דערקען איך נישט, — פאַרגעסן. איך גיי, און גיי, איך לאָז זיך אַראָפּ מיט דער קוזניעצקי־גאַס, איך גיי אַרויף מיט קוזניעצקער געסל און פּלוצלונג, דערזע איך עפּעס שרעקלעך, עפּעס אויסערגעוויינלעך באַקאַנטס: דאָס קאַמערגערסקי־געסל. דאָ האָט דער דערשאָסענער אַנטיפּאָוו, מײַן גאַטזעליקער מאַן, ווען ער איז אַ סטודענט געווען, אַ צימער געדונגען. טאַקע דאָס דאָזיקע צימער, ווו איך זיץ איצט מיט אײַך. לאָמיר, טראַכט איך מיר, זיך דערוויסן, אפשר, צו מײַן גליק, לעבן נאָך די אַלטע באַלעבאַטים. אַז דאָ איז שוין זייער זכר נישטאָ און אַז אַלץ איז דאָ היינט אויף אַן אַנדערן שטייגער, דאָס האָב איך זיך דאָך ערשט שפּעטער דערוווסט, צומאָרגנס און היינט, ביסלעכווייז אויספרעגנדיק. נאָר איר זענט דאָך געווען דערביי, צו וואָס־זשע דערצייל איך אײַך. דאָס האָט מיך ווי אַ דונער געטראָפן: די גאַס־טיר — אויפגעפּראַלט, אין צימער — מענטשן, אַן ארון, אין ארון — אַ מת. ווער איז דער מת? איך

גיי אַרײַן, קום־צו. איך האָב געמיינט, אַז איך בין פֿון זינען אַראָפּ, אַ האַלוצינאַציע. נאָר איר זענט דאָך פֿון דעם אַלץ געווען אַן עדות, נישט אמת? פֿאַרוואָס־זשע דערציילט איך דאָס אייך?

— וואָרט אַ ווײַלינקע, לאַריסאַ פּיאָדאָראָוונאַ, איך שלאָג אייך איבער. איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך און דער ברודער האָבן נישט פֿאַרדעכטיקט אויף אַזוי פֿיל, וויפֿל מיט דעם צימער זענען פֿאַרבונדן איבעראַשונגען. דאָס, צום בײַשפּיל, אַז אַמאָל האָט דאָ געוווינט אַנטיפּאָוו. נאָר נאָכמער איבעראַשנדיק איז, אײַער אויסדרוק, וואָס האָט זיך בײַ אייך אַרויסגעריסן. איך וועל אייך באַלד זאָגן, וועלכער. זײַט מוחל, וועגן אַנטי־פּאָוון, וועלכער האָט אין זײַן מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט געהייסן סטרעלניקאָוו. האָב איך אַ געוויסע צײַט, אין אָנהויב פֿונעם בירגער־קריג, אַ סך און אָפֿט געהערט. שיעור נישט טאָג־טעגלעך. און איין אָדער צוויי מאָל האָב איך אים געזען פּערזענלעך, נישט פֿאַרויסזעענדיק, וואָס פֿאַר אַ נאָענטע געמיינזאַמקייט ער וועט אַמאָל האָבן מיט מיר אין פֿאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן. נאָר אַנטשולדיקט. עס קען זײַן, אַז איך האָב פֿאַרהערט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איר זאָלט האָבן געזאָגט (און אין דעם פֿאַל וואָלט עס געווען בײַ אייך אַ טעותדיקער אויסדרוק), „דער דערשאָסענער אַנטיפּאָוו". צי דען ווייסט איר נישט, אַז ער האָט זיך זעלבסט דערשאָסן?

— עס גייט אַרום אַזאַ ווערסיע, נאָר איך גלויב זי נישט. פּאַוועל פּאַוולאָוויטש איז קיינמאָל נישט געווען קיין טיפּ פֿון קיין זעלבסטמערדער.

— אָבער דאָס איז דאָך אַ גלויבנסווערטער פֿאַקט. אַנטיפּאָוו האָט זיך דערשאָסן אין דעם הייזל, פֿון וועלכן, לויט ווי מײַן ברודער האָט דערציילט, איר האָט זיך אָוועקגעלאָזן קיין יוראַטין, כדי פֿאַרצוזעצן אײַער נסיעה קיין וולאַדיוואָסטאָק. דאָס איז געשען באַלד נאָך אײַער אָפּפֿאָרן מיט דער טאָכטער. דער ברודער האָט אויפֿגעהויבן דעם זיך־דערשאָסענעם און ער האָט אים קובר־געווען. צי דען זענען נישט דערגאַנגען צו אייך די דאָזיקע ידיעות?

— ניין. איך האָב געהאַט אַנדערע ידיעות. איז, הייסט עס אמת, אַז ער האָט זיך אַליין דערשאָסן? אַזוי האָבן אַ סך דערציילט און איך האָב עס נישט געגלייבט. אין דעם זעלבן הייזל? דאָס קען נישט זײַן! וואָס פֿאַר אַ וויכטיקע אײַנצלהייט איר האָט מיר איצט איבערגעגעבן! אַנטשולדיקט, צי ווייסט איר נישט, צי ער און זשיוואַגאָ זאָלן זיך האָבן באַגעגנט? גערעדט צווישן זיך?

— לויט די ווערטער פֿון פֿאַרשטאָרבענעם יורי, איז צווישן זיי פֿאָרגעקומען אַ לאַנגער שמועס.

— צי דען איז דאָס אמת? אַ לויב צו גאָט. אַזוי איז בעסער. — האָט זיך אָנטיפּאָווע לאַנגזאַם איבערגעצלמט — וואָס פֿאַר אַ שטיינענדער, איבערנאַטירלעכער צוגויפשטראָם פֿון אומשטענדן! איר וועט מיר דער־לויבן נאָכאַמאָל זיך אומצוקערן צו דעם און אויספרעגן אייך וועגן די אַלע איינצלהייטן? עס איז מיר דאָ טייער יעטוועדע קלייניקייט. נאָר איצט בין איך נישט אימשטאַנד. נישט אמת? איך בין צופיל איבערגענומען. איך וועל אַביסל שווייגן, אָפּסאָפּען, צונאַמענעמען מיינע געדאַנקען. נישט אמת?

— אַ, זיכער, זיכער. ביטע זייער.

— נישט אמת?

— פֿאַרשטייט־זיך.

— אָך, איך האָב דאָך שיעור נישט פֿאַרגעסן. איר בעט דאָך, אַז איך זאָל נאָך דער קרעמאַציע נישט אַוועקגיין. גוט. איך זאָג עס אייך צו. איך וועל נישט פֿאַרשווינדן. איך וועל זיך אומקערן מיט אייך אין דער דאָזיקער וווינונג און איך וועל פֿאַרבלייבן, ווו איר וועט מיר אָנווייזן און אַזוי לאַנג, וויפֿל עס וועט זיך פֿאָדערן. מיר וועלן זיך פֿאַרנעמען מיטן איבערקוקן יוראַטשקאָס מאַנוסקריפּטן. איך וועל אייך העלפֿן. עס קען זיין, אַז איך וועל אייך ווירקלעך זיין נוצלעך. דאָס וועט זיין פֿאַר מיר אַזאַ טרייסט! מיטן בלוט פֿון מיין האַרץ, מיט ציטער פֿון מיין נשמה, פֿיל איך יעטוועדן שטריך פֿון זיין האַנטשריפֿט. אויסער דעם, האָב איך דאָך צו אייך אַ געוויסן ענין. איר וועט מיר נויטיק־זיין. נישט אמת? איר זענט, דוכט מיר, אַ יוריסט, אָדער יעדנפֿאַלס — אַ גוט־באַהאַוונטער אין די עיקרדיקע געזעץ־אָרדענונגען, אין די פֿריערדיקע און אין די איצטיקע. אויסער דעם, איז דאָך אַזוי וויכטיק צו וויסן, צו וועלכן אַמט מען דאַרף זיך ווענדן נאָך וועלכער אויסקונפֿט. נישט אַלע קלייבן זיך פֿאַנאַנדער אין די ענינים, נישט אמת? מיר וועט נויטיק זיין אייער עצה אין איינעם אַ שרעקלעכן, דערדריקנדיקן ענין. דאָס האַנדלט־זיך וועגן אַ קינד. נאָר דאָס — שפּעטער, נאָכן אומקערן־זיך פֿון דער קרעמאַטאַריע. אַ גאַנץ לעבן קומט מיר אויס עמיצן אַרומצוזוכן. נישט אמת? זאָגט, ביטע, אויב אין עפּעס אַ וועלכן־עס־איז פֿאַל, לאָמיר זיך פֿאַרשטעלן, וואָלט געוועזן זייער נויטיק אָפּצוגעפֿינען די שפּורן פֿון אַ קינד, וואָס איז אָפּגעגעבן־געוואָרן אין פֿרעמדע הענט צום דערציען, — צי איז פֿאַראַן אַ וועלכער־עס־איז אַלגעמיינער, אַלפֿאַרבאַנדישער אַרכיוו פֿון עקזיס־טירנדיקע קינדערהיימען, צי וואָלט אונטערגענומען־געוואָרן אַן אַלגעמיין־מלוכהשע רעגיסטראַציע פֿון פֿאַרלאָזענע הפקר־קינדער? נאָר ענטפֿערט מיר נישט אַצינד, איך בעט אייך. שפּעטער, שפּעטער. אָ, ווי שרעקלעך,

ווי שרעקלעך! וואָס פּאַר אַ שרעקלעכע זאַך דאָס לעבן איז. נישט אמת? איך ווייס נישט, ווי עס וועט ווייטער זיין, ווען מיין טאָכטער וועט קומען צופאָרן, נאָר דערווייל קען איך פאַרבלייבן אין אָט דער וויגונג. אין קאַטיושאַ זענען אַנטדעקט־געוואָרן אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן, טייל־ווייז דראַמאַטישע און פון דער אַנדערער זייט — אויך מוזיקאַלישע. זי קאָפּירט אַלעמען הערלעך און זי שפּילט־אָפּ גאַנצע סצענעס פון אירע אייגענע שאַפונגען. נאָר אויסער דעם, זינגט זי אויך, פון הערן בלויז, גאַנצע אַריעס פון אָפּערעס. אַ װוּנדערלעך קינד, נישט אמת? איך וויל זי אָפּגעבן אויף צוגרייטנדיקע אָנפאַנג־קורסן אין אַ טעאַטער־שולע, אין דער קאָנסערוואַטאָריע, ווו מען וועט איר נאָר אָננעמען, און איינאָרדענען זי אין אַן אינטערנאַט. צוליב דעם בין איך דאָך דאָס אַהער געקומען, דערווייל אָן איר, כדי אַלץ דורכצופירן. און דערנאָך, וועל איך אַוועקפאָרן. צי קען מען דען אַלץ אויסדערציילן? נישט אמת? נאָר וועגן דעם — שפּעטער. און איצט וועל איך איבערוואַרטן, ביז מיין אויפרעגונג וועט אַריבער. איך וועל שווייגן אַ ביסל, צונויפנעמען די געדאַנקען. איך וועל פּרובירן פאַר־טרייבן פון זיך די שרעקלעכקייטן. אויסער דעם, האָבן מיר שרעקלעך צו־לאַנג פאַרהאַלטן יוריס נאָענטע אין קאָרידאָר. עס האָט זיך מיר צוויי מאָל געדאַכט, אַז מען האָט אין דער טיר געקלאַפּט. און דאָרט איז עפּעס אַ באַוועגונג און אַ גערויש. מען איז שוין געוויס געקומען פון דעם לוויה־אַמט. ביז איך וועל זיך צוזעצן און איבערטראַכטן, עפנט די טיר און לאָזט אַריין דעם עולם. עס איז שוין צייט, נישט אמת? אנטשול־דיקט. שטייט אַ ווײַלינקע. מען דאַרף אונטערשטעלן אַ בענקל צום אָרון, אַז נישט וועט מען צו יוראָטשקאַן נישט קענען צוקומען. איך האָב זיך אויף די שפּיץ־פינגער געפּרוווט אויפהויבן, אים צו זען. עס איז זייער שווער. און דאָס וועט דאַך נויטיק זיין פאַר מאַרינאַ מאַרקעלאָוונאַן און אירע קינ־דער. און אויסער דעם, איז דאַך עס נויטיק צום מנהג: „און קושט מיך מיטן לעצטן קוש". אָ, איך קען נישט, איך קען נישט. ווי ווייטיקדיק. נישט אמת?

— איך וועל באַלד אַלעמען אַריינלאָזן. נאָר קודם־כּל, אָט וואָס. איר האָט אַנדערציילט אַזוי פיל רעטזעלהאַפטעס און איר האָט אויפגעוועקט אַזוי פיל פראַגן, וואָס פּייניקן אייך, ווי עס שיינט, אַז עס איז מיר שווער אייך צו ענטפערן. איינס וויל איך, אַז איר זאָלט וויסן. זייער גערן, פון גאַנצן האַרצן, לייג איך אייך פאָר מיין הילף אין אַלע אייערע זאָרגן. און געדענקט עס. קיינמאָל, אין קיין שום פאַל, דאַרף מען נישט ווערן פאַר־צווייפלט. נאָר האָפן און טון, — דאָס איז אונדזער פליכט אין אַן אומגליק. זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און זיך מיאש־זיין, — דאָס הייסט פאַרגעסן

און אויסדרייען־זיך פון פליכט. איצט וועל איך אריינלאָזן צום געזעגענען־זיך, וואָס שייך אַ בענקל, זענט איר גערעכט. איך וועל עס באַלד קריגן און אונטערשטעלן.

נאָר אַנטיפּאָווא האָט אים שוין מער נישט געהערט. זי האָט נישט געהערט, ווי יעווגראַף זשיוואַגאָ האָט געעפנט די טיר פון צימער און עס האָט אַהער אַריינגעשטראָמט אַ המון פון קאָרידאָר. זי האָט נישט געהערט זיינע שמועסן מיט די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער לוויה און מיט די הויפּט־באַגלייטער. זי האָט נישט געהערט דעם גערויש פון די דורכגייענדיקע, מאַרינאַס שטיל געוויין, דאָס אונטערהוסטן פון די מענער. די ווייבערישע טרערן און יאָמערן.

די איין אין קרייז זיך־דרייענדיקע מאָנאָטאָנע קלאַנגען האָבן זי פאַרוויגט און דערבראַכט ביז צו נישט גוט ווערן. זי האָט זיך באַמיט צו שטאַרקן מיט אַלע קרעפטן, נישט אַוועקצופאַלן אין חלשות. דאָס האַרץ איז איר צעריסן־געוואָרן, דער קאָפּ צעווייטיקט. וויגנדיק מיטן קאָפּ, האָט זי זיך פאַרטיפט אין השערות, פאַרשטעלונגען, זכרונות. זי איז אַריין אין זיי, ווי זי וואָלט צייטווייליק פאַרטרונקען־געוואָרן, אויף עטלעכע שעה, זיך אַריבערגעטראָגן אין עפּעס אַ קינפטיקער עלטער, צו וועלכער, עס איז נאָך נישט באַוווּסט, צי זי וועט דערלעבן. אין אַ צייט, וואָס האָט זי פאַר־עלטערט אויף צענדליקער יאָר און האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ זקנה. זי איז פאַרזונקען־געוואָרן אין מחשבות, ווי זי וואָלט אַריינגעפאַלן אין דער סאַמע טיף, צום סאַמע אָפּגרונט פון איר אומגליק.

זי האָט געטראַכט: „קיינער איז מיר נישט געבליבן. איינער איז געשטאָרבן. דער צווייטער האָט זיך אַליין דערהרגעט. און עס איז לעבן געבליבן בלויז דער, וועלכן מען וואָלט געדאַרפט דערהרגענען, וועלכן זי האָט געפּרוווט צו דערהרגענען, נאָר עס איז איר נישט געלונגען, דאָס דאָזיקע פרעמדע, אומגויטיקע מינדערוועוטיקייט, וואָס האָט פאַרוואַנדלט איר לעבן אין אַ קייט פון פאַרברעכנס, פאַרהוילענע פון איר אַליין. און די דאָזיקע טייוולאָנישע פאַרזעעניש טראָגט־זיך און שלעפּט זיך אַרום איבער די לעגענדאַרע ווינקעלעך פון אַזיע, וועלכע זענען אפשר נאָר באַקאַנט די זאַמלער פון פּאָטשט־מאַרקעס. און קיינער פון די נאָענטע און נויטיקע, איז נישט געבליבן.

אָך, דאָס איז דאָך געווען ערב ניי־יאָר, נאָך פאַר איר געפלאַנטן שיסן אין דער דאָזיקער שרעקלעכער געמיינקייט. דאַן האָט זי געהאַט אַ שמועס, אינדערפינצטער, מיט פּאַשאַן, אַ ייִנגל נאָך, אין דעם דאָזיקן צימער. און יורי, מיט וועלכן מען געזעגנט־זיך אַצינד, איז נאָך דאַן נישט געווען אין איר לעבן".

און זי האָט גענומען אָנשטרענגען איר זכרון, כדי אויפצולעבן יענעם ערב ניי־יאָריקן שמועס מיט פּאַשענקאָן. נאָר זי האָט זיך גאָרנישט געקענט דערמאָנען, אויסער ליכטעלעך וואָס האָבן געברענט אויפן פענצטער־פּאַראַפּעט און אַרום ליכטל — אַן אויסגעשפּרייטע ראָד אין דער פּראָסטיקער קאָרע אויף דער שויב.

צי האָט זי דען געקענט דענקען, אַז דער פאַרשטאָרבענער, וואָס ליגט דאָ איצט אויפן טיש, האָט געזען דאָס דאָזיקע שויבן־אויגל, דורכפּאָרנדיק די גאַס און אַז דאָס ליכטל האָט געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט? אַז דאָס דאָזיקע פון דרויסן־געזעענע פלעמל, — „אַ ליכט האָט געברענט אויפן טיש, אַ ליכט האָט געברענט" — איז אַריין אין זיין לעבן, אין זיין באַשערטקייט?

אירע געדאַנקען האָבן זיך צעשטרייט. זי האָט אַ טראַכט־געטון:

„דאָך, וואָס פאַר אַ שאָד עס איז, וואָס עס ווערט נישט אָפּגעריכט קיין קלויסטער־צערעמאָניע מיט תפילה־געזאָנגען! די קבורה־צערעמאָניע איז אַזוי דערהויבן און פייערלעך! די מערהייט פאַרשטאָרבענע זענען דאָך נישט ראוי צו דעם. אָבער יוראָטשקאָ איז דאָך די פּאַסנדיקע סיבה דערצו! ער איז דאָך דאָס אַזוי ווערט געווען. ער באַרעכטיקט דאָך דעם פּסוק: „דאָס געוויין אויפן קבר, וואָס שאַפט דאָס לויב־ליד הללויה". ער וואָלט עס באַרעכטיקט!

און זי האָט דערפילט אַ כוואַליע פון שטאָלץ און דערלייכטערונג, ווי עס פלעגט ביי איר תמיד טרעפן טראַכטנדיק וועגן יורין, אין די קורצע ווײַלעס פון איר לעבן אין זיין נאָענטקייט.

דאָס ווינטל פון פרייהייט און זאָרגלאָזיקייט, וואָס האָט שטענדיק געוויעט פון אים, האָט איר אויך איצט אַרומגעכאַפּט. אומגעדולדיק האָט זי זיך אויפגעהויבן פון בענקל, אויף וועלכן זי איז געזעסן. עפּעס נישט אינגאַנצן פאַרשטענדלעכס איז געשען מיט איר. עס האָט זיך איר געוואָלט, כאָטש נישט אויף לאַנג, מיט זיין הילף, אַרויסרייסן־זיך אויף דער פריי, אויף דער פרישער לופט, פון דעם קנויל ליידן וואָס פלאָנטערן זי אַרום, כדי צו פאַרזוכן, ווי עס האָט שוין געטראָפן, דאָס גליק פון באַפרייונג. וועגן אַזאַ גליק האָט זיך עס איצט געטרוימט, האָט זיך עס איר געדאַכט, דאָס גליק פון געזעגענען־זיך מיט אים. די געלעגנהייט און די רעכט פון וועלן אומגעשטערטערהייט אויסוויינען־זיך איבער אים. און מיט אַ ליידנשאַפטלעכער איילִיקייט האָט זי אַרומגענומען דעם גאַנצן עולם מיט אַ בליק, פול מיט יסורים. אַ בליק וואָס האָט גאָרנישט געזען און איז פול געווען מיט טרערן, ווי אַן אויגן־דאָקטאָר וואָלט אַריינגעטריפט ברענענדיקע אויגןטראָפּנס.

און אַלץ האָט זיך אַ באַוועג־געטון. נעזער האָבן זיך צעשנייצט. מען האָט אָנגעהויבן זיך צו באַזייטיקן און אַרויסגיין פון צימער, איבערלאָזנדיק זי ענדלעך אַליין, ביי צוגעמאַכטע טירן.

און זי האָט זיך, גייענדיק, שנעל איבערגעצלמט, צוגעקומען צום טיש און צום אָרון, איז אַרויפגעשטיגן אויפן בענקל, וואָס יעווגראַף האָט צוגעשטעלט, האָט לאַנגזאַם געמאַכט איבערן קערפּער דריי ברייטע צלמים און זי האָט באַרירט מיט אירע ליפּן דעם קאַלטן שטערן און די קאַלטע הענט.

זי האָט אַדורכגעלאָזן דעם איינדרוק, אַז דער אָפּגעקילטער שטערן איז ווי קלענער־געוואָרן, אַזוי ווי אַ האַנט וואָס איז אויסגעביילט אין אַ פויסט. איר איז געלונגען דאָס נישט צו באַמערקן. זי איז פאַרשטאַרבן־געוואָרן און עטלעכע רגע׳ס נישט גערעדט, נישט געטראַכט און נישט גע־וויינט. פאַרדעקנדיק דעם מיטן פון אָרון, די בלומען און דעם קערפּער, מיט איר קאָפּ, מיט איר ברוסט, מיט איר נשמה און מיט אירע הענט, וואָס זענען אַזוי רחבותדיק ווי אַ נשמה.

15

זי איז אינגאַנצן אויפגעציטערט געווען פון דעם אין־זיך פאַר־שטיקטן יאָמער. ווי לאַנג זי האָט געקענט, האָט זי זיך אים קעגנגעשטעלט. באַר פלוצלונג איז עס געוואָרן איבער אירע כוחות. די טרערן האָבן זיך ביי איר דורכגעריסן און זי האָט באַנעצט מיט זיי די באַקן, דאָס קלייד, די הענט און דעם אָרון, צו וועלכן זי האָט זיך צוגעדריקט.

זי האָט גאָרנישט געזאָגט, נישט געטראַכט. די רייען מחשבות, געמיינזאַמקייטן, פאַרשטענדעניש, וואַרשיינלעכקייטן, — האָבן זיך פריי געטראָגן, האָבן זיך געיאָגט דורך איר, ווי וואָלקנס איבערן הימל און ווי אין די צייטן פון די נאַכט־שמועסן זייערע.

אָט דאָס איז דאָס געווען, און עס האָט געבראַכט גליק און דער־לייזונג. דאָס נישט אויסגעמוטשטע, דאָס הייסע, די אנונג, וואָס בעאיינ־פלוסט קעגנזייטיק, דאָס אינסטיקטיווע, אוממיטלבאַרע.

מיט אַזאַ אַנונג איז זי פול געווען אויך אַצינד: מיט אַ טונקעלער, אומדייטלעכער אַנונג וועגן טויט, מיטן גרייטן־זיך צו אים, מיט אַ גענצ־לעך נישט־פאַרלירן־זיך פאַר אים. עס איז געווען פּונקט ווי זי וואָלט שוין אַ מאָל צוואַנציק געלעבט אויף דער וועלט, אָן אַ שיעור מאָל שוין פאַרלוירן יורי זשיוואַגאָן, און דערמיט זיך אָנגעזאַמלט אַ פול האַרץ מיט

דערפאַרונג, אַזוי, אַז אַלץ וואָס זי האָט געפילט און געטון אַצינד ביי דעם אָרון, איז געווען געהעריק און פּאַסיק.

אַ, וואָס פאַר אַ ליבע דאָס איז געווען, אַ פרייע, אַ ווונדערלעכע, אַ נישט פאַרגלייכלעכע! זיי האָבן געטראַכט אַזוי ווי אַנדערע זינגען.

זיי האָבן געליבט איינער דעם אַנדערן נישט פון געצוווּנגענקייט, נישט אַרומגעכאַפּטע מיט קיין „תאווה־פלאַמען", ווי מען שטעלט זיך עס פאַלש פאָר. זיי האָבן געליבט איינער דעם אַנדערן דערפאַר, ווייל אַזוי האָט געוואָלט דער אַלץ אַרום: די ערד אונטער זיי, דער הימל איבער זייערע קעפּ, די וואָלקנס און די ביימער. זייער ליבע איז אפשר מער געפעלן געוואָרן דעם גאַנצן אַרום, ווי זיי אַליין: די אומבאַקאַנטע אויף דער גאַס, די רחבותדיקע ווייטקייטן איבער וועלכע זיי האָבן געמאַכט זייערע שפּאַצירן, די צימערן, אין וועלכע זיי האָבן געוווינט און זיך געטראָפן.

אָך, אָט דאָס איז עס דאָך, דאָס איז דאָך געווען דער עיקר, וואָס האָט זיי דערנענטערט און פאַראייניקט! קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט, אפילו אין די מינוטן פון סאַמע אָוועקשענקען זיך, פון באַוווּסטזיין־פאַרלירנדיקן גליק, — האָט זיי נישט פאַרלאָזן דאָס סאַמע העכסטע און פאַרכאַפּנדיקסטע: דאָס אַנטציקן־זיך מיט דער אַלגעמיינער סקולפּטור און צורה פון דער וועלט, דאָס געפיל פון זייער אייגענער אַנגעהעריקייט מיטן גאַנצן אַרומיקן בילד, דאָס געפיל פון האָבן אַ שייכות צו דער שיינקייט פון דער גאַנצער אַנטפּלעקונג, צו דעם גאַנצן ערד־קיילעך.

זיי האָבן געאָטעמט נאָר מיט דער דאָזיקער בשותפותדיקייט. און דערפאַר זענען זיי נישט באַגייסטערט־געוואָרן מיט דעם מענטשנס דער־הויבן־זיך איבער דער נאַטור, מיט דעם מאָדערנעם צאַצקען־זיך מיט דעם מענטשן, מיט דער מענטשן־פאַרערונג. די יסודות פון פאַלשער געזעל־שאַפטלעכקייט, וואָס איז פאַרוואַנדלט־געוואָרן אין פּאָליטיק, האָט זיי אויס־געזען ווי נעבעכדיקע שטוב־אַרבעט און דאָס איז פאַרבליבן פאַר זיי אומ־פאַרשטענדלעך.

16

און אָט האָט זי זיך גענומען געזעגענען מיט אים, מיט פּשוטע, וואָכעדיקע ווערטער פון אַ לעבהאַפטן, צערעמאָניעלאָזן שמועס, וואָס צע־שליידערט די ראַמען פון ווירקלעכקייט און פאַרמאָגט נישט קיין זין, ווי עס פאַרמאָגן נישט קיין זינען די כאָרן און טראַגעדיע־מאָנאָלאָגן, די פּערזען־שפּראַך און די מוזיק, וועלכע באַרעכטיקן־זיך איינציק בלויז מיט די באַ־

דינגונגען פון דער עמאָציע. די באַדינגונגען אין דעם פאַל, וואָס האָט באַרעכטיקט די געשפּאַנטקייט פון איר לייכטן, נישט פאַראויס זיך גענו־מענעם שמועס, זענען געווען אירע טרערן, אין וועלכע עס האָבן זיך גע־טרונקען, זיך געבאָדן און געשווומען אירע וואָכעדיקע, נישט־פייערלעכע ווערטער.

עס האָט אויסגעזען, ווי דווקא די דאָזיקע מיט טרערן־דורכגענעצטע ווערטער זענען זיך אַליין צוזאַמענגעקומען אין איר צערטלעכן און שנעלן געפּליסטער, ווי דאָס רוישן פון דעם ווינט אין דעם זיידענעם און פייכטן בוים־געבלעטער, באַגלייט דורך אַ וואַרעמען רעגן.

— און אָט זענען מיר ווידער צוזאַמען, יוראַטשקאַ. ווי גאָט וואָלט אויפסניי באַפוילן, זיך צו באַגעגענען. וואָס פאַר אַ שרעק דאָס איז, באַרעכן נאָר! אָ, איך קען נישט! גאָט מיינער! איך קלאָג און קלאָג! שטעל זיך פאָר! אָט איז ווידער עפּעס אַזוינס אין אונדזער זין, פון אונדזער אוצר. דיין אַוועקגיין, מיין סוף. ווידער עפּעס גרויס און מעכטיקס, אומאָפּרופלעכס. דער סוד פון לעבן, דער סוד פון טויט, די הערלעכקייט פון דער געניאַ־ליטעט, די הערלעכקייט פון דער אַנטפּלעקונג, — דאָס איז, איך בעט דיך, דאָס איז דאָס, וואָס מיר האָבן פאַרשטאַנען. און די קליינלעכע וועלטלעכע ארומרייסעניש אין זין פון איבעראַנדערשן דעם ערד־קוגל, דאָס איז, איר זאָלט מיר מוחל זיין, נישט אונדזער געביט.

זיי געזעגנט מיין טיף און האַסטיק טייכל. ווי ליב האָב איך געהאַט דעם גאַנצן טאָגיקן פּליעסק דיינעם, ווי ליב האָב איך געהאַט אַריינצו־וואַרפן־זיך אין דיינע קילע כוואַליעס.

געדענקסטו, ווי איך האָב זיך דאַן געזעגנט מיט דיר דאָרטן, אין די שנייען? ווי האָסטו מיך אָפּגענאַרט! צי דען וואָלט איך אַוועקגעפאָרן אָן דיר? אָ, איך ווייס, איך ווייס, דו האָסט עס געטון איבער דיינע כוחות, לטובת דעם זיך־פאַרגעשטעלטן ווילזיין מיינעם. און דאַן איז פון אַלץ געוואָרן אַש און שטויב. גאָט מיינער, וואָס איך האָב זיך דאָרט אָנגעליטן, וואָס איך האָב אַלץ אַריבערגעטראָגן! נאָר דו ווייסט דאָך גאָרנישט. אָ, וואָס איך האָב אָפּגעטון, יורא, וואָס איך האָב אָפּגעטון! וואָס פאַר אַ פאַר־ברעכערין איך בין, האָסט קיין אַנונג נישט! נאָר איך בין נישט שולדיק. איך בין דאַן דריי חדשים אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל. פון דעם, איין חודש אָן באַוווסטזיין. פון דאַן אָן, איז מיין לעבן — קיין לעבן נישט, יורא. מיין האַרץ האָט קיין רו נישט פון מיטלייד און יסורים. נאָר איך זאָג דאָך נישט, איך אַנטפּלעק דאָך נישט דאָס וויכטיקסטע. איך קען דאָס נישט אָנרופן, איך בין נישט בכוח. ווען איך קום־צו צו דעם דאָזיקן מאָמענט אין מיין לעבן, שטעלן זיך מיר די האָר אויפן קאָפּ קאַפּויר פון גרויזאַמקייט. און,

דו ווייסט וואָס? איך וועל אפילו נישט ערוב־זיין דערויף, אַז איך בין פולשטענדיק נאָרמאַל. נאָר דו זעסט, איך טרינק נישט, ווי פיל אנדערע, איך לאָז זיך נישט אויף דעם דאָזיקן וועג, דערפאַר ווייל אַ שיכורע פרוי, דאָס איז שוין אַ סוף צו אַלץ. דאָס איז שוין עפּעס אַזוינס, נישט צום באַנעמען. נישט אמת?

און זי האָט נאָך עפּעס גערעדט, געיאָמערט און זיך געפּייניקט.

פּלוצלונג האָט זי איבעראַשט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט זיך אַרומגעקוקט: אין דעם צימער זענען שוין לאַנג געוועזן מענטשן. אַ פּאַר־זאַרגטקייט, אַ באַוועגונג. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון דער באַנק און, וואַקלענדיק־זיך, איז זי אָפּגעטראָטן פון דעם אָרון, האָט אַ פּיר־געטון די האַנט איבער די אויגן און, ווי זי וואָלט אַרויסגעדריקט דעם רעשט נישט־דערוויינטע טרערן, כדי זיי אַראָפּצוטרייסלען אויף דער פּאָדלאָגע.

צו דעם אָרון זענען צוגעקומען מענער און זיי האָבן אים אַראָפּגענומען אויף דריי האַנטוכער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַרויסטראָגן דעם מת.

17

לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ האָט פאַרבראַכט עטלעכע טעג אין דעם הויז אויף קאַמערגערסקי־געסל. דאָס אין אָרדענונג ברענגען די מאַנוסקריפּטן, וועגן וואָס עס איז גערעדט געוואָרן מיט יעווגראַף אַנדרייעוויטשן, האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט איר אָנטייל, נאָר עס איז נישט דערפירט געוואָרן ביז צום סוף.

עס איז אויך צושטאַנד־געקומען איר געשפּרעך מיט יעווגראַף אַנ־דרייעוויטשן, וועגן וועלכן זי האָט אים געהאַט געבעטן.

ער האָט זיך דערוווסט פון איר עפּעס זייער וויכטיקס.

איינמאָל איז לאַריסאַ פיאָדאָראָוונאַ אַוועק פון שטוב און זי האָט זיך מער נישט צוריקגעקערט.

וואַרשיינלעך האָט מען זי אין יענע טעג אַרעסטירט אויף דער גאַס און זי איז געשטאָרבן, אָדער זי איז פאַרפאַלן־געוואָרן, מען ווייסט נישט ווו, פאַרגעסן־געוואָרן אונטער אַ וועלכן־עס־איז נאָמענלאָזן נומער אין פאַרלוירן־געגאַנגענע רשימות, אין איינעם פון די אומצאָליקע, אַלגעמיינע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָדער אין אַזאַ פרויען־לאַגער אין צפון פון לאַנד.

זעכצנטער טייל

עפילאג

1

אין זומער פון טויזנט־ניין־הונדערט דריי־און־פערציקסטן יאָר, נאָכן דורכרייסן דעם פראָנט ביים קורסקער בויגן און נאָכן באַפרייען די שטאָט אָריאָל, האָבן זיך אומגעקערט, יעדער באַזונדער, אין זייך מיליטערישער אָפּטיילונג, דער נישט לאַנג צוריק דערהויבענער צום ראַנג, אונטער־לייטענאַנט גאָרדאָן און דער מאַיאָר דודאַראָװ. דער ערשטער האָט זיך אומגעקערט פון אַ דינסט־שליחות אין מאָסקווע און דער אַנדערער אויך פון דאָרט, נאָך אַ דריי־טאָגיקן אורלויב.

אויפן וועג צוריק, זענען זיך ביידע צוזאַמענגעפאָרן און זיי האָבן איבער־גענעכטיקט אין טשערני, אַ קליין שטעטעלע, כאָטש אַ חרוב געוואָרנס, נאָר נישט פולשטענדיק פאַרניכטעט, אַזוי ווי די מערהייט ישובים פון דער דאָזיקער „מדבר־זאָנע", וואָס זענען אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד דורך דעם אָפּטרעטנדיקן שונא.

צווישן די שטאָטישע רואינען, צווישן גרודעס ציגלברוך און צע־שטויסענעם גרוז, האָט זיך געפונען אַ נישט־באַשעדיקטער היי־שייער, אין וועלכן ביידע האָבן זיך אָנהויב אָוונט געלייגט איבערנעכטיקן.

עס האָט זיך זיי נישט געשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי גערעדט. פאַרטאָג, אַרום דריי אַ זייגער, האָט דעם איינגעדרימלטן דודאַראָוון אויפגעוועקט גאָרדאָנס אַרומפּאָרען־זיך. מיט אומגעלומפּערטע באַוועגונגען, ווי אויפן וואַסער, אַריינטויכנדיק און איבערקייקלענדיק־זיך אינעם ווייכן היי, האָט ער צונויפגענומען אין אַ קלומיקל אַביסל חפצים און דערנאָך, אויך אַזוי אומגעלומפּערט, האָט ער גענומען אַראָפּקריכן פון דעם שפּיץ היי־באַרג, צו דער שוועל פונעם שייער.

— ווּהין האָסטו זיך עס אָנגעגורט די לענדן צום גיין? עס איז נאָך פרי.

— צום טייכל גיי איך אַראָפּ. איך וויל זיך אַ ביסל וועש אויסוואַשן.

— אָט אַ משוגענער. אין אָוונט וועלן מיר זיין אין דער מיליטער־

אָפּטיילונג. די וועשערין טאַנקאַ וועט אונדז אַרויסגעבן צום טוישן. צו וואָס אַזאַ אומגעדולדיקע גראַטשקע?

— איך וויל נישט אָפּלייגן. איך בין דורכגעשוויצט, פאַרקראַכן. אַ הייסער באַגינען. איך וועל עס שנעל אויסשווענקען, גוט אויסדרײנגען, אויגנבליקלעך וועט זיך עס אויסטריקענען אויף דער זון. איך וועל זיך אויסבאָדן און זיך איבערטון.

— פון דעסטוועגן, ווייסטו, פּאַסט עס נישט. ווּעסט מסכים־זיין, אַז אָן אָפּיצער ביזטו דאָך סוף־כּל־סוף.

— עס איז פרי. אַלץ אַרום שלאָפט. איך וועל ערגעץ הינטער אַ קוסט. עס וועט קיינער נישט זען. און דו שלאָף און רעד נישט. וועסט נאָך דעם שלאָף פאַריאָגן.

— איך וועל שוין סײַ־ווי מער נישט אײַנשלאָפן. איך וועל גיין מיט דיר.

און זיי זענען אַוועק צום טײַכל, איבער די ווייסע רואינען־שטיינער, וואָס האָבן זיך שוין באַוויזן אָנצוגליִען אונטער דער הייסער, נאָרוואָס־אויפגעגאַנגענער זון.

אינמיטן פון די געוועזענע גאַסן, אויף דער ערד, אין דער סאַמע זון־פּרעגלעניש, זענען געשלאָפן שווייסיקע, כראָפּענדיקע, רויט־דערהיצטע מענטשן. דאָס זענען מערסטנטייל געווען אַרטיקע, פאַרבליבענע אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, זקנים, פרויען און קינדער און ווו־נישט־ווו הינטערשטעליק־געבליבענע רויטאַרמייער, וועלכע יאָגן־אָן די אײַנהייטן, צו וועלכע זיי זענען צוגעטיילט.

גאַרדאָן און דודאַראָוו האָבן, פאַרזיכטיק, קוקנדיק די גאַנצע צײַט פאַר די פיס, כדי נישט אַרויפצוטרעטן אויף זיי, געשפּרייזט צווישן די שלאָפנדיקע.

— רעד וואָס־שטילער, מיר וועלן נאָך אויפוועקן די שטאָט און דאַן, איז אַ גוטן טאָג מיט מײַן וועש־וואַשן.

און זיי האָבן, מיט געדעמפּטע שטימען פאַרגעזעצט זייער נאַכטיקן שמועס.

2

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טײַך?

— איך ווייס נישט. איך האָב נישט געפרעגט. וואַרשײַנלעך — די זושאַ.

— ניין, נישט זושאַ. עפּעס אַן אַנדער טײַכל.

— נו, איז ווייס איך נישט.

—אויף דער זושא האָט דאָך דאָס אַלץ פּאַסירט. מיט כריסטינען.

— יאָ, נאָר אויף אַן אַנדער פּלאַץ, ווו ער שטראָמט־דורך ערגעץ־ווו נידעריקער. מען זאָגט, אַז די קירכע האָט איר צו דער צאָל הייליקע צו־גערעכנט.

— דאָרט איז געווען אַ שטיינערנע געביידע, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „פּערד־שטאַל". און ווירקלעך איז דאָס געווען אַ סאַוואַכאָזישער פּערד־שטאַל, פון דער פערד־האָדאָווליע, אַ סימבאָלישער נאָמען, וואָס איז געוואָרן היסטאָריש. אַן אוראַלטע דיק־וועַנטיקע געביידע. די דייטשן האָבן זי באַפעסטיקט און האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַ נישט־צוטריטלעכער פעס־טונג. פון דאָרטן האָט זיך גוט באַשאָסן די גאַנצע געגנט, וואָס דאָס האָט אָפּגעהאַלטן אונדזער אָנגריף. דעם פּערד־שטאַל האָט מען געמוזט איינגע־מען. כריסטינאַ איז, מיט וווּנדערלעכן העלדנמוט און אָריענטאַציע־המצ־אות, אַריינגעדרונגען אינעם דייטשן געביט, האָט אויפגעריסן דעם פּערד־שטאַל, זי איז לעבעדיקערהייט געכאַפּט און אויפגעהאָנגען־געוואָרן.

— פאַרוואָס עפּעס כריסטינאַ אָרלעוועצוואַ, און נישט דודאָראָוואַ?

— מיר זענען דאָך נאָך נישט געווען פאַרהייראַט. אין זומער, נײַנצן איין־און־פערציקסטן יאָר, האָבן מיר זיך איינער דעם אַנדערן געגעבן אַ וואָרט, חתונה צו האָבן נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה. נאָך דעם, האָב איך געוואָגלט צוזאַמען מיט דער איבעריקער אַרמיי. מיין אָפּטיילונג האָט מען, אָן אויפהער, געהאַלטן אין איין איבערפירן פון איין אָרט אויפן אַנדערן. בעת די דאָזיקע איבערוואַנדערונגען, האָב איך זי פאַרלאָרן פון אויג. מער האָב איך זי נישט געזען. וועגן איר מוטיקן אויפטו און העלדישן טויט, האָב איך זיך דערוווּסט צופעליק מיט אַלע. פון די צייטונגען און פון די פּאָלק־באַפעלן. דאָ ערגעץ, זאָגט מען, טראַכט מען אויפצושטעלן איר אַ דענקמאָל. דער ברודער פון פאַרשטאָרבענעם יורי, דער גענעראַל זשיוואַגאָ, האָב איך געהערט, פאָרט־אַרום איבער די דאָזיקע געביטן און קלייבט ידיעות וועגן איר.

— אַנטשולדיק, וואָס איך האָב דיך אַרויפגעבראַכט אויף אַ שמועס וועגן איר. דיר דאַרף עס זיין שווער.

— נישט אין דעם גייט עס. נאָר מיר האָבן זיך פאַררעדט. איך וויל דיך נישט שטערן. טו זיך אויס, גיי אַריין אין וואַסער און טו וואָס דו דאַרפסט. און איך וועל זיך אויסציען אויפן ברעג, מיט אַ שטרוי אין מויל. וועל קייען, וועל טראַכטן און עס קען זיין, אַז איך וועל כאַפּן אַ דרימל.

עטלעכע מינוט שפּעטער האָט זיך דער שמועס באַנייט.

— ווו האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזוי וועש צו וואַשן?

— די נויט לערנט אויס. מיר האָבן קיין מזל נישט געהאַט. פון אַלע שטראָף־לאַגערן, זענען מיר אַריינגעפאַלן אין דעם סאַמע־שרעקלעכסטן. איינציקע זענען לעבן געבליבן. אַנהויבנדיק פון אונזער אָנקומען. די פּאַרטיע איז אַרויסגעפירט־געוואָרן פון וואַגאָן. אַ שנייאיקער מדבר. פון דער ווייטנס — אַ וואַלד. אַ וואַך, אַראָפּגעלאָזענע ביקסן־לופעס, אַ סטאַדע־הינט. במשך דער זעלבער שעה האָט מען, פון צייט צו צייט, אָנגעטריבן אַנדערע, נייע גרופּעס. אויסגעשטעלט אַלעמען אין אַ ברייטן, פּיל־ווינקל־דיקן קרייז, איבערן גאַנצן פעלד, מיט די רוקנס — אינווייניק אַריין, אַז מען זאָל זיך נישט זען איינער דעם אַנדערן. מען האָט באַפוילן צו שטעלן־זיך אויף די קני און, אונטער דער דראָאונג פון דערשאָסן־ווערן, — נישט קוקן אין די זייטן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן די שעהען־לאַנג פאַרצויגענע, אומענדלעכע, דערנידעריקנדיקע פּראָצעדור פון איבערציילן. און אַלץ אויף די קני. דערנאָך — אויפגעשטאַנען. אַנדערע פּאַרטיעס האָט מען פאַנאַנדערגעפירט איבער פאַרשידענע פונקטן און אונדזערער האָט מען געמאָלדן:

— אָט דאָס איז אייער לאַגער. אָרדנט זיך־איין, ווי איר קענט.

אַ שנייאיקער פעלד אונטערן אָפענעם הימל, אינמיטן — אַ סלופּ. אויפן סלופּ אַן אויפשריפט: „גולאַג 92 יאָ. נ. 90" און מער גאָרנישט.

— ניין, ביי אונדז איז געווען לייכטער. אונדז האָט עס אָפּגע־גליקט. איך בין דאָך אַ צווייטן תּפיסה־טערמין אָפּגעזעסן, וואָס דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דעם ערשטן. אויסער דעם, איז דער באַשול־דיקונגס־פּאַראַגראַף אַן אַנדערער און אַנדערע באַדינגונגען. נאָך דער באַפרייאונג, האָט מען מיר ווידער צוריקגעגעבן אַלע מיינע רעכט, ווי נאָך דער ערשטער באַפרייאונג, און מען האָט מיר ווידער דערלויבט צו האַלטן לעקציעס אין אוניווערזיטעט. און אין דער מלחמה האָט מען מיך מאָביליזירט מיט אַלע רעכטן פון אַ מאַיאָר, און נישט ווי קיין שטראָף־אָפּקומענדיקן, אַזוי ווי דיר.

— יאָ, דער סלופּ מיט דעם ציפער „92 יאָ. נ. 90" און מער גאָר־נישט. די ערשטע צייט האָבן מיר, אין פראָסט, מיט די בלויזע הענט צווייגן געבראָכן, אויפצושטעלן אַ באַראַק. פון דעסטוועגן, וועסט עס נישט גלויבן, מיר האָבן זיך לאַנגזאַם אַליין אַרומגעבויט. אויסגעגראָבן אָקאָ־פּעס, אַרומגענומען־זיך מיט שטעכל־דראָט, זיך פאַרזאָרגט מיט קאַרצערס, מיט וואַך־טורעמס, — אַלץ מיר אַליין. און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס האַקן וואַלד. אונטערהאַקן ביימער. ביימער האָבן מיר געהאַקט. זאַלבעאַכט האָבן מיר זיך אין אַ שליטן איינגעשפּאַנט, געשלעפּט אויף זיך די קלע־

צער. ביז איבער דער ברוסט — אין שניי געזונקען. מיר האָבן לאַנג נישט געוווּסט, אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן. מען האָט עס פאַרהוילן פון אונדז. און פּלוצלונג — אַ פאַרשלאַג. פרייוויליק צו גיין אין שטראָף־באַטאַליאָנען אויפן פראָנט. און אין פאַל פון אַרויסגיין גאַנץ פון די אומענדלעכע שלאַכטן, באַקומט יעדערער פרייהייט. און נאָכדעם זענען געקומען אַטאַקעס און אַטאַקעס. קילאָמעטערס שטעכלדראָט מיט עלעק־טרישער שפּאַנונג. מינעס, מינענוואַרפער, חדשים און חדשים פון הוראַ־גאַנישן פייער. נישט אומזיסט האָט מען אונדז אין די דאָזיקע ראָטעס גערופן: צום טויט פאַרמשפּטע. ביזן לעצטן — אויסגעדראָשן. וויאַזוי איך בין ביים לעבן געבליבן? וויאַזוי איך בין געבליבן? פון דעסטוועגן, שטעל זיך פאָר, אַז דער דאָזיקער גאַנצער בלוטיקער גיהינום איז נאָך געווע אַ גליק, אין פאַרגלייך מיט די שוידערלעכקייטן פון דעם קאָנצענ־טראַציע־לאַגער. און דאָס — בכלל נישט צוליב די שווערע באַדינגונגען, נאָר צוליב עפּעס אַנדערש.

— יאָ, ברודער, האָסט זיך אָנגעגעסן מיט גאַל.

— דו ווייסט זיך דאָרט נישט בלויז ווייס־וואַשן, נאָר אַלץ וואָס דו ווילסט, וועסטו זיך דאָרט אויסלערנען.

— אַ וווּנדערלעכע זאַך, נישט בלויז אין אָנבליק פון דיין קאַטאַר־גע־גורל, נאָר אין שייכות מיט אַלע געשעענישן, וואָס זענען פאַרגעקומען אין לעבן פון די דרייסיקער יאָרן, אפילו אויף דער פרייַ, אפילו אין וויל־שטאַנד פון דער אוניווערזיטעטס־טעטיקייט, ביכער, געלט, באַקוועמלעכ־קייטן, — איז די מלחמה געקומען ווי אַן אַפּרייניקנדיקער שטורעם, ווי אַ שטראָם פון פרישע לופט, ווי אַן אָטעם פון דערלייזונג.

— איך מיין, אַז די קאָלעקטיוויזאַציע איז געווען אַ פאַלשער, נישט־געלונגענער שריט און מען האָט נישט געטאָרט מודה־זיין זיך אין דעם טעות. כדי צו פאַרדעקן די דורכפאַלן, האָט מען געמוזט, מיט אַלע אָפּשרעקונגס־מיטלען, אָפּגעוווינען מענטשן פון דענקען, פון אורטיילן, און צווינגען זיי צו זען דאָס נישט־עקזיסטירנדיקע און צו דערוויזן דעם היפוך פון דאָסווירקלעכע. פון דאַנען נעמט־זיך די אומפאַרגלייכלעכע ברוטאַליטעט פון דער יעזשאָווטשטשינע, דאָס פאַרעפנטלעכן אַ קאָנסטי־טוציע, וואָס מען האָט אפילו נישט גערעכנט איינצופירן אין לעבן, דאָס איינפירן וואַלן וואָס זענען נישט באַזירט אויף קיין וואַל־יסוד.

— און ווען עס האָט זיך צעפלאַקערט די מלחמה, אירע ריאַלע גרויזאַמקייטן, די ריאַלע געפאַר, און די דראָונג פון ריאַלן טויט, — איז דאָס אַלץ געווען אַ חסד, אין פאַרגלייך מיט דעם אוממענטשלעכן געוועל־

טיקן פון דעם בלאָף. און דאָס האָט געבראַכט אַ דערלייכטערונג, ווייל זיי האָבן באַגרענעצט דעם כישוף־כוח פון טויטן אות.

— נישט בלויז מענטשן אין דיין לאַגע, אויף קאַטאָרגע, נאָר אַלע אויסדריקלעך, אין הינטערלאַנד און אויפן פראָנט, האָבן פרייער אָפּגע־אָטעמט מיט דער פולער ברוסט, און באַגייסטערטע, מיטן געפיל פון אמתן גליק, האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם שמעלץ־קעסל פון שרעקלעכן קאַמף, וואָס טראָגט אין זיך טויט און באַפרייונג.

— מלחמה, — דאָס איז אַ באַזונדער רינגעלע אין דער קייט פון די רעוואָלוציאָנערע יאָרצענדליקער. עס האָט זיך פאַרענדיקט די גילטיקייט פון די סיבות, וועלכע זענען געלעגן דירעקט אין דער נאַטור פון דער איבערקערעניש.

— מען האָט גענומען פאַרשפּרייטן לעגענדעס וועגן די אַלגעמיינע סך־הכלען, פּלאַי־פּלאַים, דערגרייכונגען, אַזוינס און אַזעלכעס. דער רע־זולטאַט פון די צרות איז געווען: אַ האַרטעווען פון די כאַראַקטערן, פיינשמעקער־לאָזיקייט, גבורה, גרייטקייט צו גרויסע מעשים, צו אומ־דערהערטע, צו פאַרצווייפלטע. דאָס זענען קוואַליטעטן לעגענדאַרע, באַ־רוישנדיקע, און זיי שטעלן צוזאַמען דעם מאָראַלישן קאַליר פון דור.

— די דאָזיקע באַטראַכטונגען מאַכן מיך איבערפולט מיטן געפיל פון גליק, נישט־קוקנדיק אויף כריסטינאַס מאַרטירערישן טויט, אויף מיינע וווּנדן, אויף אונדזערע פאַרלוסטן און אויף דעם גאַנצן בלוטיק־טייערן פּרייז פון מלחמה. אַריבערצוטראָגן די לאַסט פון אַרלעצאָוואָס טויט, העלפט מיר דאָס ליכט פון זעלבסט־אָפּפערוויליקייט, מיט וועלכן עס איז באַלויכטן־געוואָרן איר סוף און דאָס לעבן פון יעדן איינציקן פון אונדז.

— פונקט דאָ, ווען דו, אָרעמער נעבעך, ביזט אויסגעשטאַנען דיינע אַנצאָליקע פיינען, בין איך אַרויס אויף דער פריי. אַרלעצאָוואַ האָט אין דער זעלבער צייט, אַנגעהויבן לערנען אויפן היסטאָרישן פאַקולטעט. דער געביט פון אירע וויסנשאַפטס־אינטערעסן האָט איר געבראַכט אונטער מיין לייטונג. אַ סך פריער, נאָכן ערשטן פאַרשפּאַרן מיך אין קאָנצענ־טראַציע־לאַגער, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד, האָט שוין דאָס דאָזיקע וווּנדערבאַרע מיידעלע צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז נאָך געווען ביי יוריס לעבן. געדענקסט, איך האָב דיר דערציילט. איז אָט אַצינד, הייסט עס, איז זי אַריינגערעכנט־געוואָרן אין דער צאָל פון מיינע סטודענטינס.

עס איז דאָ געהאַט נאַרוואָס אַריין אין דער מאָדע פון די שילער, צו קריטיקירן זייערע לערער. אַרלעצאָוואַ האָט זיך אין דער דאָ־

זיקער אַרבעט אַריינגעוואָרפן מיט איר גאַנצן פֿייער. בלויז גאָט אַליין ווייסט עס, פֿאַרוואָס זי האָט מיך אַזוי צאַרנדיק אָנגעגריפֿן. אירע אָנפֿאַלן זענען געווען אַזעלכע עקשנותדיקע, קעמפֿערישע און אומגערעכטע, אַז די איבעריקע סטודענטן פֿון דעם פֿאַקולטעט האָבן זיך אַפֿט קעגנגעשטעלט און זיך אָנגענומען פֿאַר מיר. אַרלעצאָוואַ איז געווען אַ וווּנדערלעכע הומאָריסטקע. אונטער אַן אויסגעטראַכטן פֿאַמיליענאָמען, אונטער וועלכן אַלע האָבן מיך דערקענט, האָט זי מיך אויסגעלאַכט אין דער וואַנט־צייטונג, וויפֿל איר האַרץ האָט געוואָלט. פֿלוצלונג, דורך אַ געשעענעם צופֿאַל, איז קלאָר געוואָרן, אַז די דאָזיקע איינגעוואָרצלטע שנאה איז גאָר אַ מאַסקירונגס־פֿאָרם פֿון אַ יונגער, שטאַרקער ליבע, וואָס דויערט שוין לאַנג. איך האָב איר תּמיד געענטפֿערט מיטן זעלבן.

מיר האָבן געהאַט אַ פּרעכטיקן זומער אין איין־און־פֿערציקסטן יאָר, אין ערשטן יאָר פֿון דער מלחמה, סאַמע פֿאַר און באַלד נאָך דער מלחמה־דערקלערונג. עטלעכע מאָל, יוגנטלעכע, סטודענטן און סטודענט־קעס, און אין דער צאָל — אויך זי, האָבן זיך באַזעצט אין אַ דאַטשע־אָרט הינטער מאָסקווע, ווו שפּעטער האָט זיך איינגעאָרדנט מיין מיליטער־אָפּטיילונג.

אונדזער פֿריינטשאַפֿט האָט זיך פֿאַרבונדן און איז געפֿלאָסן אין די באַדינגונגען פֿון זייער מיליטערישער אויסשולונג, פֿון פֿאַרמירן הינ־טערשטאַטישע בירגערלעכע פּאַרטיזאַנער־אַקטיוויסטן, בעת כריסטינאַס טרענירן־זיך אַלס פֿאַראַשוטיסטין, בעת אַ נאַכטיקן אָפּשלאָגן די ערשטע דייטשע לופֿט־אַטאַקע פֿון די מאָסקווער שטאָטישע דעכער. איך האָב דיר שוין דערציילט, אַז דאָ האָבן מיר געפֿייערט דאָס געבן זיך דאָס וואָרט און אַז באַלד נאָכדעם, זענען מיר צעשיידט־געוואָרן מיטן אָנהויבן־זיך פֿון מיינע איבערוואַנדערונגען. מער האָב איך זי נישט געזען.

ווען עס האָט זיך געלאָזן מערקן אַ פּאָזיטיווער איבערברוך אין אונדזער לאַגע און די דייטשן האָבן זיך גענומען אונטערגעבן טויזנטער־ווייז, האָט מען מיך, נאָך אַ צווייטן מאָל פֿאַרווּנדעט־ווערן און צוויי־מאָליקן אָפּליגן אין שפּיטאָל, אַריבערגעפֿירט פֿון זעניט־אַרטילעריע, — אין דער זיבעטער אָפּטיילונג פֿון שטאַב, ווו עס האָבן זיך געפֿאָדערט מענטשן, וועלכע קענען פֿרעמדע שפּראַכן און וווּהין איך האָב זיך באַמיט, אַז מען זאָל אויך דיך אַפּקאָמאַנדירן, נאָכדעם ווי איך האָב דיך אויסגעפֿונען, ווי אָן אַרויסבאַקומענעם פֿונעם אָפּגרונט פֿון ים.

— די וועש־לייטערין, טאַניאַ, האָט גוט געקענט אַרלעצאָוואַן. זיי האָבן זיך באַגעגנט אויפֿן פֿראָנט און זענען געוואָרן חברטעס. זי דערציילט זייער פֿיל וועגן כריסטינען. די דאָזיקע טאַניאַ פֿאַרמאָגט עפּעס אַ מאַניער

צו שמייכלען מיטן גאַנצן פּנים, פּונקט אַזוי ווי יורי פלעגט שמייכלען. האָסט עס באַמערקט? עס פאַרשווינדט אויף אַ רגע דאָס קורצגעזלדיקייט, די קאַנטיקייט פון די קינבאַקן, דאָס געזיכט ווערט ליבלעך און צוציענד. דאָס איז איין און דער זעלבער טיפּ, וואָס איז ביי אונדז זייער פאַרשפּרייט.

— איך ווייס ווענן וואָס דו רעדסט. מעגלעך. איך האָב קיין אכט נישט געלייגט.

— וואָס פאַר אַ באַרבאַרישער, געמיינער צונאָמען דאָס איז: טאַנקאַ בעזאָטשערעדיעוואַ. דאָס איז יעדנפאַלס נישט קיין פאַמיליע־נאָמען, נאָר עפּעס אויסגעטראַכטס, פאַרדרייט. ווי מיינסטו?

— אַזוי האָט זי דאָך עס אויפגעקלערט. זי שטאַמט פון די הפקר־דיקע גאַסן־קינדער פון אומבאַקאַנטע עלטערן. ערגעץ אין טיף־רוסלאַנד, מן־הסתם, וווּ די שפּראַך איז נאָך ריין און אומבאַרירט, האָט מען זי געמוזט רופן „בעזאָטטשאַיאַ", אין דעם זין פון אָן אַ טאַטן. (בעזאָטשע־רעדיעוואַ הייסט: אָן אַ ריי. און בעזאָטטשאַיאַ: אָן אַ טאַטן) אָבער די גאַס, וועלכער עס איז נישט פאַרשטענדלעך געווען דער דאָזיקער צונאָמען און וועלכע כאַפּט אַלץ לויטן געהער און פאַרדרייט עס, האָט די דאָזיקע באַדייטונג איבערגעמאַכט אויף איר אופן, וואָס איז נאָענטער צו איר טאָגטעגלעכן מארק־לשון.

3

דאָס איז געווען אין דער ביז צום גרונט חרובער שטאָט קאַראַ־טשעוו, אין אַ קורצער צייט נאָך גאַרדאַנס און דודאַראָווס נעכטיקן אין שטעטעלע טשערני און זייער דאַרטיקן נאַכטיקן שמועס. דאַ, אַניאַגנדיק זייער אַרמיי, האָבן די צוויי פריינט געטראָפן בלויז אַ וועלכע הינטער־שטע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט זייערע הויפּט־כוחות.

איבער אַ חודש צייט אָן איבעררייס, איז געשטאַנען אַ לויטערער, שטילער און הייסער האַרבסט־וועטער. די פרוכטבאַרע שוואַרצערד פון ברינשטשינע, פון דער געבענטשטער געגנט וואָס צווישן אַריאָל און בריאַנסק, איז באַגאָסן־געווען מיט דער היץ פון בלויען, לויטערן הימל און האָט זיך געבענט אויף דער זון, באַקומענדיק דעם אויסזען פון שאָקאָלאַד־קאַפּעע.

דער שטאָט האָט דורכגעשניטן די גלייכע הויפּט־גאַס, וועלכע האָט זיך צוזאַמענגעגאַסן מיט דער טראַסע פון הויפּט־שאָסיי. אין איין זייט פון דער גאַס זענען געלעגן די חרובע הייזער, וואָס זענען דורך מינעס פאַרוואַנדלט־געוואָרן אין קופּעס בוי־אַפּפאַל און אַרויסגעריסענע, צע־

בראָכענע און אָפּגעברענטע ביימער פון מיט דער ערד־אויסגעגלייכטע פּרוכט־סעדער. אין דער אנדערער זייט, איבערן וועג, האָבן זיך געצויגן פּוסטע שטחים, וואָס עס קען זיין, אַז אויך פריער, ביזן חרוב מאַכן די שטאָט, האָט מען דאָרט וויניק געבויט און דערפאַר איז די זייט מער געשוינט־געוואָרן פון די שריפות און פראַך־אויפרייסן, ווייל עס איז דאָרט נישט געווען וואָס חרוב צו מאַכן.

אויף דער זייט, וואָס איז פריער באַבויט־געווען, האָבן זיך היימ־לאָזע איינוווינער געגראַבלט אין די קופּעס נישט דערברענטן אַש, האָבן עפּעס־וואָס אויסגעגראָבן און צוזאַמענגעטראָגן פון די ווייטע ווינקלען פון שריפה־חורבן, — אויף איין אָרט. אַנדערע האָבן אויף גיך געגראָבן פאַר זיך זיעמלאַנקעס (ערד־שטיבלעך), און זיי האָבן געשניטן די גראָז באַוואָקסענע ערד אין פּלאַכע שיכטן, צו באַדעקן דערמיט דעם אויבערשטן טייל פון זייער וווינונג.

אויף דער קעגנאיבערדיקער, נישט־באַבויטער זייט, האָבן זיך גע־ווייסט געצעלטן און עס האָבן זיך געדרענגט לאַסט־אויטאָס און לאַסט־וועגענער, וואָס געהערן צו פאַרשידענע דינסט־אָפּטיילונגען פון צווייטן עשאַלאָן, פעלד־שפּיטאָלן וואָס זענען אָפּגעריסן־געוואָרן פון זייערע דיווי־זיע־שטאַבן, אָפּטיילונגען פון פאַרשידנאַרטיקע אינטענדענטורן און פּראָ־וויאַנט־סקלאַדן, פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרטומלטע, האָבן זיך איינע די אַנ־דערע אַרומגעזוכט. דאָ האָבן זיי זיך אויך גרינגער געמאַכט, זיך אונטער־לעגט און געקרעפּטיקט, זיך אויסגעשלאָפן און נאָכדעם, געיאָגט ווייטער, אויף מערב, — מאָגערע, אויסגעדאַרטע בחורימלעך פון די פוסגייענדיקע דערגענצונגס־ראָטעס, אין גרויע פּילאָט־היטעלעך, אין שווערע, גרויע שינעלן, מיט ליידנדיקע, ערד־שוואַרצע פּנימער, בלוטלאָזע פון דעזינ־טעריע.

די האַלב־אויפגעריסענע און אין אַש־פאַרוואַנדלטע שטאָט האָט נאָך אַלץ פאַרגעזעצט צו ברענען און אויפרייסן אין דער ווייט, אין די ערטער, וווּ עס זענען אונטערגעלייגט־געוואָרן די מינעס פון פאַרלאַנג־זאַמערטן ווירקן. די, וועלכע זענען פאַרטון געווען אין גראָבן די ערד אין די סעדער, האָבן איבערגעריסן זייער אַרבעט, צוליבן ציטערן פון דער ערד אונטער זייערע פיס, נאָך יעדן אויפרייס. זיי האָבן אויסגעגלייכט זייערע געבויגענע רוקנס, אָנגעשפּאַרט זיך אָן די הענטלעך פון זייערע גראַב־אייזנס, אויסגעדרייט די קעפּ אין דער ריכטונג פון אָפּגעהילכטן אויפרייס, זיך אָפּגערוט און געקוקט לאַנג־לאַנג אין יענער זייט.

דאָרט זענען אויפגעגאַנגען צום הימל זיילן און שטראָמען און שפּעטער — פויל און שווער נאָכשווימענדיקע גרוי־שוואַרצע, ציגל־רויטע

און פלאַמיק־רויטיקע כמאַרעס פון אויפגעהויבענעם מיסט, וואָס האָט זיך צעשפּריצט, צעשפּריצט און זיך צוריק געזעצט צו דער ערד. און די אַרבעטנדיקע האָבן זיך ווידער גענומען צו זייער אַרבעט.

איינע פון די לאַנקעס, אויף דער נישט־באַבויטער זייט, איז געווען אַרומגעצוימט מיט קוסטן, און אַלטע בוימער האָבן אויסגעשפּרייט איבער איר ברייטע שאָטנס. מיט אירע געוויקסן האָט זיך די לאַנקע אָפּגעצוימט פון דער איבעריקער וועלט, ווי אַן אָפּגעזונדערט־שטייענדיקער הויף, אַ באַהאַלטענער און פאַרזונקענער אין קילער טונקלקייט.

די וועש־לייטערין טאַניאַ, מיט אַ צוויי־דריי סאָלדאַטן פון איר פּאָלק, עטלעכע זיך־איינגעבעטענע מיטוואָנדערער, און אויך גאָרדאַן און דודאַראָוו, האָבן געוואַרט אויף דער לאַנקע פון באַגינען־אָן אויף אַ לאַסט־מאַשין, וועלכע איז אַרויסגעשיקט־געוואָרן נאָך טאַניאַן און דעם איר אָנפאַרטרויטן פּאָלק־פאַרמעגן. דאָס פאַרמעגן איז דאָ געווען אין עטלעכע קאַסטנס איבער דער לאַנקע אָנגעשטעלטע איינער אויפן אַנדערן. טאַטיאַנאַ האָט זיי געהיט און איז קיין שפּאַן פון זיי נישט אָפּגעטראָטן. נאָר אויך די אַנדערע זענען געווען נאָענט צו די קאַסטנס, כדי נישט צו פאַרלירן די מעגלעכקייט מיטצופאָרן.

דאָס וואַרטן האָט לאַנג געדויערט, איבער פינף שעה. די וואַר־טנדיקע האָבן גאָרנישט געהאַט וואָס צו טון. זיי האָבן זיך צוגעהערט צו דעם אומאויפהערלעכן קלאַפּן מיטן צינגל פון דער באַרעדעוודיקער מיידל, וואָס האָט אַ סך געזען און דורכגעמאַכט. זי האָט דערציילט וועגן איר באַגעגעניש מיטן גענעראַל־מאַיאָר זשיוואַגאָ:

— ווי דען? דער נעכטיקער טאָג. צום גענעראַל האָט מען מיך פאַרזענלעך געפירט. צו דעם גענעראַל־מאַיאָר זשיוואַגאָ. דורכפאָרנדיק דאָ, האָט ער זיך וועגן כריסטינאַן אינטערעסירט, אויסגעפרעגט עדי־ראיה, עדות וואָס האָבן איר פּנים געקענט. האָט מען אים אָנגעוויזן אויף מיר. אַ חברטע, האָבן זיי אים געזאָגט. האָט ער באַפוילן אַרויסצורופן. נו, אַרויס־גערופן און געבראַכט צו פירן. ער איז בכלל נישט קיין שרעקלעכער. גאָר קיין באַזונדערס נישט, אַזוי ווי אַלע. אַ קרום־אויגיקער, אַ שוואַרצער. נו, וואָס איך האָב געוווסט, דאָס האָב איך אַרויסגעלייגט. אויסגעהערט, זאָגט ער אַ דאַנק. און דו אַליין, זאָגט ער, פון וואַנען ביזטו און אַ וואָסע־רע? און איך, אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, נעם זיך אַרויסדרייען, אַהער־אַהין. מיט וואָס האָב איך צו שטאָלצירן? אַ הפקר־קינד. און בכלל. איר ווייסט דאָך אַליין. אויסבעסערונגס־אַנשטאַלטן, אַרומשלעפּעריי. און ער לאָזט זיך נישט. „שיט — זאָגט ער — און שעם זיך נישט. וואָס איז דאָ פאַר אַ חרפּה?“ נו, אויס שעמעוודיקייט, האָב איך קודם־כל געזאָגט אַ וואָרט־

צוויי און ווייטער — מער. ער שאָקלט־צו מיטן קאָפּ און איך ווער דרייס־טער. און איך האָב וואָס צו דערציילן. ווען איר וואָלט געהערט, וואָלט איר נישט געגלויבט. איר וואָלט געזאָגט, אַז איך טראַכט־אויס. נו, האָט ער אויך אַזוי געזאָגט. ווען איך האָב געענדיקט, איז ער אויפגעשטאַנען און געשפּרייזט איבערן שטוב פון ווינקל צו ווינקל. זאָג מיר, זאָגט ער, אום גאָטעס ווילן, וואָס זענען דאָס פאַר אַ וווּנדער־געשיכטן? נו, אָט וואָס, זאָגט ער, איצט האָב איך קיין צייט נישט. און דיך וועל איך נאָך געפינען, האָב קיין מורא נישט, איך וועל דיך געפינען און נאָכאַמאָל רופן. איך האָב פּשוט נישט געגלויבט, אַז איך הער דאָס. איך וועל דיך, זאָגט ער, אַזוי נישט איבערלאָזן. מיר וועלן דאָ נאָך דאַרפן עפּעס אויפ־קלערן, פאַרשידענע איינצלהייטן. און פּיליכט, זאָגט ער, וואָס קען נאָך בעסער זיין, איך וועל זיך נאָך אַלס דיינער אַ פּעטער פאַרשרייבן. איך וועל דיך נאָך מאַכן פאַר אַ גענעראַלישער פּלימיעניצע. און איך וועל דיך לאָזן שטודירן אין אַ הויך־שול, אין אַ וואָסערער דו וועסט וועלן. איך שווער ביי גאָט, אַז דאָס איז אמת. אַזעלכע פריילעכע שפּאַסן.

אין דער צייט, איז אויף דער לאַנקע אַרויפגעפאָרן אַ לאַנגער, ליידיקער וואָגן מיט הויכע זייטן־ווענטלעך, וואָס נוצט אין פּוילן און אין מערב־רוסלאַנד צו פירן סנאָפּעס. די צוויי פערד געשפּאַנט מיט אַ דישעל אינמיטן, האָט אָנגעטריבן אַ מיליטערמאַן, אַ „פורלייט" לויט דער אַלטער טערמינאָלאָגיע (פורמאַן־לייטענאַנט), אַ סאָלדאַט פון דעם פערד־אַבאָז. ער איז אַרויפגעפאָרן אויף דער לאַנקע, אַראָפּגעשפּרונגען פון פאָדערשטן זיץ־פּלאַץ און האָט גענומען אויסשפּאַנען די פערד. אַלע, אויסער טאַטיאַנאַן און עטלעכע סאָלדאַטן, האָבן אַרומגערינגלט דעם פורמאַן, בעטנדיק אים, ער זאָל נישט אויסשפּאַנען און פירן זיי, וווהין זיי ווילן אַנווייזן, נישט אומזיסט, פאַרשטייט־זיך. דער סאָלדאַט האָט זיי אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט קיין רעכט נישט געהאַט צו שאַפן־זיך מיט די פערד און וואָגן און ער האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפן די באַקומענע אָנווייזונגען. ער האָט ערגעץ אַוועקגעפירט די אויסגעשפּאַנטע פערד און ער האָט זיך מער נישט געוויזן. אַלע זיצנדיקע אויף דער ערד האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דעם פּוסטן איבערגעלאָזענעם וואָגן. טאַטיאַנאַס דער־ציילונגען, וואָס זענען איבערגעריסן־געוואָרן מיטן אָנקומען פון דעם וואָגן, האָבן זיך ווידער באַנייט.

— וואָס האָסטו דערציילט דעם גענעראַל — האָט גאָרדאָן גע־פרעגט — אויב דו קענסט, חזר עס אונדז איבער.

— נו, וואָס. מען קען איבערחזרן.

און זי האָט זיי דערציילט איר שרעקלעכע געשיכטע.

4

— און איך האָב אינדערראַמתן, וואָס צו דערציילן. נישט פון קיין פּראָסטע לייט שטאַם איך, ווי מען דערציילט. צי דאָס האָבן מיר פּרעמדע דערציילט, צי איך האָב דאָס אַליין אין מיין האַרצן אָפּגעהיטן, נאָר גע־הערט האָב איך, אַז מיין מאַמעלע זאָל האָבן געווען זיין ראַיסאַ קאַמאַ־ראָוואַ, די פרוי פון רוסישן מיניסטער וואָס באַהאַלט זיך אויס אין דעם ווייסן מאָנגאָליע, דעם חבר קאָמאַראָוו. נישט מיינער קיין פאָטער, קיין לייבלעכער, איז ער געווען, דאַרף מען אָננעמען, דער דאָזיקער אייגענער קאָמאַראָוו. נו, פאַרשטייט־זיך, איך בין אַ מיידל אַ נישט־געלערנטע, אָן אַ פאָטער, אָן אַ מוטער, געוואָקסן אַ יתומה. אייך וועט אפשר אויסקומען קאָמיש, וואָס איך דערצייל אייך, נאָר איך דערצייל דאָס, וואָס איך ווייס. מען דאַרף אַריינגיין אין מיין לאַגע.

יאָ. איז, הייסט עס, געווען דאָס אַלץ, וואָס איך דערצייל אייך ווייטער, דאָס איז געווען הינטער קרושיצי, אויפן אַנדערן עק סיביר, אין יענער זייט קאַזאַכן־לאַנד, נאָענט פון דער כינעזישער גרענעץ, ווען מיר האָבן גענומען, דאָס הייסט: אונדזערע רויטע, זיך דערנענטערן צו זייער ווייסער הויפּט־שטאָט. דער זעלביקער קאָמאַראָוו, דער מיניסטער, האָט אַריינגעזעצט מיין מאַמעלען מיט דער גאַנצער משפחה זייערער, אין אַ ספּעציעלן צוג, אָן אָפיציעלן, און ער האָט באַפוילן זיי אַוועקצופירן, ווייל די מאַמעלע איז געווען אַן איבערגעשראָקענע און זי האָט מורא געהאַט אַליין, אָן אים, אַ טריט צו מאַכן.

און וועגן מיר זהאָט ער אפילו נישט געוווסט, קאָמאַראָוו. נישט געוווסט, אַז איך, אַזעלכע בין דאָ אויף דער וועלט. דאָס מאַמעלע האָט מיך באַשאַפן אויף דער וועלט, ווען זי איז אָפּגעפאָרן אויף אַ לענגערע צייט און זי פלעגט שטאַרבן אַ טויטע פון שרעק, טאָמער וועט אים עמיצער וועגן דעם אַ וואָרט אַרויספּלאַפּלען. ער האָט עס שרעקלעך נישט ליב געהאַט, אַז קינדער זאָלן זיין, און ער האָט געשריען און געטופּעט מיט די פיס, אַז דאָס איז נאָר שמוץ אין שטוב און באומרויקונג. „איך, — האָט ער געשריען — קען דאָס נישט פאַרטראָגן!"

נו, איז אָט, הייסט עס, ווען עס האָבן גענומען אונטערקומען די רויטע, האָט די מאַמע געשיקט נאָך דער וועכטערין מאַרפאַ, אויף דער סטאַציעלע נאַגאָרנאַיאַ, אַ דריי סטאַציעס פון יענער שטאָט. באַלד וועל איך אויפקלערן. צומערשט איז די סטאַציע ניזאָוואַיאַ, נאָכדעם — דער ראַזיעזד נאַגאָרנאַיאַ, נאָכדעם — סאַמסאָנאָווסקי פּערעוואַל. איך פאַרשטיי איצטער, פון וואַנען דאָס מאַמעלע האָט געקענט דער וועכטערין. איך

טראַכט, אַז די וועכטערין מאַרפאַ האָט געהאַנדלט אין שטאָט מיט גרינ־וואַרג, זי האָט מילך געפירט. יאָ.

און אָט, זאָגן וועל איך אייך. ווי עס זעט־אויס, איז דאָ עפּעס פאַראַן, וואָס איך ווייס נישט. איך מיין, אַז מען האָט מיין מאַמעלען אָפּ־געגנאַרט און נישט געזאָגט דאָס, וואָס מען האָט געמיינט. מען האָט זיך אונטערגעשריבן, גאָט ווייסט וואָס, מכלומרשט אויף אַ געוויסער צייט, אויף עטלעכע טעג, ביז די סומאַטאָכע וועט זיך באַרויקן. און נישט, אַז מען זאָל אין פרעמדע הענט, אויף תמיד. אויף תמיד צום דערציען. עס וואָלט נישט געקענט דאָס מאַמעלע אַזוי אָפּגעבן אַ לייבלעך־אייגן קינד.

— נו, די זאַכן זענען באַקאַנט, מיט קינדער באַגייט מען זיך אַזוי: גיי־צו צו דער מומע, די מומע וועט געבן אַ קיכעלע, די מומע איז אַ גוטע. האָב נישט קיין מורא פאַר דער מומע. און ווי איך האָב זיך דאָס שפּעטער אין טרערן געבאָדן און וואָס פאַר אַ צער עס איז אין דעם קינדערשן הערצל פאַרגעקומען, וועגן דעם איז בעסער נישט צו דערמאָנען. אויפ־הענגען־זיך האָב איך געוואָלט. איך בין שיעור קינדוויז פון זינען אַראָפּ. איך בין דאָך נאָך אַ פּיצלס געווען. מען האָט אוודאי געלט געגעבן דער מומע מאַרפאַ פאַרן דערנערן מיך, אַ סאַך געלט.

דער הויף, ביי דעם באַן־פּאָסטן, איז געווען אַ פאַרמעגלעכער. אַ בהמה, אַ פערד און געפליגל, פאַרשטייט־זיך, איז דאָרט געווען פאַר־שידן. און פאַר אַ גאָרטן איז, אין דעם אָפּגעפּרעמדטן געביט, געווען ערד וויפל דיין האַרץ גלוסט. און אַ דירה, פאַרשטייט־זיך, אַ געשענקטע פאַר דער וועכטערין, אַ מלוכהשע, ביי דער סאַמע באַן־ליניע. פון די היימישע ערטער אין דער נידער, האָט זיך דער צוג קוים־קוים אַרויפבאַקומען, אַרויפהויבנדיק־זיך מיט כוח. און פון אייך, פון רוסלאַנד, האָט ער זיך אייליק פאַרנאַנדערגעיאָגט. מען האָט געדאַרפט טאַרמאַזירן. האַרבסט־צייט, פלעגט מען אונטן, ווען דער וואַלד פלעגט ווערן שיטערער, אַדורכ־זען די סטאַציע נאַגאַרנאַיאַ, אַזוי ווי אויף אַ טעלערל.

דעם סאַמע פעטערל וואַסיליען, האָב איך, אויפן פויערשן אופן „פאַטערל" גערופן. אַ מענטש איז ער געווען אַ פריילעכער און גוטער, נאָר אַ צופיל פאַרטרויענדיקער און אַז ער פלעגט זיך אָנשיכורן, פלעגט ער אויפהויבן וועגן זיך אַזאַ טומל, ווי מען זאָגט עס, ווי אַ ווילדער חזיר. און ער האָט געחזירט איבער דער גאַנצער שטאָט ער פלעגט זיך פון גאַנצן האַרצן אַראָפּפלוידערן פאַרן ערשטן־בעסטן דורכגייער.

און דער וועכטערין, האָט זיך ביי מיר די צונג נישט געלייגט, צו רופן זי מאַמקאַ. צי דערפאַר, ווייל איך האָב מיין מאַמעלען פאַרגעסן נישט געקענט, צי נאָך פאַר עפּעס. נו, איז דאָך געווען די דאָזיקע מומע

אַזאַ שרעקלעכע. יאָ. איך האָב זי, הייסט עס, דער וועכטערין, גערופן מומע מאַרפּושאַ.

נו, און די צייט איז געגאַנגען. יאָרן זענען אַריבער. און וויפל יאָרן, געדענק איך נישט. מיט דער אייזנבאַן־פּאַן האָב איך שוין דאַן גענומען צום צוג אַרויסלויפן. שפּאַנען דאָס פערד אָדער אומגיין־זיך מיט דער בהמה, איז שוין פאַר מיר נישט געווען קיין נייעס. וועש וואַשן האָט מיך די מומע מאַרפאַ געלערנט און וועגן רוימען די שטוב, איז שוין נישטאָ וואָס צו רעדן. קערן, רוימען, אָדער עפּעס אָפּקאָכן, אַ טייג פאַר־קנעטן, דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גאָרנישט. איך האָב דאָס אַלץ געקענט. יאָ, איך האָב פאַרגעסן צו דערציילן: פּיעטיענקאָן האָב איך געניאַנטשעט. פּיעטיענקאָ איז ביי אונדז געווען, איינגעדאַרטע פּיסלעך האָט ער געהאַט. דריי יאָרעלעך איז ער געלעגן, נישט אַרומגעגאַנגען, האָב איך פּיעטיענקאָן געניאַנטשעט. און אָט, וויפל יאָרן זענען אַריבער, לויפן נאָך אַלץ מוראַש־קעס איבער מיין לייב, פון דער מומע מאַרפאַס קרומען קוקן אויף מיינע געזונטע פיס. פאַרוואָס זיי זענען נישט איינגעדאַרט, אַז בעסער זאָלן מיינע זיין איינגעדאַרט איידער פּיעטיענקאָס. ווי איך וואָלט עס אַן עין־הרע געגעבן און קאַליע־געמאַכט פּיעטיענקאָן. טוט נאָר אַ טראַכט, וואָס פאַר אַ רשעות און פינסטערניש עס איז נאָך פאַראַן אויף דער וועלט.

און איצט, הערט נאָך די דאָזיקע, ווי מען זאָגט עס, בלימעלעך, וואָס איך וועל אייך ווייטער דערציילן. איר וועט פּשוט שטויגנען.

— דער נעפּ איז דאַן געווען. דאַן האָבן טויזנט רובל געהאַט די ווערט פון קאָפּיקעס. האָט וואַסילי אַפאַנאַסיעוויטש פאַרקויפט דאָרט אונטן זיין בהמה, האָט אָנגעשטאָפּט צוויי זעק מיט געלט. — קערענסקעס האָט מען עס גערופן, אַנטשולדיקט, ניין, — לימאָנעס, לימאָנעס האָט מען דאָס געלט גערופן. — ער האָט זיך אָנגעטרונקען און איז אַוועק איבער גאַנץ נאָגאָרנאַיאַ צעקליינגען וועגן זיין פאַרמעגן.

איך געדענק, אַ ווינטיקער האַרבסט־טאָג איז עס געווען. דער ווינט האָט דעם דאַך געריסן און פון די פיס געשליידערט. די לאָקאָמאָ־טיוון האָבן נישט געקענט שלעפּן באַרג־אַרויף. דער ווינט האָט זיי אָנט־קעגן צוריקגעשטויסן. זע איך, עס גייט פון אויבן אַן אַלטיטשקע וואָג־לערין. דער ווינט רייסט פון איר דאָס קליידל, דאָס טיכל.

גייט די וואָגלערין, קרעכצט, כאַפּט־זיך פאַרן בויך. זי האָט זיך אַריינגעבעטן אין שטוב אַריין. מען האָט זי אַוועקגעלייגט אויף אַ באַנק. — אוי! — שרייט זי — איך וועל עס נישט אויסהאַלטן. דער בויך האָט געכאַפּט, מיין טויט איז געקומען. און זי בעט זיך, באַשווערט ביי כריסטוסן; פירט מיך אָפּ אין שפּיטאָל אַריין, איך וועל באַצאָלן, איך

װעל קײן געלט נישט זשאַלעװען. האָט דאָס פֿעטערל אײנגעשפּאַנט, אַרױפֿגעלײגט דער אַלטער אױפֿן װאָגן און אָפּגעפֿירט אין דעם געגנט־שפּיטאָל, װאָס איז פֿון אונדז, פֿון דער אײזנבאַן־ליניע, אין דער זײט, אַרום אַ פֿופֿצן װיאָרסט.

קורץ און גוט, לײגן מיר זיך שלאָפֿן, איך און די מומע מאַרפֿאַ. הערן מיר, דאָס פֿערד הירזשעט הינטערן פֿענצטער. אין הויף פֿאָרט אַרײן אונדזער װאָגן. עפּעס איז דאָס צו־פֿרי. נו, האָט די מומע מאַרפֿושאַ פֿײַער צעבלאָזן, אַ קאָפּטל אַרױפֿגעװאָרפֿן אױף זיך, נישט געװאַרט ביז דאָס פֿעטערל װעט אין דער טיר אַנקלאַפּן און אַלײן אַראָפּגענומען דאָס קײטל.

אױפֿגעקײַטלט, און אױף דער שװעל איז נישט קײן שום פֿעטערל, נאָר אַ פֿרעמדער פּויער, אַ שװאַרצער און אַ שרעקלעכער און ער זאָגט: „װײַז, װוּ איז דאָס געלט פֿאַר דער בהמה. איך האָב — זאָגט ער — דײַן מאַן אין װאַלד געשאָכטן און דיך, אַ פֿרוי, װעל איך שױנען, אױב דו װעסט זאָגן, װוּ דאָס געלט איז. און אױב דו װעסט נישט זאָגן, פֿאַרשטײסטו אַלײן, זײַ נישט ברוגז. עס איז בעסער נישט צו מאַכן מיט מיר קײן לאַנגע שהיות. איך האָב נישט קײן צײַט, זיך מיט דיר דאָ צו צערעמאַניען.

אױ, אָבות הײליקע, חברים טײַערע, װאָס מיט אונדז האָט זיך געטון, גײט אַרײַן אין אונדזער לאַגע! מיר ציטערן, נישט טױט און נישט לעבעדיק. די צונג איז פֿון שרעק געלײמט געװאָרן. װאָס פֿאַר אַ פּחד! די ערשטע זאַך, װאָסילי אַפֿאַנאַסיעװיטש איז אַ דערהרגעטער, זאָגט ער אַלײן, מיט אַ האַק האָט ער אים דערהרגעט. און צװײטנס, אַ שרעק, מיר זענען אַלײן מיט אַ רוצח אין װעכטער־שטיבל. דער גזלן איז אין שטוב בײַ אונדז. אַ קלאָרע זאַך: אַ גזלן.

דאָ, װאַרשײַנלעך, איז די מומע מאַרפֿאַ אױסגעבליקלעך פֿון זינען אַראָפּ. דאָס האַרץ איז צעריסן־געװאָרן װעגן דעם מאַן אירן. און מען מוז זיך האַלטן. מען טאָר זיך נישט אױסגעבן פֿאַר אים.

די מומע מאַרפֿושאַ האָט זיך אים קודם צו די פֿיס געװאָרפֿן. האָב רחמנות, זאָגט זי, דערהרגע נישט. איך װײס פֿון גאָרנישט. איך הױב נישט אָן צו װיסן װעגן דײַנע געלט, װעגן װאָס דו רעדסט דאָרט. איך הער עס ערשטן צום ערשטן מאָל. נו, צי דען איז ער אַזױ פֿראָסט, דער אכזר, אַז מען זאָל זיך פֿון אים אַרױסדרײען מיט רײד? און פּלוצלונג איז איר אַ געדאַנק געקומען אין קאָפּ אַרײַן, װי אַזױ אים איבערצוכיטרעװען. „מילא, גוט, זאָגט זי, זאָל זײַן װי דו װילסט. אונטער דער פּאָדלאָגע, זאָגט זי, איז דאָס אָפּגעלײזט געלט. אָט װעל איך דאָס טירל אױפֿהױבן און קריך, זאָגט זי, אַרונטער אונטער דער פּאָדלאָגע. און ער, דער

טייוול, זעט איר כיטרעקייט דורך־און־דורך. זאָגט ער, דו, באַלעבאָסטע, בייזט פלינקער. קריך, זאָגט ער, אַליין. ווילסט, קריך אונטער דער פּאָד־לאָגע, ווילסט, קריך אויפן דאַך, נאָר דאָס געלט זאָל מיר זיין. נאָר, זאָגט ער, זאָלסט געדענקען, מיך נאָר נישט אָפּ, מיט מיר זענען בלוטיקע שפּאָסן.

און זי זאָגט צו אים: „נו, גאָט איז מיט דיר. פאַרוואָס צוויי־פלסטו? איך וואָלט מיט פאַרגעניגן אַליין אַראָפּגעקראָכן, נאָר איך קען דאָס נישט. איך וועל דיר בעסער, זאָגט זי, פון דעם אויבערשטן טרעפּל אַראָפּלייכטן. דו האָב קיין מורא נישט. איך וועל, פאַר דיין זיכערקייט וועגן, צוזאַמען מיט דיר, די טאָכטער אַראָפּ מיטשיקן. דאָס האָט זי מיך געמיינט.

אוי, פאָטערלעך, טייערע חברימלעך, אַליין טוט אַ קלער, וואָס מיט מיר האָט זיך געטון, ווען איך האָב דאָס געהערט! נו, קלער איך, אַ סוף! אין די אויגן איז מיר פינסטער געוואָרן, איך פיל, אַז איך פאַל. די פיס ברעכן זיך מיר אונטער.

און דער גזלן ווידער איז קיין נאָר נישט, ער האָט אויף אונדז ביידן אַ קרומען קוק געטון, זיך איינגעקוקט אין אונדז און ער האָט זיך צעלאַכט מיטן גאַנצן קרומען מויל. דו שפּאַסט אוודאי. וועסט מיך נישט אונטערפירן. ער זעט דאָך, אַז זי האָט נישט קיין רחמנות אויף מיר, הייסט עס, נישט קיין לייבלעכע קרובה, פרעמד בלוט. און ער טוט אַ כאַפּ פּיעטיענקאָן אויף דער האַנט, און מיט דער צווייטער גיט ער אַ נעם־אָן דעם רינג, עפנט דאָס קעלער־טירל. „לייכט!" — זאָגט ער. און, מיט פּיעטיענקאָן צוזאַמען לאָזט ער זיך אַראָפּ איבערן לייטערל, אונטער דער ערד.

אוי אָט, קלער איך, אַז די מומע מאַרפושאַ איז שוין דאַן געוועזן פון זינען געריכט, זי האָט שוין גאַרנישט פאַרשטאַנען. זי איז שוין דאַן געוועזן צערודערט אויפן שכל. ווי נאָר דער רוצח איז מיט פּיעטיענקאָן אונטער דער פּאָדלאָגע אַרונטער, האָט זי געגעבן אַ טראַסק־צו דאָס טירל, צוריק אין דער ראָם אַריין און פאַרשלאָסן. און אַ שווערן קופערט שטופּט זי אויפן טירל אַרויף און ווינקט צו מיר, איך זאָל העלפן, זי קען נישט אַליין, עס איז שווער. אַרויפגעשטופּט און אַליין אויפן קופערט זיך געזעצט.

פון אינווייניק שרייט צו איר דער גזלן אַרויס, קלאַפּט פון אונטן אין דער פּאָדלאָגע. סטוק־סטוק. דאָס הייסט, לאָז בעסער אַרויס מיט גוטן, אַז נישט וועל איך באַלד דיין פּיעטיענקאָן פאַרענדיקן. די ווערטער זיינע הערט מען נישט דורך די דיקע פּאָדלאָגע־ברעטער, נאָר צי גייט עס אין ווערטער? ער האָט אויפן קול, ערגער ווי אַ ווילדע

וואַלד־חיה געװעסט, אַ שרעק אַנגעוואָרפן. און ער שרייט: באַלד וועט צו דיין פּיעטיענקאַן נעמען אַ סוף! און זי פאַרשטייט גאָרנישט. זיצט און לאַכט און ווינקט צו מיר: רעד מיר צום לאָמפּ. איך זיץ מיר אויפן קופערט און האַלט מיר דעם שליסל אין דער פויסט. איך רעד צו דער מומע מארפושא אַזוי און אַזוי. אין אויער אַריין שריי איך איר, פון דעם קופערט שטויס איך זי, וויל אַראָפּשטויסן. מען דאַרף דעם קעלער עפענען, פּיעטיענקאַן אויסלייזן. נאָר איך קען זיך מיט איר קיין עצה נישט געבן איז וואָס, אַז איך וועל פון קופערט אַראָפּקריכן? נו, שטייט ער אונטער דער פּאַדלאָגע, קלאַפּט. די צייט גייט דערוויל. און זי דרייט מיט די אויגן פון קופערט־אַראָפּ און הערט נישט.

אין אַ צייט אַרום, אוי, טאַטעניו, אוי, פּאַטערל! וואָס איך האָב זיך אַלץ אין מיין לעבן אָנגעזען, זיך אָנגעליטן, — אַזאַ גרויל וועל איך נישט פאַרגעסן. אַז איך וועל אַן אייביקייט לעבן, וועל איך אַן אייביקייט הערן פּיעטיענקאַס רחמנותדיק שטימעלע. ער האָט אויפגעשריען, געקרעכצט פון אונטער דער ערד, פּיעטיענקאָ, מלאַכיש נשמהלע, — ער האָט אים דאָך צעביסן אויף טויט, דער פאַרשאָלטענער.

נו, וואָס זאָל איך, טראַכט איך מיר, וואָס זאָל איך טון? וואָס זאָל איך טון מיט אַ האַלב־משוגענער זקנה און מיט דעם גזלן דעם רוצח? און די צייט גייט דאָך. ווי איך האָב דאָס נאָר אַ קלער געטון, הער איך, ווי דאָס פּערדל הירזשעט הינטערן פענצטער. אַ נישט־אויסגעשפּאַנטער שטייט ער דאָך דאָרט די גאַנצע צייט. יאָ, איז האָט ער זיך צעהירזשעט, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: שנעלער, טאַניושאַ, לאָמיר צו גוטע מענטשן אַ פּאָר טון, הילף לאָמיר רופן. און איך גיב אַ קוק, עס גרויט שוין אויף טאָג. זאָל זיין, ווי דו ווילסט, פּערדעלע, טראַכט איך מיר. אַ דאַנק, האָסט מיך געגעבן שכל. דו ביזט גערעכט, לאָמיר אַ פּאָר־טון. און ווי נאָר איך האָב עס אַ טראַכט־געטון, האָב איך פּלוצלונג דערהערט, ווי עמיץ וואָלט מיך ווידער פון וואַלד נאָכגעשריען: „וואַרט, אייל זיך נישט, טאַניושאַ, מיר וועלן די זאַך גאַנץ אַנדערש איבערלייגן". און ווידער בין איך אין וואַלד נישט אַליין. פּונקט אַזוי ווי אַ האָן וואָלט היימיש אַ קריי־געטון, האָט דער באַקאַנטער לאָקאָמאָטיוו מיך פון אונטן מיט אַ פייף אַ רוף געטון. איך האָב דעם לאָקאָמאָטיוו לויט זיין פייפן געקענט. אין נאַגאָרנאַיאַ איז ער תמיד אונטער פּאַרע געשטאַנען, דער שטויסער האָט מען אים גערופן. די לאַסט־צוגן באַרג־אַרויף פּלעגט ער אונטערשטופּן. און דאָ איז אַ געמישטער צוג געגאַנגען. יעדע נאַכט איז ער דאָ פאַרבייגעגאַנגען. הער איך, הייסט עס, אַז פון אונטען רופט מיך דער באַקאַנטער לאָקאָמאָטיוו. איך הער, און ביי מיר אַליין שפּרינגט דאָס האַרץ. צי דען, טראַכט איך

מיר, בין איך צוזאַמען מיט דער מומע מאַרפושאַ נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען. וואָס טוט זיך עס מיט מיר פאַר אַ זאַכן, אַז אַ שטום־צונגיקע מאַשין זאָל צו מיר מיט אַ קלאָרער רוסישער שפּראַך רעדן?

— נו, ווען זאָל איך זיך דאָ אַוועקשטעלן קלערן? דער צוג איז דאָך שוין נאָענט און צום טראַכטן, איז קיין צייט נישטאָ. איך האָב געכאַפּט די לאַמטערנע. עס האָט דאָך ערשט נישט לאַנג אָנגעהויבן צו העלן אויף טאָג, און ווי אַן אָפּגעבריטע, לויף איך צו די שינעס, אין סאַמע מיטן די שינעס שטעל איך זיך אַוועק, שטיי צווישן די שינעס און וויג די לאַמ־טערנע הין־און־צוריק.

נו, וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן. איך האָב אָפּגעשטעלט דעם צוג. ער איז אַ דאַנק דעם ווינט, שטיל־שטיל, נו, פּשוט געזאָגט, מיט אַ שטילן טראָט איז ער געגאַנגען. האָב איך אָפּגעשטעלט דעם צוג. דער באַקאַנטער מאַשיניסט האָט זיך פון זייןביידל־פענצטערל אַרויסגערוקט, פרעגט עפּעס, מען הערט נישט, וואָס ער פרעגט. אַ ווינט. איך שריי צום מאַשיניסט: אַן איבערפאַל אויף דעם אייזנבאַן־פּאָסטן! אַ מאַרד און אַ רויבעריי! דער מערדער איז אין שטוב! נעמט זיך אָן, חבר פעטערל! עס פאָדערט־זיך אַן אייליקע הילף! און ווי איך רעד מיט אים, שפּרינגען־אַראָפּ פון די פראַכט־וואַגאָנען רויט־אַרמייער, איינער נאָכן אַנדערן. דאָס איז געווען אַ מיליטערישער צוג. יאָ, איז שפּרינגען אַראָפּ די רויטאַרמייער אויפן אייזנבאַן־וואַל און זיי זאָגן: „אין וואָס גייט דאָ?” זיי וווּנדערן־זיך, וואָס פאַר אַ סיבה קען דאָ זיין, אָפּצוהאַלטן אַ צוג אין וואַלד, ביינאַכט, ווען ער גייט באַרג־אַרויף?

זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן אַלץ, אַרויסגעשלעפּט דעם גזלן פון קעלער. ער האָט נאָך דינער ווי מיט פּיעטיענקאָס דין שטימעלע גע־פּישטשעט: האָט רחמנות, זאָגט ער, גוטע מענטשן, דערהרגעט מיך נישט. איך וועל שוין נישט מער. מען האָט אים אַרויסגעשלעפּט אויף די באַן־שוועלן, הענט און פיס צו די שינעס צוגעבונדן און, איבער דעם לעבע־דיקן, דעם צוג אַריבערגעפירט. אַ זעלבסטגעריכט האָבן זיי איבער אים געמאַכט.

איך האָב זיך שוין אַהיים, נאָך מיין אָנטון, נישט אומגעקערט. אַזוי שרעקלעך איז דאָס געווען. איך האָב זיך געבעטן, נעמט מיך, פעטער־לעך, אויפן צוג אַרויף. האָבן זיי מיך אַרויפגענומען אויפן צוג און אַוועק־געפירט. איך בין נאָכדעם, נישט צו זאָגן קיין ליגן, אַ האַלבע ערד, פרעמ־דע און אייגענע, אויסגעפאָרן, מיט הפקרדיקע קינדער. ווו בין איך אַלץ נישט געווען? וואָס פאַר אַ רחבותדיקייט, וואָס פאַר אַ גליק איך האָב דערקענט נאָך די צרות פון מיין קינדהייט!

אמת, אויך נויטן אַ סאַך און אַ סאַך זינד. יאָ, אָבער דאָס אַלץ איז שוין געווען שפּעטער. דאָס וועל איך אייך שוין אַן אַנדערשמאָל דערציילן.

און דאַן זענען פון צוג אַראָפּגעקומען די אייזנבאַן־בעאַמטע, אין דעם וואַד־שטיבל אַריין. זיי האָבן דאָס מלוכיש פאַרמעגן איבערגענומען און וועגן דער מומע מאַרפאַ באַפוילן, איר לעבן איינצואָרדענען. מען זאָגט, אַז זי איז נאָכדעם אין אַ משוגעים־הויז, נישט ביים זינען, געשטאָרבן. און אַנדערע האָבן דערציילט, אַז זי האָט זיך פאַרבעסערט און איז אַרויס פון דאָרט.

לאַנג־לאַנג, נאָך דעם ווי זיי האָבן דאָס געהערט, האָבן גאָרדאָן און דודאָראָוו שווייגנדיק אַרומגעשפּרייזט איבער דער לאָנקע. נאָכדעם איז אָנגעקומען די לאָסט־מאַשין, וואָס האָט זיך שווער און האַמעטנע פאַרקי־רעוועט פון וועג אַראָפּ, צו דער לאָנקע. אויף דער לאָסט־מאַשין האָט מען גענומען אַרויפלאָדן די קאַסטנס. גאָרדאָן האָט זיך אָנגערופן:

— האָסט פאַרשטאַנען, ווער דאָס איז, די וועש־לייטערין טאַניאַ?

— אָ, זיכער.

— יעווגראַף וועט שוין זאָרגן פאַר איר.

שווייגנדיק אַ ביסל, האָט ער נאָכדעם צוגעגעבן:

— אַזוי האָט שוין עטלעכע מאָל געטראָפן אין דער געשיכטע. וואָס עס איז אידעאַל פאַרטראַכט געוואָרן, דערהויבן־געוואָרן, — איז פאַר־גרעבט־געוואָרן אין דער ווירקלעכקייט. אַזוי איז גריכנלאַנד געוואָרן רוים, אַזוי איז די רוסישע השכלה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער רוסישער רעוואָלוציע. נעם אַ שטייגער בלאָק׳ס פּסוק: „מיר, קינדער פון רוסלאַנדס שרעקלעכע יאָרן״, און וועסט באַלד דערזען דעם אונטערשיד פון די עפּאָ־כעס. ווען בלאָק האָט דאָס געזאָגט, האָט מען דאָס געדאַרפט פאַרשטיין אין זין פון אַ פּערזאָניפיצירטן משל. און די קינדער זענען נישט געווען קיין קינדער, נאָר זין, די קינדער — די אינטעליגענץ. און די שרעקן זענען נישט געווען שרעקלעך, נאָר הימלישע, וויזיאָנערע. און דאָס זענען באַזונדערע זאַכן. און איצט איז אַלדאָס משלדיקע געוואָרן די בוכשטעב־לעכע ווירקלעכקייט. און די קינדער זענען קינדער און די שרעקן זענען שרעקלעכע. אָט, אין וואָס עס באַשטייט דער אונטערשיד.

5

עס זענען אַריבער פינף אָדער צען יאָר. און איינמאָל, אין אַ שטילן, זומערדיקן פאַרנאַכט, זענען זיי ווידער געזעסן, גאָרדאָן און דודאָ־ראָוו, ערגעץ הויך, ביי אַן אָפענעם פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו

דער אומענדלעכער, אוונטיקער מאָסקווע. זיי האָבן איבערגעבלעטערט דעם, דורך יעווגראַפן צוזאַמענגעשטעלטן, העפט מיט יוריס שריפטן, וואָס זיי האָבן שוין נישט איינמאָל געהאַט געלייענט און וואָס אַ העלפט האָבן זיי שוין געקענט אויסנווייניק. די לייענענדיקע האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט באַמערקונגען און זיי האָבן זיך פאַרטיפט אין מחשבות. ווען זיי האָבן גע־האַלטן אינמיטן לייענען, איז טונקל געוואָרן, עס איז זיי געוואָרן שווער צו זען די געדרוקטע שריפט. עס איז אויסגעקומען אָנצוצינדן אַ לאָמפּ.

און מאָסקווע אונטן און אין דער ווייט, די היים־שטאָט פון דעם אויטאָר און פון אַ העלפט פון אַלץ, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, — די מאָסקווע האָט זיך זיי אַצינד אויסגעוויזן נישט אַלס אָרט פון די דאָזיקע געשעענישן, נאָר אַלס די העלדין פון אַ גרויסער דערציילונג, וואָס זיי זענען שוין צוגעקומען צו איר סוף, מיטן העפט אין די הענט, אין דעם דאָזיקן אָוונט.

כאָטש די אויסלייטערונג און די באַפרייונג, וואָס זיי האָבן דערוואַרט נאָך דער מלחמה, זענען נישט געקומען צוזאַמען מיטן נצחון, ווי זיי האָבן געטראַכט, נאָר אַלץ איינס. האָט זיך די פרייהייטס־בשורה געטראָגן אין דער לופט, אין די אַלע נאָך־מלחמהדיקע יאָרן, פאַרשטעלנדיק מיט זיך זייער איינציקן היסטאָרישן אינהאַלט.

די געעלטערטע פריינט ביים פענצטער האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע נשמה־פרייהייט איז געקומען, אַז טאָקע אין דעם דאָזיקן אָוונט האָט זיך די צוקונפט ממשותדיק צעלייגט אונטן, אויף די גאַסן, אַז זיי אַליין זענען אַריינגעטראָטן אין דער דאָזיקער צוקונפט און פון איצט־אָן געפינען זיי זיך אין איר.

אַ גליקלעכע, אַ שלווהדיקע רויקייט פאַרן גורל פון דער דאָזיקער הייליקער שטאָט, פאַר דער גאַנצער ערד און פאַרן גורל פון די אַלע באַטייליקטע אין דער געשיכטע און זייערע קינדער, וואָס האָבן דערלעבט ביז צו דעם דאָזיקן אָוונט, איז אַדורכגעדרונגען זייערע הערצער און זיי זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַן אומהערבאַרער מוזיק פון גליק, וואָס צעגיסט־זיך וויט אַרום.

און דאָס ביכעלע אין זייערע הענט, ווי עס וואָלט דאָס אַלץ געוווסט, האָט געגעבן זייערע געפילן אַן אָנשפּאַר און אַ באַשטעטיקונג.

ביז איצט דערשינען אין אונזער פארלאג:

אנא פראנק, טאָגבוך פון אַ מיידל

שלמה פראנק, טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ

אין צוגרייטונג:

די אומגעוויינלעכע לעבנס־געשיכטע פון:

דוד בן־גוריון

אָנגעשריבן דורכן באַוווסטן אַמעריקאַנער שרייבער און ביאָגראַף:

ראָבערט סאַן דזשאָן

אן אויסשעפּלעכע ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן ייד:

פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן

לויט אויטענטישע אַרכיוו־מקורות פון ווייצמאַן־אינסטיטוט אין רחובות

פון שמואל שיחור

פאַרלאַג „מנורה" תל־אביב, רחוב זנגביל 24